STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06483

OYF DI VEGN FUN KIYEM

A. Golomb

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אבראהם גאָלאָמב

אויף די וועגן פון קיום

(עסייען)

●

אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט
בוענאָס איירעס
1959

A. GOLOMB

OF DI VEGN FON KIOM

(ENSAYOS)

Copyright by

A. GOLOMB

Buenos Aires

IMPRESO EN LA ARGENTINA

Hecho el depósito que marca la Ley

Buenos Aires, 1959.

א. גאָלאָמב בוך־קאָמיטעט:

אלימלך גוטקין — פּאָרזיצער

חיים לעווין — מיטפּאָרזיצער

ישראל האָניק — מיטפּאָרזיצער

גרשון סאַפּאָזשניקאָוו — סעקרעטאַר

משה שענדעריי — סעקרעטאַר

מאַני יונגערמאַן — קאַסירער

יעקב סטעמפּעל — קאַסירער

יוסף האָרן

יצחק יאַנאָסאָוויטש

ישעיה רוזאַל

דוד הירש

יוסף קאָרענהויזער

מרדכי יאָלים

מאיר טאָקער

פון די אַרויסגעבער

דאָס בוך וואָס מיר ברענגען דאָ פאַרן ייִדישן לייענער, איז אַרויס־געגעבן געוואָרן פון אַ גרופּע פריינד, פאַרערער און תלמידים פון אברהם גאָלאָמב, וועלכע, הגם זיי זענען אַמאָל נישט מסכים מיט די אויספירן צו וועלכע ער קומט, זענען זיי אָבער איינשטימיק אין זיין טיפן דענקען, ברייטער ערודיציע און אויפריכטיקער איבערגעבנקייט צו די גייסטי־קע אינטערעסן פון ייִדישן פאָלק, וואָס האָבן דעם כוח צו באַאיינפלוסן דעם לייענער ער זאָל זיך ערנסטער אַריינטראַכטן אין דער ייִדישער פּראָבלעמאַטיק.

אברהם גאָלאָמב איז אַ לערער באַקאַנט און געשעצט אין אַלע תפו־צות ישראל, ישראל אַריינגערעכנט. ער האָט אָנגעפירט מיט שולעס און לערער־סעמינאַרן פון ווילנע, אין דער ליטע, ביז בן־שמן, אין מדינת ישראל; פון וויניפּעג אין קאַנאַדע, ביז מעקסיקע, אין לאַטיין־אַמע־ריקע. אומעטום געזאָרגט און אָנגערעגט צו זאָרגן פאַרן ייִדישן המשך אין דער איבערצייגונג, אַז ייִדן זענען אַ פאָלק מיט אַן אייגנאַרטיקער שליחות צו זיך גופא און צו דער מענטשהייט ווי אַ גאַנצע, און וואָס באַשטייט אין דעם פּרימאַט פון גייסטיקייט איבער אַלע אַנדערע אַס־פּעקטן אין מענטשלעכן לעבן.

פון די צייטן פון תלמוד האָט זיך ביי ייִדן איינגעשטעלט דער רעס־פּעקט פאַר דעם דעת יחיד, פאַר דער מיינונג פון איינצלנעם, — אויב דער יחיד איז עס נאָר ווערט צוליב זיינע אינטעלעקטועלע און גייסטיקע אייגנשאַפטן, — ווען אַפילו די הלכה איינגעשטעלט פון דעם רוב איז נישט איינשטימיק מיט זיין מיינונג. אברהם גאָלאָמב האָט דעם מוט צו זיין קאָנסעקווענט אין זיין שיטה, כאָטש ער ווייסט, אַז זי איז נישט אין הסכם מיט פיל אָנגענומענע נאָרמען און איינגעשטעלטע מיינונגען. שטאַרק באַזאָרגט וועגן דער צוקונפט פון ייִדישן פאָלק ווי אַ טרעגער פון הויכע עטישע מידות, ווען אַפילו טיף איבערצייגט אַז דאָס פאָלק וועט געפינען דעם וועג צו זיך גופא, צו זיין אייגנאַרטיקייט און גייסטיקן מהות, הערט אברהם גאָלאָמב נישט אויף צו זאָרגן, מאָנען און דערמאָ־

נען, בעיקר מאַנען, אַ פונקציע, וואָס איז נישט אַזוי פּאָפּולער אין אונזערע צייטן און דורות.

דער קאָמיטעט האָט די דאָזיקע פּערל פון אונדזער היינטצייטיקער יידישער מחשבה, אויסגעוואָרעמטע אין אַ היים יידיש הארץ, אַריינגעשטעלט אין טאָוולען פון אַ בוך און גיט זיי איבער צו די, פאַר וועמען זיי זענען באַשטימט געוואָרן, צו די דענקנדיקע און פילנדיקע יידן, וואָס שטרעבן צו אַ פול יידיש לעבן, זענען באַזאָרגט וועגן דער צוקונפט פון אונדזער פאָלק און זענען גרייט אויסצוהערן אַן אומאָפּהענגיקע און אויפריכטיקע מיינונג.

מיר האַלטן ווי אַ באַזונדער כבוד פאַר אונדזער יידיש-אַרגענטינער ישוב, וואָס דאָס ווערק פון אברהם גאָלאָמב דערשיינט דאָ ביי אונדז. די וואָס האָבן מיטגעווירקט צום אויפטו מעגן האָבן די סאַטיספאַקציע און די פולסטע זיכערקייט, אַז זיי וועלן אויסער אַ נחת-רוח דעם פאַרדינסטפולן מחבר, אויך פאַרשאַפן גרויס תענוג די אַלע וועלכע וועלן דאָס בוך לייענען.

דער בוך-קאָמיטעט

אַריינפיר פון מחבר

פאַראַן אין גמרא אַ קללה אויף די וואָס זוכן דעם „קץ", דעם סוף. פון דער צווייטער זייט איז פאַררעכנט פאַר אַ מצווה דאָס זוכן די חשבו־נות, דאָס חשבונען און רעכענען דעם גאַנג פון די צייטן, דאָס זוכן די געזעצן פון די פּראָצעסן וואָס גייען און גייען און רייסן זיך נישט איבער.

און עס איז ריכטיק אַזוי: מיר טאָרן נישט טראַכטן פון קיין סוף פון אַ קץ, נישט גלייבן אין אַן אָפּשטעל און איבעררייס, אפילו ווען דער גאַנג איז אַזוי גלותדיק שווער. אונדזער גאַנג דורך דער געשיכטע איז אַ פּראָ־צעס, אַ דינאַמישער וועג, כמעט אַן אייביקייט, מעולם ועד עולם, און יע־דער טראַכטן און יעדער ציטערן וועגן אַן אָפּשטעל פון אָט דעם פּראָצעס, וועגן קץ איז אַן עבירה, ווייל אַ פּראָצעס וואָס שטעלט זיך אָפּ איז אַ קאַטאַסטראָפע.

ניין, נישט דעם „קץ הימין", נאָר דעם „סדר הדורות" מוזן מיר פאָרשן און זוכן. עס איז אָבער אויך נישט שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס דענ־קענדיקע און פילנדיקע יידן לעבן איבער די שרעק פאַר קץ; נישט זיי, — די צרות אונדזערע טראַכטן. מיר זענען אַן אַלט פאָלק, און ווי אַלט מיר זענען, אַזוי אַלט איז אויך דאָס קלאַפּן אין האַרצן „שמא יכלה זרעו של אברהם אבינו", און אַלט און יאָושדיק איז די תפילה „שומר ישראל, שמור שארית ישראל, ואל יאבד ישראל", פּעסימיסטיש אָבער אַזוי מענטש־לעך, פאַרשטענדלעך. און אַזוי פון די נביאים אָן, — און דאָך איז עס אַן עבירה: „גוואַלד, יידן! זייט אייך נישט מיאש!"...

אָבער מיר זענען אויך מחויב צו זוכן די געזעצן פון אונדזער אייבי־קייט־פּראָצעס, פון אונדזער גאַנג דורך דער געשיכטע, איבער אַלע וועגן פון אונדזער וואָגל און וואַנדער; מוזן מיר וויסן ווי אויסצומיידן סכנות. מיר דאַנקען גאָט פאַר די ניסים, אָבער „אין סומכין על הנס" — מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף ניסים און וואַרטן אויף זיי, אַז נישקשה, „נצח ישראל לא ישקר", מיר מוזן פאָרשן און לערנען די אייגנטימלעכע געזעצן פון אונדזער וועג, פון אונדזער גאַנג דורך צייטן און וועלטן, פון אונדזער לעבן ווי אַ פאָלק.

און איבערהויפּט איז עס אונדזער חוב אין די צייטן פון איבערגאַנג, אין אומבייט פון תקופות, „שוין נישטאָ דער נעכטן, נאָך נישטאָ דער מאָרגן" איז נישט סתם אַ לידל. חרוב ליגט די אַלטע יידישע וועלט מיט

איר איז אַוועק אין דער אייביקייט די פּרוכטיקסטע תּקופה פון אונדזער געשיכטע, דער שעפערישסטער טייל פון אונדזער פאָלק איז אויסגע־שאָכטן געוואָרן דורך דער פילאָסאָפישער בלוטדאָרשטיקייט פון אַ „קול־טור־פאָלק", אָך און וויי צו דער קולטור וואָס הערשט אין דער וועלט. דער שטייגער לעבן וואָס האָט די פּרוכטיקע שעפערישקייט אויסגעטראָגן און געבוירן איז נאָך פריִער חרוב געוואָרן, אויסגעגאַנגען. די לאַנגע און שעפערישסטע תּקופה איז געענדיקט, מיר גייען אַריין אין אַ נייער תּקופה, וואָס איר פּרצוף איז נאָך פאַר אונדז נישט קלאָר, מיר זענען אַן אַלט פאָלק אין נייע, יונגע ישובים; פון איין געדיכטן מאַסיוו, זענען מיר צע־זייט איבער אַלע וועלטן, די מחיצות צווישן אונדז און די הערשנדיקע פעלקער זענען אַלע נישטאָ מער. אויף תּמיד אָדער בלויז אויף אַ קורצער צייט — ווער קען וויסן די סורפּריזן וואָס די גוטע און קולטורעלע פעל־קער גרייטן פאַר אונדזער מאָרגן? אָבער דערוויייל, איצט זענען זיי נישטאָ; אַלע דרויסנדיקע באַריערן פאַר אַסימילאַציע און אויסידישונג זענען אַראָפּגענומען, — און די „מידקייט צו זיין אַ ייִד" איז גרויס. צעזייט און צעשפּרייט ווי קיין מאָל נישט פריִער, איבער אַלע ימים און צווישן אַלע פעלקער, — וואָס וועט אונדז פאַרבינדן? וואָס וועט אונדז צונויפהעפטן אין איין פאָלק?

האָט אונדז גאָט באַשערט מיט אַ נייער, יונגער מדינה, איז עס „חדש ימינו" און „אחרי בלותי היתה לי עדנה". האָט, אמת, אַ פאָלק וווּנדער באַ־וויזן אין איר אויפבוי און אין איר שמירה, נסים, אָבער אין סומכין על הנס! איז זי דאָך קליין און אַ שוואַך שפּעלע צווישן זיבעציק וועלף, „און מי יקום יעקב, כי קטון הוא?", האָט געציטערט נאָך דער ערשטער שריפט־נביא (עמוס). און ווער ציטערט נישט דעם אייביקן ציטער? און ווער טראָגט נישט דעם אייביקן פחד? און אַז די דרויסנדיקע מעגלעכקייטן זענען פאַרבאָרגן, איז אונדזער חוב צו זוכן די אינעווייניקסטע כוחות פון אונדזער קיום נאָך גרעסער, נאָך מער חוב. איז יעדער דענקענדיקער ייִד, יעדער אחריותדיקער ייִד מחויב צו זוכן וואָס עס שטאַרקט אונדז און וואָס, פאַרקערט, עס שוואַכט אונדז אָפּ. און ווו און אין וואָס מיר זעען אַזוינע שעדלעכע טענדענצן זענען מיר מחויב צו וואָרענען, צו פאַרהיטן און צו שרייען „לא זו הדרך!".

דאָס איז דער ציל פון די עסייען. זיי זענען געשריבן אין די לעצטע צען־עלף יאָר אין די פאַרטאָגן, אין איינזאַמע טראַכטונגען פון אַ לערער וואָס באַמיט זיך כסדר צו זען און פאָרויסצוזען ווי עס וועלן אויסזען די ווייטערדיקע דורות און וואָסערע כוחות פון קיום מיר קענען זיי איבער־געבן. און עס וואַקלט זיך דער געמיט צווישן פחד און האָפענונג...

און אפשר איז די דערשיינונג פון דעם דאָזיקן בוך געקליבענע עסייען

אויך אַ סימבאָל זיך צו לערנען פון אים: מיין פוס האָט נישט געטראָטן אויף די אַרגענטינער ערדן, איך האָב נישט געטעמט יענע לופטן, — און דאָך האָבן זיך געפונען אין יענעם ווייטן פאַר מיר לאַנד מענטשן צו אָרגאַניזירן אַ קאָמיטעט ארויסצוגעבן די זאַמלונג עסייען. דאָס איז געווען פאַר מיר זייער אַ פריידיקער סורפּריז. עפּעס איז פאַראַן ביי אונדז אַ כּוח וואָס פאַרבינדט אונדז איבער ווייטע מרחקים (אַ פריַערדיק בוך איז אַרויס אין בראַזיל). אין וואָס איז דער כּוח? — אין דעם לשון, אין די אי־ראַציאָנעלע אינהאַלטן פון לשון, אין געמיינזאַמקייט פון די געפילן פּחד און האָפענונג, און זיי קומען פון איין מקור — אין אונדזער נעכטן. גאָט ווייס צי די געמיינזאַמקייט וועט זיך איינהיטן אויך אויף מאָרגן דאַרף דאָס אויך זיין אונדזער זאָרג.

אַ טייל פון די עסייען זענען בשעתּם געווען געדרוקט אין ייִדישע זשורנאַלן איבער דער וועלט.

עס איז מסתּמא נישט גרינג פאַר אַ זייטיקן זיך פאָרצושטעלן ווי טיף דאַנקבאַר עס איז דער מחבר דעם בוך־קאָמיטעט, זיינע טוערס און איני־ציאַטאָרן פאַר דעם זכות וואָס זיי האָבן אים מזכּה געווען מפרסם צו מאַכן די געבראַכטע אידייען און טראַכטונגען פאַר די ייִדישע לייענערס. „דאגה בלב איש — ישיחנה" — עס איז גוט אַז מען קען זיך אַראָפּריידן פון הארצן פאַר נאָך ייִדן, און הלוואַי זאָלן זיך כאָטש אַ טייל לייענערס אַריינדרינגען אין די פּראָבלעמען. איך האָב נישט קיין ווערטער אויסצו־דריקן מיין דאַנקבאַרקייט דעם קאָמיטעט, ווייל דאָס געפיל איז שטאַר־קער פון אַלע ווערטער כּפל כּפליים. עס איז אויך אַ האָפענונג ביי מיר אַז אַ טייל פון מיינע פריַערדיקע איצטיקע תּלמידים וועלן זיין צווישן די לייענערס פון דעם בוך.

א. גאָלאָמב

מעקסיקע, י׳ אייר תּשי״ט.

פאָלק, פאָלקישקייט און פאָלקיזם

וואָס איז פאָלק?

זענען מיר ייִדן נאָך אַ פאָלק אין דער וועלט, אָדער מיר זענען באַזונדערע רעשטלעך? וואָס פאַרבינדט באמת די ייִדן וואָס אַסימילירן זיך אין אַמעריקע מיט די שוין אַסימילירטע ייִדן פון פראַנקרייך, צי פון איטאַליע? און וואָס וועט זיין מאָרגן־איבערמאָרגן ווען דער אַסימיליר־פּראָצעס אין פאַרשיידענע לענדער וועט אַוועק נאָך ווייטער און די בלוט־קרובהשאַפט וועט שוין לאַנג פאַרגעסן ווערן? פשוטער גערעדט: וואָס איז דער גורל פון ייִדנטום אין דער וועלט?

שוין היינט זאָגט מען וועגן דער ייִדישער ניו־יאָרק, אַז עס נישט איין גאַנצער איינהייטלעכער קיבוץ, נייערט עטלעכע טויזנט באַזונדערע קליינע שטעטלעך, וואָס האָבן נישט קיין בשותפותדיקס צווישן זיך, סיידן דאָס וואָס דער צווייטער דור פון אַלע די שטעטלעך פאַרגעסט זיין נעכטן. ווייזט זיך אַרויס אַז מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט שוין אַ קלוגער ייִד דאָס זעלביקע געזאָגט וועגן וואַרשע (י. שאַצקי, וואַרשע ב׳ 3, זייט 184).

פאַר די וואָס האַלטן אַז פעלקער זענען ראַסישע איינסן; אַז איין פאָלק שיידט זיך אונטער פון דעם צווייטן מיט זיינע ביאָלאָגיש איינגעפלאַנצטע שטריכן, איז די פראַגע קיין פראַגע נישט: די ביאָלאָגיש־געירשנטע שטריכן וואָס זענען פאַרבונדן מיט די גענען (פיזישע ירושה־פאַקטאָרן) — ענדערן זיך נישט.

אָבער די ראַסיסטישע טעאָריע איז אויסגעטראַכט פון בלוטדורשטיקע אַנטיסעמיטן. פאַר אונדז איז פאָלק אַ זאַך וואָס אַנטוויקלט אין משך פון דורות אַ געמיינזאַמען שטייגער און קולטור, ספּעציפישע כאַראַקטער־שטריכן, מנהגים און שפּראַך, — און עס ווערט אַ באַזונדער פאָלק. עס קענען זיך שאַפן אַפילו אייגנאַרטיקע פיזישע שטריכן. זיי זענען אָבער נישט פאַרבונדן מיט די ירושה־גענען נייערט מיט די השפעות פון די דרויסנדיקע באַדינגונגען. *פעלקער* און *ראַסן* זענען בכן פאַר אונדז צוויי באַזונדערע באַגריפן וואָס דעקן זיך נישט. אויב פאַרשיידענע ייִדישע גרופּעס, טיילן פון דעם אַמאָל גאַנצן פאָלק, לעבן דורות אין אַנדערע באַדינגונגען פון שפּראַך, שטייגער און קולטור בכלל, טאָ וואָס פאַרבינדט אונדז און וועט אונדז פאַרבינדן אין איין פאָלק אויך ווייטער?

דאָס לעבן פון אַ וואַלד איז אַ סך מער ווי די סומע לעבנס פון זיינע ביימער. דאָס קולטור־לעבן פון אַ פאָלק איז אַ סך מער ווי די סומע קולטור־פאַרמעג פון אַלע זיינע יחידים. דאָס יידישע פאָלק איז מער ווי דער סכום יידן און ווי דער סכום יידישקייט וואָס איטלעכער טראָגט אין זיך. דאָס לעבן פון אַ קאָמפּליצירטן אָרגאַניזם איז אַ סך מער ווי דאָס לעבן פון זיינע באַזונדערע קעמערלעך. דאָס לעבן פון אַן אָרגאַניזם הענגט אָפּ פון דער בלוט־צירקולאַציע און דאָס לעבן פון אַ פאָלק באַשטייט איבערהויפּט פון זיין ק ו ל ט ו ר־צ י ר ק ו ל אַ צ י ע. יעדעס פאָלק, בפרט אין זיינע ערשטע סטאַדיעס לעבט מיט זיין שטייגער, געוויינהייטן, זיטן, מינהגים אָפט אַפילו אומבאַוווסטזיניק, פונקט ווי אַ קינד גייט זיך נישט אָפּ קיין חשבון פון זיין אויפפיר. פון דעם שטייגער וואַקסן אַרויס שפּראַך, אייגנטלעכקייטן פון אויסדרוק בכלל, ניגונים, טענץ, פאַרווײַלונגען, לעגענדעס און גלויבנס. זיי גייען איבער בירושה (נישט ביאָלאָגיש!) און עס שאַפט זיך שוין אַ ק ו ל ט ו ר ש ב ע ל פ ה, אַ גייסטיקער פאַרמעגן פון דעם קאָלעקטיוו „פאָלק". דער גייסטיקער פאַרמעגן קומט צום באַוווסטזיין פון די „אינטעליגענטערע" מיטגלידער פון פאָלק, וואָס זיי זענען די טרעגער פון דער קולטור־טראַדיציע און זיי שאַפן פון איר „קולטור־פּרוכט", אַזוי צו זאָגן. זיי זאָרגן פאַרן אָפּהיטן פון דעם גייסטיקן אוצר פון פאָלק. ווערט די קולטור שבעל פה אַ קולטור שבכתב. דאָס איז דער וועג פון קאָלעקטיוון אומבאַוווסטזיין צום דעם באַוווסטזיין פון יחידים־שעפער; פון די שעפערישע יחידים גייט די קולטור צוריק אין דעם וויסן און לעבן פון קאָלעקטיוו. אָט פון דיביידע פּראָצעסן, אַרויפשטראָם צום יחיד און אַראָפּשטראָם פון קולטור צו די מאַסן, באַשטייט די קולטור־צירקולאַציע אין יעדן פאָלק. דאָס איז דאָס לעבן פון אַ פאָלק. עס איז געגליכן צום לעבן פון אַ... וואַלד: דער מקור איז דער באָדן, פון אים וואַקסן אַרויס די געוויקסן און זיי טראָגן בלומען און פּרוכט. זיי ווידער קערן זיך אום צום באָדן און באַפּרוכפּערן אים. ווען עס פעלט איין עלעמענט פון דעם קרייז, רייסט זיך איבער דאָס לעבן. דער באָדן פון פאָלק — דאָס איז דאָס פּשוטע נישט איבערגעטראַכטע לעבן פון די מאַסן מענטשן. פון דעם קולטור־באָדן וואַקסן אַרויס אַלע שאַפונגען פון פאָלק און פון זיינע יחידים. די שאַפונגען מוזן צוריק פאַרשפּרייט ווערן אין פאָלק און באַפּרוכפּערן זיין לעבן. ווען איין סעקטאָר אין דעם קרייז ווערט צעשטערט, רייסט זיך איבער די קולטור־צירקולאַציע און דאָס פאָלק דעגענערירט. נישט אומזיסט האָט איינער אַ געלערנטער דעפינירט פאָלק ווי אַן „איבערנאַטירלעכער אָרגאַניזם" (בעכטערעוו).

אייזיק הירש ווייס באַווייזט אין זיין „דור דור ודורשיו", אַז נאָך פאַר דער תורה שבכתב איז געווען אַ תורה שבעל פה. עס איז אויך פאַלש צו מיינען אַז די יידישע תורה שבעל פה איז נאָר געווען איין מאָל. דער אמת איז, אַז אַ לע־

בעדיק פאָלק הערט נישט אויף צו שאַפן זיין תורה שבעל פה. כל־זמן עס האָט אַן אייגענעם שטייגער, כל־זמן עס לעבט זיך אויף זיין אייגענעם אופן און זיין אייגענעם אידיאָם, שפּראַך, וויצן און ווערטלעך, איז דאָס דעם פאָלקס תורה שבעל פה. פון צייט צו צייט, אין באַשטימטע באַדינגונגען, קלייבט זיך אָן אַזוי פיל תורה שבעל פה, אַז „שלא תשכח תורה מישראל״, — פאַרוואַנדלט מען זי אין אַ תורה שבכתב. דאָס איז געווען דער אויפטו פון די סופרים אין בבל און איבערהויפּט פון עזרא הסופר וואָס האָט איינגנטלעך די תורה געגעבן צו ייִדן אַ צווייט מאָל. ער האָט אָבער באַוויזן צו טאָן נאָך עפּעס: ער האָט פאַרזיכערט דעם אַראָפּשטראָם — דאָס פאַרשפּרייטן די תורה אין פאָלק, דאָס לערנען די תורה.

דאָס זעלביקע האָט זיך איבערגעחזרט מיט דער משנה. רבי יהודה הנשיא האָט בלויז סומירט דאָס וואָס פריִערדיקע האָבן שוין אָנגעהויבן. און אויך זיי האָבן בלויז פאַרמולירט דאָס וואָס עס איז געווען איינגעפירט אין לעבן, אומ־אָפּהענגיק פון דעם צי די איינפירונגען זענען געווען אוראַלטע, הלכה למשה מסיני, אָדער זיי זענען געווען נייע מאָסמיטלען איינגעשטעלט דורך די אנשי כנסת הגדולה. אַזוי איז שפּעטער געווען די גמרא, דער שולחן־ערוך און רש״י — אַלץ קאַנאָניזירטע פירונגען און איינשטעלונגען; אַלץ פאַרהייליקטע פאָלק־שאַפונגען. אַזוי איז אויך מיט אונדזער נייסטער מאָדערנער קולטור. דאָס איז די קולטור־גערעטעניש וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף דעם באָדן פון אונדזער אייגנאַרטיק לעבן אין מזרח־אייראָפּע. דאָס איז די קולטור שבכתב וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון אונדזער קולטור שבעל פה, פון אונדזער קולטור שבשטייגער.

אַרכעאָלאָגן געפינען אָפט אַלטע ציוויליזאַציעס אָנגעשיכט איינע אויף דער צווייטער. אונדזער אַמאַטעריעלע קולטור איז אויך אַזוי: אַלץ נייע און נייע שיכטן תורה שבעל פה און אַלץ נייע און נייע שיכטן קולטור שבכתב. איין חסרון האָט אונדזער נייע קולטור: עס איז נישט געווען קיין עזרא, קיין שולחן־ערוך וואָס זאָל זי אַריינפירן אין טאָג־טעגלעכן לעבן ווי אַ טייל פון שטייגער. איז זי געבליבן הענגען בלויז אויפן געדרוקטן וואָרט און נישט אַריינגעדרונגען צוריק אין דער קולטור שבעל פה פון פאָלק. דאָ קען שטעקן אַ גרויסע סכנה: דער גוף פון פאָלק בלייבט אָפּגעריסן פון זיין נשמה, די לעבעדיקע מענטשן זענען באַזונדער און די קולטור — בלייבט אין די שאַפעס. אַז אַ גוף טיילט זיך אָפּ פון זיין נשמה, שטאַרבט ער — אויב אַפילו די נשמה איז אַ גרויסע. אַזוי זענען אונטערגעגאַנגען די שטאַרקסטע פעלקער אין דער וועלט און אַזוי זענען אונטערגעגאַנגען אַ גאַנצע ריי ייִדישע הויך־קולטורעלע ישובים.

***

איך האָב ביז איצט נישט דערמאָנט דאָס וואָרט רעליגיע און נישט באַצייכנט איר ראָל אין קיום פון אונדזער פאָלק. דאָס איז געטאָן געוואָרן בכיוון:

אַנדערע פעלקער האָבן צוויי באַזונדערע זאַכן: אַ קולטור־שטייגער און אַ באַזונדערע רעליגיע. דאָס זענען צוויי באַזונדערע געביטן. די רעליגיע איז אַן אוניווערסאַלע און דער קולטור־שטייגער איז אַ נאַציאָנאַלער. ביי ייִדן אָבער איז די רעליגיע בלויז אַ סינאָנים פון קולטור־שטייגער. מען האָט אַפילו נישט געניצט דאָס וואָרט רעליגיע. „ייִדישקייט" איז געווען דער נאָמען — און ריכטיק. די ייִדישקייט, די גאַנצע קולטור פון שטייגער, די גאַנצע תורה שבעל פה איז געווען די רעליגיע פון ייִדן. קיין טעאָלאָגיע ווי אַזאַ, קיין סיסטעם פון דאָגמען האָט ביי ייִדן נישט פאַרנומען קיין אָרט. מיר דאַרפן בלויז ריידן וועגן דער ראָל פון ייִדישקייט, וואָס מען קען רופן קולטור און מען קען רופן רעליגיע. עס איז איינס. געווען ביי ייִדן פּרוּוון אָפּצוטיילן די צוויי געביטן: היטן די רעליגיע בלויז ווי אַזאַ און אָפּזאָגן זיך פון ייִדישן שטייגער. מען האָט געוואָלט זיין דייטשן, פּאָליאַקן, רוסן פון משהס גלויבן. אָבער אַלעמאָל האָט זיך דער פּרווו געענדיקט מיט אומקום. עס זענען אַפילו געווען שטרענג־פרומע ייִדן אין פראַנקפורט (דייטשלאַנד) און אין קראָקע (פּוילן) — אָבער קוים האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פון ייִדישן שטייגער, פון דער היינטיקער תורה שבעל פה, האָט זיי די פרומקייט נישט געהאָלפן און זייער וועג איז געווען און געבליבן אַסימילאַציע. פאַראַן אויך איצט ייִדן, וואָס זייער גאַנצע ייִדישקייט באַשטייט אין געהערן צו אַ „קאָנגרעגיישן" וואָס פאַראָוועט גאָטעסדינסטן אין אַ סינאַגאָג. מחוץ פון דעם שיידן זיי זיך לחלוטין נישט אָפּ מיט גאַרנישט פון הויפּטפאָלק. קיין אַקטיווע ייִדישקייט מחוץ דער „סינאַגאָג" האָבן זיי נישט, און די רעליגיע זייערע איז אַ פ אַ ר ג ל י ו ו ע ר ט ע. זיי זענען גויים מיט אַ כלומרשט ייִדישן סידור. איך קען אַ ייִדיש פרום הויז אין אַמעריקע, מען דאַוונט אַלע טאָג, מען גייט אַרום אין אַ יאַרמולקע אין שטוב. אָבער די קינדער פאַרשטייען נישט קיין וואָרט ייִדיש, ווייסן נישט פון קיין ייִדישער ליטעראַטור, קענען זיך נישט צונויפריידן מיט אַ ייִדן, די גאַנצע נייע קולטור איז זיי פרעמד. און ווי נאָר דער פרומער טאַטע האָט זיי פאַרלאָזט, איז זייער ייִדישקייט נישט געוואָרן.

בכן, פאָלק איז אַ קולטור־באַגריף און נישט קיין ראַסן־באַגריף. די קולטור וואָס טיילט אויס דאָס ייִדישע פאָלק פון צווישן אַנדערע פעלקער איז די ייִ ד י ש ק יי ט.

געווען אַמאָל אַ גרויסער ייִד וואָס האָט געשריבן, אַז ער זעט אַ מעגלעכקייט ס'זאָלן זיין „ייִדן פון פאַרשיידענע רעליגיעס". מחמת דרך־ארץ צו אַ פאַרשטאָרבענעם גדול בישראל רוף איך נישט אָן זיין נאָמען. איבעריקס איז ער געווען נישט דער איינציקער אין אָנהייב פון יאָרהונדערט. עס איז אָבער געווען אַ פאַלשע גזרה שווה פון אַנדערע פעלקער, וואָס פּאַסט לגמרי נישט פאַר אונדז.

פאָלק און נאַציע

אויף דעם קאָנטינענט באַנוצט מען דאָס וואָרט נאַציע על פּי רוב אין אַ פּאָליטישן, געאָגראַפישן זינען. מען מיינט דערמיט די גאַנצע באַפעלקערונג וואָס באַוווינט אַ געוויס לאַנד. די אַמעריקאַנער נאַציע מיינט בכן דעם גאַנצן סכום איינוווינער פון דער מדינה פאַראייניקטע שטאַטן. אין אייראָפּע, איבער־הויפּט אין די פילפעלקערישע מדינות — אין רוסלאַנד און אין עסטרייך־אונגאַרן פלעגט מען מיט דעם וואָרט „נאַציע" באַצייכענען נישט קיין פּאָליטישן אײנס, נאָר אַ קולטורעלן: נאַציע איז אַ סינאָנים פון פאָלק. דאָס ייִדישע פאָלק אָדער די ייִדישע נאַציע איז דאָס זעלביקע. אין אַמעריקע מיינט „דער נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד" דאָס זעלביקע וואָס „דער פאַרבאַנד פון גאַנצן לאַנד", „נאַציאָנאַלער טשערמאַן" איז איבער אַלע אָרטיקע, לאָקאַלע טשערלייט. ווען מיר זאָגן אָבער „נאַציאָנאַלע קולטור", „נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן" מיינען מיר דערמיט דאָס וואָס עס געהערט צו דעם גאַנצן פאָלק, אומאָפּהענגיק פון זיינע געאָגראַפישע ערטער. מיר וועלן אין דעם אַרטיקל באַנוצן דאָס וואָרט „נאַציע, נאַציאָנאַל" דווקא אין אייראָפּעיִשן זינען.

אָבער דאָס וואָרט „פאָלק" האָט אויך צוויי טייטשן. איך זאָג, למשל: דאָס ייִדישע פאָלק איז אויפגעריכט געוואָרן מיט אַן אייגענער מדינה — מיינט עס דאָס גאַנצע פאָלק ישראל אין אַלע זיינע צעשפּרייטונגען, די גאַנצע ייִדישע נאַ־ציע. ווען איך זאָג אָבער: דאָס פאָלק האָט אַ ווערטל, עס איז אַ פאָלקסוויץ, — מיינט עס נאָר איין שיכט פון גאַנצן פאָלק, פון דער גאַנצער נאַציע. אַ „מענטש פון אַ פאָלק" מיינט אַ פּשוטן מענטשן, וואָס איז נישט שטאַרק באַהאַוונט אין דער קולטור שבכתב פון פאָלק, נאָר ער פירט זיך אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן לויט די איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס פון שטייגער. די צוויי שיכטן זענען פאַראַן אין יעדער פאָלק כמעט, דאָס „פאָלק" און די אַריסטאָקראַטיע, די „מאַסע" און די אינטעליגענץ. די פאָלקישע שיכטן זענען תמיד קאָנסערוואַטיווער, געטרייער דער טראַדיציע, זייער נאַציאָנאַלן שטייגער.

די באַציאונג צווישן די צוויי שיכטן אין דער נאַציע, צווישן די מאַסן און דער אינטעליגענץ איז פאַרשיידן. ביי פעלקער ווו די מאַסן זענען געווען פאַר־שקלאַפט האָט זיך שפּעטער אויסגעאַרבעט ביי דער אינטעליגענץ אַ מין תשובה־באַוועגונג: צוריק צום פאָלק. זייער בולט איז דאָס געווען ביי די רוסן. אין משך פון גאַנצן ניינצנטן יאָרהונדערט האָט זיך געשאַפן ביי דעם בעסערן טייל פון דער אינטעליגענץ אַן אמתער קולט, אַ פאַרהייליקונג פון דעם פּשוטן פאָלק. די באַוועגונג האָט געקראָגן דעם נאָמען פון פאָלקיזם. דער פאָלקיזם האָט עס גע־בראַכט גרויסע טיילן פון דער אַריסטאָקראַטיע, פון פּריציִמטום צו דער רעוואָ־לוציע, צו קאַטאָרגע און טויט „פאַרן וויל פון פאָלק". דער פאָלקיזם האָט גע־

נעבן דער רוסישער וויסנשאַפט אַ ספּעציפישן כאַראַקטער. עס איז אין איר געווען עטוואָס פון אַ רעליגיע.

אָבער ביי אונדז יידן איז פון אייביק אָן געווען אַן אַנטאַגאָניזם צווישן די צוויי שיכטן. פון איין זייט זענען געווען נביאים וואָס האָבן געשטורעמט די אַריסטאָקראַטיע פאַרוואָס זי פאַרלאָזט די טראַדיציעס פון דורות, פון פאָלק און גייט זוכן שענערס ביי פרעמדע. פון דער צווייטער זייט איז געווען די אַריסטאָ־קראַטיע אין דעם קיניגס הויף וואָס האָט אַלעמאָל געזוכט און געשעצט מער די פרעמדע שטייגערן. שפּעטער, אין גלות בבל האָבן שוין די קעגנער פון דער פאָל־קישער קולטור נישט געהאַט וואָס צו זאָגן, ווייל זיי זענען שוין אַרויסגעפאַלן פון יידישן פאָלק. געבליבן זענען בלויז די וואָס האָבן געהאַלטן די שטייגערישע טראַדיציעס. און די וואָס האָבן אין דער פרעמד געבענקט נאָך דעם פאַרלוירענעם אייגנס האָבן דאָס אַנגעזאַמלט, פאַרשריבן, געלייענט און געלערנט.

די זעלביקע מלחמה צווישן די אָנהענגער פון פאָלקיזם און די קעגנער האָט זיך דערנאָך איבערגעחזרט. די אנשי כנסת הגדולה און שפּעטער די פּרו־שים האָבן געקליבן און געזאַמלט אַלע שטייגערישע פאָלקס־מינהגים און זיי פאַרהייליקט נאָך מער, ווי די תורה שבכתב („חומר בדברי סופרים מבדברי תורה״. סנהדרין פ״ח). דאָס זענען זיי געווען דעמאָלט די פ אָ ל ק י ס ט ן, „גיי און זע ווי דאָס פאָלק פירט זיך און טו״, פאַרלאָז זיך אויף די יידן, ווייל אויב זיי זענען נישט קיין נביאים, זענען זיי אָבער קינדער פון „נביאים״ וכדומה. אַ סך אַזוינע ווערטער. די אַנטיפאָלקיסטן, וואָס האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען די פאָלקישע מאַסן־קולטור פון יענער צייט, זענען לגמרי נישט געווען קיין אַסי־מילאַטאָרן. חלילה! זיי האָבן זיך גאָר געהאַלטן פאַר אמתע נאַציאָנאַליסטן. זיי האָבן אָנערקענט און הייליק געהאַלטן דאָס נאַציאָנאַלע און בלויז אָפּגעוואָרפן דאָס פאָלקישע, די זיטן און פירונגען פון די דעמאָלטיקע „שניפּעשאָקס״.

ווען דאָס פ אָ ל ק י ש ע ווערט פאַרשריבן און קאַנאָניזירט אין פאָלק, ווערט עס שוין נ אַ צ י אָ נ אַ ל. די נאַציאָנאַלע קולטור איז נישט אָפּהענגיק פון דעם דור וואָס האָט זי געשאַפן. זי איז בכלל נישט אָפּהענגיק פון לעבעדיקע מענטשן. זי קען אין שריפטן לעבן אַפילו ווען קיין אָפּהיטער אירע זענען נישטאָ. זי קען אַפילו איבערגענומען ווערן פון אַנדערע פעלקער, ווערן אוניווערסאַל און אויפהערן צו זיין אייגנטימלעך פאַר דעם געגעבענעם פאָלק וואָס האָט זי אַמאָל געשאַפן. דער תנ״ך שטאַמט פון יידן, אָבער ער איז איצט אוניווערסאַל, און אַנדערע פעלקער זענען אָפט אַ סך מער פאַרבונדן מיטן תנ״ך ווי מיר יידן. דאָך זענען זיי נישט קיין יידן. דאָס נאַציאָנאַלע אָן דעם פאָלקישן, די תורה שבכתב אָן דער תורה שבעל פה קען נישט אויפהיטן דעם קיום פון אַ פאָלק. דערפאַר האָט טאַקע ביי אונדז די תורה שבכתב, די נאַציאָנאַלע קולטור מער מזל, מער חן

איידער די פאָלקיש שטייגערדיקע שבעל פה. די צדוקים בשעתם, די קאַראַימער אין מיטלאַלטער און אין דער גייסטער צייט — די משכילים — אַלע האָבן גע־האַלטן פון דער תורה שבכתב און בשום אופן נישט געוואָלט אָנערקענען די תורה שבעל פה. דאָס נאַציאָנאַלע יאָ, אָבער דאָס פאָלקישע נישט. און אַלע מאָל האָט דאָס געפירט צום אונטערגאַנג. איז פון די צדוקים קיין זכר נישט געבליבן. זענען פון די קאַראַימער געבליבן געציילטע לעבעדיקע מומיעס. און קיין דירעקטע אָפּשטאַמלער פון די אָבות פון דער השכלה זענען, דאַכט זיך, אויך נישטאָ אין יידישקייט. לאָמיר איבערחזרן דעם לאַקאָנישן אָבער וווּנדערבאַר־אמתן מאַמר חז״ל: „לא כרת הקב״ה ברית עם ישראל אלא בשביל דברים שבעל פה״.

איך וועל דאָ ברענגען נאָך אַ פּראַכטפולן מדרש (תנחומא תשא, מ״ז) „אמר לו הקב״ה למשה: מה אתה מבקש, שתהא המשנה בכתב, — ומה בין ישראל לאומות העולם?... על פי הדברים כרתי אתך ברית — המשנה והתלמוד, שהם מבדילין בין ישראל לבין אומות העולם״. ד״ה — דווקא דאָס נישט פאַר־שריבענע, דאָס וואָס אין שטייגער, נישט דאָס וואָס איז פיקסירט. לויט אונדזער טערמינאָלאָגיע הייסט דאָס, אַז דאָס פאָלקישע איז וויכטיקער פאַרן קיום פון דעם נאַציאָנאַלן.

האָבן מיר אויך היינט נאַציאָנאַלע באַוועגונגען אָבער קיין פאָלקישע, קיין פאָלקיסטישע באַוועגונג האָבן מיר נישט. אין דעם שטעקט אַ סכנה פאַרן קיום פון יידישן פאָלק. יאָ, עס זענען געווען ביי אונדז פּרוון פון פאָלקיזם. מ׳האָט געזאַמלט יידישע פאָלקסלידער, יידישע ניגונים. שפּעטער זענען געקומען פּרוון פון טעאָרעטיש־געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער — שאַפן פאָלקיסטישע פּאַרטייען. אין אַ גרויסער מאָס איז דאָ געווען די דירעקטע השפעה פון רוסישן פאָלקיזם.

און דאָך האָט זיך דער פאָלקיזם ביי יידן נישט אַנטוויקלט. שיינע גייס־טער האָבן געוואָלט אים דינען. צוערשט ש. דובנאָוו, אַנ־סקי, שפּעטער (שוין נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד) האָבן געמאַכט אַ פּרוּוו צו שאַפן אַזאַ באַ־וועגונג וו. לאַצקי־בערטאָלדי, ז. קאַלמאַנאָוויטש, ב. שטיף און י. עפּרויקין, שוין אַלע ע״ה — און עס איז זיי נישט געלונגען. אין פּוילן האָט זיך די פאָלקיסטי־שע באַוועגונג שטאַרקער אָנגענומען. נח פּרילוצקי, נאָמבערג, ש. מענדעלסאָן און ל. פינקעלשטיין זענען געווען אירע פאָנען־טרעגער. אָבער אויך דאָ איז דער פּרוּוו נישט געלונגען. די פּאַרטיי איז אויך דאָ צעפאַלן. פאַרוואָס זענען אין ציר־ניזם, וואָס האָט אַרומגענומען די ברייטסטע שיכטן פון יידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט, אַזוי שוואַך די פאָלקיסטישע טענדענצן? פאַרוואָס האָט דער „בונד״, וואָס רעדט כסדר אין נאָמען פון די פאָלקסמאַסן, אַזוי ווייניק פּיעטעט צו דער אמת־פאָלקישער קולטור שבשטייגער?

כל־זמן עס זענען געווען ביי אונדז גרויסע און פעסטע פאָלקס־מאַסיוון וואָס

האָבן אָן חכמות געלעבט טראַדיציאָנעל, שטייגעריש איז קיין סכנה נישט געווען. צי מען האָט אַזוי געלעבט ווייל עס איז געווען רעליגיע, צי ווייל די אַלטע איינגעשטעלטע היים האָט עס גורם געווען — איז נישט וויכטיק. עס איז געווען גאַנץ דער „באָדן" פון ייִדישקייט. אַנדערש איז געוואָרן די לאַגע איצט, ווען אונדזערע פאָלקס־מאַסיוון זענען חרוב געוואָרן אָדער זיי זענען צעשטויבט געוואָרן אויף באַזונדערע יחידים. איצט איז עס געוואָרן אַ גרויסע סכנה פאַרן קיום פון גאַנצן פאָלק; דער קרייז פון דער קולטור־צירקולאַציע אין פאָלק איז איבערגעריסן. דאַרף מען טראַכטן: וואָס איז די עצה? און וועגן דעם — באַזונדער.

סכנות פאַרן קיום פון ייִדישן פאָלק

מיר האָבן מער נישט קיין פאָלקישע מאַסן. אַלע ייִדן זענען געוואָרן באַזונדערע יחידים. מיר קענען זיך מער נישט באַרימען „מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ?" מיר זענען טאַקע געווען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט, אָבער אינעווייניק זענען מיר געווען באַהעפט. זעקס און ניינציק פּראָצענט פון פאָלק האָבן גערעדט איין שפּראַך און אויף איר האָבן זיי נישט בלויז געלערנט, נאָר געלעבט. איצט זענען מיר געוואָרן צעפּיצלט שפּראַכלעך, וויפל לענדער — אַזוי פיל שפּראַכן ריידן מיר, און איין ייִד פאַרשטייט נישט דעם צווייטן ייִדן. ווו איז דאָס ייִדישע פאָלק? זוכט עס ווו איר ווילט, אָבער נישט ביי דער ייִדישער קולטור. מיר האָבן אַ סך ייִדישע פּאַרטייען, אָבער ווייניק ייִדישקייט, ווייניק פאָלק, ווייניק קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש, ווייניק געמיינזאַמקייט אין קולטור, שטייגער, שפּראַך, אין פאַרברענגען. „מיזוג הגלויות" איז איינע פון די איצטיקע וויכטיקע אויפגאַבעס אין מדינת ישראל.

אָבער ווער האָט עס געזאָגט אַז אין חוץ לארץ, אין אַלע אַנדערע ייִדישע ישובים איז מען פּטור פון דער מיזוג הגלויות? ווער האָט ער באַפרייט די ייִדן אין אַמעריקע, לאָמיר זאָגן, פון צונויפבינדן און צונויפשטעלן אַלע שטיקער צונויפגעפאָרענע ייִדן אין איין גאַנצקייט? ייִדן האָבן אין אַמעריקע געשאַפן פּראַקטיקע לאַנדסמאַן־אָרגאַניזאַציעס. איצט וואָלט מען געדאַרפט פאַרבינדן אַלע לאַנדסמאַנשאַפטן אין איין גרויסן פאָלקסמאַנשאַפט. אָט אַזאַ פאָלקסמאַנשאַפט האָט טאַקע ביי ייִדן עקזיסטירט לאַנגע יאָרהונדערטער אונטער אַ פּסעוודאָנים פון „רעליגיע". בעת אין דער אמתן האָט עס נישט געהאַט גאָרנישט צו טאָן מיט טעאָלאָגיע, מיט רעליגיע אין געוויינלעכן זינען פון וואָרט. עס איז געווען ייִדישקייט... עס איז אַ פאַקט נישט אָפּצולייקענען, אַז די גאַנצע שעפערישקייט פון ייִדישן פאָלק פאַר די לעצטע פאַר יאָרהונדערטער איז געווען קאָנצענטרירט בלויז ביי די ייִדיש־ריידנדיקע ייִדן; דאָ איז געווען דער אויפשטייג. אַלע ישו־

בים וואָס האָבן פאַרלוירן דאָס יידישע לשון האָבן פריער צי שפּעטער פאַרלוירן זייער שעפערישקייט, אויב אפילו זיי זענען געבליבן אין יידישן פאָלק.

אָבער מיט יידיש־לשון אליין קען מען נישט, טאָר מען נישט זיך באַגנו־גענען. מיט דעם באַדן פון קולטור קען קיין פאָלק נישט לעבן. מוזן אלע וואָס דענקען און בענקען נאָך קיום האומה גיין אַ טראָט ווייטער. מען מוז די פאָל־קישע קולטור דערהייבן צו דער מדרגה פון נאַציאָנאַלער קולטור. וועגן דעם איז שוין נישט איין מאָל גערעדט געוואָרן, געשריבן געוואָרן. דער וואָס שרייבט די שורות האָט אין 1941 אַרויסגעגעבן אין וויניפּעג, קאַנאַדע, אַ קליין העפטל מיט דעם נאָמען „אונדזער נייער ש״ס״. שפּעטער האָט די זעלביקע אידייע ברייטער און געניער אַנטוויקלט מלך ראַוויטש וועגן קאַנאָניזירן אונדזער „נייעם תנ״ך״. ער מיינט ריכטיק, אָפּצוקלייבן אַ טייל פון אונדזער נייער יידישער ליטעראַ־טור און עס אָנערקענען פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור. עס דאַרף פון דאָס ניי אויפגעשטעלט ווערן דער מינהג פון קובע עתים לתורה זיין — יעדער ייד מוז אויסטיילן אַ באַשטימטע צייט צו לערנען ביחידות און — נאָך וויכטיקער — בציבור. אין דעם לערנען מוזן צונויפגעבונדן ווערן אלע דריי גרויסע ציקלען פון אונדזערע קאַנאָניזירטע ליטעראַטורן: תנ״ך, תלמוד און די מזרח־אייראָפּעי־שע. יעדע ליטעראַטור מיט איר לשון: לשון קודש, אַראַמיש און יידיש. אַז מיר וועלן עס טאָן, וועט דער קיום פון פאָלק זיין געזיכערט. מיר, אונדזער פאָלק גייט זיין גאַנצע געשיכטע אויף אַ „פּאַפּירענעם בריק״ (ווי עס דערציילט עס אַ פיינע פאָלקס־לעגענדע) און אַזוי וועלן מיר אויך ווייטער גיין אין דער אייביקייט. אונדזער מאָדערנע ליטעראַטור האָט ווערק, וואָס זענען ווערט אַריינ־גענומען צו ווערן אין דעם אוצר פון אונדזערע נ אַ צ י אָ נ אַ ל ־ ה יי ל י־ ק ע שריפטן. איך שטרייך דאָ אונטער „נאַציאָנאַל־הייליק״, ווייל איך וויל עס אונטערשיידן פון רעליגיעזער הייליקייט. נאַציאָנאַלע הייליקייט מיינט פאַר אונדז דאָס, וואָס דערהייבט אונדזער פאָלק, דאָס פאָלקישע צו די העכערע מדרגות פון מאָראַלישער שיינקייט. אַזוינע נאַציאָנאַל־הייליקע שריפטן זענען בפירוש נישט קיין זעלטנקייט אין אונדזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. אָט דאָס אלץ דאַרף אָפּגעקליבן ווערן און עס דאַרף דערקלערט ווערן ווי אַ המשך פון די היי־ליקע שריפטן פאַר דעם „פאָלק פון שריפט״; פאַר דעם „עם הספר״. עס זענען אָבליגאַטאָריש פאַר אלע וואָס ציען דעם המשך פון אונדזער פאָלקיש־נאַציאָ־נאַלן קיום.

כ׳ווייס, אַז פון פאַרשיידענע זייטן וועט מען זיך קעגנשטעלן, צוליב פאַר־שיידענע מאָטיוון. איז דען עזראַן און נחמיהן אָנגעקומען גרינג זייער קאַנאָ־ניזירן די כתבי הקודש אין זייער צייט? האָט דען דער תלמוד נישט געהאַט קיין קעגנער? איז דען צווישן די אָנהענגער פון דער פאָלקישער תורה שבעל פה

געוועז אַן איינשטימיקייט? האָט דען רבי עקיבא נישט געדאַרפט אָפּראַטעווען שיר השירים, וואָס איז געוואָרן שפּעטער ביים פאָלק אַ ווונדערבאַרער „ראָמאַן“ צווישן גאָט און זיין פאָלק? טאָ זאָל זיך די מחלוקת לשם שמים איצט איבער־חזרן. זאָל זי פאַרבייטן די פּרוכטלאָזע, אָפּגעשטאָרבענע מחלוקת פון שפּראַכן — יידיש צי העברעיש. נישטאָ איצט אַזאַ מחלוקת. איצט איז די מחלוקת — אָדער המשך מיטביידע שפּראַכן, מיט דעם גאַנצן אוצר וואָס ס׳פאָלק האָט אין זיי געשאַפן, אָדער — אויס מיטן המשך, און מען גייט שאַפן עפּעס אַ ניי פאָלק מיט אַ נייער קולטור.

נצח ישראל

וועגן אייביקייט בכלל

לזכר נשמת אבי־מורי ר׳ יהודה־ליב הכוהן, רב בגדרה, נפטר י״א ניסן תשט״ו בירושלים עיה״ק.

עס איז גרינג צו פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס די אידייע פֿון אומשטאַרביקייט איז אַזוי טיף אַריין אין דער פּסיכיק פֿון מענטשן פֿון אוראַלטער ביז איצט; עס איז שווער שלום צו מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז אָט האָט אַ מענטש געהאָוועט, גע־שמייעט, וועלטן געבויט און וועלטן חרוב געמאַכט, אַרומגעגאַנגען מיט אַ פֿולן קאָפּ מיט פּלענער, פּראָיעקטן, געדאַנקען, חלומות — און מיט איין מאָל — אויס! כי עפר אתה ואל עפר תשוב — נישטאָ, עס פֿוילט, געענדיקט. גיי נעם עס אָן, מאַך שלום מיט אַזאַ ביטערן פֿאַקט!

האָבן מענטשן פֿון אוראַלטע צייטן אָן געבויט גאַנצע סיסטעמען פֿון גלויבנס וועגן דעם לעבן פֿון מענטשן נאָכן טויט; וועגן אַ לעבן פֿון דער נשמה וואָס שיידט זיך אָפּ פֿון גוף און זי גייט ווייטער אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ וועלט פֿון גייסטער, וכדומה. ווער קען אויסרעכענען די אָנצאָליקע גלויבנס און די טעאָריעס נישט אויסצושעפּן, וואָס מענטשן האָבן געשאַפֿן אַרום דעם ענין! דער געדאַנק איז דאָך אַ קינד פֿון פֿאַרלאַנג. עס איז אויך נישט קיין וווּנדער, וואָס מענטשן פֿון דער וויסנשאַפֿט זענען אויך נישט מער ווי מענטשן און אויך זיי זוכן חיי עולם. און אַז מען זוכט — געפֿינט מען. קומט אַ גאַנצער סיסטעם פֿון אָקולטיזם, פֿון גייסטער אָן גופֿים וואָס קענען צומאָל האָבן אַ פֿאַרבינדונג מיט מענטשן וואָס לעבן נאָך.

מען קען וועגן די זאַכן נישט דיסקוטירן. מיר ווייסן נישט. און אפשר איז געווען גערעכט יענער געלערנטער וואָס האָט מיט אַ זעכציק יאָר צוריק אויס־גערופֿן אויף אַ צוזאַמענפֿאָר „נישט מיר ווייסן נישט, נייערט מיר וועלן נישט וויסן״. בכל אופֿן, איז דאָ אוממעגלעך צו דיסקוטירן. עס איז אָבער פֿאַראַן אַ צווייטע זייט: מען קען די פֿראַגע באַהאַנדלען אין די ראַמען פֿון די וויסנשאַפֿטן, פֿון דער לאָגיק וואָס מיר קענען יאָ באַנעמען און יאָ וויסן. לאָמיר גיין כסדר:

א.

וואָס איז אַזוינס אייביקייט? צי איז עפּעס דאָ אין דער באַטור אַן אייביקייט? ווי אַ דוגמאָ פֿון עפּעס אייביקס נעמט מען זייער אָפֿט אָן

טייכן. אין די ערשטע קאַפּיטלעך פון חומש ווערט דערציילט וועגן די טייכן פרת און חדקל (טיגריס), וועגן נילוס. אַזוי ווי פאַרצייטן שטראָמען אויך היינט די טייכן און מיר קענען אָננעמען, אַז זיי וועלן נאָך שטראָמען טויזנטער יאָרן. ווי געאָגראַפישע סימנים פון אַ שטאָט גיט מען אָן „דישבי על נהר" דעם און דעם.

אָבער וואָס איז באמת אייביק אין דעם אייביקן טייך? דאָס וואַסער זיכער נישט. דער טראָפּן וואַסער וואָס שטראָמט דורכן טייך איין מאָל וועט מסתמא קיינמאָל מער נישט קומען אויפן זעלביקן אָרט. אַריבערגעשווומען און נישטאָ מער. איז נישט דאָס וואַסער אייביק. זענען די ברעגן יאָ אייביק? דער וועג פון אַ טייך? — אויך דאָס נישט: טייכן בייטן כסדר זייער געלעגער, זיי רייסן אויס דעם באָדן פון איין זייט און טראָגן אָן פרישן באָדן אין דער צווייטער זייט. אָפט טרעפט זיך, אַז אַ טייך טראָגט זיך בכלל איבער פון איין אָרט אויף אַ צווייטס. גאַנצע געאָגראַפישע קאַפּיטלעך זענען פאַראַן וועגן די פאַרצייטיקע ריכטונגען פון די היינטיקע טייכן. זענען דאָך דער פרת און חדקל פאַרצייטן דערגאַנגען צום ים באַזונדער. צו מזרח פון קיעוו ציט זיך אָן אַלטער פאַרלאָזטער געלעגער פון טייך דניעפּער. איבער דעם נייעם שטראָם איז פאַראַן אַ בריק. האָט מען געהאַט צרות: דער טייך האָט זיך גערוקט צו אַנטלויפן פון אונטער דער בריק ווייטער צו מערב. אונדזער עמק הירדן איז דאָך בלויז אָן אָנהייב פון אַן ערדאיינבראָך וואָס ציט זיך אַוועק ווייט אין אַפריקע. איך האָב געלייענט אַמאָל אַ „רכילות" אויף אונדזער ירדן, אַז ער פאַרגינט זיך אַמאָל אַ ריס צו טאָן פון די ברעגעס אַזאַ סכום ערד, וואָס קען פאַרשטעלן זיין גאַנצן שטראָם. דאָס זאָל, אגב, זיין יהושעס אַריבערגיין דעם ירדן. אין יעדער טייך שיידט מען אונטער „יונגע" און „אַלטע" שטראָמען. די יונגע „אַרבעטן מעשים" — זיי רייסן, פליקן, שווענקען זייערע ברעגן. די אַלטע זענען באַזאַכט און געלאַסן. אויך, הייסט עס, דער וועג פון טייך איז נישט אייביק: נישט דאָס וואַסער, נישט דער געלעגער און נישט די ריכטונג. טאָ וואָס דען? — מוז מען ענטפערן **אייביק איז דער שטראָם**, דער פּראָצעס פון שטראָמען, נאָר דאָס און נישט מער.

מען מעג אָננעמען, אַז בערג און ימים זענען אייביק. קומט די געשיכטע־לעכע געאָלאָגיע און דערציילט וועגן כסדרדיקע ענדערונגען, וועגן „געוועזענע" ימים, וועגן אַמאָליקע בערג וכדומה. באשר נישט נאָר דאָס לעבן פון יעדן מענטשן איז אַזוי קורץ, נאָר דער קאָלעקטיווער זכרון פון דער מענטשהייט בכלל איז צו קורץ צו קענען זען און געדענקען דעם געבורט און דעם טויט פון די כלומרשטע אייביקייטן. אייביק זענען **נישט זאַכן נאָר פּראָצעסן**, ענדערונגען. אַ גרויסער געאָלאָג און נאַטור־פילאָסאָף האָט אַ נאָמען געגעבן זיין לעבנס־ווערק „דאָס אומאָרגאַנישע לעבן פון דער ערד" (יוזעף לוקאַשעוויטש —

דער באַרימטער רעוואָלוציאָנער און „שליסלבורגער אַרעסטאַנט“, שפּעטער פּראָ־פעסאָר אין פּעטערבורג און ווילנע). זוכן גלייביקע מענטשן דעם אייביקן „באַרג סיני“. פּרייט מיך וואָס ייִדן טוען דאָס נישט. ביי אונדז איז יעדער שעפערישער מענטש, וואָס שאַפט, וואָס „גיט“ נייע תורות אַ „סיני ועוקר הרים“ און ווו נאָר אַ „תלמיד וותיק“ איז עפּעס מחדש איז דאָס דער באַרג סיני. יעדער ייִד אין יעדן דור דאַרף זיך באַטראַכטן ווי ער וואָלט געשטאַנען ביים באַרג סיני: דער פּראָצעס פון שאַפן תורה איז אייביק. — דער פעלדזיקער שטיינערנער באַרג גופא? זאָלן זיך אַנדערע אינטערעסירן מיט אים און זאָלן זיי דאָרטן בויען קלויסטערס... נישטאָ קיין אייביקע קעגנשטאַנדן אין דער נאַטור. איז פאַר אונדז אייביק דער פּראָצעס פון באַרג סיני, פון מתן תורה, אָבער נישט די שטיינער פון באַרג.

אָדער: אַ בוים אין פאַרגלייך מיטן לעבן פון אַ מענטשן איז דאָך טאַקע אַן „אייביקייט“! אָבער ווו איז זי, אָט די אייביקייט? עס זענען דאָך דאָ ביימער וואָס לעבן טויזנטער יאָרן. זאָגט מען דאָך אַז די ציפּרעס־ביימער אויפן הר הבית, וואָס מען פלעגט תמיד צייכענען אויף די אַלטע בילדער פון כותל מערבי, זענען נאָך פון פאַרן חורבן. זאָגן דאָך אַראַבער אַז אין באר־שבע איז נאָך דאָ דער אשל־בוים וואָס אברהם אבינו האָט געפלאַנצט; זענען דאָך אין מערב־אַמע־ריקע באַרימט די גיגאַנטישע סעקוויעס („רעדווּוד“) וואָס ציילן זייער עלטער מיט עטלעכע טויזנטער יאָרן. איז דאָך דאָס פאַר אונדז און פאַר אונדזערע באַ־גריפן זיכער אַן אייביקייט. אָבער וואָס איז אין דעם בוים אייביק? — דער וויכטיקסטער אָרגאַן אין אַ בוים זענען די בלעטער, זיי זענען די איינציקע לאַ־באָראַטאָריע אין דער וועלט ווו עס שאַפט זיך אָרגאַנישער שטאָף פאַר אַלץ וואָס עס לעבט. טאָ וויפל איז דאָס לעבן פון אַ בלאַט? — איין וועגעטאַציע־פּעריאָד אָדער עטלעכע, און זיי שטאַרבן אָפּ. דור הולך ודור בא — דורות בלעטער שטאַרבן אָפּ און דורות בלעטער קומען אויף, — און דער בוים לעבט ווייטער. אָבער דער גאַנצער בוים, כמעט דער גאַנצער איז דאָך האָלץ, און האָלץ איז שוין טויט, באשר האָלץ פוילט נישט אַזוי גיך ווי עס פוילט פלייש, און פוילנ־דיק האָט עס נישט אַזאַ שלעכטן ריח ווי עס האָט פלייש. דאָס לעבעדיקע אין בוים איז בלויז אַ דינער שיכט פון קעמערלעך, וואָס האַלטן אין איין אָפּשטאַרבן און אין איין באַנייען זיך (קאַמביום, רופט עס זיך). טאָ וואָס איז דאָ אייביק? — אייביק איז דער פּראָצעס. דער פּראָצעס פון אָפּשטאַרבן און באַנייען זיך, דער פּראָצעס פון שאַפן און צעשטערן.

נאָך דויערנדיקער פון אַ בוים איז דער וואַלד ווו דער בוים וואַקסט, נאָך „אייביקער“. אָבער אַפילו אַ שוואַכער וואַלדקענער וועט אייך דערציילן, אַז קיין זאַך איז נישט אייביק אין וואַלד. ביימער שטאַרבן און ביימער קומען אויף,

„צווישן די וואָרצלען איז אַ מוראדיקע מלחמה״ פאַר יעדן טראָפּן זאַפט; צווישן די צווייגן אַ מוראדיקע מלחמה פאַר יעדן טראָפּנדל זונליכט. איין סאָרט ביימער פאַרבייט זיך מיט אַ צווייטן, גראָזן פאַרנעמען דאָס אָרט פון וואַלד; זומפּן פאַרנעמען דאָס אָרט — נישטאָ קיין אייביקייט אין דער נאַטור. אויך די גאַנצע געוויקסן־וועלט האַלט זיך אין איין בייטן. אָט זענען זיי, די גרויסע יחסנים־ביימער פון אונדזער תנ״ך — די באַרימטע צעדערן פון לבנון, די „ארזי הלבנון״. זענען פון זיי איצט געבליבן עטלעכע הונדערט און נישטאָ מער. בלויז קליינע רעשטלעך, געציילטע ביימער. וויפל באָטאַניקער אין ארץ־ישראל עס האָבן זיך נישט באַמיט אויסצוהאָדעווען יונגע צעדערן, איז עס ביז מיין צייט נישט געלונגען (אין די דרייסיקער) — עס שטאַרבט אויס דער גאַנצער מין. אין שטילע טייכן פון אייראָפּע איז געווען אַזאַ מין „וואַסער־נוס״, וואָס מען פלעגט אים עסן (טראַפּאַ נאַטאַנס איז זיין כשרער נאָמען אין לאַטיין). מען באַשרייבט אים נאָך אין די ביכער, אָבער געפינען אים אַ לעבעדיקן איז שוין כמעט אוממעגלעך. אַ צענדליק יאָרן און מער האָבן מיר אים געהאַלטן אין זוכן אומעטום און נישט געפונען — שוין נישטאָ. אַ באָטאַניקער האָט מיר געזאָגט אַז ער האָט יאָ איין מאָל אים געפונען אין אַ פאַרוואָרפן טייכל. טוריסטן אין די אַלפּן ברענגען אַ קליין פאַרטריקנט האָריק געוויקסל וואָס מען דערלויבט נישט צו רייסן (עדל־ווייס)· און אַזוי אָן אַ שיעור. ווער עס איז כאָטש אַביסל באַקאַנט מיט דער פיטאָפּאַלעאָנטאָלאָגיע דער ווייסט, אַז קיין אייביקע מינים לעבעדיקע וועזנס זענען נישטאָ, אַז די גאַנצע געוויקסן־וועלט פון היינט איז נישט די זעלבע וואָס אין די פריערדיקע געאָלאָגישע תקופות.

באשר מיר, מענטשן, זענען געגליכן צו יענער פליג וואָס לעבט, לאָמיר זאָגן בדרך משל, איין שעה· קען זי זיך נישט פאָרשטעלן, אַז אין אַ צייט אָרום, אין „דורות״ אַרום ווערט עס פינצטער. אַן „אייביקייט״ (דאָך גאַנצע אַכט צי צען דורות!) איז עס פינצטער! אָדער נאָך מער: עס וועט קומען אַ געלערנטע פליג און דערציילן, אַז מיט גאָר אַ סך דורות צוריק איז די גאַנצע „וועלט״ געווען באַדעקט מיט שניי, און אַז דער שניי־פּעריאָד האָט זיך געצויגן אַזש טויזנטער דורות (אַ דור — אַ שעה, און אַ גאַנץ ווינטער!) וואָס איז מ׳שטיינס געזאָגט אונדזער לעבן אין פאַרגלייך מיט דער געשיכטע פון דער וועלט אויב נישט אָט אַזאַ „פליגן־תקופה״?

נאָר איין זאַך זעען מיר: עס איז נישטאָ קיין אייביקע פאָרעם פון מאַטעריע, אַלץ בייט זיך, אַלץ ענדערט זיך, אַלץ געפינט זיך אין אַן אייביקן שטראָם (טאַקע אַן אייביקן!) פון כסדרדיקע ענדערונגען, אין פּראָצעס פון טראַנספאָרמאַציע. און יעדער איינס, יעדער לעבעדיק וועזן איז נאָר איין טראָפּן פון אָט דעם אייביקן שטראָם. פון דעם ערשטן איינציקן געוויקסן־קעמערל וואָס

האָט זיך ווען עס איז באַוויזן אויף דער ערד (ריכטיקער — אין וואַסער!) און ביז די היינטיקע קאָמפּליצירטסטעביימער ציט זיך איין שטראָם, אַ שטראָם פון לעבן. ווי קען מען זיך פאַרגינען צו זוכן אייביקייט פאַר אַ טראָפּן, פאַר אַ יחיד וואָס יסודו מעפר וסופו לעפר? נישט בלויז האָט מען אונדז נישט געלאָזט פאַרגעטערן קיין ביימער, נאָר אויך אברהם אָבינוס „אשל״ אין באר־שבע, האָבן אונדזערע עלטערן פאַרוואַנדלט אין אַ סימבאָל, וואָס קען יאָ שוין זיין אַן איי־ביקער: דאָס וואָרט אשל איז אַ ראשי תיבות, וואָס באַטייטן — אכילה, שתיה, לינה — זיי אַ מכניס אורח און גיב עסן, טרינקען און אַ נאַכטלעגער.

פון נאַטורוויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט איז אַ מענטש דער זעלביקער יחסן ווי אַ פליג, ווי אַ וואָרעם, ווי אַ בוים — כי האדם עץ השדה. ווי יעדער אַנדער אָרגאַניזם באַשטייט זיין קערפּער פון געוועבן, און די געוועבן — פון קעמער־לעך, און זיי האָבן אַ קורצן לעבנס־דויער. ווער קען וויסן וויפל מאָל אין משך פון די זיבעציק יאָר עס בייטן זיך די קעמערלעך אין זיין גוף? אָט דערמאָן איך זיך איצט אַ סך פאַקטן פון ביאָלאָגיע, וואָס איך האָב געלערנט מיט צענדליקער יאָרן צוריק. די זכרונות זענען דאָ, אָבער צי זענען אין מיר דאָ די קעמערלעך וואָס זיי האָבן בשעתם אויפגענומען דאָס וויסן וואָס איך דערמאָן זיך איצט? ווער ווייס? אָט איז אַן אַטאָם זויערשטאָף, וואָס איך האָב אַריינגעאָטעמט אין זיך מיט אַ שטיקל צייט צוריק. ער איז געבראַכט געוואָרן מיטן שטראָם פון בלוט צו ערגעץ אַ געוועב, האָט געהאָלפן צו פאַרברענען און פאַרברענט צו ווערן, און אָט איז ער אויסגעאָטעמט אין דעם קוילנזויער־גאַז אין דער לופט אַריין... איז דער מענטש מיט זיינע בידנע ביסל יאָרן אַן אייביקייט לגבי די קעמערלעך וואָס אין זיין גוף. אַלץ בייט זיך, אַלץ ענדערט זיך. אייביק איז דער פּראָצעס פון כסדרדיקן אומבייט, אייביק איז דאָס כסדרדיקע שטאַרבן און כסדר־דיקע געבוירן ווערן. זאַכן אָבער קענען נישט און זענען נישט אייביק. יעדער קעמערל אין מענטשן איז בלויז אַ טראָפּן אין שטראָם פון די אָרגאַנישע ענדער־רונגען וואָס מיר רופן לעבן. דער גאַנצער מענטש ווי יענע היפּאָטעטישע איין־שעה־פליג איז אויך נישט מער ווי אַ טראָפּן אין דעם שטראָם וואָס הייסט לעבן אויף דער וועלט. דורות גייען און דורות קומען. מינים באַשעפענישן שטאַרבן און מינים נייע קומען אויף. אָט שטאַרבן אויס די אייראָפּעיִשע בוזאַנען (די זוברעס) אין די ביאַלאָוועזשער וועלדער אַרום ביאַליסטאָק; אָט געפינט מען אין דער ערד רעשטלעך (און אויך גאַנצע!) מאַמאַנטן, וואָס זענען שוין אויסגע־שטאָרבן. און אָט זענען שוין לאַנג אויסגעשטאָרבן די דינאָזוירן אין איכטיאָזוירן און טרילאָביטן און גראַבטאָליטן און נאָך טויזנטער מינים. דער מענטש מיט אַלע זיינע חכמות און נאַרישקייטן איז נאָר איינער פון אָט די אַלע אומצאָליקע מינים באַשעפענישן.

ובכן — קיין אַבסאָלוטע אייביקייט קען נישט זיין, מיר קענען נאָר ריידן וועגן רעלאַטיווער אייביקייט. וואָלטן געווען אייביקע קעגנשטאַנדן, וואָלטן דאַן נישט געקאָנט זיין קיין פּראָצעסן, וואָס ענדערן זיי. פּראָצעסן זענען אַ פאַקט. אייביקייט — איז בלויז אַ געדאַנק (ריכטיקער — אַ פאַרלאַנג), — און ברי ושמא — ברי עדיף אַלעמאָל, נישט בלויז אין גמרא.

אַז מען וויל קען מען אָבער זאָגן פּונקט פאַרקערט: יאָ, קליין איז דער טראָפּן וואַסער, אָבער דער גאַנצער גרויסער טייך באַשטייט דורכויס פון אַזוי־נע קליינע טראָפּנס און גאָר די אויפטוען פון דעם טייך אין זיין אייביקייט, גאָר די געאָלאָגישע ענדערונגען וואָס ער האָט געשאַפן אין זיין אייביקן שטראָמען — אַלץ מיט אַן אַנדער געהערט דעם וואַסער און דאָס וואַסער באַשטייט פון טראָפּנס. יעדער טראָפּן האָט זיין חלק אין דער אייביקייט פון טייך, אין אַלע קאָנסטרוקטיווע און דעסטרוקטיווע פּראָצעסן (אין געאָלאָגישן זינען) פון שטראָם, פון טייך. דאָס הייסט אַז „כל טראָפּן יש לו חלק לעולם הבא". יעדער איינציקער בלאַט פון אַ בוים קען זיך באַרימען אַז עס האָט זיין חלק אין דער אייביקייט פון בוים. עס האָט אויך געהאָלפן שאַפן זיין קערפּער. קליין איז דער חלק, אַ טראָפּן־חלק, אָבער אַ חלק איז עס. דער גאַנץ־גרויסער אוצר פון אָנגעזאַמלטן האָלץ אין בוים איז אַ תולדה פון אַ גאַנץ גרויסן און דויערנדיקן פּראָצעס פון שאַפן, פון בויען. דער בוים באַשטייט פון קליינע, אומענדלעכע קליינע ברעקע־לעך און דער גרויסער און אומענדלעך לאַנגער פּראָצעס פון שאַפן באַשטייט אויך פון אַן אומענדלעך גרויסער צאָל פּיצינקע פּראָצעסלעך, פון יעדער גרי־נעם קעמערלס פּראָצעס באַזונדער. אין דעם איז זיין אַנטייל אין דער אייביקייט.

דאָס זעלביקע קען, מיט דער זעלביקער רעכט, געזאָגט ווערן וועגן יעדער איינציקער באַשעפעניש און וועגן יעדער איינציקן קעמערל אין גוף פון יעדער באַשעפעניש. מעג יעדער אַטאָם זויערשטאָף, וואָס איז ווען עס איז איינגע־אָטעמט געוואָרן דורך איינשטיינען, זיך באַרימען, אַז ער האָט אויך אַ חלק אין דער אומשטאַרביקייט פון אָט דעם גרויסן מענטשן... און ווער קען פאַרזיכערן, אַז אָט דער זעלביקער אַטאָם־זויערשטאָף האָט בשעתו נישט באַלעבט דעם מוח פון ניוטאָנען?...

און דער מענטש? — אין דעם לאַנגן פּראָצעס פון לעבן אויף דער בידנער ערד איז ער אויך אַ קליינער רינג אין דער אינסופיקער קייט פון לעבן. איז כל מענטש יש לו חלק אין דער אייביקייט. אייביק, אומשטערבלעך איז נישט דער יחיד, ער איז בלויז אַ טראָפּן אין דעם כלל, וואָס מאַכט דורך דעם גרויסן אומ־ענדלעכן פּראָצעס.

אין די עלטערע ספרים פון אונדזער תנ"ך ווערט דאַכט זיך נישט דערמאָנט קיין עולם הבא, קיין חיי עולם, קיין אייביקייט פאַרן יחיד. עס רעדט זיך יאָ

וועגן דער צוקונפט פון דעם כלל. די נביאיםריידן וועגן אייביקייט פון פאָלק, ונטעתים על אדמתם און אַזוי אַלע. דער יחיד האָט קענטיק נאָך נישט פרעטענ־דירט אויף קיין חיי עולם. מען דאַרף זיך פירן גוט "למען יאריכון ימיך על האדמה אשר אני נותן לכם" — אין די אינטערעסן פון פאָלק, אָבער נישט פון יחיד. קענטיק אַז דער כלל־באַוווסטזיין איז געקומען פריער ביי דער מענטשהייט איי־דער דער פּרט־באַוווסטזיין. די אינטערעסן פון כלל קומען פריער. כ'מיין צו זיין נישט ווייט פון אמת אויב איך וועל זאָגן אַז אויך ביי בהמות, ביי חיות, איז דער אינסטינקט צו דערהאַלטן דעם מין שטאַרקער איידער דער אינסטינקט צו דער־האַלטן דעם יחיד.

מיר דאַכט זיך אַז דער ערשטער איז געווען ירמיהו, וואָס האָט רעוואָלטירט קעגן דעם כלל אין נאָמען פון פּרט. ער שטעלט דאַכט זיך דער ערשטער די פראַ־גע "מדוע דרך רשעים צלחה?" (קאַפּ' יב). עס איז ביי די פריערדיקע נביאים בכלל שווערער צו טרעפן דעם פּערזענלעכן מאָמענט. זיי האָבן דעם יחידישן מענטשן, זיך אַליין אַפילו נישט געזען, נישט באַמערקט. ערשט שפּעטער, אויף אַ העכערער מדרגה פון אַנטוויקלונג איז געקומען דאָס באַוווסטזיין פון יחיד ווי אַזאַ מיט זיינע דירעקטע פאָדערונגען פאַר זיך. "פאַרוואָס זאָגט מען עפּעס, אַז די עלטערן האָבן געגעסן אומצייטיקס און ערשט ביי די קינדער וועלן די ציין הייליק ווערן"? ניין, זאָגט ירמיהו, איטלעכער וועט פאַר זיינע אייגענע זינד שטאַרבן.

דאָס שטימט אויך מיט דער אַנטאָגענעטישער אַנטוויקלונג (אַנטוויקלונג פון יחיד). אַ קליין קינד באַמערקט פריער זיין סביבה און ערשט שפּעטער קריגט ער זיין אייגענעם "איך־באַוווסטזיין". אַזוי איז אויך פילאָגענעטיש: ערשט אויף אַ העכערער מדרגה פון קולטור איז דער יחיד געקומען מיט זיינע יחידישע פּרעטענזיעס — שכר ועונש, נישט למען דעם כלל נאָר טאַקע פאַר זיך אַליין. אויב יאָ זיין גוט, טאָ פאַרוואָס איז צדיק ורע לו? דאָס איז געווען דער רעוואָלט פון יחיד, וואָס האָט זיך עמאַנציפּירט פון די כלל־אינטערעסן. אָט די יחידישע פּרעטענזיעס האָבן שפּעטער געפירט צו דעם גאַנצן קאָמפּליצירטן סיסטעם פון השגחה פּרטית, פון עולם הבא מיט דעם גן־עדן און גהינום, ווו אַלע חשבונות פון פּרט ווערן אויסגעגליכט, נישט ווי אויף דער וועלט, אויף דעם עולם השקר, וואָס איז נאָר אַ פּרוזדור לחיי עולם הבא, נאָר אַ שטיקל צוגרייטונג, חיי שעה, אַנטקעגן דעם חיי עולם... קען זיין אַז די יחידישע פאָדערונגען זענען געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז אַן דעם טיפן גלויבן אין השגחה פּרטית וואָלטן נישט געווען קיין בעלנים ביי יידן אויף דעם כסדרדיקן קידוש השם און מסירת נפש פאַר יידישקייט. טאַקע דערפאַר, אין די אינטערעסן פון קיום האומה האָבן די פּרושים אַזוי שטאַרק פאַרטיידיקט די אידייע פון תחית המתים און שכר ועונש בכלל

אויף יענער וועלט, כדי צו סטימולירן ענערגיע צו זיין אַ ייִד. האָבן דאָך די איסיים אין זייער דראַנג צו פּערזענלעכער קדושה, אינגאַנצן פאַרלאָזן די אינטערעסן פון דעם כלל, פון קיום האומה. אמת, שוין ביי יחזקאל הנביא איז פאַראַן אַ פּאַעטיש בילד פון תחית המתים — דאָס באַרימטע קאַפּיטל וועגן דעם טאָל מיט די ביינער (ל״ז). אָבער ער אַליין אויפן אָרט דערקלערט דאָך, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ משל אויף דעם כלל ישראל אין גלות. דער אמתער גלויבן אין תחית המתים פון יעדער יחיד האָט זיך אַנטוויקלט אין דער תקופה פון בית שני, ווען ייִדן האָבן זיך „אינדיווידואַליזירט״; ווען מלוכה, מדינה האָבן ביי ייִדן אָנגעוואָרן דעם חן, ווען ייִדן האָבן זיך גערן געלאָזט צעשפּרייטן איבער דער וועלט, צעשאָטן ווערן, ווען די סכנה פון אַסימילאַציע און פון קולטורעלן אונטערגאַנג איז געוואָרן גאָר שטאַרק. דעמאָלט איז ביי די פּרושים אויפגעקומען דער גלויבן אין פּערזענלעכן שכר ועונש, אין אַ לעבן נאָכן טויט, איז אַן עולם הבא, דאָרטן ווו אַלץ איז ערלעך און איטלעכער באַקומט זיין געהעריקן, פּאַרדינטן אָפּצאָל. אַזוי אַרום איז דער יחיד מיט זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן איינגעשפּאַנט געוואָרן אין די קיום־אינטערעסן פון כלל, פון גאַנצן פאָלק.

**
*

ביז איצט האָבן מיר זיך באַמיט צו באַהאַנדלען די פּראָבלעם פון וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט. צי האָבן מיר אָבער דאָס רעכט אַריינצורעכענען דעם מענטשן אין דעם גאַנצן „עם כל הנערים״ פון אַלע באַשעפענישן? איז דאָך דער מענטש אַ באַשעפעניש, וואָס קען דענקען און אַרויסזאָגן זיינע געדאַנקען נישט בלויז אין אַדעקוואַטע האַנדלונגען נאָר אויך דורך קלאַנגען־סימבאָלן (ווערטער) וואָס זענען אין תוך אַריין אַנדערש ווי יענע קלאַנג־סיגנאַלן וואָס חיות גיבן אַרויס אָדער ווי עס איז די ערשטע געשריי־שפּראַך פון גאָר קליינע קינדער איידער זיי הייבן אָן צו ריידן! דער מענטש קען צעגלידערן יעדער געדאַנק אויף עלעמענטן, אויף באַגריפן און זיי קאָמבינירן; ער קען אויך זיינע געדאַנקען אַרויסגעבן נישט בלויז אין קלאַנגען, נאָר אויך אין אַנדערע צייכנס ווי עס איז שריפט און דורך דעם קען ער איבערגעבן זיינע געדאַנקען איבער שטחים און איבער צייטן, פון דור צו דור, דוד לדור יביע אומר (עס שטייט אין תהלים עט־וואָס אַנדערש). דורך דעם קען אַ מענטש פון היינט זיך צונויפריידן מיט פריערדיקע דורות אָדער רעוואָלטירן קעגן זיי. טאָ ווי אַזוי מעגן מיר אַריינרעכענען דעם מענטשן אין דעם גאַנצן באַשאַף? צי איז דער בחיר היצורים נישט באַרעכטיקט אויסגעטיילט צו ווערן פון אַלע אַנדערע שרצים ורמשים, חיות און עופות? האָט נישט דער מענטש זיך דערדינט צו חיי עולם טאַקע דורך דעם וואָס ער האָט

געגעסן פון עץ הדעת און איז געוואָרן נישט בלויז אַ ח י נאָר אויך אַ מ ד ב ר ?

דאָ דאַרף מען צעשיידן צוויי ריכטונגען אין דעם גלויבן. פון זינט דער גלויבן אין חיי עולם איז אויפגעקומען ביי יידן איז פאַראַן אַ נייגונג זיך פאָר־צושטעלן די זאַך פשוט מאַטעריאַליסטיש. די צדיקים וועלן אויפשטיין תחית המתים מיט זייערע בגדים, ווייל עס איז אַ קל וחומר פון ווייץ וכדומה. און עס איז פאַראַן אַ צווייטע ריכטונג — אַ ריין גייסטיקע. „יענע וועלט" איז בלויז חיי הרוח אָן אַ ברעקל גשמיות. די אַלע פרווון צו זוכן עפּעס אייביקס אין גייסט פון אַ יחיד ווי ער איז געוועזן אויף דער וועלט זענען אין תוך אַריין אויך מאַ־טעריאַליסטישע. די נשמה, צי זי האָט געאָמעטרישע מאָסן צי נישט, אָבער זי איז עפּעס מער פאַר זיך, אָפּגעזונדערט פון אַנדערע זאַכן, פון אַנדערע גייסטער אָדער קערפּערס. אויב אַזוי שטעלט די נשמה מיט זיך פאָר עפּעס אַ וועזן, — און דאָס איז שוין עפּעס אַ מאַטעריע, עלעהיי עטער וכדומה. וועגן דעם קען איך נישט דיסקוטירן און איך ווייס נישט ווער עס קען יאָ. דאָס איז אַ זאַך, לאָמיר זאָגן, פון גלויבן אָבער נישט פון פּאָזיטיוון וויסן. בלייבט עס מחוץ פון אונדזער דענקען. איך מיין אָבער אַז עס צו האַמעטנע פאַר אַ יידן צו גלייבן אין אַזאַ מין עקזיסטענץ פון נשמות ערטלאַין, וואָס בלאָנדזשען ערגעץ אין וואָסערע וועלטן אָן אַ גוף. אונדזער רעליגיע וויל דאָך אויסמיידן אַזאַ מין עקזיסטענץ אויך פאַר גאָט אַליין. האָט דאָך אליהו הנביא אין תנ"ך באַשטימט, אַז גאָט איז נישט אין שטורעם, נישט אין פייער, נאָר ער, דער נביא, דערפילט גאָט אין דעם קול דממה דקה, וואָס גייט מסתמא פון זיין האַרץ אַליין. האָט דאָך די גמרא געהייסן אברהם אָבינו ער זאָל צעברעכן אַלע מאַטעריעלע געטער פון זיין טאַטן, ווייל יעדע מאַטעריע וואָס אַ מענטש דינט צו איר איז שוין נישט קיין גאָט נאָר אַ געץ. ביי אונדז איז אַ געץ אויך אַ מענטש וואָס מען דינט צו אים.

פאַר אונדז יידן איז נישט דערלאָזבאַר זיך פאָרצושטעלן גאָט אין אַ משפחה־דיקער נאָענטקייט צו מענטשן (טאַטע און זון). עס איז געצנדינעריש צו ריידן וועגן אַ מוטער וואָס האָט געבוירן אַ גאָט פון אַ גאָט, וואָס איז אַרויף אויפן הימל מיט אירע בגדים; עס איז געצנדינעריש פאַר אונדז אַז עמעצער האָט געזען גאָט ווי אַ געשטאַלט מיט אַן אויסזען. ביי אונדז איז נאָענטקייט צו גאָט — דורך מעשים (מה הוא רחום, אף אתה רחום ואַז"וו). און דאָס זעלביקע איז שייך אויך צו נשמות: בשום אופן נישט קיין געאָמעטריש ענדלעכע און געשטאַל־טיקע פאָרשטעלונגען.

דאָך גלייב איך באמונה שלמה אין השארת הנפש אין גייסט פון אונדזער יידישקייט. אָבער נישט מאַטעריאַליסטיש. אונדזער גאָט איז נישט קיין גאָט, נאָר אַ געטלעכקייט, וואָס פילט אָן דעם גאַנצן באַשאַף, ער אַנטפּלעקט זיך נישט

בלויז אין דונערן און בליצן אויף דעם בארג סיני, נאר אין קול דממה דקה פון אַ קינדישן שמייכל און אין דעם אַרויסשפּראָץ פון אַ קליין גרעזל, אין געבורט פון אַ פליגל און אין געזשום פון אַ ריטשקע און אין וואָס נישט? ברוך המקום, שהוא מקומו של עולם. אָן דער וועלט איז נישטאָ אויך קיין געטלעכקייט. כדי אָבער צו דערשפּירן די געטלעכקייט דאַרף מען האָבן אַ האַרץ און אַ געפיל און אַ „נשמה״, אַ חלק אלוה ממעל, און נישט סתם אַ „דוך״, עפּעס אַ סכום רעפלעקסן און אינסטינקטן. בכן אונטערשיידן מיר, אין גייסט פון די אוראַלטע דענקער, די חיהשע נשמה און די מענטשישע. זי האָט נישט קיין שייכות צום גוף און זיינע באַדאַרפן, צו דער פיזיאָלאָגיע, זי אַנטפּלעקט זיך אין אירע אויפטוען, ווי גאָט אין זיין באַשאַף, אין אירע יצירות. פּונקט אַזוי ווי מיר טאָרן נישט — אין אונדזער אַמאַטעריעלער פאַרשטעלונג פון גאָט — זיך פאָרשטעלן גאָט מחוץ פון דער וועלט, ווי אַ מייסטער און זיין ווערק, אַזוי טאָרן מיר זיך נישט פאָרשטעלן די נשמה מחוץ פון אירע יצירות. ווייל אונדזער אמונה טהורה, אונדזער ייִדישקייט — באַפרייט פון די האַמעטענע פאַרשטעלונגען פון המון — איז דורכויס אַמאַטעריאַליסטיש. דערפאַר איז ביי אונדז אויך נישטאָ — ווי ביי אַנדערע — קיין קולט פון משהן למשל מיט זיין ביאָגראַפיע, מיט אַ גאַנצן פּאַנטעאָן פון „הייליקע״ עלעהיי אַן אַלימפּ מיט געטער און האַלבע געטער. אַזוי אויך דאַרפן מיר אַפּרייניקן די פאַרשטעלונג פון חיי עולם פון אַלע וווּלגאַרע בילדער ווי דער שור הבר און לויתן, ווי די אָפּטיילונגען פון גהינום וכדומה. דאָס אַלץ איז נאָר „כדי לשבר את האוזן״, כדי צו פאַרגרינגערן די ריין אבסטראַקטע פאַרשטעלונגען. „דברה תורה בלשון בני אדם״, נישט מער. די חיי עולם פון דער מענטשישער נשמה קען זיין נאָר דאָרטן ווו עס היטן זיך אויף די גייסטיקע שאַפונגען פון דער מענטשהייט. ווי גאָט אין דער וועלט, אַזוי אויך זיין חלק אלוה ממעל — די נשמה אין אירע יצירות וואָס ווערן ווייטער און ווייטער געטראָגן אויף דער וועלט, אין לעבן פון דורות און דורות, אין פּראָצעס פון בסדרדיקן גייסטיקן שאַפן.

איך ווייס, איך גלייב צוזאַמען מיט דער גאַנצער וויסנשאַפט אַז אָט די העכערע, מענטשישע נשמה האָט זיך אַנטוויקלט פון דער נידעריקערער, חיהשער נשמה. דאָס איז דאָך אויך דער מאָניזם, דער אחד פון אונדזער גלויבן, און וואָס די גאַנצע וויסנשאַפט אין איר ריינער פאָרעם שטרעבט צו אים, פירט צו אים, זוכט אים. אחדות הבורא איז אין דער אחדות הבריאה, אָבער מיר וועלן דאָ נישט באַרירן די פילאָגענעטישע אַנטוויקלונג (די אַנטוויקלונג דורך דורות) פון גייסט, פון דער נשמה. איין זאַך דאַרף פאַר אונדז זיין קלאָר: די גאַנצע מאַטעריאַליסטישע פאַרשטעלונג פון שכר און עונש אויף יענער וועלט אין פאָרעם פון גן־עדן און גהינום זענען נאָר אַ משל, כדי גרינגער צו מאַכן דאָס צו

פאַרשטיין. אַזוי דערקלערט שוין דער רמב״ם (געבראַכט לויט „ילקוט הדעות והמדות״ פון פראָפ׳ ח. י. רות, § 58. ער ציטירט די הקדמה לחלק). ווי מיר נעמען אויף איז דאָס חיי עולם פון גייסט מעגלעך און איז פאַראַן בלויז „בארצות החיים״ — דער עולם הבא נאָר אויף ד ע ר וועלט, אין דעם עולם הזה, אין דעם המשך, אין דעם אייביקן פּראָצעס. „חי, חי הוא יודך״, „לא המתים יהללו יה ולא כל יורדי דומה״. דאָ ליגט דער זינען פון דעם טראַדיציאָנעלן אויפשריפט אויף יידישע מצבות „תהי נפשו צרורה בצרור החיים״, אָדער אין דעם נוסח פון אל מלא רחמים „ויצרור בצרור החיים את נשמתו״. ווען איז געשטאָרבן רש״י? דאָס זאָלן זוכן די געשיכטלער. ווען אָבער וועט רש״יס, ג ײ ס ט שטאַרבן? אויף דעם קען יעדער ייד ענטפערן: „רק עם אחרון היהודי״ — ווען יידן וועלן מער נישט לערנען קיין שטיקל חומש מיט רש״י.

דאָס אייביקע אין טייך איז דער פּראָצעס פון שטראָמען; דער אָנטייל פון איטלעכן טראָפּן וואַסער איז זיין חלק אין דעם שטראָם. די אייביקייט פון גייסט איז אין פּראָצעס פון שטראָמען און דאָס חיי עולם פון יעדער יחיד איז זיין חלק אין דעם פּראָצעס. אַלדאָס איבעריקע איז ספּעקולאַציע, אפשר יאָ און אפשר נישט און מיר פאַרנעמען זיך נישט דערמיט. פאַראַן אין תלמוד אַן אויסערגעוויינלעך־אינטערעסאַנטע אגדה: משה האָט געבעטן ביי גאָט ער זאָל אים ווייזן „דור דור ודורשיו, דור ודור וחכמיו״ — ער וויל זען די תורה אין דעם פּראָצעס פון איר אַנטוויקלונג. ווייזט אים גאָט ר׳ עקיבא און זיינע תלמידים. פאַרשטייט נישט משה וואָס מען לערנט דאָרטן, פאַרדריסט עס אים. הערט ער ר׳ עקיבא דערקלערט: „עס איז הלכה למשה מסיני״. האָט זיך משה באַרויקט. משה איז גרויס, אָבער ער איז בלויז דער אָנהייב פון דעם לאַנגן פּראָצעס וואָס רופט זיך „תורה״, ווייל אויך זי, ווי דער פּראָצעס פון גייסטיקן שאַפן מוז זיין אין אַ פּראָצעס. און — אשרי האיש — וואויל איז דעם מענטשן, וואָס האָט באַוויזן אַריינצופלעכטן זיין טראָפּן שאַפונג אין אָט דעם אייביקן פּראָצעס. דאָס איז ה ש א ר ת ה נ פ ש.

אין פאַרבינדונג מיט דעם איז אינטערעסאַנט צו ברענגען נאָך עפּעס: אין חומש שטאַרבט משה, שטיל, אומבאַוווּסט ווו. דער גוף זיינער איז געשטאָרבן. ער פּראָטעסטירט דאָ נישט: דאָס יחידישע באַוווּסטזיין און די פּרעטענזיעס פון יחיד האָבן נאָך דאַן נישט געמאָטערט. אָבער משה אין דער אגדה וויל שוין נישט שטאַרבן, ער פּראָטעסטירט און בעט זיך: פאַר דעם בעל אגדה זענען שוין די אינדיווידועלע פּרעטענזיעס געוואָרן אַ פאַקט.

מיר איז אַמאָל אויסגעקומען דורכצופאָרן די אַראַבישע רמלה אין דעם טאָג ווען זיי פּראַוווען זייער יום־טוב „נאבי מוסה״ (דער נביא משה). איך האָב געזען די פּראָצעסיע מיט מעסערס, מיט ווייס איך וואָס, ווי מען לאָזט זיך צו משהס

קבר, — האָב איך געטראַכט: פאַר זיי איז משה טויט, געשטאָרבן דאָרטן און דאָרטן, אין דער און דער דאַטע, און זיי ווייסן ווו עס איז דער קבר פון זיין גוף. פאַר אונדז אָבער איז משה נישט טויט, כל־זמן אַ וועלט מיט יידן האָט חתונה כדת משה וישראל, כל־זמן אַ וועלט מיט יידן היט אַ הלכה למשה מסיני, כל־זמן עס גייט דער פּראָצעס וואָס משה האָט אָנגעהויבן, כל־זמן עס פליסט דער שטראָם וואָס הייבט זיך פון אָט דעם קוואַל וואָס רופט זיך משה... ווי נאַריש, קליין און ווי געצנדינעריש עס איז די גאַנצע זוכעניש פון משהס ביאָגראַפיע. מען דערציילט ביי יידן אַ ווערטל, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם יידישן צוגאַנג צו גוף און גייסט. ר׳ עקיבא אייגער זאָל האָבן געזאָגט: וואָס פאַר אַ שמעקטאַבאַק רש״י האָט געשמעקט — דאָס פרעגט ביי צונצן, (ד״ר לעאָפּאָלד־ליפּמאַן צונץ — דער פאָטער פון דער וויסנשאַפטלעכער געשיכטע פון אונדזער קולטור), אָבער אַ פּרשה חומש מיט רש״י וועל איך מיט אייך לערנען.

איך האָב אַמאָל געזען אין ר׳ חיים עוזרס קיבוץ אין ווילנע, ווי אַ בחור איז אַרומגעלאָפן איבערן בית מדרש, געמאַכט מיט די הענט און געהאַלטן אין איינבערחזרן: „אי, ר׳ עקיבא! דו פּלוידערסט דאָך ווי אַ שיכורער״...

אין דער חוצפּהדיקער „דיסקוסיע״ מיט ר׳ עקיבאן איז פאַראַן מער גלויבן אין אייביקייט ווי אין אַלע בראַנדזענע דענקמעלער, וואָס אַנדערע מאַכן, מער ווי אין אַלע יאָרצייטן וואָס מען היט אָפּ.

די גאַנצע רעליגיע ביי לייטן איז קאָנצענטרירט אַרום דער פּערזאָן פון... גאָט (צי פון זיין זון). מיט זיין ביאָגראַפיע זענען פאַרבונדן אַלע יום־טובים. דאָס גלייבן אין אים איז דער עיקר פון דער אמונה, די געשיכטע פון זיין ערדיש, גופיש לעבן איז דער אינהאַלט פון זייער הייליקסטן ספר. דאָ איז אַ מאַטעריאַליסטישער צוגאַנג. דער עצם גוף פון אָט דעם מענטש־גאָט איז הייליק. סימבאָליש עסט מען זיין גוף און מען טרינקט זיין בלוט.

ווי ווייט דאָס אַלץ איז פון אונדזער אַמאַטעריאַליסטישער רעליגיע: משהס ערדיש לעבן האָט אַ קנאַפּע שייכות צו יידישקייט. נישט זיין פּערזאָן שטייט אין צענטער פון גלויבן. יעדער ייד וואָס שאַפט יידישקייט ווייטער, וואָס איז אַ תלמיד וותיק און ער איז מחדש חידושי תורה, איז זיין שאַפונג ווי עס זאָל זיין נתנה למשה מסיני — דער זעלביקער יחוס. אונדזער יידישקייט איז אַ רעליגיע אָן אַ טעאָלאָגיע: דער מהות פון גאָט גייט גאָרנישט אָן. עס זענען דאָ באַגרענעצונגען, מען זאָל אין לערנען דערמיט זיך נישט פאַרנעמען: מען זאָל נישט פאַרנעמען זיך מיט „מעשה מרכבה״, מיט „מה למעלה און מה למטה״ וכדומה. דער יידישער גאָט זאָגט אַליין „הלוואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו״. משה זאָגט „הלוואי וואָלטן אַלע יידן געווען נביאים״ (מי יתן והיה כל עם ד׳ נביאים).

פאַר אונדז איז יעדער מאַטעריאַליזאַציע, יעדער חשיבות וואָס מען גיט צו דער שטאָף פון באַשאַף אָדער פון באַשעפער בלויז געצנדינעריי און נישט מער.

דווקא דאָס וואָס אונדזער ייִדישקייט האָט תמיד, פון אייביק אָן, מיט אַלע מיטלען זיך באַמיט צו באַזייטיקן יעדער גשמיות, יעדער מאַטעריאַליסטישע פאַר־שטעלונג, דווקא דאָס האָט געהאָלפן פאַרוואַנדלען ייִדישקייט אין אַ פּראָצעס, אין אַ שטראָם, וואָס פליסט דורך דער אייביקייט און דורך דער אומעטומיקייט, וואָס דערגייט ביז אַ „פעמים שביטולה של תורה זהו קיומה״ (פון תלמוד). מיר — די ייִדן פון היינטיקן דור, אַפילו די דענקענדיקע, — מיר אין אונדזער גע־פאַלנקייט ביי זיך, מיט אונדזער עגאָפאָביע באַנעמען נישט דעם גוואַלדיקן אונ־טערשייד, למשל אין דעם: ווער עס בויט קלויסטערס אויף דעם מדברדיקן, צע־שרפּהטן פעלדז, וואָס טראָגט דעם נאָמען סיני, דערפאַר ווייל דאָרטן איז אַמאָל געשטאַנען מיט זיינע הייליקע פיס משה און דאָרטן טאַקע איז געשטאַנען (צי געזעסן) גאָט און דאָרטן האָט ער גערעדט צו דער וועלט און דערפאַר איז דער עצם שטיין הייליק... און ווער עס האָט פאַרגעסן אָט דעם מאַטעריעלן, געאָגראַ־פישן באַרג און גענומען דעם פּראָצעס פון מעמד הר סיני און אים געטראָגן מיט זיך אין אַלע גלותן.

די אייביקייט פון ייִדישקייט איז פאַרבונדן, איז מעגלעך געוואָרן נאָר אַדאַנק דעם וואָס מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אייביקע מאַטעריעס. מיר האָבן געקאָנט זוכה זיין צו בויען דאָס נייע ירושלים בלויז דערפאַר וואָס מיר האָבן געבויט „ירושלימס״ אין אַלע גלותן, דער יחיד ווי דער כלל: עס קען האָבן חיי עולם בלויז דער, וואָס האָט באַוויזן אויסצופורעמען גייסט אין לעבעדיקע ווערטן.

די גאַנצע ד י וועלט איז דאָך נאָך אַן עולם התוהו, אַ נאַרישע וועלט און אַ פאַלשע וועלט, און זי איז נאָר אַ פּרוזדור זיך צוצוגרייטן צו דעם עולם האמת, צו דעם עולם שכולו טוב, — טאָ וואָס לוינט זיך עס אָנצושטרענגען און זיך מאַטערן צו באַזאָרגן זיך מיט אַ גוטע און רויִקע חיי שעה? אַז היום כאן ומחר בקבר? אין מיינער אַן אַרבעט „כעס אין דער ייִדישער קולטור־געשיכטע״ באַנד 3 פון מיינע שריפטן) האָב איך זיך באַמיט צו באַווייזן דעם פּסיכאָלאָגישן אָפּשטאַם פון אַזאַ אויפפאַסונג, אָבער אַהער איז עס נישט שייך.

דאָ איז פאַר אונדז געגנוג צו פאָרמולירן:

אין גייסט פון דער וויסנשאַפט און אין גייסט פון אונדזער ייִדישקייט דאַרף מען די פראַגע וועגן אייביקייט פון יחיד אָפּטיילן לגמרי פון מאַטעריע. דער יחיד קען בלויז אָנטיילנעמען אין דער אייביקייט פון כלל. דער כלל ווידער האָט זיין אייביקייט אין פּראָצעס פון כסדרדיקער טראַנספאָרמאַציע און ענדערונגען, פון פּושט צורה ולובש צורה.

פעלקער זענען שטאַרביק, נישטאָ קיין אייביקע פעלקער, די גאַנצע מענטש־

לעכע געשיכטע איז אַ מעשה פון פעלקער וואָס ווערן געבוירן און שטאַרבן — אַלע אַזוי. אַלע אַחוץ דעם שוואַכסטן פון צווישן אַלע פעלקער, אַחוץ דעם פאָלק וואָס האָט מער ווי אַלע אַנדערע איף דער וועלט געציטערט „רבונו של עולם, שמור שארית ישראל!". דווקא אָט דאָס שוואַכע פאָלק, דאָס אָרעמע שעפעלע צווישן די זיבעציק וועלף — דווקא דאָס פאָלק לעבט לענגער פון אַלע אַנדערע וואָס האָבן אָנגעהויבן זייער געשיכטע מיט דעם צו גלייך. זיין אייביקייט איז צו אַ לעגענדע געוואָרן, פעלקער דערציילן וועגן דעם אייביקן אהאספער; עס איז דער לעגענדאַרישער פויגל וואָס האָלט אַלץ אין שטאַרבן און לעבט ווידער־אויף. פעלקער האָבן אין דעם געזען ווער אַ קללה און ווער — אַ ברכה. מיר זענען אַן „עם ההולך ומת" (ש. ראַבידאָוויטש) — מיר האַלטן אין איין שטאַרבן און לעבן אָט אַזוי כסדר שטאַרבנדיק...

האָט אַ פאָלק אָנגעהויבן זיין גאַנג דורך דער געשיכטע ערגעץ ווייט אין דעם קאַיאָר פון דער מענטשהייט, ערגעץ ווייט אין צייט און אָרט, אין דעם גרויען פאַרצייטן. פון אַלע זיינע שכנים, מיטגייער איז קיין איינער נישט געבליבן. ער איינער וואַנדערט אַזוי איבער וועלטן, איבער לענדער, איבער פעלקער און ער גייט ווייטער. עס איז אַלעמאָל חדש ימינו כקדם.

וווּ־זשע ליגט דאָ דער סוד פון דער אייביקייט? אין וואָס איז די קמיע פון נצח? אין וואָס ליגט די ברכה (אָדער די קללה) פון אונדזער אייביקער יונגקייט? ווי אַזוי זענען מיר געוואָרן דער איינציקער אויסנאַם פון צווישן אַלע פעלקער?

איז דער תירוץ — עס איז אינגאַנצן נישט אמת — מיר גייען אונטער, מיר שטאַרבן גלייך מיט אַלע אַנדערע, גלייך ווי אַלע אַנדערע, אָן קיינע קמיעות, אָן קיינע מיסטישע כוחות, אָן אויסנאַמען. עס זענען גיך און גרונטיק אונטער־געגאַנגען די צען שבטים, אָן אַ רעשטל און אָן אַ שפּור, נישטאָ און אַ סוף. אַ הונדערט יאָר שפּעטער האָט שוין ירמיהו געוויינט און באַוויינט דעם „טייערן קינד אפרים", ווען ער קען נישט פאַרגעסן (הבן יקיר לי אפרים), אָבער אָט דאָס געצערטלט קינד אפרים האָט שוין נישט געדענקט און נישט געוואָלט געדענקען זיין אָפּשטאַם, ער איז שוין גרונטיק און ענדגילטיק אַסימילירט געוואָרן און נישטאָ.

שפּעטער זענען אַזוי אָן אַ שפּור פאַרשוווּנדן די שטאָלצע צדוקים. עס זענען נישטאָ קיין רעשטלעך פון די ייִדן אין אַלעקסאַנדריע של מצרים, עס זענען פאַרדאַרט געבליבן ישובים אין מערב־אייראָפּע וואָס זענען נאָך גאָר נישט לאַנג געווען פרוכטבאַר און אַקטיוו שעפעריש, עס זעט זיך נישט פאַרויס פון זיי זאָל עפּעס בלייבן אַ וואָסער עס איז ירושה אין ייִדישקייט. מיר וועלן דאָ נישט ריידן וועגן דעם ייִדישן ישוב אין פּוילן, וואָס איז דערשטיקט געוואָרן בגוואַלד. מיר ריידן נאָר וועגן די וואָס זענען אונטערגעגאַנגען אָדער וואָס גייען אונטער אַליין,

פון זיך. דאָס פּוילישע ייִדנטום איז אומגעבראַכט געוואָרן אָבער עס האָט גע־לאָזט יורשים. דאָס האָבן זיי שטאַרבנדיק אונדז אָנגעזאָגט צו לעבן, צו לעבן ביז אויף אייביק (ביאַליק־שוואַרץ). דאָס האָט דאָך דאָס פּויליש־רוסישע ייִדנטום באַוויזן אויפצובויען אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן אויף דער וועלט פיזיש, עקאָנאָ־מיש און גייסטיק. בעת דאָס דייטשישע ייִדנטום איז דאָך אַפילו ביים אומקום געווען שטום, האָט זי דאָך נישט געלאָזן אַפילו קיין וויי־געשריי. אַזוי שטום איז אומגעקומען דאָס געבילדעטע און געלערנטע ייִדנטום.

און מען דאַרף נישט פאַרמאַטערט ווערן אונטערצושטרייכן אַז אַט דער אונטערגאַנג וואָס מיר ריידן דאָ פון אים איז נישט בלויז אַ קולטורעלער. די דאָ־זיקע אַמאָל גלאָרייכע ייִדישע ישובים דעגענערירן אויך פיזיש, דעמאָגראַפיש. דער געלערנטער פּראָפ׳ ל. הערש האָט עס באַוויזן נאָך פאַר דער מלחמה אַז אין דעם אייראָפּעיִשן ייִדנטום גייט אַ גרויסע דעגענעראַציע, אַ פאַרעלטערונג, אַן עודף פון טויטפאַלן איבער דער געבורטראַט און דאָס מוז דאָך פירן צו אַ פול־קאָמען אונטערגאַנג און אומקום.

צי מיט גוואַלד צי אָן גוואַלד, אָבער מיר מוזן זאָגן מיט דעם גרעסטן צער: פאַר אונדזערע אויגן איז אונטערגעגאַנגען דאָס ייִדנטום אין אייראָפּע. עס האָט זיך געענדיקט די פּרוכטבאַרע תקופה אין אונדזער געשיכטע. מיר האָבן לגמרי נישט קיין פּאָליסי פון אייביקייט, און מיר ווייסן נישט צי די נייע ישובים וואָס זענען, אַגב, אַלע קינדער פון דעם רוסיש־פּוילישן ייִדנטום, צי זיי טראָגן אין זיך גרעסערע אָדער קלענערע דאָזן מיקראָבן פון אומקום, און מיר ווייסן נישט צי זיי וועלן געניסן פון גענוג דויער זיי זאָלן קענען זיך גענוג אייננוואָרצלען און שאַפן אַ ייִדישקייט של קימא. ווער ווייס? כדי צו קענען פּרובירן שאַפן כאָטש אַ שטיקל פּראָגנאָז אויף ווייטער דאַרף מען זיך אַריינטראַכטן אין עבר און שטו־דירן מיט וואָס עס זענען אַנדערש געווען די לעבעדיקע ישובים פון די אונטער־גייענדיקע, וועלן מיר וויסן אין וואָס עס ליגט אונדזער וויטאַליטעט.

דער אונטערשייד צווישן גלות־יהודה און גלות־ישראל איז געווען אין דעם וואָס ישראל האָט אין גלות נישט געהאַט קיין סופרים, ווי יהודה. אַט די סופרים האָבן דאָס מחמת בענקשאַפט, מחמת געטרייקייט צו דער פאַרלווירענער טראַדי־ציע, געגומען זיך צו פאַרשרייבן (אָדער איבערשרייבן) אַלץ וואָס דאָס פאָלק האָט געדענקט פון זיין פריִערדיקן לעבן; די סופרים זענען געווען די וואָס האָבן אין גלות געשאַפן פאַרזאַמלונגען, פאַרזאַמלונג־הייזער ווו מען זאָל אין די פרייע טעג אין די יום־טובים זיך קענען קוויקן מיט די זכרונות. אָט אַזוי איז געשאַפן געוואָרן, פאַרפעסטיקט געוואָרן די ליטעראַטור פון פאָלק. דאָס פאָלק האָט זיך אַריינגעלעבט אין איר, מיט איר און דאָס האָט געשטאַרקט די בענקשאַפט צו אַ פאַרזיכיק לעבן, צוריק אַהיים! האָט אָט אַזוי די נייע ליטעראַטור, וואָס איז גע־

וואָרן אַ תורה, פֿאַרהייליקט און פֿאַרליבט, געבראַכט צו שיבת־ציון. דאָ אין דער וואָרט־קולטור און אין דער שטייגער־קולטור איז געשעפּט געוואָרן דער כּוח צום ווידעראויפֿבוי. די נשמה פֿון פֿאָלק האָט אַזוי אַרום געראַטעוועט דעם גוף פֿון פֿאָלק. דאָס האָט זי אָנגעהויבן דעם פּראָצעס פֿון שאַפֿן און איבערשאַפֿן דאָס וואָס האָט געשאַפֿן דאָס אייביקע פֿון אונדזער פֿאָלק.

און פֿאַרוואָס האָט יהודה יאָ געהאַט סופֿרים און ישׂראל האָט זיי נישט געהאַט?

דאָס איז דערפֿאַר וואָס ישׂראל האָט נאָך אין דעם אייגענעם לאַנד געהאַט מער דראַנג צו פֿרעמדע קולטורן ווי צו דער אייגענער. יהודה אָבער וואָס איז נישט געווען אַרומגערינגלט מיט גרויסע קולטור־פֿעלקער, האָט זיך מער געהאַלטן מיט אייגענער קולטור. האָט שפּעטער אין גלות דאָס גאַנצע פֿאָלק געבענקט נאָך דעם אַלטן פֿאָלקישן, וואָס איז נאָך אייגנטלעך נישט געווען פֿאַרהייליקט. מען האָט זיך דאָס אַלץ אין גלות דערמאָנט און פֿאַרהייליקט און עס געמאַכט הייליק, פֿון פֿאָלקישעס האָט מען דאָס אַריבערגעשריבן צו געטלעכס. נישט דאָס פֿאָלק האָט עס געשאַפֿן נאָר גאָט האָט עס געגעבן. און אפֿשר איז שוין ביי זיי געווען אין פּאָטענץ דער באַגריף פֿון דער שפּעטערדיקער קבלה אַז ישׂראל און קודשא בריך הוא איז דאָס זעלביקע.

ישׂראל אָבער איז נישט געווען אַריינגעלעבט אין זיין פֿאָלקישקייט, האָט עס נישט געבענקט, זענען אויך נישט געווען קיין סופֿרים וואָס זאָלן דאָס פֿאָלקישע פֿאַרפֿיקסירן.

דעם כּוח צו לעבן האָט דאָס פֿאָלק געשעפּט פֿון דער תורה. אָבער נישט איין מאָל האָט דאָס פֿאָלק גענומען זיין תורה, נאָר ער האָט עס געטאָן כּסדר, שטענדיק און אָן אויפֿהער דורך דער גאַנצער געשיכטע זיינער. עס איז כּסדר געגאַנגען דער פּראָצעס צו פֿאַרוואַנדלען אין תורה, כּסדר איז געגאַנגען דער פּראָצעס צו נעמען דאָס פֿאָלקישע און דאָס פֿאַרהייליקן, דאָס דערהייבן צו געטלעכיס, דאָס וואָכעדיקע שטייגערישע אין פֿאָלק צו פֿאַרוואַנדלען אין קדושה, דאָס מענטשלעכע זאָל ווערן געטלעכע, די תורה פֿון פֿאָלק זאָל אַזוי כּסדר וואַקסן און זיך מערן. מיט דעם פּראָצעס צו שאַפֿן תורות און זיי היטן האָט דאָס פֿאָלק געלעבט.

עס איז געווען אַ גליק וואָס אין משך פֿון הונדערטער יאָרן, שוין צוריק, אין דעם קליין לענדל יהודה, איז מען געווען אָפּגעריסן פֿון שטאַרקע הערשנדיקע פֿעלקער און מען האָט אויך נישט גענדאַרפֿט פֿירן קיין מלחמות. דורך דעם האָט זיך די קליינע גרופּע שבֿי־ציון געקאָנט פֿאַרמערן, ווערן צו אַ גאַנץ פֿאָלק, זיך געקאָנט פֿאַרטיפֿן אין דעם שעפֿערישן פּראָצעס פֿון שמידן דאָס אייגענע לעבן צו אַ תורה און זי פֿון איר זייט האָט כּסדר געפֿעסטיקט, געשטאַרקט די פֿאַרזיי־

ביקייט און אייגנאַרטיקייט פון לעבן. אַזוי איז געגאַנגען דער פּראָצעס פון ייִדי־שער אייביקייט. מער ווי די גבורה פון די חשמונאים האָט דאָס פאַרזיכיקע לעבן אין דער פריִערדיקער תקופה געהאָלפן די ייִדן אין קאַמף קעגן דער העלעניזאַציע.

אַלע די וואָס האָבן געלייקנט אין דער תורהדיקייט פון פאָלקס לעבן און זיינע שאַפונגען, זענען טאַקע אָפּגעפאַלן פון ייִדישן פאָלק און פאַרלוירן געגאַנ־גען, פּונקט אַזוי ווי עס איז געשען מיט אַלע אַנדערע פעלקער.

און שפּעטער האָט זיך איבערגעחזרט דאָס פריִערדיקע: ווידער איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף צי ייִדישקייט דאַרף זיין קאָנסערווירט, פאַרפיקסירט, אַ זאַך וואָס האָט שוין נישט צו טאָן מיט דעם אַקטועלן לעבן. אַלץ וואָס דאָס אַקטועלע לעבן פאַרמאָגט האָט נישט קיין שייכות צו דער פאַרהייליקטער ייִדישקייט, ייִדישקייט איז נאָר דאָס וואָס עס איז פון פריִער פאַשריבן און פאַרחתמעט, נישט צו ענדערן מער. דאָס איז געווען דער וועג פון די צדוקים. און קעגן דעם האָבן די פּרושים דאָס גאַנצע אַקטועלע פאַר זיי ייִדישע לעבן אַריינגענומען אין דעם סכום פון רעליגיע. די תורה שבעל פה — די טראַדיציע (אין וואָרט און אין פּי־רונג) איז פּונקט אַזוי הייליק ווי די תורה שבכתב, ווי די פריִער פיקסירטע, אַפילו אָפּט העכער, וויכטיקער ווי דאָס דירעקט פאַרשריבענע וואָרט.

אַוודאי זענען די צדוקים געווען ביי זיך זיכער אַז זיי זענען די געטרייע ייִדן, די „שומרי החומות", די אָפּהיטער פון ייִדישקייט. אַוודאי האָבן זיי גע־קוקט אויף די פּרושים ווי אויף רעפאָרמער. זיי האָבן נישט געוואָלט און נישט געקאָנט באַגרייפן, ווי די פּרושים דערלויבן זיך פּשוט צו ענדערן, צו פאַרבייטן בפירושע זאַצן פון דער אַלטער פאַרשריבענער תורה, געזעצן פון דער תורה מבטל צו זיין און אַריינדרשענען נייע און נייע געזעצן, זיטן און מינהגים וואָס זענען אין דער תורה נישטאָ, און דער סמך וואָס די דאָזיקע פּרושים טראַכטן אויס, קען מען לגמרי נישט אָננעמען. עס האָט זיי באַליידיקט וואָס נאָך דעם ווי אין דער פאַרשריבענער תורה (שבכתב) זענען פאַראַן אַזוינע טיפע און הויכע ספרים ווילן די פּרושים אַריינגעמען אין דעם סכום הייליקע שריפטן אויף פאַרשיידענע „נאַ־רישע" לעגענדעס און גלויבונגען וואָס דאָס פּשוטע פאָלק טראַכט אויס. זיי — די צדוקים — היטן אָפּ די ייִדישע קולטור אין איר ריינקייט, בעת די פּרושים ווילן אויף כוח אַריינפירן אין דער פאַרהייליקטער קולטור פון פאָלק אַלערליי „זאַבאַבאָנעס" פון פּשוטן פאָלק, אַלע אויסטראַכטענישן!

און פון דער צווייטער זייט זענען די פּרושים געווען שטאַרק פאַרעקשנט: אָט די אַלע פאָלקישע זאַבאַבאָנעס, קוים טיילן זיי אָפּ דאָס ייִדישע פאָלק פון אַלע אַנדערע פעלקער, קוים היט זיי דאָס פאָלק אין זיין טראַדיציע, זענען זיי היטער פון קיום, זענען זיי מסיני, אויך הייליק, נישט פאַרשריבן אין דער תורה, אָבער אין דער פאָלקישער טראַדיציע (בעל פה) און די מסורה (טראַדיציע) דאָס איז

מסיני, נאָר דאָס האַלט אויף דעם קיום פון פאָלק. דאָס געשריבענע קענען דאָך אַלע לייענען און האַלטן פון דעם און דאָך נישט זיין קיין ייִדן. נישט די תורה ווי אַזאַ, נישט די ספרים גופא האַלטן אויף ייִדישקייט, נאָר דער תלמוד תורה — דאָס לערנען. און לערנען איז ביי ייִדן כמעט ביז היינט געווען נישט אַריינקריגן וואָס מער וויסן נאָר: פאַרוועבן די תורה אין אַקטועלן לעבן, אַריינטייטשן דאָס אַקטועלע אין די אַלטע לאַנג פאַרשריבענע תורות, און פּראָדוצירן כסדר נייע און נייע תורות, וואָס זענען יאָ אין הסכם און נישט אין הסכם מיט די אַלטע תורות און אַפילו אויב דאָס נייע צעגייט זיך שאַרף מיט די אַלטע. און אַז דאָס לעבן דאַרף איז מען מבטל אַ תורה אויך („פּעמים שביטולה של תורה זהו יסודה”). און אַז מען דאַרף, אַז עס קען צו נוץ קומען דעם קיום פון פאָלק אין זיין מלוכהלאָזיקייט, מאַכט מען נייע תקונים און נייע תקנות.

זענען די צדוקים געווען די אמתע אָרטאָדאָקסן אויף דעם היינטיקן לשון און פּרושים זענען געווען די רעפאָרמער.

עס איז אָבער געווען אַ קאַרדינאַלער אונטערשייד צווישן די פּרושישע רעפאָרמעס און די היינטיקע: די איצטיקע מאַכן רעפאָרמעס כדי זיך צוצופּאַסן נישט צו די ייִדישע פאָלקישע טראַדיציעס נאָר צום פרעמדן, צו די הערשערישע פעלקער, צו פאַרקלענערן די דיסטאַנץ צווישן אונדז און זיי. די פּרושישע רעפאָרמעס זענען אַלע געווען געצילט פּונקט פאַרקערט — צו פאַרשטאַרקן און פאַרטיפן די פאָלקישע טראַדיציעס און פאַרפעסטיקן די וואַנט וואָס טיילט אָפּ אונדז פון זיי, בין ישראל לעמים הבדלת, שלא שם חלקנו כהם וגורלנו ככל המונם, כי בנו בחרת וכדומה. צוויי דיאַמעטראַל קעגנגעזעצטע רעפאָרמעס — פאַרטושן די אייגענע אַנדערשקייט אָדער פאַרטיפן זי.

און ווי האָט די געשיכטע געפּסקנט?

די צדוקים זענען אונטערגעגאַנגען, אָפּגעמעקט געוואָרן פון ייִדישן לעבן, געווען און נישטאָ מער. ייִדישקייט וואָס באַנייט זיך נישט, וואָס האַלט זיך נישט אין כסדרדיקן פּראָצעס פון שאַפן — אַזאַ ייִדישקייט איז קאָנסערווירט, און קאָנסערווירט איז טויט. ייִדישקייט איז געגליכן און דאַרף זיין געגליכן צו אָרגאַניזמען וואָס האַלטן זיך כסדר אין פאַרמערן.

דער זעלביקער פּסק פון דער געשיכטע האָט זיך איבערגעחזרט אַ סך מאָל שפּעטער אויך. זענען די קאַראַימער געווען פרום און געטריי דער אַלטער פאַרשריבענער תורה. מער נישט וואָס זיי האָבן נישט אָנערקענט די אַקטועלע פּראָצעסן אין פאָלק אין זייער צייט, די כמעט אין זייער צייט צונויפגעזאַמלטע קולטור־ווערק אין תלמוד. און באַצאָלט האָבן זיי דערפאַר מיט פולער כמעט דעגענעראַציע און אונטערגאַנג. דאָס זעלביקע חזרט זיך איבער טיילוויז מיט די משכילים שפּעטער, אויך מיט די פאַלשע משיחים און טיילוויז אַפילו מיט דער

שטרענגער אָרטאָדאָקסיע פון פראַנקפורט אויף וויפל זיי אַלע זאָגן זיך אָפּ אָב־טײלצונעמען אין דעם כסדרדיקן שעפערישן פּראָצעס פון נייע און נייע שיכטן ייִדישע קולטור.

און די ייִדישע ישובים אין מערב־אייראָפּע — פאַרוואָס זענען זיי אָפּגע־שוואַכט? דעגענערירט? — ווייל זיי זענען אַרויסגעפאַלן, אַרויסגעגאַנגען ווי־ליק פון דעם שעפערישן ייִדישקייט־פּראָצעס. בנוגע צו דער פאַרפיקסירטער ייִדישקייט זענען זיי אפשר פרימער און אָפּגעהיטער ווי עס איז געווען דער וועלטלעכער סעקטאָר פון פוילן. דער אונטערשייד איז געווען נאָר אין דער ה י י נ ט י ק ע ר תורה שבעל פה. די זענען געווען ייִדן מיט זייער אייגענעם שטייגער און זייער אייגענער קולטור און יענע האָבן זיך באַוווסטזיניק און ווי־ליק אָפּגעזאָגט פון ייִדישן פאָלק, זיי זענען קולטורעל, שטייגעריש דייטשן, פראַנ־צויזן, איטאַליענער נאָר פון ייִדישן גלויבן. אַנטשולדיקט — נישט פון ייִדישן, נאָר פון משהס גלויבן זענען זיי. עס זענען דאָ דייטשן פּראָטעסטאַנטן און קאַ־טוילן, זענען אויך דאָ דייטשן פון משהס גלויבן. פון ייִדישקייט ווי אַ באַזונדע־רער מענטשלעכער קולטור האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט, — און — זייער אונטער־גאַנג איז געחתמעט.

און אַזוי זענען אָפּגעשטאָרבן אַ סך ייִדישע ישובים. נישטאָ קיין נצח יש־ראל, און מען טאָר זיך נישט פאַרשפּילן און פאַרזיכערן אויף דעם.

דער כלל — ייִדישקייט ווי אַ פיקסירטע רעליגיע האָט נישט קיין קיום, קיין אייביקייט. ייִדישקייט אָבער ווי אַ ק ו ל ט ו ר ־ פ ר אָ צ ע ס מיט אַן איי־גענעם שטייגער און מיט אַן אייגענער שפּראַך, ייִדישקייט ווי אַ פּראָצעס — דאָ ליגט דער סוד הקיום פון ייִדישקייט און פון דעם ייִדישן פאָלק צוזאַמען מיט איר. די ערשטע משנה פון פרקי אבות דאַרף מען פאַרשטיין נישט ווי אַ צירונג וואָס גייט איבער פון באבעס צו אייניקלעך, נישט ווי אַ צירונג אין אַ זילבערנער פּושקע, נאָר עס איז אַן אייביקער וואַרשטאַט, וואָס האַלט אין כסדרדיקער אַר־בעט, עס איז געגליכן צו אַ בוים וואָס האַלט כסדר אין וואַקסן און זיך ענדערן, פּושט צורה ולובש צורה. די ייִדישקייט פון איין דור טאָר נישט זיין די זעלביקע וואָס די ייִדישקייט פון פריערדיקן דור. די קינדער טאָרן נישט זיין קיין קאָפּיעס פון זייערע עלטערן, הגם זיי דאַרפן זיי ירשענען.

יעדער דור פון לעבעדיקער, וואַקסנדיקער ייִדישקייט לעבט מיט דער טראַ־דיציע פון די אבות און שאַפט נייע, בויט זי איבער, ענדערט זי, קומען כסדר־צו נייע און נייע קולטור־פּראָדוקטן. זיי זענען לכתחילה וואָכעדיקע, ווען דאָס פאָלק נעמט זיי אָן ווערן זיי ביי אים פאַרהייליקט, עס גייט כסדר דער פּראָצעס פון „מוסיפין מן החול אל הקודש". עס איז דור דור ודורשיו, דור דור ותורותיו. אַלע די ייִדישע שבטים און גרופּעס וואָס האָבן ווען עס איז געוואָלט פאַרוואַנדלען

ייִדישקייט אין אַ פיקסירטע תורה וואָס ענדערט זיך נישט, וואָס וואַקסט נישט, אַלע זיי זענען אָפּגעשטאָרבן ווי ייִדן, אָפּגעפאַלן זענען זיי פון ייִדישן פאָלק.

אין יעדער פלאָנטער, אין יעדער שווערער סיטואַציע דאַרפן מיר זיך ווענדן צו דער געשיכטע, ביי איר זיך לערנען, ביי איר זוכן אַן ענטפער, פון די נעכטנס זיך לערנען פאַר די מאָרגנס.

די אויפגאַבע פון געשיכטע ווי אַ ווּיסנשאַפט

ווי איז בכלל דער וועג פון יעדער וויסנשאַפט?

וויסנשאַפט און וויסן זענען נישט אידענטיש, ווייט נישט דאָס וויסן איז וויסנשאַפט. יעדער אמתע וויסנשאַפט איז קודם־כל סיסטעם, קלאַסיפיקאַציע. יעדער וויסנשאַפט האָט צו טאָן מיט אַן אַ שיעור פאַקטן, דערשיינונגען. דאָס איז דער רויער מאַטעריאַל פאַר דער וויסנשאַפט, עס איז אַן אָנגעוואָרפענער הויפן ציגל צו אַ בנין, אָבער נאָך ווייט נישט דער בנין גופא. דאָס וויסן די געשיכט־לעכע פאַקטן, איז נאָך ווייט נישט קיין געשיכטע. ערשט איצט דאַרף קומען די סיסטעם פון די פאַקטן. וואָס הייסט עס?

מען דאַרף געפינען די גרעסטמעסיקייט פון די פאַקטן, מען דאַרף קענען בע־מען אַ צאָל גלייכע, ענלעכע פאַקטן און זען מיט וואָס זיי זענען גלייך, ענלעך, מען דאַרף געפינען דעם כלל פון די פרטים און לויט די כללים איינטיילן אַלע פאַקטן. די וויסנשאַפט שטרעבט אַלע מאָל צו געפינען דאָס אַלגעמיינע פון די פאַרשיידענע, די איינהייטלעכקייט אין דער פילפאַכיקייט. אָט די כללים וואָס פאַרבינדן אַ סך פאַקטן, די פאָרמול וואָס באַהעפט די פרטים, די יחידים אין איין כלל, — דאָס איז דאָס געזעץ. ערשט די געזעצן שאַפן די וויסנשאַפטן. ווען עס וועט געלינגען צו שאַפן, צו געפינען דאָס געזעץ פון אַלע געזעצן, וועט דאָס זיין דער „אחד", וואָס צו אים שטרעבט פון אייביק אַן דער מענטשלעכער גייסט. די אַלכעמיע האָט אָנגעזאַמלט אַן אַ שיעור פאַקטן. זי איז אָבער נאָך נישט גע־ווען קיין וויסנשאַפט. ערשט ווען עס איז געלונגען די עטלעכע און זיבעציק פאַר־שיידענע עלעמענטן, וואָס זענען געווען באַקאַנט צו סיסטעמאַטיזירן אין אַ סיס־טעם פון אַ קליינער צאָל גרופעס (מענדעלייעווס סיסטעם) איז געוואָרן די הייב־טיקע כעמיע. לויט די געזעצן וואָס אין יענער סיסטעם איז גלייך מעגלעך גע־וואָרן פאָרויסצוזאָגן, אַז מען וועט נאָך אויסגעפינען נייע, אומבאַקאַנטע עלע־מענטן, און כך הווה. פון פריער צו שפּעטער, פון דעם נעכטן צו דעם מאָרגן, פון באַקאַנטן צו דעם אומבאַקאַנטן. אָט דאָס קענען פאָרויסזאָגן דאָס וואָס קומט אַרויס — דאָס איז וויסנשאַפט.

דאָס זענען די שטאַפּלען פון יעדער וויסנשאַפט:

זאַמלען פאַקטן, געפינען דאָס אַלגעמיינע, שאַפן די כללים, איינטיילן די

פאַקטן לויט די געשעפענע, די אויסגעפונענעם כללים אין סיסטעמען, אין גרעסע־רע גרופעס, פאַרויסזאָגן אויפן סמך פון די געזעצן דאָס וואָס עס וועט זיין. דאָ איז דער ציל פון יעדער וויסנשאַפט. און אַזוי איז אויך דער וועג פון געשיכטע. אונדזער אַלטינקע געשיכטע ווייס זייער אַ סך, אָן אַ שיעור פאַקטן און דערשיי־נונגען. דאָס איז די קופּע ציגל צו דער געשיכטע אונדזערער. ערשט איצט דאַרף קומען דאָס פעסטשטעלן די געזעצן פון אונדזער געשיכטע, און אויף זייער סמך מוזן מיר קענען פעסטשטעלן ווו איז דער וועג פון אונדזער לעבן, ווו איז דער וועג פון קיום, און ווו די פאַרקערטע, חלילה, ווו איז די ריכטונג פון אונדזער נצח און וואָסערע וועגן פירן אין פאַרקערטע ריכטונגען.

דאָס איז די אויפגאַבע פון אונדזער געשיכטע ווי אַ וויסנשאַפט.

לאָמיר פרובירן פאַרמולירן די געזעצן פון אונדזער געשיכטע.

א) עס איז נישטאָ קיין אַבסאָלוטער נצח ישראל. אַ סך מער צווייגן פון יידישן פאָלק זענען אונטערגעגאַנגען, אומגעקומען פון דרויסנדיקע שונאים און אונטערגעגאַנגען פון אינעווייניקסטער צעפוילטקייט, אונטערגעגאַנגען ווייל עס האָבן אויסגעפעלט כוחות צו לעבן. דאַרף מען לערנען די סימפּטאָמען פון אונ־טערגאַנג.

1. — יידישקייט איז נישט קיין פיקסירטער סכום דאָגמעס אָדער עפּעס אַנדערש, נייערט עס איז אַ פּראָצעס, דער סכום יידישקייט האַלט זיך כסדר אין ענדערן, לויט צייט און אָרט. די יידישקייט פון איין דור, פון איין תקופה איז אַנדערש פון דער יידישקייט אין אַ צווייטן דור אָדער אין אַ צווייטער תקופה. אַלע קיבוצים וואָס האָבן געוואָלט יידישקייט פיקסירן, איין מאָל און אויף שטענ־דיק דעפינירן און נישט ענדערן, אַלע אָט די שיטות האָבן אָנגעוואָרן זייער יידיש־קייט און זיי אַליין זענען פאַרלוירן געגאַנגען, אָרויסגעפאַלן פון יידישן פאָלק. אָט אַזוי האָבן אויך פאַרשטאַנען יידישקייט די וואָס האָבן געשאַפן די אייביקע יידישקייט, די פרושים און זייערע נאָכפאָלגער, יידישקייט איז פאַר זיי שוין געווען אַ שטראָם. אַ סך ערטער אין תלמוד און אין מדרשים זאָגן עדות אויף דעם.

2. — דער כסדרדיקער יידישקייט־שטראָם האָט אָבער אַלע מאָל געהאַט איין אויפגאַבע: אַלע מאָל האָט ער געזוכט און באַמיט זיך אָפּצוהיטן די אַנדערש־קייט, די אייגנאַרטיקייט, די פאַרזיכיקייט אין די פאָרמעס פון לעבן און פון שטייגער.

3. — אַלע מאָל אָבער איז דער יידישער פאַרזיכיקער שטייגער געווען פאַר־בונדן מיט דעם ספר. אַ טייל פון דעם שטייגער איז געווען דאָס לערנען. דער עצם־פּראָצעס פון לערנען איז ביי יידן אין אַלע תקופות געווען אַן אַנדערער: דאָס לערנען איז געווען כסדר שאַפן נייע און נייע אינהאַלטן, נייע תורות, נייע פאַרבינדונגען צווישן תורה און לעבן, צווישן די אינהאַלטן פון דער פאַרשרי־

בענער און פיקסירטער תורה מיט די נייע פאָרמעס און אינהאַלטן פון שטייגער.

4. — אָט דער שטייגער, די פאַרזיכיקע אַנדערשקייט פון די לעבנספאָרמען איז תמיד דערהויבן געוואָרן ביז דער חשיבות פון תורה. מחמת דעם האָבן מיר אַלע מאָל געהאַט צוויי תורות — איינע איז געווען די פאַרשריבענע און פיקסירטע — די תורה שבכתב און די צווייטע איז געווען דער סכום פירונגען און מינהגים, אַלץ אין לעבן וואָס איז אַנדערש, וואָס שיידט אָפּ די ייִדן פון אַלע אַנדערע פעלקער. דאָס איז די תורה שבעל פה.

5. — אָט די צוויי באַגריפן תורה שבעל פה און תורה שבכתב זענען גענומען טאַקע פון תלמוד, טראַדיציאָנעל זענען זיי באַשטימט פאַר איין תקופה, פאַר איין באַשטימטן סכום ספרים. אָבער מיר מוזן די באַגריפן פאַרברייטערן, אָנווענדן זיי צו אַלע תקופות און צו אַלע דורות. אין יעדער תקופה איז פאַראַן אַ נייע תורה שבעל פה — נייע פאָרמעס און אינהאַלטן פון ייִדישקייט. זיי זענען געשאַפן, געבוירן אין ייִדישן פאַרזיכיקן לעבן און זיי האַלטן פון איין זייט אונטער די ייִדישע פאַרזיכיקייט, די אַנדערשקייט און פון דער צווייטער זייט דאַרפן זיי אַלעמאָל האָבן אַן אָנקנופּ, אַ פאַרבינדונג מיט דער ייִדישקייט פון די פריִערדיקע דורות, פריִערדיקע תקופות. ביי היינטיקן טאָג למשל איז דער תלמוד, די טראַדיציאָנעלע תורה שבעל פה אויך שוין לאַנג אַ תורה שבכתב. די תורה שבעל פה פון דער תקופה איז דאָס אַלץ וואָס איז אין לעבן שטייגער, פאָרעם, מנהגים און שאַפונגען נייע, וואָס זענען נאָך נישט פאַרהייליקט געוואָרן, נאָך נישט קאַנאָניזירט, נאָך נישט אַריינגענומען אין דעם סכום רעליגיע.

6. — די ייִדישע רעליגיע איז נישט און טאָר נישט זיין קיין פיקסירטע. אירע אינהאַלטן זענען נישט איין מאָל און אויף שטענדיק געגעבן געוואָרן אין איין באַשטימטן אָרט. די ייִדישע רעליגע איז ווידעראַמאָל אַ פּראָצעס וואָס באַשטייט אין כסדרדיקן פאַרהייליקן די נייערע און נייע שאַפונגען אין ייִדישקייט. אַלע שטייגערישע און אויך די שוין אויסגעדריקטע אין שריפט און אין אַנדערע פאָרמעס שאַפונגען וואָס זענען באַזירט אויף דער ייִדישער פאַרזיכיקייט. פונקט אַזוי ווי אַמאָליקע דורות האָבן פאַרהייליקט די ליטעראַרישע שאַפונגען וואָס האָבן בשעתם אויסגעדריקט די ייִדישע פאַרזיכיקייט, אַזוי דאַרף די ייִדישע רעליגיע אויך היינט אַריינגעמען אין סכום הייליקייטן פון פאָלק די ליטעראַרישע און אַנדערע נייע גייסט־שאַפונגען, די רעליגיע דאַרף אויך איצט פאַרהייליקן די היינטיקע תורה שבעל פה פון די לעצטע דורות. מוסיפין מן החול על הקודש. אַזוי אַרום איז די ייִדישע רעליגיע נאָר אַ פּראָצעס צו פאַרהייליקן די כסדרדיקע נייע שאַפונגען אין פאָלק. דערפאַר טאָר מען אין זינען פון דער אייביקער ייִדישקייט נישט האַלטן אַז מתן תורה איז בלויז אַן איינמאָליקער פאַקט, ביירט עס איז ווידעראַמאָל אַ פּראָצעס וואָס גייט מיטן ייִדישן פאָלק אין אַלע זיינע וואַנ־

דערונגען. ייִדישקייט און רעליגיע איז דאָס זעלביקע. ייִדישקייט איז דאָס אַלץ וואָס עס האָט זיך אויסגעפורעמט אין לעבן פון דורות און עס שיידט אָפּ און טיילט אָפּ דאָס ייִדישע לעבן פון לעבן פון אַנדערע פעלקער, וואָס צווישן זיי לעבן די ייִדן.

7. — רעליגיעזע און וועלטלעכע ייִדישקייטן זענען לגמרי נישט קיין צוויי באַזונדערע פאַרמען, געביטן, נישט קיין צוויי וועלטן, בייערט עס זענען איינע און דאָס זעלביקע. זיי שיידן זיך אונטער בלויז אין עלטער: אַלדאָס וועלטלעכע וואָס עס איז אַריין אין דער טראַדיציע פון פאָלק און עס איז געוואָרן אַ מינהג, גייט אַריבער פון דער קאַטעגאָריע וועלטלעכעס אין דער קאַטעגאָריע פון רעליגיע. דאָס איז דער זינען פון „מוסיפין מן החול אל הקודש". אין דעם באַשטייט דער זינען פון „כל מה שתלמיד וותיק עתיד לחדש ניתנה למשה מסיני". ווייל דער פּראָצעס פון מעמד הר סיני, דער אַקט פון מתן תורה דאַרף אין גייסט פון טיי־פערן פאַרשטאַנד פון אונדזער טראַדיציע גענומען ווערן נישט ווי אַן איינמאָליקע דערשיינונג, נאָר ווי אַ פּערמאַנענטער פּראָצעס, וואָס באַגלייט אונדזער געשיכטע. אייגנטלעך איז אָט דער פּראָצעס פון מתן תורה און קבלת התורה די גאַנצע ייִדישע געשיכטע.

8. — דאָס לעבן אָדער אומקום פון ייִדישע שבטים הענגט אָפּ טאַקע פון די צוויי פּראָצעסן — מתן תורה און קבלת התורה. יעדער ייִדישער ישוב וואָס האָט אויפגעהערט צו שאַפן ייִדישע קולטור־ווערטן, הערט אויף צו לעבן. ער גייט איבער אין דער קאַטעגאָריע פון פאַרגליווערטע ייִדישע ישובים, זיי זענען גע־גליכן צו טויטע קאָנסערוון. אין תלמוד זענען פאַראַן אַ סך ערטער, וואָס זאָגן אַרויס דעם זעלביקן געדאַנק. איך וועל נאָר דערמאָנען איינעם: די דברי תורה זענען געגליכן צו געוויקסן וואָס פאַרמערן זיך און פּרוכטיקן זיך.

נאָך וויכטיקער איז דער פּראָצעס פון קבלת התורה; דער דור דאַרף וועלן אָננעמען די געשאַפענע קולטור־ווערטן. אַ דור וואָס וויל נישט אָננעמען די נייע תורות, אַ קיבוץ, אַ גרופּע אַזאַ וואָס זאָגט זיך אָפּ פון דער נייער געשאַפענער ייִדישער קולטור מוז אומקומען. דאָס איז דער זינען פון דער באַקאַנטער תלמו־דישער אגדה, אַז ביים מעמד הר סיני האָט גאָט געזאָגט צו די ייִדן: אָדער איר נעמט אָן די תורה אָדער „פּה תהא קבורתכם" — דאָ וועט איר אומקומען.

9. — אָט דאָ, אין דעם פּראָצעס פון מתן תורה און קבלת התורה ליגט דער סוד פון נצח ישראל. בלויז קליינע גרופּעס, אָט די וואָס געדענקען דעם אָנ־זאָג, אַז יעדער דור, יעדער ייִד דאַרף גלייבן אַז ער איז אויפן באַרג סיני, אַז ער נעמט אָן אין דעם פּראָצעס פון מתן תורה און קבלת התורה — בלויז אָט די גרופּעס זענען זוכה צו נצח ישראל.

אחדות האומה

די סיבות פון אונדזער גייסטיקער צעשטויבונג

א.

צעשפליטערונג

איינע פון די גרעסטע קללות אין אונדזער לעבן איז דער פירוד הלבבות, די גייסטיקע צעשפליטערטקייט אונדזערע, דאָס נישט קענען זיך צונויפריידן, דאָס נישט וועלן זיך פאַרשטיין צווישן אַנאַנד, די אייביקע און אומענדלעכע מחלוקתן, דיסקוסיעס, קריגערייען, פּאַרטייען, פראַקציעס און ניואַנסן, אַנדערשקייטן און אומצוטרוי און דאָס כאַפּן יעדן צווייטן ביי אַ וואָרט, און אַריינטייטשענישן און די אויספירענישן און די ווידעראַנאַנדן און די חשדים און די אַנטיפּאַטיע די קעגנזייטיקע און... ווער קען עס אַלץ אויסרעכענען, די קאַליידאָסקאָפּישע פאַר־מען פון אונדזער צעריסנקייט און צעשפליטערטקייט, צעפיצלטקייט און צע־שטויבטקייט אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג.

אַז גאָט האָט געוואָלט צערייסן די מענטשהייט פון נאָכן מבול, האָט ער גע־מאַכט, אַז לא ידע איש את שפת רעהו" — איינער האָט דעם צווייטן נישט פאַרשטאַנען. און די תולדה פון דעם האָט געמוזט זיין, אַז „ויחדלו לבנות את המיגדל" — די מענטשהייט האָט מער נישט געקאָנט בויען איר קולטור־טורעם. אויס! אויס איין פאָלק און איין מענטשהייט.

און דאָ גייט נישט וועגן דער טעכנישער איינשפּראַכיקייט אין פילאָלאָגישן זינען: ביי אַ גוטן ווילן פאַרשטייען זיך זייער גוט מענטשן פון פאַרשיידענע שפּראַכן, פאַרשטייען זיך מענטשן, ווי מאַמע און קינד אָן שפּראַך לגמרי. ביי אַ שלעכטן ווילן אָבער פאַרשטייט מען זיך נישט, אַפילו ווען מען האָט איין לשון.

אָט די קללה פון גייסטיקער צעשטויבטקייט איז אויף אונדז אויסגעגאָסן געוואָרן שוין דעם צווייטן אָדער דריטן דור, — און מיר זענען געוואָרן אויס איין געמיינזאַמקייט, אויס איין איינס, אויס איין גאַנצקייט, אויס איין פאָלק. מיר זענען געגליכן צו אַ פעלדז, וואָס איז צעמאָלן געוואָרן אויף באַזונדערע זעמדעלעך און עס איז נישטאָ דער צעמענט, וואָס זאָל די באַזונדערע זעמדע־לעך צוריק צונויפצעמענטירן און באַהעפטן צו אַ גאַנצן מאַסיוו. גיי בוי עפּעס פון צעשאָטענעם זאַמד. זענען מיר געגליכן צו אַ וואַסער, וואָס האַלט אין אויס־

דעמפן און איטלעכע מאָלעקול טראָגט זיך וואָס ווייטער פון די אַנדערע. זענען מיר מער נישט קיין פאָלק ווי אַזאַ, מיר זענען אַ שטויב פון אַ פאָלק, וואָס איז געווען אַ מ אָ ל אַ גאַנץ פאָלק, אַ מאַסיוו פאָלק. איצט זענען מיר אָבער אַ מאַסע באַזונדערע ייִדן, וואָס זענען מער שוין נישט צונויפגעהעפט אין איין מאַסיוו, און יעדער יחיד טראָגט אין זיך מער צענטראָפוגאַלע שטרעבונגען און ביי־גונגען איידער צענטראָפּעטאַלע, וואָס דערווייטערן אים פון אַנדערע יחידים אין פאָלק. מיר זענען אַ פאָלק א י ן א ו י ס ד ע מ פ ו נ ג, אין פּראָצעס פון צעשטויבונג, פון איין פ אָ ל ק ס מ אַ ס י ו ווערן מיר פ אָ ל ק ס מ אַ ס ן, — און צווישן די צוויי באַגריפן איז אַ גרויסער אונטערשייד. מיר זענען געווען געגליכן צו אַ „צור־ישראל״ — אַ פעלדז און מיר זענען אויך געגליכן צו דעם זאַמד אויף דעם ברעג פון דעם ים, וואָס ווינטן טראָגן זיי פאַסיוו. און נאָך ער־גער: יעדער זעמדעלע איז ענלעך צום צווייטן, ביי אונדז אָבער וויפל ייִדן, אַזוי פיל אידייען, וויפל ייִדן — אַזוי פיל מיינונגען, — און גיי רייד זיך צונויף מיט ייִדן. „כמספר עריך היו אלוהיך, ישראל״ האָט אַמאָל זיך געקלאָגט דער נביא: יעדע שטאָט מיט אירע געטער און היינט איז יעדער ייִד מיט זיינע פּאָר אים הייליקע אידייען. און וואָס אַ טאָג — אַלץ ווייטער ווערן מיר פון אַחדות האומה. צו אַ קאָנפערענץ אין בערמוד, לאָמיר זאָגן, קומען צענדליקער ייִדישע פּאַר־שטייערשאַפטן. צום ערשטן פּאַרלאַמענט אין מדינת ישראל, גייען עטלעכע און צוואנציק צעטלען און זיי זענען נאָך קאָמבינירטע, פּאַראייניקטע. אין איטלעכער שטאָט קען מען אָנציילן צענדליקער באַזונדערע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַ־ציעס, הגם אַלע האָבן זיי דאָך איין נאַציאָנאַלן אידעאַל. צענדליקער פּאַראַלעלע אָרגאַניזאַציעס טוען די זעלביקע אַרבעט, און מען זוכט אויס אָפּט גאַנץ קינסט־לעך אונטערשיידן, כדי צו באַרעכטיקן די באַזונדערע עקזיסטענץ פון די תרפ״ט אלפים באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס.

און זאָל דער ענין פון אַחדות האומה נישט זיין גרינג אין אונדזערע אויגן. מען דערציילט אויף איינעם אַ רבין, וואָס זאָל האָבן געזאָגט, אַז אהבת ישראל איז גרעסער פון אהבת שמים און אהבת שמים איז וויכטיקער פון יראת שמים. זאָגן מיר, אַז אַחדות הבורא אָן אַחדות האומה איז נאָך נישט אַלץ. אין אחדות הבורא גלייבט היינט די גאַנצע וועלט און עס העלפט אונדז גאָרנישט און מיט גאָרנישט אין אונדזער ייִדישן לעבן — סיידן עס איז אַ צאַצקע פאַר נאַיווע פאַר־גויישטע ייִדן, זיך דערמיט צו באַרימען און פאַלשע כלומרשטע חסידי אומות העולם זאָלן אונדז דערפאַר צוואַרפן ווי אַ בעטלער אַ גוט וואָרט אַמאָל: מיר האָבן געדינט דער וועלט! אַ קלייניקייט וויפל דרך־ארץ אַ וועלט האָט עס פאַר אירע לערער אין אַחדות הבורא... מילא, זענען מיר זיי מוחל במחילה גמורה דעם כבוד מיט די כיבודים צוזאַמען. אַנדערש איז מיט אַחדות האומה — אונדז גייט

עס אין לעבן! דען אָן גייסטיקער אַחדות האומה קען קיין פאָלק נישט האָבן קיין קיום און מוז צעשאָטן ווערן, אונטערגיין פשוטו כמשמעו. און קיין דרויסנדיקע מיטלען קענען דאָ נישט העלפן. קיין חורבן איז נישט אַזוי טיף, ווי דער חורבן פון אַחדות האומה אין גייסטיקן זינען.

דאָס האָט נאָך אַזוי גוט געוווּסט די גמרא: דער בית המקדש איז חרוב גע־וואָרן צוליב שינאת חינם (יומא ט׳:) און צוליב פערזענלעכע אַמביציעס (קמצא און בר קמצא, גיטין נ״ה.).

איז נאָך פאַראַן אַ תרופה צו דער מחלה?

קודם־כל דאַרף מען דורכשטודירן די קראַנקייט גופא, געפינען אירע סיבות און מקורים. מיר האָבן דאָ געזען די סימפּטאָמען פון דער קראַנקייט און איר דיאַגנאָז, לאָמיר זוכן אירע סיבות.

ב.

מהות פון פאָלק

וואָס איז פ אָ ל ק און מיט וואָס איז אַ פאָלק גאַנץ, מאַסיוו? און ווי אַזוי ווערט אַזאַ מאַסיוו צעשטויבט, צעפּולווערט? ווי ווערט פון דעם מאַסיוו אַ מאַסע?

פון דער נאַטור האָבן אַלע באַשעפענישן פון איין און דעם זעלביקן אַרט נישט נאָר דעם זעלביקן אויסזען, נייערט אויך איין און דעם זעלביקן אויפפיר, די זעלביקע פאָרמען פון רעאַגירן אויף יעדער סטימול. דאָס זענען די אינסטינקטן און זיי זענען איינהייטלעך פאַר אַלע באַשעפענישן פון איין און דעם זעלביקן אַרט. אַלע דאַך־שוואַלבן בויען זייערע נעסטן אויף איין און דעם זעלביקן אופן, אַלע בושלען האָבן דעם זעלביקן „מינהג״ ווי צו פליען פון צפון קיין דרום און צוריק. און אַזוי אָן אַ סוף אין דער גאַנצער וועלט פון בעלי חיים. ביי די פאַר־היימישטע, קולטיווירטע חיות און עופות זענען פאַראַן אַ סך מער וואַריאַציעס, „סאָרטן״ און יעדער סאָרט פירט זיך אויף זיין אופן. יעדער סאָרט טויבן, יע־דער סאָרט הינט אָדער הינער האָט זיך זיין אויסזען און זיין „שטייגער״. דאָס זענען מאָדיפיקאַציעס פון אויסזען און אויפפיר, וואָס אין דער קולטור האַלטן זיי זיך איין בעסער און אין דער נאַטור גיוועלירן זיי זיך. ס אָ ר ט ן ביי חיות זענען שוין נענטער צו פ ע ל ק ע ר ביי מענטשן. פאָלק איז דאָך אויך אַ פּראָדוקט פון קולטור, און עס איז נאָך ווייניקער שטאַנדהאַפטיק ווי סאָרטן ביי חיות. עס זענען די אינסטינקטן און זייער איינהייטלעכע פאָרעם, וואָס מאַכט פון אַ סכום באַשעפענישן איין אַ ר ט. עס זענען די מאָדיפיקאַציעס פון אינסטינקטן אין זייער איינפורעמדיקייט, וואָס מאַכן פון אַ סכום חיות איין ס אָ ר ט. מיר ווייסן נישט דעם מעכאַניזם און די פילאָגענעטישע אַנטוויקלונג

פון די אינסטינקטן און פון זייער אוניפאַרמירטקייט אין די ראַמען פון דעם זעל־ביקן אַרט אָדער סאָרט. פאַר אונדז דאָ וועט אָבער זיין גענוג איבערצוחזרן די אַלטע פאָרמול, אַז אינסטינקטן זענען אַ פּראָדוקט פון אַ לאַנגן, פילדורותדיקן נ אַ ט י ר ל ע כ ן אָ פּ ק ל י י ב.

אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט קומען די אינסטינקטן נישט אַרויס אין זייער נאַטירלעכער, חיהשער פאָרעם. אין זיי און אַרום זיי זענען אָנגעוואַקסן אַזוי פיל געענדערטע און צוגעקומענע קולטור־פאָרמען, אַז מען זעט דעם ריינעם נאַטירלעכן אינסטינקט לגמרי נישט אַרויס, סיידן ביי גאָר שטאַרקע אַפעקטן, ווען די אָנגעוואַקסענע קולטור גייט לגמרי פאַרלוירן. די קולטור־אָנוווקסן גייען אַזוי ווייט, אַז אייניקע שטעלן לגמרי אין ספק די עקזיסטענץ פון אינסטינקטן ביי מענטשן. אָט די אַלע קולטור־אָנוווקסן און די תלי־תלים פון שטייגער־אָנפּור־רעמונגען זענען דאָך אַ תולדה פון לאַנגע, פיל־דורותדיקע איינשטעלונגען און געוווינהייטן. זיי זענען דער רעזולטאַט פון אַ לאַנגדויערנדיקן ס אָ צ י אַ ל ן אָ פּ ק ל י י ב, בכן האָבן מיר דריי פאָרמען פון אויפפיר לויט זייער אָפּשטאַם: אַ ר ט שטאַמט פון נ אַ ט י ר ל ע כ ן אָ פּ ק ל י י ב; ס אָ ר ט שטאַמט פון דעם צ ו כ ט ־ אָ פּ ק ל י י ב (ביי שטוביקע חיות און קולטור־געוויקסן); פ אָ ל ק שטאַמט פון ס אָ צ י אַ ל ן אָ פּ ק ל י י ב.

דער סאָציאַלער אָפּקלייב איז און מוז זיין פאַרשיידן אין פאַרשיידענע סאָ־ציאַלע סביבות און באַדינגונגען. אָט די פאַרשיידענע אָנגעוואַקסענע פאָרמען און נאָרמען פון אויפפיר און שטייגער — דאָס איז די טראַדיציע פון אַ קיבוץ. די טראַדיציעס ביי מענטשן זענען ווי די רויע אינסטינקטן ביי חיות. יעדער אַרט מיט זיינע רויע נאַטירלעכע אינסטינקטן; יעדער סאָרט — מיט זיינע מאָדיפי־קאַציעס פון אינסטינקטן און יעדער פאָלק מיט זיינע טראַדיציעס, מיט די פאַר־קאָמפּליצירונגען פון די בראשיתדיקע אינסטינקטן.

פונקט ווי די איינפאָרמיקע אינסטינקטן אוניפיצירן די באַשעפענישן פון איין און דעם זעלביקן אַרט, אַזוי אוניפיצירן די טראַדיציעס אַלע יחידים, וואָס געהערן צו איין פאָלק. פ אָ ל ק — ד אָ ס א י ז אַ ס כ ו ם מ ע נ ט ש ן, ו אָ ס ה אָ ב ן ד ו ר ך ד ו ר ו ת א י י נ ג ע ש ט ע ל ט ב י י ז י ך ד י ז ע ל ב י ק ע ט ר אַ ד י צ י ע ס א י ן ל ע ב ן. פ אָ ל ק — דאָס איז דאָס זעלביקע אין דער מענטשלעכער קולטור, וואָס אַ ר ט אין דער נאַטור,וואָס ס אָ ר ט — אין צוכט.

זענען פאַראַן איינהייטלעכע טראַדיציעס אין שטייגער אין די פאָרמען פון לעבן — איז דאָ פאָלק. זענען אַזוינע טראַדיציאָנעלע שטייגערישע איינשטע־לונגען נישטאָ — איז נישטאָ קיין פאָלק. מענטשן פון איין פאָלק, פון איין שטיי־גער וועלן זיך פאַרשטיין, וועלן זיך קענען צונויפריידן אַלע מאָל. זיי וועלן זיך

אָפילו נישט דאַרפן צונויפריידן. אויך אָן דעם וועלן זיי האַנדלען איינפאַרמיק, אויף דעם זעלביקן אופן און שטייגער. דאָס פאָלק איז דאָ גאַנץ, מאַסיוו; איז אָבער די איינהייטלעכקייט פון שטייגער, די איינהייטלעכקייט פון די טראַדי־ציעס צעשטערט, — מוז קומען די קללה פון דעם דור הפלגה, די צעשפליטערונג פון פאָלק, זיין צעריסנקייט און דאָס איז דער אָנהייב פון זיין צעשטויבונג, צע־פולווערונג, זיין צעפאַלן אויף באַזונדערע יחידים, מעגן זיין די „פאָלקסמאַסן" ווי גרויס, צאָלרייך, זענען זיי אָבער מאַסן און נישט קיין מאַסיוו.

ג.

אויפפיר אָדער באַוווסטזיין

וואָס פאַר אַ ראָל האָט דאָס מ׳ענטשלעכע באַוווסטזיין אין דער אויסביל־דונג און אין דער אויפהאַלטונג פון פאָלק און פעלקער?

וואָס איז פריִער — דער נעשה אָדער דער נשמע? צי קומט אין מענטשן צוערשט די פאָרשטעלונג, דער באַגריף, דער געדאַנק און שפּעטער קומט פון דעם אַרויס, ווי אַ תולדה פון דעם באַוווסטזיין, זיין האַנדלונג, אָדער עס גייט פאַרקערט: די האַנדלונג קומט פריִער און זי ווערט צומאָל (לגמרי נישט תמיד!) באַגלייט מיט אַ פאָרשטעלונג, מיט אַ באַגריף און מיט אַ מיינונג?

עס איז אַן אַלטע פלוגתא, נאָך פון פאַרצייטן אָן. האָט סאָקראַטעס גע־גלייבט, אַז דאָס וויסן פירט צום גוטן, אַז דער נשמע איז דער מקור פון נעשה. האָט אַריסטאָ געלערנט, אַז „געוווינהייטן זענען די צווייטע נאַטור", אַז דער נעשה איז פריִער און ער פירט צו דעם נשמע. האָט דער מיסטיש־רעליגיעזער יידישער דיכטער ר׳ שלמה אַלקאַביץ (16טער י״ה) געזונ־גען „סוף מעשה במחשבה תחילה" (אין „לכה דודי"), איז מען אָבער איצט אַ סך מער גענייגט צו דענקען, אַז פאַרקערט, „סוף מחשבה במעשה תחילה". אויב דער יורש פון קאַנטן, הערבאַרט, האָט אויף דער שוועל פון 19טן י״ה געלערנט, אַז דער עלעמענט פון דער פסיכיק איז די פאָרשטעלונג און בכן קען מען מיט קלאָרע פאָרשטעלונגען דערציִען אַ מענטשן, איז אָבער אָט די טעאָריע אין סוף פון זעלביקן י״ה אַראָפּ פון איר גדולה ווי אין דער פסיכאָלאָגיע, אַזוי אויך אין דער פעדאַגאָגיק.

וואָס איז פריִער — די פסיכישע שרעק און ווי אַ תולדה פון דעם קומען די האַנדלונגען: דאָס לויפן, דאָס שרייען וכדומה, אָדער עס איז פאַרקערט — אַז מען הייבט אָן לויפן און שרייען, און אין האַרצן הייבט עס אָן צו קלאַפּן, קומט ווי אַ תולדה פון דעם די איבערלעבונג פון שרעק? אָט די שאלה פרעגן איינצייטיק דער אַמעריקאַנער וויליאַם דזשעימס און דער האָלענדער לאַנגע, און

ביידע קומען צו דעם זעלביקן אויספיר, אַז די פסיכישע איבערלעבונג און דאָס וויסן זענען אַ תולדה פון די פיזיאָלאָגישע פּראָצעסן און האַנדלונגען.

אין דעם יסוד פון דער מענטשלעכער פסיכיק ליגט נישט די „קלאָרע פאָר־שטעלונג", נייערט די איינגעבראָכענע און דערוואָרבענע (באַדינגטע) רעפלעקסן — זאָגן פּאַוולאָוו און זיינע תלמידים „די רעפלעקסאָלאָגיסטן" אין רוסלאַנד. כמעט דאָס זעלביקע זאָגן די „בעהייוויאָריסטן" אין אַמעריקע. קומט פרויד און ער זינקט אַראָפּ אין די תהומען פון מענטשנס אונטערבאַוווסטזיין און ער אַנט־פּלעקט דאָרטן אַ שלל מיט מאָטיוון פאַר דעם מענטשנס האַנדלונגען און געדאַנ־קען... אָבער קיינער בויט איצט נישט די פסיכאָלאָגיע אויף דעם באַזיס פון פאָר־שטעלונגען און וויסן. אין יסוד פון אונדזער פסיכיק ליגן אונדזערע האַנדלונגען, אונדזער אויפפיר און אַ ט יי ל פ ו ן ד ע ם ווערט באַגלייט מיט פאָר־שטעלונגען, נאָר וועגן אַ ט יי ל פון אונדזערע מעשים ווייסן מיר.

לאַנגע קייטן דורות מיט איין און דעם זעלביקן אויפפיר, מיט ענלעכע האַנדלונגען און ענלעכן שטייגער, — און ווי אַ תולדה פון דעם קומט די איינ־הייטלעכקייט פון טראַכטן און דענקען. און דאָס איז פאָלק: די זעלביקע זיטן, מינהגים — דער זעלביקער שטייגער און די זעלביקע איבערלעבונגען, די זעל־ביקע געדאַנקען און די זעלביקע אויסדרוקן, די זעלביקע אידעאָלאָגיע און די זעל־ביקע שפּראַך. און נישט דער פילאָלאָגישער אָפּשטאַם פון די ווערטער איז דאָ וויכטיק, נאָר די אידיאָמען, די ווערטלעך, די ברכות און די קללות, די וויצן און ווונקען, די אויסריידענישן און די דרינגענישן, די גראַמען און שטראַמען, דער דריי מיטן פינגער און דער „עט" מיט דעם „בע". — אין זיי איז די איינהייט־לעכע פסיכיק פון פאָלק, זיין איינהייטלעכער גייסט, זיין נשמה. יעדער פאָלק האָט זיין שכינה און זי אַנטפּלעקט זיך אין דעם וואָס עס איז געמיינזאַם ביי אַלע מיטגלידער פון פאָלק. ווילט איר קענען די נשמה פון אַ פאָלק, לערנט אויס זיינע שפּראַך־פאָרמען, זיינע האַנדלונגען און שטייגער, אין זיי איז די נשמה פון פאָלק. די ראָל פון דעם באַוווסטזיין, פון די טעאָריעס, פון די וואָרט־שאַפונגען — דאָס איז אַלץ סעקונדער, דאָס איז אַ תולדה און נישט דער מקור ראשון פון פאָלק. דער וויכטיקסטער פאָלק־בילדנדיקער און פאָלק־האַלטנדיקער פאַקטאָר איז די איינהייטלעכקייט פון שטייגער־טראַדיציעס, זיטן, פירונגען און מינהגים.

ד.

ווי אַזוי האָט זיך אויסגעבילדעט דאָס איינהייטלעכע יידישע פאָלק?

עס האָט זייער לאַנג געדויערט, איידער די באַזונדערע יידישע שבטים און משפחות האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן אין איין פאָלק. מען קאָן זאָגן, אַז ביז גלות

בבל איז נאָך אַלץ קיין צונויפגעצעמענטירט פאָלק נישט געווען. איטלעך פאָלק האָט זיין פּרעהיסטאָרישע קינדהייט־עפּאָכע, וואָס פאַלט אַרויס פון פאָלקס־זכרון, ווי די קינדהייט פאַלט אַרויס פון דעם יחידס זכרון. און די תקופה איז דווקא די וויכטיקסטע פאַר דער אויסבילדונג און געשטאַלטונג ווי פון דעם יחיד, אַזוי אויך פון דעם קאָלעקטיוו, פון דעם פאָלק. אָט די פּרעהיסטאָרישע קינדהייט־תקופה האָט ביי דעם יידישן פאָלק געדויערט צו לאַנג. און דאָס דער־פאַר, וואָס שוין אין דעם באַגינען פון אונדזער געשיכטע האָט זיך אונדזער פאָלק אויסגעצייכנט מיט אַ שטאַרקן דראַנג צום נאָכמאַכן און צו אַסימילאַציע. און דאָס, פאַרשטייט זיך, האָט געשטערט איינצושטעלן אַן איינהייטלעכן שטייגער און אויפפיר. (זען „אַסימילאַציע־כוואַליעס ביי יידן אין אַלטערטום״ אין דעם דריטן באַנד פון מיינע געקליבענע שריפטן). אָט דער דראַנג האָט עס געבראַכט צו דעם אויסערגעוויינלעכן פאַקט, אַז די גרעסטע מערהייט פון יידן אין אַלטער־טום, די צען שבטים, האָבן אין דער אייגענער מלוכה, אין דעם אייגענעם לאַנד אויפגעהערט אייגנטלעך צו זיין אַ יידיש פאָלק און עס איז געווען גענוג גאָר אַ קורצע צייט גלות, עס זאָל זייער זכר אָפּגעמעקט ווערן פון דער געשיכטלע־כער אויבערפלאַך, עס בלייבט בלויז זייער אָנדענק אין דער לעגענדע און אויך אין לירישע דערמאָנונגען ביי נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע פאָלקס־זינגער און פאָלקס־מאַנער ווי די נביאים, למשל.

ערשט אין גלות־בבל האָט זיך אָנגעהויבן דאָס באַוווסטזיניקע צונויפשמעל־צונג פון באַזונדערע גרופּעס אין אַ פאָלק. א י ן גלות זענען אַוועק שבטים, פ ו ן גלות איז געקומען אַ פאָלק, במתי מעט — אַ קליינע צאָל פון עטלעכע צענדליק טויזנט מענטשן זענען זיי געווען, אָבער מיט אַ שטאַרקן באַוווסטזיין און דראַנג צו פאָלקישער גאַנצקייט.

און דער קלעפּשטאָף, וואָס האָט עס באַהעפט יחיד צו יחיד און געשאַפן אַ גאַנץ פאָלק, דאָס איז געווען דער איינהייטלעכער שטייגער אין די היימען און אין געזעלשאַפט. עס איז פון אים געוואָרן אַ קולט נאָרמעס און געזעצן, חוקים, אַ גאַנצע תורה, וואָס האָט פיקסירט אָט דאָס אַלץ און געמאַכט פון דעם אַ „קאָנ־סטיטוציע פון אַ פאָלק אומאָפּהענגיק פון לאַנד, מלוכה.

די מלוכה האָט ווייטער נישט געשפּילט קיין צעמענטירנדיקע ראָל, זי איז נישט געווען קיין „פאָלק־בילדנדיקער פאַקטאָר״. פאַרקערט, זי האָט געפירט צו קריגערייען, רייסונגען, ברודער־מלחמות, געריסן גרויסע שטיקער און געמאַכט דאָס לאַנד אָרעם, דערמיט האָט זי, די אייגענע, פאַרזיכיקע מלוכה, געשטאַרקט די עמיגראַציע פון יידן פון זייער היימלאַנד. און ווען אונדזער געאָגראַפישע צע־שפּרייטונג איז אַלץ געוואַקסן, דעמאָלט האָבן די גייסטיקע פירערס פון פאָלק, די פּרושים און זייערע נאָכפאָלגערס, די טרוימער און שעפער פון פאָלקס־גאַנצ־

קייט, פון „ישראל אחד“ (דער אויסדרוק געהערט צו ד"ר ש. ראַווידאָוויטש ז"ל), פון אַחדות האומה, פאַרשטאַנען אויסצובויען גייסטיקע רייפן אַרום דעם פאָלק דורך דעם שטייגער.

און עס איז געשען פאַרקערט, ווי מען האָט געקאָנט דערוואַרטן: אין דער אייגענער מלוכה, אין אייגענעם לאַנד האָט זיך נאָך די חשמונאים אָנגעהויבן אַ גייסטיקע צעשפּליטערטקייט — פּאַרטייען און סעקטעס און גרופּעס און ריכטונגען און וואָס נישט! און פאַרקערט, איז אין אַלע תפוצות ישראל, אין אַלע גלותן ווייט און ברייט צעשליידערט און צעוואָרפן איבער דער גאָרער וועלט צעמענטירט געוואָרן איין פאָלק מיט איין ריכטונג, מיט איין גלויבן, מיט איין „ד׳ אחד“, וואָס האָט אַזוי פעסט געהאַלטן דעם „ישראל אחד“ דורך הונדערטער דורות און יאָרטויזנטער איבער אַלע לענדער און צווישן אַלע פעלקער.

איבער אַלע וועגן פון דיין וואָגלען,
איבער גאָרער וועלט,
שטייען דיינע לאַגלען
ברייט און ווייט צעשטעלט.

(ד. האָפשטיין).

און אָט די גייסטיקע לאַגלען האָבן גובר געווען דעם פיזישן וואָגלען. און וואָס לאַנד האָט נישט געקאָנט מאַכן, האָבן זיי געשאַפן. איז די תורה און מצוות (קולטור און שטייגער) געוואָרן די גייסטיקע היים פון אַלע יידן, וווּ זיי זאָלן זיך נישט געווען געפינען, אונדזער גייסטיקע טעריטאָריע און אונדזער מדינה. בפירוש מדינה, ווייל זי האָט דיקטירט אַלע דינים פון לעבן. אַ מדינה אָן אַ לאַנד, און די מדינה של מעלה, די מדינה אין גייסט איז שטאַרקער געווען פון אַלע מדינות מיט לענדער... דאָס איז דאָך געווען דער זינען פון אונדזער אַלטער פאָלקס-לעגענדע וועגן דעם, אַז יידן גייען אויף אַ פאַפירענעם בריק און האַלטן אויס, ווען אַלע אַנדערע פעלקער גייען אויף אַן אייזערנעם בריק און האַלטן נישט אויס.

דער ווערט פון אַ לאַנד און מלוכה איז אין דעם, וואָס זיי מאַכן גרינגער איינצוהיטן די גאַנצקייט פון פאָלק און זיין אייגנטימלעכקייט. אַ גאַנץ פאָלק קען גרינגער און גיכער איינהיטן זיין גאַנצקייט ביי זיך אין דער היים, איידער אין אַ צעשפּרייטקייט. לאַנד און מדינה דאָס זענען דער „קנקן“, וואָס מאַכט גרינגער איינצוהיטן דעם „מה שיש בו“, אָבער פאַר זיך אַליין איז עס נישט מער ווי אַ ליידיקער קרוג און נישט מער. ווען אַ פאָלק איז גייסטיק צעשפּליטערט, קען דער איינציקער פאַקט פון מדינה עס נישט צונויפצעמענטירן. גליקלעך איז אַ פאָלק, וואָס האָט אַן אייגן לאַנד, אַן אייגענע היים און דעריבער אויך גרינ־

גערע באַדינגונגען איינצוהיטן זיין אייגנטימלעכקייט. אָבער אַ סך אַ גרעסערע גבורה איז די, וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט באַוויזן איינצוהיטן זיין פאָלקישע גאַנצקייט אָן אַ מלוכה, אין משך פון צוויי טויזנט יאָר אין די שווערסטע באַדינגונגען פון לאַנגן און שוידערלעכן גלות.

מיט אַ סך יאָרן צוריק איז מיר אויסגעקומען צו הערן אין אַדעס אין אַ רעפעראַט פון ד״ר יוסף קלויזנער, אַז ווען מען זאָל אים געבן ארץ־ישראל מיט דער גלותדיקער קולטור און שפּראַך, וואָלט ער מוחל געווען אויך ארץ־ישראל... מיט יאָרן שפּעטער האָב איך געהערט פון ביאַליקן: מיר דאַרפן ארץ־ישראל נישט, כדי זיך צו באַפרייען פון אונדזער גלות־קולטור, נאָר פאַרקערט, כדי מיר זאָלן קענען די זעלביקע פרייער און ברייטער צעוויקלען... צוויי פאַרקערטע תורות, און וואָסערע פון די צוויי איז די ריכטיקע פון שטאַנדפּונקט פון קיום האומה — דאָס פאַרשפּאַרט מען צו דערקלערן.

אַ שטוב, אָן אייגענע דירה שאַפט נישט קיין משפחה. אַ משפחה אָבער בויט זיך אויס, שאַפט זיך אַ דירה. אַ פאָלק, ווען עס איז גאַנץ, ווען עס איז גייסטיק איינהייטלעך, שאַפט זיך אַ לאַנד. אַ לאַנד אָבער, אַפילו דאָס בעסטע, שאַפט נישט קיין פאָלק. (די אַלטע תורה פון אחד העם „ארץ כי תחרב״ און „עם כי יחרב״).

ה.

קולטור שטאַמט פון שטייגער

פעלקער האָבן זייער קינדהייט, זייער צייטיקן עלטער און פעלקער שטאַרבן אָפּ. אין דערוואַקסענעם עלטער האָט איטלעך פאָלק זיינע אייגנגעשטעלטע טראַדיציעס אין שטייגער און אין אויפפיר און עס האָט אויך זיין קולטור אין שריפט און אין אַנדערע קונסטן. דאָס איז פונקט דאָס, וואָס מיר רופן „תורה שבכתב״ און „תורה שבעל פה״. איטלעך פאָלק האָט ליב זיך צו באַרימען מיט זיין קולטור שבכתב, מיט דעם, וואָס גרויסע טאַלאַנטן פון פאָלק האָבן געשאַפן אין וואָרט, אין שטיין, אין בראָנדז, צי אין קלאַנגען. דאָס פשוטע שטייגערישע לעבן — דאָס באַמערקן גאָרנישט די געוויינלעכע מענטשן. די תורה שבעל פה פון פאָלק, דאָס ווערט פאַרהוילן פאַר די פשוטע אויגן, דאָס באַמערקט מען נישט און — אָפט וויל מען עס אַפילו נישט באַמערקן. כדי די תורה שבעל פה, אָט דאָס פאָלקסטימלעכע אין שטייגער און אין אויפפיר צו באַמערקן דאַרף מען זיין אַ ר׳ יוחנן, וואָס גיט זיך אַ קורצן זאָג „לא כרת הקב״ה ברית עם ישראל אלא בשביל דברים שבעל פה״ (גיטין ס.). און אין אָט דעם קורצן זאָץ איז דער ריכטיקער היסטאָריזאָפישער אמת. אָט די פשוטע שטייגערישע איינהייטלעכקייט

— דאָס איז דער באָדן פון פאָלקס־לעבן. די קונסטווערק — דאָס זענען די פרוכט. און וואָס איז ווערטפולער פאַרן קיום פון פאָלק?

עס איז ווי מען זאָל פרעגן: וואָס איז וויכטיקער, דער בוים צי זיינע פרוכט? געוויס האָדעוועט מען דעם בוים צוליב זיינע פרוכטן, — אָבער — דער גרעסטער לאַגער פון פרוכטן מוז פוילן און שימלען, סיידן עס זענען דאָ לעבעדיקע ביי־מער, וואָס פּראָדוצירן כסדר נייע און פרישע פרוכטן.

פעלקער שטאַרבן אָפּ, פאַרגייען, צעפּולווערן זיך און קומען אום על פי רוב, ווען זיי האָבן רייכע אָנזאַמלונגען פון קולטור־פרוכטן, און אָט די רייכע אָנ־געזאַמלטע אוצרות ראַטעווען נישט דאָס פאָלק פון אומקום, פון טויט ווען עס האָט פאַרלוירן זיין איינהייטלעכקייט אין שטייגער, זיין אויסגעהאַלטנקייט אין זיין תורה שבעל פה. פעלקער ווערן געבוירן, ווען זיי האָבן אפילו נישט קיין אַלף־בית, אָבער אַ שטייגער האָבן זיי, אַ תורה שבעל פה, אַ קולטור פון זיטן און פירונגען. די שטייגערישע איינהייטלעכקייט אין זיטן, פירונגען, פרייד־אַרטן — דאָס איז דער בוים, וואָס אויף אים וואַקסן די פרוכטן — די קונסט־שאַפונ־גען פון די קינסטלער אין פאָלק. זייערע שאַפונגען זענען אַ פּראָדוקט פון לעבן, אָבער נישט דאָס לעבן גופא. די פרוכטן, וואָס ליגן אָנגעזאַמלט אין לאַגערן, קענען נישט אָפּהאַלטן דעם בוים פון טויט, ווען ער הערט אויף צו שאַפן נייע און נייע פרוכטן. און דאָס לעבן פון בוים איז נישט אין זיינע פרוכטן, ווי גוט זיי זאָלן נישט זיין, נאָר אין די זאַפטן, וואָס ציִען זיך פון די וואָרצלען, און אין פאָלק איז עס די ק ו ל ט ו ר פ ו ן ש ט י י ג ע ר. דאָס מאַכט זי פון מאַסן־מענטשן, פון יחידים באַזונדערע איין מאַסיוו, דאָס איז דער פאָלק־שאַפנ־דיקער צעמענט.

ווען אָבער דאָס אינדיווידועלע שטייגט איבער דאָס קאָלעקטיווע אין יעדער יחיד, ווען דער מאַסיוו פון פאָלק פאַרלירט זיין צעמענט און פון מאַסיוו ווערט אַ מאַסע, ווען דאָס פאָלק ווערט גייסטיק צעשפּליטערט, שטייט ער אין סכנה פון אונטערגאַנג, פון אומקום. די פרוכטן און בלעטער פון אַ בוים האָבן דעמאָלט אַ ביאָלאָגישן ווערט פאַר דעם קיום פון בוים גופא, נאָר ווען זיי קערן אום זייע־רע זאַפטן צוריק צו די וואָרצלען פון בוים. פאַרן קיום פון פאָלק איז אָט די קולטור־צירקולאַציע נאָך אַ סך וויכטיקער. ווען מיר האָבן געהאַט איין איינהייט־לעכן שטייגער איבער לענדער און צווישן פאַרשיידענע פעלקער, האָבן מיר זיך גרינג געקאָנט צוזאַמענריידן, פאַרשטיין זיך אַפילו אָן ווערטער אויך. מיר זענען געווען איין פאָלק. איצט אָבער, אַז „כמספּר עריך היו אלוהיך, ישראל“ — אין וויפל לענדער מיר וווינען, אַזוי פיל שפּראַכןריידן מיר, און שוועסטערקינדער פון עטלעכע לענדער קענען זיך שוין נישט צוזאַמענריידן, שוין אין צווייטן דור, אין אימיגראַציע; איצט, אַז קיין אייגענעם שטייגער האָבן מיר נישט אין ערגעץ,

— איצט זענען מיר געוואָרן אַ פֿאָלק וואָס איז צעבראָכן אויף עטלעכע שערב־לעך און עס דראָט אונדז אַ בפירושע סכנה פון צעשטויבונג.

משל, עס איז געגליכן צו אַ קעסל מיט איבערגעהיצטן דאַמף. כל־זמן עס איז געווען וואַסער, האָט עס איין טראָפּן געצויגן צום צווייטן, און עס איז גע־ווען איין שטראָם. איצט אָבער, אין דעם הייסן קעסל זענען עס נאָר די שטאָלענע ווענט, וואָס האַלטן איין די דאַמף־מאָלעקולן צוזאַמען, — און ווי נאָר עס עפֿנט זיך די קלענסטע עפֿענונג, אַזוי צעפֿליִען זיך די באַזונדערע מאָלעקולן באַזונ־דער. מיט אַ פֿייף און געשריי רייסן זיי זיך אַרויס פֿון קעסל, זיי הייבן זיך העכער, אָבער איין ווײַלע, — און זיי צעגייען זיך און ווערן פֿאַרלוירן אין דער לופֿט... דאָס איז דער משל, און דער נמשל? — הלוואַי זאָלן מיר בלייבן אַ ליגנער...

ו.

עכטע און אומעכטע קולטור

פון זעלביקן מקור, וואָס די צעשפּליטערטקייט און ווי אַ צווילינג־שוועס־טער מיט איר קומט די אומעכטקייט אין כאַראַקטער פון דעם מאָ־דערנעם ייִדן (זע 3טער באַנד פון מײַנע געקליבענע שריפֿטן, „עגאָפּאַביע ביי ייִדן״, קאַפּ׳ ב). בעת אַ פֿאָלק פֿאַרלירט, פֿאַרוואַרפֿט זײַנע טראַדיציעס, בלייבט עס נישט לגמרי אָן אַ שטייגער, עס איז תמיד פֿאַרבונדן מיט נאָכמאַכעריי. און וויפֿל מוסטערן — אַזוי פֿיל נאָכמאַכונגען. איז עס צעשפּליטערטקייט און אומעכטקייט צוזאַמען.ביידע זענען אַ תולדה פֿון אַ שיפֿלות־קאָמפּ־לעקס בנוגע דעם אייגענעם נאַציאָנאַלן „איך״ און פֿון דעם „אהבתי את אדוני״־קאָמפּלעקס, וואָס באַשטייט אין אַן איבערגעטריבענעם דרך־ארץ צו יעדערן, וואָס האָט אַ בייטש אין האַנט און ער קען זיך שמייסן. די ביידע שטריכן זענען פּונקט דער היפּוך פֿון דעם, מיט וואָס דער טראַדיציאָנעלער ייִד האָט זיך אויסגעצייכנט, פֿון דעם וואָס די געטרייקייט צו דער טראַדיציע האָט אין ייִדן איינגעפֿלאַנצט.

די אומעכטקייט איז לגמרי נישט בלויז אין רעדן, עס איז לגמרי נישט קיין באַוווסטזיניקע ליגנערישקייט אָפּצונאַרן עמעצן אַ צווייטן. עס איז אַן אומעכט־קייט אַ סך אַ טיפֿערע — מען איז נישט עכט אין דענקען אויך, אַפֿילו ווען סובּ־יעקטיוו, באַוווסטזיניק וויל מען זײַן ערלעך און אויפֿריכטיק מיט זיך אַליין. די געדאַנקען און די מיינונגען און אַלע קאָנווענאַנסן אין לעבן שטאַמען לגמרי נישט פֿון דעם אייגענעם געמיט און פֿון דעם אייגענעם געפֿיל און געשמאַק, נאָר מען איז שוין מיט אַלע געוווּנהייטן אַ קאָפּיע, אַ שפּיגל פֿון וועמען עס איז. עס ווייסט נישט די מימיקרי־פֿליג, אַז זי איז אַ נאָכמאַכונג פֿון דער שטאַרקערער וועספּע, אָבער זי בלייבט דאָך אַ נאָכמאַכונג, נישט־ווייסנדיק און נישט־פֿילנדיק אויך.

זענען מיר אויך אין אונדזער צעשפליטערטקייט נישט עכט, נישט אמתדיק, מיר זענען נישט מיר, מיר לעבן זיך אויס נישט מיטן גאַנצן אייגענעם האַרצן, און וואָס עס איז ביי אונדז אין האַרצן, דאָס ווערט דערשטיקט און עס קומט נישט צום אויסדרוק.

נאָר ווי מיר! פאַלש איז אייער ג׳וויין.\
נישט קיינער, קיינער גלויבט אים מער,\
נישט גאָט, נישט איך, נישט איר אַליין.\
אַפילו אייער אייגן האַרץ\
ועט אייער אייגן מויל נישט גלויבן.

(ביאַליק, דאָס לעצטע וואָרט).

דאָס איז אַן אומעכטקייט אַן איינגעגעסענע, כמעט אַן אָרגאַנישע, ווען די ווערטער און די מעשים גייען נישט פון אייגענעם האַרץ און געוויסן, נאָר ווי פון דער לופט, פון דער סביבה, ווען יעדער איינער איז נישט מער ווי אַ היל־כער, וואָס חזרט איבער געהערטע און איינגעגעסענע פראַזעס און מעשים.

געדאַנקען זענען ווי קינדער: זיי קענען זיין אייגענע און אַדאָפּטירטע. מיר אונטערשיידן אָרגאַניש דענקען און אָרגאַנישע געדאַנקען פון אַדאָפּטירטע, אויס־געלערנטע, איבערגעזאָגטע געדאַנקען. די אָרגאַנישע געדאַנקען גייען תמיד אַרויס פון דעם אינעווייניקסטן מהות פון דעם מענטשן, זיי וואַקסן אָרגאַניש אַרויס פון זיין געמיט, געפיל און אינעווייניקסטער טראַדיציע. די אָרגאַנישע געדאַנקען און אידייען זענען רויִקע, נישט שרייענדיקע, שטילע און דויערנדיקע. זיי קענען זיך מאָדיפיצירן אָבער נישט ענדערן זיך; נישטאָ קיין אָרגאַנישע שפּרונגען פון שאול צו פּאַול. זייער גענעזיס איז אַ פּאַמעלעכער: לכתחילה זענען זיי שטימונ־גען, אַ געפיל, אַ נייגונג, אַ אירע וואָרצלען אין דער סביבה, ווו דער מענטש האָט זיך געהאָדעוועט. שפּעטער קליידן זיך די שטימונגען און געפילן אָן אין ווערטער און זיי ווערן אידייען. ווען אַזאַ אויפריכטיקער מענטש רעדט, צי ער שרייבט, פילט מען גלייך, אַז די ווערטער גייען נישט פון דער סיטואַציע, פון מאָמענט, נאָר זיי זענען דברים היוצאים מן הלב.

גאָר אַנדערש איז עס מיט אַדאָפּטירטע געדאַנקען, וואָס שטאַמען פון נאָכ־מאַכעריי, פון צופאַסונגען צו דער צייט און צום אָרט. אויב אַפילו זיי זענען נישט קיין באַוווסטזיניקער ליגן, אויב אַפילו דער בעל דבר אַליין מיינט צו זיין אויפ־ריכטיק אין דעם מאָמענט, בלייבן די אַדאָפּטירטע געדאַנקען צייטווייליקע, ביז דער נייער ווענדונג, ביז דער נייער מאָדע, ביז דעם נייעם מוסטער. זיי זענען שרייעוודיק, טומלדיק, ווי זיי וואָלטן געוואָלט פאַרשרייען און פאַרטומלען די אייגענע ספקות, די אָפּהילכן פון דעם אייגענעם דערשטיקטן געוויסן. נאָך אָפּטער

זענען אָט די אָנגענומענע, אָנגעכאַפּטע געדאַנקען שרייעוודיק, כדי צו פאַרטומלען און כדי צו איבערצייגן אַנדערע, זיי זאָלן חלילה נישט ספקן אין דער עכטקייט פון די אַרויסזאָגונגען, אַרויסשרייונגען. „אָט זעט, ווי געטריי מיר זענען אונדזער נייער אידייע"... אָט די טרעגער פון אַזעלכע אַדאָפּטירטע געדאַנקען זענען די גרעסטע בריות אויף צו זוכן עברות ביי יענעם, זיי קענען זיין די בעסטע אינקוויזיטאָרן. די מענטשן זענען בדרך כלל גוטע אַרטיסטן. זייער לעבן איז אָנשטעל און פאַרשטעל, ווי אַן אַרטיסט, וואָס איז גוט איינגעלעבט אין זיין טעאַטער־ראָל, און וואָס פאַרגעסט זיך, שפּילנדיק, אַז עס איז דאָך נישט מער ווי אַ ראָל, ווי אַ שפּיל.

על פּי רוב בלייבן אָט די אַדאָפּטירטע, איינגערעדטע און איבערגעכאַפּטע געדאַנקען נאָר ביי ווערטער, זיי דערגייען נישט צו מעשים: וויפל יידישע הייסע נאַציאָנאַליסטן דערציִען זייערע אייגענע קינדער אין פולשטענדיקער אַסימילאַציע!

אָט די איינגעגעסענע אומעכטקייט איז נישט שעפעריש. שאַפן קען אַ מענטש בלויז, ווען ער איז אָרגאַניש, פון אייגענעם האַרצן אַרויס. אָבער עס קענען נישט זיין שעפעריש מענטשן־הילכערס פון פרעמדע געדאַנקען. אָט פאַרוואָס עס איז אין אַסימילירטע קרייזן פאַראַן אַזוי פיל יידן־ווירטואָזן און אַזוי ווייניק קאָמפּאָזיטאָרן. און אַזוי אויף אַלע אַנדערע געביטן.

איז דאָס אונדזער אומגליקלעכער צווילינג: צעשפּליטערטקייט און אומעכטקייט. דער טיפערער יידישער „איך", דער פּראָדוקט פון פיל־דורותדיקער טראַדיציע ווערט דערדריקט. אָנשטאָט דעם אַלטן לידל „וואָס מיר זענען, זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר", אָנשטאָט דעם לידל קומט אַ צווייטס: „אויף וואָס פאַר אַ וואָגן דו זיצסט, אַזאַ לידל זאָלסטו זינגען". און אויף וויפל וועגענער מיר זיצן, אַזוי פיל לידלעך זינגען זיך פון אונדז אַרויס, און אַלע זענען פרעמדע, נאָכגעזונגענע דעם פורמאַן פון געגעבענעם וואָגן. און אויף יעדער וואָגן זענען דאָך דאָ עטלעכע פורמאַנעס, איז וויפל מוסטערן אַזוי פיל אידייען ביי יידן און וויפל יידן אַזוי פיל אידייען, — און גיי רייד זיך צונויף מיט יידן! און וואָס אַ דור און וואָס אַ יאָר — אַלץ ווייטער ווערן מיר פון אחדות האומה, פון „ישראל אחד", וואָס אַן דעם איז אויך אוממעגלעך „ד' אחד". וויפל לענדער — אַזוי פיל יידישע שבטים, און אין יעדער לאַנד זענען די גרופּעס מער ווי משפחות יידן. און וויפל שפּראַכן אַזוי פיל קולטורן, דוכט זיך אונדז אויס, פלאַנצן מיר איין אין אונדזערע קינדער. און עס איז אַ טראַגישער שקר: יעדע קולטור קומט מיט איר שפּראַך, אָבער ווייט נישט יעדע פרעמדע שפּראַך קומט מיט איר קולטור, ווען מען לערנט די שפּראַך אויס און אַפילו ווען מען רעדט אויף איר פון געבוירן־טאָג אָן.

יעדער ווייַן מוז קומען אין פלאַשן, אָבער ווייט נישט אַלע מאָל מוזן פלאַשן

האָבן אין זיך דווקא ווייַן. ווערט טאַקע ביי אונדז די צעשפּליטערטקייט אַלץ גרעסער, די אומעכטקייט שטייגט, דער אייגענער ווייַן רינט אויס, ווערן מיר אַלץ ליידיקער. אַן עכטער ייִד ווערט אַלץ זעלטענער, אַ מדינה אויסצופאָרן און אַן עכטן ייִד צו געפינען. און צעשפּליטערטע אומעכטקייט איז אומשעפעריש. זענען אַ סך ייִדישע שבטים געבליבן גייַסטיק סטעריל, אומשעפעריש ביז, ביז זיי פאַרגעסן אַליין, אַז זיי זענען מיט דורות צוריק געווען ייִדן.

ז.

ערב צעפאַלונג

מיר זענען אַ פאָלק צעפּיצלט און אומעכט. צעפּיצלט זענען מיר געאָגראַפיש, שפּראַכלעך, קולטורעל, שטייגעריש, אידעאָלאָגיש, סאָציאַל און פּאָליטיש. אין אַלע לענדער ווו מיר לעבן באַמיִען מיר זיך אַרייַנצוגלידערן אין דעם הויפּט־פאָלק און מיר באַמיִען זיך אויך אָפּצורייסן פון דעם ייִדישן וועלטפאָלק. פאַראַן גאַנצע שבטים ייִדישע וואָס זענען אָפּגעריסן פון אַלץ וואָס עס טוט זיך אין ייִדישן פאָלק און זייער ייִדישקייט באַשטייט בלויז אין קליינע, שוואַכע רעשט־לעך פון אַ רעליגיע און פון זיין אַ פּאַסיווער אָביעקט פון אַנטיסעמיטיזם. דאָס איז די מעטע וואָס צו איר ציִען זיך די ייִדישע שבטים וואָס זענען נאָך איצט אַקטיוו אין ייִדישן לעבן. עס איז אַ פּראָצעס פון צעפאַלונג פון אַ פאָלק, און מיר — די אַקטיווע ייִדן זענען דער דור פון ע ר ב צ ע פ אַ ל ו נ ג, דער לעצטער דור אַקטיווע ייִדן. מען נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין ייִדישן לעבן קולטורעל און געזעלשאַפטלעך, מען איז שטאַרק ייִדיש, אָבער די קינדער זענען שוין ווייט אַוועק פון דעם אַלעם. עס איז נישט דער נאַטירלעכער אונטערשייד צווישן דורות, צווישן אַלט און יונג, — עס איז אַ ריס, אַ תהום ווי צווישן צוויי פעלקער, צוויי וועלטן.

איז אויך אָפּט דער עלטערער דור נישט עכט, זעט מען טאַקע די ווייטערדיקע עטאַפּן פון דעם צעפאַלונגס־פּראָצעס, אָבער מען פאַררעדט די צרות, מען באַמיט זיך איינצורייִדן, פאַרטומלען דעם אינעווייניקסטן ווייטיק פון „וווּהין?״; מען וויל מיט דעם מויל גובר זיין די אייגענע הערצער, רעדט מען שטאַרקער ווי מען פילט און ווי מען גלייבט, מען פאַררעדט זיך דעם ווייטיק, מען פאַרשרייט אים. איז מען פּעסימיסטיש אין האַרצן און אָפּטימיסטיש אין וואָרט, איז מען צו פריילעך, בעת עס ווילט זיך וויינען. מיט איין וואָרט — מיר זענען א ו מ ע כ ט, כדי נישט צו זאָגן פאַלש צו זיך אַליין.

מיר ייִדן האָבן זיך געהאַלטן ווי אַ פאָלק אין משך פון לאַנגע דורות גאַנץ און צעמענטירט נישט מיט לאַנד, נישט מיט מדינות, נישט מיט מיליטערישער

קראַפט; אַפילו נישט מ׳ט פילאָסאָפיעס, פרינציפּן און קרעדאָס, נייערט מיט איינהייטלעכע זיטן און מינהגים, מיט שטייגער און טראַדיציעס, וואָס זענען געווען שטאַרקער פון פעסטונגען, פון מדינות און מיליטערן. דאָס איז געווען וועז מיר האָבן געלעבט טאַקע צווישן פעלקער, אָבער דאָך פאַר זיך, אָפּגעזונדערט „עם לבדד ישכון״, אַנדערש.

האָט די אויסגעלאַכטע „ביצה שנולדה ביום טוב״, דער אָפּגעשפּאָרטער „קוצו של יוד״ מער זכות פאַר אונדזער קיום איידער די גאַנצע קולטור־אוצרות פון די משכילים. די „ווילדע חסידישע האָרדעס״ וואָס כאַפּן שיריים ביים רבין האָבן מער פאַרדינסטן פאַר אונדזער קיום איידער דער גרויסער מענדעלסאָן מיט זיינע תלמידים. האָבן ייִדישע עמאַרצים מיט אַ פאַרגרייזטן קאַפּיטל תהלים, מיט די גרעסטע גרייזן אין דאַוונען מער אָפּגעהיט און אויפגעהיט העברעיִש איידער אַלע אָנשטרענגונגען פון אַלע העברעיִסטן און העברעיִש־ריידער.

אַ ראיה לדבר דאַרף מען?

— וויפל אדרבא זענען געבליבן אין ייִדישקייט פון די קינדער און נאָכפאָלגער פון די משכילים? וויפל קויפער און לייענער פון אַ העברעיִש בוך זענען צוגעקומען פון אַלע דערפאָלגרייכע העברעיִש־לערנער?

ח.

דער אָפּשטאַם פון אונדזער רענעסאַנס

מיר האָבן דורכגעמאַכט אַ גרויסן רענעסאַנס אין צוויי דורות. מיר האָבן אויפגעבויט גרויסע און גאַנץ מעכטיקע ישובים אין אַלע וועלטטיילן. אַז זיי וואָלט פון אונדז קיין זכר נישט געבליבן. אונדזער גאַנצע נייע געאָגראַפיע, אונדזער נייע עקאָנאָמיק, די קולטור, די אויפלעבונג פון העברעיִש, און ועל כולם דער אויפבוי פון אַ מדינה — דאָס אַלץ, אַלץ מיט אַן אַנדער שטאַמט פון די ענערגיע־קוואַלן, דאָס אַלץ דאַרף פאַרשריבן ווערן אויף דעם חשבון פון דעם ייִדישן שטעטל, כאַנדריקעווע און קאַסרילעווקע. דאָס האָט טאַקע זי — אונדזער אויסגעלאַכטע קאַסרילעווקע צעגאָסן זיך, זיך צעקוואַלט איבער גאָרער וועלט און זי האָט געשאַפן אָט די אַלע ווונדער. און מיט וואָס פאַר אַ כוח? — מיט דעם כוח פון טראַדיציע. מיט איר אַלץ, אַן איר — גאָרנישט, מיט דעם כוח וואָס דער אויסגעהאַלטענער שטייגער האָט אַקומולירט און אָנגעזאַמלט.

יאָ, עס האָבן אין אַלע אויפבוי־ווערק אָנטיילגענומען אויך ייִדן וואָס האָבן פון פריִער נישט פאַרמאָגט קיין ייִדישע טראַדיציע, קיין ייִדישן שטייגער. אָבער דאָס זענען אַלץ געווען בלויז שפּענדלעך וואָס דער שטראָם האָט מיטגעשלעפּט, מיטגעטראָגן מיט זיך, מיטגעריסן פון זייטיקע ערטער. דער שטראָם אָבער גופא,

דער גאַנצער גאַנג — ער קומט נאָר פון קאַסרילעווקע, נאָר פון יידישן שטעטל, נאָר פון דער אַלטער יידישער שטייגערישער טראַדיציע. אונדזער גאַנצער רע־נעסאַנס, אַלע אונדזערע אויפטוען, די גאַנצע קולטור, וואָס מיר מעגן באמת מיט דעם אַלעם זיך איבערנעמען, שטאָלץ זיין, אַלץ, אַלץ — אַלץ איז געשאַפן געוואָרן מיט דער ענערגיע פון שטעטל־שטייגער, אַלץ איז געשאַפן געוואָרן פון דעם רוישטאָף פון שטעטל. דער ליים צום קנעטן די גאַנצע קולטור שטאַמט פון דאָרטן, כמעט נאָר פון דאָרטן. עס האָט זיך קינעטיזירט אַ שלל מיט פּאָטענ־ציעלער ענערגיע און פון דאַנען אונדזער גאַנצער פּראָגרעס, ווי די מאַטעריע אַזוי אויך די ענערגיע פון אַלע אונדזערע שאַפונגען — אַלץ קומט פון דאָרטן, פון אונדזער שטעטל־תקופה מיט איר שטייגער, מיט איר יידיש לשון. אָן זיי — גאָרנישט.

ט.

ווי האַלטן מיר איצט?

אַ קאָלעקטיוו וואָס פאַרלירט זיין אייגנהייטלעכן שטייגער ווערט אויס קאָ־לעקטיוו, אַ פאָלק וואָס פאַרלירט זיין טראַדיציע איז אויס פאָלק, אפילו ווען מען איז אין איין אָרט. בפרט אַז מיר זענען צעשפּרייט איבער אַלע אומות און צווישן אַלע לשונות.

מיר — דער ערשטער דור אָן טראַדיציעס לעבן נאָך מיט דער אינערץ פון טראַדיציעס, מיט דער אינערץ פון געוועזענעם שטאַרקן שטייגער. דער צווייטער דור, אָדער דער דריטער דור אָן טראַדיציעס און אָן שטייגער איז שוין מער נישט קיין פאָלק. בכל אופן קיין שעפערישער פאָלק זיכער נישט. מיר זענען ערב צעפאַ־לונג. נאָך אונדז וועלן זיין יידן, אָבער צי עס וועט זיין אַ שעפערישע יידישקייט? צי עס וועט זיין אָן אָרגאַניזירט יידנטום? — הלוואי זאָל איך בלייבן דער ליגנער...

די צעפאַלונג אונדזערע איז אַ כראָנישער פּראָצעס פון אַסימילאַציע. ער געדויערט דורות טאַקע, מען באַמערקט אים נישט אין יעדן געגעבענעם מאָמענט, ווי מען באַמערקט נישט דעם וווּקס פון אַ געוויקס, די באַוועגונג פון די ווייזערס אויף אַ זייגער, ווי יעדער אַנדער כראָנישן פּראָצעס אין אָן אַרויסגעכאַפּטן מאָ־מענט. אָבער דער פּראָצעס גייט, און ער גייט שטאַרקער ווי אָן אקוטער, מיט איין מאָל. די אקוטע אַסימילאַציע איז טאַקע קענטיקער, שאַרפער, עס איז אַ מין שמד, אָן איבערברוך. אַנדערש איז די כראָנישע אַסימילאַציע, דאָ איז קיין איבערברוך נישט קענטיק, פאַרקערט קען גאָר די כראָנישע אַסימילאַציע זיין אין גאַנצן נישט אָפּהענגיק פון באַוווּסטזיין און פון אידעאָלאָגישע איבערצייגונגען. זי קען זיין באַגלייט מיט פונקט פאַרקערטע געדאַנקען פון אַנטי־אַסימילאַציע,

מיט שטאַרקע נאַציאָנאַלע פּראָזעס און אַרויסזאָגונגען, מיט פּאַטאָסדיקע דעקלאַ־ראַציעס וכדומה.

דאָס אַלץ זענען בלויז „קאָמפּענסיר־דעקלאַראַציעס" צו באַרויִקן דעם אייגענעם געוויסן, צו באַרעכטיקן און פאַרגלעטן די מעשים וואָס פירן אין דער פאַרקערטער ריכטונג. עס איז געגליכן צו אַן אַרמיי וואָס טרעט אָפּ, וואָס אַנטלויפט און זי לאָזט איבער קליינע גרופּעס זאָלן זיך כלומרשט שלאָגן מיט דעם פיינט כדי צו פאַרדעקן, צו באַהאַלטן דאָס אייגענע צוריקציִען זיך... זאָל אונדזער געוויסן און זאָלן אַנדערע מיינען אַז מיר שטייען נאָך פעסט אויף אונדזערע נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס, הגם מיר פילן אַז מיר טרעטן אָפּ טראָט נאָך טראָט. מיר הערן און מ'ר זאָגן אַליין: יאָ, מען קען זיין אַ גוטער ייד אויך אָן יידיש, מען קען זיין אַ ייד אָן יידיש וויסן אויך, מ'קען זיין אַ גוטער ייד אויך מיט קריסטמעס־ביימער וכדומה... אַוודאי קען מען. מען קען דאָך לעבן אויך אָן פיס און אָן הענט. מער נישט וואָס עס איז אַז אָך און וויי צו אַזאַ לעבן... אָט דאָ האַלטן מיר איצט אין דער וועלט.

זענען מיר — דער דור פון ערב צעפאַלונג אין אונדזערע רייד זייער נישט עכט, אפשר אויפריכטיק סוביעקטיוו, אפשר ווילן מיר דאָס וואָס מיר זאָגן טאַקע מיטן גאַנצן האַרצן, אָבער אָביעקטיוו זענען מיר נישט אמתדיק. מען איז נישט דאָס וואָס מען וויל זיין און מען וויל זיין דאָס וואָס מ'ען איז. עס איז פאַראַן אַ צו גרויסע דיסטאַנץ צווישן דער אומר און דעם עושה. אוןביידע זענען נישט עכט, נישט פון גאַנצן האַרצן, נישט מיט דעם גאַנצן געמיט, זיי שטאַמען נישט פון דעם אייגענעם איך, זיי זענען נישט אָרגאַניש.

געדאַנקען קענען זיין אָרגאַנישע און אַדאַפּטירטע, איבערגענומענע, אָנגענומענע אָבער נישט קיין איינגעלעבטע. צווישן דעם וואָרט און דעם איך איז פאַראַן אַ מין סכיזאָפרעניע, אַ מין געשפּאַלטנקייט. ווייט נישט תמיד איז דאָס ליגנעריש, פאַלש, אָבער אַלע מאָל נישט איינשטימיק, נישט אָרגאַניש גאַנץ, עס איז די פּאַטשיילע וואָס מאָטל פּייסי דעם חזנס מאַמע האָט געליִען צו איר זונס חתונה: די פּאַטשיילע איז באַזונדער און דאָס פּנים איז ווידער באַזונדער. בכלל געוווּמען זענען געדאַנקען און אידייען זייער זעלטן ביי אַ מענטשן אינדיווידועל, זיינע אייגענע, אָן אַ ווייטערדיקן, טיפערן אָפּשטאַם. על פּי רוב טראָגן זיי אַ חותם פון דורות, עס רעדט פון דעם יחיד אַרויס זיין כלל, די טראַדיציע רעדט אַרויס פון דעם מענטשן. זי קען האָבן פאַרשיידענע ריכטונגען, זי קען זיך אויסדריקן פאַרשיידן, אָבער עס איז לגמרי נישט שווער צו געפינען די וואָרצלען פון די כלומרשט יחידישע געדאַנקען אין דעם ביאָלאָגישן און קולטור־רעלן אָפּשטאַם פון דעם געדאַנקען־טרעגער. דאָס רעדט די טראַדיציע אַרויס פון

דעם יחיד. נישט טביה דער מילכיקער רעדט פון זיך, פון זיין אייגענער חכמה; נישט שיינע שיינדל פון קאַסרילעווקע איז עס אַזאַ מזיק צו שרייבן אירע בריוו צו איר מאַן; נישט זייער מייסטער שלום עליכם אַליין האָט עס מיט זיין אייגענעם אינדיווידועלן כוח געהאַמערט אין ווערטער־בראַנדז זיינע פיגורן. נישט יוחנן מלמד פילאָסאָפירט פון זיך און נישט זיין תלמיד און זיין מייסטער — פרץ — האָט אים געמייסטערט מיט זיין אייגענעם אינדיווידועלן כוח. פון זיי אַלעמען רעדט אַרויס די אַלטע יידישע טראַדיציע, זיי אַלע זענען בלויז מאָדיפיקאַציעס פון אונדזער ישראל סבא, נישט מער. קיין איין גאון איז נישט קיין גאון פון זיך אַליין, זיין גאונות האָט תמיד וואָרצלען אין זיין גייסטיקן אָפשטאַם. אונדזער גאַנצע קולטור, אַלע אונדזערע אויפטוען אין דער וועלט וואַקסן אַרויס נאָך פון שטעטל, פון קאַסרילעווקע. קיין אַנדערע וואָרצלען האָבן מיר נישט, נאָך נישט, גאָט ווייס צי אַזוינע נייע וואָרצלען האָבן זיך ווו צו אַנטוויקלען. מיר זענען געוואָרן אַן אורבאַניש פאָלק, אַ פאָלק פון גרויסע כרכים, פון וועלט־שטעט און אַזאַ אורבאַנישע קולטור האָבן מיר נאָך נישט געשאַפן, און עס זעען זיך נישט קיין פראַצעסן אַזוינע וואָרצלען זאָלן זיך שאַפן ערגעץ ווו און ווי עס איז.

זענען מיר — דער דור פון ערב־צעפאַלונג אינגאַנצן אומעכט, זענען מיר אין אונדזער צעשפּליטערונג פאַרווירט, צעטומלט, „נבוכים", אָבער מיר האָבן נישט קיין רמב"ם וואָס זאָל זיך פאַרמעסטן צו שאַפן פאַר אונדז אַ „מורה" — אַ וועגווייזער, אַ פירער. און ווען עס וואָלט יאָ געקומען אַזאַ איינער, וואָלטן מיר אים נישט אויפגענומען צוליב אַ סך סיבות, וואָס נישט דאָ איז דאָס אָרט אויף זיי זיך אָפצושטעלן. ריידן מיר אַ סך און מיר שרייבן נאָך מער, און זעלטן זענען די ווערטער עכט, פון גאַנצן האַרצן, בכל לבבך. טראַדיציע פאַרלוירן, זענען מיר געוואָרן באַזונדערע א י כ ן, און איטלעכער פון אונדז קומט מיט זיינע געדאַנקען, אפשר מיט דעם גאַנצן פריוואַטן גלויבן אָבער אָן טראַדיציע־וואָרצלען, אָן געמיינזאַמען אָפשטאַם, אָן איינשטימיקייט. קריגן מיר זיך יעדערער קעגן אַלעמען און אַלע קעגן איטלעכן. אָט דאָ איז דער מקור ראשון פון אונדזער גייסטיקער און אידעאָלאָגישער צעריסנקייט.

י.

די השפּעה פון דער מדינה

מיר קוקן אַלע מיט אויגן פול האָפענונג און גלויבן אויף מדינת ישראל, אַז פון איר זאָל קומען אויף אונדז די אחדות ישראל, די אחדות האומה אין דער גאָרער וועלט.

האָט דאָך שוין ביז איצט דאָס בויען די מדינה פאַראייניקט די הערצער פון

אַלע שיכטן אין פאָלק, פון רעכטס און פון לינקס, פון די גאָר פרומע ביז די גאָטלאָזע און אַקטיווע אַפּיקורסים, פון מזרח און פון מערב, פון אָרטאָדאָקסן ביז רעפאָרמער, פון אַלע לענדער פון צווישן אַלע פעלקער, גייט דאָך שוין איצט אַ „וקבצנו יחד מארבע כנפות הארץ" — פון תימן און פון קאַנאַדע, פון דרום־אַפריקע און פון צפון־רוסלאַנד, הלוואַי קענען זיי נאָר...

איז אונדזער האַרציקע תפילה אַז מציון תצא תורה ודבר ישראל מירוש־לים. דאָס איז טאַקע אונדזער הייסער באַגער און פאַרלאַנג. אָבער... אומעטום איז פאַראַן אַ שווערער אָ ב ע ר: עס איז לגמרי נישט קלוג און נישט זיכער אַרויפצולייגן אויף די יונגע פּלייצעס פון דער שוואַכער מדינה צו אַלע לאַסטן וואָס זי טראָגט נאָך די אויפגאַבע פון אחדות האומה אין דער וועלט.

צי קען גאָר די מדינה נעמען אויף זיך אַזאַ מין שווערע אויפגאַבע?

ניין און ניין! אמת, אַ לאַנד מיט נאָרמען און געזעצן, מיט אַ רעגירונג־צוואַנג קען מאַכן אַ פאָלק זאָל זיין איינהייטלעכער, איינהיטן די איינהייטלעכ־קייט, די אחדות אויב אַזאַ איז פאַראַן פון פריער. שאַפן אָבער אַזאַ איינהייט, אַזאַ מין אחדות פון דאָס ניי, פון שפּליטערס, פון ווייטע שבטים און גרופּעס צונויפשמעלצן איין פאָלק — דאָס האָבן נישט געקאָנט גרויסע און שטאַרקע, אַלטע מדינות, דאָס האָט נישט געקאָנט עסטרייך־אונגאַרן און אַפילו נישט די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. פאַר מדינת ישראל איז עס נישט אין פאַר־גלייך שווערער, ווייל זי באַשטייט אַליין פון אַן אַ שיר ברעקלעך און שטיקלעך, פון אַן אַ צאָל שבטים און גרופּעס, פון כלערליי גלותן און פון נאָך מער לשונות. פון דעם קאָנגלאָמעראַט צונויפשמעלצן איין פאָלק — דאָס גופא איז אַ פראַגע פון דורות. אַט לעבן דאָך אין ארץ ישראל לאַנגע דורות אשכנזים און פרענקען, פוילישע ייִדן און בוכאַרער, תימנער און סאַלאָניקער, און קיין אחדות איז נישט געשאַפן געוואָרן, הגם קיין שטרעבונג צו אחדות האָט נישט געפעלט. אפשר נאָך פאַרקערט, איז דער ווילן צו אחדות נאָך פריִער געווען שטאַרקער ווי איצט. מען דאַרף נישט פאַרגעסן אַז די מדינה גופא האָט געשאַפן נאָך מער פאַקטאָרן פון צעשפּליטערונג, נאָך מער סלע המחלוקתן — פּאָליטיש־פּאַרטייאישע און אידעאָ־לאָגישע וואָס האָבן פריִער נישט געהאַט קיין ארט. נאָך ווייטער — אין אַלטן ישוב האָבן די פאַרשיידענע קולטורן פון די עמיגראַציע־לענדער נישט געהאַט קיין השפעה, קיין שטאַרקע — זיכער נישט. אין דעם נייעם ישוב איז פּונקט פאַרקערט. זענען נאָך עד היום ייִדן פון דייטשלאַנד, פון פוילן און — איבער־הויפּט — פון אַמעריקע אין ארץ ישראל איטלעכע עדה שטאַלצער מיט געבראַכ־טער לאַנד־קולטור איידער מיט דער פאָלק־קולטור וואָס די מדינה באַמיט זיך איינצופלאַנצן. עטלעכע און צוואַנציק פּאַרטייען צו די וואַלן, ביז איצט נישט קיין איינהייטלעכער שולוועזן נישט געקוקט אויף דעם געמאָלדענעם „חינוך

אחיד". עס איז אויסטערליש, אָבער דאָך אַ פאַקט: אין דער מדינה זענען ביי אַלע עולים די ברעקלעך קולטורן פון אויסוואַנדערונג־לענדער חשובער, יחוסדיקער איידער די איינהייטלעכע מדינה־קולטור און שפּראַך. די זעלביקע ייִדן וואָס קומענדיק קיין אַמעריקע, למשל, איילן זיי זיך וואָס גיכער צו אַמעריקאַניזירן זיך, באַמיִען זיך אין ארץ ישראל וואָס לענגער צו בלייבן ביי זייערע געבראַכטע פרעמדע ברעקלעך קולטור. דאָ שפּילט אַ גרויסע ראָל אונדזערע אַן אַלטע פּסיכאָלאָגישע אייגנשאַפט: אונדזער עגאָפּאָביע, אונדזער אומאַכטונג צו אַלץ וואָס עס איז ייִדיש. איז לגבי ייִדיש העברעיִש אַ גרויסע יחסנטע טאַקע, האָבן דאָך ייִדיש־ריידנדיקע ייִדן זיך העברעיִזירט און דווקא ספרדיזירט מחמת אומאַכטונג צו דער אייגענער טראַדיציע. אָבער לגבי ענגליש און דייטש און אַלע אַנדערע פרעמדע שפּראַכן איז העברעיִש גאָרנישט קיין יחסנטע. און וואָס מער העברעיִש ווערט יִ ד י ש ל ע כ ע ר, גאַנגבאַר אין וואָכעדיקן ייִדישן לעבן, אַלץ מער „געניסט" זי פון דער עגאָפּאָביע, פון דער אומאַכטונג מצד די ייִדן צו אַלץ וואָס עס איז ייִדיש. און צוזאַמען מיט העברעיִש ליידט אַלץ וואָס ווערט געבראַכט אין העברעיִש פון דער עגאָפּאָביע. זענען ייִדן אין ערגעץ נישט אַזוי גרייט צו קריטיקירן, נישט צו פאָלגן, אויסצובטלען, אָפּצוחוזקן אַפילו פון פאַראָרדענונגען און איינאָרדענונגען ווי דווקא אין דער אייגענער מדינה. איז אַ גוי אַ מיניסטער, האָט ער דאָך אַוודאי אַ מיניסטערשן קאָפּ. אָבער אַ ייִד אַ מ'יניסטער — זע נאָר חיים יאַנקל און אויך אַ מיניסטער, טאַקע אויך מיר אַ מיניסטער... קומט אויס אַז די מדינה פאַר זיך גופא האָט נאָך אַן אַ שיר פּסיכאָלאָגישע שוועריקייטן ביז זי וועט קענען זיך אַליין צעמענטירן, פון משפּיע זיין אויף די תפוצות, איבערהויפּט אויף די שטאָלצע און סנאָביסטיש גרויסהאַלטערישע „פרייע" גלותן — איז נאָך גאָר גאָר ווייט. וועלן זיך אַמעריקאַנער ייִדן נאָך גאָר לאַנג גרייסן מער מיט זייער אַמעריקאַנישקייט איידער מיט זייער שייכות צו מדינת ישראל. כדי די מדינה זאָל קענען זיך אַליין צעמענטירן און נאָך אויך משפּיע זיין אויף די גלותן, דאַרף מען נאָך לאַנג אַרבעטן און איבערדערציִען די גלותן, אַרויסרופן און איינפלאַנצן מ'ער אַכטונג און דרך־ארץ צו זיך, צו אַלץ וואָס איז ייִדיש כדי די מדינה זאָל קענען געניסן פון אַכטונג, פון גלויבן און צוטרוי פון אירע בירגער און פון ייִדן איבער דער וועלט. דאָס הייסט, אַז די השפּעה דאַרף נאָך גיין אין די אַלטע וועגן פון די גלותן קיין ארץ ישראל. די מדינה האָט גאָרנישט קיין כוח און קיין מאַטעריאַל, קיין גענוג געשאַפענעם בייעם אויטאָריטעט וואָס זאָל קענען ווירקן אויף די גלותן מיט די פרעמדע שפּראַכן. מען דאַרף אין די אינטערעסן אויך פון דער מדינה איבערדערציִען די גלותן און דאָס מוז געטאָן ווערן מיט די כוחות פון די גלותן גופא מיט דער ברכה פון מדינת ישראל, מיט איר באַמיִען זיך נישט איבערצונעמען זיך, נישט

גרויס צו האַלטן זיך איבער דעם שעפערישן גלות, איבער די שאַפונגען פון גלות, נישט מיט שילוחים און משולחים וואָס זאָלן מבטל זיין דאָס שעפערישע פון גלות און דאָס געשאַפענע אין די גלותן, נאָר אַלץ פאַרקערט, שילוחים וואָס זאָלן קענען זאַמלען די געבליבענע, נאָך טליִענדיקע ניצוצות פון דעם שעפערישן גלות און דאָס פלאַנצן אין דער אייגענער היים. מדינת ישראל וועט ערשט דע־מאָלט קענען ווערן אַ בנין של קימא ווען זי וועט זיך בויען פון די פעסטע שטיי־נער און ציגל פון דער גלותדיקער, פאַרזיכיקער קולטור. די גמרא בשעתה האָט עס פאַרשטאַנען. וויל מען אַן אמתע מדינת ישראל דאַרף מען שטאַרקן דעם ישראל ווער עס דאַרף בויען. ערשט דעמאָלט וועט זיין אהבת ישראל און אהבת ישראל וועט ברענגען צו אחדות ישראל. איין זאַך דאַרף די מדינה לערנען די גלותן — אהבת ישראל, נישט ש ל י ל ת י ש ר א ל וואָס מען האָט איידל אַ נאָמען געגעבן ש ל י ל ת ה ג ל ו ת, נאָר דאָס פאַרקערטע — אהבת ישראל, אהבת נשמת ישראל וואָס האָט גובר געווען אַלע גלותן.

יא.

אהבת ישראל — וואָס מיינט עס

אָן אהבת ישראל וועט קיינמאָל נישט געבויט ווערן קיין מדינת ישראל, און אויב זי וועט יאָ געבויט זיין, וועט זי, חלילה, קיין קיום נישט האָבן. אהבת ישראל איז אַ תנאי קודם פאַרן בנין פון בית ישראל. מען טאָר נישט גיין בויען אַן אַלטע היים פאַר אַ ניי פאָלק, חלילה, נאָר מען מוז פאַרקערט בויען אַ נייע היים (און אפשר נייע היימען) פאַרן אַלטן פאָלק, פאַר אַלע זיינע קולטור־אוצ־רות וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט דורך אַלע דורות און לאַנגע תקופות. אויסמעקן תקופות, איבערהיפּן, אָפּוואַרפן תקופות — דאָס איז דער טויט פון ייִדישקייט און פון ייִדישן היסטאָרישן פאָלק. אהבת ישראל איז דער באַזיס פון אונדזער קיום ווי אַ פאָלק.

וואָס מיינט עס אהבת ישראל? עס קען נישט זיין קיין ליבע צו מיליאָנען מענטשן סתם ווייל זיי זענען ייִדן. עס איז נישט קיין פראַגע פון כמות — וויפל באַזונדערע מענטשן איינער קען ליב האָבן, עס איז גאָר אַן אַנדער פראַגע, אַן איכותדיקע: אַז מען האָט ליב ייִדישקייט האָט מען שוין במילא אויך ליב אַלע די וואָס טראָגן ייִדישקייט אין זייער לעבן און אין זייער גייסט. פון ליבע צו ייִדישקייט קען מען קומען צו ליבע צו ייִדן. דורך דער איכות קען מען קומען צום כמות. ואהבת — דו זאָלסט ליב האָבן אלדאָס ייִדישעס, דעמאָלט וועט שוין אויך אהבת כל ישראל.

ווי זשע איז מעגלעך ליבע צו ייִדישקייט? — עס איז אַן אָרגאַנישע, נישט

קיין איינגערעדטע, נישט קיין סוגעסטירטע געטרייקייט צו די נאָרמען און פּאָר־מען פון יידישן שטייגער און טראַדיציע. דאָ איז קודם־כל וויכטיק די „קולטור שבעל פה" — דאָס שטייגערישע, דאָס וואָכעדיקע, דאָס שטוביקע. מען לאַכט אָבער עס איז פּאַר מיר קלאָר, אַז געפילטע פיש און קרעפּלעך האָבן אין זיך אַ כוח פון יידישער צוגעבונדנקייט פון דעם זעלביקן כוח וואָס מצה. קניידלעך און מצה זענען אויך גלייכוועדטיקע פאַרבינדער. און ווער רעדט נאָך — אַ יידישער וויץ — על אחת כמה וכמה. אַ יידישער רעקאָרד און ועל כולם דאָס יידישע לשון. נישט ווייל די קלאַנגען פון יידיש זענען הייליק, נאָר דער וואָס איז איינגעלעבט אין יידיש איז אַריינגעלעבט אין יידישן פאָלק. קיינמאָל קען עס העב־רעיש נישט דערגרייכן אַזוי ווי יידיש.

דער מיטל דערצו טאָר נישט זיין פּראָפּאַגאַנדע סתם. הגם זי שפּילט איצט גאָר אַ גרויסע ראָל אויף אַלע געביטן פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט, דאָך אָבער איז זי נישט זיכער. אַ סך וויכטיקער איז די פאַמעלעכדיקע איינגעלעבט־קייט אין יידישן שטייגער אין משך פון די קינדער־יאָרן. אַהער דאַרף גיין די גאַנצע ענערגיע פון אַלע אַקטיווע יידן. אויף דעם געביט וואָלט אויך מדינת ישראל געקאָנט און געדאַרפט העלפן אין אירע אייגענע אינטערעסן אַפילו.

אַז אַ ייד האָט ליב יידישקייט, וועט ער זוכן אַן אָרט ווו ער וועט קענען לעבן און אויסלעבן זיך יידישלעך. אָן אַזאַ ליבע און אָן אַ צוואַנג פון דרויסן, פאַרוואָס און נאָך וואָס זאָל אַ ייד פאָרן קיין מדינת ישראל? אַז צווישן גויים פילט ער זיך גאָר חשובער... אָן אַזאַ אהבת ישראל אין די גלותן וועט נישט קענען זיין קיין עליה קיין ארץ ישראל און אָן אַזאַ אהבת ישראל וועט דער ישוב חלילה אויפגעריסן ווערן פון זיך אַליין. וואָלט מען געדאַרפט באמת די גאַנצע שלילת הגלות וואָס האָט אָנגעמאַכט אַזוי פיל צרות און וואָס האָט געגעבן אַ פּתחון פה און אַ מין היתר פאַר אַלע אַנטלויפער פון יידישקייט אומעטום אין דער גאָרער וועלט. וואָלט מען געדאַרפט די גאַנצע טעאָריע אומבייטן דיאַמעטראַל. מען טאָר נישט פאַרגעסן אַז די ביז איצטיקע שלילת הגלות־פירונג, וואָס שטאַמט אייגנט־לעך אַליין פון אונדזער אַלטער און אַלגעמיינער עגאָפּאַביע, האָט שוין אין מדינת ישראל אָנגעמאַכט זייער פיל שאָדן אין פאָרעם פון צעשפּליטערונג, פון קריגע־רייען, פון אומפּאָלגן געזעצן, פון קעגנזייטיקער קריטיק, פון איבערגעטריבענער קריטיק און אָפּלאַכעריי וכדומה. וואָס עלטער די מדינה ווערט, וועלן די שטער־רונגען וואַקסן.

דאָ קומען מיר צו דער מערכה פון יידיש לשון: ביי יידן אין אַלע לענדער און אין דער מדינה. ביז היינט קוקן נאָך יידן אויף יידיש און העברעיש ווי אויף צוויי קעגנזאַצן, וואָס איינער שטאַרקט זיך מיט דעם פאַלן פון דעם צווייטן. עלעהיי ווי צוויי שאָלן פון אַ וואָגשאָל: איינע אַראָפּ איז די צווייטע — אַרויף.

אָבער דאָס איז אַ היסטאָרישער ליגן: העברעיִש האָט געלעבט אין אַלע ישובים וואָס האָבן גערעדט אַן אייגענעם ייִדישן לשון. נאָר אין די דאָזיקע ישובים איז העברעיִש נישט אויסגעלאָשן געוואָרן. דאָס איז אַמאָל געווען אַראַמיש און נאָך דעם — אונדזער ייִדיש. נאָר אַדאַנק דעם שבט וואָס האָט גערעדט זיין אייגן לשון האָט העברעיִש געקאָנט ווערן אַ רייד־שפּראַך. אַלע אַנדערע ייִדן אין די קיבוצים וואָס ריידן אַ פרעמדע שפּראַך, נעמען מער נישט קיין העברעיִש — נישט אַמאָל און אַזוי אויך איצט. די שנאה צו ייִדיש גראָבט אונטער העברעיִש נאָך מער ווי ייִדיש. ביי אַלע פרעמדשפּראַכיקע ייִדן איז העברעיִש טויט אויב אַפילו מען לערנט עס מיט קינדער און זיי לערנען זיך אַפילו אויס כלומרשט ריידן. ווו מען רעדט נישט קיין ייִדיש איז העברעיִש טויט און קען קיין תחית המתים נישט אויפשטיין. נאָר מיטן לעבן פון ייִדיש האָט אויך העברעיִש גע־לעבט און איז געווען שעפעריש דורכן גאַנצן גלות און אויך איצט. אָן ייִדיש העלפן נישט דעם העברעיִש־לשון קיינע גרויסע ביודזשעטן פאַרן לימוד פון העברעיִש. דאָס איז דער פאַקטישער און דער היסטאָרישער אמת. אַז מען טרייבט אַרויס די ייִדישע הגרן, ווערט די העברעיִשע שרה נישט אויפגעריכט. די וואָס באַקעמפן ייִדיש זענען למעשה שונאים פון העברעיִש אויב אַפילו זיי זענען סוב־יעקטיוו פאַרליבט אין העברעיִש, די וואָס ייִדיש גרילצט זיי אין די אויערן, די גראָבן אונטער העברעיִש לשון. אַזוי איז עס און אַנדערש קען דאָס נישט זיין; אַלע סענטימענטן צו ארץ ישראל, אַלע סענטימענטן צום העברעיִש־לשון נעמען זיך און זיי האַלטן זיך נאָר מיט דער ליבע צו אַלץ וואָס עס איז ייִדיש, נאָר מיט דער ליבע צו אייגנס, די אָבער וואָס אַנטלויפן פון אַלץ וואָס אייגנס, די וועלן פאַרבייטן ייִדיש נישט מיט העברעיִש, די וועלן נישט פאַרבייטן „זייער" אַמע־ריקע אויף קיינע ארץ ישראלס, קיינמאָל נישט, סיידן — די שעה זאָל נישט זיין — ווי די דייטשישע ייִדן בשעתם. און וואָס מער די מדינה און העברעיִש לשון וועלן ווערן וואָכעדיקער, ייִדישער, — אַלץ קריטישער און נעגאַטיווער וועט ווערן די באַציִונג פון ייִדן צו זיי: עס איז נישט אַזוי ווי ביי לייטן, אַב־דערשווו איז אַלץ בעסער, שענער, איטאַליעניש קלינגט בעסער, ענגליש איז שע־נער און וויכטיקער. און אַזוי אָן אַ סוף.

נמצא, אַז נישט מדינת ישראל ווי אַזאַ מיט איר עקזיסטענץ איז אַ שוץ און אַ פעסטונג פאַר ייִדישקייט, נייערט, אויך מדינת ישראל נייטיקט זיך פאַר איר קיום אין אַ ראַדיקאַל געענדערטער פאָזיטיווער באַציִונג צו אַלץ וואָס איז ייִדיש, צו דער אַלטער טראַדיציאָנעלער פשוטער ייִדישקייט, צו דער ייִדישער טראַדיציע וואָס האָט אונדז אויפגעהאַלטן אין גלות, נאָר זי וועט קענען אויפ־האַלטן די מדינה אויך. דאָס איז אהבת ישראל און דאָס זיין כוח:

אָן אהבת ישראל איז די מדינה נישט זיכער.

נאָך ווײַניקער זיכער ווי אָן מיליטער; אָן אהבת ישראל קומט אום דאָס פאָלק אין גלות און אויך די מדינה קען ניט און וועט נישט האָבן קיין קיום.

יב.

און אפשר אַ נײַ לאַנד און אַ נײַ פאָלק

ווען לאָרד בייראָן וואָלט אויפגעשטאַנען תחית המתים און וואָלט געזען ווי עס זעט אויס דאָס נײַע גריכנלאַנד, וואָלט ער מסתמא צוריק געשטאָרבן. פאַרליבט אין דעם אַמאָליקן קלאַסישן לאַנד און קולטור האָט מען געמיינט אַז מען גייט בויען אַ המשך, האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט... אַ זויערער עסיק פון אַ זיסן וויין. עס וואָלט געווען די גרעסטע טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק ווען פון דער נײַער ייִדישער מדינה זאָל עפּעס ווערן ענלעך צום נײַעם גריכנלאַנד לגבי דעם פאַרצײַטיקן: אַ קליין טל ומטרדיקע מדינהלע מיט גרויסע און שווערע פּראָבלעמען, אָן דעם קולטור־המשך — ווּעמען קען עס באַגייסטערן?

אומקערן זיך צוריק צום אַמאָל, אַריבערשפּרינגען אויף צוריק צו דער גלאָררײַכער פאַרגאַנגענהייט... וואָס גרעסער דער מענטש, אַלץ זינדיקער זענען זײַנע פאַלשע אידייען: ווי צו אַן אַלטן מאַן וואָס דאַרף צוריקקערן זיך צו דעם ווײַגעלע פון זײַן קינדהייט! ווי און ווינד צו אַ פאָלק וואָס האָט דורות געבויט און געשאַפן און וואָס דאַרף אַלץ פאַרגעסן. און איז דאָס דען מעגלעך? ווי און ווינד איז צו אונדז צו אַ פאָלק וואָס זײַנע פירער קענען גאָר וועגן עפּעס אַזוינס טראַכטן.

מיר אַלע ווילן און חלומען פון אַן ארץ ישראל וווּ אַלע ייִדישקייטן, די גאַנצע ייִדישקייט וואָס האָט זיך צעוואַקסן ביז אונדז זאָל ווייטער און ווייטער קענען געדייען און וואַקסן פרייער, גראַמער, זיכערער און פעסטער ווי אין די גלותן. געווען ביי ייִדן טרוימער וועגן אַ נײַער ייִדישקייט, זיי זענען אַלע געבליבן פאַלשע משיחים אין זכרון פון פאָלק. מיר מוזן זיך פון ענלעכע פעלערן שטאַרק אויסהיטן. און נישט דאָס איינציקע לאַנד פון ייִדישקייט זאָל דאָס זײַן, נאָר עס זאָל ווערן אַ „נס ליִידן" — אַ מוסטער און אַ דוגמא פאַר נאָך אַלע אַנדערע ייִדישע ישובים וואָס וועלן זײַן און זאָלן זיי זײַן, אַ דוגמא ווי אַ פאָלק וואָס האָט אַכטונג און דרך־ארץ פאַר זיך און פאַר אַלץ וואָס עס איז זײַנס, ווי אַזאַ פאָלק דאַרף לעבן און ווי עס דאַרף בויען זײַן לעבן. מיר דאַרפן נישט קיין מדינת ישראל וואָס זאָל וועלן סותר זײַן און אָפּוואַרפן, אָפּלייקענען און פאַרמיאוסן אַלץ וואָס אַ פאָלק האָט אויפגעבויט און וואָס עס לעבט מיט דעם. פאַרקערט דאַרפן מיר און מיר ווילן און מיר שטרעבן צו אַן ארץ ישראל וואָס זאָל זײַן אַ

היים נישט בלויז פאַר אַרויסגעטריבענע ייִדן, נייערט אויך פאַר דער שעפּערי־שער שכינה פון פאָלק און פאַר אַלע ביז איצטיקע שאַפונגען וואָס זענען גע־וואַקסן אין גלות און וואָס האָבן גובר געווען אַלע גלותן. מיר האָבן נישט גע־לעבט קיין פיר טויזנט יאָר כדי צו שאַפן אַ קליין מדינהלע מיט גרויסע שוועריקייטן! נישט וועגן דעם האָט אַ פאָלק געחלומט אַן אייביקייט. חלילה דאָס זאָל ווען עס איז געשען! דעמאָלט וואָלט דאָך געווען אַ חורבן פון פאָלק ישראל. אַ פאָלק בויט נישט זיין חורבן. און אַז מען נעמט אַראָפּ דעם קאָפּ, צו וואָס טויג דעמאָלט אַ היטל? ווער דאַרף עס און ווער וויל עס?!

יג.

אלא וואָס

עס איז געקומען די צייט פון גרויסן סינטעז, פון אַ אידעאָלאָגישן סינטעז וואָס דאַרף ברענגען דעם געגאַרטן און דעם דויערנדיקן „שלום על ישראל" און אויך שלום בישראל, דעם סינטעז פון אַלע שאַפנדיקע און שעפּערישע טענדענצן אין פאָלק, דעם סינטעז פון אַלע שיכטן קולטור, פון אַלע שטרעמונגען און ריכ־טונגען, פון אַלע שטראָמען און ווענדונגען. ייִדישקייט איז אַ בוים, טאָ זאָל ער ווייטער וואַקסן פון זיין איצטיקן מעכטיקן צושטאַנד. דאָס וועט זיין דער אמתער קיבוץ גלויות פון ייִדישן גייסט, דאָס וועט ברענגען צו ישראל אחד. אונדזערע אַלע מחלוקתן און קריגערייען נעמען זיך פון אונדזער אָפּרייסן זיך פון אונדזע־רע טראַדיציע־וואָרצלען. צוריק צו זיי און מיר וועלן זוכה זיין צו אחדות האומה. אונדזער גאַנצע געשיכטע איז אַ קאַמף פאַר אָדער קעגן דעם המשך פון קולטור־טראַדיציע. מיר זענען אַ פאָלק וואָס האָט כסדר אין אונטערגיין און אויפקו־מען; אומקום און אויפקום גייען ביי אונדז כסדר. דער אומקום איז תמיד פאַר־בונדן מיט דעם אָפּזאָג פון המשך, דער אויפקום — מיט דעם סינטעז, מיט דעם „כל מה שתלמיד וותיק עתיד לחדש נתנה למשה מסיני". דאָס מיינט, אַז אַלץ וואָס שאַפט זיך, וואָס ווערט געשאַפן אין ייִדישקייט איז נישט ווייניקער הייליק און טייער ווי די ערשטע גרויסע שאַפונג פון פאָלק וואָס איז פאַרבונדן אין זיין זכרון מיט סיני. דער קיום פון אונדזער פאָלק איז אין זיין שעפּערישקייט, זי ציט זיך פון סיני אָן און דאָס ווייטערדיקע, די אייביקע שעפּערישקייט איז אונ־דזער לעבן, דאָס געשאַפענע אין ייִדישקייט — אונדזער תורה. דאָס איז אונדזער אייביקער מעמד הר סיני־פּראָצעס, וואָס נאָר מיט אים לעבן מיר, לעבט דאָס פאָלק. דאָס ייִדישע פאָלק לעבט אייביק נאָר דערפאַר וואָס עס האָט זיין באַרג סיני דעמאַטעריאַליזירט, געלאָזן די טרוקענע פעלדזן פאַר געצנדינער צו האָבן נאָך אַ געץ און ער — אונדזער פאָלק — האָט גענומען די נשמה פון סיני —

דעם פּראָצעס פון ייִדישער שעפערישקייט און געטראָגן מיט זיך אין אַלע זיינע גלותן און וואַנדערונגען. די שכינה גייט מיט דעם גלות־פאָלק און אויף דער מעמד הר סיני. דער וואָס וויל זיך אָפּזאָגן פון שפּעטערדיקע ייִדישע תורות איז גלייך ווי ער וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון סיני, פון גאָר דער תורה, ער איז אַ כופר בעיקר, אין אַלע עיקרים פון ייִדישקייט, פון קיום.

והיה — און עס וועט זיין, אַז מיר וועלן זיך אויסלערנען נישט מבטל זיין לייכטזיניק אונדזערע תורות פון אייביקן מעמד הר סיני, ווען מיר וועלן זיך איינגעוווינען אַכטן און טייער אַלטן די תורות האומה, ווען מיר וועלן זיך אויס־לערנען גלייבן אַז די תורה איז נישט און טאָר נישט זיין קיין געחתמעטע, קיין אָפּגעשניטענע — עד כאן און נישט ווייטער, ווען מיר וועלן פאַרשטיין מוסיף צו זיין מן החול אל הקודש, כסדר פאַרהייליקן די נייע שאַפונגען פון די נייע דורות, די אַלץ נייע תורות פון די דורות, ווייל זיי זענען די „תורת חיים”, די תורה וואָס לעבט און וואַקסט און פאַרמערט זיך, און בלויז מיט איר, אין דעם פּראָצעס פון שאַפן, אין כסדרדיקן מעמד הר סיני איז אויך דאָס לעבן פון פאָלק ישראל, — ווען דאָס וועט געשען, וועלן מיר געראַטעוועט ווערן פון דער אומ־אַכטונג צום אייגענעם פאָלקישן „איך”, פון דער עגאָפאָביע וואָס זי איז תמיד געווען און איז די אתחלתא דחורבן. פון דעם זענען אונטערגעגאַנגען די אונ־טערגעגאַנגענע שבטים, און דאָס קען חלילה פירן אויך ווייטער נישט צום אויפ־בוי נאָר פאַרקערט.

און אַז דאָס וועט געשען, אַז מיר וועלן זיך טאַקע אויסלערנען אַכטן און שעצן זיך אַליין און אַלץ אונדזערס, וועלן מיר זיך אויך אויסלערנען קעגנזייטיק פאַרשטיין און זיך פאַרשטענדיקן, דעמאָלט וועט אויפהערן אונדזער צעשפּלי־טערונג און צעברעקלונג, און דאָס וועט ערשט זיין די אתחלתא דגאולה.

אָט די מצוה פון סינטעז, פון אחדות האומה וואָס קומט פון אחדות תורות האומה, די מצוה פון גאַנצער און א י נ ט ע ג ר אַ ל ע ר י ִ ד י ש ק י י ט, ווער דאַרף זיין דער „המתחיל במצוה”, ווער דאַרף זי איינפירן אין לעבן אַריין?

איך וויל גלייבן און איך האָף אַז דאָס דאַרף און וועט דווקא זיין די מדינת ישראל. איך גלייב אַזוי, ווייל דאָרטן איז פאַראַן אָרגאַניזירטקייט, דאָרט ווערט די געשיכטע געבויט אַקטיוו, פּלאַנירט און אויסגעאַרבעט פון פאָרויס. אַ סך שטע־רונגען און שטרויכלונגען שטייען נאָך אין וועג, אַ טראַדיציע פון אַ האַלבן יאָר־הונדערט פאַלשן קאַמף אויף אַ פאַלשן פראָנט פון אַ כלומרשטן שפּראַכן־קאַמף, עס שטייט אין וועג דער עגאָפאָביע־שטן, וואָס דריקט ווי אַ דיבוק אויף די נשמות פון פירער אַפילו, — אָבער נאָר דער סינטעז האָט אונדז ביז איצט אויפגעהאַלטן און ער וועט אויך ווייטער פירן אונדזער קיום. דאָס איז די אמונת ישראל — זי איז דער גלויבן אין גאַנצקייט און המשכדיקייט פון אונדזער אינטעגראַלער ייִדישקייט.

דאָס פאָלק און זיין ליטעראַטור

איך וועל בכיוון אָנהייבן נישט פון יידישן פאָלק: עס וואָלט געווען אַ באַ־ליידיקונג צו נעמ'ען ריידן וועגן דער ראָל פון וואָרט אין לעבן, אין קיום פון יידישן פאָלק: אַ פאָלק אָן אַ לאַנד, אין גלות, געלעבט אין אַלע צרות מיט דעם ספר מער ווי מיט ברויט, — אַ פאָלק האָט געלערנט גאַנצע טעג און נעכט, אויף חתונות און אויף יאָרצייטן, — איז נישט שייך צו ריידן וועגן דער ראָל פון לי־טעראַטור. עס וואָלט געווען ווי שטעלן אונטער אַ פראַגע די ראָל פון דער זון אין דער ליכטיקייט פון טאָג.

וועל איך אָנהייבן גאָר פון אַן אַנדער פאָלק. אַ גרויס פאָלק דאָס רוסישע. ווער עס איז אַביסל באַקאַנט מיט דער רוסישער קולטור, מיט דער ליטעראַטור, וועט אָן וואַקלעניש מודה זיין: נאָר אַ גרויס פאָלק האָט געקאָנט שאַפן אַזאַ קול־טור. און אָט דאָס גרויסע פאָלק האָט אַ מזל צו זיין אייביק פאַרשקלאַפט. ביי זיך אין לאַנד, האַלט שוין דורות לאַנג אַנדערע פעלקער אין גלות, געוועלטיקט איבער זיי, דריקט זיי אָן רחמנות און איז אַליין אַן אייביקייט פאַרשקלאַפט — וואַריאַגן, טאָטאַרן, ראָמאַנאָווס, קאָמוניסטן — אַלע האַלטן כסדר דאָס רוסישע פאָלק אין אַ שווערן גלות. אַ גרויסער בער טאַנצט אויף אַ קייט ווי דער באַלע־באָס הייסט, ווי דער באַלעבאָס וויל, אויף רעכטס און אויף לינקס, אַן אייביקער „זשאַנדאַרם פון אייראָפּע", וואָס דריקט און שטיקט פעלקער וואָס זענען אַפילו נישט זיינע קיין סאַטעליטן. יידן האַלט מען אין אַ שטייג, מען האַלט כסדר אין מאַכן פּאָגראָמען — קאָמוניסטן — ערגער ווי די שוואַרצע מאה ביים צאַר. איז דאָס לאַנד, דאָס פאָלק דער פּאָטענציעלער חרוב־מאַכער פון דער גאָרער וועלט... איז אָט דאָס די ראָל פון דעם לאַנד אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

איז אָבער דאָס די נשמה פון דעם פאָלק? דער וואָס קען (אָדער האָט אַמאָל געקענט) די רוסישע ליטעראַטור וועט זיכער צוגלייך מיט מיר זאָגן, אַז רוס־לאַנד איז עפּעס אייגס און דאָס רוסישע פאָלק איז עפּעס אַנדערש. דערלויב איך זיך — אַ ייד וואָס האָט זיך אַליין געגנוג אָנגעליטן אין רוסלאַנד, וואָס איז קוים מיט דעם לעבן אַנטלאָפן פון דאָרטן, וואָס באַוויינט דעם חורבן פון יידיש־קייט אין רוסלאַנד, וואָס פאַרשילט אין האַרצן די רוצחים פון יידישן גוף און נשמה אין יענעם גרויסן לאַנד, וואָס קוקט ווי אויף קראַנקע אויף די רעשטלעך יידן וואָס האַלטן נאָך, וואָס גלייבן נאָך אין יענעם לאַנד, — דערלויב איך זיך

דאָך, נישט קוקנדיק אויף אַלץ, צו ווערן אַ סניגור אויף דער נשמה פון דעם רו־סישן פאָלק. איך זאָג: נישט די נשמה פון רוסישן פאָלק איז שולדיק אין דער שוואַרצער ראָל וואָס זיין לאַנד שפּילט אין דער געשיכטע פון דער וועלט. דאָס איז די עובדא פון דעם אשמדאי וואָס הערשט איבער דעם פאָלק, איבער דער רוסישער נשמה.

אויף וואָסער סמך זאָג איך עס? אויף דעם סמך פון דער רוסישער ליטע־ראַטור. איך וויל זיך אויך באַוואָרענען: איך קען נישט די הייַנטיקע רוסישע לי־טעראַטור. דאַכט זיך, אַז אויך זי האָט דער אַשמדאי באַהערשט איצט. איך זאָג וואָס איך האָב געזאָגט נאָר אויף דעם סמך פון דער ליטעראַטור ביז דער „סאָ־ציאַליסטישער" תקופה (גאָט, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע איראָניע עס ליגט אין דעם וואָרט). אָט די ליטעראַטור גיט דעם אמתן שפּיגל פון דער נשמה פון רו־סישן פאָלק, און זי פאַרמאָגט אין זיך אַזוי פיל שיינע גרויסקייט. אַזאַ ליטע־ראַטור האָט געקענט שאַפן בלויז אַ פאָלק מיט אַ גרויסער נשמה. זי איז נאָר אַפּאַטיש פאַרשקלאַפט, פויל, ווי אַ בער ווינטער אין זיין שלאָף. אָט טאַקע ווי עס שילדערט די ליטעראַטור גופא, ווי „אָבלאָמאָוו" (אַ העלד פון אַ ראָמאַן, וואָס ליגט אַפּ זיין לעבן אויף דער סאָפע און חלומט, אַז מען דאַרף אַריינרופן דעם באַדינער ריין צו מאַכן דאָס הויז...). די רוסישע ליטעראַטור, נישט די פּאָליטיק שפּיגלט אָפּ די רוסישע נשמה.

די ליטעראַטור זוכט די נשמה פון פאָלק זי צו מאָלן. וווּ זוכט זי? — ביי דעם טיפן עם־הארץ, ביי דעם רוסישן פויער. ביי אים, וואָס לעבט צוזאַמען מיט זיין חזיר און קו, מיט זיין פערדל אין שמוץ און אין בלאָטע, ביי אים קומט די נשמה אַרויס אַזוי נאַטירלעך ווי ביי דעם פערד און בהמה. פון אים ציען זיך די „צינורות" ביז די העכסטע הייכן פון רוסישן שריפט, ביז די העכסטע פאַר־שטייער פון דער רוסישער ליטעראַטור. די לעצטע האָט אַנטפּלעקט דעם „מאור שבפויערשאַפט". אַזוי האַקט אויס דער סקולפּטאָר פון פראָסטן גראַניט, פון שטיין דאָס וואָס איז פּאָטענציעל אין אים געלעגן פון פריער. נישט אומזיסט שטעלט טאָלסטאָי די פראַגע ווער ביי וועמען עס דאַרף זיך לערנען שרייבן? דאָס פויערקינד ביים שרייבער אָדער גאָר פאַרקערט? אָן דעם פויערישן עם־הארץ האָט דער גרעסטער רוסישער שרייבער־גאון נישט וואָס צו טאָן. אַ סקולפּטאָר אָן ליים און אָן שטיין אַזוי איז אַ רוסישער שרייבער אָן זיין פאָלק. ערשט די ליטעראַטור האָט אַנטפּלעקט פאַר די רוסן גופא די נשמה פון רוסישן פאָלק, וואָס ליגט פאַרשקלאַפט אָן אייביקייט ביי זיינע „פירער", צי דאָס איז דער „צאַר־באַטיושקאַ" (דער פאָטערל קייסער) אָדער — נאָך ערגער — דער „חבר סטאַלין". די ליטעראַטור האָט געלערנט דעם בעסערן טייל פון רוסישן העכערן סאָציאַלן קלאַס — די פּריצים ליב צו האָבן, טייער צו האַלטן אָט דאָס פאָלק און זיך מוסר

נפש זיין פּאַר אים. פון דאַנען דער רוסישער „פּאָלקיזם", וואָס איז געווען דער גלויבן, די טיפע, מסירת נפשדיקע געטרייקייט פון דער אינטעליגענץ צום „פאָלק", דאָס קעמפן פּאַר אים, דער שטענדיקער, כסדרדיקער רעוואָלט, דאָס שולד־געפיל, דאָס גריבלען זיך און זעלבסטקריטיק, די „גאָטזוכעניש" פון דעם שענערן רוסישן גייסט. באשר, ווי צו יעדער אידעאַליסטישן קאַמף קומט ווי אַ שותף דער אַשמדאי, און פירט אים אַוועק אויף זיינע וועגן. און אפשר איז אין דעם אויך שולדיק געווען דער אַדאַפּטירטער מאַרקסיזם, וואָס איז געווען פרעמד דער רוסישערווירקלעכקייט און דער רוסישער פּסיכיק. — פון דאַנען דער קרום־מער שפּיגל פון די רוסישע רעוואָלוציעס און קאַמפן בכלל. ווי גאָט אַזוי אויך דער אַשמדאי —ביידע זענען פּאַקטיש פאַראַן דאָרטן. די ליטעראַטור האָט גע־פירט צו גאָט, צו דער נשמה פון פאַרפייניקטן פאָלק, — די פּראַקטיק האָט גע־פירט — אין שענק, צו פּאָגראָמען, צו בונטן און צו סטאַליניזם־כרושטשעוויזם און ווי זיי וועלן דאָרטן הייסן ווייטער.

***

אַנדערש זענען געווען די גורלות פון דער ליטעראַטור ביי יידן. פון לכתחילה אָן איז ביי יידן די וואָרט־שאַפונג אַרויסגענומען געוואָרן פון מענטשלעכע הענט: דאָס האָט געגעבן גאָט. אין העכערן זינען קענען מיר עס אָננעמען אויך היינט: אין פאָלק לעבן ווי גאָט אַזוי אויך, להבדיל, די סטרא אחרא, דאָס פאַרקערטע, דער אַשמדאי. די ליטעראַטור איז די שאַפונג פון דעם געטלעכן גייסט אין פאָלק. נישטאָ קיין נעמען אָנגעגעבן פון די שרייבער. משה האָט די תורה בלויז באַקו־מען. די סופרים און די מבינים, די שרייבער וואָס האָבן אָנגעהויבן זייער אַקטי־וויטעט אין גלות־בבל האָבן טיף געגלויבט אַז זיי פאַרשרייבן בלויז וואָס אַלטע מענטשן געדענקען פון דער חרובער היים, פון דער טראַדיציע, אָבער דאָס אַלץ איז נישט קיין מענטשלעכע שאַפונג. האָבן די סופרים שוין אין קורצן גלות־בבל געקליבן, געזאַמלט אַלע וואָרט־שאַפונגען וואָס אַלטע האָבן געדענקט פון דעם היימלאַנד, פון אַמאָל און מען האָט עס געבראַכט צום פאָלק. עזראס גרוי־סער אויפטו איז עס געווען וואָס ער האָט איינגעפירט אָט די פאַרהייליקטע פאָלקשריפטן, די תורה פון גאָט צו לערנען; מען זאָל נישט לעבן קיין דריי טעג אָן צו לערנען די תורה... נישט געווען ביי יידן קיין פריצים און פויערים, קיין „פאָלק" און אַריסטאָקראַטיע, — זענען אַלע גלייך פאַרפליכטעט צו לער־נען, צו לעבן מיט דער ליטעראַטור פון פאָלק. און עס איז געוואָרן: דאָס לערנען איז געוואָרן אַ סינאָנים פון לעבן, עס איז נישטאָ קיין לעבן אָן לערנען. האָט אַ ייד געלערנט פון מאָמענט ווי ער האָט נאָר אָנגעהויבן צו ריידן און ביזן לעצטן צוק פון זיין לעבן.

איז לערנען געווען שאַפן, אַ שעפעריש לערנען געווען ביי ייִדן, דער לערנער האָט געשאַפן ווידער, מחדש חידושי תורה געווען, איז די ליטעראַטור פון ייִדישן פאָלק געווען אַ קייט, יעדער בייער רינג האָט זיך געהאַלטן אָן דעם פריִערדיקן, אַ נייער גאָרן אויף דעם פריִערדיקן בנין, איז יעדער שאַפונג געוואָרן אַן אייגנטום פון גאַנצן פאָלק, פלעגט מען נישט געדענקען דעם נאָמען פון מחבר, פון דעם שעפערישן יחיד. אַ זכות איז געווען פאַר דעם יחיד אַז זיינע אידייען, זיינע געדאַנקען און אַרויסזאָגונגען זענען אַריינגעפלאָכטן געוואָרן אין דעם כסדרדיקן פראָצעס פון שאַפן אויב אַפילו אָן זיין פריוואַטן נאָמען. און דערפאַר זענען נישטאָ ביי ייִדן קיין פאַרטיקע, געענדיקטע, אויסגעשליפענע און פאָלירטע ראָמאַנען, קיין פאַרטיקע און גרויסע סימפאָניעס אָדער אָפּערעס. אַלץ, די אַלע שאַפונגען, זענען געווען ווי אויפן וואַרשטאַט פון אַן אייביקער פאַבריק, פון כסדרדיקער שאַפונג און איבערשאַפונג, אין אייביקן „סטאַטו נאַסצענדי”, אין דעם אַלעמאָליקן „ואידך זיל גמור” — גיי און לערן ווייטער. און דערפאַר איז עס „לא עליך המלאכה לגמור”. אָבער דערפאַר האָט אַ ייִד געדענקט, געטראַכט מיט עלעמענטן פון פריִער, זיין גאַנצער גייסט איז געווען צונויפגעשטעלט פון ציגל פון פריִערדיקע דורותדיקע געביידעס. יעדער ייִד און אַפילו דער עם־הארץ האָט גייסטיק געאָטעמט מיט דער אייביקייט פון דער ייִדישער תורה, פון די ליטעראַרישע שאַפונגען אין פאָלק. און דאָ איז געלעגן דער סוד פון דער ייִדישער אייביקייט. די נשמה פון יעדער ייִדן איז געווען די תורה, איז די תורה געווען די נשמה פון פאָלק. דאָ איז אָבער געווען נאָך עפּעס: דער נצח ישראל לא ישקר. די תורה — די שריפט, די ליטעראַטור האָט אַזוי אַרום פאַרבונדן דאָס פאָלק דורך אַלע זיינע דורות און פון אַלע לענדער — ווערטיקאַל, געשיכטלעך און האָריזאָנטאַל — געאָגראַפיש. „אונטער אַלע הימלען, אונטער אַלע קעלער־שימלען... איבער אַלע וועגן פון דיין וואָגלען, איבער גאָרער וועלט שטייען דיינע לאָגלען ברייט און ווייט צעשטעלט”. ווייל מען זען די נשמה פון דעם ייִדישן פאָלק, זוכט זי ווידער אין דער ליטעראַטור. הלכה און אגדה —ביידע גלייך זענען עס די נשמה. ייִדן האָבן געלעבט, געהאַנדלט און געוואַנדלט, אָבער די נשמה האָט געצויגן אויבן, אַהין, צו אים, צום רבש״ע. און זאָל מען נישט מיינען, אַז נאָר אין הלכה און אגדה, נאָר אין שולחן־ערוכס און חיי־אָדמס איז געווען די ייִדישע ליטעראַטור. איז דעם ייִדנס דאַוונען — איבערהויפּט יום־טוב — פול מיט פּאָעזיע... אין יעוואַנגעליע ווערט עס געוואָרנט מען זאָל נישט באַכטאָן די וואָס ווילן זיך חנפהנען צו גאָט מיט לויבגעזאַנגען... אָרעמע אין גייסט האָבן נישט פאַרשטאַנען די ראָל פון פּאָעזיע פאַר די וואָס נוצן זי. זענען שטיקער תורה אַריינגענומען אין דאַוונען. אַז דאָס לערנען זאָל זיין דער אינהאַלט פון לעבן — דאָס איז דער אויפטו פון ייִדן. איז די געשיכטע פון ייִדישן פאָלק

געוואָרן כמעט אידענטיש מיט דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. האָט די ליטעראַטור בפירוש פאַרביטן ביי יידן דאָס פאַרלוירענע לאַנד, די מדינה. פעלקער האַלטן זיך מיט זייערע לענדער — לאַנד פאַרלאָרן — פאָלק פאַרלאָרן. ביי יידן איז עס געווען גאָר אַנדערש: דריי פערטל פון זייער געשיכטע האָבן יידן געלעבט אין גלות און אויסגעהאַלטן! מיט וואָס? מיט דער ליטעראַטור וואָס זי האָט אויך געפורעמט דעם שטייגער.

איז ביי יידן די ליטעראַטור געווען:

א) דער שפיגל פון דער נשמה; די רעליגיע, איר וויכטיקסטער טייל;

ב) די גייסטיקע פאַרזיכיקע מדינה;

ג) די שעפערין פון שטייגער; זי האָט פאַרהייליקט דעם שטייגער, צונויפ־געפלאָכטן זיך;

ד) צוזאַמען מיט דעם שטייגער האָט זי אויפגעהאַלטן דעם קיום פון פאָלק אין זיין גלותדיקער אייביקייט.

די ליטעראַטור האָט אויך יעדער באַזונדערן יידן דערהויבן צו אַ העכערער מדרגה. יידן זענען אַלעמאָל געווען פאַרבונדן מיט דעם ספר. קיין אַנאַלפאַבעטן זענען ביי יידן נישט געווען, און אַלע האָבן געלערנט, פון קליין ביז גרויס, אָרעם און רייך, למדן און עם־הארץ. טביה דער מילכיקער — דער יידישער יידי ד — זאָגט, אַז עס קומט שבת און ער נעמט זיך צו אַ ספר — אַ משנה, אַ מדרש, אַ תהילים, דאָס יענץ לאָקש בוידעם, — פילט ער זיך ערשט ווי אַ מענטש, נישט סתם אַ בהמה אויף צוויי פיס, „וכל בניך למודי ה׳" — אַלע, דאָס גאַנצע פאָלק געלערנטע, נישט סתם אויסגעלערנטע, אָפּגעגעבן עקזאַמענס און פטור, נאָר זיי זענען לערנענדיקע, זיי האַלטן כסדר אין לערנען, אָן אויפהער לערנען. האָט אַ ייד נישט געקאָנט ריידן, שרייבן אַ מסחר־בריוול אָן אַ פסוק, אָן אַ מאמר, אַ דרשל, אַ פשטל, אָן אַ גזרה שווה, אָן אַ קל וחומר, אָן אַ ציטאַט עפּעס.

האָט אַ ייד געזוכט תמיד זיך איינצוקויפן אין תורה־יחוס. דאָס איז אַזאַ מין זאַך, וואָס איז מיר לגמרי נישט באַקאַנט ביי אַנדערע פעלקער. „אַ ממזר אַ תלמיד חכם איז יחוסדיקער פון אַ כוהן גדול אָן עם־הארץ" — נישט קלאַס און נישט שטאַנד, נאָר געלערנטקייט איז דער יחוס. נישט פירשט און נישט גראַף און נישט באַראָן, נאָר למדן עילוי, גאון — דאָס זענען געווען די בכבודיקסטע טיטולן, וואָס אַ פאָלק האָט זיך געגרויסט מיט זיי. נישט האַר, און נישט פאַן, און נישט הערשער, — נאָר רב איז דער יידישער טיטול... פלעגן רייכע יידן פאָרן אין ישיבות זוכן לומדים — חתנים פאַר זייערע טעכטער, פלעגט מען זיי געבן קעסט יאָרן־לאַנג, זיי זאָלן קענען רויק זיצן און לערנען. און שווער און שוויגער, ווייב און קינדער פלעגן קלייבן נחת — „דער קול התורה קלינגט אין

שטוב״... האָט אַ פאָלק לאַנגע יאָרהונדערטער געהאַלטן אַז „ותלמוד תורה איז כנגד כולם״ — איבער אַלץ אין דער וועלט.

און, אַז ייִדן פלעגן זיך צונויפקומען — אין שול, צו גאַסט, ביי אַ שמחה, ביי אַ גוט יום־טוב בעטן, ביי אַ חתונה צי אַזוי אויף אַ סעודת־מצווה, צי אין אַ קרעטשמע אויף אַ וועג, צי ווייס איך ווו, — מיט וואָס פלעגן ייִדן זיך פאַרוויילן? — מיט אַ דרש, מיט אַ פּילפּול, מיט אַ דיסקוסיע... „אַז דריי האָבן געגעסן, און עס איז צווישן זיי נישטאָ קיין דברי תורה איז גלייך ווי זיי וואָלטן געגעסן זבחי מתים״.

האָט אַ פאָלק אָן אַ מדינה, אין גלות דווקא אָרגאַניזירט אַ סיסטעם פון דערציִונג, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט די העכערע בילדונג פאַר די אָרעמע און פאַר די אָרעמסטע. אָן מלוכה־פאָנדן, אָן אויפגעמאָנטע מיט כוח שטייערן האָט אַ פאָלק געקענט שאַפן מיטלען אויסצוהאַלטן ישיבות אומעטום, אין יעדער שטאָט און שטעטל, האָט אַ פאָלק אויסגעפונען אַן אייגנאַרטיקע פאָרעם ווי אויסצוהאַלטן די לערנער. אין דאַוונען איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלע ברכה פאַר די וואָס לערנען און וואָס העלפן אויסהאַלטן די לערנערס (יקום פורקן). אַז איך פלעג אַמאָל קומען אין אַ שבת צו גאַסט צו מיינעם אַ פעטער, פלעגט מיך די סומע מכבד זיין מיט איר שבתדיקן „רעטשיסניק״ (אַ טייגעכץ פון איבערגעבערנטע רעטשענע מעל), און דער פעטער פלעגט זאָגן:

— דאָס וואָס זי גיט דיר איז נאָר כדי אַ ברכה צו מאַכן, — דעם אמתן כיבוד וועל איך דיר מכבד זיין. אָט האָסטו אַ שטיקעלע אבן עזרא, אַנו, אדרבא, צעקיי דאָס, וועסטו זען ווי געשמאַק דאָס איז...

אויב ביי די רוסן האָט די ליטעראַטור אָנטפּלעקט די נשמה פון פאָלק, האָט ביי ייִדן די ליטעראַטור ג ע פ ו ר ע מ ט די נשמה פון פאָלק, געהאָלפן זי אויסבילדן. נישט אומזיסט האָט אַ פאָלק זיך דערדינט צו דעם אייגנאַרטיקן טיטול ע ם ־ ה ס פ ר.

***

עס קען אויסקומען מאָדנע, אומפּינקטלעך, אפשר אַפילו פּראָפאַניש וואָס איך „פּלאָנטער״ דאָ צונויף תורה און ליטעראַטור צוזאַמען. מען איז צוגעוווינט שטרענג אָפּצוטיילן צווישן די צוויי געביטן: תורה איז רעליגיע, געטלעך, פרומקייט; דאָס עצם וואָרט האָט אין זיך דעם מאָמענט פון באַלערנען, ווייזן וועגן, פירונגען, בעת ליטעראַטור איז וועלטלעך, מענטשלעך, שטרעבט צו שיינקייט, קונסט, זוכט נישט צו באַלערנען נאָר צו פאַרוויילן. טאָ ווי קען מען די צוויי געביטן — תורה און ליטעראַטור — באַהעפטן אָן אַ להבדיל?

— איז עס אויך נישט קיין קשיא: ליטעראַטור מיינט שריפט, געשריבנס, אַלץ וואָס עס איז אויסגעדריקט מיט אותיות, מיט ווערטער. קען אַפילו זיין לי־

טעראַטור נאָך איידער זי איז פאַרשריבן, זי קען אָבער פאַרשריבן ווערן, זי קען אויסגעדריקט ווערן אין שריפט. איז עס ליטעראַטור. צי איז די ליטעראַטור געט־לעך אָדער מענטשלעך, רעליגיעז אָדער וועלטלעך, צי זי שטרעבט צו ווירקן אויף אירע לייענערס אין דער ריכטונג פון פרומקייט אָדער אויסגעלאַסנקייט, צי באַמיט זי זיך צו צאַמען זיינע גלוסטונגען, צו סובלימירן זיינע אינסטינקטן, אָדער פאַרקערט, צי וויל זי קיצלען דעם לייענער ער זאָל פאַרכאַפּט ווערן ווי מיט אַ שעדלעכער נאַשעריי אָדער זי וויל דעם לייענער אָפּהאַלטן פון אַלע רייצנ־דיקע גיפטיקע קיצלדיקע פאַרווייַלונגען — דאָס אַלץ ווענדט זיך אָן דעם פאָלק, אָן דעם דור, אָן דער תקופה, אָן די פּראָדוצירער. „זע, איך האָב געגעבן פאַר דיר דאָס גוטס און דאָס שלעכטס, דאָס לעבן און דעם טויט, — און דו זאָלסט אויס־קלייבן דאָס גוטס". און אַזוי איז עס: יעדער שאַפונג קען זיין געטלעך און דאָס פאַרקערטע — טייווליש, להבדיל. און עס ווענדט זיך אָן מענטשן. פון די פאַר־צייטיקע גריכן און ביז איינשטיינען האָט דער העכערער, דער טיפערער מענטש־לעכער שכל געמאַטערט זיך צו געפינען די סודות פון דעם שטאָף, פון דעם אַטאָם. דאָס האָט דאָך גאָט נישט אין גן־עדן ערגעץ איינגעפלאַנצט דעם עץ־הדעת, דעם דראַנג צו וויסן, נאָר אין דעם מענטשנס האַרץ. דאָרטן גופא איז אויך פאַרפלאַנצט דער עץ־החיים — דער דראַנג צו לעבן אַ טאָג, די גלוסטונג צו לוסט... ווהין די אַנטפּלעקטע סודות פון אַטאָם וועלן פאַרפירן — צום אומ־קום פון דער וועלט אָדער פאַרקערט — דאָס ווענדט זיך שוין פון דעם מענטשן, ער וועט אויסקלייבן.

האָט אַ פאָלק גענומען זיין ליטעראַטור און זי מקריב געווען צו גאָט — דאָס איז זיינס, דאָס געהערט צו אים און ער גיט עס אונדז. דאָס ווייזט אַז דאָס פאָלק האָט געשטרעבט צו געטלעכקייט, געזוכט גאָט, אויף אַ סימבאָלישן שטיי־נערנעם באַרג אָדער אין די שטיינפעסטע בערג פון פאָלקס שטרעבן צו גאָט — דאָס איז נישט וויכטיק; האָט אַ פאָלק געהערט דונערן און בליצן און פייער און רויך ווען עס האָט זיין תורה געקראָגן, אָדער עס האָט זיין שליחות אין דער וועלט געקראָגן אין אַ קול דממה דקה, וואָס איז דערהערט געוואָרן נישט מיט פליישיקע אויערן פון דעם אייגענעם האַרצן אַרויס — דאָס איז ווידער נישט וויכטיק. האָט דאָך אַ פאָלק געגלייבט, אַז דער פעלדזיקער באַרג איז נישט היי־ליק, אַז אַלע דורות־שעפערישע יידן, אַז אַלע זייערע שאַפונגען זענען תמיד, דורך דער אייביקייט באַרג־סיניידיקע, די זעלביקע הייליקייט. עס איז: אַ פאָלק האָט גענומען דעם באַרג און אים פאַרגעסן, גענומען זיין נשמה און זי אַראָפּגעשלונ־גען צו זיך אין האַרץ אַריין און עס טראָגט אים מיט זיך אין אַלע זיינע וואַנ־דערונגען...

דאָס האָט אַ פאָלק אין זיין געטלעכקייט געקראָגן די תורה, זי איז אַ פּראַ־

דוקט פון דעם געטלעכן גייסט וואָס האָט געלעבט אין פאָלק, אין דער נשמה פון פאָלק.

האָט ביי דעם רוסישן פאָלק די ליטעראַטור, דאָס אייגנטום פון דעם רייכערן שטאַנד, אים געפירט און געבראַכט צו באַגרייפן, צו באַנעמען די נשמה פון פשוטן פאָלק און זיך צו באַהעפטן צו איר. האָט ביי ייִדן, ביי דעם פאָלק אָן שטאַנדן, די ליטעראַטור נישט געהאַט קיין ציל צו פאַרוויילן עסטעטיש דעם פריץ, דעם גראַף, דעם פירשט, דעם מעצענאַט און דעם פאַרטיידיקער פון קונסטן. ניערט דאָס וואָרט האָט — סיי שריפטלעך, סיי מונדלעך געהאַט דעם ציל נישט אין עסטעטיק, נאָר אין עטיק, צו באַלערנען. דערפאַר „תורה" — באַלערנונג, פון דעם שורש מורה — לערער, וועגווייזער. נישט דורך שיינקייט צו פירן צו דערהייבנקייט, נאָר צו דערהייבן דירעקט, צו געטלעכקייט. האָבן ייִדן אין וואָרטקונסט נישט געזוכט דאָס וואָס די גריכן — די „קאַלאָקאַגאַטיאַ" — דאָס גוטע און שיינע, נאָר דאָס גוטע דירעקט, נישט דעם הוד שבתפארת, נאָר די קדושה דירעקט. האָט אַ פאָלק זיין גאַנצע שעפערישקייט געבראַכט אַ קרבן צו גאָט, האָבן פאָעטן געשריבן תהילים, תפילות, זמירות, פיוטים, פזמונים, סליחות, — און עס איז אָפט, גאָר אָפט אַרויס תפארת שבקדושה — אַ „ברכי נפשי" און אַ „כתר מלכות". איך קען צו ווייניק די גאַנצע ליטעראַטור פון אַנדערע פעלקער, איך זאָל קענען זאָגן, צי איז ערגעץ וועו און ערגעץ ווו געשאַפן געוואָרן עפּעס פון דער מדרגה.

איז דאָס לעבן פון גאַנצן פאָלק געווען קאָנצענטרירט אויף לערנען, נישט לייענען, נאָר לערנען — יונג און אַלט, אומעטום און אַלע מאָל. איז לערנען געווען נישט אויסלערנען און וויסן, נאָר לערנען און מחדש זיין — אַן אייביקייט, פון סיני אָן, הלכה למשה מסיני. האָבן ייִדן געזונגען ווידער אַ מאָל „סיני־ניגונים". סיני איז טראַדיציע, בעת דער סיני גופא, דער באַרג גופא איז „נס־תלקה שכינתו — נסתלקה קדושתו", אויס מיט זיין הייליקייט.

און דערפאַר כל־זמן דאָס פאָלק אין אַלע זיינע גלותן, אין אַלע זיינע תפוצות לערנט די ייִדישע תורות, ציִען זיך די ייִדישע נשמות פון אומעטום צו איין און דעם זעלביקן פונקט — צו געטלעכקייט. איז דאָס פאָלק געגליכן צו אַ פּיראַמיד, און איר שפּיץ פאַראייניקט אַלע זייטן אין איין גאַנצקייט.

און דערפאַר איז כל־זמן עס איז דאָ אין אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט דער קול יעקב, קענען די ידי עשו נישט חרוב מאַכן דאָס ייִדישע פאָלק. און דערפאַר איז ריכטיק, אַז „אין אומתנו אומה אלא בתורותיה" — די אייביקייט און גאַנצקייט פון ייִדישן פאָלק ליגט אין זיין כסדרדיקן תורה־פראַצעס — לערנען און שאַפן ווייטער, שאַפן ווייטער און לערנען ווייטער. די פאָרמען פון די תורות, פון דער ליטעראַטור קענען זיך בייטן און זיי דאַרפן זיך בייטן —

דור דור ודורשיו, דור דור ותורותיו. דער עיקר אָבער, אַז אַלע מאָל זאָל מען קענען אין דעם געשאַפענעם אַריינטייטשן, אַריינפּשטלען, אַריינלערנען אַלץ נייע און נייע תורות. נייע ביימער וואַקסן אַרויס, שפּראָצן אַרויס פון די אַלטע, דער ייִדישער מאָרגן מוז אַרויסשפּראָצן פון דעם נעכטן.

איז טאַקע אונדזער ליטעראַטור די נשמה פון פאָלק. יעדער ייִד האַנדלט, וואַנדלט, שמייעט, דרייט זיך, אָבער די נשמה איז כלפּי שמיא — צו דער הייך געווענדט.

***

איז אַלץ וואָס איז געשריבן, געדרוקט — ייִדישע ליטעראַטור? — ניין! צען מאָל ניין. „כל המכניס לתוך ביתו יותר מכ״ד ספרים — מהומה הוא מכניס לתוך ביתו" — דער וואָס נעמט אַריין אין זיין תורה מער ווי די פיר און צוואַנציק ספרים פון תנ״ך, דער ברענגט אַ מהומה, אַ פּלאָנטער, אַ צעטומלעניש. אַזוי פּסקנט די גמרא פאַר יענער צייט און אַזוי דאַרף זיין אין אַלע צייטן: עס איז אָנגעשריבן אַ סך, אָבער נאָר אַ קלייַנער טייל פון דעם וואָס עס איז פאַראַן אָנגעשריבן טויג צו ווערן די ליטעראַטור פון פאָלק. און דער אָפּקלייב מוז זיין אַ שטרענגער. דער קריטעריִ קען זיין אַ פאַרשיידענער. פאַר מיר איז דער קריטעריִ נישט קיין קונסט, נישט קיין שיינקייט און נישט קיין אַנדערע ליטעראַטור־קריטישע מאָסן. איך האָב איין מאָס: איז אין ווערק פאַראַן אהבת ישראל אָדער נישט. אהבת ישראל אין זינען פון באַנעמ׳ען, באַגרייפן און באַשרייבן די נשמה פון פאָלקישע ייִדן, פון פשוטן ייִדן אָדער עס איז נישטאָ. דעם זעלביקן קריטעריִ נוץ איך ביים באַשטימען, צי מען דאַרף אַ ווערק רעקאָמענדירן אין שול אַריין אָדער נישט, צי דאַרף מען האָדעווען די יוגנט אויף די ווערק אָדער נישט. נישטאָ ביי ייִדן היינט דער אויטאָריטעט, וואָס זאָל פּסקענען וואָס יאָ און וואָס נישט, וואָס איז ראוי אַריינגענומען צו ווערן אין דעם סכום. איך גלייב אָבער, אַז גאָר גרויסע חלקים דאַרף מען דן זיין לגניזה און מען טאָר זיי נישט אַריינגעמען אין סכום ייִדישקייט. פאַרוואָס?

— ווייל עס איז נישטאָ אין זיי די נשמה פון ייִדישן פאָלק. עס קענען זיין שיינע ווערק, גרויסע ווערק, באַליבטע ווערק, און דאָך טאָר מען זיי נישט קאַנאָניזירן, דאָך פעלט אין זיי די נשמה אונדזערע; די שרייבער און די קריטיקער האָבן באַנוצט אַ פרעמדע מאָס, נישט קיין ייִדישע מאָס. פאַרשיידן זענען די נשמות פון די פעלקער און פאַרשיידן דאַרפן זיין די מאָסן צו מעסטן. עס דוכט זיך מיר, אַז די נשמה פון אַמעריקאַנער פאָלק איז אַנטראָפּאָצענטריש, אין צענטער פון אַלע אירע שטרעבונגען און זוכענישן איז דער פאַרלאַנג צו באַפרידיקן די פאַרלאַנגען, די גלוסטונגען פון דעם מענטשן ווי אַ מענטשן, צו שאַפן פאַר אים אַלע באַקוועמקייטן: לעב און האָב הנאה פון לעבן, נעם נישט קיין זאַכן צו

טיף, דאָס לעבן איז צו קורץ און באַשווער עס נישט מיט פּראָבלעמען, נעם אַלץ גרינגער. די טעכניק, די ליטעראַטור, די וויסנשאַפטן אַלע, די קונסט — אַלץ האָט איין ציל: מאַכן דאָס לעבן פון מענטשן גרינגער, לייכטער, אָנגענעמער, באַקוועמער. די נשמה פון רוסישן פאָלק האָבן די רוסן אַליין דעפינירט: זי איז גאָטזוכעריש: ווו איז ער? אין וואָס איז ער? דער מענטש איז נישט געבוירן געוואָרן צו זוכן סתם באַפרידיקונג און צופרידנקייטן ווי עס איז דאָס לעבן פון „טריומפירנדיקן חזיר" (דער אויסדרוק איז טאַקע גענומען פון דער רוסישער ליטעראַטור). קען זיין, אַז דערפאַר לאָזט זיך דער רוסישער מענטש לעבן אָן מאַטעריעלע באַקוועמקייטן, קען זיין אַז דערפאַר מאַכט דער רוסישער מענטש שלום מיט זיין פאַרשקלאַפטקייט, קען זיין אַז פון דאַנען דער פאַטאַליזם פון רוסישן פשוטן מענטשן. און עס קען זיין גראָד פאַרקערט: די פאַרשקלאַפטקייט האָט עס געבראַכט, האָט געשאַפן אָט די פּסיכיק. דאָס פּוילישע פאָלק האָט אין פאַרשקלאַפטקייט געזוכט משיחן; אין דער פרייהייט האָט עס פאַרגעסן דעם משיח און געוואָרן אַ שטיק אַשמדאי...

***

די יידישע נשמה, די נשמה פון יידישן פאָלק איז אויך דעפינירט פון יידן גופא: זי איז אַ חלק אלוה ממעל, זי איז דאָס פאַרקערטע פון דער אַמעריקאַנער, זי איז נישט אַנטראָפּאָצענטריש נאָר דעאָצענטריש. דאָס איז שוין לאַנג דעפינירט, נאָך אין זוהר: גאָט און ישראל און זיינע תורות איז איינס (קודשא בריך הוא ואוריתא וישראל חד הוא)... דאָ דאַרף זיין די מאָס פון דער יידישער ליטעראַטור, אויף וויפל זי קליידט יאָ אָדער נישט דעם יידישן פאָלק. עס איז נישט, חלילה, אַז איך וויל דער רב זאָל פּסקענען, צי איז דער ספר טריף אָדער כשר, לאוו דווקא: איך האַלט נישט לגמרי, אַז דער רב האָט דעם מאָנאָפּאָל אויף גאָטפאַרשטיין. זיין געביט קען זיין אַ סך מער די יאַטקע, בשר בחלב, וכדומה, קוקט ער אין שולחן־ערוך און פּסקנט. אָבער דאָס געטלעכע אין דער נשמה, אין דעם יידן גופא, דאָס געטלעכע אין דעם וועלטלעכן, די אַלע וועלטלעכע אַנטפּלעקונגען פון געטלעכקייט — דאָ איז אָפּט דער רב לגמרי נישט קיין אויטאָריטעט, זאָל מיר דער כבוד שם תורתם מוחל זיין.

און צו דעם אַלץ האָט אַ פאָלק דערגרייכט אין גלות! ווו איז די סיבה און ווו — די תולדה?... זאָגט עס די יידישע ליטעראַטור גופא: „ואשיבה ידי עליך, ואצרוף כבור סיגיך ואסירה כל בדיליך" (ישעיה א׳ 25). ווי עס זאָל נישט זיין, — אַזוי איז עס.

***

מען זינגט ביי אונדז און מען דעקלאַמירט אַן אַלט לידל „נצח ישראל לא ישקר". מיר זענען הייסט דאָס אַ פאָלק באַשאַנקען (אָדער פאַרשאָלטן) מיט אייביקייט. זאָלן שטורעמס שטורעמען, זאָלן וועלטן חרוב ווערן, — מיר אָבער זענען אייביק. והא ראיה — איר זעט דאָך: אָט זענען מיר דאָך דאָס איינציקע אַלטע היסטאָרישע פאָלק וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן ביז היינט. נו, וועלן מיר שוין ווייטער אויך אויסהאַלטן, מיר האָבן שוין די חזקה אויף אייביקייט...

איז אָט דאָס לידל אַ ליגן, אַן איינריידעניש, וואָס לא דובים ולא יער. קיין שום לעבנס עליקסיר, קיין שום שפּרוך און קיין שום פאַרזיכערונג האָבן מיר נישט, נישט פון גאָט און נישט פון קיין שום טייוול אויף אייביקייט. מיר גייען אויס און קומען אום ווי אַלע אַנדערע פעלקער אויף דער וועלט. באשר... „צדקה עשה להם הקב"ה שפיזרם לבין האומות". און וויפל מען איז נישט ברוגז אויף דעם מאמר חז"ל איז ער פאַרט אַן אמת. ווייל „עד ששקעה שמשה של ארץ ישראל, זרחה שמשה של בבל" — אַז עס גייט אונטער איין יידישער ישוב און עס ווערט חרוב איין קיבוץ, קומט אַ צווייטער ישוב, שטייט אויף אַן אַנדער ישוב. און אַז דער ווערט חרוב, קומט אַ דריטער און אַזוי ווייטער. קיין שום יידישער ישוב איז נישט געווען און איז נישט אייביק. אייניקע ישובים קומען אום פון שונאים, דורך פייער און שווערד און אַנדערע גייען אויס פון זיך... נישטאָ קיין אייביק לעבן אין דער נאַטור, נישטאָ קיין אייביקייט אין דער וועלט און לאָמיר זיך נישט איינריידן קיין אייביקייט אויף פאַר אונדז.

„עס גייט אונטער דאָס פאָלק, זיין געמיט איז פאַרשקלאַפט,
ס'האָט זיין אַרבעט קיין ווערט, און זיין אויפטו — קיין האַפט."

(ביאַליק־שוואַרץ).

ווי אַזוי קומט דער אומקום? — דער אומקום קומט ביסלעכווייז, בהדרגה, — און דער ערשטער עטאַפּ פון אומקום איז דאָס פאַרלאָזן דעם פאָלקס שפּראַך. דער צווייטער איז דאָס אַוועקגיין פון פאָלק, פון זיין ליטעראַטור. נאָך דעם גייט עס שוין גאָר גרינג. פון זיך, עס בלייבט שטיין אַ טויטער בוים אויף זיין וואָרצל. ער דאַרט און ער טריקנט, און ער פוילט, אָבער ער שטייט נאָך... די וואָרצלען ציִען נישט קיין זאַפט פון באָדן, די טרוקענע צווייגן שטייען נאַקעט, אָן בלעטער, טייטלען אין דער לופט אַריין ווי מצבות נאָך אַ בוים, וואָס האָט אַמאָל געלעבט...

וויפל יידישע ישובים האָבן מיר איצט אַזוינע?

געווען אַמאָל אין איטאַליע גרויסע און באַרימטע קהילות, ישיבות, פאַרלאַגן, תורה האָט געבליט אין „ווענעציע המהוללה" און אין „פאַדובא המפוארה". און ווי פאַרדאַרטע רעשטלעך פון יענע קהילות הקודש צאַנקען נאָך איצט און

געדענקען אַפילו נישט זייער אייגענע גלאָריע פון אַמאָל. חורבות זענען דאָס נאָך אַמאָליקע ישובים, רעשטלעך פון לעבעדיקע פּאָסילן. נישט מער...

און אין פראַנקרייך, און אין דייטשלאַנד פון פאַר היטלערן?

אויב דאָרט איז געווען עפּעס יידיש לעבן, — איז דאָס פאַרטראָגן פון מזרח־אייראָפּע, ווי העלע „קברים־מנורות" (אַזוינע בלומען) צווישן טויטע מצבות.

ווי זענען זיי אָפּגעשטאָרבן?

— פאַרלאָזט די שפּראַך פון פאָלק — יידיש, האָט זיך שוין דאָרטן העברעיִש נישט געהאַט אָן וואָס זיך צו האַלטן, אויב אַפילו מען האָט געלערנט... אָפּגעהאַקט די וואָרצלען.

נאָך דעם האָט מען פאַרלאָזט די ליטעראַטור פון פאָלק... דער גוף פון פאָלק איז באַזונדער און זיין נשמה — די וואָס געפינט זיך תמיד אין די שאַפונגען — זי איז באַזונדער, אין שאַפעס, אין ביבליאָטעקן, אין מוזייען. שיינע, רייכע זאַמלונגען, אָבער נישט מער אין די לעבעדיקע מענטשן, נישט מער אין לעבן פון די יידן, דער „עם־הספר" האָט זיך צעשפּאָלטן: עם באַזונדער און ספר — ווידער באַזונדער.

און אַז די נשמה טיילט זיך אָפּ פון גוף איז טויט. יתגדל ויתקדש יידישע קיבוצים... ווייל מען זיך איינריידן — נישקשה: עס וועט זיין אַ יידישקייט אין דער שפּראַך פון לאַנד. פאַרוואָס נישט? אַז יידיש איז גוט, קען דאָך ענגליש זיין אויך גוט, שפּאַניש... און מי לנו גדול ווי די רייכסטע אוצרות יודאַיזם אויף דייטש... עס איז אָבער אַ ליגן: דאָס זאָגן פאַרגויִשטע קינדער קדיש נאָך זייערע יידישע עלטערן... איין דור, העכסטנס צוויי — און עס איז מער נישטאָ ווער זאָל אַריינקוקן אַפילו אין אָט די טויטע אוצרות יידישקייט אין די פרעמדע שפּראַכן... אַמאָל, אַמאָל זענען געווען יידן...

אַז יידן פאַרלאָזן זייער שפּראַך און איר ליטעראַטור פאַרלאָזט די לעבעדיקע יידן זייער יידישע נשמה, און אַ גוף אָן אַ נשמה — איז שוין טויט...

וויפל יידישע ישובים געפינען זיך איצט אין דעם פּראָצעס?

און וואָס וועט זיין נאָך דעם? גאָט ווייס...

נישט אומזיסט האָבן די חז"ל תמיד געציטערט „שמא תשכח תורה מישראל" — נישט פאַר דעם קיום פון מדינה האָט מען זיך געזאָרגט, נישט פאַרן קיום פון בית המקדש, נאָר די מורא איז געווען טאָמער חלילה וועט דאָס פאָלק זיין תורה, זיין ליטעראַטור פאַרלאָזן. און דערפאַר האָבן זיי עזראן, וואָס האָט פאַרבונדן דאָס פאָלק מיט דער ליטעראַטור, פאַרגליכן צו משהן. און מיט רעכט האָט מען געשטעלט דאָס תורה לערנען העכער פון אַלע מצוות, ותלמוד תורה כנגד כולם...

איצט שטייען מיר ווידער פאַר דער סכנה „שמא תשכח תורה מישראל", און דאָס איז אומקום. און אין אַלע ישובים, ביי דעם גאַנצן פאָלק, דאָס גאַנצע

פאָלק אין אַלע זיינע צעשפּרייטונגען און פאַרשפּרייטונגען פאַרלירט זיין באַ־העפטונג מיט די שריפטן פון פאָלק, מיט דער תורה פון אַלע דורות, מיט דער גאַנצער ליטעראַטור.

איז דאָס איצט די דרינגנדיקסטע אויפגאַבע פון פאָלק אין דער גאַרער וועלט:

יידיש פאָלק! צוריק צום ספר! צוריק צו פאַרבינדן דאָס לעבן מיט דעם בוך! אין דעם איז די גאַראַנטיע פאַרן קיום פון אונדזער פאָלק.

צי האָט אָבער באמת אונדזער נייע און נייסטע ליטעראַטור דערפילט איר חוב? צי האָט זי באמת געקליבן די ניצוצות פון אונדזער פאָלקס נשמה און פון זיי אויפגעבלאָזן אַ גרויסן פלאַם וואָס זאָל זיין בכוח צו וואַרעמען דעם יידישן גוף? צי האָט די ליטעראַטור באמת געזוכט אין פאָלקס וואָכעדיק לעבן די עלע־מענטן פון קדושה און דאָס געמאַכט עס זאָל אַקטיוו ווירקן אין דעם לעבן פון וויטערדיקע דורות און דורך דער ליטעראַטור טאַקע צוגעבן קדושה אין דעם וואָכעדיקן לעבן אַריין? צי האָט די ליטעראַטור און אירע שעפער באמת מיט דער פולער כוונה און מיט באַוווסטזיין געזוכט צו שמידן ווייטער הייליקע שריפטן אין פאָלקס אוצרות אַריין?

מיט טיפן ווייטיק און קלעמעניש מוז איך זאָגן אַז דאָס איז געווען בלויז אין אַ קליינער מאָס, נישט גענוג, ווייט נישט גענוג כדי דאָס פאָלק זאָל דער־פילן אין די נייע שאַפונגען די הייליקייט, דעם המשך פון נאַציאָנאַלער פאָלקי־שער קדושה. אַ גרויסער טייל פון אונדזערע גדולים האָבן טאַקע באמת געגלייבט צו דינען דעם פאָלק מיט זייער שרייבן, אָבער אומאָפּהענגיק פון דעם סוביעק־טיוון גוטן ווילן איז די ריכטונג געווען אַן אַנדערע.

אונדזער ליטעראַטור איז לכתחילה געווען אַ קעמפערישע, אַ משכילישע, וואָס האָט געוואָלט און געשטרעבט אָפּצורייסן דאָס פאָלק פון זיינע טראַדיציעס. זי האָט פון איר אָנהייב נישט געהאַט קיין פּאָזיטיווע באַציִונג אַפילו צו דעם עצם לשון וואָס זי האָט געניצט. מען האָט גענוצט יידיש בלויז ווי אַ פשוטן מיטל צו פּראָפּאַגאַנדע, מען האָט געזוכט דורך דער ליטעראַטור צו בייטן ביסלעכווייז די שפּראַך, זי צו פאַרשענערן, אָפּרייסן זי פון אירע וואָרצלען און זי מאַכן ענ־לעכער צו דייטש. מען האָט גענוצט יידיש אויף אַזוי פיל אויף וויפל זי איז גע־ווען דער איינציקער וועג צו ריידן צו דעם פאָלק. אַלע אַנדערע עלעמענטן פון פאָלקס לעבן זענען אַן רחמנות און אַן אַ ברעקל איינזעעניש קריטיקירט געוואָרן. און דאָס איז געווען אין אַ פּעריאָד ווען דאָס געדרוקטע וואָרט האָט יאָ געהאַט אַ שטאַרקע השפעה אויף דעם לייענער, ווען דער לייענער איז נאָך געווען צוגע־וואוינט צו תורה, צום לערנען, זיך אַריינצוטראַכטן אין יעדעס געלייענט וואָרט; ווען יעדער שטיקל פּאַפּיר מיט געדרוקטע יידישע אותיות איז נאָך געווען אַ

הייליקע „שיימע" (פון וואָרט „שם": טאָמער געפינט זיך דאָרט גאָטס נאָמען). דערפאַר איז זיכער אַז אַט די השכלה־ליטעראַטור האָט מן־הסתם געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף אָפּצורייסן דאָס פאָלק פון זיינע טראַדיציעס, צעשטערן איז גרינגער ווי בויען. צו בויען האָט מען נישט געהאַט קיין פּלאַן, אָפּרייסן האָט מען אָבער יאָ געוואָלט. עס איז געווען דער פּעריאָד פון אַנטיטעזיס, פון וועלן זיך אָפּרייסן.

שפּעטער איז די תקופה אַריבער, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ צווייטע תקופה. מען האָט גענומען בענקען נאָך פאָלק און נאָך פאָלקישקייט, האָט די ליטעראַ־טור גענומען טאַקע געבן געטרייע בילדער פון פאָלקס לעבן. דעמאָלט איז אויפ־געקומען דער גרויסער מייסטער שלום עליכם, וואָס האָט איינער אַליין אויסגע־האַמערט אין וואָרטקונסט דאָס אָפּבילד פון גאַנצן פאָלק און פון זיין לעבן; פּרץ האָט פּאָרסימבאָליזירט אין פיגורן גאָר דעם יידישן געדאַנק און די גאַנצע אידייענוועלט זיינע, און אין זייערע טריט זענען געגאַנגען די יונגע, די ייִנגע־רע. עס איז געווען די „גאָלדענע תקופה" פון אונדזער שטעטל־קולטור. און זי האָט געקראָגן באמת איר קלאָרע אָפּשפּיגלונג אין אונדזער ליטעראַטור. יאָ, נישט בלויז אין דער ליטעראַטור. שאַגאַל און אויך אַנדערע האָבן זי געגעבן אין קאָלירן און אַ באַשיידענער האַלצקינסטלער בערל סאַט האָט דאָס גאַנצע שטעטל מיט אַלע זיינע העלדן געגעבן אין האָלצשניצערייען. גאָר די פּאַרדינסטן וואָס מיר האָבן אויבן אָנגערעכנט אויף דעם חשבון פון אונדזער ליטעראַטור געהערט צו דער תקופה טאַקע. די ליטעראַטור איז געוואָרן פאָלקיש און האָט געדינט דעם פאָלק בלבֿ ונפש. עס איז איצט אוממעגלעך אויסצומיידן די ייִדי־שע ליטעראַטור, און אַן איר דאָך איינפלאַנצן נייע דורות אין ייִדישקייט. אויך די העברעיִשע ליטעראַטור האָט געאָטעמט ייִדיש. אָדער זי איז געווען איבער־געזעצט פון ייִדיש, אָדער זי איז נאָך אין געדאַנק איבערגעזעצט געוואָרן, גע־טראַכט איז זי געווען זיכער אין ייִדיש, און דערפאַר איז זי אויך געווען פאָל־קיש. עס איז געווען איין ליטעראַטור אויף צוויי שפּראַכן, און דאָס געפיל ביים לייענער איז געווען תמיד איינער. סיי אין ייִדיש, סיי אין העברעיִש. דאָס געפיל איז געווען ייִדיש. דאָס לעבן און די שריפטן פון פאָלק זענען בפירוש געווען איינס.

דאָס איז אַלץ אמת, און דאָך האָט אונדזער ליטעראַטור נישט אויסגעפירט איר חוב לגבי דעם פאָלק. זי איז אויפגעקומען און געלעבט אין אַ תקופה פון איבערגאַנג: דאָס שטעטל איז אונטערגעגאַנגען, ייִדן האָבן זיך אורבאַניזירט — עס איז גאָר אַ נייע פאָרעם פון לעבן פאַר ייִדן, וואָס זיי האָבן פריִער נישט גע־האַט; מיר האָבן זיך אַריבערגעטראָגן אויף אַן אַנדער קאָנטינענט, אין אַן אַנדער וועלט, פון איין געדיכטן קאָנצענטרירטן שטח אונטער איינער־צוויי מדינות,

האָבן מיר זיך צעשאָטן איבער דער גאָרער וועלט; פון אַ כסדרדיקער שכנות־שאַפט מיט סובאָרדינירטע פעלקער, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אונדז געשטרעבט איינצוהיטן זייער קולטורעלע אייגנאַרט און זיך נישט אַסימילירן זענען מיר אַריבער אין דירעקטער שכנותשאַפט מיט אַ סך סווערענע פעלקער — קליינע גרופּעס יידן אַנטקעגן יונגע, נאַציאָנאַל־דאָרשטיקע פעלקער, וואָס זענען נאָך גאָר נישט לאַנג געווען מיט אונדז מיטקעמפּער און וואָס זענען גלייך געוואָרן אונדזערע באַקעמפּער. מיט איין וואָרט — אונדזער לעבן האָט זיך אינגאַנצן געביטן, דאָס אַלטע איז חרוב געוואָרן און קיין נייס איז נאָך נישטאָ, נישט באַשאַפן געוואָרן, דערווייל האָט די אַסימילאַציע גענומען פרעסן אונדזער גוף און נשמה מיט דעם פולן מויל... און וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער; יידיש לעבן האָט זיך גענומען אויסלעשן, דאָס יידישע לשון ווערט פאַרחלשטער, דאָס פאָלק צעשיידט זיך מיטן בוך, מיטן ספר, דער גוף טיילט זיך אָפּ פון דער נשמה. אַלעמאָל פאַר אַלע פעלקער אין שכנות מיט גרעסערע איז עס תמיד אַ טויט־סכנה, ביי יידן האָט עס געהאַט אַ ספּעציעלן נאָמען „שמא תשתכח תורה מישראל“...

וואָס האָט אויף דעם אַלעם געזאָגט די ליטעראַטור? וואָס האָט זי געלערנט צו טאָן? וואָסערע אָנווייזונגען ווי צו לעבן האָט זי געגעבן? — גאָרנישט! מיר האָבן געהאַט אַ שיינע און אַ פּראַקטיקע ליטעראַטור פון נעכטן אָבער נישט פאַרן מאָרגן. אונדזער ליטעראַטור האָט נישט פאַרטיפט זיך אין די פּראָבלעמען פון אונדזער קיום אין די נייע געענדערטע באַדינגונגען פון לעבן, זי האָט נישט געלערנט, נישט געוויזן קיין דרך. מיר האָבן אין אונדזער ליטעראַטור נישט קיין נייע וועגווייזערס. די גרויסע טיפּן, די שיינע טיפּן זענען געווען פון שטעטל, קיין נייע מוסטער־טיפּן פון דעם נייעם לעבן האָט די ליטעראַטור נישט געגעבן. דאָס פאָלק אין זיינע נייע ערטער, אין די נייע באַדינגונגען האָט זיך געניייטיקט אין נייע רביים, לערער, וועגווייזערס און וועגברעכערס, — און אַזוינע האָט די ליטעראַטור נישט געגעבן. מיר זענען צופיל אפשר געווען פאַרגלייבט אין דער „וועלט“, צופיל געוואָלט זיך לערנען פון איר און צוליב דעם אפשר האָבן מיר אייגנס צופיל פאַרזען. האָבן מיר זיך טאַקע באַגייסטערט מיט דער פּראַקטיקער געשטאַלט פון ר׳ שלמלע (די גאָלדענע קייט) און יוחנן וואַסערטרעגער, מיט אַ קאַסרילעווקער רב ר׳ יוזפל, אָבער זיי האָבן דאָך נישט געקאָנט ווערן פאַר אונדז אַ מוסטער, מער לערנען פון זיי האָבן מיר נישט געקאָנט און קיין נייע טיפּן פון אַזאַ מין אין אַ נייעם לעבן האָבן מיר אין דער ליטעראַטור נישט געפונען. מיר האָבן אין דער ליטעראַטור געדאַרפט האָבן אַ תורת חיים און נישט קיין בלויז קונסט, ווי אַנדערע פעלקער. אונדזערע שרייבער האָבן באַדאַרפט זיין פירער און נישט בלויז קינסטלער, — און דאָס איז נישט געווען. נאָך מער: מיר האָבן פאַרמאָגט טיפע דענקער, וואָס זענען, לאָמיר מאַכן אַ פאַרגלייך, געשטאַנען העכער

פון אחד העמען, אָבער זיי האָבן נישט זוכה געווען צו ווערן לערערס און פירערס. איבערהויפּט אין אַמעריקע. זיי זענען געפאַלן ביז צו דער מדרגה פון פאַרוויילערס, צושטעלערס פון „גייסטיקן פאַרגעניגן” פאַר דעם דור וואָס האָט זיך נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעגרינט, נאָך נישט אינגאַנצן אַמעריקאַניזירט. דערפאַר האָט אונדזער ליטעראַטור נישט געשאַפן קיין באַוועגונג, נישט געוויזן קיין וועגן אין די נייע באַדינגונגען, נישט אַרויסגעהויבן קיין נייע מוסטער־טיפּן, נישט צוגעגרייט קיין נייע קעמפּערס און טאַקע דערפאַר איז זי אַליין געוואָרן אַ יורד, געבליבן אין אַ ווינקעלע ליגן. עס האָט געקאָנט זיין באַשערט אַז אונדזער מעכטיק צעוואַקסענע ליטעראַטור זאָל באמת פאַרוועריקן אין נייעם לעבן די גאַנצע ירושה פון דער שטעטל־תקופה, איז עס אָבער צו אונדזער אומגליק נישט געשען.

שפּראַך און אינהאַלט אין קיום פון אַ פאָלק

ייִדן האָבן אין משך פון דער לאַנגער געשיכטע גערעדט ממש אויף צענד־ליקער שפּראַכן. וויפל לענדער ייִדן האָבן באַוווינט אַזויפיל שפּראַכן האָבן זיי גערעדט; וויפל תקופות דאָס ייִדישע פאָלק האָט דורכגעמאַכט, — אַזויפיל שפּראַכן האָט מען גערעדט און געשריבן. מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק איז ביאַליק אַרומגעפאָרן איבער דער וועלט מיט אַ רעפעראַט וועגן די פיל שפּראַכן וואָס ייִדן האָבן גערעדט און וואָס זענען נישט געבליבן. געהייסן האָט דאָס, אַז דאָס איז אויך דער גורל פון ייִדיש־לשון. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען איך בין געקומען קיין ארץ ישראל, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ביאַליק טראָגט אויף מיר אַ כעס פאַר מיין ענטפער וואָס איך האָב אים געענטפערט (אין „ווילנער טאָג") און אָפּגעפרעגט זיינע אויספירן.

אַ סך וואַסער און בלוט איז פון דעמאָלט אָן אָפּגעגאָסן געוואָרן. די גאַנצע לאַגע פון ייִדישן פאָלק האָט זיך שרעקלעך פאַרענדערט. די סיטואַציע פון ייִדיש־לשון האָט זיך שרעקלעך פאַרערגערט. עס איז שאַרפער ווי ווען עס איז פריִער געשטעלט געוואָרן דורך דער היסטאָריע די פראַגע וועגן קיום פון ייִדיש פאָלק און וועגן דער ראָל וואָס די אָדער יענע שפּראַך שפּילט אין די גורלות פון ייִדישן קיום.

וואָס זשע זאָגן און וואָס טראַכטן ייִדן גופא וועגן דער פּראָבלעם?

מען קען זאָגן, אַז די גרעסטע מערהייט פון פאָלק טראַכט גאָרנישט וועגן דעם. מען לעבט מיט דעם „היינט" און וווּהין דער עמיגראַציע־שטראָם האָט פאַרטראָגן דאָרטן נעמט מען איבער די שפּראַך און יוצא. די מינדערהייט וואָס טראַכט יאָ, איז צעטיילט און צעקריגט. וועלן מיר פּרובירן זיך אָריענטירן אין דעם פּלאָנטער.

קודם־כל וועלן מיר איינטיילן די דענקענדיקע ייִדן אין צוויי גרופּעס — „שפּראַכיסטן" און „אינהאַלטיסטן". די שפּראַכיסטן זאָגן, אַז עס איז גענוג צו באַוואָרענען דעם קיום פון שפּראַך און דערמיט וועט שוין אויך באַוואָרנט ווערן דער קיום פון פאָלק. זאָגן פאַרקערט די אינהאַלטיסטן, אַז דער עיקר פאַרן קיום איז נישט די שפּראַך, נאָר דער ייִדישער אינהאַלט אין לעבן. ווי די ערשטע אַזוי אויך די צווייטע צעטיילן זיך ווידער פאַרשיידענע פּאַרטייען און ריכטונגען. די שפּראַכיסטן זענען פון אָנהייב אָן צעטיילט אויף ייִדישיסטן און העברעיִסטן.

צעטיילט און צעקריגט. די יידישיסטן זאָגן: ערשטנס, אַז דער העברעיזם העלפט אָפּצורייסן יידן פון זייער פאָלק, פון זיין זיין קולטור און דערמיט העלפט ער דער אַסימילאַציע.

צווייטנס, אַז מען דאַרף ריידן יידיש אח אַז מען קען דערמיט יוצא זיין.

די העברעיסטן זאָגן דאָס זעלביקע בנוגע צו העברעיש. מיט דעם אונטערשייד בלויז, וואָס זיי האָבן פאַרבונדן זייער שפּראַכיזם מיט ציוניזם און אַזוי אַרום געשאַפן אין יענעם לאַנד אַ סביבה ווו העברעיש האָט געקענט און איז געוואָרן די הויפּטשפּראַך אויף אַלע געביטן פון לעבן. אין חוץ־לארץ זענען דער העברעיזם ווי דער יידישיזם געבליבן הענגען אָן אַ סביבה, בלויז אויף דעם לערנען אָן באַדינגונגען פון פּראַקטישן געברויך פון דער שפּראַך. די אַמאָליקע נאַטירלעכע יידיש־סביבה, ווען יידיש איז געווען די היימשפּראַך, די מוטערשפּראַך, איז מער נישטאָ אין ערגעץ. זי האָט שוין גענומען אונטערגיין אויך אין די אַלטע היימען נאָך איידער דער רוצח האָט זיי חרוב געמאַכט. העברעיש פאַרקערט האָט יאָ אַ נאַטירלעכע סביבה אין ארץ ישראל.

צו די „אינהאַלטיסטן" דאַרף מען צורעכענען כמעט בלויז די רעליגיעזע ריכטונגען. וועלטלעכע אינהאַלטיסטן זענען כמעט ווי נישטאָ. פאַרוואָס — איז אַ פראַגע באַזונדער. צווישן די רעליגיעזע אינהאַלטיסטן זענען פאַראַן די טראַדיציאָנעל־פרומע וואָס לעבן זיך אויס נאַטירלעך אין יידיש, און עס זענען פאַראַן אַזוינע וואָס היטן אָפּ דעם יידישן אינהאַלט אין ענגליש („יאַנג איזראעל", למשל) אָדער אין אַן אַנדער שפּראַך פון לאַנד.

כדי זיך צו אָריענטירן אין דעם גרויסן פּלאָנטער וועלן מיר מאַכן אַ קליינע היסטאָרישע עקסקורסיע.

***

יידן האָבן פון אייביק אָן אַרויסגעוויזן זייער שעפערישקייט אויף דעם געביט פון שפּראַכן דורך צופּאַסן צו זייערע באַדערפענישן גאַנגבאַרע אין דער סביבה שפּראַכן. איך בין גאָר אַ קנאַפּער פילאָלאָג, ווייס איך נישט צי עס זענען געווען פעלקער וואָס זאָלן אַליין שאַפן אָריגינעלע שפּראַכן. בכל אופן האָבן עס יידן נישט געטאָן. העברעיש (עברית) איז לכתחילה געווען אַ געמיינזאַמע שפּראַך פאַר אַלע שבטים און פעלקער וואָס האָבן געשטאַמט פון מעסאָפּאָטאַמיע (עבר הנהר. פון דאַנען דאָס וואָרט עָבר, עברי, עברית). דער באַרימטער שטיין פון מישע מלך מואב, וואָס איז געפונען געוואָרן אין עבר הירדן (1886), איז געשריבן כמעט אין זעלביקן העברעיש ווי די תנ"ך־ספרים פון יענער צייט. אַ חוץ דעם זענען אין העברעיש אַריינגעדרונגען אַ סך מצרישע, בבלישע און גריכישע ווערטער. אין תנ"ך איז פאַראַן דאָס וואָרט „יהודית" צו באַצייכענען דאָס יידישע לשון (ישעיהו ל"ו 11, נחמיה י"ג 24), אָבער נישט דאָס וואָרט

עברית. אין תלמוד באַצייכנט דאָס וואָרט עבֿרית נישט דאָס לשון פֿון ייִדן, נאָר דווקא אַן אַראַמישן דיאַלעקט. אין סנהדרין כ״א רעדט זיך וועגן דעם, אַז די תורה איז לכתחילה געווען געגעבן אין „כתב עברי״ און לשון הקודש. אין עזראס צייטן איז מען אַריבער צו דעם כתב אשורי (אונדזער היינטיקער אלף־בית) און לשון אַראַמיש (כמעט גאַנץ ספר עזרא איז געשריבן אַראַמיש און ער איז אַריין אין תנ״ך און איז פֿאַררעכנט אין דער טראַדיציע וויכטיקער ווי דער ספר נחמיה). אין אַ צווייטן אָרט (מגילה י״ח א׳), רעדט זיך צי מען קען יוצא זיין מיט לייענען די מגילה נישט אין לשון קודש נאָר אין אַנדערע שפּראַכן. עס ווערן דאָרט אויסגערעכנט ווי פֿרעמדע, נישט־ייִדישע שפּראַכן: גיפּטית, עילמית, מדית, יוונית, און אויך עבֿרית לעברים. פֿאַרטייטשט רש״י איןביידע ערטער „לשון עבר הנהר״. אויך דער גרויסער תלמודישער ווערטערבוך פֿון מ. יאַסטראָוו פֿאַרטייטשט אין ענגליש „טראַנסיעפּראַטיאַן״ און אין קלאַמערן „אַראַמיק״.

ווי איז פֿון אָט דעם לשון, וואָס איז געווען שותּפֿות פֿאַר אַ סך פֿעלקער געוואָרן אַ לשון קודש? דאָס איז געשען ווייל די ייִדן האָבן אין אָט דעם לשון אַריינגעגעבן גאָר זייער קדושה, גאָר זייער ספּעציפֿישע ייִדישקייט, די גאַנצע ייִדישע נשמה, איז עס געוואָרן דער לשון קודש פֿון ייִדישן פֿאָלק.

נישט די ווערטער פֿאַר זיך גופֿא זענען עפּעס אַנדערש ווי אַלע אַנדערע ווערטער פֿון אַלע אַנדערע שפּראַכן אין דער וועלט. די שפּראַך איז הייליק געוואָרן ווייל אַ פֿאָלק האָט אין דער שפּראַך, אין די ווערטער פֿון דער שפּראַך אָנגעשפּייכלערט גאָר די קדושה פֿון זיין גאָטזוכעניש, פֿון זיין שטרעבן צו מענטשלעכער דערהייבונג ביז צו געטלעכקייט.

נאָך בולטער איז דער ענין בנוגע צו אַראַמיש. די שפּראַך איז געווען אַ פֿרעמדע, נישט קיין ייִדישע. איז זי געוואָרן די שפּראַך פֿון אינטערנאַציאָנאַלע באַציִונגען. ייִדן האָבן אָנגעהויבן צו נוצן די שפּראַך נאָך אין די צייטן פֿון ערשטן בית המקדש. דאָס פּשוטע פֿאָלק פֿאַרשטייט נישט דאָס לשון, אָבער די אַריסטאָקראַטיע פֿאַרשטייט שוין יאָ (ישעיהו ל״ו). עס איז געווען די אוניווערסאַלע שפּראַך. און אפֿשר איז עס געווען דער אייביקער דראַנג פֿון ייִדן צו „רייכע קולטורן״. והא ראיה: נחמיה קומט פֿון גלות אויפֿבויען דאָס לאַנד פֿון זיין חורבן. ער קומט דורכגעזאַפּט מיט אַ שטאַרקן נאַציאָנאַליזם. וואָס געפֿינט ער אָבער אין ארץ ישראל? — אין אַ קורצן פּעריאָד פֿון אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט האָבן ייִדן פֿאַרלאָזט זייער שפּראַך (יהודית) און די קינדער ריידן „אשדודית״ (?) און זיי קענען נישט דאָס ייִדישע לשון. די תורה, וואָס עזרא נעמט זיך פֿאַרשפּרייטן מוז מען איבערזעצן פֿאַר דעם ייִדישן פֿאָלק. מען לייענט און די פֿאַרשטייערס פֿאַרטייטשן. אָבער ביסלעכווייז האָט זיך די ייִדישקייט,

וואָס מען האָט געבראַכט פון גלות, גענומען פאַרשטאַרקן אין ארץ ישראל. דאָס איז געשען צוליב דער שטאַרקער אַקטיוויקייט פון די „סופרים“ און די אנשי כנסת הגדולה. אָבער זייער אַנשטרענגונג איז געלונגען ווייל דער אַסימילאַציע־דראַנג איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן מחמת צווישן דער קליינער יהודה און דעם הערשנדיקן פאָלק איז געלעגן אַ גרויסע מדברדיקע דיסטאַנץ באַזעצט מיט אַנדערע סובאָרדינירטע פעלקער. יידן האָבן אַ דראַנג זיך צו אַסימילירן נאָר אין הערשנדיקע פעלקער. און ווייל די אַסימילאַציע איז געווען אַ שוואַכע, האָט זיך טאַקע אַנטוויקלט אַ מעכטיקע קולטור, עס איז אויסגעוואַקסן אַ פאָלק, אַ פאָלק מיט אַ שטייגער, מיט אַ ליטעראַטור, מיט אַן אָרגאַניזאַציע און דאָס אַלץ איז געווען פאַרבונדן מיט דער אַראַמישער שפּראַך. איז זי געוואָרן די שפּראַך פון דער יידישער קולטור אין דער תקופה. דאָס פאָלק, וואָס האָט די שפּראַך געשאַפן — דאָס אַראַמישע פאָלק, איז שוין לאַנג נישט געווען, אונטערגעגאַנגען. איינגעהאַלטן האָט זיך די שפּראַך ביי יידן אַדאַנק זייער ספּעציפישן אינהאַלט, וואָס זיי האָבן פאַרבונדן מיט דער לכתחילה פרעמדער שפּראַך.

נאָך בולטער איז עס בנוגע צו דער יינגסטער יידישער שפּראַך, די שפּראַך פון דער מזרח־אייראָפּעיִשער קולטור־תקופה אונדזערער. איר אָנהייב שטעקט אין די אוראַלטע אייראָפּעיִשע דיאַלעקטן, וואָס יידן האָבן איבערגענומען. אָבער מחמת דעם וואָס זיי האָבן אין די ווערטער אַריינגעלייגט זייער אייגענעם, אַנדערשדיקן אינהאַלט און שטייגער, איז פון דעם אַלט־גערמאַנישן דיאַלעקט געוואָרן אַ יידיש, יידיש לשון.

דער אויספיר, וואָס מיר מאַכן פון דעם געזאָגטן איז: דער נאַציאָנאַלער אינהאַלט שאַפט דעם נאַציאָנאַלן ווערט פון אַ שפּראַך. פאַר זיך אַליין זענען די ווערטער לחלוטין נייטראַל, פאַרעוועד, אָן אַ באַזונדערן נאַציאָנאַלן ווערט. ערשט דער שטייגערישער אינהאַלט, וואָס איז פאַרבונדן מיט עמאָציעס, ערשט דערמאָלט מיט דעם אינהאַלט הייבט אָן דאָס וואָרט צו קריגן זיין ווערט. שפּראַך איז דער פאַרבינדער צווישן דורות. דורך דער שפּראַך נעמען נייע דורות איבער דעם גאַנצן גייסטיקן פאַרמעגן פון פריִערדיקע דורות, אַלע וויסנס, געדאַנקען, איבערלעבונגען, געפילן, חכמות, זיטן און שטריכן — אַלץ. אָבער אין די קלאַנגען פון די ווערטער איז עס אַלץ נישטאָ, די ווערטער זענען אַ שליסל צו די אַלע אוצרות, אָבער אַליין, פאַר זיך זענען זיי נישט אידענטיש מיט די אוצרות וואָס אין זיי.

צוויי טוריסטן זענען געפאָרן איבער דער וועלט. איינער איז דורכגעפאָרן אַ סך שטעט און האָט פאַרשריבן זייערע נעמען. וואָס עס איז אָבער פאַראַן אין די שטעט — דאָס ווייסט ער נישט. אַזוי איז מיט די שפּראַכיסטן.

***

מיר האָבן דאָ אָנגערופן נאָר דריי שפּראַכן וואָס יידן האָבן גערעדט. אָבער יידן האָבן דאָך גערעדט נאָך אַ סך שפּראַכן און זיי ריידן דאָך אויך איצט אָן אַ שיעור שפּראַכן. פאַרוואָס האָבן מיר אָבער זיי אויסגעמיטן?

דאָס איז דערפאַר וואָס קיינע פון זיי האָט נישט זוכה געווען צו ווערן אַן אמת־יידיש לשון. יידן האָבן טאַקע גערעדט אויף די שפּראַכן, יידן האָבן געשריבן אויף זיי, געשאַפן אין זיי — גריכיש, אַראַביש, דייטש — וויפל יידישע רייכקייטן עס איז פאַראַן אין די שפּראַכן! און דאָך, דאָך זענען זיי נישט געוואָרן קיין אינסטרומענטן פון יידישקייט, נאָר דווקא פאַרקערט. פאַרוואָס? — דאָס איז דערפאַר ווייל אין יענע פריער באַהאַנדלטע דריי שפּראַכן — העברעיש, אַראַמיש, יידיש האָבן יידן אַריינגעטראָגן זייער אייגענעם, ספּעציפישן שטייגער, זייער טאָג־טעגלעך לעבן און די גאַנצע אַנדערשקייט. זענען זיי געוואָרן די שאַצקאַמערן פון דער יידישער אַנדערשקייט. אין די אַלע אַנדערע שפּראַכן האָבן יידן נישט געלעבט קיין יידישקייט, נאָר זיי האָבן „געפּאַלמעסט“, געפּאָרשט, באַשריבן יידישקייט, וואָס איז מער נישט געווען אין זייער לעבן. אין די שפּראַכן און אין נאָך אַ סך אַנדערע איז געווען קונסט, וויסנשאַפט וועגן יידישקייט, אָבער נישט קיין פּאַקטישע, פּראַקטישע יידישקייט. דאָס איז דער כלל: יעדע שפּראַך וואָס יידן ריידן כדי צו זיין אַנדערש פון אַנדערע איז אַ נאַציאָנאַלע. און פאַרקערט, יעדער שפּראַך וואָס יידן ריידן כדי צו זיין גלייך מיט אַנדערע איז אַן אינסטרומענט פון אַסימילאַציע. די ערשטע שפּראַכן זענען דער לבוש פון דעם באַזונדערן יידישן אינהאַלט אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן. די צווייטע שפּראַכן האָבן נישט קיין אינהאַלט: דער יידישער אינהאַלט איז פאַרוואָרפן און דער אינהאַלט פון די פעלקער וואָס זייער שפּראַך ריידן יידן איז נאָך פרעמדער.

בכן — אַ שפּראַך אָן לעבנס־אינהאַלט, אָן פאַרזיכיקער יידישקייט אין שטייגער איז נישט קיין קולטור־פאַקטאָר. דאָס לערנט אונדז די יידישע געשיכטע.

* * *

נאָך דער קורצער עקסקורסיע אין אונדזער געשיכטע קענען מיר צוגיין זיכערער צו אונדזערע היינטיקע שפּראַך־פּראָבלעמען. לאָמיר נעמען די פאַקטן:

פאַקט נומער איינס. די שפּראַך־אַסימילאַציע ווערט אין אַלע לענדער באַגלייט מיט אַ שטייגער־אַסימילאַציע. ווי דער רעליגיעזער אַזוי דער וועלטלעכער שטייגער — ביידע ווערן פאַרוואָרפן. מען באַמיט זיך וואָס ווייניקער יידישן אינהאַלט אַריינצוגעבן אין דער פרעמדער איבערגענומענער שפּראַך. נעמען, זיטן, איינגעשטעלטע מינהגים, יום־טובים, טראַדיציאָנעלע וואָרט־קולטור, מוזיק, קיךשטייגער — אַלץ, אַלץ ווערט פאַרוואָרפן. נישט יידיש־לשון פאַרלאָזט מען, נאָר

גאָר די ייִדישקייט. און אַזוי פירט זיך די מערהייט ייִדן אין אַלע ישובים, אין אַלע לענדער. וווהין דאָס פירט? — ווידער אַ בליק אויף צוריק צו דער געשיכטע פון די ייִדישע קיבוצים, וואָס האָבן געהאַט „דאָס גליק פון דער עמאַנציפּאַציע". אַטראָפירטע נאַציאָנאַלע קולטור־שעפערישקייט, אָפּגעשוואַכטע סאָציאַלע אַקטיווקייט, פּסיכישע געפאַלנקייט ביי זיך, טראַגישע עגאָפּאָביע צו דעם אייגענעם אָפּשטאַם, אָפּט ביז דעם פענאָמען פון ייִדישן אַנטיסעמיטיזם, געפיל פון פרעמדקייט ווי צווישן ייִדן אַזוי אויך צווישן דעם פאָלק, וועמעס שפּראַך מען רעדט, נישטאָ קיין מאָראַלישער כוח אָפּצוּווענדן זיך פון פרעמדן אַקטיווז אַנטיסעמיטיזם און עס דערגייט ביז צו ביאָלאָגיש־דעמאָגראַפישער דעגענעראַציע.

דאָס איז דער וועג פון די מערהייטן ייִדן אין אַלע לענדער, ווו זיי לעבן אין שכנות מיט הערשנדיקע הויפּט־פעלקער. און אַזוי איז עס איצט אין דער גאָרער וועלט: אידייענלאָזע דעגענעראַציע. די אָפּשוואַכונג פון דער נאַציאָנאַלער אחריות און באַוווסטזיין פירט צו אַ סאָציאַל־פּאָליטישער אָפּשוואַכונג פון ייִדישע ישובים. אין דעמאָקראַטישע לענדער, ווו מען רעכנט זיך מיט די שטימונגען און פאַרלאַנגען פון דער באַפעלקערונג איז דאָס אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין לעבן. וואָס שוואַכער עס איז די אָרגאַניזירטע ייִדישע מיינונג, אַלץ וואָגיקער ווערן די סאָציאַלע און פּאָליטישע כוחות וואָס זענען קעגן ייִדן. און קיין שונאי ישראל פעלט עס נישט אין ערגעץ. אַן אָפּגעשוואַכטער אָרגאַניזם האָט נישט קיין כוחות זיך קעגנצושטעלן קיינע אָנפאַלער, אפילו מיקראָבן.

אין דער ווייטערדיקער אָדער נעענטערער צוקונפט קען מען דערוואַרטן אַזוינע צי אַנדערע „סורפּריזן" אין אַלע לענדער ווו ייִדן פילן זיך איצט זיכער. די רעאַקציע וואָס די ייִדישע באַפעלקערונג אין אַמעריקע גיט אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן קעגן דער אַנטי־ייִדישער פּאָליטיק פון ווייסן הויז און ווי די וועלט רעכנט זיך מיט די ייִדישע געפילן, איז דער ערשטער עטאַפּ אויף דעם גאָר נישט פריילעכן וועג.

מיט איין וואָרט, — די שטאַרקייט אָדער די שוואַכקייט פון ייִדישע ישובים אין דער וועלט איז אָפּהענגיק פון דעם נאַציאָנאַל־קולטורעלן באַוווסטזיין פון די ברייטע ייִדישע שיכטן.

פאַקט נומער צוויי — אונדזערע שפּראַכיסטן מאַכן זיך די פּראָבלעם אַ סך גרינגער ווי זי איז באמת. זיי ווילן זיך און אונדז איינריידן, אַז מיט דער שפּראַך אַליין קען מען יוצא זיין. ביי די העברעיִסטן גילט נאָך דער אַלטער כלל „דבר עברית והבראת" (רעד העברעיִש און דו [דאָס גאַנצע פאָלק, געמיינט] וועסט געזונט ווערן). דאָס זעלביקע זאָגן די ייִדישיסטן נאָר מיט וויניקער פעסטקייט און זיכערקייט.

פאַקט נומער דריי — ביז היינט גילט עס נאָך נאָך בנוגע ביידע צדדים, אַז

מער איידער ליבע צו דער איין שפּראַך וואָס מען האַלט פון איר, הערשט אַ מין שנאה צו דער צווייטער.

פאַקט נומער פיר, — עס איז זיכער, אַז ייִדן וואָסריידן ייִדיש פון זייער קינדהייט אָן וועלן האָבן אַ פעסטערן כאַראַקטער איידער די ייִדן וואָס גייען מיט דעם אַסימילאַציע־שטראָם. דאָ איז זיכער גערעכט דער פּסיכאָלאָג, פּראָפ׳ א. א. ראָבאַק. מיט דעם וואָרט כאַראַקטער באַצייכנט מען אַ פעיִקייט נישט נאָכצוטאָן דער מערהייט, דער סביבה און צו שטיין אויף אייגענע פיס, לעבן און פירן זיך לויט די אייגענע מיינונגען און איבערצייגונגען, און נישט סתם נאָכטאָן וואָס אַלע טוען. כאַראַקטער איז דער קעגנזאַץ פון המונישקייט אין דעם מענטשן. דאָס ריידן ייִדיש (אָדער העברעיִש) באַוווּסטזיניק, אויסגעהאַלטן אין אַ סביבה פון שפּראַך־נאָכמאַכער איז געוויס אַ פאַקטאָר וואָס מוז העלפן אַנטוויקלען אַ כאַראַקטער, אַ פעסטקייט און אַ זיכערקייט „איך לעב מיט מיין שכל״.

***

אָבער צי קענען מיר באמת אויסהאָדעווען ייִדן וואָס זאָלן קענען לעבן און אויסלעבן זיך מיט זייער שפּראַך? צי קען דאָס אויסלערנען ייִדיש אָדער העב־רעיִש אין שול טאַקע דערפירן ביז אַט דעם ציל?

וועלן מיר באַהאַנדלען די פראַגע בנוגע צו יעדער שפּראַך באַזונדער, און מיר וועלן אָנהייבן פון העברעיִש.

אויך דאָ דאַרפן מיר פונאַנדערטיילן — מדינת ישראל און דעם גלות. די באַדינגונגען זענען אַזוי פאַרשיידן, אַז מען מוז באַהאַנדלען באַזונדער די צוויי סביבות. און אָנהייבן וועלן מיר דווקא פון חוץ־לארץ.

איך זע נישט, אַז עמיצער זאָל באמת וועלן שאַפן אין ערגעץ אַ לאַנד אַ חוץ ישראל אַזאַ מין אָרגאַניזירט ייִדיש לעבן, אַז העברעיִש זאָל דאַרפן פאַרנעמען אַן אָרט אין פּאַקטישן לעבן. אַנדערש איז עס געווען אַמאָל: דאָס דאַווענען, ברכות און לערנען אַ גאַנץ לעבן, די דרשות פון רב און פון מגידים — דאָס אַלץ האָט געמאַכט, אַז העברעיִש איז פאַקטיש געווען אַ לעבעדיקע שפּראַך ביי ייִדן, עס איז געווען די שפּראַך פון אַלדעם הייליקן אין לעבן. בפירוש — דאָס לשון קודש. און היות ווי דאָס הייליקע, נישט פאַר עולם הזה האָט פאַרנומען אין לעבן מער אָרט ווי אַלץ וואָס עס איז געווען פאַרבונדן מיט עולם הזה, דערפאַר האָט אויך העברעיִש (ריכטיקער — לשון קודש) ממש געלעבט אין לעבן פון ייִדן, אין לעבן פון ייִדישקייט. האָט טאַקע יעדער ייִד וואָס האָט פאַרבראַכט עטלעכע יאָר אין אַ ישיבה, געקענט נוצן העברעיִש ווען ער האָט אַפילו נישט געלערנט ספּעציעל די שפּראַך ווי אַזאַ. דאָס גאַנצע פאָלק האָט געלערנט, געדאַוונט, תהילים געזאָגט. האָט העברעיִש געלעבט אַפילו ביי די וואָס האָבן די ווערטער נישט פאַרשטאַנען,

נישט געוווסט דעם טייטש. דאָס גאַנצע פאָלק האָט גערעדט ייִדיש און ייִדיש איז געווען פאַרבונדן מיט העברעיִש.ביידע שפּראַכן זענען געווען ווי צוויי שוועס־טער, ווי אַ צווילינג, נאָך ריכטיקער — עס איז געווען אַ טאָפּעלע, אַ צווייאיקע אייניקייט. נישט ווי מען זאָגט איצט „ייִדיש־העברעיִש״, נייערט, עס איז לגמרי אוממעגלעך געווען אָפּצוטיילן איין עלעמענט פון דעם צווייטן. עס איז געווען נישט קיין מעכאַנישער געמיש, נייערט אַ כעמישע פאַרבינדונג, וואָס מאַכט פון צוויי שטאָפן אַ דריטע נייע, ווו מען דערקענט נישט די ערשטע צוויי. האָט העברעיִש אָרגאַניש געלעבט אויף וויפל עס האָט געלעבט ייִדיש, אויף וויפל עס איז געווען אַ ייִדיש לעבן. קיין באַזונדער העברעיִש לעבן איז נישט מעגלעך, אַפילו ווען מען זאָל מיט אַלע ייִדישע קינדער לערנען ריידן, ווען זיי... אויס־לערנען און פאַרגעסן, ווייל דאָס וואָס האָט נישט קיין אחיזה אין לעבן קען נישט האָבן קיין קיום. אלא, וואָס דען? ווי אַ צווייטע שפּראַך, ענגליש זאָל זיין די שפּראַך פון לעבן און העברעיִש — דאָס אויסלעבן זיך, אַנשטאָט ייִדיש. קען דאָס יאָ העלפן באַשעדיקן ייִדיש, אָבער אויפריכטן העברעיִש — קיינמאָל נישט. עס האָט נישט קיין אחיזה אין לעבן. עס איז אַ וואַלד פון קריסטמעס־ביימער אָן וואָרצלען אין באָדן, — און עס מוז פאַרדאַרבן ווערן. און אַזוי איז עס טאַקע:

פאַקט נומער פינף. — אומעטום ווו ייִדיש איז אונטערגעגאַנגען, דאָרטן האָט העברעיִש לגמרי נישט קיין קיום און נישט קיין האָפענונג אויף אַ קיום. אַזוי דורך דער גאַנצער געשיכטע.

אָפּט דאַכט זיך מיר, אַז דאָס ווייסן זייער גוט אויך די העברעיִסטן, נאָר „תמות נפשי עם פלשתים״ — טאַקע נישט קיין העברעיִש, אָבער אויך נישט קיין ייִדיש. אין דער אמתן איז עס אַ שנאת ייִדיש, נאָר מען באַהאַלט זי אונטער אַ ווערבאַלער אהבת עברית, וואָס איז צו קיין זאַך נישט מחייב.

**
*

צי קען דאָס העברעיִשע ארץ ישראל אויפהיטן דעם קיום פון העברעיִש אין גלות? נאָר פּראָזעדרעשער, אומפאַראַנטוואָרטלעכע פּוסטע שיינריידער קענען אַזוינס זאָגן און שרייען. צי האָט דאָס איטאַליענישע איטאַליע, צי דאָס דייטשי־שע דייטשלאַנד וכדומה איינגעהיט די שפּראַכן אין אַמעריקע? און בפרט, אַז דער היטער אַליין דאַרף אַ היטער: בפירוש איז דאָס העברעיִש אין ארץ ישראל זיכער נאָר אין משך פון איין דור, אפשר צוויי:

העברעיִש איז אַ יחסנטע ביי ייִדן כל־זמן דער עגאָפּאָבישער סנאָביזם האָט אַ בעסערן קרבן (ייִדיש). דאָרטן ווו ייִדיש איז שוין נישטאָ, דאָרטן „געניסט״ העברעיִש, אַלע ז כ ו ת ן פון ייִדיש. און שוין בראַווירן סנאָבן פון צווישן די סאָברעס מיט זייער ענגליש (לעצטנס — פראַנצויזיש). ווי ווייט דאָס קען

דערגיין איז אַ פּאַראַדאָקס, אָבער עס איז אמת: העברעיִש אין ארץ ישראל האַלט זיך אויך מיט דעם כוח פון ייִדיש אין די גלות־לענדער. אונדזער זאָרג איז דער קיום פון פאָלק, אָבער העברעיִש פאַר זיך גופא איז נאָך נישט קיין המשך, קיין קיום. מען קען ריידן העברעיִש און זיין עמאַציאָנעל און אינטעלעקטועל ווייט פון ייִדן און פון ייִדישקייט (א. שטיינמאַן). העברעיִש איז אונדז טייער ווי אַ טייל פון ייִדישקייט, — פאַר זיך אַליין אָבער, נישט אין קאָמפּלעקס פון דער המשכ־דיקער ייִדישער קולטור האָט העברעיִש נישט קיין נאַציאָנאַלן ווערט. עלעהיי, מיר וועלן זיך פאָרשטעלן, אַז די יאַפּאַנעזער האָבן מיט איין מאָל אָנגעהויבן ריידן העברעיִש. צי וואָלט דערמיט געווען פאַרזיכערט דער קיום פון ייִדישן פאָלק?

פאַרקערט אָבער גיט דאָס העברעיִש מיט דעם באַקעמפן ייִדיש אין מדינת ישראל אַ פּתחון פּה פאַר אַלע ייִדיש־סנאָבן אין דער גאָרער וועלט זיך צו דער־ווייטערן פון ייִדיש, צו באַקעמפן ייִדיש און זיך אַסימילירן אין דער שפּראַך פון הערשנדיקן פאָלק, פאַרלירןביידע שפּראַכן צוזאַמען מיט יעדער סימן פון ייִדישקייט.

ד ע ר ה ע ב ר ע י ִ ז ם (נישט העברעיִש, פאַרשטייט זיך!) א י ז אַ ס כ נ ה פ אַ ר ן ק י ו ם פ ו ן פ אָ ל ק! פאַר דער אַקטיווער ייִדישקייט אין דער גאָרער וועלט און אַן דעם איז דער קיום פון דער ייִדישער מדינה נאָך מער אין סכנה. דער העברעיִזם מיט זיין נעגאַציע פון ייִדיש גראָבט אונטער דעם קיום אויך פון העברעיִש, פון דער מדינה, פון דעם פאָלק ישראל בכלל.

***

אויך ייִדישיזם קען זיין אַ פּאָזיטיווער און אַ נעגאַטיווער. ייִדישיזם איז אָפט פאַרבונדן מיט וועלטלעכקייט, וועלטלעכקייט ווידער האָט ביי אונדז גע־קראָגן אַ כאַראַקטער פון אַקטיווער קעגנערישקייט צו דער גאַנצער ייִדישער טראַדיציע. אַזאַ ייִדישיזם איז בפירוש אַ שעדלעכער. עס איז אמת, אַז דאָס עצם ריידן אויף ייִדיש אין די נייע אַלע ישובים איז אַ נאַציאָנאַלער באַוווסטזיניקער אַקט און ער קען האָבן אַ פּאָזיטיווע השפּעה קעגן דער איינגעגעסענער עגאָפאָ־ביע ביי ייִדן, ווי דאָס האַלט דער פּסיכאָלאָג א. א. ראָבאַק. אָבער ריידן קען מען בלויז וועגן אינהאַלטן. אויב אָבער אַלע אינהאַלטן פון לעבן זענען פאַרבונדן מיט אַנדערע שפּראַכן, טאָ וואָס זשע בלייבט פאַר ייִדיש?

ייִדיש ווי אויך אַראַמיש און העברעיִש איז פון לכתחילה נישט געווען קיין נאַציאָנאַל־ייִדישע שפּראַך. זיי זענען געוואָרן אַזוינע ערשט ווען עס איז מיט זיי פאַרבונדן געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער שטייגער, אַ קאָלעקטיוו־עמאָציאָנעלער אינ־האַלט און אַ גאַנצע קולטור. אָפּזאָגן זיך פון ייִדישן שטייגער און בלייבן ביי דער שפּראַך אַליין הייסט נישט צעברעכן די פאָס און אייַנהיטן דעם וויין, נאָר

פֿאַרקערט אויסגיסן דעם וויין און זיך האַלטן מיט דער פֿאַס. קיינער וועט נישט ריידן און נישט לייענען קיין יידיש ווען אַלע זיינע אינהאַלטן זענען פֿאַרבונדן מיט אַנדערע שפּראַכן, דערפֿאַר איז יידיש נישט אין פֿאַרגלייך פֿעסטער ביי די פֿרומע נישט־יידישיסטן איידער ביי די קעמפֿעריש־וועלטלעכע יידישיסטן. דערפֿאַר איז באַרעכטיקט דער ד״ר שלמה סיימאָן וואָס וויל פֿאַרוואַנדלען דעם יידישיזם אין אַ גאַנצן קולטור־שטייגער מיט אייגענע יידישיסטישע „בתי מדרשים״ און „רבנים״ (אַנפּירער). אָן יידישקייט איז דער יידישיזם אַ ליידיקע פֿראַזע. וועלט־לעכע יידישקייט באַטייט, אַז עס איז דאָ יידישקייט קען זי זיין אַ וועלטלעכע, אָבער ווען די יידישקייט איז אַ ליידיקע איז דאָך נישט שייך צו זאָגן וועלטלעכע אָדער נישט וועלטלעכע. פּונקט ווי דער העברעיזם איז דער יידישיזם אויך אַ ליי־קענער, ער איז אויך אַ שולל. איז ער נישט קיין שולל הגלות, — לייקנט מען, וואַרפֿט מען אָפּ די רעליגיע. און וואָס איז דען ביי יידן נישט געווען צוגעדעקט מיט אַ רעליגיעזן מאַנטל? רעדט מען נישט וועגן רעפֿאָרמירן די רעליגיע, דעם שטייגער, רעדט מען נישט וועגן מאַכן אים וועלטלעך, מען וואַרפֿט אָפּ אַלץ און פּטור. אַלץ וואָס עס שמעקט מיט אַלטער יידישקייט, הן ווען עס איז וואָרט־קולטור, הן ווען עס איז שטייגער־קולטור — אַלץ איז פּסול, מוקצה מחמת רע־ליגיע. איז דער דאָזיקער יידישיזם נישט קיין וועלטלעכער נאָר אַ ליידיקער, אָן אַן אינהאַלט. שפּראַך, ווערטער אָן אַן אינהאַלט קענען זיך נישט האַלטן. האָבן יידן אין די אַלטע היימען יאָ געקענט זיך פֿאַרגינען צו פֿריידיקן וועלטלעכן יידישיזם, וואָס איז אויך דאָרטן געווען אין תוך אַ ליידיקייט: דאָס פֿעסטע יידיש־טראַדיציאָנעלע יידישע לעבן האָט צוגעשטעלט נייע און נייע קאָדרען אַדעפּטן אַנשטאָט די וואָס פֿלעגן אויך דאָרטן אָוועקגיין, זיך דערווייטערן. דאָס יידישע לעבן איז געווען געגליכן צו אַ קוואַל וואָס הערט נישט אויף צו קוועלן, הגם אויף אַ געוויסן מרחק פֿון קוואַל פֿאַרלירן זיך די וואַסערן אין זאַמד. אַנ־דערש איז עס אָבער אין די נייע לענדער, דאָ האָבן מיר נישט קיינע רעזערוון, מיר האָבן נישט מיט וואָס צו פֿאַרבייטן די יידיש־וואַסערן וואָס גייען פֿאַרלאָרן אין די זאַמדן פֿון אַסימילאַציע־מדבריות. און דער משל איז ריכטיק — גיט אַ קוק אויף די קינדער און אייניקלעך פֿון די וועלטלעכע יידישיסטן. דאָ וועט מען זיך קענען דערקונדיקן, אַז דער יידישיזם איז... נאָך ווייניקער אויפֿריכטיק ווי דער העברעיזם. ביידע האָבן אין זייער אונטערשלאַג די זעלביקע עגאָפּאָביע, ביידע זענען נעגירענדיקע, שוללדיקע באַוועגונגען.

זיכער — יידיש איז אונדז אומגעהייער טייער, טייער ווייל עס איז דער אוצר, דער שפּייכלער, דער שאַצקאַמער פֿון אַריבער טויזנט יאָר יידיש לעבן און שאַפֿן. די יידישע ווערטער זענען דער גוף וואָס איז דער בית קיבול פֿאַר דער נשמה פֿון גאָר דעם פֿאָלק. אויב דיין נשמה וויל דערגיין, וויל דערקענען די נשמה

פון פאָלק, גיי און לעב זיך אַריין אין די ייִדישע ווערטער. ייִדיש איז אונדזער טייער ווייל נאָר זי איז דער אינסטרומענט פון ייִדישער שעפערישקייט. אַ העברעיִשער שרייבער וואָס וויל שרייבן אַן אמת־ייִדישן העברעיִש מוז קענען ייִדיש, — אַנישט האָט אויך זיין העברעיִש נישט קיין ייִדישן טעם. ייִדן וואָס ריידן נישט פון קינדווייז אָן קיין ייִדיש זענען שעפעריש שטום. דער ערשטער דור אַסימילירטע ייִדן איז תמיד רייכער מיט שעפערישע מענטשן איידער די ווייטערדיקע דורות. ייִדיש איז די קייט וואָס פאַרבינדט דורות ייִדן צווישן אַנאַנד. ייִדיש איז דער באַזיס, דער פונדאַמענט פון דער שעפערישער ייִדישקייט אַפילו אין העברעיִש. איז אונז טייער — דאָס אויג אין קאָפּ, די נשמה אין דעם גוף פון פאָלק.

אָבער ווען איז עס געוואָרן גערעדט? — נאָר ווען דער ייִדיש איז פאַרבונדן מיט ייִדישן שטייגער, מיט ייִדיש־לעבן, נאָרמען און פאָרמען. נאָר דאָס ייִדישע וואָכעדיק־הייליקע לעבן האָט געמאַכט פון ייִדיש — ייִדיש און נאָר דאָס ייִדישע שטייגער־לעבן קען ייִדיש אויפהיטן און איינהיטן. דאַרפן מיר זיין נישט קיין ייִדישיסטן נאָר „ייִדישקייטיסטן" און אַזוי איז עס טאַקע. אַזוי מוז עס זיין.

אחדות האומה דורך אחדות הקולטור

מיר אַלע, דאָס גאַנצע פאָלק, פרייען מיר זיך מיט דער אתחלתא דגאולה וואָס איז געבוירן געוואָרן אין מדינת ישראל. נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות, ווען מיר האָבן געדאַרפט זיך כסדר צופּאַסן צו אַנדערע, מיטלעבן מיט אַנדערע, נישט ווילנדיק מיטמאַכן זייערע יום־טובים און זייערע פרייֿדן און ליידן, ווען דער „יהודי" איז ווילנדיק נישט־ווילנדיק פאַרט געווען מער בביתך איידער בצאתך, ווען מ'עז האָט געדאַרפט די מאַכט און כוח פון רעליגיע כדי ייִדן זאָל כאָטש טיילווייז, אין אַ טייל פון שטייגער זיין פאַר זיך און פאַרזיכיק, — איז עס געוויס אַ פרייד און אַ געווינס נישט אָפּצושאַצן ווען לכל הפחות אַ טייל ייִדן קען לעבן אַ פאַרזיכיק לעבן, ווען דאָס פאָלק און דאָס פאָלקישע דיקטירט די נאָרמען פון סאָציאַלן לעבן. איך האָב היינט באַקומען אַ בריוו פון מדינת ישראל און דער בריוו האָט געטראָגן אַ מאַרקע מיט אַן אויפשריפט „מועדים לשמחה". האָב איך מיר ראשית חכמה דעם אויפשריפט איבערגעזעצט אויף ייִדיש, איז עס געוואָרן „אַ פריילעכער גוט יום־טוב אייך, ייִדן פון דער וועלט דער גאָרער"... שיקט אייך די ברכה די פּאָסט פון ישראל. איז מיר טאַקע געוואָרן פריילעכער, אינעווייניק פריילעכער. איז דער זעלבער טאָג פאַר דורות ייִדן געווען פריילעך מיט שמחת־תורה, איז פאַר מיר היינט געווען אַ שמחת־ישראל. ווען איך האָב געלעבט אין ארץ ישראל, פלעגט פאַר מיר זיין אַ באַזונדערער פאַרגעניגן, ווען איך פלעג זיך אַמאָל דערמאָנען: נעכטן איז געווען אַ זונטיק, און איך האָב אים אין מיין לעבן נישט דערקענט, פאַרגעסן, — עס איז געווען ניי יאָר, ניטל, — און אין מיין סביבה האָט זיך עס מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט. איז עס פאַר מיר אַלע מאָל געווען אַ פריידיקע איבערלעבונג פון ייִדישער פאַרזיכיקייט, פון מיין אייגענער קולטורעלער אומאָפּהענגיקייט, אָן דער הילף פון רעליגיעזער אָנשטרענגונג, פון „שקץ תשקצנו", פון „ביי זיי בלייבעניש" וכדומה. דאָס איז גרויסער כוח־הגאולה, דאָ איז פאַראַן אַ מין גאולת הנפש, אַ גאולה פון גייסט, וואָס ווערט ביי אונדז ווייניק אָפּגעשאַצט און וואָס איז אפשר וויכטיקער ווי אַ נייער פאַקטאָר פון ייִדישן כאַראַקטער.

איז פאַר קיינעם נישט קיין ספק אין דער איבערקערעניש פון מדינת ישראל אין פסיכיק פון ייִדן, ווערט דער פאַקט פון מדינת ישראל אַלץ מער און מער חשוב אין די אויגן פון ייִדן, אַפילו פון אַזוינע וואָס זענען לכתחילה געווען קאַלט.

אָבער גאולה איז אַן אָרגאַנישער פּראָצעס, און אָרגאַנישע פּראָצעסן זענען נישט קיין דערשיינונגען פון איין מאָמענט: אַט געבוירן און שוין געוואָרן. אַזאַ פּראָצעס דאַרף לאַנג אויסגעטראָגן ווערן נאָך איידער ער ווערט געבוירן און ערשט נאָך דעם דאַרף ער געהאָדעוועט ווערן. די מדינת ישראל איז לאַנג געטראָגן געוואָרן, דורך דורות אָן אַ צאָל. דעם פינפטן טאָג אין אייר תש״ח איז די מדינה געבוירן געוואָרן. אָבער פון דעם געבורט ביז די מדינה וועט שטיין פעסט אויף די אייגענע פיס איז נאָך ווידער אַ לאַנגער פּראָצעס פון האָדעווען, האָדעווען די גאולה, דעם „רך הנולד״.

איך גיי פאַרביי אַלע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און מיליטערישע פּראָבלעמען — נישט מיין געביט, — איך וויל בלויז דאָ אָנרירן איין געביט פון דעם „גייסטיקן קיבוץ־גלויות״, לאָמיר זיך אַזוי אויסדריקן.

געוועזן אומצאָליקע דורות ווען אחדות האומה, דער „ישראל אחד״ איז געווען פעסט נישט געקוקט אויף דער גאַנצער צעזייטקייט און צעשפּרייטקייט פון אונדזער פאָלק. גרויס איז געווען גאָטס ערד, פאַר די פאַרצייטיקע פאַרקערמיטלען אומענדלעך גרויס, אומענדלעך ווייט איז געווען קאָרדאָווע אין שפּאַניע ביז דעם לאַנד פון די כוזריםביים קאַספּישן ים, און דאָך איז דאָס פאָלק געווען איינהייטלעך גאַנץ, ווייל איינהייטלעך און גאַנץ איז געווען דער גלויבן, די זיטן, דער פיר און דער שטייגער, — איז במילא אויך גאַנץ און איינהייטלעך געווען דאָס פאָלק. ווייט איז געווען איין קיבוץ פון אַ צווייטן, און קיין פאַרקער איז נישט געווען און גוואַלדיק ווייט איז געווען האַמבורג פון סמירנע, — אָבער דאָס פאָלק איז געווען גאַנץ און נאָענט, גייסטיק נאָענט, איינהייטלעך גאַנץ. יידישע קיבוצים האָבן געלעבט אין שכנות מיט אַלערליי פעלקער און גייסטיק זענען זיי געווען ווייט און דערווייטערט פון זיי. עס איז געווען אַ מערקווירדיקע אומאָפּהענגיקייט פון יעדער געאָגראַפיע, האָט דאָס יידישע פאָלק אָפּגעלייקנט און נישט אָנערקענט אַלע פיזישע געזעצן פון דער נאַטור און יוצא, איז געווען „שמע ישראל ד׳ אחד״ אַז ד׳ איז אחד ביי אַלע יידן, — איז שמע ישראל — וועט איין ייִד מיט אַ צווייטן זיין אחד... איז די אחדות האומה געווען באַזירט אויף כוחות של מעלה וואָס האָבן גובר געווען אַלע כוחות של מטה.

אָבער בעוונותינו הרבים האָבן מיר אַט די כוחות של מעלה מער נישט; אַט דער גייסטיקער צעמענט פון פאָלק איז מער נישטאָ. מיר זענען ווי אַלע אַנדערע פעלקער געוואָרן משועבד צו פּשוטע, ערדישע כוחות של מטה, — איז אונדזער אחדות האומה אין דער פיזיש־געאָגראַפישער צעשפּרייטונג געוואָרן אַלץ קנאַפּער, אַלץ שווערער, זענען מיר פון דור צו דור געוואָרן אַלץ מער און מער אַן עם מפוזר ומפורד נישט בלויז אין געאָגראַפישן זינען, נישט בלויז אין סאָציאַלן זינען, נישט בלויז ה״ד אין ווערטיקאַלן און האָריזאָנטאַלן זינען, נייערט

— וואָס איז אַ סך ערגער — אין גייסטיקן זינען, — מיר האָבן אויפגעהערט צו זיין איין פאָלק, באמת געזאָגט, מיר זענען צעפאַלן אויף באַזונדערע שבטים. און וואָלטן די שבטים געווען פאַרזיכיקע, איטלעכער אַ פּראָדוקט פון זיין אייגענער אַנטוויקלונג, וואָלט עס געווען אַ האַלבע צרה. — זענען אָבער די שבטים אַלע און איטלעכער באַזונדער בלויז אַ קאָפּיע פון דעם פאָלק צווישן וועמען ער לעבט. צווישן וויפל פעלקער מיר לעבן, אַזויפיל שבטים זענען מיר... נישט אמת, — אַ סך מערער, ווייל אין איטלעכן לאַנד האָבן מיר דאָך אויך אַ סך גרופּעס און גרופּקעלעך. בקיצור, — מיר זענען געווען אַ פאָלק און מיר זענען צעפּיצלט געוואָרן; געווען אַ כלי און זי איז צעבראָכן געוואָרן אויף אַ סך שטיקלעך. און עס איז די אויפגאַבע פון דעם „גייסטיקן קיבוץ גלויות" צוריק צו באַהעפטן די צעשאָטענע שטיקער, די צעוואַלגערטע עצמות יבשות זיי זאָלן צוריק ווערן איין פאָלק. איז אָט דער גייסטיקער קיבוץ־גלויות אפשר דער וויכטיקסטער עטאַפּ אין דעם פּראָצעס פון דער גאולה, וואָס אָן אים איז נישט געמאָלט קיין קיבוץ גלויות בכלל.

דער גייסטיקער קיבוץ גלויות איז אין אַ געוויסער מאָס פאַרבונדן מיט דעם פיזיש־געאָגראַפישן, מיט דעם געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן — אַ סך מער, אָבער לגמרי נישט בלויז מיט די צוויי פאַקטאָרן. ווען גרופּעס לעבן אין שכנות, קומט פאָר אַ געוויסע ניוועלירונג צווישן זיי. אָבער ווייט נישט אַלע מאָל און נישט זיכער. אין זעלבן ארץ ישראל האָבן געלעבט אין שכנות אשכנזישע ייִדן און פרענקען אין משך פון דורות, — און דאָך איז קיין דערנעענטערונג, קיין ניוועלירונג צווישן זיי נישט פאָרגעקומען.

וועט די מדינה דעם פּראָצעס פאַרשטאַרקן. די זעלבע בילדונג, די זעלבע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען און שטייגער וועלן דאָס מאַכן זיכערער און פעסטער. אָבער ווייט נישט זיכער און נישט פעסט.

און איז דאָך דאָס פאָלק ישראל ברייטער און פאַרשפּרייטער פון מדינת ישראל און מיר קליַיבן זיך קיינער נישט מותר צו זיין אויף אָט דעם פאָלק ישראל וואָס אין זיין צעשפּרייטונג. און פאַר אים איז נאָך מער גילטיק און נייטיק דער גייסטיקער קיבוץ גלויות. קען נישט זיין און עס טאָר נישט זיין קיין צוויי באַזונדערע „גייסטיקייטן" — אין דער מדינה איינע און אין דער צעשפּרייטונג — גאָר אַן אַנדערע, אַ צווייטע. כדי עס זאָל זיין איין פאָלק בכל תפוצות הגולה צוזאַמען מיט דער מדינה, דאַרף זיין איין גייסט אומעטום, און כדי עס זאָל זיין איין גייסט דאַרף אומעטום הערשן איין קולטור, אויף וויפל עס איז מעגלעך — איין שטייגער לכל הפחות טיילווייז.

דער גייסט און די קולטור פון דער מדינה וועט און דאַרף משפּיע זיין אויף דער קולטור פון דער גולה, ווייל דאָרטן איז עס שטאַרקער, פעסטער, איינהייט־

לעכער און אַן קאָנקורענץ. אָבער עס איז ווייניק: עס דאַרף און עס מוז אין דער גולה זיין איינגעפלאַנצט און פּאַרפּעסטיקט אויך דאָס באַוווסטזיין פון פּאַרזיכי־קייט, פון אייגנטימלעכקייט, פון אַ געוויסער און באַשטימטער אומאָפּהענגיקייט פון די הויפּט־פעלקער צווישן וועמען מען לעבט. די פּאַרזיכיקייט איז נישט מעג־לעך, קען נישט זיין געמאָלט אָן דער אייגענער טראַדיציע. אַ קיבוץ וואָס האַלט זיך פאַר אַ „טאַבולאַ ראַזאַ" קען נישט זיין און קען זיך נישט אויפפירן פּאַרזיכיק.

פון דאַנען איז געדרונגען, אַז דער האָריזאָנטאַלער, געאָגראַפישער קיבוץ גלויות איז פאַרבונדן און ער איז אָפּהענגיק פון דעם ווערטיקאַלן, היסטאָרישן קיבוץ גלויות. כדי עס זאָל זיין איין פאָלק, איין יידנטום איבער דער וועלט, דאַרף זיין איין יידישקייט דורך דער אייביקייט. פאַר אַן עם אחד בעולם דאַרף זיין אַן עם אחד מעולם ועד עולם. כדי צו פאַרזיכערן דעם גייסטיקן קיבוץ גלויות פון יידישן פאָלק אין אַלע זיינע צעשפּרייטונגען, מוזן אַלע קיבוצים אין דער וועלט געשפּייזט ווערן מיט אַ „קיבוץ היידישקייטן". עס איז אַ גרויסע מעלה פון אַ פאָלק וואָס לעבט אַזוי לאַנג צו האָבן אַזויפיל קולטורן. עס איז אַ סימן פון לעבן, אַ צייכן פון כסדרדיקער און אומאויפהערלעכער שעפערישקייט. עס איז גוט און אַ סימן ברכה וואָס יעדע תקופה שאַפט אַנדערש, וואָס אונדזער קולטור האָט אַזויפיל געשטאַלטן און אַזויפיל ריכטונגען און וואָס אַלע זיי ירשענען דאָך איי־נע די צווייטע, וואָס קיינמאָל איז נישט איבערגעריסן די גאָלדענע קייט.

איך האָב דאָ אַנוסטן געלייענט עטלעכע לידער פון סוצקעווערן וועגן זיין נסיעה אויפן ים אויפן וועג קיין ארץ ישראל, און עס איז געווען אַ שטורעם אויפן ים. האָב איך געטראַכט: אַמאָל, מיט אַ טויזנט יאָר צוריק, האָט ייד אַ דיכטער געלאָזט זיך פון שפּאַניע קיין ארץ ישראל. האָט ער דען געקענט טראַכטן און האָט ער דען געקענט האָפן, אַז ערגעץ אין אַ לאַנד, וואָס איז נאָך כמעט נישט געווען, ערגעץ אין אַ שטאָט וואָס איז נאָך קיין שטאָט נישט, אויף אַ שפּראַך וואָס ער, יהודה הלוי, האָט אַפילו נישט געהערט וועגן איר, וועט אַמאָל־אַמאָל מיט אַ טויזנט יאָר שפּעטער אויפשטיין אַ דיכטער וואָס וועט אין אָט יענער נייער, פרעמדער און דאָך אייגענער שפּראַך (יידיש) איבערשאַפן זיינע איבער־לעבונגען. און עס איז ווידער אַקטועל, ווידער צייטיק, ווידער יונג. דאָס איז לעבן, דאָס איז כסדרדיקע טראַנספאָרמאַציע. משה קיבל תורה מסיני ומסרה... פון דור צו דור, פון לאַנד צו לאַנד, פון קיבוץ צו קיבוץ, פון תקופה צו תקופה גייט די אייביקע „קבלה און מסורה" — דאָס איבערנעמען און איבערגעבן — די טראַדיציע פון אַ לעבעדיק פאָלק.

איבערגעבן און איבערנעמען קען זיין אין צוויי פאַרשיידענע פאָרמען, פון צוויי פאַרשיידענע וועגן. אַ פאָלק האָט ביבליאָטעקן, מוזייען, גאַלערייען, פּאַ־בריקן, לענדערייען און עס היט דאָס אַלץ און עס גיט אַלץ איבער פון דור צו דור,

און היט עס אַלץ אָפּ עס זאָל בלייבן אין דער שטענדיקער אומפאַרענדערלעכער פאָרעם, נישט געענדערט.

און עס קען זיין גאָר אַנדערש: יעדער דור נעמט די ירושה פון די פריערדיקע דורות און צעלאָזט עס אין אייגענעם גייסט, פאַרדייט עס, עס זאָל קיין זאַך נישט בלייבן אומפאַרענדערט, אין פריערדיקן געשטאַלט, — חס ושלום! פאַרקערט ווערט אַלץ אַזוי אַסימילירט אין זיך, אַז עס בלייבט דאַכט זיך נישט גאָרנישט... און יעדער דור וואָס האָט דאָס פריערדיקע אין זיך אַסימילירט גיט עס אַרויס גאָר אין אַנדערע פאָרמען, און אַנדערע געשטאַלטן. נישט סתם אַ היטער, אַ שומר וואָס היט אַלטוואַרג, אַלטע טייערע הייליקייטן, נייערט ווי אַ שטענדיקער פּראָדוצירער וואָס האַלט יעדעס מאָל אין איבערשמידן, אין איבעראַרבעטן דאָס אַלטע אין נייע געשטאַלטן, אין איבערשמעלצן דאָס אַלטע גאָלד אין נייע צירונגען.

און דער טיגל ווער איז? ווער איז דער וואַרשטאַט, וואָס פורעמט דאָס איבער?

דאָס איז די נשמה פון דעם דור, דער גייסט זיינער, דאָס לעבן אַליין.

וואָסער יועג איז דער ריכטיקער? צי איז עס דער וועג פון אַרכיוון אָדער דער וועג פון לעבעדיקער טראַדיציע? — אונדזער וועג איז דער וועג פון לעבן און ער האָט אונדז אויפגעהיט דאָס לעבן פון פאָלק.

און ווי ביז היינט, אַזוי דאַרף זיין אויך ווייטער: דער דור — אַלץ איינס צי איז ער „דור אחרון לשעבוד וראשון לגאולה״, אָדער ער איז ממשיך זיין וועג איבער תפוצות — אַלץ איינס קען זיין גייסטיק לעבן באַשטיין נאָר אין אַן אָרגאַניש פאַרדייען די קולטורן פון פריערדיקע דורות און זיי אַלע אַרויסגעבן ווידער אין זיין שעפערישקייט. אַ דור וואָס שאַפט נישט קיין גייסטיקע קולטורווערטן איז אַן אָפּגעשטאָרבענער דור; אַ דור וואָס שאַפט נישט פון דער אַסימילירטער ירושה פון די פריערדיקע דורות איז אָפּגעשטאָרבן פאַרן פאָלק און פאַר זיין קיום.

ארץ ישראל, מדינת ישראל זענען אַ היים נישט בלויז פאַר די ייִדן וואָס האָבן נישט קיין אָרט אויף דער וועלט, נישט בלויז ווייל זיי גלייכן אונדז אויס מיט אַלע פעלקער אויף דער וועלט, ווייל „היינו ככל הגוים״, נישט בלויז ווייל זיי גיבן אונדז די מעגלעכקייט צו זיין פאַרטראָטן צווישן אַלע אַנדערע פעלקער אויף אַלע אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענס, — ארץ ישראל מיט דער אייגענער מדינה דאָרטן איז און מוז זיין די היים פון ייִדישן גייסט און פון ייִדישער שעפערישקייט, וואָס גייט אָן נאַטירלעך, אָן באַזונדערער פאַרעקשנטער אָנגעשטרענגטקייט ווי עס איז אַלעמאָל געגאַנגען אונדזער שעפערישקייט אין גלות, ווען מיר פלעגן לעבן אין די פאַרן צווישן אַנדערע פעלקער און זיך אָנשטרענגען

צו זיין אַן עם לבדד ישכון. ווען מדינת ישראל זאָל חלילה בוגד זיין אין דער ייִדי־שער קולטור־ירושה פון אַלע דורות און אַלע גלותן, זאָל די שעה נישט זיין, אַז מדינת ישראל זאָל וועלן פאַרלייקענען די אַקטיווע קולטור־שעפערישע טראַדיציע פון אַלע גלותן אין איר כסדרדיקער און אומאויפהערלעכער טראַנספאָרמאַציע, די „תורת חיים” אונדזערע — די קולטור־טראַדיציע אין איר לעבן, שאַפן, ענ־דערן זיך און אין וואַקסן! די שענסטע מדינה, די גרעסטע, די שטאַרקסטע, וואָס וואָלט, חלילה, נישט פאַרדייט אַלע אונדזערע קולטור־ירושות אין איר שעפע־רישן לעבן, וואָלט געווען אַן אָפּלייקענונג פון „עם ישראל חי”.

אָט איז דאָ אַ גריכנלאַנד. אויף דעם זעלביקן פלאַץ וואָס די פּאַרצייטיקע, מיט כמעט דעם זעלביקן לשון פון פאַרצייטיקן און אַ מדינה פאַר זיך, — און דאָך איז עס נישט מער דער המשך פון יענעם פאַרצייטיקן גריכנלאַנד, וואָס איז געווען דער בראשית פון אַ וועלט־קולטור. עס איז דער זעלביקער ר' בער אָבער נישט דער, עס איז אַ מין „חומץ בן יין” און נישט מער. ווילן מיר נישט, בשום אופן נישט, אַזאַ מדינת ישראל וואָס זאָל זיין בנוגע צו אונדזער עבר דאָס זעלביקע וואָס דאָס היינטיקע גריכנלאַנד צו זיין עבר.

און פאַר אונדז וואָלט עס געווען נישט אין פאַרגלייך אַ גרעסערע טראַגע־דיע: דאָס אַלטע גריכנלאַנד האָט דאָך אויפגעהערט צו זיין שעפעריש באַלד נאָך זיין חורבן; מיר אָבער האָבן דאָך נישט איבערגעריסן אונדזער שעפערישקייט אַפילו נישט אין איין דור. האָט אַ פאָלק זיין שעפערישקייט געהיט דורך דורות שווערן גלות כדי זי איצט צו פאַרלירן אין דער אויסגעחלומטער און אויסגעוויי־טיקטער מדינה? ניין און ניין! מוז די מדינה — און צוזאַמען מיט איר די גאַנצע גולה — זיין ווייטער און ווידער דער „בית היוצר לנשמת האומה” און נישט חלילה קיין בית־חיים פאַר אונדזער גאַנצער און כסדרדיקער קולטור־טראַדיציע. נישט „קולטור־ירושה” שרייב איך, נאָר „קולטור־טראַ־דיציע”, ווייל די ערשטע קען זיין אַ באַלזאַמירטע און צווייטע מוז זיין אַ לעבעדיקע.

איז דען דאָ אַזאַ סכנה? זענען דען פאַראַן אין ייִדישן פאָלק אַזוינע טענ־דענצן, וואָס וואָלטן געוואָלט איבעררייסן די טראַדיציע פון אייביקער שעפע־רישקייט? צו וואָס דאַרף מען גאָר ריידן וועגן דעם? שרייבן? אפשר אל תפתח פה לשטן?

איז אָבער די צרה, וואָס אַזוינע טענדענצן זענען דאָ און זיי זענען אַלע מאָל געווען ביי אונדז. פון אליהו הנביא אָן גייט ביי אונדז אָן אָן אויפהער דער קאַמף און דער געראַנגל פאַר און קעגן דעם פאָלקס טראַדיציע. מען פאַרשפּאַרט אַפילו צו מאַכן עקסקורסיעס דורך אונדזער געשיכטע. איטלעכער וואָס וועט בלויז אין פלוג אַ טראַכט טאָן וועגן אונדזער געשיכטע פון שטאַנדפונקט פון קיום האומה,

וועט עס באַלד באַמערקן און דערקענען: יאָ! שעפּערישע קולטור־טראַדיציע איז קיום, אָפּזאָג פון דער שעפּערישער טראַדיציע איז אומקום. און וויפל שבטים און וויפל קיבוצים זענען ביי אונדז אומגעקומען! יאָ, אַ סך קיבוצים זענען אומגע־קומען פּשוט פון שווערד, מען האָט זיי אומגעבראַכט פיזיש. אָבער נישט טויט איז שרעקלעך, קיין אייביקייט פון פיזישן לעבן איז דאָך אויף דער וועלט נישטאָ. שרעקלעך איז דער „ואנוכי הולך ערירי", וואָס נאָך דער ערשטער ייִד האָט פאַר דעם מורא געהאַט, שרעקלעך איז ווען אַ מענטש גייט אַוועק פון דער וועלט אָן יורשים, טראַגיש איז דער אומקום פון אַ פאָלק, פון אַ שבט, ווען זיי לאָזן נישט קיין שעפּערישע טראַדיציע, קיין המשך. איז אַוועק דער ייִדישער קיבוץ אין אַלעק־סאַנדריע של מצרים אָן אַ המשך, איז אומגעקומען בבל, אָבער נישט אונטערגע־גאַנגען קיינמאָל; וויל איך האָפן, אַז דער ייִדישער ישוב פון פּוילן־ליטע איז אומגעקומען, אָבער נישט אונטערגעגאַנגען, — און דער ייִדישער שבט פון דייטשלאַנד, פון איטאַליע איז אומגעקומען און אויך אונטערגעגאַנגען לעולם ועד. פּשוט גערעדט: די אַסימילאַציע האָט פון אונדזער פאָלק געריסן שטיקער, גע־טויט לעבעדיקע טיילן פון אַ פאָלק אַ סך מערער איידער די פיזישע חורבנות דורך דער רשעותדיקער וועלט.

— זענען דאָ ביי אונדז אַזוינע אונטערגאַנג־טענדענצן דורך אַסימילאַציע? — צום אומגליק זענען זיי דאָ און דערצו גאַנץ שטאַרק. מסוכן זענען די טענדענצן, און נאָך מער מסוכן זענען די פאַרשטעלטע אַסימילאַציע־טענדענצן, די וואָס קליידן זיך אָן פראַזעס פון אויפהאַלט און קיום. איז דער „אלה אלוהיך ישראל" געוואָרן געפערלעכער איידער דער „נהיה ככל הגויים". אַפילו משיח־באַוועגונ־גען זענען ביי אונדז געוואָרן „פאַלשע" דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער לעבעדיקער טראַדיציע. וואָס שטאַרקער און ווירקזאַמער עס איז אַ רפואה, — אַלץ פאָרזיכטיקער מוז מען זיך באַגיין מיט איר. וואָס מעכטיקער עס איז די גאולה־באַוועגונג, אַלץ אויפגעהיטער מוז מען זיין מיט דער קולטור־טראַדיציע וואָס איז דער אָטעם, דער נשמת־חיים פון פאָלק. און לאָמיר זאָגן גאַנץ אָפן — עס איז ביי אונדז אין יעדן ייִדן פאַראַן אַ מין „מידקייט־טראַדיציע" — עס איז שווער צו זיין אַ ייִד, שווער צו זיין אַן אויסגעהאַלטענער ייִד, און עס ווילט זיך אַראָפּוואַרפן דעם יאָך, מאַכן זיך גרינגער. עס איז זייער ווייניק פאַ־ראַן ביי אונדז אַזוינע וואָס זאָלן, ווי פּרצעס חסיד, זיך באַקלאָגן „ווער קען דאָס זאַט זיין מיט מצוות". נוצט אָט דער יצר־הרע אויס יעדע כשרע זאַך, כדי אַריינ־צושמוגלען אין אונדזער לעבן זיין טריפה הפקרדיקע אַסימילאַציע. אַזוי אַלע מאָל און אַזוי אויך איצט. און עס איז זייער שווער אָפּט אונטערצושיידן, צו דערקע־נען דעם פאַלשן נביא, אַז ער האָלט דאָך אין איין איבערחזרן די רייד פון די אמתע נביאים...

איז דער איינציקער סימן — די באַציִונג צו דער טראַדיציע: איז פאַראַן צו דער טראַדיציע אַ פאָזיטיווע באַציִונג — זענען די רייד אמתע, איז אין זיי פאַראַן אהבת ישראל; איז די באַציִונג צו טראַדיציע אַ נעגאַטיווע — זענען די רייד פאַלשע, איז די נבואה אַ פאַלשע און דער וועג איז אַ פאַלשער. אַזוי איז געווען אַלע מאָל אין דער געשיכטע און אַזוי איז איצט אויך.

און אגב אורחא. ייִדן וואָס קענען נישט פאַרשטיין און וואָס ווילן נישט פאַרשטיין, וואַרפן מיר אָפּט פאָר: פרייטיקצונאַכטיקע ליכט און שרייבן אום שבת; געפילטע פיש און רייכערן אום שבת. אַזוי רעדט מען און מען שרייבט אויך (ב. צ. גאָלדבערג אין „טאָג”). אָבער די מענטשן ווילן נישט פאַרשטיין דעם אונטערשייד צווישן טראַדיציע און קאָנסערוואַציע. קאָנסערוואַציע איז אומפאַרענדערלעך, און אומפאַרענדערלעכקייט איז טויט. כדי צו האָבן אַ חיה אומפאַרענדערלעך אין משך פון אַ סך יאָרן, דאַרף מען זי צוערשט טייטן און אָנשטאָפּן. לעבן איז כסדרדיקע פאַרענדערלעכקייט, כסדרדיקע טראַנספאָרמאַציע, פּשוט צורה ולובש צורה. האָבן נאָך די חכמי התלמוד געוווסט צו זאָגן צו די צדוקים, אַז „דברי תורה פרים ורבים”, אַז קולטור, הייסט עס, איז געגליכן צו פלאַקס וואָס וואַקסט און וואָס מען דאַרף פון דעם מאַכן אַ טישטעך, צו ווייץ, וואָס מען דאַרף פון דעם מאַכן חלה. דער שבת אין בבל איז לגמרי נישט געווען ענלעך צום שבת פון פריִערדיקן ארץ ישראל; דער שבת פון רש״י איז נישט געווען דער שבת פון רבי עקיבא אאַז״וו. די וואָס זאָגן, אַז אָדער מיר דאַרפן היטן די ייִדישקייט ווי זי איז געווען ביי אונדזערע עלטער־זיידעס, אָדער עס קען נישט זיין קיין טראַדיציע, — די זענען היינטיקע צדוקים און נישט זיי קענען און נישט זיי ווילן ממשיך זיין דעם קיום פון ייִדנטום ווי אַ לעבעדיק פאָלק. טראַדיציע מיינט — פאַרדייען דעם אינהאַלט פון אַלע נעכטנס אין דעם גייסט פון לעבעדיקן מענטשן און אים אַרויסברענגען אין שעפערישקייט וואָס שטימט מיט דעם וועלטבאַנעם פון היינט. דער אויפפיר פון אַ דערוואַקסענעם מאַן איז אַ פאַרענדעדטע פאָרעם פון זיין אויפפיר אין זיין קינדהייט, אָבער ווי און ווינד וואָלט געווען צו אַ מאַן וואָס וואָלט אין זיין דערוואַקסענער עלטער זיך געפירט פונקט ווי ער האָט זיך געפירט אין זיין קינדהייט. און אַזוי אויך מיט אַ גאַנצן קאָלעקטיוו, מיט אַ פאָלק. איז אברהם אָבינו געווען אַ ייִד, און דוד המלך און עזרא זענען געווען ייִדן און ר׳ יוסף קאַרו און דער ווילנער „חיי אדם”, און ר׳ לוי יצחק — אַלע זענען געווען ייִדן, — און וואָס פאַר אַן אונטערשייד צווישן די אַלע ייִדן! טראַדיציע איז אַ שטראָם און נישט קיין פאַרגליוורט, שטייִק וואַסער. אַ מענטש וואָס פאַרוואַרפט זיין טראַדיציע מוז זיך אַריינלעבן אין אַ צווייטער — ער אַסימילירט זיך, און אַזוי אויך אַ קיבוץ. אָפּגעזאָגט זיך פון דער אייגענער קאָלעקטיווער טראַדיציע־ירושה איז עס אַסימילאַציע און אומקום. אַלע

יידישע שבטים און קיבוצים און גרופּעס וואָס זײַנען דעם נאַציאָנאַלן חטא באַ־גאַנגען זײַנען אומגעקומען און אָן יורשים. איז דערפאַר אויך אָן עדות מלכות שומרון, וואָס איז פּאַקטיש גייסטיק אונטערגעגאַנגען נאָך איידער זי איז אומ־געקומען פּאָליטיש פון אַ חורבן, הגם זי האָט זיך גערופן „ישראל", און הגם זי איז געזעסן אויף איר אייגענעם באָדן, אין איר לאַנד. לאַנד, מדינה זײַנען אַ גליק פאַר אַ פאָלק (און פאַר אונדז נאָך מער) אָבער נישט פאַר זיך גופא, נייערט ווי אַ כלי פאַר דעם כסדר שעפערישן גייסט פון פאָלק, ווי אַ היים פאַר דעם פאַרזיכיק לעבן און פאַר דער אייגענער טראַדיציע.

אָן טראַדיציע, סתם פאַר „מאַכן אַ לעבן" דאַרף מען נישט קיין מדינת ישראל, וואָלט מען נאָך געקענט מאַכן אַ לעבן אין אַנדערע לענדער, און אפשר גרינגער נאָך, אפשר רויקער נאָך. מדינת ישראל איז אַ גליק פאַר דעם פאָלק ישראל, פאַר זײַן פאָלקישקייט, פאַר זײַן לעבן ווי אַ פאָלק, ווי אַ באַזונדערער קולטורעל־שטייגערישער קאָלעקטיוו, אָבער לגמרי נישט פאַר די עקאָנאָמישע גליקן פון יעדער יידישן יחיד באַזונדער. און בכן וואָלט מדינת ישראל אָן דעם געירשנטן קולטור־שטייגער אַליין אויך פאַרלוירן דעם גרעסטן ווערט אירן. מדינת ישראל אָן דעם המשך פון דורות איז נישט קיין ישראל און אויס. דער יידישער גייסט האָט אַרײַנגעגעבן דעם שעפער פון יידישן פאָלק, משהן, אַזוינע ווערטער ווען גאָט זאָגט אים, לאָז און איך וועל זיי אומברענגען און פון דיר וועל איך מאַכן אַ גרויס פאָלק, — ענטפערט משה אויף דעם: זאָל שטאַרבן משה און טויזנט ווי ער און זאָל נישט געשעדיקט ווערן אַ נאָגל פון יידן. אַז נישט דאָס פאָלק איז גרויס צוליב דעם גרויסן פירער און לערער, נייערט עס איז פאַרקערט — דער גרעסטער לערער איז גרויס מיט דעם אינהאַלט פון זײַן פאָלק, אַז דאָס איז אַזוי האָט נאָך געשריבן ר' יהודה הלוי.

יעדער גאון און דער גרעסטער אַפילו איז בלויז גרויס מיט דעם וואָס ער האָט איבערגענומען און אַרויסגעבראַכט, איבערגעשאַפן דאָס געירשנטע פון דעם גרויסן אַנאָנים, פון זײַן קאָלעקטיוו. אָן דעם, בלויז מיט דעם אייגענעם דער־וואָרבענעם, מיט דעם פּערזענלעכן פאַרמעגן בלויז קען קיינער גרויס נישט ווערן. אַזוי אַ יחיד און אַזוי אַ דור: אַ דור אָן דעם אינהאַלט פון אַלע פריערדיקע דורות איז פרעמד דעם פאָלק, איז אַ ווילדער אָנוווקס, דאָס איז אַ לעצטער דור — דער לעצטער פון המשך, דער ערשטער פון אומקום.

טאָ זאָלן עס וויסן און געדענקען אַלע אָפּפרעגער און אָפּשפּאָטער: יאָ טראַ־דיציע, אומבאַדינג טראַדיציע, אָבער אַ לעבעדיקע, מיט כסדרדיקע ענדערונגען און באַנײַונגען, אַ טראַדיציע אין איר וואַקסן און נישט אַ טראַדיציע אַ טויטע, אַ קאָנסערווירטע.

**
*

טראַדיציע, קולטור, שטייגער, אינהאַלט פון דורות — דאָס אַלץ איז בײַ אונדז פאַרבונדן איבערהויפּט מיט דערציִונג, מיט לערנען, מיט שולן. האָבן מיר פריִער אין די אַלטע ישובים פון אַ פּוילן, ליטע, רייסן, געקענט האָבן אַ געזונטן עמאַרצישן שיכט וואָס האָט געלעבט ייִדיש אָן זיין וויסן. דער „זיידע פון קאַבילניק" (קולבאַק) האָט זיינע קינדער נישט געדאַרפט שיקן אין ייִדישע שולן זיי זאָלן זיין ייִדן, — דאָס לעבן פאַר זיך, אָפּגעזונדערט, האָט זיי געמאַכט נאַטירלעך פאַר ייִדן. ווי אַ דעמב איז „דעמביש" און אַ הירש דאַרף זיך נישט לערנען קיין „הירשישקייט". און אָפּגעזונדערט, פאַר זיך ייִדן האָבן געלעבט אַפילו ווען מען איז געווען איין משפחה צווישן טויזנטער נישט־ייִדישע.

דאָרטן און דעמאָלט איז קיינמאָל נישט געווען קיין פראַגע פון „מערהייט און מינדערהייט": אין דער קלענסטער מינדערהייט איז אַ ייִד געווען נישט קיין מינדערהייט, נאָר אַ „הונדערט פּראָצענט פון זיך אַליין" (זשיטלאָווסקי). אָט די הונדערט־פּראָצענטיקע פאַרזיכיקייט האָבן מיר מער נישט אין ערגעץ. נאָך מער — צוליב אונדזער אַלגעמיינער „מידקייט פון ייִדישקייט" ווילן מיר די פאַרזיכיקייט נישט האָבן מער, מיר ווילן פּטור ווערן פון איר און מיר געפינען כסדר כשרע תירוצים צו פאַרענטפערן אונדזער אַנטרינען פון זיך אַליין. פאַר אונדז איצט אין אַלע לענדער ווו מיר זענען, זענען טראַדיציע, קולטור, שטייגער, אינהאַלט פון דורות — דאָס אַלץ זענען איצט פאַר אונדז זאַכן פון ווייליקן קאָלעקטיוון אָנשטרענגען זיך, פון אַ שטאַרקן ווילן „הריני מוכן ומזומן לקיים מצוות ייִדישע קולטור אין מיין לעבן און אין לעבן פון מיינע קינדער". און דאָ איז די ראָל פון דער ייִדישער דערציִונג אין שולן און אויסערשולן.

קומט אָבער אויך דאָ דער שטן מיט זיינע שפּיצלעך, און דער יצר־הרע וויקלט איין די „מידקייט פון ייִדישקייט" און דאָס ווילן אַנטלויפן פון איר אין פרומע און כשרע אשר יצר־פּראַזעס, כדי מען זאָל דאָס שמד נישט דערקענען פון אונטער די יראה־פּראַזעס. האָט איצט די אַסימילאַציע אין נאַציאָנאַליסטישן מאַנטל אַרויסגעשטעקט ווי יענע באַשעפעניש זיין כשר פיסל, אָט אַזוינע כשרע פּראַגעס:

א. אידעיִשע דערציִונג איז וויכטיקער ווי קולטור־דערציִונג;

ב. סימבאָלן און נאַציאָנאַלע סימבאָלן זענען דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין דערציִונג;

ג. מיטן פּנים צו מדינת ישראל;

ד. תנ"ך און תלמוד זענען אַ מין פאַרשימלטע ייִדישקייט און אַ פאַרעלטערטער העבריִיש, וואָס דאַרף פאַרביטן ווערן מיט דעם העבריִיש „ווי מען רעדט איצט אין ישראל";

ה. פאַר דער נאַציאָנאַלער דערציִונג פון ייִדן איז איצט נישט וויכטיק נישט ייִדיש, נישט העברעיִש, דער עיקר איז אַ מוסקול און אַ פויסט צום קאַמף...

דאַכט זיך זייער פּיינע און כשרע לאָזונגען, נאָך מער — זיי זענען דאָך אַלע באַזירט אויף דער קדושה פון מדינת ישראל: ווייל און היות מיר זענען איצט נאָך צוויי טויזנט יאָר פּינצטערן גלות... און אַז"וו. גיי דערקען די גיפּטיקע פּרוכט אויף אַזוינע שיינע צווייגן. עס איז אָבער אַ נאַציאָנאַלער חוב יאָ אויפצודעקן, יאָ צו דערקענען, יאָ צו מאַכן קענטיק פאַר אַלעמען דעם גיפט פון אָט די שיינע לאָזונגען. און וואָס שענער עס זענען די צווייגן, אַלץ נייטיקער זענען שילדן איבער זיי: „היט זיך פאַר גיפט!" און וואָס הייליקער עס זענען די לאָזונגען, אַלץ פאַרזיכטיקער מוז מען זיין מיט די אויספירן וואָס מען מאַכט.

אָבער לאָמיר גיין כסדר:

גלייך נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש האָט מען אין רוסלאַנד אויך גענומען זיך וואַרפן מיט דער קולטור אין שול: מען דאַרף נישט לערנען מיט די קינדער די אַלטע, בורזשואַזע קולטור און ליטעראַטור, — מיר הייבן אָן אַ נייע קולטור און מיר גייען דערציִען אונדזער יוגנט אָן דער אַלטער פאַרשימלטער קולטור...

עס האָט געדויערט נישט מער ווי אַ פּאָר יאָר, און די קולטור פון אַלטן רוסלאַנד איז ווידער געוואָרן דער אינהאַלט פון דער דערציִונג: מען האָט זיך באַלד איבערצייגט, אַז אָן קולטור קען נישט געמאָלט זיין קיין דערציִונג, אַז אַזאַ קולטורלאָזע דערציִונג מעג זי זיין באַזירט אויף די שענסטע אידייען און אידעאַלן בלייבט אַ קולטורלאָזע, און קולטורלאָזע מענטשן זענען שעדלעך פאַר יעדער אידייע, פאַר יעדן אידעאַל, נישט נאָר קענען זיי אים נישט פאַרווירקלעכן, נאָר זיי צעשטערן אים.

פאַר די רוסן איז אַזאַ „אידעיִשע" דערציִונג אָן קולטור פון פאָלק, אָן דער געשיכטלעכער קולטור פון פאָלק געווען ווייניקער מסוכן ווי פאַר אונדז, און אָט פאַרוואָס: יעדער רוס וואָס איז געהאָדעוועט געוואָרן אויף אידייען, אויף קאָמוניזם וכדומה און האָט זיך נישט אַריינגעלעבט אין דער געשיכטלעכער קולטור פון „רוסישקייט" איז דאָך פאָרט געבליבן אַ רוס, עס איז נישט געווען קיין סכנה אַז ער וועט זיך אַריינלעבן אין אַ פרעמדער קולטור. ביי אונדז אין די אַמעריקעס איז דאָך עס אַנדערש: סיי־ווי לעבט זיך יעדער ייִד אַריין אין דער קולטור פון לאַנד, איז דאָך פאַר אַלע ייִדישע קינדער און יוגנטלעכע אין בעסטן פאַל די דערציִונג אַ טאָפּעלע — אַ לאַנד־דערציִונג און אַ ייִדישע. וועט די ייִדישע דערציִונג באַשטיין פון אידייען אָן קולטור, איז דאָס אַ פּראָפּאַגאַנדע, אַ פּראָפּאַגאַנדע פון ציוניזם לאָמיר זאָגן פאַר יוגנט וואָס איז קולטורעל נישט קיין ייִדישע נאָר אַ מעקסיקאַנער, אַן אַרגענטינער וכדומה. נאָר דורך ייִדישער דערציִונג, דורך דער

יידישער ליטעראַטור און קולטור קען מען די יידישע קינדער אין די אַמעריקעס מאַכן פאַר יידן. אַ דערציִונג אָן קולטור, אָן יידיש לשון, אָן יידישע אינהאַלטן הייסט לאָזן די קינדער ווערן אויס יידן, הייסט די קינדער קולטורעל אַפּשמדן, לאָזן זיי אַריינוואַקסן מיט די נשמות אין פרעמדע פעלקער אַריין און נאָך דעם זיי אָנלאָדן מיט יידיש־נאַציאָנאַלער פּראָפּאַגאַנדע. צו וואָס, אַז זיי זענען שוין נישט מער קיין יידן? דאָס יידישע פאָלק און אויך מדינת ישראל דאַרף האָבן קודם־כל יידן, און נישט קיין ציוניסטיש פּאַראַגיטירטע שקצים! עס איז האַרב געזאָגט אָבער עס איז נישט מער ווי דער אמת.

אמת, יעדער אינהאַלט פון שול וואָס ווערט איינגעפלאַנצט אין קינדער מוז זיין באַגלייט מיט אַ טיפן גלויבן. אין יידישע שולן — מיט אַ יידיש־נאָמינאַלן גלויבן, אָן דעם גלויבן, אָן דער ליבע זענען אַזוינע „נייטראַלע" קולטור־אינהאַלטן גאָרנישט ווערט, אָבער אַ גלויבן אָן די קולטור־אינהאַלטן פון פאָלק איז צען מאָל גאָרנישט. אומעטום און אויך אין מדינת ישראל האָט מען אויף אַ סך גע־קומענע זיך אין דעם געקענט איבערצייגן. דאָס איז וועגן די לאָזונגען פון אַ „אידייען־דערציִונג". עס איז אַסימילאַציע מיט אַן „ערוב־תבשילין", דאָס איז דאָס כשר פיסל פון יענעם טריפענעם באַשעפעניש.

די רוסן האָבן זיך גרינג געקענט פון דעם באַפרייען, ווייל זיי לײדן דאָך נישט פון אונדזער „מידקייט־סעקרעציע", ביי אונדז אָבער גילטן די לאָזונגען און מען האַלט זיך מיט זיי, ווייל מען וויל פּטור ווערן פון יידישקייט און מען זוכט בלויז כשרע נאַציאָנאַל־קלינגנדיקע תירוצים. און וואָס אָפענער און וואָס גרונטיקער מיר ווען אָט די כלומרשט נאַציאָנאַלע לאָזונגען אַרונטעררייסן, אַלץ געזינטער פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם, אַלץ געזינטער פאַר דעם קיום פון פאָלק.

געדענקט יידן: דערציִונג דורך אידייען אָן דעם קולטור־אינהאַלט פון פאָלק איז אַסימילאַציע. געדענקט יידן, אַז אַ מענטש געהערט גייסטיק צו יענעם פאָלק וועמענס קולטור עס זאַפּט אַריין. די אויפגענומענע אידייען זענען דאָ לגמרי נישט מאַסגיביק.

עס איז גאָר אַן אַנדער פראַגע וועגן די מאָראַלישע איבערלעבונגען פון אַזאַ יידן וואָס איז אַריינגעוואַקסן אין אַ פרעמדער קולטור: די טובימס, די וואַסער־מאַנס, די סטעפאַן צווייגס און גאַנצע מחנות אַנדערע, אָבער צו דעם שעפערישן קאָלעקטיוו פון יידישן פאָלק קענען זיי שוין נישט געהערן. אויס.

***

אַ צווייטער שעדלעכער לאָזונג איז וועגן דער כלומרשט גרויסער ראָל וואָס עס שפּילן סימבאָלן אין דערציִונג. אָ, וויפל מען רעדט איצט וועגן די סימבאָלן: פאָנען, צייכנס, צערעמאָניעס וכדומה, און ווער רעדט נישט ביי יידן וועגן דער־

צ׳וגג? קינדער אין די וויגן און שפּילער ביי די קאָרטן־טישלעך און ווער נישט? און ווו נישט? און קול המון איז דאָך עפּעס נישט קיין קלייניקייט, איז עס טאַקע גאָרנישט פון די גרינגע זאַכן געבן ייִדן צו פאַרשטיין, אַז — אָך און וויי צו דער ייִדישקייט וואָס באַשטייט פון סימבאָלן. מיר מוזן דאָ אָנהייבן פון גאָר ווייט.

די פּרושים האָבן איינגעשטעלט ייִדישקייט פון מצוות און עבירות, פון מצוות מעשיות, פון דעם וואָס מען רופט איצט אין מדינת ישראל „הגשמה עצמית״, וחי בהם — דאָס גאַנצע לעבן איז אַ סכום פון אימפּעראַטיוון, פון „מען מוז״ און „מען טאָר נישט״. ווען אַ געוועזענער פּרושי איז געוואָרן אַ קאָמיוואַיאַזשאָר פון אַ ייִדישן דרך צווישן געצנדינער, האָט ער זיי קיין ייִדישקייט נישט געקענט פאַרקויפן: עס איז אַ שווער שטיקל אַרבעט צו זיין אַ ייִד און אָפּהיטן אַלע לאווין און אַלע עשהס. גיט זיך דאָך אַ ייִד אַן עצה, האָט דער פאַרשפּרייטער פון דער רעליגיעזער סחורה גענומען און באַפרייט די געצנדינער פון די מצוות און עבירות. איר דאַרפט נישט האַרעווען און זיך אַנשטרענגען אויף אייער רעליגיע. עס איז פאַר אייך גענוג איר זאָלט אַננעמען עטלעכע סימבאָלן און איר זאָלט גלייבן אין יענעם וואָס ער האָט אַלץ אָפּגעהיט... און עס איז אַוועק אַ גאַנג: עס איז געוואָרן אַ רעליגיע פון אַ „גרינגער ייִדישקייט״... מיר אַלע (אַחוץ שלום אַשן) זענען נישט שטאַרק באַגייסטערט פון אָט דער רעליגיע פון סימבאָלן.

דאָס איז אַ משל און דער נמשל איז זייער און זייער שייך אונדז דירעקט אין היינטיקן טאָג. ציוניזם און ייִדישער נאַציאָנאַליזם זענען אַ טייל פון אונדזער ייִדישקייט. זיי באַשטייען פון אַ סכום מצוות וואָס מען מוז מקיים זיין אין אייגענעם לעבן. מיט סימבאָלן איז מען דאָ נישט יוצא. לאָמיר נעמען עטלעכע מוסטערן פון לעבן, נישט קיין אויסגעטראַכטע. איינער אַ ציוניסטישער מנהיג, אַ געזונטער און אַ יונגער האַלט אַ רעדע און גיט אַ זאָג: „איך בין שטאָלץ וואָס אויף די פראָנטן פון ישראל האָט זיך אויך פאַרגאָסן בלוט פון יוגנט פון אונדזער שטאָט״... אַזאַ מין שטאָלצירן מיט פרעמדן בלוט, בעת ער אַליין קען זיך נישט אָפּרייסן פון זיינע רייכע געשעפטן, בעת ער האָט אַפילו קיין אייך פּראָמיל פון זיינע רייכע הכנסות נישט פאַרגונען זיך צו שיקן אַהין, — וואָס איז דאָס אויסער פּרעכער חוצפּה? ער איז יוצא מיט רעדעס אויף באַנקעטן, מיט טרינקען שאַמפּאַניער לכבוד יענע וואָס פאַרגיסן זייער בלוט... איך ווייס נישט ווי אַנדערע, מיך עקלט ביז נישטגוטקייט פון אַזוינע ציוניסטן, זייט מיר מוחל.

ווען איך בין געקומען פון ארץ ישראל אין 1938 האָב איך אין איינער אַ שטאָט אין אַמעריקע געהערט אַ רעדע, ווי איינער אַ היציקער טעמפּעראַמענט־פולער רעדנער האָט זיך געקלאַפּט אין האַרצן: „מיר האָבן געגעבן 756 קרבנות (אין די אומרוען אין ישראל)״. ווען מען האָט מיר געזאָגט אַז דער רעדנער איז

קיינמאָל אין ישראל נישט געווען, האָט דאָרטן קיינמאָל קיין ביקס נישט גע־האַלטן און קיינמאָל נישט געווען אַנטקעגן אַ ביקס, אַז ער האָט קיין נאַכט אפילו נישט פאַרבראַכט מיט אַ ביקס אויף אַ שוץ־פונקט, — האָט מיר אַזאַ האָס אָנ־גענומען, אַז איך פלעג מיט דעם ייִדן נישט קענען ריידן: פון קרבנות קענען מיר האָבן דרך־ארץ בלויז פאַר איין מין — ווען מען איז מקריב זיך אַליין.

עס דערציילט מיר איינער אַ הייסער ציוניסט, וואָס איז גרייט צו פאַרברע־נען אַלע נישט־ציוניסטן: זיין זון האָדעוועט זיך ד אָ ד אין ענגליש, קיין ייִדיש און נישט קיין העברעיִש קען ער ד אָ ד נישט, האָב איך אים געבראַכט אַ ציוניסטישע פאָן און אים דערקלערט אַז „דאָס איז אונדזער פאָן"... ווי גע־פעלט אייך אַזאַ גרינגער וועג פון ציוניסטישער דערציִונג? אין אַ סך שולן, אין קלובן און אין געזעלשאַפטן איז מען יוצא מיט אַ סימבאָל פון העברעיִש: מען זאָגט „שלום", מען פירט אַ „שיחה" און דערמיט איז מען יוצא. איינער באַ־רימט זיך פאַר מיר — ער האָט פאַר זיין טעכטערל געקויפט אַ גאָלדן מגן דוד צו טראָגן אויפן האַלדז ווען זי איז אַלט געווען צוויי יאָר, אַנישט טאָ פון וואָס וואָלט זי געוווּסט אַז זי איז אַ ייִדישע?"...

מען וואָלט געקענט אָנדערציילן גאַנצע פעק ממש אַנעקדאָטן וועגן די סימ־באָלן וואָס מען וויל מיט זיי יוצא זיין לגבי ייִדישקייט און לגבי דעם ציוניזם. און אין דעם שטעקט אַ קאַטאַסטראָפאַלע סכנה. קריסטלעכע פעלקער האָבן גע־האַט און זיי האָבן די מעגלעכקייט צו פאַרוואַנדלען זייער רעליגיע אין אַ קולט פון סימבאָלן — זייער קיום האומה איז נישט אָפּהענגיק פון דעם, — פאַר אונדז אָבער איז אַזאַ מין קולט פון סימבאָלן אַליין פשוט געפערלעך. אַ מזוזה איז זייער גוט אָבער במה דברים אמורים? — ווען צו איר זענען דאָ תרי"ג מצוות אין טאָג־טעגלעכן לעבן. אָן דעם איז אַ מזוזה נישט מער ווי גאָרנישט. איך האָב באַגעגנט אַ סך ציוניסטן וואָס גיבן זייערע קינדער קיין שום ייִדישע דער־ציִונג נישט, און זיי זענען יוצא מיט אַ פּושקע פון קרן קימת. ניין, רבותי, זאָל עס קלאָר זיין פאַר אַלעמען: סימבאָלן אַליין, אָן מצוות מעשיות זענען נישט מער ווי אָן... ערוב תחומים, מען זאָל „מעגן" אוועקגיין צו די גויים, — אַסי־מילאַציע און נישט מער. אַ דערציִונג וואָס איז באַזירט איבערהויפּט אויף סימ־באָלן קען אויסזען זייער שיין פאַר געסט, פאַר באַזוכער, זי קען זיין זייער און זייער דעקאָראַטיוו, — אָבער קיין ממשות אין איר איז נישטאָ, און קיין שע־פערישע השפעה אויף יאָרן קען אַזאַ דערציִונג קיינמאָל נישט לאָזן.

**
*

איך וועל זיך דאָ אָפּשטעלן נאָך אויף איין שטאַרק פּאָפּולערן לאָזונג איצט „מיטן פנים צו ישראל". דעם אמת געזאָגט פאַרשטיי איך נישט גוט דעם לאָזונג און מיר דאַכט זיך אַז די טרעגער פון דעם לאָזונג טראַכטן וועגן זיין אינהאַלט

נישט זייער. עס איז אַ שיינער לאָזונג און יוצא. אין דער אמתן — מיינט מען דערמיט צו זאָגן, אַז מען דאַרף אין דער שול דערציִען די קינדער נישט פאַר דעם לאַנד וווּ מען וווינט נאָר ווי קינפטיקע בירגער פון ישראל. דעמאָלט וואָלט מען די שולן געדאַרפט קודם־כל אינקאָרפּאָרירן נישט ביי דער בילדונגס־מאַכט פון לאַנד נאָר ביים בילדונגס־מיניסטעריום פון מדינת ישראל. מען וואָלט פון דער פּראָגראַם געדאַרפט אַרויסוואַרפן אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט דעם לאַנד וווּ מען וווינט. די גאַנצע פּראָגראַם וואָלט זיך לגמרי נישט געדאַרפט רעכענען מיט דעם וווין־לאַנד, מיט זיין שפּראַך און קולטור. די גאַנצע פּראָגראַם וואָלט גע־דאַרפט זיין אַ קאַפּיע פון די שול־פּראָגראַמען אין מדינת ישראל און די שפּראַך פון שול דאַרף זיין איינע — העברעיִש פאַר אַלע אַלגעמיינע לימודים. די לערער דאַרפן זיין נישט די וואָס זענען באַרעכטיקט צו זיין לערער אין דעם וווין־לאַנד, נאָר זיי דאַרפן זיין באַשטימט און באַשטעטיקט דורך ישראל. מיט איין וואָרט — עס וואָלטן געדאַרפט זיין ישראל־שולן אין גלות, אין די שטאַטן אָדער אין מעקסיקע אָדער ווו עס איז... איך שטעל זיך נישט פאָר אַז כאָטש איינער פון די געטרייע אויסרופער פון דעם לאָזונג וועט מסכים זיין אויף אַזאַ וועג, איבער־הויפּט אויב זיינע אייגענע קינדער זאָלן דאַרפן גיין אין אַזאַ שול.

איז וואָס זשע מיינט מען מיט דעם לאָזונג „מיטן פּנים צו ישראל״?

— עס קען מיינען, אַז דער ייִדישער טייל פון שול, די אַזוי גערופענע „ייִדי־שע לימודים״, זאָל זיין געשעפּט נישט פון דער ייִדישער קולטור פון גלות נאָר פון דעם לעבן אין פון דער קולטור פון מדינת ישראל. מיר דאַכט זיך אַז דאָס טאַקע מיינט מען מיט דעם לאָזונג. טאָ לאָמיר זען וואָסערע מעלות אָדער חסרו־נות אַזאַ וועג קען האָבן אין דערציִונג פון ייִדישע דורות אין דער וועלט. עס מיינט אייגנטלעך גאָרנישט, עס איז אַ פּוסטע פראַזע, און די וואָס זאָגן זי, וואָס דעקלאַמירן די פראַגע טראַכטן זיך אַפילו נישט אַריין אין דעם אינהאַלט פון די ווערטער וואָס מען דעקלאַמירט. שיינע ווערטער! איז גענוג.

איך האָב געזען בריוו וואָס אַ שול פון אַזאַ מין טיפּ האָט צעשיקט, און פאַרבעטן יונג און אַלט אויף אַ טאַנץ־אָוונט, אַזאַ ווי עס איז דער מינהג פון דעם לאַנד. זענען די בריוו געווען פאַרשטייט זיך, אויף דעם גויִישן לשון, מען האָט צוגעזאָגט אַלע אַטראַקציעס וואָס קענען זיין מעגלעך אין דעם לאַנד ווו מען וווינט — קיין סימן נישט פון אַ ייִדישער שול, פון אַ ייִדיש אָדער העברעיִש וואָרט, — אַ פולשטענדיקע קאָפּיע פון דעם ווי עס פירן זיך און ווי עס פאַרווײַלן זיך די נישט־ייִדן פון יענעם לאַנד.

ווו איז דאָ דאָס פּנים צו ישראל? — אַ ליגנערישע אָפּנאַרערישע פראַזע און נישט מער.

אַ צווייטע שול באַרימט זיך, אַז זי לערנט „העברעיִש לויטן מוסטער פון

ישראל״. האָב איך געמיינט, אַז זיי נעמען אַריין קינדער אין עלטער פון איין יאָר אין אַ מין בית תינוקות, זיי זאָלן הערן אַרום נאָר איין שפּראַך, זיי לערנען נאָר העברעיִש, אַלע לימודים אין העברעיִש אאַז״וו. ערשט, ווו? וואָס? ווען? עס הייבט זיך גאָרנישט אָן. די גאַנצע מעשה איז אַ ליגן. דער „מוסטער פון ישראל״ באַשטייט אין דעם, וואָס די דריי פערטל שעה אַ טאָג וואָס מען לערנט יאָ העברעיִש, לערנט מען זאָגן עטלעכע פראַזעס און אויף ספרדיש. און דאָס איז דער גאַנצער מוסטער פון ישראל, — און די מענטשן שעמען זיך גאָרנישט, ווערן נישט רויט שרייבנדיק אַזוינע ליגנס. די ליידיקע פראַזע האָט זיך אַזוי אַריינגעגעסן אין אונדזער לעבן, אַז מען שפּירט שוין גאָרנישט דעם שקר, ער איז געוואָרן קאָנווענציאָנעל און מער דאַרף מען נישט. אַזוינע נאַציאָנאַלע פראַזעס באַגלייטן די שענדלעכסטע און אָפּנסטע אַסימילאַציע. דער אומר מיט דעם עושה זענען זיך צעגאַנגען צו די צוויי פאַרקערטע פּאָלוסן. דאָס פאַרשווערט זייער דעם אַנאַליז פון אונדזער קיום און דער אָריענטאַציע. עס איז ווי די גמרא האָט עס נאָך אָנגערופן „עושה מעשי זמרי ומבקש שכר כפנחס״.

אָבער לאָמיר דאָך פרווון נישט געקוקט אויף אַלץ חלומען דעם חלום פון גאַנצקייט און פון אויסגעהאַלטנקייט אין ייִדישקייט! לאָמיר.

קודם־כל איז נישטאָ און עס טאָר נישט זיין קיין רייד וועגן קיין באַזונדערער עפּעס נייער ייִדישקייט אין ישראל. עס איז איין איינציק ייִדיש פאָלק און נישט קיין צוויי, און עס איז איין און איינציקע ייִדישע קולטור. נישטאָ קיין „גלותדיקע״ און ישראלדיקע קולטור. אַ ייִד איז מען בלויז מיט דעם וואָס מען היט אין לעבן דעם המשך פון דער ייִדישער קולטור. אָן דעם איז נישטאָ און עס קען נישט זיין קיין ייִד נישט אין גלות און אויך נישט אין ישראל. יעדער וואָרט וועגן פאַרשיידענע ייִדישקייטן איז ווי סם המות פאַר ייִדישקייט. יעדער אָפּוואַרפן פון זיך עלעמענטן פון אונדזער קולטור־טראַדיציע צוליב וואָס פאַר אַ מאָטיוו דאָס זאָל נישט זיין — שמעקט מיט אומקום פון ייִדישקייט און אָן אַט דער זעלביקער ייִדישער טראַדיציע איז נישטאָ וואָס צו ריידן וועגן אַ ייִדיש פאָלק אַפילו אין ישראל. פאַר אונדז איז דער אינהאַלט פון דעם באַגריף פאָלק נישט קיין ראַסיסטישער, ביאָלאָגישער, נאָר איבערהויפּט אַ קולטור־טראַדיציאָנעלער אין זיטן, פירונגען, מינהגים, שטייגער, און אויף וויפל אַט די פאַקטאָרן ווירקן פון זיך אויף דעם כאַראַקטער און געמיט. פאָלק האָט אויך זיין גייסטיקן באַגאַזש אין די שאַפונגען זיינע אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן לעבן. און אין זיי אַנטפּלעקט זיך דייטלעך אַט דער כאַראַקטער פון דעם פאָלק. רייסט מען איבער די טראַדיציע, ווי פון די זיטן אַזוי אויך פון שטייגער; שניידט מען אָפּ די ווירקונג פון די שאַפונגען פון פאָלק, — איז אויס מיט דעם פאָלק אויב אַפילו ביאָלאָגיש איז דאָ אַ המשך. ביאָלאָגישער המשך פון ייִדישן פאָלק איז פאַראַן

צווישן פּאָליאַקן (אַ גרויסער טייל פון דער שלאַכטע), ביי דייטשן, אין די לאַ־טיין־אַמעריקאַנער לענדער און ווו נישט? מיט דעם יידישן פּאָלק האָט עס אָבער שוין נישט קיין שום שייכות אַפילו לויט די דינים פון ראַסיסטן. פּאַרקערט זע־נען גרים, וואָס האָבן זיך אַריינגעלעבט אין יידישער קולטור און אין יידישן שטייגער פולשטענדיקע יידן אויב נישט אין ערשטן דור, איז אין דריטן לכל הדעות. איז אויב אין ישראל זאָל זיך חלילה אַנטוויקלען עפּעס אַ „יידיש" פּאָלק וואָס האָט נישט קיין שייכות צו דער קולטור פון אונדזער גלות־טראַדיציע, ד"ה פון דער איין און איינציקער קולטור וואָס מיר פאַרמאָגן, וועט דאָך דאָס זיין אַ צווייט פּאָלק, וואָס האָט מיט דעם יידישן פּאָלק פון דורות גאָרנישט וואָס צו טאָן. און וואָס איז דעמאָלט דאָס גליק פון ישראל פאַר דעם „עם עולם" און פאַר זיינע גורלות אויף דער זינדיקער וועלט?

און אויב בנוגע צו מדינת ישראל שטעלט זיך די פראַגע, איז בנוגע אַנ־דערשוואו — דאָך נישט אין פאַרגלייך מער.

בכן טאָרן נישט זיין און מ'ען טאָר אַפילו נישט טראַכטן וועגן עפּעס צוויי פאַרשיידענע יידישקייטן — פון מדינת ישראל און פון גלות! נישט ישראל קען און נישט עס טאָר זיך פאַרנעמען אויף עפּעס אַ וועג, וואָס איז נישט קיין המשך פון אַלע יידישע וועגן אין גלות. אַזאַ מין אָפּנייג מוז ברענגען צו... כרת, אָפּ־שניידן זיך פון יידנטום נישט בלויז געאָגראַפיש (פון אַנדערע יידישע קיבוצים, וואָס מען וועט זיי מבטל מאַכן — עט, ווייס איך וואָס זיי זענען דאָרטן... נאָך אַ דור און פון זיי וועט סיידוי גאָרנישט בלייבן) דער עיקר — מען וועט זיך אָפּשניידן אויך היסטאָריש פון יידישן פאָלק און דעמאָלט האָט עס אַלץ קיין שום ווערט נישט פאַר דעם הייַנטיקן לעבעדיקן יידישן פּאָלק.

די וויכטיקסטע לאָזונג און אויך הלכה למעשה דאַרף זיין נישט „מיטן פּנים צו ישראל", נאָר עס דאַרף זיין — כל ישראל — עם ישראל בכל אתר ואתר, אין דער גאַנצער וועלט און אַזוי אויך מדינת ישראל, מוזן זיך שטעלן מיטן פּנים צו דער „תורת ישראל". און מיט דעם וואָרט תורת ישראל באַצייכענען מיר דאָ נישט בלויז דאָס וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן אַמאָל און איז לאַנג קאַנאָניזירט ביי אונדז, נייערט אַלץ וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן ביז אונדז און וואָס עס האָט אין זיך אַ בת־קול פון דער יידישער נשמה. און דער זעלביקער דין מ'וז זיין גילטיק אויך להבא: כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש נתנה למשה מסיני — אַלץ וואָס עס וועט געשאַפן ווערן אין יידישן גייסט, וואָס וועט טראָגן אין זיך אַ ניצוץ פון דער יידישער נשמה — דאָס אַלץ איז נישט ווייניקער היי־ליק ווי דאָס וואָס עס איז פאַרהייליקט ביי יידן פון קדמונים (אַזוי דערקלערט רש"י דעם באַגריף „למשה מסיני"). די קדושה ביי יידן איז נישט קיין אַבסאָלו־טע, נישט מן השמים, עס הענגט דאָך אָפּ פון דעם, וואָס און אויף וויפל עס איז

אין דער שאַפונג פאַראַן די שכינת האומה און ווי ווייט זי דינט דעם קיום האומה.

צו די שפּראַכן גייען מיר צו אָן סענטימענטן און אָן פּניות. מיר זענען אָבער זיכער, אַז יעדערע פון זיי איז אויך נישט הייליק פאַר זיך און פון זיך אַליין. סע איז די קדושה פון יידישן פאָלק, קודש נישט לד׳ נאָר לעם ישראל. פאַרלירט אַ שפּראַך איר צונויפבונד מיט דעם לעבעדיקן פאָלק איז „נסתלקה קדושתה״ און אויס מיט דעם יחוס.

אויב העברעיש וועט נישט אַרייננעמען אין זיך אַלע פאַרבינדונגען וואָס זענען אָנגעשפּייכלערט אין יידיש, וועט עס מער נישט זיין קיין יידיש לשון, קיין הייליקע מטעם פון יידישן נאַציאָנאַליזם שפּראַך. עפּעס אַ פרעמדע וועט זי אונדז זיין און די וואָס וועלן אַזאַ העברעיש ריידן — וועלן זיי אַפילו זיין מיליאָנען און מיליאָנען — וועלן נישט זיין קיין המשך פון יידישן פאָלק. אַ ניי פאָלק וועט עס זיין, אויב עס וועט זיין. אָבער נישט מיר און נישט אונדזער המשך, נישט קיין המשך פון יידנטום. און הוא הדין מיט יידיש. נישטאָ ביי יידן קיין אומאָהענגיקע, אַבסאָלוטע הייליקייט פון קיין זאַך. ווו עס איז „נסתלקה שכינתו״, איז אויך „נסתלקה קדושתו״ פּסקנט נאָך די גמרא. האָט אַ זאַך פאַרלוירן די נשמה פון פאָלק, זיין גייסט, זיין שכינה, הייסט עס, איז אויס מיט דער הייליקייט. בכן, נישט פאַר שפּראַכן קריגט מען זיך איצט, נאָר וועגן דער נשמה פון יידישן פאָלק, וואָס זי קען אָפּגעהיט און אויפגעהאַלטן ווערן בלויז מיט די שעפערישע אינהאַלטן, וואָס אין יידיש און מיט אוצרות, וואָס אין העברעיש. נישטאָ קיין יידישקייט וואָס וואַקסט נישט פון יידישקייט, כל תורה שאין לה בית אב, — איז נישט קיין תורה. און אין דעם ליגט די אויפגאַבע פון אונדזער דור: עס האָט זיך אַזוי פיל געענדערט אין אונדזער לעבן, מיר זענען אַ שארית ישראל; אַחוץ דעם גלות איז אויפגעקומען אַ מדינת ישראל, עס שטייט אַ סכנה פאַר דעם המשך. מוזן מיר, דער דור, איינהיטן דעם המשך. ואם לא עכשיו אימתי? ואם אין אני לי מי לי? עס זענען אַזוי ווייניק די המשכיסטן אין פאָלק! עס איז אַזוי שוואַך דער קלאָרער באַוווּסטזיין און דער דראַנג צום המשך, אַז עס איז די אויפגאַבע פון די ווייניקע צו גיין מיט געמיינזאַמע כוחות צו דעם הייליקן און איינציקן ריכטיקן ציל און אין איינציק ריכטיקן וועג צום קיום האומה.

מאַסע און המון

צוויי נאָענטע באַגריפן וואָס שפּילן אַ גרויסע ראָל אין סאָציאַלן לעבן פון פעלקער און פון דער מענטשהייט בכלל. אָבער זיי זענען צוויי באַזונדערע פּע־נאָמענען, צוויי אין גרונט אויס פאַרשיידענע און אָפט אַפילו קעגנגעזעצטע. איטלעכער יחיד קען אייגנצייטיק זיין אַ טייל פון אַ מאַסע און אַ טייל פון אַ המון. אין ביידע פאַלן וועט דער אינדיוויד האַנדלען אַנדערש — מ אַ ס י ו אָדער ה מ ו נ י ש. נאָך מער — אַ מאַסע קען גאָר גיך זיך פאַרוואַנדלען אין אַ המון. פאַרקערט אָבער איז שוין אַ סך שווערער, אַז אַ המון זאָל זיך פאַרוואַנד־לען אין אַ מאַסע, דאָס איז זעלטענער. המון איז אַ סך אַ נידעריקערע פאָרעם פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, און ווען אַ מאַסע „המוניזירט" זיך, איז עס אַ ירידה. אין אונדזער יידישן לעבן גייט אָן אַ כסדרדיקע ה מ ו נ י ז אַ צ י ע, און מען דאַרף עס קלאָר זען און אפשר וועט זיך עטוואָס לאָזן פאַרהאַלטן, אָפּ־שטעלן דעם פּראָצעס, וואָס קען און וואָס וועט זיכער ברענגען זייער פיל שאָדן.

לאָמיר קודם־כל קלאָר מאַכן די צוויי באַגריפן און זען דעם אונטערשייד צווישן זיי. מאַסע דאָס איז אַ קאָלעקטיוו. אין דער מאַסע איז יעדער אינדיוויד ענלעך צום צווייטן לויט איינגעשטעלטער געוווינהייט און לויטן שטייגער. המון איז אַן אָנגעלאָף פון אינדיווידן, וואָס האָבן אין דעם מאָמענט איין און דעם זעלביקן ציל (על פּי רוב — אַן אַנטיגעזעלשאַפטלעכן), אָבער אין תוך קענען זיי זיין פאַרשיידן און נישט האָבן צווישן זיך קיין געמיינשאַפט. מאַסע איז אַ זאַך אַ שטענדיקע, ווי למשל אַ טייך אין זיין כסדרדיקן גאַנג: המון איז ווי אַ פאַר־פלייצונג, אַן אויפברויז, ווי אַן אויסברוך פון אַ ווולקאַן, וואָס קענען אויך גע־דויערן, אָבער דאָך איז עס נישט קיין נאָרמע. מאַסן־האַנדלונגען זענען נאָרמאַ־טיווע, כסדרדיקע, רויקע. עס ציט זיך אַ טייך דורך דורות אין דער אייביקייט און ער בייט זיך לאַנגזאַם, ביסלעכוויז, כמעט נישט באַמערקבאַר. דער המוני־שער אויפפיר איז אַן אויפברויז אין אַ רעוואָלט, אַ קאַמף, אַן אויפרעגונג. מאַ־סע מיינט אינערץ אויך אין פיזיק. די געזעלשאַפטלעכע אינערץ איז טראַדיציע, שטייגער. יעדער יחיד אין דער מאַסע האָט זיין טייל טראַדיציע־אינערץ און אין דעם איז זיין וואָגיקייט, און וואָס מער די אינערץ פון די באַזונדערע יחידים איז שטאַרקער, ענלעכער, איינהייטלעכער, — אַלץ מער איז די מאַסע באַהעפט, איז זי מ אַ ס י ו. קיין שום ווינטן וועלן אַזוינע פעסטע מאַסיוון נישט

אָוועקרייסן, נישט אויפרודערן. ווען אָבער די טראַדיציע־אינערץ איז קליין, און זי ווירקט נישט אין יעדן יחיד, דעמאָלט איז די מאַסע אַלץ מער און מער צע־שטויבט, אַטאָמיזירט, און יעדער רוח מצויה, יעדער קליין ווינטל הייבט אויף די „גרינגע" ברעקלעך, שטויב־יחידים און טראָגט זיי, בלאָזט זיי, שטורעמט מיט זיי... זיי קענען פאַרשיטן מיט טויטן זאַמד קולטור־פעלדער... מאַסע איז נאַטור, איינגעשטעלטער שטייגער, קולטור, — המון איז קאַטאַסטראָפע. אַזוי אַרום זענען מאַסע און המון צוויי קעגנגעזעצטע דערשיינונגען: דאָס מאַסיווע אין מענטשן ציט אים צו שטענדיקייט, צו נאָרמע, צו שטייגער — און דאָס המונישע אין אים רייסט אים פון דעם אַלעם, ציט אים צו זיין אַ „פורץ גדר", צו ברעכן, פאַרפלייצן, צעשטערן איינגעשטעלטע נאָרמעס, אָראָפּשווענקען אַלטע איינגעשטעלטע זיטן. מאַסיווקייט און המונישקייט זענען פאַרקערט פּראָפּאָר־ציאָנעל אינעם מענטשן: וואָס איינס איז גרעסער, איז די צווייטע אַלץ קלענער. מאַסע איז קאָנצענטרירט אין זיך, און פאַר זיך, המון איז תמיד ק ע ג ן עפּעס. מאַסע איז רויִק, לאָזט זיך נישט אויפרייצן, המון איז אַ פּולווער, וואָס וואַרט נאָר אויף דעם שוועבעלע. דאָס ענגלישע וואָרט „מאוב", וואָס באַטייט המון, שטאַמט אָפּ פון לאַטייניש „מאָביל" — באַוועגלעך, דער היפוך פון דער אי־נערטער מאַסע. מאַסע איז תמיד פאַרבונדן מיט „מאַסן־קולטור", ווייל אַט דאָס מאַסיווע אין אַ קאָלעקטיוו, דאָס איינגעשטעלטע ביי אַ סך מענטשן — דאָס מאַסיווע, שטענדיקע, סטאַבילע, דורותדיק איינגעשטעלטע, דאָס איז אַ מאַסע בעת המון איז דאָך די אומסטאַבילקייט אַליין. אַלץ איז פליסיק, אומזיכער. וואָס מער דערווייטערט פון טראַדיציע, פון שטייגער, אַלץ מער המוניזאַציע, אַלץ ווייני־קער אייגענער שטענדיקער פרצוף, אַלץ ווייניקער שפּורן פון דורות אין דעם אויפפיר, אַלץ צופעליקער זענען די האַנדלונגען. אין אַ מאַסע זענען די באַזונ־דערע יחידים ענלעך צו אַנאַנד „ווי צוויי טראָפּן וואַסער". המון איז אַן אַגרעגאַט פון גאַנץ פאַרשיידענע יחידים, וואָס עפּעס אַ כוח טראָגט זיי אין געוויסע מאָ־מענטן צוזאַמען ווי אַ ווינט קען אויפהייבן און טראָגן זאַמד, ברעקלעך פּאַפּיר, רויך, פעדערן... אַט אַזוי איז עס אין איין מאָמענט און אין אַ צווייטן מאָמענט קען דער המון זיין צונויפגעשטעלט פון אַנדערע קאָמפּאָנענטן. דער כוח פון אַ מאַסע איז איר אייגענער, ער איז אין איר גופא, דער טרייבנדיקער כוח אָבער פון אַ המון קומט פון דרויסן, ער איז אַן אויפגערייצטער אַגרעגאַט. דאָס מאָ־סיווע אין דער מאַסע לאָזט זיך נישט אויפרייצן, די שוואַכקייט פון דער טראַדי־ציע־אינערץ מאַכט דעם המון גרינג אויפגערייצט צו ווערן, גרינג אויפגעהעצט צו ווערן. המון האָט אין זיך אַלע מאָל אַ מין היסטעריע, המון קען גלייבן אין די גרעסטע נאַרישקייטן, זינלאָזיקייטן, ער דאַרף נאָר זיין אויפגעהעצט. אָבער אַט די היסטעריע פון המון איז נישט קיין אַפעקט־צושטאַנד. מענטשן אין צו־

שטאַנד פון אַפעקט ווערן „פאַרחיהשט", ענלעך צו חיות אין זייער פירונג (זע „רויער כעס", געקליבענע שריפטן פון א. גאָלאָמב, באַנד 3, זייט 167). אין צושטאַנד אָבער פון אויפגעהעצטקייט איז דער מענטש ווי אַ יחיד און דער גאַנצער המון נישט מער ווי אַ געזעמל פון חיות, וואָס האַנדלען לויט דעם רויען חיהשן אינסטינקט. אָבער פאַרקערט איז דער המון אָפט פעיִק זייער שטאַרק צו פאַרקאָמפּליצירן זיינע אינסטינקטן, זיי צו „סובלימירן", אָבער נישט צו העכערס, נאָר פאַרקערט, אויף אַראָפּ.

לאָמיר דאָ פאַרלירן עטלעכע שורות אויף די באַגריפן „העכער" און „נידעריקער": מיר נעמען אָן דעם אויפפיר פון חיות פאַר דער נאַטירלעכער נאָרמע. ביי חיות איז נישטאָ קיין ענדערונג פון די איינגעפלאַנצטע אינסטינקטן: הונגער, סעקס. ווי זיי זענען געגעבן פון גאָט, אַזוי בלייבן זיי. ביי אַ מענטשן איז אויף דעם זעלביקן אינסטינקט פון הונגער אָנגעבויט די גאַנצע ציוויליזאַציע און פאַרקערט אויך — גנבה, גזלה, רציחה און וואָס נישט. דאָס זעלביקע מיט סעקס: די העכסטע הייכן פון עסטעטיק, מאָראַל, משפחה, — און פאַרקערט דאָס ערגסטע — פּראָסטיטוציע, קראַנקייטן, סאַדיזם און אַלערליי דעגענערירטע פאַרשטעלונגען און האַנדלונגען. אויף אָט דאָס לעצטע איז פעיִק אַ המון. דאָ קומען אַריין אין שפּיל טאַקע סאַדיזם, און אָפט אויך דעגענערירטער סעקס („רחם, רחמתים לראש גבר"; אין אַ סך באַשרייבונגען פון פּאָגראָמען, פון מלחמה־עפּיזאָדן: קאַטשערגינסקי „חורבן ווילנע", ז"ז 43, 55; מרדכי שטריגלער „אין אַ פרעמדן דור", ז' 162 און ווו נישט). ה. קאַנטריל דערציילט („דהי פּסיקאָלאָדזשי אָוו סאָשעל מוווּמענטס") ווי אַ פירער פון אַ לינטש־המון פרעגט זיינע לייט, צי זיי האָבן געהאַט גענוג פ אַ ר וו יי ל ו נ ג ע ן. ערגעץ האָב איך געלייענט פון אַן עד־ראיה אַ שוידערלעכע באַשרייבונג פון דעם טויט פון אַלטער קאַציזנע, ווי אוקראַיִנער האָבן צונויפגעטריבן אויף אַ בית־עולם אַן עדה ייִדן און צוליב זייער פאַרוויילונג זיי מיט שטעקנס געטריבן טאַנצן און זיי ביסלעכווייז געשלאָגן ביז צום לאַנגזאַמען טויט... אָט אַזוינע דעגענערירטע, שווידערלעך צוגעטראַכטע ראַפינירטע פאַרקאָמפּליצירונגען פון משונהדיקע סאַדיסטישע דראַנגען פון סעקס, פון רציחה — דאָס זענען סימנים פון המונישע צערייצטקייטן און פון המונישער שיכרות. און אפשר זענען די דראַנגען, אָט די פאַרלאַנגען צו קענען צעשטערן אַלע צוימען, אַלע איינגעשטעלטע נאָרמעס טאַקע די מאָטיוון וואָס ברענגען מענטשן צו המוניזאַציע. נישט איין מאָל האָבן אַ פּעטלוראַ, אַ מאַכנאָ זיך פאַרענטפערט, אַז זיי קענען נישט איינהאַלטן זייערע מענטשן, יענע ווילן אַ „הולע טאָן" — זיך פאַרווילן מיט די פּאָגראָמען אויף ייִדן. ווען זיי וואָלטן עס נישט דערלאָזן, וואָלטן זייערע „קעמפער" זיך צעלאָפן.

אַז די דראַנגען צו סאַדיזם זענען אפשר שטאַרקער פון די רויב־דראַנגען, וואָס האָבן דאָך געשפּילט אַ גוואַלדיקע ראָל אין די פּאָגראָמען.

די איינגעשטעלטע נאַרמעס, וואָס שפּילן אַזאַ גרויסע ראָל אין לעבן פון מאַסן, זיי טאַקע צעברעכט דער המון.

מאַסע באַשטייט פון עם־ארצים און טאַקע לויט דער בעסטער דעפיניציע פון דעם באַגריף וואָס עס גיט דער רמב״ם אין זיין פירוש אויף דעם מאמר שבעה דברים בגולם: „עם הארץ הוא איש שיש לו מעלות המידות אבל אין לו מעלות שכליות, רצוני לומר שיש לו דרך ארץ ואין בידו תורה״. המון איז אָבער גראָביונגיש.

עס איז נישט שווער פאַרויסצוזען, ווי עס וועט האַנדלען אַ מאַסע אין אַ געגעבענער סיטואַציע. עס איז אָבער אוממעגלעך פאַרויסצוזען די האַנדלונגען פון אַ המון. זיי זענען נישט אָפּהענגיק פון אים אַליין, נאָר דערפון ווי מען האָט אים אָנגערייצט. אַט מאַכן קאָזאַקן פּאָגראָמען אויף יידן און אַט פאַלט מיר אויפן האַלדז אַ קאָזאַקישער אָפיציר מיך קושן און ער וויינט אויפריכטיק „אונדז האָט מען גערייצט אויף יידן״ (עס איז געווען ביי דעם אויסברוך פון קערענסקיס רעוואָלוציע אין פּעטראָגראַד) און דער זעלביקער האָט אין אַ חודש אַרום גע־קאָנט זייער אויפריכטיק נעמען אָנטייל אין דעניקינס צי אין וראַנגעלס פּאָגראָ־מען אויף יידן. אַט צינדט דער רעוואָלוציאָנערער המון אונטער אין דעם זעלביקן פּעטראָגראַד אַלע פּאָליציי־צירקלען און מען וואַרפט אין פייער „פרעהס פאַר־מעגן״ און אַז מיר בעטן זיך ביי אַט די „רעוואָלוציאָנערן״ דאָס פאַרמעגן, וואָס געהערט דאָך שוין צום פאָלק, נישט צעשטערן — גיט מען אויף אונדז אַ בייזן קוקעלע און ס'זייט זיך אַרויס פון צווישן די ציין: איר חברים־זשידעס, גיט זיך נאָר אַ רוק אָפּ, וואָרום... עס קען ערגער ווערן פאַר אייך״... המון קען היינט שרייען „עס זאָל לעבן טראָצקי״ און אויף מאָרגן זאָל ער בענטשן די האַנט, וואָס האָט געמאַכט אויס פון זיין לעבן, פון דעם „פאַרעטער״. און זיכער וואָלט גע־ווען פּונקט פאַרקערט, ווען אַט דער גענימאַלער טריבון וואָלט געהאַט די סוגעס־טיע אויף די המונען... דער המון קען היינט מאַכן פאַראַד־אויפנאַמעס פאַר איציק פעפערן און מאָרגן וועט ער בענטשן די וואָס האָבן אים אומגעבראַכט. היינט וועט מען שרייען קדוש פאַר מדינת ישראל און מאָרגן וועט מען וואַרפן אויף איר בלאָטע און שטיינער. המון איז סוגעסטיוו, היפּנאָז, המון האָט אַלע מאָל אַ „פירער״. אַלצאיינס, ווער ער איז, וווהין און אונטער וואָס פאַר אַ פאָן ער פירט אים.

דער עמעצער וואָס רייצט אויף דעם המון מיט זיין אָנוועזנקייט אַליין קען זיין פאַרשיידן. אין אַמעריקע זענען דאָס בעיקר די נעגערס וואָס אויף זיי גיסט זיך אויס די גאַנצע סאַדיסטישע נייגונג פון דעם לינטש־המון. אין מזרח־אייראָפּע

זענען דאָס געווען די ייִדן, וואָס זענען תמיד געווען דער קרבן פון יעדער אויפֿ־גערייצטקייט. וואָס עס זאָל נישט זיין — אַלעמאָל פֿלעגט זיך עס אויסלאָזן צו אונדזערע קעפּ. אָבער ווייט נישט אַלע מאָל איז דער קרבן פון המונישע ווילדע דראַנגען דווקא דער שוואַכער, ווי דאָס איז דער פֿאַל מיט ייִדן און מיט נעגערס. אין צאַרישן רוסלאַנד זענען אָפּט דווקא די פּריצים געווען דער קרבן. איטלעך מאָל זענען פֿאַראַן סיבות וואָס באַשטימען דעם קרבן, און נישט דווקא עקאָנאָ־מישע סיבות. אמת, עס איז קלאָר, אַז די געדריקטע קלאַסן, די מער אומצופרי־דענע, ווען זיך גיכער לאָזן אָנהעצן, אָבער דאָס איז אַ סעקונדערער פֿאַקטאָר. דער פּרימערער, ערשטיקער דראַנג, דער בראשית איז דער סאַדיזם, דער דראַנג זיך צו פֿאַרווײַלן מיט יענעמס ווייטיקן און קראַמפּן. פֿאַראַן זאַכן וואָס זענען פֿאַר אונדז נישט צום באַגרײַפֿן, אָבער די פֿאַקטן זענען שטאַרקער פֿון אונדזערע באַגריפֿן: מענטשן זענען דאָך געווען פֿעיִק צו נעמען קליינע קינדער פֿאַר די פּיס־לעך און פֿונאַנדערפּאַכן מיט דעם קערפּערל כדי „בעסער" צו צעשמעטערן דאָס מוחל אָן אַ וואַנט, צי אָן אַ בוים... מיר פֿאַרשטייען נישט ווי מענטשן קענען דאָס, אָבער פֿאַרפֿאַלן, עס זענען דאָך פֿאַקטן! האָט מען דאָך אין הויט פֿון מענטשן אײַנגעבונדן ביכער און געמאַכט אַבאַזשורן... און מסתמא לויט די בעסטע עס־טעטישע מוסטערן. וואָרום אָט די המונישע מענטשן קענען אין אַנדערע צושטאַנדן זיין „נאָרמאַל" אין מענטשלעכער אײַנגעשטעלטער געזעלשאַפֿטלעכקייט, גע־טרייע פֿאָטערס פֿון משפּחות, נאָר עפּעס איז פֿאַראַן אַ קנייטש אין דער נשמה, וואָס מאַכט די מענטשן גרינג אַריבערצוגיין אין צושטאַנד פֿון המון. ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז די הויפּט־סיבה פֿון מלחמות איז אָט דער המונישער דראַנג צו סאַ־דיזם: מענטשן ווערן „אויסגעהונגערט" נאָך פֿאַרבאָטענע בלוטדורשטיקע פֿאַר־ווײַלונגען. „עס ווילט זיך אַ הולע טאָן" פֿלעגן זאָגן רוסישע שקצים, מאַכט מען געשלעגן, כלומרשט שפּילערייען, מאַכט מען מלחמות אויף „מלחמה־טעאַטערס" (אָט דאָס וואָרט איז פֿאַר אונדז אַ פּסיכאָלאָגישער שליסל!). עס איז אַ מין שיכּרות, נאָר נישט נאָך בראַנפֿן. דאָס יאָגן זיך נאָך מעגלעכע קרבנות קלייבט צוזאַמען באַנדעס, שייקעס. דאָס איז איינער פֿון די פֿאַקטאָרן, וואָס ברענגען מענטשן אין קוקלוקס־קלען, אין פֿאַרשיידענע דיווערסיע־אָרגאַניזאַציעס וכדומה וכדומה. די סיבות וואָס באַשטימען דעם קרבן זענען אַליין אַ פּראָדוקט פֿון אײַנ־געגעסענער טראַדיציע: ווי קענען די דרום־שטאַטן אין אַמעריקע קוקן אויף נע־גערס ווי אויף גלײַכע מענטשן, ווען מען האָט זיי הונדערטער יאָרן געקויפֿט און פֿאַרקויפֿט ווי בהמות? קען דען אַ קאַץ גלײַכגילטיק קוקן אויף אַ מויז? און אונדזערע שכנים־פֿעלקער אין מזרח־אייראָפּע, אין דייטשלאַנד, האָבן דען גע־קאָנט קוקן אויף אונדז אַנדערש ווי אויף „זייערע" פּערספּעקטיווע קרבנות? אָט דאָס שלאָגן אונדז איז אַן אײַנגעגעסענע געוווינהייט פֿון דורות. נישט מיט

פּראָפּאַגאַנדע און מיט ווערטער קען מען אויסראָטן דעם אַנטיסעמיטיזם פון פעלקער... מלחמות און רעוואָלוציעס זענען טיילווייז אַ רעזולטאַט פון דעם וואָס מען זוכט אויס אַ „לעגאַלע" פאָרמע צו באַפרידיקן אַלע אומלעגאַלע דראַנגען.

און די אינקוויזיציע איז זי דען ווידער נישט אַ לעגאַלע, רעליגיעז־פאַרהייליקטע פאָרעם פון באַפרידיקן אומלעגאַלע סאַדיסטישע דראַנגען? האָט די רעליגיע אין זיך עלעמענטן פון סעקס, אַמאָל דירעקטע און שפּעטער פאַרסימבאָליזירטע, האָט זי אַקוראַט אַזוי אַריינגענומען אין זיך עלעמענטן פון רציחה־דראַנג, פון סאַדיסטישע נייגונגען. המון וואַרט נישט תמיד אויף לעגאַליזאַציע פון זיינע דראַנגען. ער לעגאַליזירט זיי אַליין און דאָס זענען די „בונטן", אַנפאַלן וכדומה.

פאַראַן פעלקער וואָס זענען מער געניגט צו המוניזם און אַנדערע וואָס זענען מער מאַסיוו און ווייניקער געניגט צו המונישע האַנדלונגען און מעשים. די לעצטע זענען מער אינערט, מאַסע איז דאָך, ווי געזאָגט, אינערץ און די אינערץ אין געזעלשאַפטלעכן לעבן איז דאָך טראַדיציע און שטייגער. די דאָזיקע פעלקער זענען דאָס די „קאַלטע לונג און לעבערס", זיי צינדן זיך שווער אָן, אַלעמאָל געלאַסן, נישט אויפגערעגט, אָבער זייער געדולד איז לאַנג און דויערנדיק. מען קען וועגן זיי זאָגן, אַז זיי זענען קאָנסערוואַטיוו, אָבער עס איז נישט אינגאַנצן ריכטיק. פּראָסט, זיי קענען שווערע איבערלעבונגען איבערטראָגן רויקער, קעלטער. מיר דאַכט זיך, אַז דאָס ענגלישע פאָלק איז אָט אַזאַ מאַסיוו, גייסטיק איינגעזעסן, געלאַסן פאָלק. קענען סאָציאַליסטן גיין צום סאָציאַליזם ביי זיי מיט אַ קיסר און אויף אַ פרידלעכן וועג. און אַז עס איז די צייט נישט פּאַסיק, קען מען וואַרטן: נישקשה, די מענטשהייט האָט געוואַרט ביז איצט, וועט זי איצט אויך מוזן וואַרטן. מען איז נישט „דוחה את הקץ". די דייטשן האָבן בעת דער מלחמה געהאָפט אויף אומרוען אין ענגלאַנד און, — זיך שטאַרק אָפּגענאַרט: זיי קען מען נישט אַרויספירן פון געדולד מיט צרות... אַנדערע פעלקער זענען נישט אין פאַרגלייך מער געניגט צו המונישקייט. איך האָב נאָך פון אַמאָל שטאַרקע סימפּאַטיעס צו דעם רוסישן פאָלק און צום רוסישן פאָלקסמענטש, אָבער — די אַמאָליקע אָפטע פויערים־בונטן האָבן אָן באַוווסטזיין זיך טראַנספאָרמירט און זיי האָבן געגעבן אין גאָר אַ גרויסער מאָס דעם פּרצוף פון דער רעוואָלוציע. יענע אַמאָליקע בונטן האָבן איינגעפלאַנצט די נייגונג צו המונישע אויפברויזן. לאַנג פאַרגעסן זענען יענע אַמאָליקע בונטן, אָבער אין כאַראַקטער פון פאָלק איז זייער השפּעה געבליבן. אַ פאָלק בייט נישט אַזוי גיך זיין כאַראַקטער.

די מאַסיווע פעלקער האָבן זייער דיסציפּלין אין זיך, זיי פאַרשפּאָרן מען זאָל זיי דאַרפן היטן, עס איז דאָס וואָס מען רופט אין פּעדאַגאָגיק אינעווייַ־

ביקסטע דיסציפּלין. די המונישע פעלקער האָבן נישט קיין אינעווייניקסטע איינ־האַלטער, זיי נייטיקן זיך אין אַ דיסציפּלין פון דרויסן, אין דער אָדער אין יענער פאָרעם. המון איז דאָך בכלל אָפּהענגיק פון „פירער", פון דעם דעמאַגאָג, פון דעם אויפהעצער, פון דעם אויטאָריטעט, נאָך וועמען דער המון לויפט נאָך. נאָר אַזאַ שטאַרקער אויטאָריטעט, צי אַ פרייער (ווי דער רבי ביי חסידים), צי אַן אַרויפגעצוווּנגענער מיט אַן אייזערנער האַנט קען אָנפירן מיט אַ המון און ריכטן וווּהין ער וויל.

המון איז אַ הריגה פאַר דעמאָקראַטיע. המונים פאַרוואַנדלען יעדע דעמאָ־קראַטיע אין טאָטאַליטאַריזם, אין אַ ממשלה פון פירער. און דאָס איז נישט בלויז אין פּאָליטישן לעבן פון מדינות, נאָר אויך אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

מען וווּנדערט זיך אָפט און מען פרעגט: פאַרוואָס זענען אַמאָל ביי אונדז געווען נביאים און איצט נישטאָ? שוין אַ סך דורות ווי נסתלקה הנבואה מישראל, נישטאָ מער קיין נביאים. פאַרוואָס זענען נישטאָ קיין גייסטיקע אויטאָריטעטן, קיין מענטשן וואָס מען הערט זיך צו צו זייער וואָרט הגם זיי זענען נישט רייך און נישט מעכטיק און נישט שטאַרק מיט אַ פּאָליטישן כוח?

איז די פראַגע זייער אַ וויכטיקע, וויכטיק פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון פאָלק בכלל: אַ נביא קען זיין אַ מענטש ווען מען הערט זיך צו צו אים, ווען ער האָט אַן אוידיטאָריע, אַזוי צו זאָגן מיט אַ היינטיקער טערמינאָלאָגיע. אַ רבי קען זיין ווען עס זענען דאָ תלמידים און עס קען זיין אַמאָל אַ גרויסער מענטש, אַ פּאָטענציעלער רבי וואָס איז עס נישט, ווייל ווי די גמרא רופט עס אָן „לא אכשרא דרא" — דער דור איז נישט מסוגל געווען אויפצונעמען אַזאַ רבין. אָט האָט אין אַ קליין שטעטעלע אין ווילנער געגנט געלעבט אַן אַלטער שוואַכער רב, אָרעם און דאָך געווען אַן אויטאָריטעט ביי ייִדן (דער חפץ חיים), געווען אין ארץ ישראל ערגעץ אין בני ברק צי ערגעץ אַנדערשוווּ אַן אַלטער שוואַכער און אָרעמער רב פון ווילנע און בן־גוריון איז געפאָרן צו אים פּועלן עפּעס. אין וואָס איז געווען זיין כוח? — אין דעם וואָס עס זענען געווען אַ סך טויזנטער ייִדן וואָס זיין וואָרט איז פאַר זיי מאָסגעביק. דאָ איז געווען דער כוח פון דער אַל־טער ייִדישער רעליגיע. זי האָט עס צעמענטירט אַ ייִדישע מאַסע, און די אָדער יענע מאָראַלישע פּערזענלעכקייט האָט עס סימבאָליזירט די גאַנצקייט פון דער מאַסע, איר באַהעפטיקט. די וועלטלעכע ייִדישקייט האָט צום באַדויערן נישט געהאַט אַזאַ פּערזענלעכקייט. פאַרוואָס? — ווייל זיי — די וועלטלעכע ייִדן — האָבן נישט געשאַפן אַזאַ מאָראַליש באַהעפטע מאַסע. זיי זענען געווען גאַנץ היפּש אין צאָל, אָבער נישט גענוג מאַסיוו באַהעפט צווישן אַנאַנד. די המוני־זאַציע פון אונדזער פאָלק איז די וויכטיקסטע סכנה פאַרן קיום פון פאָלק. עס איז געגליכן צו אַ פעסטן שטיינערנעם מאַסיוו וואָס ווערט אויסגעוויטערט און

פאַרוואַנדלט זיך אין קופּעס באַזונדערע זעמדעלעך. פון פעסטן פעלדז קען מען בויען, פון זאַמד אָבער ווי קען מען בויען?

די חסידישע באַוועגונג, וואָס איז לכתחילה געווען אַזוי דעמאָקראַטיש, עס איז דאָך געווען די רעהאַביליטאַציע פון דעם וואַסערטרעגער און האָלצהעקער, איז מיט דער צייט דעגענערירט געוואָרן צוליב דעם צדיקיזם. דעמאָקראַטיע פאַרזיכערט די רעכט פון איטלעכן, פון דער מינדערהייט, פון אַ יחיד אַפילו, צו לעבן ווי ער וויל און צו דענקען ווי ער דענקט. דער המון קען נישט דערלאָזן און וויל נישט דערלאָזן אַזאַ פרייהייט פון דער מינדערהייט. יעדער יחיד מוז ווי אַ זעמדעלע אין שטורעם זיך טראָגן מיט דעם גאַנצן וואָלקן זאַמד. דער המון וויל נישט וויסן פון קיין רעכט פון יחיד נישט מיטצוגיין, מיטגעטראָגן צו ווערן מיט דעם וואָלקן. עס איז כלומרשט דאָס רעכט פון דער מערהייט צו באַהערשן די מינדערהייט, באמת אָבער שטעקט דאָס רעכט טאַקע אין כוח. ווער ס׳האָט דעם כוח צו צווינגען — דער ווערט שוין די „מערהייט", וואָס באַהערשט און באַצווינגט אַלע אַנדערש־דענקענדיקע. די מדרגות ווי אַזוי דעמאָקראַטיע גייט איבער צו טאָטאַליטאַריזם און צו דיקטאַטור זענען אָט די: מערהייט — רעכט — רעכט — מאַכט; מאַכט — גוואַלד, צוואַנג. דער המון פאַרטראָגט נישט קיין אַנדער געדאַנק, עס רעגט אים אויף, גייט ער און שטיקט יעדן „טריפֿן" געדאַנק. מ׳אַסע אָבער קען לעבן בשלום מיט אַנדערע מאַסן, מיט אַנדערש־דענקנדיקע און אַנדערש־לעבנדיקע. מאַסע איז טאָלעראַנט. טרעפט איר אַ מענטשן וואָס רעגט זיך אויף און ער קען נישט פאַרטראָגן קיין קעגנערישע מיינונג, טאָ זייט וויסן, אַז דער מענטש איז גענייגט צו המונישקייט. מיט אַ יאָר זעכציק צוריק איז געקומען אַ ייִד אַן אומבאַקאַנטער, נישט קיין באַוווּסטער שרייבער און האָט אין דער גרעסטער ייִדישער צייטונג דעמאָלט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל „ניין, נישט דאָס איז דער וועג" און זיך נאָך דערצו אונטערגעשריבן מיט אַ מאָדנעם פּסעוודאָנים „איינער פון פאָלק"... און דאָס אַרטיקל איז געוואָרן אַ תקופה אין ייִדישן דענקען. אַזאַ איז געווען דער בראשית פון אחד העם. אַזוי האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן און צו ווירקן ווי אַ לערער, אַ וועגווייזער. קען מען זיך פאָרשטעלן עפּעס אַזוינס איצט? קען דען עמיצער קומען מיט אַ שאַרפער קריטיק פון ציוניזם, למשל, און מען זאָל אים דרוקן, הגם קיינער קען נישט דעם מחברס נאָמען, מען זאָל אים לייענען, מען זאָל אים מיט זיין רעדאַקטאָר נישט פאַרשטיינען? און דרוקן זאָל זיך דאָס אין אַ ציוניסטישער צייטונג דווקא! קודם־כל וואָלט מען אַזאַ אַרטיקל פון עפּעס „איינעם פון פאָלק" אַפילו נישט געלייענט אין רעדאַקציע. צווייטנס, אויב עס וואָלט זיך שוין יאָ ביים רעדאַקטאָר געפונען אַ חשק איבערצולייענען דעם טשיקאַווען אַרטיקל פון אַן אומבאַקאַנטן מענטשן, וואָלט מען עס זיכער נישט געדרוקט, מחמת דער אַרטיקל וועט אַרויס־

רופן אַן „אומצופרידנקייט ביי דער מערהייט לייענער". ווען דער רעדאַקטאָר וואָלט נאָך געהאַט געדולד, וואָלט ער דעם מחבר אָנגעשריבן בערך אַזאַ בריוול: אייער אַרבעט איז מיר געווען אינטערעסאַנט, אָבער דרוקן קען איך זי נישט בשום אופן. און דערמיט וואָלט זיך געענדיקט די קאַריערע פון אַ צווייטן אחד העם. און ווער קען פאַרזיכערן, אַז אַזוינע ייִדישע דענקער, וואָס זענען דער־שטיקט געוואָרן נאָך איידער זיי זענען געקומען צום וואָרט, זענען ביז איצט שוין נישט געווען אין די צענדליקער ביי אונדז?

מיט איין וואָרט: המונישע נטיות אין געזעלשאַפט פאַרוואַנדלען יעדער דעמאָקראַטיע אין אַ דיקטאַטור פון דער מערהייט. און אַט די „מערהייט" איז אויך נישט קיין זאַך, וואָס וואַקסט אויס פון זיך אַליין. מען שאַפט זי דורך אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. און דאָ איז דאָס באַשערטע אָרט פאַר אַלערליי דעמאַגאָגן, פּאָליטיקאַנער און אַלע יענע פּאַרשוינען, וואָס זענען אַ מאָדערנע אויפלאַגע פון די אַמאָליקע „שטאָט־בעלי טובות", אַרויפצוכאַפּן זיך רייטן אויף דער „בידנער קליאַטשע", גאָר, גאָר אַזוי ווי אין די שנים קדמוניות, ווען מענ־דעלע האָט גענומען זיי אויסקערן מיט זיין אייזערנעם בעזים. אָבער ביי היינ־טיקע באַדינגונגען אין ייִדישן לעבן וואָלט דאָך אַזאַ מענדעלע אויך נישט גע־קאָנט געמאָלט זיין... אַט אַזוי ווערט פון דער „דיקטאַטור פון דער מערהייט" אַ דיקטאַטור פון אַ גרופּע, פון אַ פּיפּיקן יחיד, אַ „פירער". און די מאַכט פון אַזוינע יאָ אָדער נישט געקרוינטע פירערס איז נישט אין פאַרגלייך אַבסאָלוטער ווי עס איז געווען דער אַבסאָלוטיזם אַליין. מעג אָפיציעל דאָס וואָרט „דעמאָ־קראַטיע" נישט אַראָפּגיין פון מויל, איז עס דאָס פאַרקערטע פון דעם. דאָס איז דער גורל פון אַ שיינער אידייע, ווען זי פאַלט אַריין אין אַ המונישע געזעל־שאַפטלעכקייט. קען דאָס ענגלישע פאָלק מיט אַ קיסר האָבן אַ סך אַ ברייטערע און טיפערע פרייהייטלעכע דעמאָקראַטיע איידער אַ סך היינטיקע רעפּובליקן. אַוודאי איז בימי הצאַר אין רוסלאַנד אינעווייניק אין ייִדישן לעבן געווען נישט אין פאַרגלייך מער פרייהייט און מער מעגלעכקייטן פאַר דעם יחיד, פאַר דער קלענסטער מינדערהייט צו קומען צום וואָרט, געהערט צו ווערן, אַקטיוו צו זיין אין דער געזעלשאַפטלעכקייט, איידער עס איז איצט ביי ייִדן אין פרייע דע־מאָקראַטישע לענדער.

דעמאָקראַטיע, פרייהייטן, רעכט פון די מינדערהייטן, אמתע פרייהייט פון וואָרט געזאָגט צו ווערן און נאָך מער — געהערט צו ווערן — דאָס אַלץ איז מעגלעך נאָר אין געזעלשאַפטן פון אַ מאַסן־כאַראַקטער, אָבער נישט אין המונים.

אַזוי אַרום קומט אויס, אַז דעמאָקראַטיע איז נישט אַזויפיל אַ פּאָליטישע פראַגע ווי זי איז אַ פּראָבלעם פון קולטור און דערציִונג: ווי צו פאַרמיידן המו־ניזאַציע פון מענטשן, פון גאַנצן מענטשלעכן לעבן. וואָס העלפן די גוטע דעמאָ־

קראַטישע געזעצן, אַז די מ'ענטשן זענען המוניזירט און זיי וואַרטן בלויז אויף דעם ווער עס זאָל פאַרכאַפּן די לייצעס?...

מיט דעם וווקס פון דער טעכניק ווערט די פּראָבלעם פון דעמאָקראַטיע אַלץ שווערער, אַלץ קאָמפּליצירטער: די טעכניק שטייגערט די גרויס־פּראָדוקציע. די לעצטע אוניפאָרמירט די מיטלען און די פאָרמען פון לעבן אין די היימען און אין גאַס. דאָס ווידער אוניפאָרמירט די זיטן, די געוווינהייטן און לסוף ס'דענקען פון מענטשן.

די טעכניק האָט אויך געשאַפן גאָר אַנדערע מיטלען פון פּראָפּאַגאַנדע: די מיליאָניקע פּרעסע, ראַדיאָ, קינאָ — דאָס אַלץ העלפט נאָך מער צו אוניפאָרמירן די מענטשהייט, און פון דער צווייטער זייט אַנולירט עס לגמרי די פּאָליטישע פרייהייט און די פרייהייט פון דענקען: נו, יאָ, זיכער האָט יעדער דאָס רעכט צו זאָגן פאַר דער גאָרער וועלט זיין געדאַנק, — נאָר, פּרובירט נאָר... אַז מען דאַרף גאָר דערצו האָבן מיליאָנען, און אַז דו האָסט עס נישט, טאָ שטום. און אָט די אַלע פּראָפּאַגאַנדע־מיטלען ווערן דאָך קאָנטראָלירט. באַקומט זיך די אַלטע מעשה: ווער עס האָט די מאה, דער האָט די דעה. און דאָס אַלץ צוזאַמען המוניזירט אַלץ מער און מער די מענטשהייט.

דער זינען פון דעמאָקראַטיע מוז זיך איצט בייטן: נישט די רעכט פון מערהייטן, נאָר די רעכט פון מינדערהייטן דאַרף זיין איר לאָזונג, די רעכט פון די שוואַכע, די רעכט פון די וואָס דענקען אַנדערש, פאַרזיכיקער. די טעכניק וואַרפט אַרויס אויפן מאַרק אַלץ נייע און נייע זאַכן, זי ענדערט צו אָפט די נאָרמען און דעם שטייגער פון לעבן, זי לאָזט נישט איינשטעלן זיך קיין טראַדיציעס, במילא שוואַכט זי אָפּ דאָס מאַסיווע אין לעבן, העלפט זי דער המוניזאַציע. דערציִונג פאַר אמתער דעמאָקראַטיע ווערט אָביעקטיוו אַלץ שווערער, מאַכט, אַז די שטאַרקע אויף דער וועלט לאָזן נישט: זיי באַמיִען זיך צו המוניזירן דאָס פאָלק, אַנגעהויבן פון די קינדער. די פּראָבלעם פון אמתער דעמאָקראַטישער דערציִונג פאַר זיך אַליין איז זייער אַ ברייטע, און מיר האָבן זי דאָ נאָר אָנגערירט פאַרבייגייענדיק.

מיר האָבן אויבן געשריבן, אַז אַ מאַסיווע געזעלשאַפט, אַ מאַסיווו פאָלק האָט אַן אינעוויינינקסטע דיסציפּלין, בעת המון איז אונטערגעוואָרפן דרויסנדיקע סטימולן און דרויסנדיקער דיסציפּלין. דאָס ייִדישע פאָלק האָט מער ווי צוויי טויזנט יאָר געלעבט מיט אַ ריין־אינעווייניקסטער דיסציפּלין. קיינער האָט נישט געהייסן און נישט געצווונגען ייִדן צו היטן די מצוות און אָפּצוהיטן זיך פון עבירות, קיינער האָט נישט אָנטונג געגעבן, צי ייִדן פירן זייערע היימען כשר צי נישט. קיינער האָט נישט געטריבן ייִדן צו גיין אין פייער אויף קידוש השם. דאָס אַלץ איז געווען אַן אינעווייניקסטער טריב, אַן אינעווייניקסטע דיסציפּלין

און זי האָט עס אויפגעהאַלטן דעם קיום פון פאָלק, און אויפגעהאַלטן בעסער איך פעסטער ווי דאָס איז געווען ביי אַלע אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן מיט אַ דיסציפּלין פון דרויסן, מיט אַ רעזשים און מיט אַ מאַכט, וואָס האָט גע־צוווּנגען. דער פאַקט איז, אַז פון די פעלקער, וואָס זענען אַרויס אויף דער גע־שיכטלעכער אַרענע אין איין צייט מיט דעם ייִדישן פאָלק, איז קיינער מער נישט געבליבן. אַלע מעכטיקע ריזן פון דער וועלט, די „האַמערס פון דער גאַ־רער וועלט" — אַלע זענען גלייך אונטערגעגאַנגען ווי נאָר זייער מאַכט, דער רייף וואָס האָט זיי צוזאַמענגעהאַלטן פון דרויסן, איז אַפּגעשוואַכט געוואָרן. נאָר די אינעווייניקסטע דיסציפּלין אין אויפפיר, אין שטייגער האָט אויפגעהאַלטן דעם קיום פון ייִדישן פאָלק. דאָס האָט געטאָן נישט די תורה שבעל פה און שבכתב נאָר די תורה שבמעשה. „לימוד גדול שהלימוד מביא לידי מעשה" (קדו־שין מ׳). אָט די תורה שבמעשה האָט דאָס פון ייִדישן פאָלק געשאַפן דעם „גייסטיקן מאַסיוו", וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער און דויערנדיקער פון אַלע פיזישע מאַסיוון.

עס גייט איצט אָן אַ מחלוקת ביי ייִדן וואָס עס איז איצט דער עיקר אין ייִדישן לעבן: צי עס איז דער עיקר די מדינת ישראל אָדער די ייִדישע קולטור אין אַלע ייִדישע ישובים. זאָג איך „גדולה המדינה, שמביאה לידי ייִדישע קול־טור". מיר האָבן אין דער ייִדישער געשיכטע געהאַט אַ מדינה, און זי האָט נישט געהאַלפן דעם קיום פון פאָלק. פאַרקערט, איז אַלע מאָל ייִדישקייט געבראַכט געוואָרן פון גלות אין דער מדינה אַריין. אַלע מאָל האָט דווקא דער גלות אויס־געשמידט דעם ייִדישן שטייגער, וואָס ער איז תמיד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ תורה, אין דער רעליגיע פון פאָלק און ווי אַזאַ ווערט זי געבראַכט אין דער מדינה. די לעצטע, די מדינה, איז ווייט נישט אַלע מאָל בכוח איינצוהיטן און אָפּצוהיטן די תורה שבמעשה. די מאַסיווקייט פון ייִדנטום ווערט שוואַכער און דאָס פירט צו אונטערגאַנג אויך אין ישראל, נישט ווייניקער ווי אין די גלותן, וואָס קענען זיין שטאַרק אין תורת ישראל, אָבער זיי זענען שוואַך אין „מעשה ישראל", ווייל „לא המדרש עיקר אלא המעשה". אַז פאַר זיך אַליין איז אַ ייִדי־שע מלוכה קיינמאָל נישט געווען קיין גאַראַנטיע פאַר ייִדישער מאַסיווקייט און קיום, איז קלאָר פון דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע, איבערהויפּט פון דער מלכות ישראל. דער פאַקט איז אויך געווען באַקאַנט די חכמי התלמוד: „בתחילה כשנשתכחה תורה מישראל עלה עזרא מבבל ויסדה; חזרה ונשתכחה, עלה הלל הבבלי ויסדה, חזרה ונשתכחה, עלו ר׳ חייא ובניו ויסדוה" (סוכה כ׳ א׳).

מיר ווילן אָבער גלייבן, אַז איצט, צוליב אַ סך ספּעציפישע סיבות, וואָס נישט דאָ איז דאָס אָרט וועגן זיי צו ריידן, איז מדינת ישראל אַ גוטע ראַם איינצוהאַלטן די מאַסיווקייט פון ייִדישקייט און דאָ ליגט איר וויכטיקייט.

נישט געקוקט אָבער אויף דער וויכטיקייט פון דער פעסטשטעלונג, אַז די שטייגערישע מאַסיוּוקייט איז געווען דער כּוח פון קיום האומה ביי ייִדן, און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אָט די מאַסיוּוקייט פון אויפּפיר איז אַ פאַקט, איז דאָך תמיד געווען אין ייִדישן פאָלק אַ שטאַרקע נייגונג צו המוניזאַציע, צו ווערן פון אַ פאָלק צוריק אַן ערב רב.

אויבן האָבן מיר שוין געשריבן, אַז דער איבערגאַנג פון מאַסע צו המון איז נישט אין פאַרגלייך גרינגער ווי פאַרקערט. און דאָס איז פאַרגעקומען אויך ביי ייִדן נישט זעלטן. דער גאַנצער קאַמף פון די נביאים איז געווען אַ קאַמף קעגן המוניזאַציע. דער גאַנצער אויפטו פון די פּרושים שפּעטער איז באַשטאַנען אין דעם וואָס זיי האָבן פאַרוואַנדלט די ייִדן אין איין מאַסיוו. פאַראַן ערגעץ אין מדרש, אַז ביז דעם גלות זענען ייִדן געווען „עדרים, עדרים", באַזונדערע סטאַדעס, געמיינדעס, ערשט אין גלות זענען זיי געוואָרן איין עדר, איין גאַנצקייט (איכה רבתי).

עס איז איצט קלאָר פאַר אַלע דענקענדיקע ייִדן, אַז די פּראָבלעם פון אַלע פּראָבלעמען אין ייִדישן לעבן, די פּראָבלעם פון ייִדישער פאָלקישער גאַנצקייט פון דער מאַסיוּוקייט, און דאָס הענגט אָפּ נאָר און נאָר פון דער איינהייטלעכקייט און שטייגער און אין אויפּפיר, פון דער פּראַקטישער קולטור, אַזוי צו זאָגן.

וואָס זענען די סימפּטאָמען פון המונישקייט אין אונדזער איצטיקן לעבן? וואָס זענען די שטריכן, וואָס מוזן באַקעמפט ווערן ווי סימפּטאָמען פון געפערלעכע קראַנקייטן? איינער פון די וויכטיקסטע סימנים פון המון איז די אומטאָלעראַנץ. מאַסע איז געדולדיק און געלאַסן. המון איז אויפגערייצט און צערייצט און ער פאַרטראָגט נישט קיין זאַך וואָס טראָגט זיך נישט פּאַסיוו מיטן שטראָם. עס איז ביי אונדז איצט אין אַלע דעמאָקראַטישע לענדער אַזאַ אומטאָלעראַנץ אין ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַז עס איז פּשוט אַ סכּנה פאַר עמיצן צו האָבן אַ געדאַנק, וואָס איז נישט אין הסכּם מיט דעם וואָס עס איז אָנגענומען. נאָך מער — ווען דו שרייסט נישט אָמן און שפּרינגסט נישט קדוש פאַר די לאָזונגען וואָס די גאַס שרייט, ביסטו אַ זינדיקער — אויב נישט קיין אָפּענער, איז אַ פאַרבאָרגענער, און קיין גרינגערע שטראָף איז פאַר דיר נישטאָ, ווי אויסראָטן דיך געזעלשאַפטלעך. המון איז אָן רחמנות און אָן איינזען. המון דענקט נישט און לאָזט נישט דענקען: שריי מיט אונדז, אָדער בלייב שטום!...

אָט טראָגט זיך אַ המון, ער איז צופרידן, ער האָט אַ יום־טוב — מען פאַרשטיינט אַן אַפּיקורס, מען ראַטעוועט די וועלט פון אַ זינדיקן. און ער, דער המון, יובלט: אי ער האָט הנאה און אי ער האָט אַ מצווה דערביי. און קען נאָך זיין אַ גרעסערע מצווה ווי אומברענגען אַ זינדיקן?... ער האָט געזאָגט, דער גרויסער זינדיקער, ער האָט געשריבן... וואָס ער האָט געזאָגט אָדער געשריבן,

— דאָס ווייס נישט דער המון און דאָס וויל ער אַפילו נישט וויסן — איין זאַך ווייס ער יאָ — געזינדיקט און מען דאַרף אים באַשטראָפן. מיט אַ סאַדיסטי־שער הנאה קוקט ער זיך צו צו זיין קרבן: אַהאַ, וועסטו זאָגן, וועסטו שרייבן וואָס מיר ווילן נישט? און אין אַ טאָג, אָדער צוויי אַרום וועט דער זעלביקער המון טרעטן מיט די פיס זיינע נעכטיקע הייליקייטן און הייליק האַלטן דאָס פאַרוואָס ער האָט נעכטן פאַרשטיינט.

ווי באַקעמפט מען די המוניזאַציע פון יידישן פאָלק?

קולטור איז דער שטאַרקסטער שונא פון המון. נישט בילדונג, מיין איך, נאָר בפירוש קולטור. געבילדעטע מענטשן קענען זייער פיין זיין המוניזירט, קולטור־מענטשן — נישט.

מיר שטייען איצט אין מדינת ישראל פאַר זייער אַ שווערער סדרה פון קיבוץ גלויות. לויט די ריכטיקע רייד פון בן־גוריון איז קיבוץ גלויות וויכטיקער ווי די מדינה (זע: „ישראל״, אייר־סיון תש״י, זייט 10). און דאָס שווערסטע אין דעם טעריטאָריעלן קיבוץ גלויות איז דער גייסטיק־קולטורעלער קיבוץ גלויות. וואָלט געווען דער צווייטער, וואָלט דער ערשטער געווען ווי אַ האָר פון מילך. זענען פאַראַן גרויסע ספקות און חילוקי דעות וועגן דעם טעריטאָ־ריעלן קיבוץ גלויות, פון שאַפן פון יידן אין ישראל אַ גרויסן פיזישן, עקאָנאָ־מישן מאַסיוו. אָבער מען טראַכט גאָר ווייניק, אַז דער וויכטיקסטער עטאַפּ דער־צו איז דער גייסטיקער קיבוץ גלויות — די קולטורעלע איינהייטלעכקייט פון יידן אין פאַרשיידענע ישובים איבער דער וועלט. און אָט די קולטורעלע „מאָ־סיוויזאַציע״ איז מעגלעך נאָר דורך דער פאַרפעסטיקונג פון דער יידישער קול־טור־טראַדיציע. די קולטורעלע שעפערישקייט פון יידישן פאָלק, די קולטור־טראַדיציע, איז איינגעשטאַנען בלויז ביי דעם מזרח־אייראָפּעישן יידנטום. און זיין יידישקייט, זיין קולטור איז די איינציקע, וואָס קען ראַטעווען אונדז, פון דער גרויסער סכנה, וואָס עס איז געווען נאָך בשעת יציאת מצרים, פון דעם ערב רב — דאָס איז די איינציקע שמירה קעגן דער המוניזאַציע, וואָס דראָט אַפילו דער מדינת ישראל און נישט אין פאַרגלייך מערער — אַלע אַנדערע יידישע ישובים.

עם־הארצים און גראָבע יונגען

די טעמע מאַטערט מײַן געדאַנק גאַנץ לאַנג. איך האָב זיך עטלעכע מאָל אומגעקערט צו איר און צוריקגעוואָרפן: עס איז אַ סכּנה מען זאָל עס אָנגעמען ווי סתּם אַ קריגן זיך מיט אַן אײַנגעשטעלטן סדר עולם ביי אונדז, ווי אַן אָנפאַל אויף ווער עמען עס איז, — און נישט עס ווילט זיך און נישט עס לוינט זיך אָנצוהייבן מיט מענטשן און מיט אינסטיטוציעס. איבערהויפּט, אַז מען איז ביי אונדז געוווינט צו גלייבן, אַז שרייבן און קריגן זיך זענען כּמעט סינאָנימען. איך אָבער בין מתכּוון נישט חס־ושלום עמיצן פּוגע בכּבוד צו זיין. איך וויל דאָ באַהאַנדלען ווי ווייט איך קען אַקאַדעמיש און ווי ווייט מעגלעך אָביעקטיוו אַ דערשיינונג וואָס איז אָנגעלאָדן מיט אַ סך סכּנות און וואָס קען זיין פאַטאַל פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן קיום.

און אָט די סכּנות וואָס זענען פאַרוויקלט אין דער דערשיינונג הייסן מיר איך זאָל זיך נישט אָפּשטעלן אויף די אומאָנגענעמלעכקייטן וואָס דאָס שרייבן קען ברענגען פאַר אַ טייל לייענער, וואָס וועלן אפשר דערזען זיך ווי אין אַ שפּיגל. אַזוי אויך וויל איך נישט אָפּשטעלן זיך פאַר די אומאָנגענעמלעכקייטן וואָס אָט די „נאַראָנים פון באָד אַרויס" קענען גורם זיין דעם שרייבער. איך בין מוסר מודעה: איך מיין נישט קאָנקרעט קיינעם און איך מיין אַלעמען. עס איז אַ ריין טעאָרעטישע פּראָבלעם און נישט מער.

א.

איך הייב אָן פון סוף: איך זאָג — אונדזער לעבן האָט אַ טענדענץ צו ווערן אויס עם־ארציש און ווערן מער גראָביונגיש, אונדז פעלן אויס עמי־ארצים און מיר הייבן אָן צו האָבן צופיל גראָבע יונגען, — און אין דעם שטעקט זי, די סכּנה, פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן קיום ווי אַ פאָלק, און אויף דער סכּנה וויל איך עס אָנווייזן.

לאָמיר גיין כּסדר:

וואָס איז עס עם־הארץ און ווער איז אַ גראָבער יונג? קודם־כּל מוז קומען די דעפיניציע.

דער טערמין עם־הארץ איז זייער אַן אַלטער און ער ווערט נאָך באַנוצט אין חומש ביים אברהמען (בראשית כג׳ 7). פון דעמאָלט אָן איז עס אַ וואָרט, וואָס

ווערט אָפט גענוצט, איבערהויפּט אין דער תלמודישער ליטעראַטור און אין דער טאָג־טעגלעכער שפּראַך. ווי אַלע טערמינען האָט זיך דער אינהאַלט פון דעם וואָרט פיל מאָל געענדערט. פאַר אונדזער ענין דאָ איז נישט נייטיק צו שטודירן די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג פון דעם באַגריף. מיר ווילן בלויז זיך פאַרנעמען מיט דעם היינטיקן אינהאַלט פון דעם וואָרט. ביי אונדז איז עם־הארץ אַ מענטש אָן וויסן, אַן אומגעלערנטער, אַזאַ איינער וואָס ווייסט נישט „מאי דקאמרי רבי־צין", ער איז טעמפּ אויף אַ שטיקל עברי און איז בכלל נישט קיין מחותן מיט די שוואַרצע פּינטעלעך. ער פירט זיך אין זיין באַשיידענעם לעבן ווי זיינע אבות אבותיו האָבן זיך געפירט און אַזוי פירט ער זיינע קינדער, אָן חכמות און אָן נייעסן. אָן אַ קולטור שבכתב, אָן בילדונג און אָן וויסן, אָפט אַנאַלפאַבעטיש, אָן צו זיין באַוווּסטזיניק אין זיין אָנגעהעריקייט צו אַ באַשטימטער קולטור, צו אַ באַשטימטן פאָלק, איז דער עם־הארץ זייער איינערט אין זיין פיר און אין גאַנצן שטייגער. בכן ווערט דער עם־הארץ דער בעסטער אָפּהיטער פון טראַדי־ציעס פון זיין סביבה. דער רוסישער רעקרוט אַז מען פלעגט אים פרעגן צי איז ער אַ רוס, פלעגט ער ענטפערן: „ניין, מיר זענען פון קאָסטראָמאַ". און נישט געקוקט אויף דעם נאַציאָנאַלן אומבאַוווּסטזיין, זענען די עמי־הארצים די טרעגער פון דער נאַציאָנאַלער שטייגער־טראַדיציע. נאָך מער — זיי זענען אין זייער לעבן און אין געוויינלעכע טאָג־טעגלעכע פירונגען און זיטן אַזוי ענלעך איינער צום צווייטן, אַז זיי שאַפן דאָס די ערשטע שטייגערישע און קולטור־פּסיכישע איינהייט וואָס פון דעם ווערט אַ פאָלק. עמי־ארצים זענען דער בראשית פון אַ פאָלק, זיי שאַפן די שפּראַך פון פאָלק; אין זיי בירגערן זיך איין אירע ערשטע אידיאָמאַטישע אייגנטימלעכקייטן. יעדעס פאָלק ווערט געבוירן פון אַ מאַסע עמי־ארצים. עס שטאַרבט אַ פאָלק וואָס האָט מער נישט קיין עמי־ארצישן מאַ־סיוו. אין דער ווייטערדיקער געשיכטע פון אַ פאָלק זענען די עמי־ארצים די וואָס אין זיי און אין זייער לעבן האָט איר דעם אָפּהילך פון דורות. אין זייער איינערטן לעבן און שטייגער, וואָס ענדערן זיך זייער ווייניק דורך דורות, בלייבן פאַר־מעס, זיטן, כאַראַקטער, געוווינהייטן אין לעבן און אין דענקען. פון דעם שמידט זיך אויס דער כאַראַקטער פון אַ פאָלק און זיין אייגנטימלעכקייט. דער עם־הארץ איז כולו טראַדיציע. עס איז נישטאָ ביי אים לגמרי דער פאַרלאַנג מורד צו זיין אין דער טראַדיציע, צו זיין אינדיווידועל, עפּעס אַריינטראָגן אייגנס אין זיין לעבן. און דערפאַר איז דער עם־הארץ כולו דיסציפּלין און אַחוץ דער נאַציאָ־נאַלער האָט ער קיין צווייטע נישט. איז ער דער שומר מסורת, דער טראַדיציע־היטער פון פאָלק. אין אַ געזעלשאַפט פון עמי־ארצים קען מען לויט איינעם משפּטן וועגן אַלעמען. עס איז זייער שטאַרק געגליכן צו אַ טשערעדע ביי בהמות, און דערפאַר איז איטלעכער עם־הארץ אַ טיפּ, אַ דוגמא פאַר דעם גאַנצן כלל.

ביי עמי־ארצים איז אויך דער כאַראַקטער, דער גייסט פון פאָלק ריין, אָן קיינע צומישונגען. דען דעם גייסט פון קאָלעקטיוו קען מען איינזאַפּן אויף צוויי וועגן: א) לעבנדיק אין שטייגער פון פאָלק אין אַלע זיינע פּרטים, נוצנדיק בלויז זיין שפּראַך, זיינע זיטן, מינהגים וכדומה. דאָס איז דער דירעקטער וועג. מיט די לעבנס־פאָרמען און די נאָרמען נעמט מען אויך איבער אומבאַוווסטזיניק די גאַנצע פּסיכיק פון פאָלק און דעם גערדאַנקען־גאַנג. ב) דער צווייטער וועג איז דאָס אַריינלעבן זיך אין דער געשריבענער קולטור פון פאָלק, אין זיין ליטעראַטור און אין זיין קונסט.

עס קען זיין, אַז וואָסערע עס איז שטריכן גיבן זיך איבער אויך ביאָלאָגיש מיט די פיזישע שטריכן פון דעם פאָלק. אָבער בכל אופן איז דאָס זייער ווייניק, כמעט אומבאַמערקבאַר, אויף אַזויפיל, אַז זיי קענען בשום אופן נישט אַנטקעגנשטעלן זיך די אַנדערע צוויי פאַקטאָרן. מער נישט ווי די היטלעריסטישע ראַסןטעאָרעטיקער האָבן כלומרשט געגלייבט אין די ביאָלאָגישע ראַסן־פאַקטאָרן, אַז מיט זיי איז פאַרבונדן דער כאַראַקטער. פון די ערשטע צוויי פאַקטאָרן, דעם דירעקטן און אומדירעקטן וועג איז אויך דער ערשטער נישט אין פאַרגלייך שטאַרקער. ווען זיי קומען אין קאָליזיע איז כמעט אַלעמאָל גובר דער דירעקטער פאַקטאָר. ווען אַ רוס, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט ווי אַ רוס, האָט זיך אַריינגעלעבט אין דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור און וויסנשאַפט, ווי למשל אַ פּראָפ' קאָקאָווצעוו אָדער — ווי דער באַרימטער פילאָסאָף און אוהב־ישראל וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו — בלייבט ער דאָך פאָרט אַ רוס לויט זיין כאַראַקטער און זיין גייסט. די דייטשישע פּראָפעסאָרן פון ייִדישער קולטור זענען געבליבן דייטשן, ווייל דייטשן זענען זיי דאָך געוועזן דירעקטע.

אויב ביי ייִדן זענען פאַראַן פאַרקערטע פאַלן, אַז ייִדן זענען אומדירעקט, דורך דער קולטור געוואָרן איינגעגלידערט אין אַ פרעמדן פאָלק, זענען תמיד פאַראַן אַנדערע צוגאָב־פאַקטאָרן וואָס ווירקן אָפּצורייסן די יחידים פון זייער פאָלק.

דער דירעקטער וועג — דאָס איז דער וועג וואָס שאַפט עם־ארצים. גוט איז ווען עס קומען זיך צונויף ביידע — דער דירעקטער און דער אומדירעקטער פאַקטאָר, ווען דאָס היימישע לעבן און דערציִונג און בילדונג גייען ביידע אין דער זעלביקער ריכטונג. בכל אופן אָן דעם דירעקטן פאַקטאָר איז זייער שווער אויסצוהאָדעווען ייִדן. מיר ייִדן האָבן אַזוינע דירעקטע ייִדן אָן דעם צווייטן פאַקטאָר אינגאַנצן אָדער כמעט אינגאַנצן געהאַט אין די ישובניקעס, אין די פשוטע המונישע ייִדן, אַפילו אין דער אונטערוועלט. און אָט די עם־ארצישע מאַסע נישט בלויז זי איז דער בראשית פון יעדן פאָלק, נייערט אויך דורך דער גאַנצער געשיכטע פון פאָלק איז זי דער מאַסיוו, וואָס פון אים שאַפן די שעפער

די קולטור פון פאָלק, דאָס איז דער באָדן וואָס פון אים און בלויז אויף אים וואַקסן אויס די קולטור־פּרוכט. די אויסגעוואַקסענע צייטיקע קולטור־פּרוכט, וואָס זענען אויסגעוואַקסן און צייטיק געוואָרן אויף דעם באָדן פון פאָלקס־לעבן, זיי זענען דער אינהאַלט פון דער באַוווסטזיניקער נאַציאָנאַלער דערציִונג, כדי צו ווערן טיילן פון דעם זעלביקן פאָלקס לעבן, פון דעם „באָדן“ אַזוי צו זאָגן. דאָס רופן מיר אָן די נאָרמאַלע קולטור־צירקולאַציע אין אַ פאָלק, וואָס איז אַזוי וויכטיק פאַר דעם נאַציאָנאַלן לעבן פון פאָלק ווי די בלוט־צירקולאַציע פאַרן לעבן פון יחיד, פון יחידישן אָרגאַניזם.

אַ פאָלק, האָט נאָך אַמאָל געלערנט אַ רוסישער געלערנטער, איז אַ מין קאָלעקטיווער „איבעראָרגאַניזם“. איז אין דעם גרויסן קאָלעקטיוון אָרגאַניזם די ראָל פון עם־ארצישן מאַסיוו אין פאָלק די זעלביקע וואָס די ראָל פון די אַלע אינעווייניקסטע אָרגאַנען, וואָס אַרבעטן אויטאָמאַטיש און אומבאַוווסטזיניק. געזונט איז אַ מענטש ווען זיינע אינעווייניקסטע אָרגאַנען זענען געזונט און נאָר־מאָל אָן דעם ער זאָל אַפילו וויסן פון זייער אַרבעט. אַ פאָלק איז געזונט אויך ווען דער „אויטאָמאַטיש“ לעבנדיקער עם־ארצים־מאַסיוו לעבט נאָרמאַל, נישט טראַכטנדיק און נישט וויסנדיק. און ווי אין יחידישן אָרגאַניזם איז עס דער מוח דער אָרגאַן וואָס מאַכט באַוווסטזיניק דאָס לעבן פון אַלע אינעווייניקסטע אָרגאַנען, אַזוי איז אויך די אינטעליגענץ פון פאָלק דער אָרגאַן וואָס פאָרמולירט אין קונסט און אין וויסנשאַפט דאָס לעבן פון די מאַסן, פון דעם עם־הארץ.

נישט אַלע מאָל איז דאָס צוזאַמענלעבן צווישן דעם עם־הארץ מיט דעם תלמיד־חכם אַזוי פרידלעך שעפעריש. לויט אַ סך ערטער אין תלמוד קען מען מיינען, אַז צווישן דעם „וועגעטאַטיוון“ טייל פון פאָלקס־אָרגאַניזם — דעם עם־ארצישן און דעם באַוווסטזיין פון פאָלק, דעם תלמיד־חכמישן — האָט געהערשט אַ שטאַרקער אַנטאַגאָניזם, כמעט אַ קאַמף. איבערהויפּט איז פול מיט שנאה צום עם־הארץ דער עמוד מ״ט ב׳ פון פּסחים. ער דערגייט אַזוי ווייט, אַז עס שטייט: אָן עם־הארץ מעג מען דערשטעכן אום יום־כיפּור וואָס פאַלט אויס שבת. דאָס זאָגט ר׳ אליעזר. זאָגן צו אים זיינע תלמידים: רבי, זאָגט צו שעכטן. ניין, — זאָגט ער, — צו שחיטה דאַרף מען דאָך אַ ברכה. און אַפילו דאָס פאַרגינט ער נישט דעם עם־הארץ. אָבער אָט דער אַנטאַגאָניזם איז נאָר אַ כלומרשטער. ערשטנס, האָט דער טערמין עם־הארץ דעמאָלט געהאַט אַ צווייטן באַטייט. דאָס איז דווקא אַזאַ וואָס היט נישט אָפּ דעם שטייגער פון פאָלק ווי זיי, די „חברים“, האָבן עס איינגעשטעלט (סוטה כ״ב א׳). צווייטנס, דווקא אָט די גוזמא אַליין ווייזט, אַז די גאַנצע „רציחה“ קעגן דעם עם־הארץ איז נאָר אַ ווערבאַלע, ס׳איז אַ ווערטל אַזאַ, אָן אַ מיין, חס וחלילה, עס מקיים צו זיין. די קעגנערשאַפט צו דעם

עם־הארץ, וואָס היט נישט אָפּ די איינגעשטעלטע פּירונגען פון פאָלק, שטאַמט פון די צייטן פון שיבת ציון, ווען עזרא און נחמיה און די גאַנצע „גולה" איז געקומען פון בבל. די גולה (עזרא ו' 20, 21) האָט געבראַכט פון בבל אַן איינגעשטעלטע נאַציאָנאַלע אַנדערשקייט, אָפּגעשיידטקייט פון דעם שטייגער לעבן פון אַנדערע פעלקער (וכל הנבדל מטומאת גויי הארץ). זיי האָבן אין בבל איינגעשטעלט פון די פּשוטע פאָלקס־זיטן, וואָס דער עם־הארץ אין ארץ ישראל האָט געהאַט פאַרן חורבן, אַ קאָדיפיצירטן נאַציאָנאַלן שטייגער און פון אַמאָליקע פאָלקס־פּאָעזיע און פאָלקס־ליטעראַטור האָבן זיי אין דער גולה געשאַפן די נאַציאָנאַלע „תורה". די „בני הגולה" האָבן מיט זיך פון גלות געבראַכט אַ נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, אַ נאַציאָנאַלן שטייגער און תורה וואָס איז שוין געווען רעליגיעז הייליק. זיי האָבן דאָס אַלץ געשאַפן פון דער עם־ארצישער ייִדישקייט, וואָס זיי האָבן געדענקט פון פאַרן חורבן און דער דראַנג צו נאַציאָנאַלער פאַרזיכיקייט, די בענקשאַפט נאָך דעם וואָס איז אויסגעוואַקסן אין די הערצער דווקא אין גלות — זיי האָבן די בני הגולה געמאַכט קעמפעריש פאַר זייער ייִדישקייט. (עס איז ממש צו באַוווּנדערן דעם גרויסן נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגישן אויפטו פון דעם קורצן גלות!). און געפונען האָבן זיי אין ארץ ישראל, אַז די געבליבענע אין לאַנד ייִדן האָבן אין זיך נישט אַנטוויקלט קיין דראַנג צו קיין שום נאַציאָנאַלער אַנדערשקייט און זיי זענען אין זייער לעבן, אין זייער שפּראַך אויסגעמישט מיט די אַנדערע פעלקערלעך, וואָס האָבן געלעבט מיט זיי צוזאַמען, זיי זענען טמא „בנידת עמי־הארץ", זיי האָבן פאַרגעסן אַלע זייערע אייגנטימלעכקייטן פון שטייגער (נחמיה י' 30, 31; י"ג 23, 24). די „בני הגולה" האָבן געקעמפט פאַר זייער ייִדישקייט, וואָס איז שוין ביי זיי געווען רעליגיעז פאַרהייליקט, קעגן די איינגעזעסענע ייִדן פון ארץ ישראל, וואָס האָבן דעם גלות נישט פאַרזוכט און נישט אויסגעשמידט קיין אייגענע ייִדישקייט, זיי זענען געווען אַסימילירט לגמרי נישט ווייניקער ווי די געבליבענע פון מלכות שומרון. אָט דאָ האָט זיך דאָס אָנגעהויבן דער קאַמף קעגן די „עמי־הארץ" און ער האָט זיך געצויגן דורך דער גאַנצער צייט פון די פּרושים, וואָס האָבן דאָך געשמידט די גאַנצע צייט אַ נאַציאָנאַלע שטייגערישע אַנדערשקייט און האָבן ריגאָריש זיך אָפּגעשיידט ווי „חברים" פון די „עמי־הארץ", וואָס עסן נישט זייער ברויט אין טהרה, וואָס פירן נישט קיין ייִדישן שטייגער לעבן.

שפּעטער אָבער, ווען די פאַרעקשנטע קעגנער פון די פּרושים זענען געוואָרן ווייניקער און די עמי־ארצים האָבן אין זייער שטייגער מער און מער נאָכגעפאָלגט דעם „חבר" (דעם אָפּגעהיטן ייִדן), דעמאָלט איז דער אונטערשייד געווען נישט צווישן ע ם ־ ה א ר ץ און ח ב ר, נאָר צווישן עם־הארץ און תלמיד־חכם, ד"ה דער איז געלערנט און דער נישט, דער אונטערשייד איז געוואָרן

בענטער צו אונדזער הייטיקן באַגריף פון עם־הארץ, עס איז דער אונטערשייד פון ריין אינטעלעקטועלן אינהאַלט, ווער עס איז געלערנט און ווער נישט.

דעמאָלט איז די באַציִונג צום עם־הארץ געוואָרן נישט אין פאַרגלייך מילדער. עס דערגייט אַפילו צו אַ פּראַקטיקער דעפיניציע וואָס מיר קענען הייגט אויך זי אָננעמען אָן שום באַמערקונגען: אויב די תלמידי־חכמים זענען די הענגלעך וויינטרויבן, די פּרוכט, זענען די עמי־ארצים די בלעטער, וואָס אָן זיי וואָלטן קיין הענגלעך נישט געווען (סנהדרין צ״ב א׳). רש״י, וואָס האָט נאָך נישט געקענט וויסן די אמתע ביאָלאָגישע ראָל פון די בלעטער אין אַ געוויקס, דערקלערט אויפן אָרט, אַז די בלעטער באַשיצן די פּרוכט פון ווינט און פון זון. מיר אָבער הייגט קענען נאָך מער אָננעמען דעם פאַרגלייך: די בלעטער שאַפן די אַלע שטאָפן וואָס פון זיי ווערן פּרוכטן. די עמי־ארצים פּראָדוצירן דאָס, פון וואָס די אינטעליגענץ שאַפט די קולטור־פּרוכט.

פּרעכטיק איז די קוואַליפיקאַציע פון רמב״ם. ער, דער גיגאַנט פון אינטעליגענץ, שטעלט דעם עם־הארץ אין דער דריטער מדרגה — „די וואָס באַמיִען זיך אַריינצוקומען אין מלכס הויז און זיי גרייכן נישט אַהין, דאָס זענען די עמי־ארצים וואָס זענען זיך עוסק אין מצוות״ (נישט האָבנדיק דעם מורה נבוכים, ציטיר איך לויט אחד העם, על פרשת דרכים ד׳, „שלטון השכל״).

די גאַנצע געשיכטע פון די יִדישע רעליגיעזע קאָדעקסן ווייזט, אַז דער עם־ארצישער פאָלקס־מאַסיוו איז עס געווען דער מקור פון אַלע דינים און הלכות. די יִדישע רעליגיעזע קאָדעקסן זענען דאָך לגמרי נישט קיין טעאָלאָגישע טראַקטאַטן, זיי זענען דאָך פאַרמולירונגען פון דער נאַציאָנאַלער אָנדערשקייט און אייגנאַרטיקייט אין שטייגער לעבן, אָט אַזוי ווי דאָס פאָלק פירט זיך, ווען עס באַמיט זיך צו היטן זיין אָנדערשקייט. האָבן נאָך אין בבל די סופרים קאָדיפיצירט די זיטן וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך, האָבן שפּעטער אַזוי געפירט זיך אַ סך געזעצגעבער. אַז מען פרעגט הללן אַ דין, ענטפערט ער: איך האָב פאַרגעסן, נאָר לאָזט זיי, די יִדן, אויב זיי זענען נישט קיין נביאים, זענען זיי בני־נביאים. און אַז ער האָט דערזען ווי יִדן טוען, האָט ער זיך דערמאָנט די הלכה (פּסחים ס״ו א׳). אין אַ שפּעטערדיקן דור, ביי די אמוראים, איז פאַראַן אַן אויסדרוק: פּוק חזי מאי עמא דבר (גיי אַרויס און קוק זיך צו ווי דאָס פאָלק איז זיך נוהג. — עירובין י״ד ב׳). אַז דאָס איז געווען דער וועג פון שאַפן די הלכות, די געזעצן — פון פאָלקס לעבן־שטייגער אין די פאַרמולירונגען — דאָס ווייסט נאָך דער אַלטער א. ה. וויס (דור דור ודורשיו, אין אַריינפיר). דאָס וואָרט „הלכה״ גופא מיינט דאָך — גאַנג, מינהג (יאַסטראָווס ווערטערבוך). אַזוי זענען אויך געשאַפן געוואָרן די שפּעטערדיקע קאָדעקסן ווי דער שולחן ערוך, למשל. אַזוי האָט מען געפסקנט נאָך אין די צייטן פון תלמוד, אַז דער „מינהג ברעכט אַ דין״, אַ מינהג

איז שטאַרקער פון אַ הלכה (אַ פאָרמולירטער מינהג). ווען אַ מנהג איז געווען אין קאָנפליקט מיט דער מיינונג פון געזעצשרייבער, האָט ער מבטל געמאַכט זיין מיינונג פאַר דעם מנהג פון פאָלק. אויב מען וויל, קען מען דאָס אויסטייטשן ווי אַ מין דעמאָקראַטיע, אָבער ריכטיקער וועט זיין צו זאָגן, אַז אין דעם ליגט אַ טיפער באַוווסטזיין וועגן דעם ווערט פון דעם פאָלקס שטייגער, וועגן דעם עם־ארצישן מאַסיוו פאַר דעם לעבן און קיום פון פאָלק. האָט זיך דער אַנטאַגאָניזם צווישן תלמיד־חכם און עם־הארץ פאַרוואַנדלט שפּעטער אין אַ „פאָלקיסטישע״ אַכטונג צום זעלביקן עם־ארצישן מאַסיוו און זיין שטייגער אין ייִדישקייט.

און אָט דער פאָלקיזם האָט זיך טאַקע געהאַלטן ביי ייִדן ביז דער השכלה מיט די נאַיווע משכילים, וואָס האָבן אַ לעק און אַ שמעק געטאָן פון פרעמדע ווייַרויכן און זיי זענען אַלע „הציץ ונפגע געוואָרן״ — עס האָט זיי פאַרשאַט און געשאַפן אין זיי אַ נאַציאָנאַלן שיפלות־קאָמפלעקס, און זיי האָבן גענומען „מקצץ בנטיעות זיין״ — ברעכן און שטעכן אַלץ וואָס דאָס פאָלק האָט דערמיט געלעבט.

פון פאָלקיסטישן טעזיס זענען זיי אָפּגעשטויסן געוואָרן ביז דעם דיאַמעט־ראַל ווייטן אַנטיטעזיס. און צום גייסטיקן סינטעז זענען מיר נאָך זייער ווייט.

מיט איין וואָרט — עמי־ארצים זענען דער פונדאַמענט פון דעם פאָלק. דאָס זענען די „פאָלקס מאַסן״, ווי מען האָט עס גערופן אין אָנהייבן פון אונדזער יאָרהונדערט. נאָך ריכטיקער וואָלט געווען צו נוצן דעם טערמין פאָלקס־מאַסיוו. און דאָס מאַסיווע באַשטייט נישט אין די סכומים, אין די צאָלן, הגם זייער אָפט זענען דווקא די סכומים, די צאָלן אויך אַ גרויסער פאַקטאָר צו בילדן דעם פאָלקס־מאַסיוו, זייער אָפט ווערט כמות צו אַן איכות. אָבער דאָך טאָר מען נישט מעסטן די מאַסיווקייט פון אַ פאָלק מיט זיינע מאַסן, צאָלן. ריכטיקער איז עס צו מעסטן מיט דעם סכום געמיינזאַמע און פאַר דעם פאָלק אַלגעמיינע אינהאַלטן אין די פאָרמען פון לעבן. האָט איין פשוטער ישובניק געהאַט אין זיך מער מאַסיווס איידער טויזנטער ייִדן וואָס זייער ייִדישקייט ליגט בלויז אין דער סטאַטיסטיק, אין זייער אָפּשטאַם. איין קליין שטעטל אין פוילן האָט געהאַט אין זיך, אין זיין שטייגער און פאָרמען פון לעבן מער ייִדישע מאַסיווקייט, איידער אַנדערע הונ־דערטער טויזנטער ייִדן אין מאָדערנע ישובים אָן אַן אייגענער שפּראַך, אָן אַן אייגענעם שטייגער און אָן עם־ארצישער ייִדישקייט.

אין זיין פירוש צו פרקי אבות, אויף דעם מאמר „שבעה דברים בגולם״ שרייבט דער רמב״ם: „עם הארץ הוא איש שיש לו מעלות המידות אבל אין לו מעלות שכליות, רצוני לומר שיש לו דרך ארץ ואין בידו תורה והוא הנקרא עם הארץ. רצה לומר שהוא טוב לישוב הארץ ולקיבוצי המדינות מפני שיש לו מעלות המידות״. (דאָס זעלביקע אויף דעם מאמר „לא עם הארץ חסיד״).

לאָמיר נאָך ברענגען דעם משל פון דעם באַרימטן רוסישן געלערנטן טימי־ריאַזעוו אין זיין „דאָס לעבן פון געוויקס״ (פאַראַן אַ יידישע איבערזעצונג פון דוואַרקין, קאַטערינאָסלאַוו). דער המון עם, שרייבט ער, דאָס זענען די טיפע וואָרצלען וואָס אַרבעטן אין דער פינצטער, כדי דער גאַנצער בוים זאָל לעבן און די גלאַנציקע בלעטער און בלומען — די געלערנטע אין פאָלק — מוזן דערפאַר צאָלן מיט זייערע זאַפטן וואָס זיי פּראָדוצירן. דאָס איז דאָס וואָס מיר האָבן פריִער אָנגערופן „די נאָרמאַלע קולטור־צירקולאַציע אין פאָלק״. ווילנע איז גע־ווען ירושלים־דליטא נישט בלויז דערפאַר, ווייל דאָרטן זענען געווען דער ווילנער גאון, דער חיי אדם, דער גר צדק, נישט נאָר דערפאַר, ווייל זי איז געווען די „קרית נאמנה״ (אַזוי רופט זיין מאָנאָגראַפיע וועגן דער שטאָט רש״י פין) נאָר אויך דערפאַר, ווייל אַפילו די יידישע גנבים אין ווילנע האָבן געהאַט זייער „ברודער־פאַריין״ און זייער יידישע עטיק (נישט צו גנבענען ביי לערער, למשל). אויך דערפאַר ווייל פון אירע „לאַבוסעס און גנבים״ זענען אַרויס קאָמפּער און העלדן (זע „וואָס געווען״ פון א. ליטוואַק). ווילנע איז געווען ירושלים־דליטא דערפאַר, ווייל זי האָט געהאַט אַ זייער ברייטן און אַ פעסטן מ אַ ס י ו ן עם־אַרצישן באַזיס פאַר אירע גאונים וסופרים. די ברכה פון אַ ווילנע איז גע־לעגן נישט בלויז אין אירע גרויסע לייט מיט זייערע אויפטוען, נייערט אויך (און אפשר נאָך מער) אין איר יידישן עם־האַרצישן המון־עם, וואָס לעבט און פירט זיך יידיש, ד״ה, לויט דער אייגענער טראַדיציע. דען, לאָמיר עס זאָגן נאָכאַמאָל, די עמי־ארצים זענען דער נאַטירלעכער אומגעלערנטער זכרון פון פאָלק, ווי דאָס איז דער אינסטינקט ביי חיות, און וואָס אָן אים איז בכלל דאָס לעבן אוממעגלעך. דער עם־אַרצישער מאַסיוו דאָס איז דער פולער קעסל וואַסער, — די אינטעליגענץ פון אַ פאָלק — דאָס איז דער דאַמף, וואָס הייבט זיך אויף העכער אין פאָרעם פון אינדיווידואַליזירטע מאָלעקולן. כל־זמן עס איז אין קעסל פאַראַן גענוג וואַסער איז נישטאָ קיין סכנה פון אויסטריקענען. כל־זמן אַ פאָלק האָט גענוג מאַסיווע עמי־אַרצישע מאַסיוון איז נישטאָ קיין סכנה פון אויסטרי־קענען. האָט געקאָנט די השכלה, האָבן געקאָנט סעקטעס און פאַלש־משיחישע באַוועגונגען רייסן שטיקער פון לעבעדיקן פאָלק, און דאָס פאָלק האָט געלעבט. ווען אָבער עס איז אין דאַמף פאַרוואַנדלט דאָס גאַנצע וואַסער, — גיי דעמאָלט, האַלט איין דעם מאַסיוו, ווען עס פעלט שוין אויס דער עם־אַרצישער מאַסיוו, — גיי האַלט איין די גאַנצקייט פון פאָלק! ווען עס דאַרן איין די וועגעטאַטיווע אָרגאַנען אין אַן אָרגאַניזם ווערן אים די גייסטיקע אָרגאַנען נישט אויפהאַלטן מער. די פורמאַנעס, שינדערס, טרעגערס אין נאַוואַגאַראַד אין ווילנע זענען גע־ווען אַ יידיש פאָלק, — טויזנט איינשטיינס ווערן זיין טויזנט איינשטיינס און נישט קיין פאָלק. איין צענדליק יידן פאַריאָגטע אין „געהיימשטאַט״ (אין סוצ־

קעווערס פּאָעמע מיט דעם זעלביקן נאָמען) איז אַ פֿאָלק, — בעת צענדליקער טויזנטער ייִדן אַנדערשוווּ זענען גאָט ווייסט, צי אַ פֿאָלק, אויב אַפֿילו זיי גע־דענקען נאָך, אַז זיי שטאַמען פֿון ייִדן...

פֿאַרשטייט זיך, אַז דער אינטעליגענט, איבערהויפּט דער האַלבער אינטעלי־גענט באַגרייפֿט נישט און וויל נישט באַגרייפֿן דעם ווערט פֿון עם־הארץ. קענען דען די בלעטער און די בלומען אויף אַ בוים וואָס „פֿלוידערן מיט די זעפֿירן" (פֿון קרילאָווס משל) באַנעמען און אָפּשאַצן די ראָל פֿון די וואָרצלען. וואָס זיי, די וואָרצלען, האַלטן זיי אויף?

אין דער נייער ייִדישער געשיכטע האָט עס די חסידישע באַוועגונג רעהאַבי־ליטירט דעם עם־הארץ און אַנולירט דעם „לא עם הארץ חסיד" פֿון דער אַלטער צייט. און אין דער ליטעראַטור איז עס פּרצעס פֿאַרדינסט, וואָס ער האָט דעם עם־הארץ, דעם „אבן מאסו הבונים" געמאַכט פֿאַר דעם „ראש פּינה", וואָס ער האָט דעם וואַסערטרעגער און דעם האַלצהעקער אָוועקגעזעצט אויבן־אָן, וואָס ער האָט צוזאַמען מיט זיין ביאַלער רבין געפּאָדערט ביי דעם גרויסן יחיד, ביי דעם „אויבער־מענטש" (אדם בפועל — לויט דעם רמב"ם), ביי דעם בריסקער רבֿ, ביי זיך אַליין געמאָנט דעם חלק אין ייִדישקייט פֿאַר דעם פּשוטן עם־הארץ.

געזעלשאַפֿטלעך האָט די אַרבעטער־באַוועגונג געהאַט אַ גרויסן פֿאַרדינסט אין דער רעהאַביליטירונג פֿון דעם עם־הארץ. מער נישט וואָס די פֿירער פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן לכתחילה פֿאַרביטן די יוצרות: אַנשטאָט צו נעמען דאָס מאַסיווע, דאָס פֿאָלקישע פֿון דעם עם־הארץ און פֿון דעם שמידן די נייע פֿאָלקי־שע תורה, — זענען זיי אויף אַ משכּילישן וועג געגאַנגען צום עם־הארץ מיט אַ ביטול צו דעם עם־ארצישן אין אים, זיי האָבן אים אויך געוואָלט אָפּרייסן פֿון דעם מאַסיוון שטאָם. באשר אויף וויפֿל עס האָט זיך נישט געלאָזט האָבן זיי, די פֿירערס, זיך אַראָפּגעלאָזט גנעדיק צו דעם עם־הארץ. דאָס איז געוועזן די לאָגיק פֿון די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן" וכדומה. בעת ביי אַנדערע פֿעלקער זענען גע־ווען פֿאָלקיסטישע באַוועגונגען, ביי די רוסן איז עס געוואָרן אַ קולט ביי דער אינטעליגענץ „דאָס גיין אין פֿאָלק אַריין", — האָבן מיר ביז היינט נישט זוכה געווען נאָך צו אַזאַ שטאַרקער פֿאָלקיסטישער באַוועגונג, וואָס זאָל קומען מיט אַ לאָזונג און זי צעהילכן איבער אַלע אונדזערע האַלב־ און גאַנץ־אַסימילאַטאָ־רישע טעמפּלען: „ייִדן! ראַטעוועט דאָס פֿאָלקישע אין אייך, לאָזט נישט אייער פֿאָלקישער מאַסיוו זאָל צעשטויבט ווערן, ער זאָל סובלימירן אין וואַקום אַריין!"

נישטאָ ביי אונדז מער קיין עם־ארצישע, פֿאָלקישע ייִדישקייט און עס פֿעלט אַפֿילו דער דראַנג צו איר. עס ציִען נישט די בלעטער צו די אייגענע וואָרצלען. און אָפּט קומען נאָך די וואָס זענען באַשאָנקען מיט אַ שנוק און זיי גראָבן אָפּ די

וואָרצלען פון דעם דעמב, וואָס זיי ווערן פעט פון זיינע ניס (פון קרילאָווס אַ משל: "דער חזיר אונטערן דעמב").

און אָט אין דעם וואָס אונדזערע עמי־ארצישע וואָרצלען ווערן פאַרדאַרט, ליגט די סכנה פאַר אונדזער גאַנצן נאַציאָנאַלן קיום. און אָנווייזן אויף דער סכנה איז דער ציל פון אונדזער היינטיקן אַרטיקל.

ב.

דער גראָבער יונג

אַנשטאָט דעם עם־הארץ האָט אונדז דער רבונו של עולם געבענטשט מיט דעם גראָבן יונג... — גיב מיר, גאָט, כוחות איך זאָל זיך קענען איינהאַלטן און אָפּהיטן די נייטיקע אָביעקטיווקייט ווען איך רעד וועגן דעם נייעם "העלד" אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן און אין אונדזער נייעסטער געשיכטע...

קודם־כל דאַרף קומען די דעפיניציע: ווער און מיט וואָס קען זיך פאַרדינען צו דעם בכבודיקן טיטול "גראָבער יונג". דער טערמין איז שוין אַ נייער ביי אונדז, אָן דעם אַלטן יחוס פון דעם טערמין "עם־הארץ". וואָס איז זיין פילאָלאָגישער אָפּשטאַם איז מיר לגמרי אומבאַקאַנט, אַזוי אויך זיין געשיכטלעכע אַנטוויקלונג אין אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט. דער יידישער טערמין "גראָבער יונג" איז אין זיין אָנווענדונג זייער נאָענט צו דעם וואָס אין רוסיש זאָגט מען "כאַם", דאָס הייסט, עס איז נישט קיין אינטעלעקטועלער באַגריף, נישט קיין פראַגע פון געלערנטקייט אָדער נישט. עס איז אַ טערמין אַ מאָראַלישער. און הגם די צוויי טערמינען "עמי־ארצים" און "גראָבע יונגען" ווערן גענוצט זייער אָפט אין שכנות, זענען זיי אָבער גאָר קנאַפּע מחותנים צווישן זיך. אויב עם־הארץ איז כולו נאַטירלעכע טראַדיציע, דער אומבאַוווסטזיניקער זכרון פון פאָלק, — איז דער גראָבער יונג פונקט דער היפוך, ער איז אָן טראַדיציע, אָן אינערץ פון דורות, ער איז "אַן אָפּגעריסענער", אָבער לגמרי נישט קיין נאַר. אויב דער עם־הארץ איז כולו נאַציאָנאַלע דיסציפּלין, אַן אָנשטרענגונג פון ווילן, איז דער גראָבער יונג, פאַרקערט, דיסציפּלינלאָז און הפקרדיק. אויב דער עם־הארץ איז טיפּיש אָן אָדער מיט ווייניק אינדיווידועלע אונטערשיידן, איז דער גראָבער יונג נישט נאָר אינדיווידואַליסטיש, נייערט אויך עגאָיסטיש און דווקא האַמעטנע, גראָב עגאָיסטיש. אויב דער עם־הארץ איז אין זיין פריוואַטן לעבן אַ קאָפּיע פון דורות, ער לעבט ווי עס האָבן זיינע אבות־אבותיו געלעבט און איז זייער אינערט, קאָנסערוואַטיוו אין זיינע האַנדלונגען, איז דער גראָבער יונג פאַרקערט, אַן איינרייסער, אַ ברעכער פון אַלע טראַדיציעס, אַ שטערער פון אַלע אָנגענומענע איינגעשטעלטע נאָרמען, אַ "פורץ גדר" פלעגט מען עס רופן ביי אונדז; ער גייט מיט די

עלנבויגנס אין לעבן אַריין. און היות ווי ער האָט נישט קיין אינערע פון דורות־דיקע געוווינהייטן, איז אים גרינג זיך אַריינצופּאַסן אין נייע סביבות און באַדינגונגען. נישט טראַדיציע, נישט אינערע פון דורות, נישט מאָראַלישע נאָרמען, נישט קיינע מיינונגען פון אַרום — קיין זאַך איז נישט בכוח אים איינצוהאַלטן. אָן די איינהאַלטערס גייט ער, דער גראָבער יונג, מיט דער פולער קראַפט צו זיינע עגאָיסטישע, פּריוואַטע צילן. אָן איינגעפלאַנצטע מיינונגען, אָן אַ גע־ירשנטן וועלט־באַנעם, וואָס ציִען צום נעכטן, אָן דעם אָפּהילך פון דורות נעמט דער גראָבער יונג גרינג און גיך אויף דאָס וואָס איז גאַנגבאַר היינט. ער איז תמיד „מאָדערן״, נישט חלילה אָפּגעשטאַנען, ער איז גאָר אַ נאָענטער קרוב צו לייוויקס „נביא פון אייביקן היינט״ (די גאולה־קאָמעדיע). אויב איר קענט מיט פולער זיכערקייט תמיד פאָרויסזאָגן ווי עס וועט האַנדלען דער עם־הארץ אין דעם אָדער אין אַ צווייטן פאַל, ווייל אַלע זיינע פירונגען זענען לויט דעם טיפּ פון כלל, פונקט ווי מען קען פאָרויסזאָגן ווי עס וועט האַנדלען יעדער אַנדערער בעל־חי, ווייל זיינע האַנדלונגען זענען דאָך באַשטימט פון זיין מין, איז עס אָבער קיינמאָל נישט מעגלעך בנוגע דעם גראָבן יונג. ער איז קיינמאָל נישט טיפּיש, ער איז אַלע מאָל נאָוואַטאָריש, ער איז איטלעך מאָל אַנדערש. און נישט דער־פאַר ווייל זיין האַרץ, זיינע באַגריפן, אידייען, סימפּאַטיעס ענדערן זיך ביי אים, — ער איז אַלע מאָל איינשטימיק מיט דעם הערשנדיקן געדאַנק, מיט דער מיי־נונג און מיט דעם וועלט־באַנעם, וואָס איז היינט אין מאָדע.

עס איז אָפט פאַר אַ נאָיִוון מענטשן שווער צו פאַרשטיין, ווי קען דער גראָבער יונג היינט פאַרטיידיקן דאָס וואָס ער האָט נעכטן געטאַדלט און פאַר־קערט, ווי קען ער היינט זיין חבר מיט דעם וועמען ער האָט נעכטן גערודפט. אָבער דאָס איז פסיכאָלאָגיש מעגלעך דערפאַר, וואָס דער גראָבער יונג איז בכלל מיט גאָרנישט אָרגאַניש נישט פאַרבונדן, עס איז קיין זאַך נישט זיינס: נישט די רייד, נישט די פירונגען, נישט די סימפּאַטיעס, נישט די מיינונגען, נישט די אידייען און נישט די אידעאַלן כלומרשט וואָס ער האָט. אַלץ איז זייער ביליק איינגעהאַנדלט אויף אַ ביליקן געדאַנקען־מאַרק און אויף טאַנדעט צוגעשטוקע־וועט, כדי דאָס אַלץ אַרויסצוּוואַרפן ווען עס וועט זיך מאַכן אַ מער מאָדערנער געדאַנק אויפן מאַרק.

אויב דער רמב״ם באַציט זיך צום עם־הארץ מיט אַזויפיל אַכטונג, האָט ער אָבער גאָר אַן אַנדער באַציִונג צו דעם וואָס מיר רופן גראָבער יונג. ער שרייבט:

„די צווייטע קאַטעגאָריע מענטשן זענען די, וואָס זענען געווענדט מיט דעם נאַקן צום „מלכס הויז״ און זייער ריכטונג איז פון דעם מלכס הויז... דאָס זענען מענטשן פון געדאַנק און גלויבן, נאָר וואָס זענען פאַלש און די זענען ער־גער פון די ערשטע (פון דעם מין צווייפיסיקע בהמות) און זיי זענען ווערט צור־

מאָל מען זאָל זיי הרגענען, כדי זיי זאָלן נישט איבערפירן אַנדערע. געוויס איז דאָס אַ גוזמא, דער אויסדרוק „הרגענען", אָבער די באַציִונג פון דעם רמב"ם איז דאָ קלאָר. אין גמרא זענען עטלעכע שטריכן, וואָס ווערן דאָרטן צוגערעכנט צום עם־הארץ היינט מער נישט פּאַסיק פאַר אונדזער היינטיקן באַגריף פון עם־הארץ, און זיי פּאַסן זיך מער פאַר דעם גראָבן יונג. הגם זיי האָבן נישט געהאַט קיין ספּעציעלן טערמין פאַר דעם טיפּ וואָס מיר רופן גראָבער יונג, פונדעסטוועגן האָבן זיי אויך פאַר דעם טיפּ "חצוף", „עזות פנים" שטאַרק מורא געהאַט. ער, דער חצוף, ברענגט אום די וועלט, נאָך אים איז שוין סיידן משיח זאָל קומען. פון אַ סך ערטער אין תלמוד איז צו זען, אַז זיי האָבן געזען די סיבות פון חורבן נישט אַזוי אין דער מאַכט פון דרויסנדיקן שונא ווי אין דער אינעווייניקסטער דעמאָראַליזאַציע (און מיט רעכט!). זיי גלייבן, אַז נאָר משיח קען ראַטעווען דאָס פאָלק פון אָט דער גראָביונגערישער דעמאָראַליזאַציע. פון דאַנען נעמען זיך די מימרות: דור שבן דוד בא בו, נערים ילבינו פני זקנים, זקנים יעמדו בפני נערים, בת קמה באמה וכלה בחמותה ופני הדור כפני הכלב ואין הבן מתביש מאביו... בית הוועד יהיה לזונות והגליל יחרב... וחכמת סופרים תסרח, ויראי חטא ימאסו... והאמת נעדרת (סנהדרין צ"ז א'). אין אַ צווייט אָרט זאָגט זיך פּשוט: „מיט די טריט פון משיחן וועט די חוצפה שטייגן" (סוטה, מ"ט ב'). אַזוי ווייט האָבן זיי מורא געהאַט פאַר אָט דער חוצפה און פאַר דעם „פני הדור כפני הכלב". אַז איינער גיט זיך אַ זאָג: „זאָל ער קומען, משיח, אָבער לאָמיך אים נישט אָנקוקן" (אמר עולא: ייתי ולא איחמיניה. סנהדרין צ"ח ב').

דאָס איז נישט דער פריִערדיקער אַנטאַגאָניזם צווישן דעם חבר און עם־הארץ, צווישן דעם שפּעטערדיקן תלמיד־חכם און עם־הארץ, — דאָס איז דער פאַנישער פּחד פאַר דעם גראָבן יונג, פאַר דער גראָב־יונגישער דעמאָראַליזאַציע וואָס מאַכט חרוב אַ פאָלק, אַז נאָר גאָט אַליין, נאָר ער דורך זיין שליח, משיחן, קען עס ראַטעווען.

אויך געזעלשאַפטלעך איז דער גראָבער יונג אַן איינרייסער, אַ חוצפּהניק, וואָס זוכט צו ווערן אַ גאַנצער „יאַ טעבע דאָם", דער „כל וכל", ווו נאָר ער קען עפּעס דערגרייכן. ער איז חוצפּהדיק, דער כבוד־זוכער, ער וויל אומעטום זאָגן דעות נישט ווייל דער ענין אינטערעסירט אים, נאָר ער דאַרף פּילן און ער דאַרף מאַכן אַנדערע זאָלן פילן, אַז ער איז אַ דעה־זאָגער, ד ע ר דעה־זאָגער... איך יעקל ברב פלעקל הייס און ווער וועט מיר וואַגן נישט צו פאָלגן?! דאָס איז דער גראָבער יונג.

ביים גראָבן יונג איז נישטאָ גאָרנישט פון פאָלקישקייט, פון דער אינערץ פון דורות, פון דעם בת־קול פון דורות. ער איז נישט אינערט ווי דער עם־הארץ, פאַרקערט איז ער פּיפיק, דערפינדעריש, ער איז „פּראָגרעסיוו", ער האַלט נישט

פון דער אָפּגעשטאַנענקייט, פון „כאַנדריקעווע“. אָפּט קומט נאָך צו דער מאָטיוו, אַז דאָס געוועזענע איז ביי אים פאַרבונדן מיט זכרונות פון דערדריקונג און אָרימקייט, וואָס ער וויל אַנטלויפן פון דעם. גראָבע יונגען זענען פאַראַן מער צווישן דעם ערשטן דור גבירים, ביי גבירים בני קבצנים. גראָבע יונגען זענען אָפּטער אַ סך אין ישובים אימיגראַנטישע איידער אין אַלטע איינגעפונדעוועטע ישובים. אין אַלטגעזעסענע ישובים איז פאַראַן מער טראַדיציע, מער יחוס, מער נאָרמעס, מער איינגעשטעלטקייט, איז במילא פאַראַן ווייניקער אָרט פאַר דעם „מענטשן אָן אַ נעכטן“, פאַר דעם „אַרויסגעשפּרונגענעם“ ווי מען רופט עס אין רוסיש.

גאָר אַנדערש איז עס אין אימיגראַנטישע ישובים. דאָ מאַכן אַלע זיך עטוואָס פרייער די געזעלשאַפטלעכע צוימען, סיידן די מאָראַלישע עטישע פּרינציפּן זענען „אַריין אין בלוט“, ווי מען זאָגט עס ביי ייִדן. אַלץ וואָס איז באַדינגט מיט דעם „דעת הקהל“, דאָס איז עלול אָפּגעשוואַכט צו ווערן אין אַ ניי אָרט. נאָך די גמרא גיט אַן עצה דעם וואָס וויל טאָן אַן עבירה, ער זאָל גיין „למקום שאין מכירים אותו“. שבת וואָלט אין אַלטגעזעסענע ישובים קיינמאָל נישט אַזוי גרינג בטל געוואָרן ווי אין אימיגראַציע. אָט פאַרוואָס אויך דער פּראָצענט גראָבע יונגען איז אין אימיגראַציע אַ סך גרעסער איידער אין אַלטגעזעסענע ישובים. אָפּט איז אַ ייִדישער וויץ אַ גאַנצע תורה, אויך פאַר דעם איז פאַראַן אַ וויץ, זייער אַ שאַרפזיניקער, ווי דער ממזר באַקלאָגט זיך פאַר גאָט: וואָס איז ער נעבעך שולדיק, און גאָט זאָגט אים, ער זאָל פאָרן קיין אַמעריקע, וועט ער דאָרטן ווערן אַ פּרעזידענט ביי ייִדן... און עס פאַרשטייט זיך, אַז אָט די „נייע מענטשן“ וועלן תמיד זיין שטאַרק „פּראָגרעסיוו“. זיי האָבן פיינט „שניפּעשאָק און כאַנדריקעווע“. אַלץ וואָס איז אין קאָלעקטיוו איינגעוואָרצלט אין שטייגער און אין זיטן — אַלץ איז פאַר זיי נישט בלויז פרעמד, נייערט אויך פאַרהאַסט. קענען אַזוינע מענטשן נישט זיין שטייגעריש נאַציאָנאַל אויב אַפילו זיי זענען אידעאָלאָגיש, פאַרטייאיש שטאַרק נאַציאָנאַל און נאַציאָנאַליסטיש. פאַר זיי איז אַלץ דאָס נייע ליבער, פריינטלעכער. אַן אַלטער, טראַדיציאָנעלער ייִדישער נאָמען פאַר זיך, פאַר אַ קינד איז ביי זיי אַסאָציירט מיט „כאַנדריקעווע“ און במילא פסול. אַמאָל איז צו מיר געקומען אַ ייִד מיט טענות פאַרוואָס מען רופט זיין טאָכטער אין שול שרה „בשעת איר נאָמען איז גאָר סוזי, און קיין אַנדער נאָמען האָט זי נישט און מיר ווילן נישט זי זאָל האָבן“. איך קען ביז היינט נישט פאַרשטיין ווי אַזוי ייִדן קענען טראָגן דעם טריפן היטלערס נאָמען „אַדאָלף“, דער נאָמען זאָל זיי זיין ליבער, אָנגענעמער איידער, למשל, אברהם אָדער אַלטער וכדומה. פאַר זיי איז עס אָבער פאַרשטענדלעך: קענטיק, אַז פאַר זיי איז די אַנטיפּאַטיע צו דער ייִדישער שטייגערישקייט אַ סך שטאַרקער, הגם די מענטשן וועלן אין אַ סביבה, ווו עס פּאַסט, גילטן און זיך אַרויסווייזן פאַר אולטראַ־נאַציאָנאַליסטן. נאָך איין פּסי־

כאַלאַגישן סימן האָבן די גראָבע יונגען: איר וועט זיי געפינען זייער אָפט צווישן די וואָס זייער הויפּט־מצווה באַשטייט אין זוכן יענעמס עבירות. ער, דער גראָבער יונג, ער קען זיך זייער גרינג צופּאַסן צו דעם וואָס מען דאַרף, וואָס עס איז חשובער אין דער געגעבענער סביבה. אַן טראַדיציע איז אָן אינערץ; אָן אַ מאָראַלישער חוט השדרה, איז די נשמה בייגעוודיקער, איז מען דאָס וואָס דער רוס רופט „וווהין דער ווינט בלאָזט". וועט מען דעם גראָבן יונג במילא געפינען אָפטער אין די קרייזן וואָס זענען הערשנדיק אין דעם אָרט און אין דער צייט. און אַזוי ווי עס איז גרינגער אַרויפצושפּרינגען איבער די פּלייצעס פון אַ צווייטן, וועט דער גראָבער יונג תמיד זוכן „קרבנות" איבער וועמען צו שפּרינגען אַרויף, — און נישטאָ ביי יידן קיין גרינגערע זאַך ווי זוכן יענעמס עבירות, כדי צו גילטן פאַר אַ שומר מצוות. דאָ איז אָבער פאַראַן אַ גרינגער סימן צו דערקענען דעם גראָבן יונג. איר דאַרפט נאָר דערגיין דעם אונטערשייד צווישן זיינע רייד אין דער עפנטלעכקייט און צווישן זיין פירן אין זיין אייגענער היים. דען — עפנטלעך איז — וווהין דער ווינט בלאָזט, אָבער פאַר זיך איז שוין לויט די אייגענע סימפּאַטיעס. פאַרוואָס זענען פאַראַן אַזויפיל „העברעיסטן", וואָס פּרוּוון אַפילו נישט עס איינפירן אין די אייגענע היימען? פאַרוואָס זענען פאַראַן אַזויפיל „ציוניסטן", וואָס פאַרכלינען זיך מיט דער גבורה און שיינקייט פון ארץ ישראל, אָבער זיי און זייערע קינדער טראַכטן זיי אַפילו נישט צו לאָזן זיך אַהין פון זייער אַמעריקע, למשל? עס טרעפט אָפט, אַז דער גראָבער יונג, וואָס זיצט שוין פעסט אין זאָטל אין געזעלשאַפט, וועט אייך אַנטוויקלען אַ גאַנצע טעאָריע וועגן צוויי מאָראַלן: פאַר דער עפנטלעכקייט איינע און פאַר זיך אַ צווייטע. און עס איז מסתמא ביי אונדז אין לעבן פאַראַן צופיל גראָבע יונגען, אויב מיר האָבן זיך שוין ווי צוגעוווינט צו דעם שקר פון טאָפּעלער מאָראַל, אויב עס רעגט אונדז נישט אויף, אויב מיר נעמען דאָס שוין אָן כמעט ווי אַ נאָרמע, אָט ווי עס וואָלט געדאַרפט אַזוי זיין.

אַ ייד, וואָס זיצט גאַנץ געשמאַק אין גלות און מאַכט גאָרנישט קיין שלעכטע „ביזנעס" האַלט אַ רעדע אין די צייטן פון די אַראַבישע אומרוען אין ארץ ישראל, און ער קלאַפּט זיך אין האַרצן: „מיר האָבן געגעבן 857 קרבנות!", און קיינעם פון די צוהערער שאָקירט עס נישט וואָס דער „מיר" האָט דאָך אייגנטלעך קיין איין נאַכט נישט געפּרוּווט שטיין מיט אַ ביקס און היטן, נישט ער און נישט זיינע קינדער. איך האָב שוין איין מאָל „זוכה געווען" צו הערן פון אַ פּאַטאָספולן רעדנער, וואָס האָט זיך באַרימט מיט דעם וואָס „פון אונדזער שטאָט האָבן שוין אויך מענטשן פאַרגאָסן בלוט אויף די פראָנטן אין ארץ ישראל". ער אַליין אָבער, אַ יונגער מענטש און אַ געזונטער, ער אַליין האָט נאָך נישט קיין צייט צו זיין צווישן יענע, ער קען דאָך נישט אַוועקוואַרפן זיינע גרויסע גע־

שעפטן... איינער אַ ייִד האָלט אַ רעדע און ער זאָגט: עס פאַלן קרבנות אין ארץ ישראל, — מילא, פאַרפאַלן, עס איז דאָך נאַטירלעך, אַז עס מוזן פאַלן קרבנות... איך פרעג דעם זעלביקן „קרבנות־גרייטן קעמפער" פאַרוואָס ער איז אַוועקגעפאָרן פון ארץ ישראל און איז נישט געבליבן דאָרטן צו קעמפן און צו געבן קרבנות, — און ער ענטפערט מיר מיט אַ שמייכל: „איך האָב אָפּגעהונגערט פיר יאָר אין ארץ ישראל איז גענוג פאַר מיר, זאָלן אַנדערע איצט הונגערן"... אָט די רייד האָבן געהערט אַ סך מענטשן, און זיי האָבן קיינעם נישט שאָקירט, קיינער האָט אין זיי נישט געפילט דעם גראָביונגישן שקר: מיר זענען שוין צוגעוווינט.

און אָט דער שקר פרעסט זיך איין אין אונדזער לעבן, איך האָב מורא צו זאָגן, אַז ער האָלט ביים ווערן אַ נאָרמע אין אונדזער כאַראַקטער, חלילה. אַמאָל, ווען איך האָב פּערזענלעך גוט געקענט דעם רוסישן מענטש, האָב איך געוווּסט, אַז ער האָט אין זיין כאַראַקטער אויפריכטיקייט. „ברויט מיט זאַלץ עס און דעם אמת שנייד", איז אַן אַלט רוסיש ווערטל. קען זיין אַז איצט אויך אַזוי, איך ווייס נישט, אָבער מיר איז אויסגעקומען זיך שפּעטער צו באַקענען מיט דעם פּוילישן פאָלק, און ביי אים זענען פאַראַן אַן אַ שיעור קאָנווענציאָנעלע ליגנס, פאַלשער שמייכל און העפלעכקייט, און בכלל געזעלשאַפטלעכער שקר, וואָס איז קענטיק געוואָרן אַ כאַראַקטער־שטריך, נאָך אפשר פון די צייטן פון די יעזויטן אָן. אָט אַזוי האָב איך מורא, אַז אויך ביי אונדז זאָל זיך דער שקר נישט איינ־בירגערן אין כאַראַקטער. שוין איצט מאַכן אַ סך רייד און שריפטן אויף מיר דעם איינדרוק ווי יענער שותפות צווישן דעם ייִדן מיט דעם האָלצהעקער — יענער זאָל האַקן מיט דער האַק, און ער וועט שרייען „האָפּ"... ס'איז אויך אַ שותפות. און איינגעגעסן האָט זיך ביי אונדז דער שקר אַדאַנק דער גראָביונגע־רישער חוצפּה איבערהויפּט אויף דעם נייעם קאָנטינענט, און זי דערגייט, לאָ־מיר זאָגן אָפן, ביז צו די גאָר הויכע פענצטער, ווי למשל, ביז צו דעם אויס־געשריי אויף דעם צוויי־און־צוואַנציקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס צו ווייצמאַנען „דעמאַגאָג". און ווען אָט דער חוצפּהדיקער שקר זאָל זיך, חלילה, איינעסן אין אונדזער קאָלעקטיוון כאַראַקטער, דאַן קען זיך לגמרי ענדערן איין נאַציאָנאַלער שטריך אונדזערער, וואָס באַגלייט אונדז אין משך פון אונדזער גאַנצער געשיכ־טע: ביי אונדז זענען מצוות געגעבן געוואָרן זיי מקיים צו זיין, נישט צו גלייבן אין זיי, נישט צו ריידן וועגן זיי. „וחי בהם", מיינט עס פּשוט דורכצופירן אין אייגענעם לעבן, נישט יוצא צו זיין מיט יענעם און מיט יענעמס מצוות. יעדער ייִד און אַלע ייִדן זענען אין פּאַטענץ די זעלביקע הייליקע, די זעלביקע צדיקים, אַלע דינים און פליכטן פאַרפליכטן אַלעמען גלייך. נישטאָ ביי ייִדן קיין פאַר־טרעטער פון עמיצן לגבי גאָט. אַנדערש איז עס געוואָרן ביי די געצנדינער, וואָס זענען געוואָרן קריסטן: מען דאַרף גאָר אַליין נישט זיין געטלעך אין אייגענעם

לעבן, מען קען יוצא זיין מיט דעם גלויבן אין יענעם הייליק־געטלעכן מענטשן, וואָס ער האָט שוין אונדז אַלעמען מוציא געווען, ער דעקט אונדז אַלעמען צו מיט זיין הייליקייט און מיט אים אַליין, מיט דעם גלייבן אין אים זענען אַלע שוין יוצא. אונדז איז פרעמד אַזאַ צוגאַנג, אַזאַ לאָגיק, אַזאַ הייליקייט. אין ארץ ישראל האָט מען צוגעטראַכט אַ נייעם באַגריף „הגשמה עצמית" — אַליין דאַרף מען פאַרווירקלעכן די אידייען וואָס מען גלייבט אין זיי. עס איז ייִדישלעך ריכ־טיק ביז גאָר, אָבער דער נייער נאָמען איז איבעריק און ער קלינגט אונדז פרעמד, בעת מיר האָבן אַן אַלטן טערמין, „קיום המצוות" איז דאָך דאָס. אויך דאָרטן זוכט מען צופיל נייעס... אָבער נישט דאָס זענען מיר אויסן. וואָס מיר ווילן איז עס, אַז מיר מוזן אָנהייבן אַ גרויסן קאַמף אָן רחמנות קעגן דער סכנה פון גראָב־יונגישן שקר, וואָס איז עלול איבערצומאַכן אונדזער גאַנצן כאַראַקטער, צו פאַר־גוייִשן אונדז דווקא אין גאָר נישט קיין גוטן זינען: אַנשטאָט מצוות עשה און לא תעשה זאָלן מיר יוצא זיין מיט אַ גלויבן אין עמיצנס ייִדישקייט. נאָך מער — נישט אַ גלויבן, נייערט מיט אַ ריידן, און אָט די שיינע רייד וועגן אַ שיי־נער ייִדישקייט זענען ווי טרייסט־ווערטער ביי אַ גוסס צופוסנס.

און ווייל עס האָט זיך אין אונדזער לעבן אַזוי ברייט, רחבותדיק צעלייגט ווי ביי זיין טאַטן אין ווייַנגאָרטן דער גראָביונגערישער שקר, דערפֿאַר פילט מען אַזוי ווייניק דעם פֿאָלקס אַלטע שכינה אין די רייד און אין די מעשים. קאָנ־גרעסן, צוזאַמענפֿאָרן, רעזאָלוציעס, באַשלוסן, דעקלאַראַציעס, — און איר פילט אַזוי ווייניק און אַזוי זעלטן דעם בת־קול פון דורות, דעם ריח פון יאָר־טויזנטער אָפּגעגאַנגענעם וועג, איר הערט אין דעם אַלעם אַזוי ווייניק דעם סטיל, דעם גייסט, דעם געמיט, די סטימולן, די געוווינהייטן און די טראַדיציעס פון אַזאַ אַלט פֿאָלק ווי מיר זענען... גראָביונגערישקייט איז קיינמאָל נישט אַלט, עס איז „יונג" — אַן ירושה. איר פילט אַזוי אָפּט, צו אָפּט סטימולן פון אַמביציעס, קליי־נע אַמביציעס, קליינלעכע צי פריוואַטע אָדער פון גרופּעס. און דאָס אַלץ וואָס עס איז כולל אין זיך דער טערמין „שכינה פון אַ פֿאָלק" האַלטן מיר אין פאַר־לירן, אַדאַנק דער ממשלה פון דעם גראָבן יונג.

אָבער דערמיט וואָס מיר פאַרלירן אונדזער טראַדיציע, דיסציפּלין און שטיי־גער, דערמיט ווערן מיר נישט קיין יונג פֿאָלק צוריק, ווי עס וואָלט געקאָנט זיך אויסדאַכטן אין פלוג. ווי דאָס ווילן אַנדערע דרשענען, אַז „מיר גייען און מיר וועלן ווערן צוריק אַ יונג פֿאָלק", חדש נעורינו כקדם. פאַרייִנגערונג איז נאָך אַ פּראָבלעם אין דער ביאָלאָגיע, אַ פּשיטא שוין אין דער סאָציאָלאָגיע. אונדז דראָעט צו ווערן אַנשטאָט יונג גאָר עפּעס אַנדערש.

— אָט דאָס איז גראָביונגישקייט...

מיר האָבן אין דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם עם־הארץ געזאָגט, אַז זיי זע־

נען ענלעך איינער צום צווייטן ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, זייער פּיר און שטייגער איז ענלעך ווי עס איז ענלעך דער פּיר פון מיליאָנען שוואַלבן וכדומה. צי די איינהייטלעכקייט פון די לעבנס־פאָרמען זענען ביאָלאָגיש־אינסטינקטיווע אָדער זיי זענען סאָציאַל־טראַדיציאָנעלע איז דאָ נישט קיין אונטערשייד. פאָלק דאָס איז אַ סכום מענטשן, וואָס האָבן אַן איינהייטלעכן שטייגער אין לעבן און דער איינהייטלעכער שטייגער האָט אין משך פון צייטן אויך אַנטוויקלט אַן איינהייטלעכן שטייגער אין דענקען און וועלט־באַנעם. און דערפאַר האָבן מיר געזאָגט, אַז עם־ארצים זענען דער בראשית פון אַ פאָלק. גראָבע יונגען זענען דער היפּוך פון איינהייטלעכקייט. טויזנטער יידן, מיליאָנען פון פאַרשיידענע שטעט און לענדער, אָבער מיט איין שטייגער און מיט איין לשון האָבן זיך גיכער געקאָנט פאַרשטיין און צונויפפריידן איידער דריי יידן אָן די אַטריבוטן.

שפּראַך און שטייגער אוניפיצירן, זיי שאַפן דעם איינהייטלעכן קאָלעקטיוון כאַראַקטער. איינהייטלעכע דערציִונג אויף דעם זעלביקן נאַציאָנאַלן מאַטעריאַל, אויף דער זעלביקער קולטור און שטייגער שאַפן דעם באַזיס פון אַן איינהייטלעכן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און צוזאַמענבונד. מענטשן פון איין שטייגער און פון איין קולטור פאַרשטייען זיך אויפן ווונק אויב אַפילו מען האָט פאַרשיידענע וועלט־באַנעמען, מען קען זיך גרינג צונויפפריידן איינער מיט אַלעמען און אַלע מיט איינעם!

אָבער זינט מיר האָבן פאַרלוירן אונדזער איינהייטלעכן שטייגער, זינט מיר באַמיִען זיך צו ווערן „יונג", האָבן מיר זיך צעשאָטן, גייסטיק און מאָראַליש צעברעקלט. מיר זענען אַזוי אויך אַ „שה פּזורה ישראל" — צעזייט אין צעשפּרייט, אַז מיר זענען אַן „עם מפוזר ומפורד" האָט נאָך אויף אונדז געזאָגט המן. צווישן אַלע אומות און מיט אַלע לשונות, שכנים מיט אַלע קולטורן און צווישן אַלע די אייגענע פאַרלוירן. די אַלע געאָגראַפישע, פּאָליטישע, סאָציאַלע צעברעקלונגען זענען נישט אַזוי געפערלעך ווי די גייסטיקע און קולטורעלע צעשפּליטערונג. נישט יונג ווערן מיר, נישט קיין „ווידערגעבוירן יונג פאָלק", נייערט אַ פאָלק פון גראָבע יונגען ווערן מיר. אַנשטאָט איין פאָלק מיט פאַרשיידענע שיכטן און אַלערליי קרייזן ווערן מיר אַ צופעליקע מאַסע, וואָס איז מיט פרעמדע פיינלעך־פיינטלעכע הענט צונויפגעפרעסט געוואָרן אין איין... פּליטים־וואַגאָן; אַנשטאָט אַ פאָלק ווערן מיר אַ דור הפלגה, וואָס איינער וויל נישט און קען נישט פאַרשטיין דעם צווייטן און מען האַלט זיך אין איין פּיקן ווי הינער אין אַן ענגער שטייג. מיר זענען געגליכן צו אַן איבערגעהיצטן דאַמף, וואָס כל־זמן די ווענט פון קעסל פרעסן איין די באַזונדערע מאָלעקולן, האַלטן זיי זיך צוזאַמען, אָבער ווי נאָר עס עפנט זיך אַ קליין לעכל, צעפליִען זיך די מאָלעקולן וואָס ווייטער איינע פון דער צווייטער. און פאַרוואָס? — זיי האָבן פאַרלוירן די קעגנזייטיקע

צוצ׳ונג צווישן אַנאַנד, און עס איז געבליבן בלויז די קעגנזייטיקע אָפּשטויס־קראַפט. אַזוי זענען מיר אויך: די גייסטיקע צוצ׳ונג, וואָס נעמט זיך פון דער קולטור־געמיינזאַמקייט ווערט ביי אונדז פאַרלוירן און עס בלייבט די איינגע־בוירענע ביי אונדז „איפכא מסתברא“, וואָס טרייבט אונדז צו כסדרדיקע קריי־גערייען, פון אַ פעסטן מאַסיוו ווערן מיר אַ מאַסע שטויב, וואָס האַלט אין איין רייבן זיך אַ שטויבעלע אָן דעם צווייטן. אויב מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז עם־ארצים זענען דער בראשית, די קינדהייט פון אַ פאָלק, איז די שטייגנדיקע גראָב־יונגערישקייט אַ סימן פון פאָלקס־אונטערגאַנג, פון זיין אומקום און טויט. דאָס זענען „די טריט פון משיח“, די לעצט־לעצטע מדרגה, וואָס אַ פאָלק קען פאַלן, דער „פני הדור כפני הכלב“.

עס איז אונדזער טראַגעדיע, וואָס מיר האָבן נישט קיין עם־ארצישן מאַסיוו און נאָך מער איז טראַגיש, וואָס דער שיכט פון גראָבע יונגען ווערט אַלץ גרע־סער און ברייטער.

פאַרוואָס זענען מיר אַזוי צעקריגט און צעריסן, צעפליקט און צעפיצלט צווישן זיך? פאַרוואָס איז אונדז אַזוי שווער זיך צונויפצוריידן? פאַרוואָס זענען מ׳יר אַזוי הפקרדיק נישט דיסציפּלינירט? פאַרוואָס זענען ביי אונדז אַזוי פיל פאַרטייען און אָפּשפּאַלטונגען, שפּענער און שפּענדלעך פון פאַרטייען? פאַרוואָס קומט עס אָן אין ארץ ישראל דער יונגער יידישער רעגירונג אַזוי שווער איינצו־שטעלן אַ התחלה פון אַ פאָלקס־דיסציפּלין? פאַרוואָס קומען צו אַ קאָנפערענץ אין בערמודע תרפ״ט אלפים יידישע דעלעגאַציעס, וואָס ריידן אַלע אין נאָמען פון איין יידיש פאָלק? כלומרשט איין פאָלק?

דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל נישט די פאָרשטייער און נישט די וואָס האָבן זיי געשיקט צו ריידן אין נאָמען פון פאָלק, האָבן נישט אין זיך קיין יידישע פאָל־קישקייט, ווייל איטלעכע גרופּע און גרופּקעלע האַלט נאָר זיך פאַר יידן, פאַר דעם גאַנצן יידישן פאָלק, כלומרשט און „זי וועט דאָך נישט דערלאָזן, אַז יענע, אַזוינע און אַזוינע זאָלן גאָר קומען צום וואָרט“... ווייל קיינער האָט נישט אין זיך קיין שמץ פון דער אַלטער מ אַ ס י ו ו ע ר יידישקייט. דער יידישער מאַ־סיוו באַשטייט נישט אין צאָלן יידן (הגם מען טאָר בשום אופן נישט מינימיזירן קיין גרויסע מאַסן יידן אָן עין־הרע), בייערט עס באַשטייט אין דעם סכום עלע־מענטן פון יידישקייט, וואָס יעדער ייד טראָגט אין זיך. אָט פאַרוואָס צען יידן זענען צוואנציק פאַרטייען מיט דרייסיק פראַקציעס. אָט פאַרוואָס מיר קענען זיך נישט צונויפריידן סיידן מיט גוואַלד, אָט ווי קעץ אין איין זאַק, אָט פאַר־וואָס מ׳יר זענען איינער ק ע ג ן אלע און אַלע ק ע ג ן איינעם, דען כל־זמן אַ פאָלק האָט אַ ברייטן מאַסיוו פון עם־ארצישער יידישקייט און זיין אינ־טעליגענץ וואַקסט אַרויס אָט פון דעם מאַסיוו איז דאָס פאָלק אַ פאָלק. אָבער

ווען מיר האָבן פאַרטאַכלעוועט אונדזער אייגענעם שטייגער און אונדזער אייגן לשון זענען מיר פון אַ פאָלק געוואָרן אַ צאָל באַזונדערע מענטשן, פסיכאָלאָגיש האָבן מיר שוין אויפגעהערט אָדער מיר האַלטן אין אויפהערן צו זיין איין פאָלק. אָט די היפּער־אינדיווידואַליזאַציע פּלוס דער חוצפּה און דער חוצפּהדיקער אומ־אַכטונג צו דעם פאָלקס אייגנטימלעכקייט, צו „שניפּישאָק" און „כאַנדריקעווע"

...ווען איך האָב געשריבן דאָס אָפּגעשפּאָטע וואָרט „שניפּישאָק" איז מיר ווי אַן עלעקטרישער שטראָם אַדורך איבערן לייב, און עס האָט זיך פאַרוואָלט אויפ־שפּרינגען און שרייען: „שטיי אויף, פאָלק פון גראָבע יונגען, און שטעל זיך מיט דעם פּנים צו מזרח, דאָרטן ווו עס ליגן נאָך די חורבות פון אונדזערע שניפּי־שאָקס און כאַנדריקעווס און לאָמיר אַלע צוזאַמען שרייען קדוש, קדוש, קדוש!"... אָבער נישט דאָס זענען מיר דאָ אויסן.

לאָמיר דאָ ברענגען איין דוגמא פון דער גראָביונגישער חוצפּה, וואָס האָט זיך זייער ברייט צעלייגט אויפן סאַמע אויבן־אָן פון אונדזער לעבן.

ערגעץ אין דער וועלט איז פאַרגעקומען אַ צונויפפאָר פון יידישע פאַר־שטייער פון דער גאָרער וועלט. (עס איז אַ פאַקט, נאָר איך וויל דאָ נישט אָנ־רופן קיין נעמען). זענען דאָרטן געווען אַרום דריי הונדערט יידישע פאָרשטייער פון דער גאָרער וועלט. האָבן, לויט זייער באַגלייבטע עדות, ביי 80 פּראָצענט פון די דעלעגאַטן נישט געוווּסט ווער עס איז לייוויק... געוויס, איך בין זיכער, אַז ווען מען וואָלט געפרעגט אַלע ווילנער יידישע פורמאַנעס, די שינדערס פון דער בוינע (שעכטהויז), טרעגערס און וועגעלע־פירערס די זעלבע פראַגע וואָלטן זיי אויך נישט געוווּסט ווער עס איז לייוויק. עס איז אָבער אַ גרויסער אונטער־שייד צווישן דעם עם־ארצישן נ י ש ט ו ו י ס ן און דעם גראָביונגישן חוצפּהדיקן נ י ש ט ו ו ע ל ן ו ו י ס ן. קיינער פון די פורמאַנעס יענע, עליהם השלום, האָט דאָך נישט פּרעטענדירט צו זיין אַ פאָרשטייער פון יידישן פאָלק. יענע זענען דאָך אָבער געווען דער באַזיס פון פאָלק, דער מאַסיוו וואָס פון אים האָבן די לייוויקס און אַלע אַנדערע זייערע שאַפונגען געשאַפן, זיי האָבן דאָך געהאַט דעם דרך־ארץ פאַר איעדן יידישן וואָרט, — און די? — אַ גראָב־יונגישער ביטול צו אַלץ וואָס עס איז יידיש, אָבער פאָרשטייער צו זיין, און נאָך אויפן קהלשן חשבון — אָ, דאָס יאָ!

האָט איר אַמאָל געזען פאָרשטייער פון רוסן, פון ענגלענדער, פון האָטענ־טאָטן צי פון וואָסער פאָלק עס זאָל נישט זיין, וואָס זאָלן חוצפּהדיק בראַווירן מיט זייער נישט קענען און נישט וויסן דעם נאָמען פון זייער לייוויק? מיט דעם נישט קענען און נישט וועלן קענען די שפּראַך פון זייער פאָלק? — דאָס איז אוממעגלעך, אָבער ביי דעם עם הספר, ביי דעם עם חכם ונבון איז עס מעגלעך, עס איז נאַטירלעך, עס רעגט גאָר קיינעם נישט אויף. כ'מיין, ווו איז דאָס גע־

זאָגט, אַז אַ פאָרשטייער פון ייִדישן פאָלק דאַרף קולטורעל זיין אַליין אַ ייִד?...

דאָ איז שוין די גראָביונגישקייט נישט בלויז פון די געשיקטע בייערט אויך פון די שיקערס. אויף דעם זעלביקן צוזאַמענפאָר זענען געווען דריי פאָרשטייער פון איין שטאָט ערגעץ אין אַמעריקע. צוויי פון די דריי האָבן „לעגאַל" נישט געדאַרפט וויסן ווער עס איז אַ ייִדישער שרייבער, דען זיי „ריידן דאָך נישט קיין ייִדיש" און בכלל, אַז זיי לייענען פירל באַק און אייפּטאָן סינקלער דאַרפן זיי נאָך דאַרטן די ייִדישע שרייבערלעך?... וועגן איינעם פון די דריי דעלעגאַטן, וואָס זענען געפאָרן אויפן חשבון פון אַ ייִדישן ישוב, אַ זייער וויטן, דערציילט מען, אַז ער האָט אַליין געפירט זיין טאָכטער צו דער חופה דווקא אין דעם קאַטעדראַל־קלויסטער. בייזע צינגער זאָגן אַפילו, אַז על כל צרה איז ער אַליין אויך באַזאָרגט מיט אַ טויף־צעטל: עס קען צונוץ קומען, פאַרוואָס נישט... אָט דאָס זענען די דעלעגאַטן פון דעם פאָלק ישראל צו אַ וועלט־קאָנפערענץ!

...הערט איר ווי אַלע טייוואָלים און שדים לאַכן און שפּאָטן פון אַזאַ פאָלק?! ניין, נישט קיין פאָלק, נאָר פון אַ געוועזענעם פאָלק. אין שניפּישאָק, אין כאַנדריקעווע, אין אַלע ווינקעלעך ווו מיר האָבן געהאַט אַן עם־ארצישן מאַסיוו, וואָס די אינטעליגענץ איז פון אים געבוירן און געוואַקסן, דעמאָלט זענען מיר געווען אַ פאָלק. מיט דעם אומקום פון דעם עם־ארצישן מאַסיוו איז דאָס גאַנצע פאָלק צעברעקלט געוואָרן, צעפאַלן קולטורעל. אמת, דרויסנדיקע סיבות, סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע בינדן צונויף די געוועזענע מיטגלידער פון געוועזענעם ייִדישן פאָלק, אָבער קולטורעל זענען מיר שוין מער נישט קיין קולטור־שטייגערישער קאָלעקטיוו, נישט מער קיין פאָלק. רעדן זיך נאָך ייִדן צונויף וועגן געמיינזאַמע סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען, אָבער ווי נאָר עס קומט צו קולטור, געפינט מען שוין נישט קיין געמיינזאַמע פּראָבלעמען און קיין געמיינזאַמע אינטערעסן. און אַז קיין איינהייטלעכער קולטור־שטייגערישער טיפּ ייִד איז נישטאָ מער, טאָ ווער פירט די גרענדע, ווער זאָגט די דעות און באַלעבאָטעוועט?

— דאָ נעמט דעם אויבן דער גראָבער יונג, און ער נעמט עס ביד חזקה, מיט די עלנבויגנס וואָס ער האָט גאָר שטאַרקע.

דערביי מוז מען שטאַרק אונטערשטרייכן: עם־ארצים אָדער גראָבע יונגען זענען נישט קיין סאָציאַלע שטאַנדן באַשטימטע, נישט קיין אָפּגעטיילטע און קלאָר־באַשטימטע טיילן פון פאָלק, ווי דאָס איז געווען בנוגע צום עם־הארץ אין די צייטן פון תלמוד. עס איז אפשר בעסער צו ריידן וועגן עם־ארצישקייט און גראָביונגישקייט ווי אייגנשאַפטן, ווי קולטור־פּסיכישע עלעמענטן, וואָס אַ מענטש קען אין זיך האָבן מער אָדער וויניקער. קען דעריבער גאַנץ מעגלעך זיין, אַז איין מענטש זאָל האָבן שטריכן פון אַן עם־הארץ און שטריכן פון אַ גראָבן יונג.

עס קענען זיין מענטשן מיט מער און מיט ווייניקער גראָביונגישקייט אין זיך. מיר קענען אין אַמעריקע באַגעגענען אַ רב וואָס איז נישט קיין עם־הארץ, וואָס פאַרמאָגט אָבער אין זיין פיר און אין זיין ראָל פולע הונדערט פּראָצענט גראָב־יונגישקייט, וואָס גאָט זאָל אָן ערלעכן מענטש אויסהיטן פון צו באַגעגענען זיך מיט אַזוינע. קען זיין, אַז אין יעדן פון אונדז איז פאַראַן אַ געוויסע דאָזע, אַ קלע־נערע אָדער אַ גרעסערע פון עם־ארצישקייט און פון גראָביונגישקייט. אַז מ'ען לעבט אין אַן אַטמאָספער פון גראָביונגישקייט איז זיך שווער אויסצוהיטן פון די מיקראָבן. און דעריבער, ווען מיר ריידן די גאַנצע צייט וועגן די גראָבע יונ־גען, טייטלען מיר נישט מיט די פינגער אויף דעם אָדער יענעם מענטשן, אויף ראובנען אָדער שמעונען, מיר באַמיִען זיך נאָר קלאָר צו מאַכן די קולטורעלע אייגנשאַפטן וואָס שפּילן די ערשטע פידל אין אונדזער אָרקעסטער.

דער פאַקטאָר פון גראָביונגישקייט איז ביי אונדז אַ נייער. ווי האָט ער זיך אַנטוויקלט און פון וואַנען איז ער געקומען?

ג.

די מיקראָבן, אַזוי צו זאָגן פון גראָביונגישקייט, זענען ביי אונדז אַלעמאָל געווען, זיי פעלן נישט אין ערגעץ, אין קיין סביבה און ביי קיין פאָלק. דער דראַנג צו הערשאַפט, דער פאַרלאַנג אַרויסצורייסן זיך פון די „האַלאַבלעס", פון געזעל־שאַפטלעכן קאָנטראָל, פון דעם דעת הקהל, זיך צו באַפרייען פון דיסציפּלין — דאָס פעלט נישט קיינמאָל. מיר האָבן די העלדן געהאַט אין אונדזער אַלטן, אין שטייגעריש־גאַנצן לעבן אויך. אויב מענדעלע מוכר ספרים האָט איבערגעטריבן, האָט ער אָבער זיי נישט אויסגעטראַכט. אָבער כל־זמן אונדזער לעבן איז געווען שטייגעריש־גאַנץ, זענען די באַדינגונגען פון דער, אַזוי צו זאָגן, גייסטיקער סאַ־ניטאַריע געווען נישט אין פאַרגלייך „היגיענישער", כדי נישט צו דערלאָזן, אַז די מיקראָבן פון גראָביונגישקייט זאָלן זיך פאַרשפּרייטן, עס זאָל דערגיין צו אַ מגפה. זענען אַלעמאָל געווען ביי אונדז גראָבע יונגען, אָבער דאָס זענען געווען ספּאָראַדישע פאַלן, זיי זענען על פּי רוב אַרויסגעפאַלן פון דער ייִדישער געזעל־שאַפט אויך. דאָס רוב פלעגט דער שמד זיי אַרויסנעמען פון דער ייִדישער גע־זעלשאַפט און פטור. אויף אַ נאַטירלעכן אופן פלעגט אַזוי אַרום דורכגעפירט ווערן די „דעזאינפעקציע" און די גראָביונגישקייט האָט זיך נישט געקענט פאַר־שפּרייטן.

ווי אויף אַנדערע געביטן האָט אויך דאָ די השכלה אונדז צוגעדינט. עס איז אין פלוג מערקווירדיק, ווי אַזוי די השכלה, וואָס האָט געשטרעבט „צו ליכט, צו בילדונג", צו דער „הימלסטאַכטער בילדונג" („השכלה בת־השמים"), ווי אַזוי זי

האָט געקענט העלפן איר אַנטיפּאָד דער גראָביונגישקייט. עס איז אָבער פּאַרט אַזוי, און ווען מען טראַכט זיך אַריין טיפער עטוואָס, זעט מען, אַז די השכלה האָט געמוזט פירן צו דער פאַרשטאַרקונג פון גראָביונגישקייט. דען — פון איין זייט קען קולטור, בילדונג, השכלה נאָרמאַל וואַקסן נאָר אויף דעם אייגענעם באָדן, פון דעם אייגענעם פאָלקס־לעבן אַרויס, פון דעם אייגענעם עם־ארצישן מאַסיוו. די השכלה האָט „געטראָגן ליכט", פרעמדע ליכט „אין די פינצטערע געצעלטן פון ישראל" (יפיפיתו של יפת באהלי שם), איז דאָס צוקלעפּן קולטור צו אַ פאָלק ענלעך צו אַ גרים וואָס האַלט זיך שלעכט אויפן פּנים.

פון דער צווייטער זייט אָבער האָט די השכלה גאַנץ שטאַרק געהאָלפן צו צעשטערן אונדזער איינגעשטעלטן שטייגער פון לעבן, און ווען די פונקציעס פון אָרגאַניזם ווערן צעשטערט, דעמאָלט ווערט דער וועג פאַר באַקטעריעס פריי און אָפן, האָבן זיך אין אונדזער צעשטערטן פאָלקס־שטייגערישן לעבן אויך פאַר־מערט די מיקראָבן פון גראָביונגישקייט. אָט אַזוי האָט די השכלה געהאָלפן דעם פּראָצעס צו פאַרגראָביונגעוועון אונדזער לעבן.

אָבער דאָס איז ווייט נישט אַלץ. דאָס אַרויסקומען פון נייע מלוכות פון פעלקער וואָס זענען פריִער געווען אונטערדריקט, האָט אונדז געשטעלט אין גאָר נייע באַדינגונגען; די אורבאַניזאַציע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג וואָס האָט אַמאָל אַזוי שטאַרק געשמייכלט יעקב לעשטשינסקין, דאָס צעפאַלן פון דעם קליין שטעטל האָט אויך זייער שטאַרק צוגעהאָלפן דעם זעלביקן פּראָצעס.

אַלע די פאַקטאָרן צוזאַמען האָבן געווירקט אין דעם ניי־אויפגעקומענעם ישוב אין אַמעריקע. און עס זענען צוגעקומען נאָך און נאָך.

אין געזעלשאַפטלעכן לעבן נעמען אַנטייל די וואָס „האָבן עפּעס אַ ווערט", ד"ה די וואָס האָבן אַ גראָב באַנק־ביכל. אין אַמעריקע איז דאָס דער וויכטיק־סטער קריטעריום פאַר דער „ווערטיקייט" פון אַ מענטשן. אין ערגעץ איז נישט אַזוי אָנגענומען דער כלל, אַז „עני חשוב כמת" ווי אין אַמעריקע און ביי ייִדן. ווי מיר האָבן אויבן געשריבן, איז דער פּראָצענט גראָבע יונגען אַ סך גרעסער צווישן די „אויפגעקומענע", צווישן די וואָס האָבן זיך מיט זייערע עלנבויגנס אַרויסגעשטופּט פון פאָרנט. די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט קומט די לייט געגען אַנטקעגן, מען נעמט זיי אויף מיט כבודים און מיט אַוואַנסן אויף כבוד. על פּי רוב בלייבן די אַוואַנסן נישט געצאָלט. די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט איז ווייט נישט רייך מיט מעצענאַטן ווי עס וואָלט געקענט און געדאַרפט זיין. נישטאָ אַפילו די השגה ביי די אַרויפגעאַרבעטע צו ווערן שעפער און בויער, זיי נעמען, פאַרקערט, אָן, אַז דער כבוד און כיבודים קומען זיי סתם פאַר זייערע אייגענע עקאָנאָמישע דערפאָלגן... דער גראָבער יונג אין דער אַלטער היים האָט אָפט געהאַט אַ נקמה־געפיל צו די „פיינע בריות" און מחמת נקמה האָט ער געקענט

אָפּטאָן שפּיצלעך. אָבער אָט אין דער זעלביקער נקמה אין צו־להכעיס איז דאָך געווען אַ מאָמענט פֿון אַכטונג, דער גראָבער יונג ביי ייִדן אין אַמעריקע איז שוין פֿריי פֿון דעם. ער איז בכלל מבֿטל דעם נישט־אַרויפֿגעאַרבעטן, דעם שלים־מזל. קיין יחוס איז נישטאָ, דער גרעסטער יחוס איז דאָך דער 'סעלף־מייד־מען", דער אַרויפֿגעאַרבעטער, — מיט וואָסערע מיטלען, אויף וואָסערע וועגן — ווענן דעם פֿרעגט מען דאָך נישט אין אַמעריקע; דעם זיגער משפּט מען דאָך נישט. האָט זיך אַזאַ איינער שוין אַרויסגעהויבן, הייבט ער אָן צו זוכן ווי צו פֿאַרנעמען אַן אָרט, זיך „אויסצוגרינען". די ערשטע זאַך דאַרף מען זיך אָפּרייסן פֿון „כאַנדריקעווע". מיט אַלע מעגלעכקייטן זוכט מען פֿריינטשאַפֿט און באַקאַנטשאַפֿט צווישן די נישט־ייִדן. יענע לאָזן זיך נישט. אַגבֿ, איז די אייגענע צונג נאָך אין קלעם. איז לאָזט מען איבער דאָס פּאַר די קינדער: זיי וועלן שוין זיין אמתע „אַמעריקאַנער" — קיין ייִדישקייט, קיין אַקצענט, קיין סימן פֿון זייער זיין ייִדן. אָבער אַליין שלינגט מען אַראָפּ דעם ביטול־געפֿיל און מען גייט צו ייִדן: דאָ איז עס גרינגער צו פֿאַרנעמען אַן אָרט. אויף אַ צייט, פֿאַרשטייט זיך, ביז וואַנען מען וועט קענען לכל הפּחות אַריינקומען אין געזעלשאַפֿט פֿון די פֿאַרענגלישטע ייִדן. אָט דער פֿאַרוועניו האָט פֿיינט אַלץ וואָס דערמאָנט אים „כאַנדריקעווע". במילא האָט ער נישט דעם בעסטן, דעם נאַציאָנאַל־וואָגיקסטן עלעמענט פֿון דעם אַמאָליקן עם־הארץ. יענער האָט געהיט דעם פֿאָלקס שטייגער־טראַדיציע און דער טרעט זי מיט די פֿיס. נאָר מער נישט היות ווי צו קיין „בעסערער" געזעלשאַפֿט קען ער נישט דערגרייכן, גייט ער צו די ייִדן וואָס ער אַליין מיט זיינע קינדער האַלטן אין אַנטלויפֿן פֿון זיי און דאָרטן פּראַוועט ער די דעות. קיין אמתן דרך־ארץ האָט ער דאָך דאָ נישט צו קיינעם, לאָזט ער זיך פֿריי־גיין אָן וואָסערע עס זאָלן נישט זיין איינהאַלטערס. אָנקל מאָזעס לאָזט זיי אַלעמען גריסן. פֿאַר דעם עצם אַרבעט האָט ער דאָך נישט מער דרך־ארץ ווי צו די מיט וועמען ער אַרבעט און פֿון וועמען ער האַלט אין איין אַנטלויפֿן דאָך, מעג ער זיך פֿריי לאָזן, און ער דערלויבט זיך אַלץ וואָס ער קען דורך דעם קריגן פּובליסיטי, נאָמען, כּבֿוד, פֿאַרגעניגן און „דאַטס אָל" (מער דאַרף מען נישט). דאָס איז דער עיקר — זיין געזעלשאַפֿטלעכע קאַריערע איז דער ציל פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט. אָפּט פֿאַרשטייט גאָרנישט דער גראָבער יונג דעם זינען פֿון די אינסטיטוציעס איבער וועלכע ער באַלעבאַטעוועט. דער סטימול צו שאַפֿן עפּעס איז אָפּט... איבערשטייגעריש מיט עמיצן אַזאַ ווי ער וואָס שטייט „בראש" פֿון אַ צווייטער אינסטיטוציע. די קאָנקורענץ צווישן צוויי רייכע גראָבע יונגען, וואָס שטייען בראש פֿון צוויי אינסטיטוציעס, וואָלט געגעבן אַ שלום עליכמען געננוג שטאָף. ענלעך צו דעם האַנדלען צוויי גוייִשע גבֿירים, וואָס קאָנקורירן צווישן זיך מיט זייערע... פֿערד און געיעגן.

פאַר אַ דוגמא וועל איך דאָ ברענגען עטלעכע אַנעקדאָטישע פאַקטן: איי־נער אַ פאָרזיצער פון אַ שול פון דעם טיפּ, קלינגט אָן צו „זיין" לערער ער זאָל לערנען מיט די קינדער עפּעס אַזאַ זאַך, וואָס מען רופט עס „דיגדוג". ער אַליין ווייסט נישט וואָס עס איז, נאָר נעכטן איז ער געווען צו גאַסט ביי איינעם, האָט מען דאָרטן דערציילט, אַז אין דער שול פון זיין געוועזענעם שותף, וואָס ער האָט זיך מיט אים צעקריגט, דאָרטן לערנט מען „דיגדוג", הייסט ער זיין לערער אויך לערנען „דיגדוג". „אַז ביי יענעם איז דאָס דאָ, דאַרף עס זיין אויך ביי אים"... אויב עס שטייט אַז קנאת סופרים תרבה חכמה, ווייס איך נישט צי די קנאה קען אויך פאַררעכנט ווערן אַהין. איינער אַ פּרעזידענט פון אַ שול האָט געהאַט טענות צו זיין לערער: איר שרייבט אַרטיקלען און איר האָט קיינמאָל נישט דערמאָנט אונדזער נאָמען. איך ווייס פון אַ פּרעזידענט אין אַן אינסטי־טוציע, וואָס איז אַ סך ברייטער פון אַ שול (איך דערמאָן נישט קיין נעמען, ווייל עס זענען אַלץ לעבעדיקע מענטשן און לעבעדיקע אַנשטאַלטן), וואָס איז מאַקע דער רייכסטער ייִד אין לאַנד, אָבער קיינער זאָל בעסער נישט פרעגן ווי אַזוי ער איז געקומען צו דער רייכקייט. אמת, ער האָט אַ סעקרעטאַר פאַר זיין געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט, אָבער ער אַליין ווייסט אויך זיכער נישט, אַז ייִדן האָבן אַ ליטעראַטור. איך וואָלט געקענט דערציילן אָן אַ צאָל מער און מער אַנעק־דאָטן, נאָר נישט עס ווילט זיך רייצן די געבנדז, נישט עס גייט וועגן דעם פון עמיצן אָפּצולאַכן: אָך און ווי צו אונדזער געלעכטער. עס גייט וועגן אַ דער־שיינונג אין ייִדישן לעבן וואָס קען דערפירן צו אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט שוין ביז איצט אונדז געבנוג שאָדן אָנגעטאָן, און מען מוז עפּעס טאָן, מען מוז זיך שטעלן ווי אהרן מיט זיין פייערפאַן און זען אָפּצוהאַלטן ווי עס איז די מגפה. ווי אַן אַנטיטאָקסין וואָלט געדאַרפט קומען אַ גרעסערע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַק־טיווקייט פון די אָרגאַניזאַציעס וואָס פאַרנעמען זיך דורכויס מיט קולטור. דער פען־קלוב דער ייִדישער טאָר נישט זיך באַגנוגענען מיט די אַרבעטן וואָס עס טוען אַנדערע ענלעכע קלובן ביי אַנדערע פעלקער. דאָרטן האָט די קולטור אַנ־דערע באַזאָרגער, די גאַנצע מלוכה שטייט דאָ צו דינסט. ביי אונדז וואָלט אַזאַ אָרגאַניזאַציע ווי דער פען־קלוב געדאַרפט זיך פאַרנעמען מיט הייבן די מערכה פון דער קולטור אין די אויגן פון די ייִדן גופא. ייִדן בלייבן אין אַ גרויסן פאַר־נעם, און דער קלוב טוט אייגנטלעך גאַרנישט.

די ייִדישע לערערשאַפט וואָלט געדאַרפט אַריבערשפּרייזן איבער די גרע־נעצן פון די קליינע גרופּעס וואָס קענען צווישן זיך די כיבודים נישט צעטיילן און שאַפן אַן איבערפּאַרטייאישע שול־אָרגאַניזאַציע, אומאָפּהענגיק צי די גבאים ווילן עס צי נישט.

אָבער פריִער פון אַלץ וואָלט מען געדאַרפט שאַפן אַ גרויסע פאָלקיסטישע

באַוועגונג ביי ייִדן. אמת, עס זענען געווען אַזוינע פּרווון ביי ייִדן אין דער לעצ־טער צייט. אין רוסלאַנד בימי הרעוואָלוציעס האָבן דאָס געפּרובירט שאָפן לאַצ־קי־בערטאָלדי, זעליק קאַלמאַנאָוויטש עליהם השלום און י. עפּרויקין. אין פּוילן, ווידער, האָבן זיך צו דער אויפגאַבע גענומען נח פּרילוצקי, נאָמבערג און מענ־דעלסאָן. אָבער נישט אין רוסלאַנד און נישט אין פּוילן איז עס נישט געלונגען. און די טוערס אַליין זענען געבליבן אַנטוישט.

פאַרוואָס זענען די פּרוּוון נישט געלונגען? — מיר דוכט זיך, אַז דאָ זענען געווען עטלעכע סיבות. די ערשטע איז געווען די צייט. דער שטורעם און דראַנג פון רעוואָלוציעס, וואָס ברעכט און רייסט איז נישט פּאַסיק פאַר פאָלקיזם, איבערהויפּט ביי ייִדן, וואָס צייכענען בכלל זיך נישט אויס מיט אַ שטאַרקער צוגעבונדנקייט צו זייער פאָלק און צו זיין פאָלקישקייט. אַפילו די היינטיקע רעליגיעזע ייִדן זענען אין תוך אַריין נישט קיין „שומרי מסורת״, נישט קיין טראַדיציע־געטרייע ייִדן. זיי היטן בלויז אַ קליינעם טייל פון שולחן ערוך, און דאָס טוען זיי נישט אויס ליבע און אַכטונג צו ייִדישקייט, נייערט, זיי פאַר־לאַנגען דערפאַר ביים רבונו של עולם אַ דירעקטע באַצאָלונג, אַ גוטן שכר. אומ־זיסט, לשמה, ווייל עס איז זיי ליב און טייער די ייִדישקייט גופא — דאָס נישט, חס ושלום. אַלץ וואָס עס לאָזט זיך נאָר אויספשטעלן וואַרפן זיי אַוועק ווי אַלע אַסימילאַטאָרן. אַזוי, אַז עס איז גאָרנישט שווער צו געפינען אין די אַמעריקעס זייער אַ סך אַסימילאַטאָרן־פרומע ייִדן, אַסימילאַטאָרן וואָס זאָגן זיך אָפּ פון דער גאַנצער שעפערישער ייִדישקייט, אַבי נאָר זיי טראָגן אַ טלית־קטן. זיי זענען אייגנטלעך ייִדן אין זינען פון רעליגיע, אָבער לגמרי נישט אין זינען פון נאַציאָנאַלן ייִדישן לעבן. פון אַזוינע ייִדן קען קיין פאָלקיזם נישט אַרויסוואַקסן. אויך פון די וועלטלעכע ייִדן, פון די וואָס האָבן זיך אַמאָל גערופן „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע״. זייער גאַנצע ייִדישקייט איז בכלל געווען מער אַ ווערבאַלע, מען רעדט וועגן ייִדישקייט, ווייל מען האָט נישט קיין ייִדישקייט. און די שפּראַך ייִדיש וואָס מען האָט געמיינט, געוואָלט זיך איינריידן אַז מען היט זי, איז געווען אָן אַ וואָסער עס איז ייִדישן אינהאַלט, ווי אַ פלאַש אַ ליידיקע, — אויך פון זיי קען נישט אַרויסוואַקסן אַ פאָלקיסטישע ריכטונג. פאַר זיי איז דאָך גאָר די ייִדישקייט אין לעבן טריף און „מוקצה מחמת רעליגיע״.

במילא איז שוין אַזאַ באַוועגונג ווי פאָלקיזם ביי ייִדן פאַרמשפּט אויף אַ לאַנגער און שווערער אַרבעט, אַ סך אויפקלערונג איז נייטיק, אַ סך פּראַקטישע אויפטוען זענען נייטיק, איידער דאָס פאָלק וועט דערפילן, אַז מיר האָבן גענוג אייגנס מיט וואָס מען קען לעבן. מען דאַרף דאָס גאַנצע פאָלק איבערדערציִען... זייער אַ שווערע אַרבעט!

עס זענען שולדיק די ציוניסטן, דער ציוניזם בכלל, וואָס האָט נישט אויס־

געשניטן זיינע „השכלה־אַפּענדיקסן" מיט זיין גאַנצער „שלילת הגלות" וואָס האָט אין אַמעריקע באַקומען אַ פאַרקערטן פּנים: דער גלות אייגנטלעך איז גאַנץ ליב: יעדער גרויסער ציוניסט וויל בעסער בלייבן אַליין אין אַמעריקע (ער וועט אַגיטירן, געלט זאַמלען), אין ארץ ישראל זאָלן פאָרן אַנדערע (ער וועט זיי העלפן)! פאַר זיך אַליין זענען זיי שולל נישט דעם גלות, נאָר די גאולה ווילן זיי זיך פאַרשפּאָרן. זייער גאַנצע שלילה גיסן זיי אויס נישט אויף דעם גלות, אויף דעם אַמעריקאַנער פּאַס זייערן, נאָר מען איז מבטל גאָר די יידישקייט וואָס האָט גובר געווען אַלע גלותן און האָט דערבראַכט ביז צו דער גאולה. עס איז זייער גרינג און זייער באַקוועם צו זיין אַ ציוניסט פאַר יענעם און זיך מיט די קינדער דערווייל אַסימילירן, זיי אָפּרייסן פון גאָר דער יידישקייט אין נאָמען פון אַ צווייטער, אַ נייער וואָס אַנדערע, נישט ער, שאַפן ערגעץ, דאָרטן... די יידישקייט פון דעם גאַנצן פאָלק ביז איצט, פון אַלע דורות יידישקייט — דאָס איז פּע, מיאוס, גלותדיק. עס שמעקט מיט אַ קאַפּעלע אַנטיסעמיטיזם פון אַט דעם „פּע". אָבער דערפאַר גלייבט מען אָבער זייער שטאַרק אין יענעם הייליקן לאַנד, וואָס אַנדערע לעבן עס אויף, אַנדערע פאַרגיסן פאַר דעם זייער בלוט... און זיי, די אַמעריקאַנער ציוניסטן (אין דעם גרעסטן טייל זייערן) ווילן זיך דערווייל... שולל זיין די יידישקייט פון גלות און יוצא־זיין מיט דער גוטער יידישקייט פון יענע אין ארץ ישראל... נישט אומזיסט האָט אַמעריקע ליב באַקוועמלעכקייטן. אָבער נישט דאָס זענען מיר אויסן. ער איז נאָר געקומען צו רייד דערפאַר וואָס די קרייזן ווילן קיין פאָלקיזם נישט שאַפן, נישט העלפן.

עס איז אויך שולדיק דער „בונד", וואָס האָט אין זיינע לעצטע יאָרן אין אייראָפּע געטאָן אַ סך פאָלקיסטישע אַרבעט, אָבער נישט ער האָט געקענט און נישט ער האָט געוואָלט אויפריכטיק און אָפן אויפהייבן די פאָן פון פאָלקיזם. און אַפילו איצט, ווען קיין בונד, אייגנטלעך, איז דאָך שוין נישטאָ, ווען עס זענען געבליבן בלויז רעשטלעך פון בונדיסטן, אַפילו איצט האָט דער בונד נאָך נישט געקערט זיך „צו זיך", נישט באַנומען זיין אייגנטלעכע ראָל אין יידישן לעבן, איצט, נאָך אַלע חורבונות און נאָך אַלע אַנטוישונגען אין זיין נאַיוון גלויבן אין פּראָלעטאַריאַט, אין פעלקער, אין שכנים, אין באַלעבאַטים, אַפילו איצט קענען זיך אויך די דעינקענדיקע בונדיסטן נישט דערטראַכטן און נישט דערגיין צו דער אמתער ראָל פון בונד אין יידישן לעבן, צו ווערן אַ ריין פאָלקיסטיש־יידישע באַוועגונג, וואָס נאָר דאָס וואָלט דאָ געקענט ראַטעווען דעם בונד גופא פון אומקום.

וועגן די לינקערע איז דאָך נישטאָ וואָס צו ריידן: זיי זענען דאָך פאַרשטייער פון אַ פרעמדער פירמע אויף דער יידישער גאַס. זיי האָבן נישט קיין אייגענע יידישע פּראָגראַם, זיי זענען חסידים פון אַ נישט־יידישן רבין, און אַמך־

זאָגער נאָך אַ חזן וואָס קען גאָרנישט דאַוונען, ריכטיקער, וואָס מיר ווי אַ פאָלק קענען נישט מיטדאַוונען מיט אים, ווייל נישט מיר באַשטימען די פּאָליטישע פאָרמעס פון לעבן וד"ל. איז עס נישטאָ וואָס צו האָפן, אַז יענער ווייטער רבי זאָל הייסן ווערן פאָלקיסטיש. און דערווייל איז אין מאָדע צו זיין „פּראָגרעסיוו" און די פּראָגרעסיווקייט איז נישט אין הסכם מיט פאָלקיזם. במילא איז פון דאַנען נישטאָ וואָס צו דערוואַרטן...

שולדיק זענען אויך אונדזערע שרייבער און קולטור־טוערס, וואָס אויך זיי האָבן נישט קיין אייגענע נאַציאָנאַלע וויזיע, קיין אייגענע פּראָגראַם וואָס זיי זאָלן אָרגאַניזירטערהייט זיך באַמיִען דורכצוזעצן אין לעבן. אַנשטאָט דעם לאָזן זיי זיך איינשפּאַנען אין גאָר פרעמדע רייטוועגענער, ביי די וואָס ייִדישקייט און ייִדישע קולטור איז ביי זיי נאָר אַ מיטל צו עפּעס גאָר אַן אַנדער ציל. עס קען נען, למשל, נישט אַרבעטן מיטן גאַנצן האַרצן פאַר אַ ייִדישן לעבן דורך דער גאַנצקייט פון דער ייִדישער קולטור מענטשן וואָס זייער האַרץ איז אין ארץ ישראל און זיי זענען מיט דעם גאַנצן האַרצן מסכים, אַז דאָרטן זאָל און דאָרטן דאַרף ייִדישע קולטור זיין טריף, אין אַ מין חרם, און אויב מען פאַרקוקט אַמאָל איז עס דאָך ווי אַ נדבה אַן אָרימען קרוב...

בקיצור, שולדיק זענען מיר אַלע.

און דאָך, האַכט זיך מיר, אַז דווקא דאָ אין אַמעריקע איז פאַראַן באָדן פאַר אַ פאָלקיסטישער באַוועגונג. עס זענען פאַראַן אַ סך בענקענישן און עס ציט דאָס פשוט־ייִדישע האַרץ צו זיין מקור. עס דאַרף קומען די אָרגאַניזאַטאָרישע האַנט וואָס זאָל אָט די בענקענישן ברענגען צו אַן אָרגאַניזירטן אויסדרוק.

עס איז אַ לאַנגער וועג און גאָרנישט קיין גרינגער וועג, אָבער דאָך איז עס דער איינציקער וועג ווי אַזוי אַריינצוטראָגן אין ייִדישן לעבן עטוואָס דיסציפּלין, עטוואָס אחריות, ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון דער ממשלה פון גראָבן יונג, וואָס האָט זיך ברייט צעלייגט וויביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן.

אַן ענלעכע פאָלקיסטישע באַוועגונג איז דאָך געווען דער חסידיזם נאָך די אומגליקן פון אַ יעקב פראַנק און נאָך, אָט אַזאַ מין חסידיזם דאַרפן מיר האָבן אויך איצט, אַ באַוועגונג נישט מיט פּאָליטישע פלאַטפאָרמעס, נאָר מיט אַן אייגענעם ייִדישן נוסח ווי צו לעבן, מיט אַ גלויבן אין זיך, אין אייגענעם פאָלק און אין זיין פאָלקישקייט. דאָס איז דער וועג!

עס פעלן אונדז בטלנים

א.

יאָ, עס פעלן דעם יידישן פאָלק איצט אויס בטלנים.

נישטאָ ביי יידן קיין שאַרפערער זידלוואָרט, קיין גרעסערער ביטול ווי זאָגן אויף עמיצן, אַז ער איז אַ בטלן. אַ בטלן — דאָס איז אַ לא יצלח, אַ טויגעניכטס, אַ גאָרנישט, אַ לעמעשקע, אַ ווייס איך וואָס, אַ לעקיש, אַ שלים־שלים־מזל, אַ למך.. אַן עק און אַן אַ סוף ביטול און געלעכטער גיסט מען אויס אויף דעם קאָפּ פון דעם וואָס מען האַלט אים פאַר אַ בטלן, זאָל אייך גאָט שומר ומציל זיין. אַ בטלן איז אָסור לרחם אויף אים, מיטן לשון פון דער גמרא וואָלט מען געקאָנט זאָגן וועגן דער באַציִונג פון יידן צום בטלן, נעבעך, אָט אַזוי: החובל בו פטור והוא החובל באחרים חייב. דאָס הייסט גאָר פשוט — אים, דעם בטלן, מעג איטלעכער באַליידיקן. אָנטאָן כלערליי נגישות און עוולות, איז לית דין ולית דיין. פאַרקערט עס איז נאָך אַ מצווה אָנצולערנען דעם בטלן ער זאָל וויסן, אַז ער איז אַ בטלן.. האַלטן דאָך אַ סך נישט־יידן, אַז עס איז אַ מצווה אָנצוטאָן יידן צרות. איז עס דער בטלן ביי יידן ווי יידן צווישן פעלקער. פאַרקערט אָבער, טאָר דער בטלן נישט אָנרירן אַפילו אַ פליג אויף דער וואַנט, וואָרום — געזען אַ חוצפה פון אַ בטלן!... איז עס חיות נישט זיכער. ווי אַ טמא אין אינדיע וואָלט אָנגערירט אַ הייליקן.

ווער ווערט אָבער פאַרצייכנט פאַר אַ בטלן? — דאָס איז דער וואָס אַ ל ע זענען אים מבטל. און פאַרוואָס קומט אים אָט אַזאַ ביטול? פאַרוואָס גיסט מען אויף אים אויס די אַלע צען מאָס ביטול? דאָס איז דערפאַר, וואָס ער האָט זיך פאַרחלומט און נישט געמאַכט קיין געלט אין אַמעריקע. איינער אַ ווילער ייִד האָט מיר געגעבן אַמאָל נישט ווילנדיק די בעסטע באַשטימונג פאַר דעם ווער עס פאַרדינט דעם נאָמען „בטלן". „ער איז שוין צוואַנציק יאָר אין אַמעריקע און ער האָט נאָך נישט געמאַכט קיין געלט". און דערביי איז געקומען אַזאַ מאַך מיט דער האַנט און אַזאַ קרים מיטן פּנים, אַז עס איז נישטאָ און עס איז אוממעגלעך יעדע אַפּעלאַציע.

האָט עמיצער געמאַכט געלט, איז ער אַ מ ע נ ט ש. מעג ער זיין אַלץ אין דער וועלט, וואָס אין קאָרט שטייט, מעג ער זיין אַן אָנזעצער און נאָך עפּעס מערער פון דעם, מעג ער האָבן זיין געלט געמאַכט אויף וואָסערע עס זאָלן נישט

זיין וועגן — ווען מען גייט עס אָן? ווי זאָגן ייִדן — „כסף וזהב מטהר ממזרים" — לייענען ייִדן „כסף וזהב טייערע ממזרים". האָט עמיצער נישט געמאַכט קיין געלט, — איז ער ווערט מען זאָל אים אַוועקלייגן אין מיטן גאַס און טרעטן מיט די פיס. נישט מען דאַרף און נישט מען טאָר זיך רעכענען מיט אַזאַ בטלן... און ווען איר קוקט זיך צו צום פּנים פון אַ ייִדן ווען ער זאָגט אַרויס דאָס וואָרט „בטלן", וועט איר באַמערקן די זעלביקע גרימאַסע ווי למשל ביים אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „אַ זשאַבע" „וואָרעם" בר־ר־ר־ר...

אָט אַזאַ איז די מאָדערנסטע, נייסטע איינשטעלונג ביי ייִדן. אַ נייע טראַדיציע אַזאַ. אָבער גאָר אַנדערש איז געווען די טראַדיציאָנעלע איינשטעלונג ביי דעם זעלביקן ייִדישן פאָלק. דעריבער וועט זיין ריכטיק אויב מיר וועלן אונטערשיידן צווישן דער וואָלגאַרער און פאָלקסטימלעכער טראַדיציע. דאָס וואָס מיר האָבן באַשריבן אויבן, דאָס איז די וואָלגאַרע. גאָר אַנדערש איז די פאָלקסטימלעכע טראַדיציע. ביי ייִדן, אַז מען האָט געוואָלט זאָגן אַ שבח אויף אַ באַליבטן רב, פלעגט מען זאָגן, אַז ער איז אַ תמים, ער ווייסט נישט קיין צורת מטבע. און צו אָט דעם נישט־ווייסער פון געלט פלעגן ייִדן קומען מיט דין־תורות אויף גרויסע געלטער און זיי האָבן זיך אויף אים פאַרלאָזט. אַ קהילה פלעגט זיך באַמיִען, אַז זי זאָל אויסהאַלטן „עשרה בטלנים" — מענטשן וואָס זאָגן זיך אָפּ פון עולם הזה מיט אַלע זיינע נאַרישע יאָגענישן און האָוועניש און זענען זיך עוסק מיט דער תורה. און אָט צו אַזוינע אָרימע בטלנים האָט אַ פאָלק געהאַט דרך־ארץ און מען האָט צו זיי אַרויפגעקוקט ווי צו מענטשן פון אַ העכערן טיפּ. איז די פאָלקסטימלעכע איינשטעלונג געווען דאָס פאַרקערטע פון דער וואָלגאַרער. איז די גאַנצע דעפיניציע געווען גאָר אַ פאַרקערטע: אַ בטלן איז דער וואָס ער איז מבטל אַלע גליקן פון חיי־שעה און איז זיך עוסק מיט חיי־עולם...

און אינטערעסאַנט: מען פלעגט נישט זאָגן „אַ מנין בטלנים", נאָר „עשרה בטלנים". איך מיין, אַז דאָס איז געווען אַ סימן, אַז בטלנים אַליין זענען נישט קיין מנין, נישט קיין גאַנצער ציבור. זיי אַליין קענען נישט האָבן קיין קיום, אָבער דאָך דאַרף אַ ייִדישע קהילה זיי האָבן, אָן זיי איז אויך די קהילה נישט קיין קהילה.

אָט די פאָלקסטימלעכע באַציִונג און ריכטיקע אויסטייטשונג פון באַגריף „בטלן" ציט זיך נאָך פון דער גמרא אָן. אין אַ משנה (מגילה ה.) זאָגט זיך: איזו עיר גדולה — כל שיש בה עשרה בטלנים. פּחות מכאן הרי זה כפר. אָן צען בטלנים איז אַ שטאָט גאָר קיין שטאָט נישט, אַפילו זי זאָל האָבן טויזנטער סוחרים און פאַבריקאַנטן... אין אַ צווייטן אָרט (מגילה ג׳) זאָגט זיך, אַז אַ שטאָט וואָס האָט פאַרלוירן אירע עשרה בטלנים איז „חרוב" געוואָרן. און אין

אַ דריטן אָרט — „בשעה שקב״ה בא בבית הכנסת לא מצא בה עשרה, מיד הוא כועס״ (ברכות ו׳).

אויך גראַמאַטיקאַליש איז די פאָרעם בטלן צוגעפּאַסט צו אַקטיוויקייט — דער וואָס איז מבטל און נישט דער וואָס מען איז אים מבטל. די גאַנצע פאָרעם מיט דעם נון צום סוף ווי אכלן, סלחן ומחלן, בטלן, גזלן, למדן, שקרן, נדבן, רחמן וכדומה שטאַמט טאַקע אין העברעיִש פון דער תלמוד־צייט. זי האָט זיך אָנגענומען אין דעם מאָדערנעם העברעיִש. אַלעמאָל אָבער ווי אַ באַצייכענונג פון אַקטיוויטעט — חצרן, ספרן, רפתן וכדומה.

ב.

און לאָמיר זען וואָסער צוגאַנג איז ריכטיקער. איז טאַקע דער בטלן אַזאַ מין איבעריקע זאַך וואָס פּלאָנטערט זיך נאָר אונטער די פיס דאָרטן, ווו עס גייען לייטישע מענטשן? איז דער בטלן טאַקע אָט דער וואָס אַלע זענען אים מבטל, אָדער עס איז ריכטיק דער צוגאַנג פון דער טראַדיציע, אַז דער בטלן איז דער וואָס איז מבטל חיי־שעה און איז זיך עוסק אין חיי־עולם?

אַ פאָלק איז אַ ציבור, אַ געזעלשאַפט, ווי אַ מין אָרגאַניזם, און אַן אָרגאַניזם קען נישט לעבן בלויז מיטן מאָגן אַליין. ער דאַרף אויך האָבן אַ מוח. אַ פאָלק קען נישט האָבן קיין קיום בלויז מיט זיין עקאָנאָמישן פאַרמעגן, און בפרט אַזאַ פאָלק ווי דאָס ייִדישע. און איך בין דאָ נישט אויסן בלויז דעם קול־טורעלן קיום, נייערט אַפילו דעם ריין־פיזישן קיום קענען מיר אויך נישט אויפ־האַלטן אָן דעם טייל פון פאָלק וואָס טוט זיך אויס פון אַלע פּראָבלעמען ווי צו „מאַכן געלט״ און ער פאַרטראַכט זיך וועגן זאַכן העומדים ברומו של עולם, אָדער — ווי מען לאַכט אָפּ פון דעם — וועגן נעכטיקע טעג און וועגן פייגעלעך. די וועלט לאַכט טאַקע פון די וואָס קלערן „ווי די וועלט דרייט זיך״, „ווו די רווי־כעס פון קוימען קומען אַהין״ (סטוטשקאָוו, „אוצר״). זיי, אָט די בטלנים, וואָס טראַכטן וועגן די אַלע ענינים, זיי שאַפן דעם „גייסט פון פאָלק״, זיי אַנטפּלעקן פאַר אַלעמען די „מיסתורין שבאומה״, די פאַרבאָרגענע נשמה פון פאָלק. אָן זיי, אָן די בטלנים, איז אַ פאָלק נישט קיין פאָלק נאָר אַן אָרגאַניזם וואָס וועגע־טירט. מעג דאָס פאָלק באַשטיין פון לויטער געניטע געלט־מאַכערס, בלייבט עס אַלץ אין דער בחינה פון המון, וואָס אַלע זיינע אַנטיילנעמער לויפן צו איין ציל, אין איין געלאַף. אָבער אָט דאָס געמיינזאַמע געלאַף שאַפט נישט פון דעם המון קיין גאַנצע און קיין איינהייטלעכע מאַסע, קיין פאָלק.

עס איז נישט אמת, אַז דער געמיינזאַמער גורל פון מענטשן שאַפט דעם קאָלעקטיוו פון אַ פאָלק. מיליאָנעןביימער וואָס דער גורל האָט זיי אַלעמען געבראַכט אין זעגמיל אַריין, זענען נישט קיין וואַלד; מיליאָנען בהמות וואָס

דער גורל האָט זיי געבראַכט אין פי־וואַגאָנען אין פלייש־פאַבריק אַריין, זענען נישט קיין סטאַדע, און אויך נישט קיינע טרעבלינקעס און קיינע היטלערס און כמעלניצקעס האָבן נישט און וועלן קיינמאָל נישט שאַפן קיין יִדיש פאָלק. נישט דער געמיינזאַמער גורל, נאָר דאָס געמיינזאַמע גייסטיקע לעבן, דאָס געמיינזאַמע אין לעבן שאַפט געמיינזאַמקייט פון גייסט און די געמיינזאַמקייט פון גייסט, ערשט זי שאַפט פון סכומים מענטשן איין פאָלק, איין קאָלעקטיוו.

אָבער אָט דער גייסט איז פאַר זיך אַליין, ווי ער איז אין לעבן גופא, שטום. דאָס איז וואָס פרץ האָט גערופן „שטומע נשמה”. די שטומע נשמה קען נישט איבערגיין בירושה באַוווסטזיניק, די נשמה פון פאָלק דאַרף האָבן איר אויסדרוק, איר מויל, איר פעדער, איר פענדזל, וואָס זיי מאַכן פון איר נ ס ת ר אַ נ ג ל ה, ערשט זיי, די שעפער, מאַכן די תורה פון פאָלק, און זיי מאַכן דעם „קיבל תורה ומסרה”. און ערשט דורך דעם האָט אַ פאָלק זיין קיום, זיין לעבן.

און ווער פאַרנעמט זיך מיט דעם? דאָס איז די עובדא פון די וואָס לאָזן פאַר אַנדערע די הוויות פון עולם הזה, אַלע צילן פון מ'אַכן געלט, פון שאַפן רייכטימער און זיי פאַרנעמען זיך מיט שמידן די אוצרות פון פאָלק, זיינע גייסטיקע רייכטימער, מיט דעם פורעמען פון דעם חומר היולי פרצופים, פרצופים פון פאָלקס־נשמה.

און וואָס רייכער עס איז דער גייסטיקער פאַרמעגן פון פאָלק, אַלץ געזינטער איז עס, דאָס פאָלק, אַלץ מער'פעיקייטן האָט ער זיך קעגנצושטעלן אַלערליי באַקטעריעס און חולאתן וואָס באַפאַלן אים. מיט דעם כוח פון גייסט שטאַרקט זיך דער כוח פון פאָלק; מיט דעם כוח פון פאָלק ווערט זיכערער זיין קיום, מיט דער זיכערקייט פון פאָלקס־קיום איז זיכערער דער קיום פון איטלעכן יחיד אין פאָלק.

נימצא — ווער איז דער בטלן און וואָס איז זיין עובדא אין לעבן פון פאָלק? דאָס איז דער וואָס פאַרלאָזט די טובת הפרט, זיין אייגענע טובת הפרט און בויט און שאַפט די טובת הכלל, דאָס געזונט און דעם קיום פון פאָלק ווי אַזאַ.

אין דעם ביטול וואָס מען איז מבטל דעם בטלן שטעקט אַ גרויסע סכנה פאַר דער עצם עקזיסטענץ פון יִדישן פאָלק און פון איטלעכן יִדן באַזונדער.

די בטלנים אין פאָלק זענען אויך די „בעלי חלומות”, וואָס מען האָט ליב פון זיי אָפצולאַכן, און דאָך זענען זיי די וואָס פּראָיעקטירן פון פאָרויס, וואָס מערקן אָן פון פריער דעם גאַנג פון פאָלק. איך וועל נעמען איין בולט־כאַראַקטעריסטישן פאַל פאַר אַ דוגמא.

עס האָבן זיך געטראָפן צוויי געטרייע יִדן, צוויי יִדן וואָס האָבן געטראַכט און געטאָן פאַר דעם פאָלק. איינער פון די צוויי איז געווען אַ גרויסער פּראַקטיקער, אַ מענטש פון מעשים און פון גרויסן פאַרנעם. פאַר זיינע אויפטוען האָט

ער זיך דערדינט דעם טיטול באַראָן און אַ סך מיליאָנען האָט ער געלאָזט מיט אַ ברייטער האַנט פאַר זיין פאָלק. דער צווייטער איז געווען אַ שרייבער פון פעליעטאָנען אין אַ צייטונג, אַ מענטש, וואָס האָט געהאַלטן, אַז „אויב איר וועט וועלן זיינען די חלומות עפּעס ווערט". איינעם האָט מען גערופן באַראָן הירש און דער צווייטער איז געווען הערצל. און דער פּראַקטישער באַראָן האָט אויס־געלאַכט דעם פאַנטאַזיאָר, דעם שרייבער.

און איצט, פופציק יאָר שפּעטער. קיינער קען נישט אַראָפּנעמען די שערב־לעך פון די אויגן פון דעם געשטאָרבענעם גוטן און אויפריכטיקן געטרייען באַ־ראָן, ער זאָל קענען דערזען ווער עס איז געווען גערעכט: דער פּראַקטיקער אָדער דער בעל החלומות. דאָס איז נישט מעגלעך. עס איז אָבער מעגלעך אַן אַנדער זאַך: זאָלן זיך די הייַנט לעבעדיקע פּראַקטיקער אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל און זען און וויסן און פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ גרויסע ראָל עס איז אַמאָל באַשערט די בטלנים פון פאָלק.

מיר וויסן: דער כוח פון הערצלען איז געלעגן נישט אין זיינע פּריוואַטע אייגענע חלומות, זיין כוח איז געלעגן דערין, וואָס זיינע חלומות זענען צונויפ־געפאַלן מיט די חלומות פון זיין פאָלק, אָט פון די אויסגעלאַכטע און אָפּגעשפּאָ־טענע „בנימין השלישי" און זיינע אייניקלעך, מיט די בענקענישן פון ר' יוזפלען דעם קאַסרילעווקער אַלטן רב וכדומה.

דאַרף מען זיך פון דעם עפּעס אָפּלערנען און איך ציטער פאַר דעם מאָמענט וואָס דערנענטערט זיך, צום באַדויערן, ווען מיר וועלן מער נישט האָבן קיין בטלנים, ווען אַלע פּאָטענציעלע בטלנים וועלן ווערן פּראַקטישע מענטשן, זאַכ־לעכע און ניכטערע. ווען יענער שרעקלעכער מאָמענט זאָל קומען איז אויס מיט דעם יידישן פאָלק.

ג.

יעדער געזונט נאָרמאַל פאָלק האָט און מוז האָבן זיינע בטלנים. מיט זיי ווערן פול אַלע אוניווערזיטעטן. דאָס זענען דאָך די וואָס פאַרנעמען זיך, וואָס גיבן אַוועק זייערע לעבנס צו שטודירן די געשיכטעס פון דער וועלט, די אַר־כעאָלאָגיעס, די וואָס גייען גראָבן אַלטע קולטורן און דעשיפרירן אַלטע, פאַר־צייטיקע אויפשריפטן, דאָס זענען די פילאָזאָפן, די טעאָרעטיקער פון אַלע נאַ־טור־וויסנשאַפטן, וואָס גיבן אויס אַזויפיל „פּראַקטישע" געלטער", כדי צו שטו־דירן, לאָמיר זאָגן, די עמבריאָלאָגיע פון עפּעס אַ גרעזל, פון אַ ווערעמל, צי ווייס איך וואָס.

איך וועל דאָ ברענגען אַן אַנעקדאָטישן פאַקט פון איינעם אַזאַ „בטלן". עס איז געווען אין קיִעוו אין דער צייט פון רעוואָלוציעס און הונגער. באַקלאָגט זיך

פאַר מיר אַ פּראָפעסאָר פון געוויקסן־עמבריאָלאָגיע: ער האָט געפּאַרשט מיקראָ־סקאָפּיש עפּעס אַ געוויקס. טעלעכע יאָר אַרבעט איז געווען אַריינגעלייגט אין דעם פּרעפּאַראַט. ער איז געפאָרן אַזש אויף דעם אינדזל יאַוואַ צו קריגן דאָס געוויקסל אין זיין היים. און אָט איז ער איינמאָל געזעסן ביים מיקראָסקאָפּ אין פענצטער און געשטודירט, איז אַריינגעפלויגן אַ באָמבע אין פענצטער, האָט זיין האַנט אַ ציטער געטאָן, און — דער דינער פּרעפּאַראַט איז צעבראָכן געוואָרן... מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער אַלטער פּראָפעסאָר (פון איז געווען זיין נאָמען) וואָלט צופרידענער געווען ווען די באָמבע מאַכט פון אים אַ תל און דער פּרעפּאַראַט זאָל בלייבן גאַנץ...

אָבער ביי לייטן האָבן די דאָזיקע בטלנים די עקאָנאָמישע און אויך די מאָראַלישע מעגלעכקייטן צו לעבן און עקזיסטירן. מען איז זיי נישט מבטל, מען מאַכט זיי נישט צו אַש און בלאָטע.

פעלקער האַלטן אויס זייערע בטלנים, מען באַזאָרגט זיי מיט שטעלעס, גרויסע פאָנדן ווערן געשאַפן דורך רעגירונגען און פּריוואַטע פּערזאָנען. אין יעדער אַמעריקאַנער שטאָט וועט איר געפינען אַזוינע אינסטיטוציעס, רייכע, באַזאָרגטע. מען גיט אַרויס די אַרבעטן פון די געלערנטע „בטלנים". מען ווייסט, אַז נאָר געציילטע יחידים וועלן לייענען די ווערק, אָבער עס זענען קענטיק פאַראַן זאַכן וואָס זענען וויכטיקער ווי דער מאַרק־ווערט זייערער. צענדליקער און צענדליקער יוגנטלעכע גרייטן זיך צו קענען איבערנעמען די אַרבעטן פון די בטלנים, און עס לעבט און אַנטוויקלט זיך אַ קולטור פון אַ פאָלק און אַלע קולטורן פון אַלע פעלקער אין דער וועלט.

דאָס איז דער קרייזלויף פון קולטור אין לעבן פון אַ פאָלק, וואָס איז פאַרן קאָלעקטיוון אָרגאַניזם פון פאָלק נישט ווייניקער וויכטיק ווי דער קרייזלויף פון בלוט אין אָרגאַניזם פון אַ יחיד.

מער נישט ביי אונדז איז עס נישטאָ. דער עם חכם ונבון איז געוואָרן צו ניכטער און צו פּראַקטיש, און ער דאַרף נישט מער קיין בטלנים, קיין אינטעליגענץ מער.

ד.

און נאָך מער — ווי וואָלט אויסגעזען די וועלט בכלל אָן דער „חברה בטלנים"! אַפילו די גאַנצע ציוויליזאַציע איז דאָך נישט מער ווי אַ פּראָדוקט פון דער „בטלנישער" אַרבעט פון די געלערנטע וואָס פאַרנעמען זיך מיט „נאַרישקייטן".

לאָמיר גיין כסדר:

דער גרויסער טעכנישער פּראָגרעס, די גאַנצע טעכנישע רעוואָלוציע האָט

זיך אָנגעהויבן ערשט מיט דער דערפינדונג פון דער דאַמף־מאַשין. אָבער אַט די דערפינדונג איז דאָך געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון בטלנישן זיצן און קוקן ווי עס קאָכט אַ טשייניק. נאָך מערער: הונדערטער און טויזנטער יאָרן האָבן מענטשן געזייט און געאַקערט, עס איז געווען אַ פּראַקטישע אַגריקולטור. ערשט ווען אַ בטלן האָט געגרינדעט די נייע כעמיע איז פון איר אַרויסגעוואַקסן די מאָדערנע רעוואָלוציע פון אַגריקולטור. זיין נאָמען איז געווען לאַוואַזיע. די פּראַקטישע רעוואָלוציאָנערן אין פּאַריז האָבן אים געקעפּט פאַר די זינד פון זיין שווער, דאַכט זיך. און ווען ער האָט געבעטן מען זאָל אים לאָזן ענדיקן זיינע עקספּע־רימענטן, האָט מען אים געענטפערט, אַז די רעוואָלוציע דאַרף נישט קיין בטלנים. אַ צווייטע זאַך האָט געראַטעוועט די מענטשהייט פון אַ הונגער — דאָס איז געווען די דעמאָלט אויפגעקומענע געוויקסן־פיזיאָלאָגיע. אָבער זי איז דאָך גע־ווען אַ קינד פון די „בטלנישע שפּילערייען" ווי האַלטן אַ מויז אונטער אַ גלעַ־זערנעם צודעק אָן און מיט אַ וואַזאָן. און די גאַנצע עלעקטרישע אינדוסטריע, וואָס אָן איר קען מען זיך איצט נישט פאָרשטעלן קיין לעבן פון מענטשן! איז דאָך איר פאָטער, איר ערשטער באַשעפער, געווען נישט מער ווי אַ מאָדנער איינבינדער־יינגל וואָס פלעגט בייטאָג בינדן די ביכער פון פּראָפעסאָר דעווי און ביינאַכט זיי לייענען, ער איז שפּעטער געוואָרן אַ לאָקיי ביי דעם זעלביקן פּראָ־פעסאָר און זיין יורש. דאָס האָט ער — מיכל פאַראַדיי איז געווען זיין נאָמען — זיך פאַראינטערעסירט מיט עפּעס „מאָדנע" דערשיינונגען אין דער נאַטור און זיי געפאָרשט, געפאָרשט ביז עס איז אַרויס פון דעם די עלעקטרישע אינדוקציע, וואָס זי איז די מוטער פון גאָר דער עלעקטרישער אינדוסטריע.

גאָר דראַמאַטיש איז די געשיכטע פון אפשר דעם גרעסטן „בטלן", וואָס איז ווען עס איז געווען אויף דער וועלט. איך מיין דאָ לואי פאַסטער. פון אים שטאַמט די גאַנצע אַנטיסעפּטיק, די קאָנסערוון־אינדוסטריע, די באַגרינדונג פון „מיקראָבן־געיעג", די אויסראָטונג פון די עפּידעמיעס אויף דער וועלט... מען קען זאָגן, אַז דאָס לעבן פון דער מענטשהייט, איבערהויפּט אין גרויסע שטעט, איז מעגלעך געוואָרן נאָר אַדאַנק פאַסטערן און זיינע נאָכגייער.

און ער? — — — זיין לאַנד גייט אויס פון הונגער, פון דער אומגליקלע־כער מלחמה מיט פּרייסן, פון עפּידעמיעס אין די וויינגערטנער און אין די סטאַ־דעס שאָף. פּראַקטישע פּאָליטיקער און עקאָנאָמיסטן זוכן מיטלען צו ראַטעווען דאָס פאַראָרעמטע לאַנד, וואָס דער „שיילאָק" פון דער וועלט, ביסמאַרק דער דייטש, רייסט נאָך ביי אים פינף מיליאַרד מאַרק... און ער, דער יונגער פאַס־טער, זוכט אַ בוידעם, ווו ער זאָל קענען איינאָרדענען זיין לאַבאָראַטאָריע, ווו צו פאָרשן צי די קלענסטע באַשעפענישן ווערן געבוירן פון שטויב און פון „זיך אַליין" אָדער נישט... עס איז אינטערעסאַנט די לעגענדע ווי דער בטלן פאַסטער

קומט צום פּראַקטישן ראַטשילד בעטן הילף פאַר זיינע פאַרשונגען, און יענער מוסרט אים, פאַרוואָס ער גיט אַוועק זיין צייט אויף אַזוינע אומנוציקע און אומ־פּראַקטישע זאַכן, ווען דאָס פאָטערלאַנד איז אין אַזאַ טראַגישן מצב...

און ער, דער בטלן, ער האָט געראַטעוועט פראַנקרייך און — די גאַנצע וועלט פון אַזויפיל צרות.

מען קען זיך היינט קוים פאָרשטעלן די מאָדערנע מעדיצין אָן די „איקס־שטראַלן", וואָס עס האָט אַנטדעקט אַ דייטשישער באַשיידענער פּראָפעסאָר פון פיזיק מיט דעם נאָמען רענטגען. אַז תלמידים האָבן אים געפרעגט, צי די אַנט־דעקטע דורך אים שטראַלן וועלן ווען עס איז האָבן אַ פּראַקטישן ווערט אין לעבן, האָט ער געענטפערט מיט אַ קאַטעגאָרישן ניין. נישט ער האָט געזוכט פּראַקטישע אַנווענדונגען און נישט ער דערוואַרט אַזוינע...

די וועלט איז איצט באַגייסטערט פון די נייע רפואות ווי פּעניצילין, סטרעפּ־טאָמיצין וכדומה. אָבער ווער אויב נישט אַ „בטלן" האָט עס געקענט פאַרלירן צייט און ענערגיע ערשטנס צו באַמערקן, אַז דאָרט ווו עס וואַקסט דער שימל, וואָס נאָר בטלנים פאַרנעמען זיך מיט אים, באַווייזן זיך נישט קיין אַנדערע באַקטעריע־פלעקן, און פון דעם מאַכן גאַנצע טעאָריעס און פאַרלירן אויף דעם יאָרן? פּראַקטישע מענטשן, קלוגע מענטשן, אַז עס הייבט עפּעס אָן צו שימלען, נעמט מען און מען וואַרפט עס אַרויס... דאָס האָבן דאָך בלויז בטלנים זיך פאַר־נומען מיט אָט די העסלעכע, מיאוסע שימלען און זיי געפאָרשט, זיי אַ נאָמען געגעבן. צווישן אַנדערע אויך דעם פּעניצילִיום (אויף יידיש „פּענזל־שימל"), געפאָרשט זייער פאַרמערונג און נאָך אַזעלכע, זייט מיר מוחל, בפירושע „נאַ־רישקייטן". און אָט פון דער בטלנישקייט איז אַרויס דער גאַנצער געביט פון אַנטיביאָטיקס.

און צי דאָס נאָר אַליין? — און די גאַנצע וועלט־איבערקערעניש מיט דער אַטאָם־ענערגיע? צי האָבן די ערשטע אויף דעם געביט ווי בעקערעל, ווי דאָס פּאָרפּאָלק קיורי און אַנדערע, גאָר געחלומט וועגן וואָסערע עס איז פּראַקטישע רעזולטאַטן פון זייערע פאָרשונגען?

פאַרקערט, זענען דאָך די אמתע פּראַקטישע פאָרשער געווען די אַלכעמי־קער פון מיטלאַלטער, ווען זיי האָבן דירעקט געזוכט צו מאַכן גאָלד, און וואָס האָבן זיי דערגרייכט? גאָרנישט.

און עס איז געווען ווען די „אַטאָם־בטלנים" האָבן זיך איבערצייגט, אַז „אַטאָמען" (אומשפּאַלטבאַרע) שפּאַלטן זיך יאָ, איז עפּעס געקומען אַ פּראַקטי־שער געלערנטער און האָט געמאָלדן, אַז ער קען מאַכן גאָלד פון בליי... פאַר־שטייט זיך, אַז ער איז נעבעך געווען אַ שאַרלאַטאַן. זיין נאָמען האָב איך פאַר־געסן.

און איינשטיין, דער וואָס האָט גענומען די גאַנצע וויסנשאַפט און האָט זי אַריבערגעשטעלט אויף אַנדערע רעלסן, ער האָט דען אין זינען געהאַט לכתחילה וואָסערע עס איז פּראַקטישע אויספירן? האָט ער דען געטראַכט דעמאָלט וועגן פאַרוואַנדלען מאַטעריע אין ענערגיע און... ווער ווייסט וואָס עס וועט נאָך אַרויס־קומען פון זיינע בטלנישע אידייען, ערגעץ וועגן וועלטן ווייטע פון אונדזער לעבן, וואָס האָבן דאַכט זיך גאָרנישט קיין שייכות מיט דעם פּראַקטישן לעבן.

מיט איין וואָרט: דער מקור ראשון פון דער גאַנצער קולטור און ציוויליזאַציע איז די „בטלנישע" אומגייציקע וויסנשאַפט, וואָס האָט נישט אין זינען קיינע פּראַקטישע אָנווענדונגען. אויף דעם איידעלן לשון רופט מען זי אָן „די ריינע וויסנשאַפט". דער עץ הדעת איז נישט קיין צווייג פון עץ החיים, ווי מען האָט עס געפּרווט לערנען, נאָר פּונקט פאַרקערט, איז דער עץ החיים פון דער מאָדערנער מענטשהייט אויסגעוואַקסן ווי אַן אויסנוצער פון דעם עץ הדעת, ווי אַ סך אַרכידעען וואַקסן אויף די וואָרצלען פון אַנדערע געוויקסן. די פּראַקטיקער „באַגנבענען" די „בטלנים" און נוצן דאָס אויס אין לעבן.

און מיר האָבן אַ טענדענץ צו פאַרלירן אינגאַנצן דעם קלאַס בטלנים פאַר אונדזער פאָלק, און עס גייט איבער אַ שווידער איבערן לייב, ווען מען פאַר־טראַכט זיך מיט וואָס פאַר אַ סכנות דאָס שמעקט.

ה.

אויף אונדזער פּרצן קענען מיר זאָגן ווי אויף אונדזער תורה בכלל „הפוך בה והפוך בה, דכולא בה". זאָגט טביה — גיב זיך טיפער אַ גריבל וועסטו אויך דיין פּראָבלעם ביי אים געפינען. און עס איז זייער גוט, וואָס ער רעדט נישט אין זיין אייגענעם נאָמען וועגן דעם, נאָר ער גיט איבער דאָס וואָרט צו יוחנן דעם מלמד. סוף־כל־סוף איז דאָך יוחנן דער מלמד די פאַרקערפּערונג פון דעם אייביקן יידישן גוטמוטיקן, אַריינגעטראַכטן תלמיד חכם, און אים, נישט זיין אויסטייטשער פּרצן, קומט דאָס וואָרט אַרויסצוזאָגן דעם פּסק פון דער יידי־שער טראַדיציע. און דער פּסק איז אַ קלאָרער, אין „וואָס אַמאָל ווייניקער" זאָגט עס יוחנן מיט אַ שאַרפער איראָניע און מיט נאָך מער ביטערן סאַרקאַזם „מען וועט נאָך נעמען די שטראַלן פון דער זון און מען וועט זיי איינשפּאַנען די שטיוול צו פּוצן"... מיט זיין פרידלעכער געלאַסנקייט און מיט זיין „יידישער רציחה" האָט ער זיך נישט געקענט פאָרשטעלן אפילו אין חלום, אַז מען וועט זיך באַ־מיען צו כאַפּן די קאָסמישע שטראַלן און מען וועט זיי וועלן איינשפּאַנען אומ־צוברענגען מענטשן. ווי קומט יוחנן דער יידישער גייסט גאָר צו אַזוינע פאַנ־טאַזיעס?...

אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. גענוג צו זאָגן בלויז, אַז דער גייכט פון

דער יידישער טראַדיציע איז דעצידירט און אָן פּשרות, און אָן אַ סך צו דרשנען וועגן דעם, קעגן דער אוטיליזאַציע פון וויסן, קעגן דעם נעמען דעם שעפערישן מענטשלעכן געדאַנק בלויז אין מאָגן אַריין. פאַר אונדז איז דער עץ הדעת לגמרי נישט צום עסן, נישט אויף אָנווענדן אים בלויז פאַר עקאָנאָמיע, פאַר פּראַקטי־שע אויסנוצן, פאַר עולם הזה. עפּעס האָט ער, דער עץ הדעת, אין דעם גן עדן פאַר דער מענטשהייט, וואָס וועט נאָך אפשר אַמאָל דאָך זיין אויף דער וועלט, אַן אַנדערע אויפגאַבע, אַ העכערע באַשטימונג... זיכער איז דאָס דער בייזער אויפטו פון דעם נחש הקדמוני, אַז אַלץ, אַפילו די פרוכט פון עץ הדעת איז באַ־שטימט נאָר פאַר דעם פרעס... גאָר אַן אַנדער צוגאַנג צו דער וועלט איז בײַ דער אוראַלטער יידישער טראַדיציע.

אָבער וואָס העלפט דאָס, אַז מיר, היינטיקע יידן, רייסן זיך אָפּ פון אונ־דזער טראַדיציע, פון אונדזערע וואָרצלען און מיר לאָזן זיך אויף קאַפּוירדיקע וועגן? איז נישט דער, וואָס שרייבט די ווערטער, אויסגעשטעלט פאַר אַ סכנה. מען זאָל אים און זיין שרייבן דאָ אויסבטלען און אים קרוינען מיט דעם אמתן נאָמען בטלן און אַראָפּ פון מאַרק...

און דאָך, און דאָך ווילט זיך נישט שווייגן, קען מען נישט שווייגן בעת מען פילט די גרויסע סכנה, עס זאָל אויסגעלאָשן ווערן די שיין פון יידישן אומ־גייציקן גייסט, דער מאור שביהדות, אַז מיר זאָלן ווערן אַלע, אַלע ביז איינעם, ריינע אוטיליטאַריסטישע פּראַקטיקער אָן אַ גייסט און אָן אַ נשמה.

שווימען קעגן אָט דעם שטראָם, דאָס איז איצט אַ דרינגנדיקע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע פאַר אונדזער דור. וואָרום אם לא עכשיו, אימתי? — עס וועט זיין צו שפּעט, חלילה.

בנין הארץ און בנין העם

אַ פאָלק — אַ רעטעניש, נצח ישראל אָדער שארית ישראל, מסורת התורה און חידושי תורה, חורבנות אָן אַ שיר און גישט חורבן, פיר קשיות וועגן קיום האומה, פאַרשיידענע דרויסנדיקע גלותן און דער אינעווייניקסטער קולטור־גלות, איז גלות אַ סיבה אָדער אַ תולדה? מה נשתנה ארץ ישראל? קדושת הארץ — אַן אויסנאַם, אומזיסטע גאווה פון די אַמאָליקע „ישראלים״, מפני חטאינו, ווו נעמט מען אַבי־סעלע אהבת ישראל? דער ריכטיקער טייטש פון „עבדים היינו״, פאַרשיידענע מינים פון אהבת ישראל, מהות פון „פאָטערלאַנד״ ביי אונדז און ביי אַנדערע, פאָלק און מדינה, אהבת המולדת און אהבת היידישקייט, משיח בן יוסף און משיח בן דוד, פאָלק און פאָלקישקייט. אויספיר.

עס איז דאַכט זיך דער איינציקער פאַל אין דער געשיכטע פון דער גאָרער מענטשהייט: אַ פאָלק האָט אָנגעהויבן זיין געשיכטע ערגעץ אין דעם ווייטסטן אַמאָל, אין די צייטן פון דעם כמעט פאַרגעסענעם האַמוראַבי, דעם ביבלישן כדרלעומר און עס לעבט ביז היינט. זיין אָנהייב ליגט ביי די שומירער און אַקאַ־דיער, וואָס פון זיי איז קיין זכר נישט געבליבן כמעט; אַ פאָלק האָט מיטגע־לעבט און מיטגעליטן מיט אַלע פעלקער פון דעם גרויען פאַרצייטן און עס האָט „דערברויזט ביז דאַנען״. אַ פאָלק געדענקט זיין אָנטייל אין דעם בויען די מצרי־שע פיראַמידן, — עס נעמט ווידער אַן אָנטייל אין דעם דור פון אַעראָפּלאַנען און אַטאָמישע באָמבעס; און אָט אַזוי שטייט אַ פאָלק מיט איין פוס העט ווייט הינטער די מיצרישע פיראַמידעס און מיט דער צווייטער פוס שטייט עס ביי די אויפרייסן פון די אַטאָמישע באָמבעס. און אין זיין שפּאַן, דורך זיין טראָט גייט דורך די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט פון אירע אוראַלטע אָנהייבן אָן. און אָט דאָס אייביקע פאָלק, דער לעבעדיקער עדות פון דער מענטשלעכער אומ־ענדלעכקייט, איז לגמרי נישט אַלט געוואָרן. ער איז יונג מיט יונגע, הגם ער איז איינער אַליין געבליבן פון אַלע זיינע אַמאָליקע מיטצייטלער. אַלע זיי, די אַמאָל זייער מעכטיקע פעלקער, זענען אין לעבעדיקן לעבן אָן אַ זכר געבליבן. קיין יורשים האָבן זיי נישט געלאָזט, זייערע קולטורן זענען פאַרשאָטן מיט שיכטן אייביקע זאַמדן, בלויז אַרכעאָלאָגן גריבלען זיך אין זייער געשיכטע. אין דאָס איינציקע פאָלק צווישן פעלקער — עס לעבט און איז אַקטיוו, און באַנייט יעדער מאָל זיין שעפערישע יוגנט. פריינד און פיינט פאַרנעמען זיך מיט אים, ער איז אַ צענטער אין לעבן פון דער מענטשהייט היינט ווי אַלעמאָל דורך אַלע דורות.

דאָ האָבן מיר דעם וווּנדערבאַרן פאַקט נומער איינס — די אייביקייט פון ייִדישן פאָלק וואָס איז ביי פעלקער געוואָרן אַ לעגענדע, די לעגענדע פון איי־ביקן אַהאַספער. אויך ייִדן האָבן זיך צוגעטראַכט אַ לעגענדע פון „נצח ישראל", עפּעס אַ מין לעבנס־עליקסיר וואָס האַלט אונדז אויף אין דער אייביקייט. און ביידע לעגענדעס זענען פאַלש. נישט מיר זענען דער פאַרשאָלטענער אַהאַספער, וואָס וואַנדערט איבער אַלע וועלטן און ווו עפּעס אַ ניי ווינקעלע זענען מיר דאָ. און נישט מיר האָבן אין זיך דעם סוד האייביקייט. אין משך פון דער געשיכטע זענען אַנצאָליקע ייִדישע שבטים טאַקע אונטערגעגאַנגען אָן אַ שפּור נישט אַנ־דערש ווי אַנדערע פעלקער. אונדזער אַנדערשקייט באַשטייט בלויז אין דעם וואָס אין אַלע אונדזערע חורבנות און אין אַלע אונטערגאַנגען איז עס קיינמאָל נישט געשען מיט דעם גאַנצן פאָלק, נייערט תמיד, אין די גרעסטע אומגליקן איז אַלעמאָל געבליבן אַ „שארית ישראל". און דאָס האָט געשאַפן דעם סוד פון אונדזער אייביקייט. אין תוך אַריין זאָגן עס פאַרויס נאָך די נביאים (איבערהויפּט ירמיה) און די גמרא זאָגט עס אויף איר שטייגער „צדקה עשה להם הקב"ה שפיזרם לבין האומות". און ווען איין ישוב ווערט אָפּגעווישט, נעמט איבער די ירושה אַ צווייטער ישוב. אַזוי איז עס געווען ביז איצט, לכל הפחות. צי עס וועט אויך ווייטער זיין אַזוי? קיינער קען דערפאַר נישט גאַראַנטירן. אָבער, ברוך ה' יום יום: דערוויל ביז איצט אין אַ משך פון אַ כמעט פיר טויזנט יאָר איז עס אַזוי: מיר זענען אַ פאָלק צווישן די ערשטע קולטור־פעלקער אויף דער וועלט, מיר זענען אַלעמאָל דורך דער ביז איצטיקער אייביקייט געווען אין קאָך פון אַלע מאָדערנע פעלקער, און איך האָף, אַז די וועלט וועט קיינמאָל נישט פון אונדז פּטור ווערן.

דער צווייטער פאַקטאָר פון אונדזער קיום, פון אונדזער אייביקייט איז אונ־דזער פעיִקייט זיך צו ענדערן, נישט צו זיין פאַרגליווערט אין אונדזער לעבן. די גמרא רופט עס אָן „פושט צורה ולובש צורה". די ייִדישקייט פון די נביאים איז אַנדערש פון דער ייִדישקייט וואָס אין חומש, די משנה איז ווידער אַנדערש און נאָך מער אַנדערש איז די גמרא. משה רבינו פאַרשטייט נישט די ייִדישקייט פון ר' עקיבא (אַ גמרא), און דער רמב"ם און רש"י און דער ווילנער גאון און דער בעל התניא, און ר' לוי יצחק און אַנסקי און פרץ! וואָס פאַר אַ פילגעשטאַל־טיקייט! ווי גאָר די ייִדישקייט אונדזערע האַלט זיך דאָס אין איין בייטן; דור דור ודורשיו — יעדער דור און זיין ייִדישקייט. און דאָך... כסדרדיקע ענדער־לעכקייט און כסדרדיקע המשכדיקייט. דאָך איז משה קיבל תורה מסיני ומסרה ליהושע, ויהושע לזקנים, וזקנים — לנביאים אאַז"וו ביז אונדז. אָט דער טאָפּע־לער כאַראַקטער פון אונדזער קולטור־ירושהדיקע המשכדיקייט און דאָך נישט פאַרגליווערטקייט, פאַרענדערלעכקייט — דאָס איז ווידער אַ יסוד און סוד פון

אונדזער קיום אין דער אייביקייט אַריין. ואלה המשפטים — אַ קאַפּיטל ישעיה, — אַ בלאַט גמרא, — אַ שטיקל זוהר, — אַ שיר פון ר' יהודה הלוי, — אַ פּרשה חומש מיט רש"י, — דער חיי אדם און אַ תורה פון חסידישע רביים, — ביאַליק און פּרץ, — און אַפּאַטאַשו מיט לייוויקן... וואָס פאַר אַ הייטער מהלך עס איז צווישן די עטאַפּן, — און דאָך איז דאָס איין „אחד״ — איין גאָלדענע קייט וואָס איז נישט איבערגעריסן. נישט איבערגעריסן פון שלמה המלך ביז ר' שלמהלע פון דער „גאָלדענער קייט״; פון אליהו הנביא ביז רבינו אליהו פון ווילנע. עס איז די קייט פון אייביקער שעפערישקייט, שעפערישקייט און אָנגעקניפּטקייט. „אי אפשר לבית המדרש בלא חדוש״ פון איין זייט און „כל תורה שאין לה בית אב אינה תורה״ פון דער צווייטער זייט.

דאָרטן ווו די כסדר וואַקסנדיקע און כסדר ענדערנדיקע מסורה און קבלה האָט זיך איבערגעריסן, — דאָרטן איז איבערגעריסן די ידישע אייביקייט. צענדליקער ידישע שבטים און קיבוצים זענען אַזוי אונטערגעגאַנגען און פאַרגעסן געוואָרן אָן אַ שפור, אָן אַ יורש. עס האָבן געבליט ישובים, פעסט איינגעפונדעוועט זענען זיי געווען, און זיי זענען דאָך אַפּגעמעקט געוואָרן, פאַרגעסן געוואָרן. עס האָט אין זיי אויפגעהערט זייער געקייטלטע שעפערישקייט.

און ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסזען, איז דאָך אונדזער אייביקייט פאַרבונדן מיט גלות. אַ פאָלק איז עלטער פון אַלע פעלקער צווישן וועלכע עס לעבט. אַלע זיי האָבן זייער לעבן פאַרבונדן מיט איין לאַנד, מיט אַ היים, מיט אַ פאַטערלאַנד. דאָרטן געבוירן געוואָרן און דאָרטן אונטערגעגאַנגען, פאָלק און לאַנד זענען ווי סינאָנימען. בלויז דאָס ידישע פאָלק איז אַ וואַנדער־פאָלק. אין אַלע לענדער געלעבט, אומעטום זיך איינגעבירגערט און... אַלע לענדער פאַרלוירן. אַלע ישובים, אַלע האָבן זיך געענדיקט מיט חורבן. אַלע אָן אויסנאַם. צי עס איז געווען אַן אייגענע מדינה, אַ מלכות ישראל אָדער נישט — אַלץ איינס זענען זיי אַלע אונטערגעגאַנגען. אין ערגעץ האָבן מיר נישט געקענט זיך פאַרפעסטיקן אויף אייביק. דאָס אייביקע פאָלק איז דער אייביקער וואַנדערער! אַלע ישובים זענען חרוב געוואָרן, נישט חרוב געוואָרן איז אָבער דאָס פאָלק! די גרעסטע טיילן זיינע, די מערהייט האָט עס פאַרלוירן, אַלע מאָל איז עס געבליבן אַ מעט מהרבה, אַ שארית ישראל, אָבער אַלע מאָל איז געבליבן אַ טייל וואָס ציט די גאָלדענע קייט ווייטער. דער קיום פון ידישן פאָלק איז נישט אָפּהענגיק געווען ביז איצט פון קיום פון אַ לאַנד, פון קיין לאַנד! מיט דעם חורבן פון מלכות שומרון איז אויך חרוב געוואָרן דאָס פאָלק פון שומרון, די „עשרת השבטים״, מיט דעם חורבן פון אַ ריי גלות־ישובים זענען אויך אומגעקומען די ידישע ישובים דאָרטן. און אַ סך מער ווי צען זענען זיי פאַרלוירן געגאַנגען. אָבער דאָס פאָלק ווי אַזאַ איז נישט חרוב געוואָרן, נישט אונטערגעגאַנגען. דאָס איז, דאַכט זיך,

דער איינציקער פאַל, אַז דער קיום פון אַ פאָלק זאָל נישט זיין פאַרבונדן מיט דעם קיום פון אַ לאַנד. קיין פאָלק האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן קיין גלות און בלייבן לעבן, נאָר דאָס ייִדישע פאָלק אַליין האָט עס באַוויזן דעם „קונץ" פון קיום און גלות.

דאָ שטעלן זיך עטלעכע פראַגעס: וואָס איז גלות? אין די לעצטע צוויי יאָר־הונדערטער האָבן ייִדן אין פאַרשיידענע לענדער געלייקנט זייער גלותדיקייט, ווי דאָס טוען איצט ייִדן אין אַמעריקע, וואָס שרייען אין איין קול, אַז אַמעריקע איז נישט קיין גלות. בשום אופן נישט!

וואָסער גלות איז אַ בר־קימא און וואָסערער איז אונטערגאַנג? אויב די גרעסטע צאָל לענדער וווּ ייִדן האָבן געהאַט ישובים זענען פאַר אונדז פאַרלוירן געגאַנגען, און די ישובים די ייִדישע דאָרטן זענען חרוב געוואָרן, טאָ וואָסערע פון די פאַרלוירענע ישובים האָבן באַוויזן זייער ירושה איבערצוגעבן אַנדערע ישובים און וואָסערע האָבן דאָס נישט געקאָנט? וואָסערע ישובים זענען זוכה געווען אַריינגעפלאָכטן צו ווערן אין דער קייט פון אייביקייט און וואָסערע ישו־בים זענען אָפּגעמעקט געוואָרן אָן אַ זכר אין אייביקן לעבן פון פאָלק?

פאַרוואָס גלות? אַ פאָלק וואָס איז עלטער פון אַלע אַנדערע וואָס לעבן מיט אים אין שכנות, אַ פאָלק וואָס איז אָן עדות פון אויפקום פון פעלקער — פאַרוואָס האָט אַזאַ פאָלק נישט געקענט אין משך פון טויזנטער יאָרן פאַר זיך שאַפן אַ נייע היים? פאַרוואָס האָט דאָס פאָלק נישט באַוויזן פון קיין איין ישוב זיינעם צו שאַפן אַ היים? פאַרוואָס האָט דאָס זעלביקע פאָלק דאָך געקאָנט נע־מען אַמאָל אַ לאַנד פון חתי, פון אמורי און פון אַנדערע און מאַכן פון דעם אָן ארץ ישראל, פאַרוואָס האָט דאָס זעלביקע פאָלק דאָס נישט געקאָנט מאַכן פון אַ צווייט לאַנד אַ צווייט ארץ ישראל? פאַרוואָס האָבן אַלע זיינע ישובים וואָס ער האָט זיך געשאַפן אין אַלע לענדער פון דער וועלט זיך געמוזט אַנטוויקלען צו חורבן־סוף, פאַרוואָס האָבן זיי זיך נישט געקאָנט אַנטוויקלען אין אַ פאַר־קערטער ריכטונג — צו אַ רוּיקער, שטענדיקער היים? צו אַ פאָטערלאַנד?

און צום סוף — פאַרוואָס איז ביי ייִדן פון אייביק אָן פאַרבונדן דאָס באַ־וווסטזיין פון היים נאָר מיט איין לאַנד, וואָס האָט ביי ייִדן באַקומען דעם נאָמען ארץ ישראל, הגם זי האָט בלויז אַ קליינעם צייט־אָפּשניט געהערט צו דעם ייִדישן פאָלק? הגם אין דעם חשבון פון דער ייִדישער אייביקייט האָט עס אויפגעטאָן נישט אין פאַרגלייך ווייניקער ווי אַ סך אַנדערע צייטווייליקע ייִדישע גלות־לענ־דער? פון וואַנען־זשע און פאַרוואָס בענקט אַ פאָלק דורך דער גאַנצער אייבי־קייט נאָך אָט דעם לאַנד? פאַרוואָס זענען אַלע פאָרשטעלונגען וועגן זיין גאולה פאַרבונדן נאָר מיט אָט דעם לאַנד און נישט מער? פאַרוואָס האָט עס זיך קיינ־מאָל נישט געקענט פאָרשטעלן, נישט געקאָנט חלומען וועגן אַ גאולה ערגעץ אין

אַ צווייט לאַנד אויף דער וועלט? פאַרוואָס האָט אַ פאָלק וואָס גייטיקט זיך אַזוי שטאַרק אין אַ גאולה, פאַרוואָס האָט עס תמיד פאַרבונדן זיין גאולה מיט דער „גאולת הארץ"? פאַרוואָס האָט ער תמיד געבעטן גאָט „ובא לציון גואל" און נישט „ובא לעם ישראל גואל"?

דאָס זענען די „מאָדערנע" פיר קשיות וואָס מען וואָלט געדאַרפט קלאָר מאַכן, ווען מען וויל זוכן דעם וועג פון דער יידישער צוקונפט: מהות פון גלות, קיומדיקע גלותן און חורבן־גלותן, דער מקור און סיבה ראשונה פון גלות און פאַרוואָס נאָר איין ארץ ישראל און נישט קיין צווייטע?

***

וועלן מיר זיך נעמען כסדר.

דאָס עצם וואָרט גלות מיינט אַרויסגעטריבנקייט, דאָס זיין אין דער פרעמד, נישט ביי זיך אין דער היים. אָבער אין תוך אַריין האָט גלות אַנגענומען פאַר אונדז זייער פיל פאָרמען, און גלות צו גלות איז נישט גלייך, און מיר וועלן זיך דאָ באַמיִען אַנצומערקן די פאַרשיידענע עלעמענטן פון גלות. אָבער נאָך פריִער דאַרף מען אונטערשיידן דעם אָביעקטיוון גלות פון דעם סוביעקטיוון. אָט אין אונדזערע טעג ווילן יידן אין אַמעריקע נישט אָנערקענען אַז זיי זענען אויך אין גלות, סוביעקטיוו מיינען זיי צו זיין אויסגעלייזטע פון גלות, פריי זענען זיי. גלות איז אין אַנדערע לענדער, זיי אָבער זענען אין זייער לאַנד נישט מער אין גלות ווי עס זענען אַנדערע פעלקערשאַפטן. זיי גלייבן צו זיין אַמעריקאַנער פון יידישן גלויבן, פון יידישן אָפּשטאַם, אָבער אַמעריקאַנער נישט ווייניקער ווי אַלע אַנדערע אַמעריקאַנער. פאַר זיי פאַסט נישט דאָס וואָרט „גלות". חס ושלום! עס איז געווען אַ צייט ווען דאָס האָבן געטענהט די יידן אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך — נאָך פריִער און אין אַנדערע לענדער אויך. אַפילו אין פוילן און אין צאַרישן רוסלאַנד אַפילו! דאָס הייסט לגמרי נישט, אַז דיווירקלעכקייט, די אָביעקטיווע פאַקטן שטימען מיט די סוביעקטיווע געפילן און געדאַנקען פון די יידן. און פונקט ווי די סוביעקטיווע געפילן פון די יידן אין אַנדערע לענדער האָבן זיי אָפּגענאַרט און דער „נישט־גלות" איז געוואָרן גאָר גלותדיק. אַזוי קען דאָך זיין אויך אין אַמעריקע. זאָל נישט אַזוי זיין ווי עס קען זיין. עס זענען נישטאָ קיין שום אָביעקטיווע פאַקטאָרן וואָס זאָלן נישט דערלאָזן אַז אין אַמעריקע זאָלן זיך איבערחזרן, חלילה, די זעלביקע דערשיינונגען ווי אין אייראָפּע. מיר וועלן דאָ, פאַרשטייט זיך, נעמען אין אַכט די אָביעקטיווע פאַקטאָרן פון גלות.

בכן, זענען פאַראַן: פ י ז י ש ע ר ג ל ו ת — מען שלאָגט גאָר פשוט יידן, מען איזדיעקעוועט זיך איבער זיי פיזיש, כוליגאַניש.

י ו ר י ד י ש ע ר ג ל ו ת — מען שאַפט פאַר יידן אויסנאַם־געזעצן כדי צו מאַכן שווערער דאָס לעבן.

ס אָ צ י אַ ל ע ר ג ל ו ת — מען דיסקרימינירט יידן אַפילו ווען די געזעצן דערלויבן דאָס נישט, מען מיידט זיי אויס, מען וויל זיין ווייטער פון זיי, מען לאָזט זיי נישט אַריין אין האָטעלן און אין רעזאָרטן וכדומה, מען באַמיט זיך נישט אַריינצולאָזן זיי אין אוניווערסיטעטן.

מ אָ ר אַ ל י ש ע ר ג ל ו ת — מען באַליידיקט יידן, מען לאַכט אָפּ פון זיי, מען נוצט זיי אויס פאַר ביליקע וויצן און קאַריקאַטורן.

ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ר ג ל ו ת — מען מיידט אויס יידישע געשעפטן, יידישע פאַבריקן, אַפילו רעגירונגען פון דעמאָקראַטישע לענדער מאַכן, לאָמיר זאָגן, באַשטעלונגען גיכער אין נישט־יידישע פאַבריקן.

די אַלע פאָרמען גלות גייען אָפּט צוזאַמען און כמעט אַז עס איז נישטאָ קיין לאַנד אין דער וועלט וואָס זאָל זיין פריי פון אַלע די פאָרמען גלות. צי זיי נעמען אַרום די גאַנצע נישט־יידישע באַפעלקערונג, אָדער נאָר גרויסע טיילן, אָבער אויסגעליידיקט לגמרי פון דעם זענען יידן אין ערגעץ נישט, הגם זייער אָפט ווילן זיי אַליין זיך בליגד מאַכן נישט צו דערזען אים, זיך איינריידן אַז עס איז נישטאָ גאָרנישט. אָבער אַלע מאָל איז עס נישט מער ווי אַ פאַרלאַנג זיך אַליין צו סוגעסטירן, אָן קיינע אָביעקטיווע גרונטן. „ווייס איך וואָס! עפּעס כוליגאַנעס האָבן געוואָרפן אַ באָמבע אויף אַ יידישער שול, צעשמעטערט מצבות אויף אַ יידישן בית עולם, געשלאָגן יידישע קינדער אויפן וועג אין שול אַריין" וכדומה... „בעסער נישט צו מאַכן קיין רייד דערפון..." די אויסגערעכנטע פאָרמען פון גלות קענען זיין אָפיציעל באַשטעטיקט פון די רעגירונגען, און זיי קענען זיין בלויז געזעלשאַפטלעכע, הגם די רעגירונג דערלויבט זיי נישט, אָדער זי מ אַ כ ט זיך נישט ווויסנדיק. קיין לאַנד, קיין שום געזעלשאַפט איז נישט פריי פון די אַלע פאָרמען, — און די רעגירונגען? זייער באַציִונג קען זיך בייטן.

אָבער די אַלע פאָרמען זענען דרויסנדיקע, זייער מקור איז אין דער נישט־יידישער באַפעלקערונג, צווישן וועמען די יידן לעבן. אָבער גאָר באַזונדער דאַרף מען דאָ פאַרצייכענען דעם אינעווייניקסטן, פסיכאָלאָגישן גלות, וואָס זיין מקור איז אין אונדז יידן גופא. יידן באַמיִען זיך אומעטום, ווו זיי לעבן, צוצופּאַסן זיך צום שטייגער, צו דער שפּראַך און צו די זיטן פון דעם הערשנדיקן פאָלק; זיי וועלן זיך רופן גערנער מיט נישט־יידישע נעמען. לאָמיר אָט דעם דראַנג אָנרופן קולטור־גלות. ער איז פאַראַן אין אונדז תמיד. ווען עס קומט אונדז אויס צו לעבן צווישן סובאָרדינירטע, געדריקטע פעלקער איז ער נישט אַזוי קענטיק. קיין דראַנג זיך אויסצומישן מיט אַ געדריקט פאָלק איז נישטאָ, פון דעם הערשנדיקן פאָלק איז מען אָבער דערוווייטערט שוין רייִן פיזיש. ווען אָבער יידן לעבן אין דירעקטער שכנות מיט אַ הערשנדיקן פאָלק, דעמאָלט זענען יידן צופרידן, ממש גליקלעך צו פאַרוואַרפן גאָר זייער יידישקייט און אָנצונעמען אַלע שטייגער און

קולטור־פּאַרמען פון אַ צווייטן פאָלק. ייִדן פילן זיך דעמאָלט שטאָלצער, העכער, קולטורעלער, זיי זענען ביי זיך דערהויבענער פון אַנדערע ייִדן וועמען מען לאָזט נישט זיך אַזוי אויסייִדישן. די ייִדן מיט דעם קולטור־גלות אין אייגענעם געמיט קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף יענע ייִדן, וואָס זענען „נעבעך" געצוווּנגען צו לעבן פאַר זיך, אין אַ געשלאָסענער ייִדישער געזעלשאַפט. די לעצטע ווערט געקרוינט מיטן נאָמען „געטאָ", מען שרעקט דערמיט קליינע קינדער און בכלל נאַיווע מענטשן. מען באַמיט זיך מיט אַלע כוחות, מען שטרענגט זיך אָן, מען גיט אויס מיליאָנען כדי צו שאַפן פאַר זיך אַ געמיינזאַמע געזעלשאַפטלעכקייט מיט נישט־ייִדן, אָדער אַפילו זיך צו שאַפן אַן אילוזיע פון אַזאַ געמיינזאַמקייט מיט נישט־ייִדן אַבי צו זיין „פריי" — פריי פון דער ייִדישער כלומרשטער „געטאָ", פריי פון צו זיין ייִדן, מיט ייִדן, פריי צו זיין קנעכט און קולטור־שטייגערישע נאָכמאַכער.

דער פענאָמען פון דעם קולטור־גלות, פון דער קנעכטשאַפט אין פרייהייט, ווי אחד העם האָט אים אָנגערופן מיט אַ סך יאָרן צוריק, שפּילט גאָר אַ גרויסע ראָל אין אַלע גורלות פון אונדזער געשיכטע. קען זיין אַז ער איז דער מקור, דער אבי־אבות הסיבות פון אַלע אונדזערע דרויסנדיקע גלותן, ווי מיר וועלן עס זען ווייטער. דאָ קען שוין געזאָגט ווערן, אַז אַלע אונדזערע קולטור־רענעסאַנסן, די אַלע תקופות וואָס האָבן געשאַפן אונדזער אייביקייט, זענען געווען אין אַ געשלאָסענער ייִדישער געזעלשאַפט, ווען מיר זענען געווען אָפּגעזונדערט פון דעם הערשנדיקן פאָלק, צי געאָגראַפיש מיט אַ מחיצה פון אַ סובאָרדינירטן פאָלק, אָדער ריין יורידיש. עס קען זיך שטעלן אַ פראַגע, וואָס איז פריִער, וואָסער גלות איז די סיבה און וואָסערער איז די תולדה. על פי רוב האָט מען ליב אַלע אונדזערע דעפעקטן צוצושרייבן אויפן חשבון פון דעם דרויסנדיקן גלות. אַז מען איז אונטעריאָכט אונטער אַ צווייט פאָלק באַמיט מען זיך צוצופּאַסן צו אים, וויל מען, נאַטירלעך, זיין ענלעך צו אים. אַזוי איז מען געוווינט צו דערקלערן פון תמיד אָן. אָבער אָט דער דראַנג צו זיין „ככל הגויים" איז ביי ייִדן אַ סך עלטער ווי דער גלות אַליין. ווען משה האָט געפירט די ייִדן פון מצרים, ווען זיי זענען געווען נייע דעראָבערער פון אַ לאַנד, העלדן אויף די פעלדער פון מלחמה, באַהערשער פון לענדער און באַצווינגער פון פעלקער, אַפילו דעמאָלט האָבן זיי אין אייגענעם לאַנד זיך באַמיט צו „גיין בדרכי הגויים" וואָס „גאָט האָט זיי פאַרטריבן פון פאַר די ייִדן". שוין דעמאָלט האָבן די ייִדישע באַהערשער זיך באַמיט צו זיין אין קולטור־גלות ביי די באַהערשטע פעלקער. אויף דעם קלאָגן זיך אַלע נביאים און אָן דערפאָלג! אָט דער קולטור־גלות האָט באַהערשט ייִדן באַלד נאָך די גרויסע ניצחונות פון די חשמונאים, און אַפילו אין אַ שטאַרקערער מאָס ווי אין אַ טייל פּאָליטישע גלותן. מיט איין וואָרט — דער קולטור־גלות איז ביי

אונדז, פאַרקערט ווי דאָס איז אָנגענומען, נישט קיין סעקונדערע דערשיינונג, נייערט אַ פּרימערע, אַ בראשיתדיקע אייגנשאַפט. שוין לויט די נביאים איז דער קולטור־גלות געווען די סיבה ראשונה פון אַלע אַנדערע גלותן, די אַלע גלותן זענען אַ תולדה פון דעם קולטור־גלות. זיי דערקלערן דאָס — די סיבותדיקע פאַר־בינדונג צווישן דעם קולטור־גלות און די אַנדערע גלותן — אויף אַ ריין רעלי־גיעזן שטייגער, ווי אַ שטראָף פון גאָט. לאָמיר צוגעבן ווי „אַ נאַטירלעכע שטראָף" (אין דעם זינען ווי רוסאָ האָט עס גערופן) פשוט גערעדט — ווי אַ תולדה, ווי אַ רעזולטאַט וואָס מוז אומבאַדינגט אַרויסקומען פון דער סיבה — פון דעם קולטור־גלות. לאָמיר דערווייל דאָ זיך אָפּשטעלן אין דער דיסקוסיע וועגן דער באַציִונג צווישן דעם קולטור־גלות און אַלע אַנדערע גלותן, און מיר וועלן דאָ איבערגיין צו אַן אַנדער פראַגע.

***

פאַרוואָס איז ביי ייִדן פאַרבונדן דער באַגריף פון היים נאָר מיט דעם שטיקל לאַנד וואָס רופט זיך ארץ ישראל? די גאַנצע וועלט אַן אויסנאַם איז באַשטימט פאַר אונדז צו זיין נאָר גלות־לענדער, בעסערע־ערגערע; ליכטיקע אָדער פינצ־טערע „לבנה־נעכט" אָבער נישט היים, נישט פאָטערלאַנד. און נאָר דאָס קליינע און גאַנץ אָרעמע לאַנד איז פון אייביק אָן באַשטימט צו זיין אונדזער „ארץ ישראל". געלעבט דאָרטן האָבן מיר בלויז עטלעכע הונדערט יאָר, ווייניקער ווי אין אַנדערע לענדער. צרות געהאַט אין פאַרבינדונג מיט דעם לאַנד יאָ גענוג. דאַרף נאָך אָט דאָס קליינע לאַנד ליגן צו אַלע גליקן אין זייער אַ שלעכטן ווינקל אין דער וועלט, וואָס ווו און ווען צוויי גרויסע קריגן זיך, איז עס אין מיטן. אין דער תקופה פון טייך־קולטורן — דער נילוס־טאָל מיט דעם טאָל פון פרת און חידקל קריגן זיך, — איז ארץ ישראל אין מיטן און קריגט קלעפּ פוןביידע זייטן. קומט שפּעטער די תקופה פון ים־קאָנקורענץ, איז עס גריכנלאַנד־רוים און פּערסיע — איז ארץ ישראל אין מיטן און קריגט קלעפּ פון ביידע זייטן. און אַזוי פון גרויען אוראַלטער און ביז אונדז ווען מען קריגט איבער דער העגעמאָ־ניע איבערן אָקעאַן — איז ווידער ארץ ישראל אין מיטן...

ייִדן האָבן געלעבט אומעטום, איבער אַלע לענדער, צווישן אַלע פעלקער, — און תמיד האָבן ייִדן געבענקט נאָך ארץ ישראל. אַלע ישובים אין אַלע לענ־דער האָבן זיך אָנגעהויבן „גוט" און אַלע זענען ביסלעכווייז אויסגערונען, גע־וואָרן שלעכט ביז... ביז אַ חורבן, ביז אַ פיזישן אָדער ביז אַ קולטורעל־גייסטיקן חורבן און אויס. בלויז איין ישוב האָט זיך ביסלעכווייז אַנטוויקלט ביז צו זעלבסטשטענדיקייט — ביז אַפילו צו אַן אייגענער מדינה, הלוואַי אויף לאַנגע יאָרן. מיט וואָס איז דאָס לאַנד אַנדערש פון אַלע אַנדערע לענדער?

ייִדן וואַנדערן צוויי טויזנט יאָר און מער, ייִדן זענען געווען אין נייע לענ־

דער לייטיקע אָדער כמעט לייטיקע און ווי עס איז מעגלעך אַז זיי זאָלן קיינמאָל נישט האָבן די מעגלעכקייטן און די געלעגנהייט צו שאַפן פאַר זיך אַ נייע היים, אַ ניי ארץ ישראל, לאָמיר זאָגן? אין משך פון אונדזער לאַנגן גלות זענען מיר געווען עדות פון לענדער וואָס זענען אויפגעקומען און וואָס זענען אונטערגעגאַנגען; נאָך מער — יידן האָבן געהאָלפן לענדער אויסגעפינען און זיי אַנטוויקלען, — און דאָך זענען די אַלע לענדער פאַר אונדז געווען נאָר גלות, אין אַלע האָבן מיר זיך באַזעצט און געלעבט ווי שכנים, סובאָרדינירט צו יענעם. — אין קיינעם האָבן יידן נישט באמת זיך לכתחילה צו שאַפן מיט דער צייט אַ פאַרזיכיקייט, אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן געוואַנדערט, האָבן אין נייע לענדער זיך באַמיט צו שאַפן היימען, נייע היימלענדער, הגם זיי האָבן שטאַרק ליב געהאַט זייער אַלטע היים, הגם זייער היים איז נישט געווען חרוב, הגם זיי זענען געלאָפן, נישט געדאַרפט לויפן פון קיין חורבן. נאָר יידן וואַנדערן געיאָגטע און געפּלאָגטע, — און דאָך „ויתהלכו מגוי אל גוי" — לויפט מען פון איין גלות אין דעם צווייטן, און מען האָט זיך קיינמאָל נישט באַמיט צו שאַפן אין ערגעץ אַ לאַנד אַ נישט־גלותדיקן, אַן אומאָפּהענגיקן, אַ פאַרזיכיקן. האָבן געלעבט — בעסער אָדער ערגער, — רויִקער אָדער געדריקטער אין אַלע לענדער פון דער ברייטער גלות־וועלט און געקלאָגט אויף „חורבן ירושלים", און זיך נישט באַמיט, נישט געפּרובירט אויפבויען ערגעץ אין דער וועלט אַ צווייטע ירושלים. פאַרוואָס? פאַרוואָס האָט דאָס זעלביקע פאָלק געקאָנט איין מאָל נעמען אַן „ארץ הגויים", אַן ארץ החתי, האמורי וכו' און עס פאַרוואַנדלען אין אַן ארץ ישראל? פאַרוואָס האָט דאָס פאָלק געקאָנט נעמען אַן „עיר היבוסי" און מאַכן פון איר אַ ירושלים עיר הקודש, אַ „כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים", און פאַרוואָס האָט דאָס זעלביקע פאָלק דאָס נישט געקאָנט טאָן אַ צווייט מאָל? און אין אונדזער לאַנגן וואָגלען האָבן מיר געטראָפן בפירוש ערטער פרייע, כמעט לייטיקע. יידן האָבן דאָך געהאָלפן אויפבויען אַ סך לענדער אין די אַמעריקעס, און אומעטום און אַלעמאָל ווי שטיפקינדער, ווי פרעמדע ביי פרעמדע, — און קיינמאָל נישט פאַר זיך! אַזויפיל בלוט האָבן אַלע מאָל פאַרגאָסן די „באַלעבאַטים", און קיינמאָל האָבן יידן נישט געוואָלט פאַרלאָזן אַלע באַלעבאַטים און זיך בויען אַ לעבן פאַר זיך! אַלע מאָל געבענקט און געקלאָגט אויף חורבן הארץ, געהאָפט און געחלומט וועגן גאולת־הארץ — דאָרטן, און נאָר דאָרטן, נישט מער ווי דאָרטן קען זיין גאולת־העם און נישט מער. פאַרוואָס? איז אָט דער וווּנדערבאַרער פענאָמען פון אונדזער פסיכיק אַ תולדה פון גלות, אָדער טאָמער גאָר פאַרקערט, איז דער גאַנצער גלות נישט מער ווי אַ פּראָדוקט פון אָט דער מאָדנער פסיכיק פון פאָלק?

נאָך מער, בין איך זיכער אַז פון דעם קליינעם עולם וואָס וועט אפשר ליי־

בען די געדאַנקען מיינע, וועט אַ גרויסער טייל זיי האַלטן פאַר אַפּיקורסות, פאַר אַ פאַרראַט קעגן דעם אייביקן בונד צווישן דעם פאָלק ישראל און דעם לאַנד ישראל! ווי דערלויבט זיך גאָר אַ ייִד צו טראַכטן וועגן אַ פריי ייִדיש לעבן, וועגן אַ פאַרזיכיק ייִדיש לעבן ערגעץ אין דער וועלט אַחוץ ארץ ישראל? אַחוץ אַט דעם ווינקל פון דער וועלט, וואָס נאָר דאָרטן קענען ייִדן האָבן זייער גאולה?

און נאָך ווייטער: האָבן ייִדן פון אייביק אָן געשטרעבט אַהין, געלאָזן זיך פאָרן אַהין אין די גרעסטע סכנות, — און געשאַפן זיך אַ גלות אויך דאָרטן. עליות קיין ארץ ישראל זענען געווען אַ סך, און בלויז איצט, איין מאָל איז גע־שטרעבט געוואָרן צו פאַרזיכיקייט און בלויז דאָס מאָל איז די פאַרזיכיקייט דערגרייכט געוואָרן.

און פאַרוואָס האָבן ייִדן בעסער געוואָלט זיין אין גלות אין ארץ ישראל איידער צו פּרובירן שאַפן אַ היים, אָן ארץ ישראל אָנדערשוווּ? האָבן ייִדן טויזנ־טער יאָרן געבעטן „ובא לציון גואל” און נישט „ובא לעם ישראל גואל”, ווי עס וואָלט געווען די גאולת־ציון וויכטיקער ווי די גאולת־ישראל. איז אַט די היפּער־געטרייקייט פון אַ פאָלק צו זיין חרובער היים דען נישט קיין אויסטערלישער פענאָמען?

און לאָמיר טראַכטן נאָך אַ טריט ווייטער. ביי ייִדן איז אַלע מאָל געווען אַ באַגריף וועגן דער הייליקייט פון ארץ ישראל, קדושת הארץ, ארצנו הקדושה אאַז״ו אאַז״וו. אָבער די קדושה פון דעם לאַנד איז ביי ייִדן געווען גאָר אַן אַנ־דערע, נישט ווי אַלע אַנדערע הייליקייטן ביי ייִדן. נישטאָ ביי ייִדן קיין פאַר־שטעלונג פון אַבסאָלוטער, אָביעקטיווער, אייביקער קדושה אומאָפּהענגיק פון לעבן. קדושה איז ביי ייִדן נישט פון גאָט, נישט מן השמים, נייערט די קדושה קומט פון דעם אויפּפיר, פון די הייליקע מעשים פון לעבעדיקן פאָלק ישראל. ביי אַנדערע פעלקער קענען זיין הייליקייטן וואָס זענען געשאָנקען געוואָרן פון גאָט ווי אַ באַזונדערע מתנה. ביי ייִדן אָבער איז הייליקייט נישט פון גאָט נאָר בפי־רוש פון מענטשן. נישט גאָט האָט ביי זיך אַזאַ מין שטאָף — „הייליקייט”, וואָס ער שיט אַריין אין אַ זאַך, אין אַ מענטש, — נאָר פונקט פאַרקערט, ווערט דער רבונו של עולם אַליין געהייליקט דורך די ייִדן. „והאל הקדוש נקדש בצדקה”, זאָגט ישעיה, „ותבאו ותטמאו את ארצי”, קלאָגט זיך ירמיהו. ער טענהט אַז נישט דער בית המקדש הייליקט דאָס לאַנד נאָר פאַרקערט, קען ער, דער בית המקדש אַליין חרוב ווערן צוליב דער טומאה פון דעם פאָלקס מעשים. בקיצור — נישטאָ קיין מאַטעריעלע הייליקייט ביי ייִדן! דאָס איז לויט אונדזערע טראַ־דיציאָנעלע באַגריפן גאָר געצנדינערײַ. איין אויסנאַם איז פאַראַן — די קדושה פון ארץ ישראל. האָבן ייִדן געקענט שאַפן אין אַלע גלותן „ירושלימס” און שאַפן דאָרטן תורה און ייִדישקייט מער ווי אין געאָגראַפישן ירושלים, און דאָך

איז ירושלים געבליבן די עיר הקדושה אַפילו ווען זי איז פול געווען מיט „טומאות הגויים" און קיין סימן יידישקייט איז אין איר נישט געווען. האָבן יידן געקענט פאַרגעסן דעם הייליקסטן באַרג פון זייער געשיכטע, דעם באַרג סיני אַליין. נישט בענקען צו אים, נישט הייליק האַלטן זיינע פאַרשרפהטע פעלדזן, נישט פאָרן צו אים, — פאַרגעסן. די תורה וואָס שטאַמט פון אים האָבן יידן נישט פאַרגעסן, געטראָגן זי אומעטום אין אַלע גלותן, תמיד געדענקט אַז ס'איז „הלכה למשה מסיני", דער גרעסטער יחוס! און דעם סיני אַליין געלאָזט פאַר ווילדע שאַקאַלן און פאַר — פרומע קריסטן צו בויען אויף אים אַ קלויסטער. נאָך מער, זאָגט די גמרא בפירוש, אַז די הייליקייט פון סיני איז נאָר אַ צייטווייליקע, נאָר פאַר דעם מאָמענט ווען די שכינה, דעם פאָלקס גייסט האָט גערוט אויף אים ווען די געטלעכע שעפערישקייט, די שעפערישע געטלעכקייט האָט זיך פאַרהאַלטן דאָרטן. און נאָך דעם איז „נסתלקה שכינתו — נסתלקה קדושתו" אויס מיט זיין הייליקייט, נישטאָ מער (תענית כ"א:) און אַזוי איז ביי יידן מיט אַנדערע קדושות וואָס זענען בלויז „קדושה עולמית". איז יעדער ייד וואָס שאַפט תורה אין גייסט פון פאָלקס תורה, איז ער אַ „סיני ועוקר הרים", איז „כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש נתנה למשה מסיני", זינגען יידן „סיני־ניגונים" — און דאָס אַלץ האָט דאָך, פאַרשטייט זיך, נישט קיין שום שייכות צו דעם פיזיש־געאָגראַפישן, מאַטעריעלן באַרג סיני! איז דער באַרג נאָר אַ סימבאָל און נישט מער.

בלויז בנוגע צו דער עצם ערד פון ארץ ישראל איז עס אַנדערש: דאָ זענען הייליקע טאַקע די שטיינער גופא, די ערד אַליין, די קדושה פון דעם לאַנד איז, דאַכט זיך, די איינציקע קדושה עולמית, אַן אומאָפּהענגיקע, אַן אומבאַדינגטע. האָבן יידן געלעבט און תורות געשאַפן אין אַנדערע לענדער, און געבענקט קיין ארץ ישראל. האָבן יידן געבויט פעסטונגען פאַרן קיום האומה אין אַנדערע לענ־דער און איבערגעחזרט כסדר „לשנה הבאה בירושלים". און אויב אַ ייד האָט נישט זוכה געווען צו קומען צו קבורה אין ארץ ישראל, איז כאָטש אַ זעקעלע ערד האָבן פון דאָרטן אין קבר אַריין!

יידן האָבן ליב דעם נביא ירמיהו, אָבער זיין אידייען־גאַנג האָבן זיי נישט אָנגענומען. ער האָט געלערנט, אַז נישט דער בית־המקדש איז הייליק, נאָר דאָס פאָלק דאַרף זיין הייליק. אַז דאָס פאָלק אין גלות קען זיין הייליקער ווי דאָס פאָלק אין ארץ ישראל, — אָבער יידן האָבן אים נישט געפאָלגט. הגם ער איז געווען גערעכט: זענען יידן פון גלות געקומען קיין ירושלים מיט עזרא און נחמיה — זענען זיי געווען געטרייע יידן, יידן טרעגער פון דער יידישער אייביקייט און זיי האָבן אין ירושלים געפונען האַלב און גאַנץ אַסימילירטע יידן, איינגעטונ־קענע אין אַלע „טומאות הגויים".

האָבן יידן יאָ אָנערקענט די קדושה פון אַ צווייטער שפּראַך און זי גע־

שטעלט נישט נידעריקער פאַר לשון־קודש (אַראַמיש), ווייל דאָס הייליקע פאָלק האָט זי גענוצט.

אָבער מען האָט קיינמאָל נישט אָנערקענט קיין קדושה פאַר אַ צווייט לאַנד אַפילו פאַר אַזאַ ווו יידן האָבן געבויט און געשאַפן מער יידישקייט ווי אין ארץ ישראל. איז עס דאָך אַ באַקאַנטע זאַך, אַז דער תלמוד בבלי לגבי דעם ירושלמי איז ווי אַ פּאַלאַץ לגבי אַ סוכה — און דאָך וויפל סנאָביסטישע גרויסהאַלטעריי ביי די ירושלימער. אין אומרים שירה על נס שבחוץ לארץ (ערכין י׳:); אַז יידן איז געשען אַ נס אין חוץ־לארץ דאַרף מען נישט זאָגן קיין שירה אויף דעם: נישט דאָס פאָלק איז דאָ וויכטיק, נאָר דאָס לאַנד. „אין שכינה בבבל״ (מועד קטן כ״ה.) (!). מען דערלויבט זיך פשוט אָפּצולאַכן: „במחשכים הושבני — אמר ר׳ ירמיה — זה תלמודה של בבל; מאי בבל? בלולה במקרא, בלולה במשנה, בלולה בהש״ס (סנהדרין כ״ד.). אַז ר׳ זירא קומט פון בבל קיין ארץ ישראל פאַסט ער הונדערט תעניתים צו פאַרגעסן די „גמרא בבלאה״ (בבא מציעא פ״ה.). זייער אָפט טרעפט זיך דער אויסדרוק „בבלאי טפשאי״ — בבלער טפשים (נישט וויניקער!). דער גרעסטער „אַנטי־גלותיסט״ פון יענע צייטן איז דער זעלביקער ר׳ ירמיה. און געווען איז ער אַליין טאַקע אַ בבלער. און מען האָט אים באַזייטיקט פון בית־מדרש פאַר זיינע נאַרישע פשטלעך. איז ער אַוועק קיין ארץ ישראל און איז געקומען פון דאָרטן צוריק אַ גרויסהאַלטער... זאָגט וועגן אים טאַקע אביי „אַז ער איז געווען דאָ, האָט ער נישט געוווסט מאי דקאמרי רבנן — וואָס די רבנים זאָגן, און אַז ער איז אַוועק אַהין, רופט ער אונדז „בבלאי טפשאי״ (כתובות ע״ה.). אַבי די היינטיקע סנאָבן פון מדינת ישראל מיינען אַז זיי האָבן דעם פּאַטענט זיך גרויס צו האַלטן מיט זייער „ישראלישקייט״ לגבי אַלע אַנדערע „פשוטע״ גלותדיקע „יהודים״ נעבעך... און די אַלע ביטול־באַציִונגען טרעפן זיך טאַקע אין תלמוד בבלי גופא. דאָס ווייזט אַז זיי, די בבלער האָבן זיך געהאַלטן געפאַלן לגבי די דעמאָלטיקע „ישראלים״. און דאָס הגם זיי האָבן גוט געוווסט, אַז די תורה ברענגט מען אַלע מאָל פון גלות קיין ארץ ישראל, אַז אין ארץ ישראל פאַרגעסט מען די תורה און מען באַנייט זי דווקא דורך עליות פון גלות (סוכה כ׳.). אַזאַ מין געפיל פון הייליקייט איז געווען בנוגע צו דעם עצם לאַנד!

מען האָט געוווסט צו שעצן דעם פאָלקס שטייגער און עס פאַרוואַנדלען אין אַ תורה וואָס איז נישט וויניקער הייליק ווי די תורה שבכתב. מען האָט זיך דערלויבט צו פאַרבייטן די הייליקייט פון אַ מזבח, פון בית־המקדש, פון קרבנות, איז נישט ירושלים איז יבנה, איז נישט יבנה — איז נהרדעא. אומעטום קען מען לערנען תורה און זיין יידן, און היטן יידישקייט. אָבער דאָך זענען פאַראַן מצוות התלויות בארץ, אַזוינע וואָס אין קיין שום אַנדער לאַנד גילטן זיי נישט. די קדושה

פון ארץ ישראל קען קיין שום אַנדער לאַנד נישט פאַרבײַטן! אָבער פאַרוואָס?! פאַרוואָס קענען נישט ייִדן מאַכן פון אַ צווייט לאַנד אַזאַ הייליקע אזוי ווי זיי האָבן דאָס געמאַכט אין דעם אַמאָליקן ארץ כנען?

זאָגט דער פרומער ייִד: אַזוי האָט גאָט ברוך הוא פאַרבונדן דעם גורל פון דעם ערשטן ייִדן און ביז אונדז מיט דעם ברית הבתרים און האָט עס אונדז אָנגעזאָגט דעם „לזרעך אתן את הארץ הזאת" איז עס פאַרפאַלן. עם ישראל, ארץ ישראל, תורת ישראל איז איינס וואָס מען קען נישט צעטיילן. אויס מיט אַלע קשיות. אמת, אין דער טראַדיציאָנעלער אונדזער „דרייאייניקייט" (ישראל, קודשא בריך הוא ואורייתא — ייִדן, גאָט און די תורה) איז דער פערטער קאָמפּאָנענט נישטאָ, ארץ ישראל איז אין דער פאָרמול נישטאָ. אָבער אין פאָלק איז יעדער גאולה געווען פאַרבונדן נאָר מיט ארץ ישראל.

וואָס קען דאָ אָבער זאָגן דער וועלטלעכער ייִד? פאַרוואָס האָבן וועלטלעכע ייִדן פאַרבונדן די אויסלייזונג פון גלות נאָר מיט ארץ ישראל? פאַרוואָס איז אויך פאַר די ייִדן דער ובא לציון גואל פריִער פאַר דעם „ובא לישראל גואל?"

***

האָבן מיר דאָ ביז איצט ברייטער אויפגעקלערט דריי פון אונדזערע פיר קשיות: וואָס איז גלות, ערשטיקער און סעקונדערע גלותן, וואָס עס ווילט זיך מיר דאָס בעסער אָנרופן טראַדיציאָנעל — אב־גלות און תולדה־גלותן. און די דריטע פראַגע פאַרוואָס נאָר איין ארץ ישראל און פאַרוואָס נישט קיין צווייטע? די פראַגע איז אידענטיש אייגנטלעך אויך מיט דער פראַגע: פאַרוואָס האָבן מיר אין משך פון דער אַזוי לאַנגער געשיכטע פאַרלוירן אַלע אונדזערע ישובים. ווו מיר האָבן זיך באַזעצט און איינגעבירגערט? פאַרוואָס האָבן זיי זיך אַלע ביז איינעם געענדיקט מיט גירושים, מיט גלות, מיט חורבן דורך פרעמדע הענט פון רוצחים אָדער מיט חורבן דורך אייגענע ייִדישע הענט — מיט דעם „קולטור־גלות" וואָס דערפירט בליִענדיקע ישובים ביז צו אַטראָפיע און אומקום?

קומט דאָ נישט אויס דען אַז ייִדן טראָגן די געגנען פון חורבן אין זיך גופא? אַז ווען זיי באַזעצן זיך אין עפּעס אַ לאַנד, פאַרזייען זיי אַליין די זאָמען פון אונטערגאַנג און אומקום? עס וואַקסט דער ישוב און עס וואַקסט דער חורבן מיט אים צוזאַמען? איז עס דען נישט רעכט צו זאָגן, אַז יעדער ייִדישער ישוב טראָגט אין זיך אַ קאַנסער, וואָס ער דערפירט דעם ישוב ביז דעם ביטערן חורבן אין דער אָדער יענער פאָרעם?

אָט דער שוידערלעכער דיאַגנאָז איז נישט מיין אויסטראַכטונג. דאָס איז דאָך דער זינען פון דער אַהאַספער־לעגענדע פון די גויים וועגן אונדז: אין די טעג פון מענדל בייליס האָט עס מיר פאָרמולירט אַן אַנטיסעמיטישער רוסישער גלח: ייִדן זענען פון גאָט פאַרשאָלטן אויף אייביקע וואַנדערונגען פון לאַנד צו

לאַנד, פון פאָלק צו פאָלק... פאַרמאָגט דאָך אויך אונדזער אייגענער גלויבן אין משיחן דעם עלעמענט, אַז נאָר אַן איבערנאַטירלעכער פאַקטאָר קען אונדז ראַטע־ווען פון גלות, אַז מיר אַליין קענען דאָס נישט דערגרייכן...

איך גלייב בכלל, אַז די סיבות פון היסטאָרישע דערשיינונגען ביי פעלקער זענען איבערהויפּט אינעווייניקסטע מער ווי דרויסנדיקע, זיי ליגן אין כאַראַק־טער, אין דער פּסיכיק פון דעם מענטשן, פון דעם יחיד אָדער גרופּע, פון דעם פאָלק. דאַרף מען טאַקע זען די סיבות פון אונדזער גלות אין אונדז גופא. נישט וואָס איך וויל דאָ אָפּווישן די זינד פון דער רשעותדיקער וועלט קעגן אונדז, נאָר מיר זענען שולדיק, בפירוש שולדיק אין דעם וואָס די רשעות פון פעלקער קען זיך אַזוי גרינג גיסן תמיד אויף אונדזערע קעפּ. קודם־כל „אין מזל לישראל״ — אונדזער גורל איז נישט אָפּהענגיק פון עפּעס פאַטאַלע באַשטימונגען, פון אַ פאַ־טום, אַ „מזל אַזאַ״. נישטאָ אַזאַ גלויבן און אַזאַ פאַרשטעלונג וועגן עפּעס קללה צי ברכה פון גאָט וואָס רעגולירט אונדזער לעבן. פאַרקערט, איז ריכטיק אַז אַלע דערשיינונגען זענען אַ תולדה פון סיבות וואָס וואָרצלען טאַקע אין אונדז גופא. אַזוי האָבן אונדז געלערנט אונדזערע נביאים, וואָס זענען גאָרנישט געווען קיין „פּראָפעטן״, טרעפער, סתם ווייסער פון דעם וואָס עס וועט מאָרגן זיין, — זיי זענען היסטאָריאָזאָפן, וואָס האָבן פאָרויסגעזען דעם מאָרגן אויפן סמך פון דעם היינט. — און זיי האָבן אונדז געלערנט: **דער גורל פון פאָלק מאָרגן ליגט אין זיין אויפפיר היינט!** דער חורבן אָדער די גאולה וואָס וועלן קומען זענען אין פּאָטענץ פאַראַן שוין איצט אין אונדזער לעבן. דאָס „גליקלעכע״, פריידיקע לעבן פירט דירעקט צום... חורבן. דאָס איז די תורה פון די נביאים און פון זיי איז עס אַריין אין אונדזער דאַוונען, אַז „מפּני חטאינו״ זענען מיר אין גלות... מער נישט מיט איין קאָרעקטיוו. נישט קעגן אַ שטרענגן גאָט אין הימל איבער אונדז זינדיקן מיר, און ער רעכנט זיך מיט אונדז ווי אַ שטרענגער שופט — פאַרברעכן און שטראָף, אַ מין נקמה פון גאָט, ניין! מיר זינדיקן קעגן דעם גאָט וואָס דאַרף זיין אין אונדז, קעגן דעם גייסט פון פאָלק זינדיקן מיר, מיר לעבן אַזוי אַז אונדזערע וויטאַלע כוחות ווערן צונישט, ווי אַ יחיד וואָס „פאַרברענט״ זיין לעבן, אַזוי לעבן מיר ווי אַ פאָלק. און אָט דאָס איז דער „מפּני חטאינו״.

**
*

מיר יידן האָבן קיינמאָל נישט געהאַט און מיר האָבן אויך איצט נישט גענוג ליבע און אַכטונג צו זיך אַליין, אַלעמאָל דוכט זיך אונדז אַז דער צווייטער איז העכער, שענער, בעסער פאַר אונדז. מיר נעגירן אונדזער אייגענעם פאָלקישן איך, אונדזער פאָלקישקייט פאַרוואָרלאָזן מיר. ציט עס אונדז צו אימיטירן אַנ־דערע, ווי עס ציט פלאַטערלעך צו פייער אַזוי ציט עס אונדז צום קולטור־גלות.

אַרום דעם העלן פייער פּראַווען פלאַטערלעך זייער „פּליטאַנץ״ ביז זיי ווערן אײַן אים פאַרברענט. אַלע קולטור־גלותן, ווו ייִדן האָבן זיך געפילט גליקלעך און צופרידן, האָבן זיך געענדיקט נישט בעסער. לערנען זיך די פלאַטערלעך אויס אויסצומיידן פייער? לערנען זיך ייִדן אויס אויסצומיידן דעם קולטור־גלות? קיינמאָל נישט! פון די צייטן פון די שופטים אָן גייט די פאָרמול פון דער ייִדישער געשיכטע „און די ייִדן האָבן געטאָן שלעכטס אין די אויגן פון זייער אייגענעם גאָט, און זיי האָבן זיך געלאָזט גיין אין די וועגן פון די פעלקער וואָס אַרום זיי, — און זיי זענען איבערגעגעבנטפערט געוואָרן אין די הענט פון זייערע פיינט, וואָס האָבן זיי געדריקט״. אַלע, אַלע נביאים האָבן געקלאָגט אויף דעם, האָבן גערופן און געוואָרנט די ייִדן קעגן דעם, — און זיי האָבן „וויניקער״ אויפגעטון ווי איין... המן מיט זיין גזירה (אַ גמרא). אין אַלץ, אין אַלע אונדזערע צרות איז שולדיק אונדזער קולטור־גלות וואָס ליגט אין אונדז גופא! ער דערפירט אונדז ביז אוממעכטיקייט, ביז מיר ווערן מאַראַליש פּאַראַליזירט, און מיר האָבן נישט קיין כוח איינצואָרדענען אונדזער קאָלעקטיוו לעבן אַזוי אַז די אַרומיקע רשעות זאָל איבער אונדז נישט קענען האָבן קיין שליטה, אָדער דירעקט צו אַטראָפיע און צום גייסטיקן אונטערגאַנג וואָס ווערט סוף־כל־סוף אויך אַ פיזישער. ייִדן האָבן יאָ געגאַרט צו קדושה, אָבער זיי האָבן עס געזוכט נישט אין זיך און נישט אין זייער אייגענעם לעבן. אַלדאָס שיינע און דאָס גוטע איז פון גאָט, זיי אָבער זענען נישט מער ווי אַן „עם כבד עוון״ און נישט מער. דאָס וואָס זיי שאַפן איז שלעכט און מיאוס. דאָס וואָס גאָט האָט זיי געגעבן איז גוט און פיין. האָבן ייִדן זיך מוסר־נפש געווען פאַר אַלדאָס געטלעכע, אָבער צו דער אייגענער שטייגערישקייט, צו דער פאָלקישקייט און צו פאָלקסטימלעכקייט האָט מען געהאַט אַ ביטול־באַציִונג. און פון דאַנען קומט אַרויס דאָס פאַרקערטע — אַ היפּערטראָפירטער דרך־ארץ און אַכטונג צו אַנדערע, צו דעם וואָס עס איז פרעמד. אַ פאַראַכטונג צו זיך און אַן אַכטונג צו אַנדערע.

איז געווען, ווען ייִדן האָבן געלעבט צווישן סובאָרדינירטע פעלקער, אָפּגעטיילט פון הערשערישן פאָלק, האָט די פאַראַכטונג צו זיך נישט געהאַט קיין ריכטונג, האָט זיך די אייגענע שטייגערישקייט געקענט האַלטן, פאַרקערט, האָט נאָך דאָס פאָלקישע געקענט צומאָל דערהויבן ווערן צו דער מדרגה פון רעליגיע. איז אַלדאָס ייִדישע געווען וויכטיק, אויב נישט צוליב זיין פאָלקישקייט, איז עס געווען צוליב דער געטלעך־רעליגיעזקייט.

אָבער ווען ייִדן קומט אויס צו לעבן אין שכנות מיט הערשערישע פעלקער, סומירן זיך די פאַראַכטונג צו זיך און די אַכטונג צום צווייטן, — און עס הייבט זיך אָן אַ פאַרשטאַרקטער פּראָצעס פון אויסיידישונג, וואָס רופט זיך מיט אַ פאַלשן נאָמען פון אַסימילאַציע. די רעליגיע הערט אויף אַרומצונעמען גאָר דאָס

יידישע, זי ווערט איינגעשרומפּן ביז בלויז געציילטע אַקטן. „מען קען זיי אַ גור־טער ייד אויך אָן דעם", און עס קען זיך רעליגיעזע פרומקייט גאַנץ גוט פּאָרן מיט שטייגערישער אויסיידישונג, מיט קולטור־גלות. רעליגיע הערט אויף צו זיין אַ היטערין פון יידישקייט, פון קיום האומה. און ווען עס גילט שטייגערישע אַסי־מילאַציע, קען נישט געמאָלט זיין קיין שום שעפערישקייט, און עס איז במילא נישט מעגלעך צו וואַרטן יידן זאָלן אין דעם מצב גאָר נעמען בויען אין זייערע ישובים, צי אין איינעם פון די ישובים אַ קולטור־שטייגערישע היים, אַ „נײַ ארץ ישראל", צי אַ מין קולטור־אויטאָנאָמיע, ווי מען האָט עס אַמאָל גערופן. נאָך ווייניקער קען מען דערוואַרטן, אַז יידן זאָלן אין אַזאַ צייט, ווען מען לעבט אין שכנות מיט אַ הערשנדן פאָלק און דער „באַלעבאָס" לאָזט זיך אַסימילירן, אַז יידן זאָלן זיך קאָנצענטרירן אין פאַרזיכיקע ישובים אויך סאָציאַל! אַזאַ פאַרזיכיקע איינאָרדענונג ווערט דעמאָלט געקרוינט מיט דעם נאָמען „געטאָ", און די וואָס וואָגן דעם צו זאָגן אַ גוט וואָרט, ווערן געזידלט ווי „געטאָ"־יידן, איזאָלאַציאָניסטן וכדומה און מען איז גרייט זיי דורס צו זיין. יידן פילן זיך גליקלעך אַז מען הייבט אָן צו פאַרלייקענען בכלל דעם גלות. האָבן דייטשי־שע יידן געוואָלט אויסמעקן פון סידור דעם „לשנה הבאה בירושלים" וכדומה. אַמעריקאַנער יידן דאַרפן אַפילו נישט מעקן קיין זאַך, זיי נוצן עס נישט לבתחי־לה. אַפילו די ציוניסטן ווילן פאַר זיך בשום אופן נישט אויסבייטן זייער אַמע־ריקאַנער גן־עדן אויף אַ לעבן אין יידישן ארץ ישראל. זיי ווערן גאָר איז כעס ווען מען זאָגט אַז זיי זענען אין אַ גלות. זיי, די „ציוניסטישע בונדיסטן". זע־נען פאַר זיך גליקלעך מיט זייער „דאָיזם" אויף וויפל מען צווינגט זיי נישט צו זיין אָרגאַניזירט אין אַ באַזונדערן יידישן קאָלעקטיוו. פאַרשטייט זיך, אַז מיט אַזאַ פסיכיק קען מען נישט בויען קיין פאַרזיכיקייט. אַפילו נישט אין ארץ ישראל.

יעדער עליה קיין ארץ ישראל איז געווען אַ תולדה פון אַ דרויסנדיקן דרוק. ווען עס פעלט דער דרוק ווילן יידן אַפילו קיין ארץ ישראל אויך נישט גיין. די פאַראַכטונג צו דער אייגענער יידישקייט איז פאַראַן אין ביידע פאַלן, די אַכטונג צום פרעמדן איז אויך דאָ. איז גוט אין דער פרעמד. קומט אָבער דער דרויסנ־דיקער דרוק און לאָזט דעם יידן נישט צו צום פרעמדן, „רוקט אייך אָפּ יי־ע־לעך", במחילה, — דעמאָלט ווערט ציון אַן אויסלייזונג. בפרט נאָך אַז איז ציו־ניזם איז אַלעמאָל געווען און עס איז אויך פאַראַן נאָך אַ פסיכישער פאַקטאָר: אַז איוואַן, צי יאַן, צי דזשאָן אָדער כואַן לאָזט אונדז נישט אַנטלויפן פון יידן צו אים, ווילן מיר זיך לאָזן קיין ארץ ישראל און דאָרטן וועלן מיר זיך אַליין דער־ווייטערן פון די יידישע יונהס און אַליין ווערן איוואַנעס מיט אַלע איוואַנעס צו־גלייך... איז בויען אַן ארץ ישראל מיט דעם געפיל פון „אתה בחרתנו מכל היהודים" דאָס קען מען, אָבער גיין בויען אַנדערשוו אַן עפנטלעך־רעכטלעך

זיכערע היים אָן דעם קולטור־גלות — דאָס וואָלט דאָך פאַר ייִדן געהייסן גיין און בויען אַליין פאַר זיך אַ געטאָ, געוואָלד געשריִען!

און ווען ייִדן פילן זיך גליקלעך אין דעם נאַראָנים־גן־עדן פון דעם קולטור־גלות, באַמיִען זיי זיך מיט אַלע כוחות צו פאַרגעסן די פאַקטן פון געשיכטע. אַז אַלע קולטור־גלותן אונדזערע האָבן תמיד און אָן אויסנאַם געפירט צו אַלע אַנ־דערע גלותן און זיי האָבן זיך אַלעמאָל געענדיקט מיט חורבן. ייִדן זענען קאַ־פּאַבל אַרייַנצולייגן אין חרם יעדן איינעם וואָס וועט וואָגן זיי צו דערמאָנען די תולדות פון דעם קולטור־גלות. דער גורל פון ירמיהו הנביא איז נישט קיין אויסנאַם.

אָט איז דער ענטפער אויף אַלע אונדזערע קשיות, אָט דאָ איז דער מקור פון אונדזער גלות, פון אָט דעם געפיל קומט ער און מיט דעם געפיל האַלט ער זיך, דערפאַר ענדיקן זיך אַלע אונדזערע ישובים מיט אומקום און צוליב אָט דעם געפיל האָבן מיר קיינמאָל נישט געקענט, נישט געוואָלט שאַפן פאַר זיך אַ צווייטע ארץ ישראל וואָס זאָל זיין פאַר ייִדן הייליק בקדושת העם. אָט דאָס איז דער טייטש פון דעם שטענדיקן „מפני חטאינו", און דערפאַר איז גערעכט די הגדה פון פסח וואָס האָט איין תירוץ אויף אַלע אייביקע קשיות, און דער תירוץ איז: „עבדים היינו"... מער נישט וואָס דער טייטש דאַרף זיין עטוואָס אַנדערש: קנעכ־טיש זענען מיר געוואָרן.

מען טאָר אָבער נישט ריידן קיין רכילות אויף אַלע ייִדן, זענען דאָך אין יעדער דור געווען און זיי זענען דאָ געטרייע ייִדן, וואָס טראָגן פאַרויס די אהבת ישראל. טאָ פאַרוואָס האָבן אָט די ייִדן נישט געבויט, נישט געזוכט צו בויען קיין מקלט בטוח פאַר זייער ייִדישקייט? נישט באַמיט זיך צו שאַפן אַ צווייטע ארץ ישראל?

איז אָבער אַפילו ביי די ייִדן די אהבה זייערע אויך אַ פאַרשיידענע. „טאָקע תוכו רצוף אהבה, אויסגעוויקט איז ער דער ניגון מיט ליבשאַפט, נאָר ליבשאַפטן זענען פאַראַן אַ סך: עס איז פאַראַן אהבת המקום, אַ ליבע צו גאָט; אהבת הבריות, אַ ליבע צו כל ישראל" (פרץ), און אַזוי איז אויך מיט אמונה. עס קען זיין אַ געטרייקייט איבער אַלע גרענעצן צו דער ייִדישער אמונה. „ווער האָט עס גאָר מצוות צו זאָט?" — פרעגט ביי פּרצן אַ חסיד. און אין דער זעלבער צייט קען דער זעלביקער הונגעריקער נאָך מצוות פרומער ייִד פיינט האָבן במחילה אַ ייִדן און מבטל מאַכן אַלץ וואָס עס איז ייִדיש, וואָס האָט אָבער נאָר נישט קיין חותם פון רעליגיע, אַלץ וואָס עס איז פאַלקסטימלעך, ייִדישלעך. אַזעלכע זענען געווען די פראַנקפורטער פרומע ייִדן, וואָס האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן קיין „אָסטיודע", ווייל ביי די לעצטע איז דאָס פאַלקסטימלעכע געווען מער ווי דאָס רעליגיעזע. כ'האָב געזען פרומע ייִדן וואָס האָבן מבטל געמאַכט גאָר די

יידישע קולטור, און זי פיינט געהאַט היות אירע שעפער זענען געווען „קרקפתא דלא מנח תפילין" (נישט געלייגט קיין תפילין).

אַמאָליקע פרומע יידן וואָס האָבן געלערנט, אַז „מנהג ישראל דין הוא, פוק חזי מאי עמא דבר" (גיי און זע ווי דאָס פאָלק פירט זיך), אַ „מינהג ברעכט אַ דין" — האָבן געהאַט אמתע אהבת ישראל, און די כוללדיקע אהבה האָט באמת געשאַפן אמתע אמונה, אמונת ישראל. יידישקייט איז געוואַקסן, די רעליגיע איז געוואַקסן און יידישקייט איז געווען שעפעריש. היינט איז נישטאָ קיין אמונת ישראל, קיין אהבת ישראל איז זיכער נישט פאַראַן דאָרטן. עס קען זיין אַן אהבת ארץ ישראל, אַ געטרייקייט אָן אַ ברעג, „למען ציון לא אחשה" און אין דער זעלביקער צייט זאָל דער זעלביקער געטרייער ייד זיין... אַ שונא־ישראל: אַ יידישע געזעלשאַפט שמעקט אים נישט, אַ יידישער שטייגער איז העסלעך, יידיש לשון — הס מלהזכיר. ער וויל גאָרנישט זיין קיין ייד, קיין יהודי, ער איז, פאַרשטייט איר, גאָר אַ העברעער — אַן עברי. און איז ער פון מהדרים ווערט ער גאָר אַ כנעני, און טו אים עפּעס, אַבי נישט קיין ייד, זאָל גאָט אויסהיטן. און אויך די אהבת ארץ ישראל איז נאָך אויך צו ברייט: איינער האָט ליב נאָר דאָס ארץ ישראל פון די קיבוצים, דער צווייטער האָט די קיבוצים פיינט תכלית שנאה, איינער האָט ליב אַ שטיקעלע גמרא, — און אַ צווייטער ייד קען נישט פאַרטראָגן אַ מאמר חז"ל — אָט די אַלטוואַרג! קיין אינטעגראַלע כוללדיקע אהבת ישראל איז ביי יידן נישט בנמצא.

האָבן יידן באמת ליב געהאַט די תורה, האָט מען טאַקע פאַר איר געשאַפן, געבויט ירושלימס אין אַלע גלותן, האָט מען זי טייער געהאַלטן ווייל זי איז גאָטס, און ער האָט זי מיט געוואַלד אָנגעצוווּנגען די יידן. האָבן אויך אָט די יידן נישט געקענט טראַכטן וועגן אַ היים פאַר יידן בתכלית הפשטות, יידן זאָלן קענען לעבן רויִק אָן שנאה און מורא. מ'שטיינס געזאָגט וואָס דאָס גאַנצע לעבן איז ווערט, אַז „מה אָנו ומה חיינו?", אַז בסך־הכול איז דאָך דאָס גאַנצע לעבן נאָר אַ פּרוזדור, אַ פירהויז צו דעם טרקלין, נאָר אַ חיי־שעה וואָס מען דאַרף בלויז צוצוגרייטן פאַר זיך די חיי־עולם אויף יענער וועלט. דאַרף מען קלייבן מצוות, און ווען אַ ייד לעבט זיך עטוואָס בעסער, איז עס גאָר אַ סכנה ער זאָל אַראָפּ פון דרך הישר, אַז עס זענען גאָר חביבין יסורים, אַז עס גאָר בעסער זיך אָנצומאַטערן זיך אין די בידנע זיבעציק יאָר, זאַט ווערן מיט צרות און מיט מצוות כדי צו זיין זיכער מיט אַ חלק אין דעם עולם שכולו טוב. ביי אַזאַ איינשטעלונג פון לא מעלמא הדין (נישט פון דער וועלט), האָט דאָך בפירוש נישט געקענט זיין אַ געדאַנק מען זאָל זיך באַמיִען אויפצובויען פאַר יידן אַ רויִקע היים.

די אַלטע פראַגע פון ירמיהו „מדוע דרך רשעים צלחה", „רשע וטוב לו",

האָט מען פאַרענטפערט מיט גליקן „לעתיד לבא", אם ירצה השם אַז משיח וועט קומען, הלוואַי זאָל מען זוכה זיין. און די גאַנצע עובדה פון דעם שטיקל לעבן איז „שלא תשכח תורה מישראל" — נישט מען דאַרף זאָרגן פאַר יידן, נאָר פאַר דער תורה. האָט זי טאַקע געהאַט ביי יידן אַ היים אומעטום ווו נאָר דער גורל האָט די יידן געבראַכט. מעג עס זיין אין גלות־שאַנכאַי, צי אין די לאַגערן אין דייטש־לאַנד — יידן דאַרפן גמרות. אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועלט־מלחמה און די ידיעה וועגן דעם איז דערגאַנגען צו אַ שטעטל, — האָט דער רב אין בית־מדרש אַזוי רעאַגירט אויף דעם:

— אַזוי? די גויים שלאָגן זיך שוין ווידער, טאָ קומט, יידן, לאָמיר זיך זעצן צו אַ בלעטל גמרא... יאָ, די תורה דאַרף אַ היים, זי דאַרף איינגעפלאַנצט ווערן אין די הערצער און אין מוחות פון ישראל, אָבער פאַר דעם גוף פון יידן, פאַר זייער חיי־שעה דאַרף מען זיך לגמרי נישט זאָרגן, נישט טראַכטן. די תורה איז שוין אויך פאַר די יידן זייער היים, זייער „פאָטערלאַנד" של מעלה. די תורה איז גאָטס, איז זי טייער און הייליק, פאַר איר איז יהרג ואל יעבר אפילו פאַר „ערקתא דמסאנא", פאַר דעם קלענסטן פרט, אָבער פאַר דעם פשוטן לעבן פון יידן — כ'מיין, ס'אויך אַ דאגה?

אַזוי אַרום האָבן אויך די יידן נישט געקענט טראַכטן וועגן שאַפן ערגעצוווּ און ערגעץ־וועוון אַ היים פאַרן פשוטן פאָלק ישראל.

איז אָט דאָ ליגט דער תירוץ אויף אַלע פראַגעס וועגן דעם לאַנגן דויער פון גלות: פאַרוואָס זענען יידן אין גלות כמעט זייער גאַנצע לאַנגע געשיכטע?

פאַרוואָס האָבן אַלע יידישע ישובים אין אַלע לענדער פון דער וועלט זיך געענדיקט מיט גלות?

פאַרוואָס האָבן יידן בלויז איין מאָל געשאַפן אַן ארץ ישראל און זיי האָבן עס אַפילו נישט געפּרובירט טאָן אַ צווייט מאָל ערגעץ אַנדערשוווּ?

פאַרוואָס האָבן בלויז יידן און נישט אַנדערע פעלקער אויסגעהאַלטן אַזאַ לאַנגן גלות?

דאָס אַלץ איז דערפאַר ווייל עס פעלט ביי יידן אין דער נשמה די פשוטע און כוללדיקע אהבת ישראל, און ווען דער ביטול צו זיך, צו דעם פאָלקישן איך סומירט זיך מיט דער איבערגעטריבענער אַכטונג צו אַנדערע, באַקומט זיך דער „קולטור־גלות" און ער אַטראַפירט אַלע וויטאַלע כוחות פון פאָלק צו שאַפן אַ פאַרזיכיק לעבן, אַ היים, ווו יידן זאָלן קענען זוכה זיין לישב בשלווה. און דער־פאַר ווייל דאָס יידישע לעבן און דאָס לעבן פון יידן איז קיינמאָל נישט געווען שטאַרק חשוב ביי יידן אין די אויגן, איז די גאולה, דער חלום וועגן אויסלייזונג תמיד געווען פאַרבונדן מער מיט ארץ ישראל איידער מיט עם־ישראל, דער־פאַר איז ובא לציון גואל און נישט ובא לישראל גואל; דערפאַר איז „בונה עיר,

פטור מן המצוות", האָט דער זינדיקער עמרי, דער פּאָטער פון זינדיקן אחאב, זוכה געווען צו זיין אַ מלך ביי ייִדן דערפאַר וואָס ער האָט אויסגעבויט אַ שטאָט (שומרון). אַ זינדיקע שטאָט, אַ שטאָט וואָס האָט געפירט צום חורבן, וואָס גאָט און די נביאים האָבן איר נישט געקענט מוחל זיין, אָבער פאָרט אַ שטאָט אין ארץ ישראל! ישוב ארץ ישראל: איין קלייניקייט! „המהלך שעה בארץ ישראל ומת" — אַז אַ ייִד האָט באַוויזן בלויז איין שעה אַרומצוגיין אין ארץ ישראל און ער איז געשטאָרבן, — איז ער שוין זיכער מיט עולם־הבא! אַזוי גרויס איז די מצווה פון ישוב ארץ ישראל. אָבער וועגן ישוב עם־ישראל — נישט געפונען עפּעס אַן ענלעכע מימרא. נישט געזען אין ערגעץ אַז דער וואָס האָט באַזאָרגט אַ ייִדישן ישוב מיט אַ רויקן ווינקל, אַז ער האָט דערמיט פאַרדינט זיך אַ חלק עולם־הבא. און דערפאַר האָבן וועגן „אַ נאַכט־אַזיל", וועגן אַ רויק ווינקל פאַר ייִדן ערגעץ אין דער וועלט אַחוץ ארץ ישראל, איבערהויפּט פאַר די ייִדן אין רוסלאַנד, געקענט טראַכטן ייִדן וואָס האָבן פאַרמאָגט אהבת ישראל און וואָס זענען געווען ווייטער פון דער ייִדישער טראַדיציע — הערצל, נאָרדוי, זאַנגוויל, ד"ר מאַנדלשטאַם וכדומה. אָבער די מער טראַדיציאָנעלע רוסישע ציוניסטן האָבן זיך אַזש צעוויינט ווען זיי האָבן אויפן קאָנגרעס דערהערט אַז הערצל זאָרגט פאַר די ייִדן מער ווי פאַר ארץ ישראל. פאַר זיי, אין מיטן ים פון די ייִדישע צרות און פּיין, איז דאָך גאולת הארץ געשטאַנען העכער און בילכער ווי גאולת העם. און אַזוי תמיד: אָדער ייִדן זוכן צו זיין ככל הגויים — ריכטיקער — זיי בענקען צו כל הגוייִשקייטן — אָדער ייִדן טראָגן מיט חדווה און צופרידנקייט דעם יאָך פון אַלע גלותן אַבי נאָר די תורה איז נישט אין גלות. די, ווי יענע, זענען נישט מסוגל צו בויען די גאולת־העם סיידן עס איז געקומען נאָך אַ דראַנג — גאולת־הארץ.

אין דעם אויפבוי פון דעם ישוב ארץ ישראל, וואָס איז דערגאַנגען ביז מדינת ישראל, האָבן געווירקט עטלעכע פאַקטאָרן צוזאַמען:

א) די מאָראַלישע אַנטוישונג אין גלות, דער פאַרלוירענער גלויבן אין צונויפלעבן זיך מיט דעם הערשנדיקן פאָלק. אַזוי איז געקומען פינסקער, אַזוי זענען געקומען די ביל"ו, די עליות אַלע; פּאָגראָמען און אויטאָעמאַנציפּאַציע; פּאָגראָמען און ביל"ו; דרייפוס־פּראָצעס און הערצל; פאַרלוירענע רעוואָלוציע און אַ פּאָגראָם־כוואַליע — די צווייטע עליה; גראַבסקיס באַרימטע עגלה און די עליה פון פוילן; לאַגערן אין דייטשלאַנד — און די לעצטע עליה.

ב) אהבת ישראל, גאולת הארץ, לחונן עפרה. וויפל לידער און חלומות אַ פאָלק האָט עס געשאַפן וועגן דעם לאַנד „ווו די ציטראָנען בליִען". עס זענען אָבער נישטאָ קיין געזאַנגען וועגן די שיינקייטן פון ייִדישן לעבן, וועגן

דער ייִדישער פאָלקישקייט. זעט איר — אָפּלאָכונגען, סאַטירע — דאָס קען מען יאָ געפינען.

ג) אַ דראַנג צו אַנטלויפן פון ייִדישקייט. זאָל מען מיר מוחל זיין וואָס איך וועל אים אָנרופן מיט זיין אמתן נאָמען שנאת־ישראל, הגם מען האָט אים אָנגערופן מיט אַ שענערן נאָמען פון „שלילת הגלות״. אין תוך אָבער איז עס געווען און עס איז נישט קיין האַס צו די וואָס רודפן דאָס פאָלק אין גלות, נייערט אַ האַס און אַ נערוועזע שנאה צו דעם אייגענעם גערודפטן פאָלק און צו אַלץ וואָס עס איז געווען פאָלקיש, ייִדישלעך.

ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסזען האָט זיך ביי ייִדן צונויפגעפּאָרט נאַציאָנאַליזם מיט האַס צו דעם אייגענעם פאָלק. קען זיין אַז די מאָדנע דערשיינונג קען מען טרעפן אויך ביי אַנדערע גערודפטע פעלקער און שבטים, אָבער ביי ייִדן איז עס אַ פאַקט: דער אייביקער דראַנג נאָכצומאַכן אַנדערע קולטורן וואָס באַגלייט אונדז דורך דער גאַנצער געשיכטע טאָקע פון מצרים אָן און ביז איצט, גייט ביי אונדזערע נאַציאָנאַליסטן נישט פאַרלוירן, — ער ענדערט בלויז זיין פּרצוף: אַז מען קען נישט גיין צו די גוים דירעקט פון ייִדישקייט, פון טראַדיציע און פון שטייגער, גייט מען פון ייִדישער טראַדיציע צו גוייִשקייט אָן גוים, ביי זיך אַליין. אויב נישט בכל הגויים איז ככל הגויים ביי זיך אַליין. מיט אַזאַ פּסיכיק האָט מען קיינמאָל נישט געקענט בויען קיין היים פאַר ייִדישקייט, אַז מען האָט גאָר געוואָלט אַנטלויפן פון איר, פון דער ייִדישקייט פון קאַסרילעווקע, פון כאַנדריקעווע, פון דעם וואַסערטרעגערס און האָלצהעקערס ייִדישקייט. דערפאַר האָט קיינמאָל משיח נישט געקענט קומען, ווייל „לא איכשר דרא״ — דער דור ייִדן איז קיינמאָל נישט געווען ראוי אויסגעלייזט צו ווערן. דאָס איז די סיבה ראשונה, די סיבת כל הסיבות פון אונדזער לאַנגן גלות, אַפילו פון די חורבנות אַמאָל און ביז היינט.

מען איז געוווינט ביי אונדז אין אַלץ, אין אַלע אונדזערע חסרונות צו באַשולדיקן דעם גלות, ער איז דאָס כלומרשט דער אבי אבות הצרות. אין דער אמתן אָבער איז עס גאָר פאַרקערט: דער גלות איז נישט די סיבה נאָר די תולדה פון אונדזערע חסרונות, מפני חטאינו גלינו, און נישט בלויז מארצנו, נייערט מכל ארצותינו — פון אַלע אונדזערע ישובים, צי ביי זיך, צי צווישן אַנדערע, לאָזט זיך אַלעמאָל אויס אַ טייך. די נעגאַציע צו אַלעם אייגענעם, די ביטול־באַציִונג צום וואָכעדיקן לעבן, צום פּשוטן ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר, די עגאָפאָביע, און די הכנעה צו אַלץ וואָס עס איז פרעמד. דאָ איז דער מקור פון אַלע גלותן. די ערשטע תולדה איז די גייסטיקע צעשפּליטערטקייט. קיינמאָל, קיינמאָל וואָלט די געאָגראַפישע צעשפּליטערטקייט אונדזערע נישט געווען שעדלעך. דער „צדקה עשה להם הקב״ה שפיזרם לבין האומות״ איז גאָרנישט אַזוי נאַריש

געווען אין דער גאַנצער געשיכטע אונדזערער, ווען צו דער געאָגראַפישער צע־שאָטנקייט וואָלט נישט צוגעקומען אַ מאָראַליש־גייסטיקע, אַ קולטורעלע צע־שפּליטערטקייט, אַז פון הינטער די פּאַרטיי־פּאַרטייעלעך, און פּיצי־פּיצעלעך פון גרופּעס זעט מען גאָרנישט אַרויס דאָס פאָלק אין זיין גאַנצקייט. דאָ איז דער גלות, דאָס איז דער גלות! האָבן מיר אָנשטאָט איין עם־ישראל, גאָר שטיקלעך און ברעקלעך פון אַ פאָלק, וואָס איינס האָט פיינט דאָס צווייטע בתכלית השנאה, — און גיי בוי אַ היים פאַר דער גאַנצקייט פון פאָלק, אַז קיין גאַנצע פאָלקיש־קייט איז גאָר נישטאָ. דאָס איז גלות, אין דעם איז דער גלות אַפילו ווען מען איז ביי זיך אַליין, טראָגט מען דעם גלות אין זיך. דערמיט זענען מיר אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעלקער.

און אַפילו ווען מיר באַמיִען זיך צו זיין ככל הגויים, זענען מיר אויך אַנ־דערש. ביי אַלע אַנדערע פעלקער איז „פאָטערלאַנד" אַ באַגריף וואָס נעמט אַרום אַלע עטנאָגראַפישע, פאָלקישע און פאָלקסטישע עלעמענטן פון לעבן, וואָס מען קען זיי האָבן קאָנצענטרירט בלויז אין אייגענער געאָגראַפישער היים. „אונדזער לאַנד" מיינט פאַר אַלע פעלקער דאָס אָרט ווו „אונדזער גייסט", אונדזער היי־מישקייט געוועלטיקט איבער די גאַסן און איבער פעלדער. רוסלאַנד איז דאָרט ווו —

„דאָ שמעקט מיט רוס,
דאָ איז רוסישער גייסט."

(פּושקין)

ביי ייִדן איז עס פאַרקערט: אונדזער היים איז דאָרטן ווו מען קען זיך אויסטאָן פון אַלדאָס ייִדישעס און מען קען ווערן אַנדערש פון אַלע ייִדן. האָט מען אַמאָל, נאָך גאָרנישט לאַנג אַפילו מורא געהאַט טאָמער חלילה קומט אַריין „באַלעוועקע" און זי פאַרפּלייצט אונדז מיט ייִדישקייט פון „שניפּעשאָק" און „וואָלעדניק", די שעה זאָל נישט זיין...

אָט דאָ ליגט אַ געוואַלדיקער פּסיכאָלאָגישער תהום צווישן אַנדערע פעלקער און צווישן ייִדן. פאַר רוסן איז רוסלאַנד קודם־כל דאָס לאַנד פון די רוסן, פון זייער רוסישקייט, דאָס ר ו ס ל אַ נ ד, אַזוי פאַר ענגלענדער און פאַר אַלע. נישט פאַר ייִדן. פאַר אונדז איז ייִדיש לאַנד נישט ייִדנלאַנד, נייערט דאָס לאַנד ווו מען קען „שולל זיין", אָפּוואַרפן גאָר די ייִדישקייט און ווערן נייע ייִדן.

***

עס קען זיך שטעלן אַ פראַגע: צו וואָס די גאַנצע גריבלענישן און אויס־רעכענונגען, אַז עס איז שוין דאָ אַ ייִדישע מדינה, אַ דאַנק גאָט, און זי וועט שוין אויסגלייכן אַלע אונדזערע קרומקייטן, זי וועט אויסשמידן די איינהייט־

לעכקייט פון געדאַנק און געפיל, פון קולטור און שטייגער און וועט אַזוי אַרום צוריק שאַפן די פאָלקישע גאַנצקייט, און וועט אונדז ראַטעווען פון דער גייס־טיקער צעשפליטערונג און מיר וועלן ווערן אַ נאָרמאַל פאָלק ווי אַלע אַנדערע פעלקער?

איז אָבער די זאַך אַ סך טיפער. היות נישט דער גלות האָט געשאַפן די דע־פעקטן אונדזערע, קען זיי אויך די מדינה נישט אויסהיילן. מיר האָבן דאָך שוין צוויי אָדער דריי מאָל באַוויזן צו פאַרלירן פאַרטיקע מדינות אַדאַנק די דעפעקטן אונדזערע, און די בעסטע היסטאָריאָזאָפישע דערקלערונג פון אונדזער חורבן האָט געגעבן טאַקע די גמרא אַליין: לא חרבה ירושלים אלא מפני שנאת חינם שבה, אָדער על קמצא ובר קמצא — צוליב, הייסט עס, אונדזער גייסטיקער צעשפלי־טערטקייט און דער קעגנזייטיקער שנאה צווישן אונדזערע פאַרטייען און פאַר־טייעלעך אָן אַ שיר און אָן אַ ברעג, און דאָס פאַרטייאישע האָט ביי ייִדן תמיד איבערגעוויגן דאָס פאָלקישע, דאָס פריוואַטע, דאָס אַלגעמיינע, — טאָ ווו איז בכן די זיכערקייט אויף ווייטער? דאַרף דאָך דער קיום פון דער מדינה האָבן אַ היילונג פון אונדזערע דעפעקטן קודם, פון פאָרויס. עס פעלן נישט פאַר דער מדינה קיין שונאים פון דרויסן, און נאָר אַ גאַנץ פאָלק מיט אַ פאָלקישער גאַנצ־קייט אינעווייניק וועט קענען זי אייַנהאַלטן.

וועגן דער אַמאָליקער מלכות ישראל איז דאָך נישטאָ וואָס צו ריידן: זי איז, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט געווען קיין ייִדישע מדינה, הגם זי איז געווען אַ מדינה פון ייִדן. דער דראַנג צו אַנטלויפן פון ייִדישקייט האָט דאָרטן קיינמאָל נישט אויפגעהערט, און דערפאַר איז איר חורבן פאָרגעקומען אַ סך פריִער איידער עס איז געקומען איר אָפיציעלער חורבן דורך אַ פרעמדער מאַכט. דערפאַר איז זי נישט אויפגעשטאַנען קיין תחית המתים ווי עס איז געשען מיט מלכות יהודה שפעטער. איר איינציקער היסטאָרישער פאַרדינסט פאַר אונדזער אייביקייט איז וואָס זי איז געווען אַן אַרענע פאַר עטלעכע נביאים. די „גלות־מיקראָבן" וואָס אירע אַנפירער און אפשר דאָס גאַנצע פאָלק האָבן געטראָגן אין זיך, האָבן צע־פרעסן און געטויט די מלוכה פון פריִער נאָך. און עס האָבן נישט געהאָלפן די וואָרענונגען פון אַן עמוס און אַנדערע. און די לעקציע טאָר מען נישט פאַרגעסן אויך היינט. די יונגע מדינה מיט דער עגאָפּאָביע איז ווי, חלילה, אַ קינד מ'יט אַ נייגונג צו אַ קאַנסער. אַמאָל איז אַ מדינה אַ גאַראַנטיע פאַרן קיום פון אַ פאָלק און אַמאָל איז עס פאַרקערט, דאַרף דאָס פאָלק טראָגן די מדינה ווי אַ טאַטע אַ שוואַך קליין קינד, און אונדזער קליינע מדינה וועט נאָך לאַנג דאַרפן ליגן אויף די פלייצעס פון דעם פאָלק אין אַלע זיינע תפוצות. און דאָס פאָלק וועט נאָר דעמאָלט זיין בכוח צו טראָגן דעם עול מלכות, ווען עס וועט האָבן אין זיך די פאָלקישע גאַנצקייט און די גאַנצע פאָלקישקייט און יעדער ייִד באַזונדער וועט

טראָגן די גאַנצקייט אַט אַזוי ווי יעדער טראָפּן וואַסער שפּיגלט אָפּ די גאַנצע זון. דער גורל פון מדינת ישראל ליגט און וועט לאַנג נאָך ליגן אין די תפוצות ישראל אומעטום, אומעטום, אין אַלע ייִדישע ישובים — און מיט דער עגאָפּאַ־ביע, אַן געטרייקייט צו אַלץ וואָס עס איז פאָלקיש וועט דאָס פאָלק נישט קענען איינהיטן די מדינה, אַפילו ווען אַלע וועלן זיך דעקלאַרירן פאַר ציוניסטן. אויב דאָס פאָלק האָט צוליב אינעווייניקסטע דעפּעקטן נישט געקענט איינהיטן זיין אַמאָליקע מדינה, אויב עס האָט נישט געקענט דורך דעם לאַנגן גלות זיך שאַפן אַ פאַרזיכיקן ווינקעלע ערגעץ אין דער וועלט, איז ווו איז די גאַראַנטיע אַז דאָס זעלביקע פאָלק וועט קענען איינהיטן די מדינה? בפרט נאָך אַז דער רבונו של עולם האָט פון אייביק אָן אַוועקגעלייגט ארץ ישראל אין זייער אַ שלעכטן ווינקל, אַז ווו נאָר און ווען אַ „גרויסער" ציט עס אים אַהין — און בפרט שבפרט, אַז צו די גרויסע זענען איצט צוגעקומען נאָך „קליינע" וואָס שטייען אַרום מיט אויס־געשטשירעטע ציין...

ניין און ניין! דער שווערפּונקט פון ייִדישן לעבן, פון קיום האומה ליגט נאָך איצט ווי פריִער אין פאָלק, אין די ישובים זיינע איבער דער וועלט. דאָס וועלן זאָגן אַז דער שווערפּונקט ליגט שוין איצט אין דער מדינה, שטאַמט אָפּט פון אַ ווילן צו באַפרייען אַלע תפוצות פון דעם ייִדישקייט־יאָך, אַזוי צו זאָגן: היות ווי עס איז שוין דאָ אַ מדינת ישראל, זענען מיר שוין פּטור פון צו זיין ייִדן, און מיר וועלן יוצא זיין מיט דער ראָל פון „וויטע קרובים" צו דער מדינה...

פון די פאַקטאָרן וואָס האָבן געהאָלפן בויען ארץ ישראל און זי דערפירט ביז דער מדינה פעלן איצט די וויכטיקסטע: עס פעלט דער יאוש אין גלות, — פאַרקערט זענען איצט די הויפּט־ישובים גאָר פאַרליבט אין זייערע לענדער, ווו די אַסימילאַציע און די אויסייִדישונג איז זייער גרויס, און אויסגעייִדישטע ייִדן, אָן ייִדיש לשון האָבן קיינמאָל נישט געבויט און זיי וועלן נישט בויען קיין ארץ ישראל.

דער צווייטער פאַקטאָר, די אהבת ארץ ישראל, דאָס אייביקע בענקען קיין ציון איז ווידער נישט פאַר אויסגעייִדישטע ייִדן געדאַכט. קיינמאָל נישט און היינט נישט און מאָרגן זיכער נישט. און אויך אין דער מדינה איז דאָס געפיל עלול אָפּגעשוואַכט צו ווערן פון טאָג צו טאָג. עס איז אַ געפיל פון גלות־ייִדן. אַז מען איז אין דער היים, קען מען נישט בענקען אַהיים. פאַרקערט ווערן אַלע קליינע שוועריקייטן אין טאָג־טעגלעכן לעבן זייער גרויס אין די אויגן און זיי שווענקען אָפּ די לעצטע רעשטלעך פון דער בענקשאַפט. און שוין איצט וואָלט דער ישוב אין דער מדינה געוואָרן אַ סך קלענער ווען עס וואָלטן געווען ערגעץ אַנדערשוווּ אָפענע טויערן.

פאַרקערט אָבער, דער דריטער פאַקטאָר, דאָס געפיל וואָס טראָגט דעם נאָ־

מען „שלילת הגלות“ איז אין תוך אַריין אַ „שלילת העם אשר בגלות“, אָדער־ פשוט און אָפן גערעדט אַ שנאת ישראל, דאָס געפיל האָט אַ נטיה זיך צו שטאַרקן און אַרומצונעמען אַלץ וואָס עס ווערט ייִדישלעך אין דער מדינה גופא. דאָס כלומרשט ספרדישע העברעיִש איז באַליבט כל־זמן עס איז דאָ דאָס פּאַרהאַסטע ייִדיש. אין דעם מאָמענט אָבער ווען אָט דאָס „נייע“ העברעיִש ווערט ייִדיש, האָט מען שוין דאָס אויך נישט ליב און מען איז גרייט עס צו פאַרבייטן מיט אַ „קולטור־שפּראַך“ אַפילו אין דער מדינה גופא. און אַזוי איז די לאַגע בנוגע צו אַלע עלעמענטן פון שטייגער. כל־זמן עס איז דאָ אַ רייכע און קאָמפּליצירטע ייִדישקייט און ייִדישע קולטור אין גלות אויסגעהאָדעוועט פון פאָלקסטימלעכ־ קייט, קען מען דאָס אַלץ פיינט האָבן און אָפּוואַרפן אין נאָמען פון נייע וואָס זענען כלומרשט „נאַציאָנאַל“ (זענען דאָך ייִדן דאָס איינציקע פאָלק אין דער וועלט, וואָס פאָלקסטימלעך און נאַציאָנאַל זענען ביי אים אַנטיפּאָדן!). אָבער אין דער זעלביקער מאָס וואָס דאָס פאָלקסטימלעכע ווערט אָפּגעשוואַכט אין אַלע ישובים (צוליב דער זעלביקער עגאָפאָביע), ווערט דאָס „נייע“ ייִדישלעך און... מען האָט עס פיינט. ווערט דאָס נייע, דאָס געשאַפענע ווי אַ קעגנזאַץ צום „גלות“ אַלט, און אַ נייע צילברעט פאַר דער גאַנצער נעגאַציע, פאַר דער שלילה און אַנ־ טיפּאַטיע וואָס מען האָט צו אַלץ וואָס עס איז היימיש, אייגן. געוויס, אַנטקעגן ייִדיש איז העברעיִש מיט דער כלומרשט ספרדישער „ה ב ר ה“ אַ גרויסע יחסנטע: אי עס איז נישט פאַרמיאוסט געוואָרן אין ייִדישע מיילער אין משך פון דורות און אי איז עס „נאַציאָנאַל“. אָבער לגבי ענגליש איז שוין העברעיִש גאָר־ נישט אַזאַ יחסנטע. אָ, וואָלט ייִדיש געווען די שפּראַך פון די ענגלענדער! ווי עס וואָלט געפעלן געוואָרן ייִדן און פאַרקערט, וואָלט נעבעך ענגליש איינגע־ שטאַנען ביי ייִדן פאַר אַ שפּראַך — ווי מיאוס עס וואָלט פאַר זיי געקלונגען. און אין אַ דירעקטער קאָנקורענץ צווישן די צוויי שפּראַכן (און די קאָנקורענץ וועט מוזן קומען) איז דער גורל פון העברעיִש — גאָט ווייס... בכל אופן האָבן דאָך שוין איין מאָל ייִדן פאַרביטן העברעיִש מיט אַן אַנדער „וועלטשפּראַך“ אַמאָל, טאָ ווו איז די זיכערקייט אויף ווייטער?

סימנים פון אַזאַ מין אַנטוויקלונג אין דער ריכטונג פון דער זעלביקער ביי־ טול־באַציִונג צו דעם נייעם אין דער יונגער מדינה פעלן נישט שוין איצט. די שרעקלעכע צעשפּליטערונג, די שאַרפע קריטיק פון אַלעמען קעגן אַלעמען, דאָס נישט אנערקענען די מדינה מיט אירע פאַראָרדענונגען און געזעצן „ווייס איך וואָס, עט, בע, מאַלע וואָס די פקידים הייסן...“ אַן אַלטע מעשה: אַז פרעה האָט געשיקט נוגשים, פשוטע גויים זאָלן דריקן און שלאָגן ייִדן, — האָט מען גע־ קרעכצט און... געפאָלגט, געוויינט און געפאָלגט: אַ ברירה האָט מען? אָבער אַז עס איז געקומען אַ ייִד — משה רבינו אַליין און האָט זיך נישט געלאָזן שלאָגן,

— האָט מען גלייך געטאָן אַ הוקע „מי שמך?״ „ווער האָט עס דיך געמאַכט פאַר אַ גאַנצן יאָ טעבע דאָם, וואָס דו קומסט אונדז זאָגן דעות זיך נישט צו שלאָגן?״ און אַז משה האָט זיך געקלאָגט „איכה אשא לבדי?״ „ווי קען איך אויסהאַלטן פון די ייִדן מיט זייערע טענות?״, איז עפּעס אַ וווּנדער אַז אַ בן־גוריון איז פאַר־מאַטערט געוואָרן אין פינף יאָר?... און צו וואָס דאָס קען פירן? — בעסער נישט פרעגן. מיט איין וואָרט: אָן פשוטער אהבת ישראל, אָן אהבת הייִדישקייט אין פשוטסטן זינען פון וואָרט איז דער קיום פון דער מדינה לגמרי נישט זיכער, נישט אַזוי מחמת די שונאים פון דרויסן ווי צוליב די אייגענע אינעווייניקסטע דעפעקטן. „מפני חטאינו״ — די אַלטע מעשה. דער זעלביקער שטאַרקער פאַק־טאָר וואָס האָט געהאָלפן אויפבויען די מדינה אין דעם אַלטן, ערשטן ארץ ישראל, ווערט מיט דער צייט אַ סכנה פאַר דעם קיום פון דער זעלביקער מדינה.

***

מען באַמיט זיך אין ארץ ישראל איינצופלאַנצן אין דער יוגנט אָן „אהבת המולדת״ — אַ ליבע צום לאַנד ישראל, צום פּאַטערלאַנד, דירעקט צו דער נאַ־טור, צו די היגלען און בערגלעך, צו די גראָזן אוןביימער. און עס איז זיכער גוט אַזוי! אַ מענטש דאַרף זיין היימיש אין זיין היים, ער דאַרף פילן אַ פריינט־שאַפט צו דעם גאַנצן אַרום, אַפילו צו די געדולדיקע כאַמעלעאָנען אויף די זונ־באַגאָסענע ביימער און צו די פלינקע יאַשטשערקעס אויף דער ערד. ער דאַרף פילן דעם שטילן גערויש פון די ביימער, ער דאַרף זיך דערפרייען מיט דער שניי־ווייסער בלייִעכץ פון די מאַנדל־ביימער אין קאַלטן פּאַרוואָלקנטן ווינטער; ער דאַרף מיטפילן דעם געיאָמער פון די שאָקאַלן, און דעם שלשלתדיקן געקרעכץ פון אייזלען אין פרימאָרגן, און דעם סאָלידן טראָט פון שווייגנדיקן קעמל... איז עס גוט אַזוי, גוט וואָס מען זאָרגט דערפאַר. היימגעפיל איז אַ וויכטיקער פאַק־טאָר אין לעבן און עס איז גוט וואָס מען אַנטוויקלט אים. ייִדן האָבן געקענט האָבן דאָס געפיל בלויז אין די אייגענע הייזער און אין בית־מדרש. אָבער שוין נישט אין גאַס. דער וואַלד און דאָס פעלד זענען געווען אונדז ווייט און פרעמד. איז גוט די זאָרג, דאָס געפיל צו אַנטוויקלען.

אָבער דאָס געפיל איז נאָרמאַל אַ קאָמפּליצירטער. עס נעמט אַריין די גאַנ־צע געאָגראַפישע סביבה, די פלאָרע און פאַונע און בעיקר אָבער די עטנאָגראַפישע סביבה. איטלעכן מענטשן ווערט פריילעכער און היימישער ווען ער דערהערט זיין לשון, ווען ער דערזעט פון ווייטן אַ מענטשן מיט אַ פּנים וואָס איז אים נענטער, ווען מען דערהערט אַ ניגון, אַ ריח פון אַ היימישן טראַדיציאָנעלן עסן וכדומה. אָט די היימישקייט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט איז דער וויכ־טיקסטער קאָמפּאָנענט פון דעם וואָס די ענגלענדער רופן אָן „זיסע היים״, וואָס די רוסן האָבן פאַר דעם אַ ווערטל אַז דער רויך פון פאַטערלאַנד איז זיס און

אַנגעגעם. אָבער ביי די ייִדן אין ארץ ישראל פעלט כמעט אינגאַנצן דער עטנאָ־גראַפישער עלעמענט. פאַרקערט, איז דאָך אַלץ „גלות" און רעשטלעך פון גלות. פריִער איז דאָ אַן „עם ישראל". שפּעטער לערנט מען זיך אין שול אויס, אַז דאָס עם ישראל, וואָס אין גלות, איז אַליין אַ שטיק גלות, און עס גייט נישט אַריין אין חשבון פון דער געליבטער מולדת. נאָך שפּעטער דערוויסט מען זיך, אַז אויך „פּסח תיקוועס" (פּתח תקוה) איז אַ שטיק גלות אין ארץ ישראל, און מען דאַרף עס נישט אַריינרעכענען אין סכום פון „מולדת". נאָך שפּעטער ווערט אויך תל־אביב געקרוינט מיט דעם נאָמען „תל לאבלאף" וכדומה, און אַזוי ווערט די מולדת אַלץ קלענער, איינגעשרומפּענער; און מיט דעם לערנען אַנטוויקלט זיך פאַרקערט, אַ שטרעבונג צו דער „גרויסער וועלט". ווערט די אייביקע ליבשאַפט און בענקען צו ארץ ישראל, וואָס אַ פאָלק האָט געהאָדעוועט אין זיך טויזנטער יאָרן, ביסלעכווייז אויסגעוועפּט און די אהבת המולדת, וואָס די שולן פלאַנצן אין דער קינדהייט, קומט שפּעטער אויס קינדיש קליין און במילא שוואַך.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט עס די יוגנט פון ארץ ישראל געצויגן קיין פּאַריז און צו פראַנצויזיש; גאַנצע קאָלאָניעס פלעגן אויסגעליידיקט ווערן פון דער יוגנט. איך געדענק גוט ווי דער לערער־פּיאָנער, ווילקאָמיץ ע"ה, פון ראש פּינה האָט ז"ך צעוויינט אין 1913 ווען איך האָב אים געפרעגט, ווו איז די יוגנט וואָס ער האָט דערצויגן אין קאָלאָניע אין משך פון יאָרן? „זאת כל הצרה" — האָט ער מיר מיט טרערן געזאָגט. איצט ציט עס די יוגנט אין אַמעריקע, צו ענגליש. די וועלט איז אָבער פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער...

עס איז דאָ נאָך אַ פאַקטאָר פאַרן היימגעפיל צו ארץ ישראל און צו יעדער ווינקעלע דאָרטן. דאָס איז די פאַרבונדנקייט מיט דער ייִדישער געשיכטע. איין קליינ־קייט: יעדער ווינקעלע איז דאָך דערמאָנט אין תנ"ך! אָבער אויך דאָס געפיל איז שטאַרקער ביי די „גלות־ייִדן". ביי די ישראל־ייִדן ווערט עס שוואַכער און גאָר שוואַך. ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל פון ווייטן דערזען דעם ירדן, איז מיר געוואָרן גאַנץ אומעטיק: ס'איז דאָך גאָר אַ קליינער! ווו איז דער „גאות הירדן"?, ווו זענען די באַזונגענע „גלי הירדן"?... און אַז איך בין אים אַריבער־געגאַנגען צופוס פון כנרת ביז דגניה, — איז ער בכלל ביי מיר געוואָרן אויס יחסן... ווידער דעקט נישט די פּאָליטישע קאַרטע פון מדינת ישראל דאָס ארץ ישראל פון געפיל: פאַרוואָס איז חברון ווייניקער מולדת? איז די מערת המכפלה דאָרטן קנאַפּער מולדת ווי לוד און רמלה, וואָס זענען דאָ נישט לאַנג געווען פרעמדע נישט־ייִדישע שטעט פול מיט שונאים? און בית־לחם, און שכם און לסוף — ירושלים אַליין מיט דעם כותל המערבי?

מיט איין וואָרט: אהבת ארץ ישראל אָדער מדינת ישראל מוז זיין באַזירט אויף אהבת עם ישראל, דער פונדאַמענט פון אהבת מדינת ישראל מוז זיין אהבת

היידישקייט. אהבת היידישקייט איז דער היפוך פון „שלילת הגלות״. געטריי־קייט און ליבע, אמתע, טיפע ליבע צו מדינת ישראל קען זיין באַזירט בלויז אויף ליבע און געטרייקייט צו גאָר דער ייִדישקייט, ווי זי איז געשיכטלעך אויס־געוואַקסן פון אברהם אבינו און ביז אונדז. אין גלות? — יאָ, אין גלות! אָן איר, אָן אהבת היידישקייט, מיט דער „שלילה״ וואָס מען איז שולל, מען נעגירט איז דער גאַנצער בנין פון מדינת ישראל, חלילה, אין סכנה, — און אָן אינע־ווייניקסטע סכנה אין דער פסיכיק פון פאָלק איז ערגער, מסוכנער פון אַלע דרויסנ־דיקע סכנות. די „שלילת הגלות״, וואָס איר אמתער נאָמען וואָלט געדאַרפט גאָר זיין „שנאת ישראל״, איז נישט מער ווי אַ נייער שלייער פאַר דער אַלטער יענ־טע, וואָס האָט אַזוי געבלאָזן פון זיך אין אַלע לענדער פון אייראָפּע באַלד נאָך עמאַנציפּאַציע און וואָס האָט געפירט... נישט צו קיום. לא נבראה מדינת ישראל — די יונגע מדינה האָט איר גאַנצן זינען צו זיין אַ היים, אַ פרייע היים פאַר דער גאַרער ייִדישקייט, ווי איז אויסגעוואַקסן, אויסגעברייט און אויסגעקלערט געוואָרן אין אונדזער לאַנגער געשיכטע.

איז עס אחד העמיזם? יאָ, אָבער מיט אַ קאָרעקטיוו: נישט מרכז ר ו ח נ י, נישט אַ גייסטיקער צענטער, נאָר אַ מרכז ה ר ו ח — דער צענטער פאַר דעם גייסט וואָס האָט אונדז געפירט און דערפירט ביז אונדז. געדענקען דאַרף מען: דאָס האָט דער גלות אויפגעבויט, אויסגעחלומט און אויסגעטראָגן, אויסגעטראָגן און אויסגעהאָדעוועט די מדינה; דאָס האָט זי, די גלותדיקע ייִדישקייט אין זייערע הערצער די ייִדן געפירט און געבראַכט ביז צו דעם. אָן איר, אָן דער גלותדיקער ייִדישקייט, האָט די מדינה נישט אויף וואָס זיך צו האַלטן. און זי — די אַלטע, צעמזיקטע מאַמע, די שכינה פון פאָלק, שטייט איצט ביי דער טיר פון דער מדינה און בעט זיך באַשיידן און שטיל: לאָזט אַריין, קינדער!... „עתי־דין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל שיקבעו בארץ ישראל״ (מגילה כ״ט). אין אָט דער טייערער גמרא ליגט דער גאַנצער זינען און די אויפגאַבע פון דער יונגער מדינה.

און עס פאַרשטייט זיך, אַז נישט וועגן די צעבראָכענע און צעברענטע ציגל פון ווילנער גאונס קלויז און שטראַשונס ביבליאָטעק רעדט זיך דאָ. מיר האָבן געבויט „ירושלימ׳ס״ אין אַלע גלותן נישט מיט די שטיינער פון ירושלים. די נייע מאָדע איינצומויערן אין די געביידעס פון שולן און טעמפּלען שטיינער גע־שיקטע פון ירושלים, איז בפירוש אַ געצנדינסט וואָס מיר האָבן זיך אָפּגעלערנט פון אַנדערע געצנדינער — זיי פילן אָן די וועלט. ביי אונדז אין די הערצער איז דאָך ירושלים לגמרי נישט חרוב געוואָרן, און אַזוי טאָר נישט חרוב ווערן קיין שום ישוב בישראל וואָס האָט געלאָזט אַ ירושה, אַ ירושה אין קולטור. און אָט די אַלע ירושות דאַרפן געבראַכט ווערן קיין ארץ ישראל נישט אין קיינע מו־

זייען, נישט אין אַ „יד ושם״, נאָר אין די הערצער און אין די מוחות פון דורות ייִדן. נאָר דערמיט וועט די יונגע מדינה פאַרזיכערן איר קיום לעולם ועד, אמן!

נאָך אַמאָל און נאָך אַ סך מאָל: די גרעסטע סכנה ליגט אין דער ייִדישער פּסיכיק, אין דעם זאַץ „מיר זענען געקומען נישט בלויז אויפצובויען אַ לאַנד נאָר אויך — און בעיקר — אויפצובויען אַ ניי פאָלק״. דער זאַץ וואָס איז איבערגע־מאַכט געוואָרן פון „אתה בחרתנו מכל העמים״ אויף „אתה בחרתנו מכל היהו־דים״, אין דעם וואָס מען וויל שוין מער נישט זיין קיין „יהודים״ נאָר „עברים״, נישט יהודים נייערט גאָר ישראלים (אגב, אפשר וועט מען מיט דעם שינוי השם געפינען מער חן אין די אויגן פון די גויים, אַז מען איז שוין מער נישט קיין זשיד, קיין יודע, קיין דזשו, קיין כודזאַ...).

עס איז גאָרנישט קיין גרינגע רעוואָלוציע, וואָס מען מוז דורכמאַכן, אָבער עס איז אַ מוז. נאַציאָנאַליזם אָן אינטעגראַלן פאָלקיזם איז די זעלביקע אַסימילאַ־ציע, און זי איז נישט וויניקער מסוכן אין דער מדינה ווי אין די תפוצות.

בכלל גענומען איז איצט די עצם אינסטיטוציע פון מדינות שטאַרק פאַר־עלטערט. קיינער קען זיך איצט נישט האַלטן אַליין, נישט עקאָנאָמיש און נישט פּאָליטיש, און אַ פּשיטא שוין נישט מיליטעריש. די איינציקע מעלה פון אַט דער שרעקלעך קאָסטבאַרער און שווערער אינסטיטוציע איז די גרינגקייט זיך אויסצו־לעבן קולטורעל פאַר זיך, דאָס אויסמיידן דעם קולטור־גלות. אָן דעם לוינט קיין שום מדינה נישט. די גאולה פון מדינת ישראל איז נאָך ווייט נישט די גאולה פון עם ישראל. משיח דאַרף קומען נישט צו ארץ ישראל, נאָר צום פאָלק ישראל. מען מוז מאַכן אַ קאָרעקטיוו: נישט ובא לציון גואל, נייערט ובא לישראל גואל. און די גאולה איז נישט בלויז אַ דרויסנדיקע, זי מוז זיין אָן אינעווייניקסטע. ווייל משיח ליגט אַ געבונדענער נישט ביי די טויערן פון רוים, נאָר ביי די טויערן פון ייִדישע הערצער, און די שטריק וואָס בינדן אים איז אונדזער עגאָפּאַטיע, אָט דער קאָמפּלעקס וואָס האָט אונדז נישט געלאָזט אויפבויען אַ צווייט ארץ ישראל. די מדינה איז איצט נאָר משיח בן יוסף. דער משיח בן דוד דאַרף נאָך קומען, ער וועט ברענגען די גאולת הפאָלק. און דעמאָלט וועט די מדינה האָבן אַ קיום לעולם ועד. און אין אַנדערע ישובים וועלן ייִדן לעבן אויך פאַר זיך, נישט אַזוי תחת גפנו און תחת תאנתו, ווי מיט זייער שטייגער און מיט זייער אייגע־נער קולטור און זיי וועלן צופרידן זיין מיט זייער פאָלקישקייט, און זיי וועלן נישט דינען צו פרעמדע קולטורן און מקריב זיין די קינדער צו פרעמדע געצן, ווי שפּראַכן וכדומה. און די שעפערישקייט פון פאָלק וועט נישט געהאַמעוועט ווערן פון קראַנקהאַפטע קאָמפּלעקסן. און דעמאָלט וועט באמת מקוים ווערן דער „עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות״ — אומעטום, אין אַלע תפוצות וועלן ייִדן אויסנוצן אַלע מעגלעכקייטן צו לעבן פאַרזיכיק, כמו מדינהדיק...

...אָ, ווי איז מען שוין זוכה צו דעם!

אָפט דאַכט זיך מיר, אַז די חסידישע באַוועגונג מיט דער טיפער אהבת ישראל, מיט דעם שטאַרקן „אשריכם ישראל" האָט געהאַלטן ביים ברענגען די גאולה שלמה...

***

צום סוף דאַרף מען נאָך אויפקלערן דאָס וואָרט וואָס איז דאָ אַזוי אָפט גע־נוצט געוואָרן. איך מיין, וואָס איז פאָלק און וואָס מיינט פאָלקישקייט?

איך וועל נישט ווייזן קיין בקיאות און נישט ברענגען פאַרשיידענע מעג־לעכע דעפיניציעס, איך וועל נאָר אָנגעבן דאָס וואָס איך מיין, און וואָס איך האַלט פאַר ריכטיק. פאָלק איז פאַר מיר אַ גרופע מענטשן וואָס האָבן אין משך פון דורות אויסגעאַרבעט אַ געמיינזאַמען שטייגער, אַ געמיינזאַמען לעבנפיר, זיטן און מינהגים. דאָס אַלץ ווערט באַגלייט מיט אַ געמיינזאַמער אויסדרוק־פאָרעם — שפּראַך. ווערט זי אין משך פון דורות פאַר זיך ווידער דער שאַצקאַמער פון אַלע טראַדיציעס, געדאַנקען און געפילן, דער אוצר פון דעם פאָלקס נשמה. דאָס פלעגט מען אַמאָל ביי אונדז אָנרופן „תורה שבעל פה", און וועגן דעם זאָגט שוין די גמרא אַז זי איז וויכטיקער פון דער תורה שבכתב. ווייל די לעצטע קען מען דאָך איבערזעצן און איבערנעמען, בעת די תורה שבעל פה איז דאָס אינטי־מע, וואָס מען קען נישט איבערנעמען און נישט איבערגעבן. מיט איין וואָרט — פאָלק איז אַ קולטור־באַגריף, נישט קיין ביאָלאָגישער, נישט קיין ראַסיסטישע, וכדומה, סימנים וויל איך נישט אָננעמען. און דערפאַר האָט זיכער ביי יידן אַ גר געמעגט זאָגן „אלוהי אבותינו", הגם ער שטאַמט נישט ביאָלאָגיש פון אברהם, יצחק און יעקב, אָבער קוים איז ער דורכגעדרונגען מיט יידישקייט, איז ער אַ קינד פון יידישן פאָלק...

ביי אַ לעבעדיקן פאָלק הערט קיינמאָל נישט אויף דער פּראָצעס פון שאַפן און איבערשאַפן. איבערשאַפן זאָגן מיר דערפאַר, ווייל אָן דעם שטאָף פון פריער קען נישט זיין קיין שאַפן ווייטער. נישט אומזיסט זאָגט די גמרא, אַז כל תורה שאין לה בית אב אינה תורה... אַזוי ווי אַ לעבעדיקער בוים האַלט כסדר אין שאַפן נייע צווייגן און בלעטער, אַזוי אויך אַ פאָלק. ווען ער הערט אויף צו שאַפן נייע בלעטער און בלומען, איז ער טויט און וואַרט בלויז אויף דעם ערשטן בעסטן ווינט וואָס וועט אים איינוואַרפן. דעם נמשל וויל איך אַפילו נישט אָנשרייבן.

די מדינה איז די געזינטסטע סביבה פאַר דעם נאָרמאַלן לעבן פון דער קול־טור, פון דעם פאָלקס שעפערישן קיום. אָן דעם איז דאָס פאָלק נישט קיין פאָלק און די מדינה איז נישט קיין יידישע. יאָ, אונדזער קולטור איז אַ גלותדיקע! זי־כער. דאָס הייסט, אַ פאָלק האָט זי געשאַפן פאַר זיך **הגם** תמיד אַ מינדער־הייט, **הגם** תמיד גערודפט און געפּלאָגט, **הגם** תמיד אַרומגערינגלט

מיט שטאַרקע שונאים, ה ג ם תמיד צו שאַנד און צו שפּאָט. טיילט נישט די יידישע געשיכטע אויף גלות־תקופות און היים־תקופות, — טיילט זי אָבער אויף שעפערישע און פאַרגליווערטע, אומשעפערישע תקופות... אונדזער קולטור איז געשאַפן אין גלות, אָבער זי איז נישט קיין גלותדיקע, זי האָט גובר געווען דעם גלות, זי און נאָר זי האָט געראַטעוועט די נשמה פון פאָלק פון גלות הגם זיין גוף איז געווען א י ן גלות. און דרך־ארץ פאַר דער פאַרזיכיקער שעפעריש־קייט א פ י ל ו אין גלות!... „גיי און זע — זאָגט די גמרא — ווו די יידן זענען פאַרטריבן געוואָרן איז די שכינה געגאַנגען מיט זיי". און זייענדיק אַליין אין גלות האָבן דאָך די יידן געראַטעוועט די שכינתא זייערע, איז זי נישט גע־ווען בגלותא, — און זי — די שבת־יום־טובדיקע שכינה האָט געראַטעוועט דאָס פאָלק, טיילן פון פאָלק פון די השפעות פון גלות. און אַלע גרופּעס און שבטים, וואָס האָבן זייער שכינה פאַרטריבן, זענען אַליין צעריבן געוואָרן אין די שלעכטע און גוטע גלותן...

און דאָס איז די תורה פון קיום האומה און פון קיום המדינה.

און דער אַלגעמיינער אויספיר פון גאָר דעם געזאָגטן איז:

א) דער גלות איז נישט איבער אונדז נאָר אין אונדז. קיינער איז נישט אַזוי שולדיק אין אונדזער גלות, און אין זיין לאַנגן דויער ווי מיר אַליין. מפּני חטאינו.

ב) דאָס וואָס מיר האָבן אין משך פון לאַנגן גלות נישט געקענט זיך שאַפן קיין צווייט ארץ ישראל איז אַ סימן נישט פון געטרייקייט צו ארץ ישראל נומער איינס, ווי עס איז אַ סימן פון אומטרייקייט צו עם ישראל, צו זיין וואָכעדיקן לעבן.

ג) די זעלביקע אומטרייקייט שטעלט אין סכנה דעם קיום פון מדינת ישראל. איר קיום איז בלויז אַ פונקציע פון פאָלק ישראל און דאָס פאָלק איז זי־כער בלויז מיט דער יידישער קולטור.

ד) אין לאַנגן גלות האָבן די יידן זייער שטרענג אָפּגעטיילט, מבדיל געווען בין קודש לחול, האָבן זיי דעם קודש געהיט און אָפּגעהיט מיט לייב און לעבן, אָבער נישט דעם חול, נישט דאָס וואָכעדיקע לעבן, נישט געזאָרגט פאַר דעם און נישט געשאַפן קיין רויק ווינקעלע פאַר דעם.

ה) די גאולה פון גלות איז בכן נישט אַזוי אַ פּאָליטישע ווי אַ גייסטיקע. משיח דאַרף קומען צו די יידן, צו יעדער יידן. די מדינה איז בלויז אַן אתחלתא דגאולה, משיח בן יוסף. משיח בן דוד דאַרף נאָך ערשט קומען. משיח בן יוסף איז דער ובא לציון גואל. דער משיח בן דוד וועט זיין ובא לישראל גואל.

ו) פאַראַן איצט גואלים וואָס ווילן אומבייטן די יוצרות: שאַפן אַ יידישע וואָכעדיקייט און פאַרוואַרפן דאָס קודשדיקע שבאומה. דאָס זענען פאַלשע משיחים.

ז) אָן דער גאולת עם ישראל פון דעם קולטור־גלות, וואָס אין יעדערן פון אונדז איז אויך די גאולת ארץ ישראל נישט קיין זיכערע. די אמתע גאולה שלמה וועט קומען ווען

ח) יידן וועלן אויסגעלייזט ווערן פון זייער עגאָפאָביע, פון דעם ביטול צו זיך און צו אַלץ וואָס איז יידישלעך אייגנס. דעמאָלט וועלן יידן קענען און זיי וועלן אויפבויען נישט בלויז ירושלימס דגולה פאַר דער תורה, נאָר אויך ארץ ישראלס פאַר זיך, פאַר די פשוטע יידן און זייער פשוטער יידישקייט. און דעמאָלט וואָלט מקוים געוואָרן דער „עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות״ מיט ארץ ישראל ווי אַ מרכז הרוח. דעמאָלט וועט זיין די גאולה שלמה.
גאָט! ווי איז מען זוכה צו דעם!!!

ערב שבת הגדול תשי״ד

דער גלות וואָס בויט די גאולה

און עס וועט זיין,
אַזוי ווי איר זייט געווען אַ קללה צווישן די פעלקער
איר הויז פון יהודה און הויז פון ישראל,
אַזוי וועל איך אייך העלפן,
און איר וועט ווערן אַ ברכה;
איר זאָלט נישט מורא האָבן;
זאָלן געשטאַרקט ווערן אייערע הענט.

(זכריה, ח׳, י״ג)

א.

קודם־כל וואָס איז גלות?

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל מיט אַ רוסישער שיף פון אָדעס צוגעפאָרן צו אַן אומעטיק, הייס ווינקל ערגעץ אין ים און אַ קליינע אַראַבישע מאָלטער האָט אונדז צוגעפירט צו אַ זאַמדיקן ברעג, ווו עס זענען געווען אַריינגעקלאַפּט אין דער ערד עטלעכע ברעטער — דאָס איז דעמאָלט געווען דער „פּאָרט" פון חיפה — און אַ טערקישער פּאָליציאַנט האָט מיר אַריינגערוקט אין האַנט עפּעס אַ צעטל, אַז איך מעג פאַרבלייבן אין לאַנד אַזוי פיל און אַזוי פיל געציילטע טעג, — בין איך געווען זיכער, אַז אָט דער הייסער זאַמד אונטער מיינע פיס איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע זאַמדן אויף דער ערד, ער האָט די קדושה פון א ר ץ י ש ר א ל. עפּעס אַ ייִד האָט ביי מיר אַרויסגעכאַפּט מיין רוקזאַק און האָט מיך געפירט צופוס אין אַזאַ מין שטוב, וואָס ער האָט גערופן „האָטעל"... בין איך נאָך אים נאָכגעגאַנגען און זיך באַמיט צו דערשפּירן מיט מיינע חושים אָט די קדושה וואָס איך טרעט אויף דעם... אָט דאָס געפיל פון פשוטער הייליקייט, וואָס איז אין דעם געאָגראַפישן ווינקל, האָט מיך נישט פאַרלאָזט אויך ווייטער; ווען איך בין געפאָרן אין אַ שמוציקן אַראַבישן וואַגאָן מיט אַ קליין באַנדל פון חיפה ביז עפולה. אַז עמיצער האָט מיר מיט אַ פינגער אָנגעוויזן דורכן פענצטער דעם הר תבור, האָבן זיך מיר געשטעלט טרערן אין די אויגן: הערט נאָר, הערט! אָט דאָ איז דאָך געזעסן די נביאה דבורה און האָט געמשפּט די ייִדן!... איך האָב דעם געפיל געהאַט, ווען איך בין געפאָרן מיט פערד פון מרחביה (דעמאָלט אַן אַלט אַראַביש הויז) ביז יבניאל (דעמאָלט יעממאַ) ערגעץ איבער פעלדער טרו־קענע, פאַרוואַקסענע מיט דערנער, לענגאויס אַ טיפן גראָבן (וואַדי פידזשאַן) און

אַראַבער האָבן אונדז געיאָגט און געוואָלט צונעמען די פערד... אָבער דאָס איז דאָך דאָס הייליקע ארץ ישראל, — האָב איך זיך באַמיט איינצוריידן... און אַז מען האָט מיך געפירט אַ קראַנקן מיט גאָר אַ סך היץ אויף אַ פערד־דיליזשאַנס פון פתח־תקווה אין שפּיטאָל אַריין קיין יפו, ווייל קיין תל־אביב איז נאָך גאָר כמעט נישט געווען, — האָב איך ווידער מיט אַלע כוחות זיך געסטאַרעט צו סוגעסטירן זיך אָט די ריין־מאַטעריאַליסטישע הייליקע אַנדערשקייט פון דער ערד: אַז דאָס איז עפּעס אַ באַזונדערער זכות מיינער צו קרענקען אויף אָט דער ערד, צו ליגן אין אַן אַלטן אַראַבישן בנין וואָס מען האָט גערופן שפּיטאָל און דער ים הינטערן פענצטערל רוישט אָן אויפהער און לאָזט נישט שלאָפן... רוישט ער דאָך אָבער גאָר אַנדערש ווי אַלע ימען אין דער וועלט: ארץ ישראל, נישט גלות.

ווען איך בין אַ פּאָר חדשים שפּעטער געפאָרן באַקוועם, אין אַ ווייכן וואַגאָן פון דעם קוריער־באַן, פון אָדעס ביז ווילנע, האָב איך געהאַט אַ געפיל, אַז איצט פאָר איך אין גלות אַריין... טאַקע א ה יי ם, אָבער אין גלות.

מיר איז נישט איין מאָל אויסגעקומען צו זען ווי יידן וואָס גייען אַראָפּ פון שיף אויף דעם אַלטן אַראַבישן פּאָרט אין יפו, ווו אַ ייד האָט מורא געהאַט צו קומען אין אָוונט, פלעגן זיך לאָזן טאַנצן פון פרייד און מאַכן שהחיינו, וואָס זיי האָבן זוכה געווען צו קומען אין אָט דעם פּאָרט, איז ער דאָך עפּעס הייליק, נישט גלות...

צי האָבן נישט דאָס זעלביקע געפיל געהאַט אַלע יידן וואָס זענען געקומען פון דער גאָרער וועלט שטאַרבן אין ארץ ישראל און פאַרשפּאָרן גילגול מחילות? און אַלע יידן וואָס מען פלעגט זיי באַשיטן אין קבר מיט אַביסל ארץ ישראל־ערד, האָבן דאָך אויך געהאַט די איבערצייגונג פון דער באַזונדערער אַנדערשקייט פון דער פּשוטער ערד, פון איר הייליקייט וואָס איז ווי עפּעס אַ כעמישע צוגאָב אַריינגעמישט אין די זאַמדן און שטיינער פון דעם לאַנד.

און צי איז נישט געווען דאָס זעלביקע געפיל ביי אַ ר' יהודה הלוי ווען ער האָט זיך פון זיין באַקוועמער היים אין שפּאַניע געלאָזט אין סכנותדיקן וועג קיין ארץ ישראל, ווו ער איז אומגעקומען?

— וואָס איז בכן גלות? דאָס איז די גאַנצע וועלט אַחוץ אָט דעם קליינעם ווינקל וואָס טראָגט דעם נאָמען ארץ ישראל. אומאָפּהענגיק פון עקאָנאָמישע, רעליגיעזע, סאָציאַלע און אַלע אַנדערע באַדינגונגען.

***

...אין דער קאָלאָניע יבניאל האָב איך דעמאָלט געטראָפן אַ גרופּע יונגע בחורים באַפּוצט מיט געווער און מיט באַנדאַזשן אויף די ווונדן וואָס זיי האָבן באַקומען פון אַראַבער. זיי האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן „השומר" און געטאַנצט

אין די גאַסן. הינטער זיי איז נאָכגעלאָפן אַ געלער הונט, וואָס זיי האָבן גערופן „ניקאָלאַי ווטאָראַי״ (אַזוי טאַקע אויף רוסיש — ניקאָלאַי דער צווייטער). ווען איך האָב זיך צו שטאַרק פאַרקוקט אויף זיי, האָט מיר איינער אַ שוואַרצער, פאַר־ברווינטער בחור, מיט אַן אַראַבישן „עגיל״ אויפן פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ, אַ זאָג געטאָן:

— וואָס מיינסטו, דאָ איז דיר ניקאָלאַיקעס גלות?...

פאַר די בחורים האָט שוין דאָס וואָרט „גלות״ געהאַט אַ נייערן באַטייט. עס איז דאָך געווען נאָך דער ערשטער נישט־געראָטענער רעוואָלוציע. גלות איז ני־קאָלאַיקע. דאָס וואָס אין דער פאַרוואָרפענער ווילדער טערקישער פּראָווינץ איז בכלל נישטאָ קיין פעסטער שטייגער, וואָס זאָל צאַמען, נישטאָ קיין סימן פון ציוויליזאַציע, — איז גאָר אַ מעלה: אַ נייע אויפלאַגע פון דעם חסידישן לידל:

פון כאַסלאַוויטש קיין לובאַוויטש

אוי, וואָס דאַרף איך אייך...

...איך האָב דעמאָלט פאַרבראַכט אַ וואָך צייט אין דער אַלטער קאָלאָניע ראש־פּינה, ווי אַ גאַסט־באַזוכער אין דער שול פון דעם באַקאַנטן לערער־פּיאָנער ווילקאָמיץ ע״ה. מיר פלעגן ביי אַ גלעזל טיי פירן לאַנגע דיסקוסיעס, איבערהויפּט נאָך דעם ווי ער האָט זיך דערוווּסט אַז אין גלות, אין דער שול פון זיין פריִער־דיקער חברטע איינהאָרן־זאַלקינד, לערן איך צווישן אַנדערש אויך ייִדיש! נישט בלויז העברעיִש, רוסיש, נאַטור וכדומה, נאָר — אוי ווי! — אויך ייִדיש! ער האָט זיך אויפגערעגט:

— אויב אַזוי, טאָ נאָך וואָס זענט איר געקומען אַהער?... אָט האָט ער פאַר־לאָזט אַ באַקוועמע היים און גוטע אַרבעט אין ווילנע: אים איז מיאוס געוואָרן דער זשאַרגאָן, ער האָט פיינט געקראָגן די גלותדיקע ייִדן מיט זייערע גלותדיקע פּרנסות, מיט זייער גלותדיקן לערנען און דאַווענען... ער איז גליקלעך וואָס ער קען דאָס אַלץ, דעם גאַנצן גלות, פאַרגעסן... עס טוט אים נאָר ווי, וואָס אין קאָלאָניע זענען נאָך דאָ אַלטע ייִדן וואָס ער מוז מיט זיי ריידן זשאַרגאָן...

אָט איז אַ דריטער באַגריף פון וואָס גלות.

די אַלע דריי באַגריפן פון דעם וואָרט גלות האָבן געהאַט אַ גוואַלדיק גרויסע השפעה אויף דער פּסיכיק פון ייִדן און זיי האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם גאַנצן גאַנג פון אונדזער געשיכטע און אין דעם אויפבוי פון מדינת ישראל. איז נאָך ווינציק, קומט צו גיין די גמרא און זאָגט: „אין בין העולם הזה לימות המשיח אלא שיעבוד גלויות בלבד״ (סנהדרין צ״א). איך זעץ עס איבער: גלות איז דאָרטן ווו ייִדן דאַרפן זיך צופּאַסן צו שטייגער און אָרדענונג וואָס זענען געשאַפן דורך אַנדערע. גלות איז נישטאָ דאָרטן, ווו ייִדן לעבן אַ גאַנץ לעבן לויט סדרים און מינהגים וואָס זיי אַליין שטעלן איין פאַר זיך. דאָרטן ווו ייִדן שטעלן

איין פאַר זיך מיט דעם אייגענעם ווילן פרעמדע איבערגענומענע זיטן און פּי־רונגען, דאָרטן איז עס פּריווילעגיר גלות; די ייִדן, הייסט עס, פאַרטרייבן זיך אַליין אין גלות אַריין.

*
**

און צום סוף קומט דער בראשיתדיקער באַגריף: אַרויסטרייבן פון דעם אייגענעם היימלאַנד, אַזוי איז דער באַגריף אין תנ״ך. דאָס ייִדישע פאָלק האָט אָבער אין דעם אייגענעם לאַנד געלעבט קוים איין טויזנט יאָר און אין גלותן — גאַנצע דריי טויזנט, איז עס נאַטירלעך, אַז דאָס וואָרט האָט באַקומען פאַרשיידענע באַגריפן און מיר וועלן יעדער מאָל דאַרפן האָבן אין זינען וואָס מיינען מיר מיט אָט דעם אומגליקלעכן וואָרט גלות.

איז עס טאַקע גלות אַלעמאָל אַ סינאָנים פון צרות, פון פּיין, פון שלעכטס, פון אומגליק? איז עס טאַקע ריכטיק אַלעמאָל דער אויסדרוק „פּינצטערער, ביטערער גלות״? לאָמיר זען.

ב.

וואָס איז דער ציל פון קיום פון לעבן? — דער נאַטירלעכער, ביאָלאָגישער ציל פון לעבן איז לעבן, אויפהאַלטן פון מין. דער זינען און ציל פון לעבן פון אַ פאָלק איז אויך נישט קיין אַנדערער: קיום האומה איז דער ציל פון לעבן פאַר יעדער פאָלק און אויך פאַר דעם ייִדישן. פיזישער קיום פון דעם ביאָלאָגיש־עטנאָגראַפישן טיפּ, פון דער ראַסע אַליין איז נאָך ווייט נישט גענוג.

אין די לענדער פון לאַטיין־אַמעריקע איז אין דעם הערשנדיקן פאָלק זייער טיף און ברייט אַריינגעדרונגען דער ייִדישער טיפּ, דער ייִדישער אָפּשטאַם פון אַ גרויסן טייל פון דער אַריסטאָקראַטיע איז בלי שום ספק, און אָט דער פיזישער קיום פון דער ראַסע איז ווייט נישט דער קיום פון פאָלק. און פאַרקערט, האָט דאָך ר׳ מאיר — אַ זייל פון קיום פון ייִדישן פאָלק — געשטאַמט פון גרים, און ווייט נישט ער אַליין! דוד המלך אַליין, דער חי וקיים, איז דאָך אויך געווען אַן אייניקל פון אַ נישט־ייִדישער באָבען.

דער קיום פון אַ פאָלק איז בכן נישט קיין פיזישער נאָר אַ שעפערישער, וואַקסנדיקער המשך פון אַ קולטור. רבי עקיבא איז געווען אַ המשך פון משהן, הגם משה האָט נישט געקענט פאַרשטיין ר׳ עקיבאס תורה, ווי די אגדה דערציילט עס. און אַזוי אַרום איז דער קולטור־המשך דער איינציקער זינען און דער וויכטיקסטער ציל אין לעבן פון אַ פאָלק און אויך פון דעם ייִדישן פאָלק.

פון אָט דעם שטאַנדפּונקט אַרויס קענען מיר אָפּשאַצן די נוצן און שאָדנס פון גלות, די קללות און די ברכות זיינע.

אַז דער גלות קען זיין אַ ברכה פאַרן קיום־האומה האָט דער ערשטער קלאָר געמאַכט ירמיהו הנביא. ער, דער באַוויינער און דער מקונן פון חורבן, דער קלאָ־

גער אויפן גלות, האָט נאָך פאַרן חורבן געטענהט צו פאָלק, אַז דער גלות איז קיום און דער טייל פון פאָלק, וואָס איז געבליבן אין דער היים, איז חורבן און אונ־טערגאַנג. בכן איז ער, ירמיהו, דער באַליבטסטער נביא פון דער יידישער אגדה, אויך אַ „גלותיסט", ער איז דער היפוך פון די „שוללי הגלות", וואָס זענען געווען אין זיינע צייטן און נישט איינער פון אונדזערע גרויסע פאָליטיקער וואָלט אים אויך היינט געראָפן בוגד... אָבער די יידישע טראַדיציע, און די גאַנצע געשיכטע פון יידישן פאָלק האָט געפּסקנט, אַז ער איז געווען גערעכט: אויב מיר לעבן נאָך ווי אַ פאָלק, אויב דאָס יידישע פאָלק ציט זיין המשך נאָך ווייטער און ווייטער, איז אָט די אייביקייט אונדזערע געבוירן געוואָרן נישט אויף די ברעגן פון ציון און אַ פשיטא נישט אויף די בערג פון שומרון, נאָר דווקא אויף די טייכן פון בבל... אַוועק אין גלות קיין בבל זענען מענטשן, גרופּעס, שבטים, ברעקלעך פון שבטים, וואָס האָבן געהאַט גאָרנישט קיין בולטן אייגענעם פּרצוף, גאָר אַ שוואַ־כע אייגענע קולטורעלע פאַרזיכיקייט. געקומען איז פון גלות אַ פעסט צעמענ־טירטער קערן פון אַן אייביק פאָלק מיט אַן אייגענעם אייגנאַרטיקן קולטור־פּרצוף. עס איז אַפילו פאַראַן אַ מדרש וועגן דעם. אַזאַ פּרוכטיקע שטיקל צייט, ווי עס איז געווען דער קורצער גלות־בבל, איז נישט צו געפינען מער אין דער יידישער געשיכטע. די עטלעכע הונדערט יאָר פון מלכות שומרון זענען געווען איין כסדרדיקער בהדרגהדיקער חורבן און אונטערגאַנג, וואָס סנחרב האָט בלויז פיקסירט. און דער חורבן פון פאָלק וואָס איז פאָרגעקומען אין אייגענעם לאַנד איז געווען אַזוי פולשטענדיק, אַז קיין שום גלות האָט עס שוין נישט געקענט ראַטעווען. און גאַנץ מעגלעך, אַז עס איז געווען אַ גוטער נס, וואָס דער גלות־בבל האָט נישט פאַרשפעטיקט צו קומען... וואָרעם עס קען זיין גאַנץ מעגלעך, אַז ווען דער האַלב היגערפלעט־צושטאַנד פון מלכות יהודה וואָלט זיך געצויגן לענגער, וואָלט די צעפאַלונג אויף „עדרים־עדרים", ווי דער מדרש רופט עס אָן, געווען אַזוי פולשטענדיק, אַז אויך דער גלות־בבל וואָלט נישט באַוויזן צונויפ־צעמענטירן איין עדר.

דער גלות־בבל האָט זיך אַזוי גיך נישט געענדיקט מיטן שיבת־ציון פון עזרא און נחמיה. דער גאַנצער ישוב איז אין ארץ ישראל געווען באַלד דריי הונדערט יאָר אונטער דעם גלות־פּראָטעקטאָראַט פון פּרס, וואָס האָט געירשנט בבל. נאָך דעם ערשט, אין דער תקופה פון די חשמונאים, איז געקומען די „גאולה שלמה", די גאַנצע פאַרזיכיקייט פון דער מדינה.

איז אדרבה, לאָמיר פאַרגלייכן וואָסער תקופה איז געווען פּרוכטיקער און וואָסערע פון די צוויי תקופות האָט מערער געהאָלפן דעם קיום פון פאָלק. איט־לעכער וואָס איז כאָטש עטוואָס באַקאַנט מיט דער יידישער געשיכטע וועט מוזן, ווילנדיק צי נישט ווילנדיק, מודה זיין, אַז אָט די האַלב־גלותדיקע תקופה, ווי

מען רופט זי, די אומגעשיכטלעכע תקופה פון דער ייִדישער געשיכטע, די תקופה פון גלות־פּרס, זי האָט זיך אָנגעהויבן מיט עטלעכע צענדליק טויזנט ניי־געקומענע און אַ הייפל האַלב און גאַנץ אַסימילירטע אַלטגעזעסענע, וואָס סיי די און סיי יענע זענען געווען אָרעם און הונגעריק. און געענדיקט האָט זיך אָט די ווונדער־לעכע, פּרוכטיקע „גלות־תקופה" מיט אַ פֿאָלק וואָס איז פיזיש און גייסטיק גע־נוג שטאַרק זיך צו פֿאַרמעסטן מיט דעם העלעניזירטן מזרח. די תקופה קען כאַראַקטעריזירט ווערן ווי די גרעסטע עליה, אַ תקופה וואָס האָט פֿאַרזיכערט דעם אייביקן קיום פון ייִדישן פֿאָלק. נאָך דער תקופה איז געקומען די זעלבסטשטענ־דיקע מדינה מיט אייגענע מלכים, מיליטער, און בראש זענען געשטאַנען די חשמונאים. זיי האָבן אויסגעקעמפט די פולע פרייהייט, אומאָפּהענגיקייט און גאַנצקייט פון לאַנד און אַפילו איינגענומען נייע געביטן, אַסימילירט איז זיך שכנים. איז דאַכט זיך גוט, איז אָבער די־אַ תקופה געווען די ירידה, די פֿאַמעלעכ־דיקע אָפּדאַרונג וואָס קען פירן נאָר צום חורבן. די פֿאָליטיק, די קעגנזייטיקע קריגערייען פֿאַר דעם טראָן, פֿאַר דער מלוכה, פֿאַר דער מאַכט — זיי האָבן דערפירט ביז צום חורבן. נישט איך זאָג דאָס, — דאָס האָט די גמרא, וואָס איז געשאַפן געוואָרן כמעט אין יענע צייטן, בפירוש געזאָגט. רוים האָט בלויז איינ־געשלונגען דאָס וואָס עס איז געווען האַלב געשטאָרבן שוין פון פריִער. און עס קען זיין, אַז ווען נישט די מלוכהשע פֿאַרזיכיקייט וואָלט דער חורבן נישט געקומען.

***

צוויי וועגן, צוויי ריכטונגען האָט דעמאָלט געהאַט די ייִדישע אַקטיוויקייט: פֿאָליטיק און מדינהשאַפט פון איין זייט און קולטור־שעפערישקייט פון דער צווייטער זייט. יוחנן בן זכאי, פון איין זייט און יוחנן פון גוש חלב, פון דער צווייטער זייט, סימבאָליזירן אָט די צוויי ריכטונגען. אויב דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט אויסגעהאַלטן צוויי טויזנט יאָר שווערן גלות אדום (אייראָפּעיִשן), איז עס אַדאַנק יוחנן בן זכאיס וועג. צוויי שטעט און צוויי וועגן: מסדה און יבנה. גבורה, העלדישקייט איז געווען אין דער ערשטער. אייביקייט פֿאַר דעם ייִדישן פֿאָלק האָט געשמידט די צווייטע. צווייערליי גבורות: גבורה צו שטאַרבן — אין מסדה; גבורה צו לעבן — אין יבנה. יבנה איז בפירוש — גלות; מסדה — פֿאָליטישע פֿאַרזיכיקייט. העלדישער טויט אָדער אייביקייט? עקיבא דער שעפער פון אויפֿ־שטאַנד און רבי עקיבא — דער שעפער פון משנה? איך גלייב בלב ונפש, אַז העלדישקייט צו לעבן שעפעריש אין גלות איז מער גבורה און מער קדושה ווי העלדישקייט צו שטאַרבן, ווייל מען וויל נישט גיין אין גלות. גלות איז געווען דאָס לעבן, מסדה איז געווען — טויט. ובחרת בחיים שטייט. און אַזוי איז דאָס ייִדישע פֿאָלק געגאַנגען אין אַ לעבעדיקן גלות איידער אין אַ טויטער היים.

און ווידער האָט אַ שיין געטאָן גאָטס אייביקע ליכט דווקא אין אַ גלות־לאַנד, אין בבל (עד ששקעה שמשה של ארץ ישראל זרחה שמשה של בבל, זאָגט די גמרא). און ווען מיר זאָלן פאַרגלייכן לענדער און תקופות וועדליק זייער בייטראָג צו אונדזער אייביקייט, וועגט בבל אַריבער: תלמוד בבלי און ירושלמי, נהרדעה און ירושלים... ווער האָט מער ירושה געלאָזן פאַר די יידישע דורות?

די יידן אין ארץ ישראל פלעגן זיך האַלטן גרויס און אָפּלאַכן פון די יידן אין בבל, הגם דער תלמוד ירושלמי איז דאָך ווי אַ מלופּס־קינד לגבי דעם תלמוד בבלי, דאָך פלעגן זיי אָפּט איבערחזרן „הני טפשאי״ (די טפשים פון בבל (פסחים ל״ד:, יומא נ״ז., זבחים ס׳:, מנחות נ״ב: און נאָך). אַנדערע ביטול־ווערטלעך וועגן דעם בבלי פעלן אויך נישט (זע סנהדרין כ״ד.). דאָס איז אַלץ געווען אַ פּוסטע גאווה פון די ארץ ישראלדיקע יידן, וואָס האָבן זיך גאַנץ נאַרישעוואַטע געגרויסט מיט דעם „אוירא דארץ ישראל מחכים״... האָט טאַקע ר׳ זירא אַ זאָג געטאָן צו ר׳ ספרא „תא חזי מה בין תקיפי דארעא דישראל לחסידי בבל״ (תענית כ״ג:, מגילה כ״ח:), דאָ „תקיפים״ און דאָרטן פּשוטע חסידים. אָדער אַזאַ מין מימרא „כל העולה מבבל לארץ ישראל עובר בעשה״ (ברכות כ״ד:), „כל הארצות עיסה לארץ ישראל וארץ ישראל עיסה לבבל״ (קדושין ע״א.), אָדער „תלמידי חכמים שבבבל דומים למלאכי השרת״ (קדושין ע״ב.). מען קען געפינען נאָך און נאָך פון דעם מין. וויכטיק איז אָבער אַ מאמר אַז אַלעמאָל ווערט די תורה פאַרגעסן אין ארץ ישראל און מען ברענגט זי ווידער און ווידער פון בבל (סוכה כ׳.) אָדער, אַז די בתי־מדרשים און בתי־כנסיות פון בבל וועלן פאַרפּעסטיקט ווערן אין ארץ ישראל.

עס איז גוט פון דעם אַמאָל צו לערנען אויף אונדזער היינט...

אַפילו די אייביקע און טיפסטע געטרייקייט פון יידן צו ארץ ישראל, אַפילו זי איז אַ פּראָדוקט פון גלות! די צוגעבונדנקייט פון יידן צו ארץ ישראל איז אַלע מאָל געווען דער סימן מובהק פון יידישקייט: וואָס מער ייד — אַלץ מער בענקען נאָך ארץ ישראל, און פאַרקערט, אַ דירעקטע פּראָפּאָרץ, — און דער גלות האָט זיי ביידן געבוירן און געהאָדעוועט.

אין ארץ ישראל האָב איך אַמאָל געהערט אַ וויץ פון אַ יידן וואָס פאַרנעמט איצט אַ מיניסטער־שטעלע: „עס שטייט „אוירא דארץ ישראל מחכים״ — פון דאַנען איז געדרונגען, אַז יידן אין חוץ־לארץ זענען נאַראָנים. און ווייל זיי זענען אַזוינע, קומען זיי קיין ארץ ישראל. דאָרטן ווערן זיי קלוג, — אַנטלויפן זיי צוריק״...

דאָס איז דער גלות וואָס האָט אונדז געגעבן אונדזער באַזונדערן, אייגנאַרטיקן כאַראַקטער און גייסט. אלה ברכב ואלה בסוסים, ואנחנו — בשם אלהינו. אָט דער קורצער זאַץ דעפינירט קלאָר אונדזער אייגנאַרטיקייט. אַלע פעלקער

האָבן געשטרעבט צו זייער קיום־האומה דורך פיזישן און מיליטערישן כוח. דורך אַלע צייטן און אויך היינט נישט אַנדערש. בלויז מיר אַליין, איין פאָלק, האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון די „רכב און סוסים" מיטלען, און מיר האָבן גענומען זוכן מיטלען גייסטיקע: אויפהיטן דעם קיום־האומה אָן מיליטער און אָן פויסטן. אַוודאי זענען מיר געווען געצוווּנגען דערצו, מיר האָבן אַנדערש נישט געקענט. וואָלטן מיר געקענט, וואָלטן מיר נישט געווען בעסער פון אַנדערע. האָט דוד המלך, ווען ער האָט געקענט, געשטרעבט צו אַ גרויסער אימפּעריע; האָבן דאָס געפּרוּווט טאָן אין זייער צייט אויך די חשמונאים. באשר מיר זענען אַלעמאָל געווען שוואַך. אונדז איז נישט געראָטן צו באַווייזן דער וועלט אַ געפּאַנצערטן פויסט. דערפאַר אָבער איז אונדז געראָטן צו באַווייזן דער וועלט אַן אַנדער כוח, אַ כוח לא מעלמא הדין, נישט פון דער וועלט, אַ כוח של מעלה, און דאָס איז דער אויפטו פון גלות. איך ווייס נישט, צי עס איז גוט אָדער שלעכט, צי עס לוינט צו זיין אַן אויסנאַם אין דער ריכטונג. איך בין זיכער, אַז מיר האָבן פאַר אונדזער אייגנאַר־טיקייט זייער טייער באַצאָלט מיט בלוט און פייער. ס'איז אָבער זיכער אויך, אַז אונדזער קיום איז געווען פעסטער פון אַלע אַנדערע קיומס. נביאים און מלכים, גרויסמאַכט און „לתקן עולם במלכות שדי" — האָבן מיר אויסגעקליבן דאָס צווייטע. און אַזוי גייען מיר שבת־יום־טובדיקע צו אַ וועלט פון כולו יושר, נישט מיט שווערדן און האַרמאַטן, נאָר מיט דער „שבתא אריכתא" וואָס מ'ווילן נישט מאַכן קיין וואָכעדיקע הבדלה. אַזוי גייען מיר... ביז וואַנען, ביז עס פרעסט זיך אין אונדז אַריין דער וואָרעם פון „נהיה ככל הגויים". פאַלן מיר אַראָפּ פון אונדזער אייגענער הייך, פון באַרג סיני צום אָלימפּ, און... אָך און וויי צו אונדז דעמאָלט. ווייל ערשט דעמאָלט קומט צו אונדז דער גלות. וואָס מער ייִדיש, אַלץ ווייניקער גלות. און גאַנצע ייִדן פילן נישט קיין גלות. האָבן אמתע ייִדן געוויזן נישט קיין נס מן השמים, נאָר אַ נס פון מענטשן. זיי האָבן גובר געווען דעם גלות זייענדיק אין גלות. האָבן ייִדן געקענט אין מיטן העלן פרייטיק זיך אויסטאָן פון אַלע וואָכעדיקע ענינים, און מאַכן שבת אין מיטן אַ וואָכעדיקער וועלט; האָבן ייִדן געקענט אין מ'יטן אַ וועלט פון מלחמות און רציחות, און זנות און כל דאלים גבר, אין סאַמע מיטן פאַרקויפן בראַנפן צו די טרינקערס און לערנען דעם חובות הלבבות גאָר; האָבן ייִדן געקענט לעבן צווישן די שטאַרקע פון דער וועלט און דאַנקען גאָט וואָס „ער האָט געמאַכט אונדזער חלק נישט ווי זייערן און אונדזער גורל ווי זייער גאַנצער טומל". האָבן ייִדן באַוויזן דעם גרויסן וווּנדער צו זיין אין גלות און דאָך נישט אין גלות, אַ־בערן גלות, העכער פון גלות. איז די היים, דער בית־מדרש, דער שטייגער לעבן, דער שבת און דער יום־טוב, דער אַנטאָן און די מאכלים — אַלץ לגמרי נישט פון גלות. האָבן ייִדן געהאַט אין סאַמע גלות אַן אייגענע היים, אַן אומאָפּהענגי־

קע, לגמרי נישט קיין גלותדיקע. אָט דאָס איז געווען דער גרויסער וווּנדער פון ייִדישן לעבן, אויף אָט דעם דאַרף מען מאַכן די ברכה שעשה נסים לאבותינו. ווייל אויב עס זענען דאָ נסים, איז דאָס דער גרעסטער נס.

און שעפעריש זענען ייִדן געווען אין גלות. און זאָלן קומען אַלע קענער און ווייסער און זאָלן זאָגן: ווער האָט מער געהאָלפן דעם קיום־האומה: ירושלים דארץ ישראל אָדער גאָר ירושלים דליטא? צי האָט ירושלים פאַר אירע דריי טויזנט יאָר אויסגעהאָדעוועט אַזאַ גאון, אַ חיי אדם און ווייטער און ווייטער?

איז די תורה געגעבן געוואָרן צו ייִדן דאָס ערשטע מאָל אין גלות, אין אַ מדבר. איז די תורה אַריינגעבראַכט געוואָרן אין ייִדישן לעבן אין בבל, אין גלות, איז זי פון דאָרטן געבראַכט געוואָרן קיין מדינת ישראל; זענען די ווייטערדיקע ייִדישע תורות ווידער געבוירן, געשאַפן געוואָרן אין גלותן, — און מיט זיי האָט דאָס פאָלק געלעבט און לעבט ווייטער. און אַלעמאָל איז ארץ ישראל געווען דאָס אָרט וווּהין דאָס פאָלק ב ר ע נ ג ט זיינע תורות. און נישט אַלעמאָל, ווייט נישט אַלעמאָל, ווייל דאָס פאָלק וואָס אין לאַנד די געבראַכטע תורות אויפ־נעמען און אָפּהיטן זיי.

זיכער איז דאָס לאַנד ארץ ישראל הייליק! און דאָס האָבן די פעלקער פון דער וועלט פון אונדז איבערגענומען דעם באַוווּסטזיין פון זיין הייליקייט, און עס איז פיקסירט געוואָרן אין אַלע שפּראַכן. „דאָס הייליקע לאַנד" רופט מען דאָס.

אָבער אונדזער באַגריף וועגן הייליקייט איז דאָך אַנדערש.

ביי זיי אַלעמען איז הייליקייט עפּעס אַ מין געצנדינערישע זאַך וואָס האָט נישט קיין שייכות צו לעבעדיקע מענטשן. הייליקייט איז ביי זיי בלויז פון גאָט, זי איז פאַרבונדן און פאַרקניפּט מיט דער מאַטעריע פון דער זאַך, אומאָפּהענגיק פון מענטשן לגמרי. ווי עס וואָלט געווען, אַז ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער פאַר דעם אָרט, אָדער פאַר דעם מענטשן, צוגעגעבן נאָך עפּעס אַ שטאָף — הייליקייט — און עס אַריינגעטאָן אין זיין שאַפונג... דאָס איז די פרימיטיווע האַלטונג וואָס איך האָב באַשריבן אין אָנהייב פון דער אַרבעט.

דער אמתער ייִדישער צוגאַנג איז דאָך אָבער אַנדערש: הייליקייט אָדער דאָס פאַרקערטע איז אַ פּראָדוקט פון מענטשנס לעבן און פירונג. אַזוי האָבן אונדז געלערנט די נביאים: „ותבאו ותטמאו את ארצי". איר האָט מיט אייער פירונג גאָר מיין לאַנד טמא געמאַכט. איז אין שילה געווען גאָטס הויז, קנעלט ירמיהו מיט די ייִדן, און גאָט האָט עס חרוב געמאַכט, ווייל די ייִדן האָבן דאָרט געזינדיקט. און אַזוי כסדר. ייִדן זענען הייליק כל־זמן זיי פירן זיך הייליק „וקדשנו במצוותיו". אָן דעם זענען זיי נישט קיין הייליקייט. ארץ ישראל איז הייליק ווי דאָס וויגעלע ווו עס האָדעוועט זיך אַלדאָס הייליקע אין ייִדישן לעבן

און אין ייִדישער מחשבה. האָט דאָס פאָלק אין לאַנגן גלות מיט זיין בענקען, מיט זיין אייביקן טראַכטן, מיט זיין דאַוועגען און חלומען הייליק געמאַכט דאָס לאַנד. הלוואַי זאָל די קדושה נישט פאַרשוועכט ווערן! און אויב דאָס לאַנד שטייט אויף תחית־המתים פון זיין לאַנגן חורבן; אויב דאָרט ווו שלאַנגען און עקדישן, ווו דערנער און ווילדקרויט האָבן אַן אייביקייט געלעבט, וואַקסן איצט בלי־ענדיקע גרינע פעלדער און גערטנער און פרדסים; אויב דאָרטן ווו בלויז קעמלען האָבן געקענט דורכגיין די וויסטע טריקענישן און פאַרשאָלטענע מדבריות, לויפן גע־פלאַסטערטע וועגן און עס הייבן זיך צום הימל ווייסע הייזעלעך פון כסדר נייע ישובים; אויב דאָס געיאָמער פון שאַקאַלן און היענעס ווערט פאַרביטן אויף פריש מוּנטערדיקן געלעכטער פון ייִנגלעך און מיידלעך, — איז אָט דער נס ווידער־אַמאָל געשען בלויז אַדאַנק די אייביקע הייליקע געפילן און חלומות פון דעם פאָלק ישראל וואָס אין גלות! די רעליגיעז־עמאָציאָנעלע קדושה־געפילן פון אַ פאָלק ווערן פאַר אונדזערע אויגן טראַנספאָרמירט, איבערגעשמידט אין וועלט־לעכע הייליקייטן פון שאַפן און בויען.

דער גלות בויט די גאולה.

אַן דעם גלות של מעלה, אַן דער גייסטיקער גבורה צו שמידן אין די פינצ־טערסטע גלותן אַ הייליק גאולה־לעבן און גאולה־טרוימען וואָלט קיין איין דור־באָם ערד נישט צעאַקערט געוואָרן, וואָלט קיין איין איינציק ביימל נישט פאַר־פלאַנצט געוואָרן און אויס! און הלוואַי זאָל אָט די וועלטלעכע הייליקייט, וואָס ווערט געשאַפן אין מדינת ישראל, נישט איבעררייסן די צינורות פון דער גייס־טיקער קדושה פון גלות! אָן איר וועט קיין גאולה, ווי שטאַרק זי זאָל נישט זיין, קיין קיום נישט האָבן, אני מאמין באמונה שלמה!

ג.

איז דער מחבר פון די ווערטער אַ גלותיסט?

— זיכער יאָ און אויך געוויס נישט. צוזאַמען מיט דורות ייִדן דאַנק איך און איך לויב דעם גאָט פון ייִדישע הערצער און פון ייִדישער אייביקייט, דעם הנותן ליעף כוח — וואָס ער האָט אונדז געגעבן כוח און גלויבן פון דעם גלות של מעלה גובר צו זיין אַלע גלותן של מטה, דעם כוח וואָס קיינער אַחוץ אונדז קען אים נישט פאַרשטיין. אָבער במה דברים אמורים? ווען עס איז פאַראַן אַ „גלות של מעלה“. אָן דעם איז יעדער גלות גלייך חורבן און נישט מער.

פאַראַן ביי ייִדן אַ באַגריף פון „גלות השכינה“, מער באַקאַנט אויף אַראַ־מיש „שכינתא בגלותא“. אָט דער גלות איז דער שרעקלעכסטער. פון אים איז בישטאָ קיין שום גאולה, זיין סוף איז אַלעמאָל מיתה, מיתת נשיקה פון ייִדן. וואָס אַזוינס מיינט דאָס גלות השכינה, איז שווער צו דעפינירן פאַר עמעצן

וואָס איז נישט באַהאַוונט. לאָמיר עס דערקלערן עטוואָס ברייטער: כל־זמן אַ ייִד קען פּראַווען זיין ייִדישקייט אין מיטן פון אַ גויישער וועלט, כל־זמן ער קען זיצן ביי זיך אין געשעפט, ווו עס קומען אַריין גויים, און מעיין זיין אין אַ ייִדישן ספר; כל־זמן ער פּראַוועט זיין שבת און זיין יום־טוב ווערליק זיין לוח; כל־זמן ער רעדט מיט זיינע קינדער זיין לשון און רופט זיי מיט זיינע נעמען, — כל־זמן דאָס איז אַזוי, איז די שכינה פון ייִדישן פאָלק נישט אין גלות, מעג אַפילו דאָס לעבן זיין שווער און ביטער.

אָבער ווען ייִדן רוען בעת ביי גויים איז יום־טוב; ווען מיט די אייגענע קינדער רעדט מען דווקא אַ פרעמדע שפּראַך; ווען מען שעמט זיך פאַר דער דינסט צו ריידן אַ ייִדיש וואָרט; ווען מען זוכט אויס פאַר די קינדער נעמען וואָס זאָלן זיין וואָס ווייטער פון ייִדיש; ווען ניגונים זוכט מען אויס דווקא פון נישט־ייִדי־שע קוואַלן, — דעמאָלט איז די שכינה אין גלות. און פאַר דעם גלות דאַרף מען זיך היטן, ווייל כל באיה לא ישובון, — קיין גאולה איז פון דעם גלות נישטאָ און... די שכינה קען זיין אין גלות אַפילו אין ארץ ישראל אויך... איבערהויפּט אָבער איז זי דאָרטן ווו ייִדן ווילן דרשענען, אַז זיי זענען נישט אין גלות. האָט נישט קיין מורא פאַר קיין פרעמדע המנס — זיי איז נאָך קיינמאָל נישט געלונ־גען חרוב צו מאַכן דאָס ייִדישע פאָלק, — האָט מורא פאַר דעם חורבן וואָס וואַקסט אינעווייניק אין פאָלק אין די „גוטע״ גלותן, אין די גלותן ווו מען וויל זיך איינריידן, אַז זיי זענען לגמרי נישט קיין גלות.

געווען אַזוינע גלותן אַ סך, און זיי אַלע האָבן זיך געענדיקט מיט פולן חורבן פון ייִדישן ישוב, ס׳הייסט, קיין ישוב איז נישט געווען אייביק. ריכטי־קער: דאָס ייִדישע פאָלק האָט אַריבערגעלעבט אַלע זיינע ישובים. עס איז אָבער אַ גרויסער אונטערשייד צווישן חורבן און חורבן. פאַראַן אַ חורבן מיט יורשים. אַ ישוב ווערט חרוב אין איין לאַנד, אָבער ער האָט געלאָזן נייע ישובים אין אַנ־דערע לענדער וואָס ער האָט בשעתו פאַרפלאַנצט. די נייע ישובים זענען ווי קינ־דער וואָס זענען געבליבן ווען די עלטערן זענען שוין נישטאָ מער. און פאַראַן חורבן אָן יורשים. ישובים וואָס גייען אונטער אָן קינדער. אַזאַ ישוב איז אויך געווען די סאַמע מלכות ישראל פאַרצייטנס. חרוב געוואָרן און אונטערגעגאַנגען, נישט געבליבן קיין שריד ופליט פון די עשרת השבטים, סיידן אין לעגענדעס וואָס אַנדערע ייִדישע שבטים, לעבעדיקע, נישט אונטערגייענדיקע, האָבן געשאַפן. דאָס לאַנד, די אייגענע מלוכה האָט נישט געהאָלפן. די ייִדן זענען אין מלכות ישראל געווען אין דער היים, נישט אין גלות, אָבער די שכינה איז דאָרטן נישט געווען מיט זיי. אָן דער שכינה האָט זיך דער פאָליטיש־פאַרזיכיקער ישוב גע־האַלטן קוים עטלעכע הונדערט יאָר און איז אונטערגעגאַנגען אָן יורשים. מיט דער שכינה אָבער האָט אַ ייִדישער ישוב אין גלות־בבל אויסגעהאַלטן אַ סך לענ־

גער און געלאָזן אַ ירושה מיט יורשים אויף אייביקע צייטן. מיט דער שכינה האָט אַ יידישער ישוב אין גלות־פּוילן זיך געהאַלטן טאָפּלט לענגער פון יענער יידישער מלוכה, און איז געווען שעפעריש! ער האָט אויפגעבויט תלי־תלים פון יידישקייט און געלאָזן יורשים, הלוואי אויף אַנדערע יידישע ישובים נישט ערגער אין אַ בעסערער מערכה. מען האָט דעם ישוב אומגעבראַכט אין בלוט און פייער, — איז אָבער יצאה נשמתו באחד... אין סאַמע שוידערלעכסטן גיהנום פון אומקום האָט דער ישוב נישט אויפגעהערט צו שאַפן: ישיבות און שולן, בתי־מדרשים און טעאַטערס, תפילות און לידער, קינות און געזאַנגען, סליחות און ספּאָרטן. און דערפאַר האָט דער ישוב אויך געהאַט נישט איין יבנה וחכמיה, נישט איין מסדה וגיבוריה. ניין, העכער פון מסדה: דאָרטן איז געווען איבוד עצמו לדעת, דאָ זענען געווען קאַמפן על קידוש השם. און דערפאַר יורשים אויף דער גאַרער וועלט — ישובים יידישע אין אַלע וועלט־טיילן, וואָס הלוואי זאָלן זיי נישט פאַרשעמען דעם מוטער־ישוב, און דערפאַר איז אויך די מדינת ישראל אַ כשרע טאָכטער פון אַט דעם ישוב פון רוסלאַנד־פּוילן.

און אַלץ דערפאַר ווייל אַט דער ישוב האָט געהאַט זיין שכינה ביז דעם לעצטן אָטעם זיינעם, און יעדער ישוב וואָס נסתלקה שכינתו, די שכינה גייט פון אים אַוועק, — הערט אויף זיין יידישע שעפערישקייט, הערט אויף זיין גייסטיקע אייגנטימלעכקייט, און עס ווערט — אַ גוף אָן אַ נשמה.

און דער סימן איז: אַ ישוב וואָס האַלט זיך אין איין באַמיִען און אָנשטרענגען צו שאַפן כסדר און אָנצוהאַלטן אין דער שאַפונג די יידישע אַנדערשקייט — דאָרטן רוט די שכינה און ס'איז דאָ אַ צוקונפט אַפילו אין חורבן. אָבער דאָרטן ווי יידן באַמיִען זיך און שאַפן כסדר, כדי אָפּצושוואַכן און אָפּצושאַפן די נאַציאָנאַלע אַנדערשקייט, די גערירשנטע אייגנטימלעכקייט, ווו דער ישוב האָט נישט קיין שכינה, דאָרטן איז גלות השכינה, אַפילו ווען דער חומר, דאָס מאַטעריעלע לעבן פון יידן איז גאָרנישט ווי אין גלות...

אַ סימן פאַר הסתלקות השכינה איז אויך די שפּראַך פון ישוב:

אומעטום ווו יידן ריידן מיט די קינדער אַ שפּראַך, וואָס איז אַנדערש פון דער שפּראַך פונעם הערשנדיקן פאָלק, דאָרטן איז דאָ די שכינה. דאָרטן אָבער ווו יידן ריידן מיט זייערע קינדער די שפּראַך פון דעם הערשנדיקן פאָלק, דאָרטן אַנטלויפט די שכינה. אַלע יידישע ישובים וואָס האָבן אָנגענומען די פרעמדע הערשנדיקע שפּראַך און זי אַריינגעפירט אין זייערע היימען, דאָרטן איז דער ישוב אונטערגעגאַנגען אָן יורשים. צי עס איז אמת, אַז „ווען מען לשון יידן ריידן, צו יענעם פאָלק געהערן זיי", צי עס איז נישט אמת, אָבער צו זיין יידן הערט מען אויף. אַ יידישער ישוב אָן זיין אייגענער נאַציאָנאַלער שפּראַך קען נישט האָבן קיין קיום. מען האָט זיך ביי אונדז געפּילפּולט מער ווי אַ האַלבן יאָר־

הונדערט וועגן דעם וואָס מיינט נאַציאָנאַלע שפּראַך און וואָסערע איז ראוי צו דעם טיטל, און דער ענטפער איז גאָר פשוט: יעדע שפּראַך וואָס שיידט אָפּ ייִדן פון אַלע אַנדערע פעלקער, יעדע שפּראַך וואָס ייִדן ריידן, כדי זיך אָפּצו־זונדערן פון אַנדערע פעלקער, איז אַ נאַציאָנאַל־ייִדישע שפּראַך. יענע שפּראַך איז הייליק בקדושת עם (קיין אַנדער הייליקייט אָנערקענען מיר נישט אויב מיר ווילן נישט זיין קיין געצנדינער). און אויף אָט דער שפּראַך רוט די שכינה פון עם ישראל. און פאַרקערט, יעדע שפּראַך וואָס ייִדן ריידן, כדי זיך צו דערנענ־טערן צו אַן אַנדער פאָלק, אָדער די שפּראַך וואָס ייִדן נעמען אַריין אין זייערע היימען מיט דער כוונה צו זיין אַנדערש און זיך אָפּצושיידן פון אַלע ייִדן, — אָט אַזאַ שפּראַך איז דאָס פאַרקערטע פון אַ נאַציאָנאַלער ייִדישער שפּראַך. דאָס איז נישט קיין מיינונג פון אַ יחיד, דאָס איז דער פסק פון דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע. אונדזער אַלט ווערטער־פּאָרל „אומה ולשון" איז דער טייטש דערפון: כל־זמן דאָס לשון איז ספּעציפיש, איז דאָס פאָלק אַ פאָלק, און ווען נישט, איז אויס אויך מיט דער אומה.

און ווי שפּראַך, אַזוי אויך נעמען וואָס ייִדן גיבן זיך. און דאָס האָט נאָך גוט געוווּסט די גמרא, וואָס האָט אונטערגעשטראָכן, אַז צוליב דריי זאַכן זענען ייִדן אויסגעלייזט געוואָרן פון גלות: ווייל זיי האָבן נישט געביטן זייער לשון, נישט געביטן זייערע נעמען און נישט אָנגענומען קיין פרעמדע מינהגים.

ד.

איז אַמעריקע גלות?

פון דעם אויבן געזאָגטן איז קלאָר דער ענטפער: אַמעריקע איז דער שווערס־טער און דער מסוכנסטער גלות, גלות השכינה, וואָס האָט נישט קיין יורשים. עס איז אַ גלות ווו ייִדן אַליין נעמען בידים און טרייבן אַרויס די שכינת האומה פון זייערע היימען און פון זייער סביבה; אַ גלות ווו ייִדן נעמען און גיבן אַוועק זייערע קינדער, זייערע נייע דורות, צו אַנדערע פעלקער. „בניך ובנותיך נתונים לעם אחר"... „דיינע זין און טעכטער ווערן אַוועקגעגעבן צו אַנדערע פעלקער, דיינע אויגן זעען דאָס און... גאָרנישט", דאָס איז די ערגסטע קללה פון דער שווערסטער תוכחה וואָס איז אויסגעגאָסן אויף גלות־אַמעריקע. און וואָלטן מיר איצט פאַרמאָגט אַ נייעם ירמיהו, וואָלט ער באַצייטנס באַוויינט די טרויעריקע צוקונפט, וואָס „חינם נמכרתם, אין כסף"... עס ווילט זיך גאָרנישט אַריינגיין אין פרטים, דאָס איז אַ גלות ווו די עלטערן אַליין ש מ ד ן אָפּ זייערע קינ־דער, אָן אַ גלח און אַ קלויסטער, אָבער עס איז אַלצאיינס: פון ייִדן און פון ייִדישקייט וויסן זיי נישט מער. פרעגט איר צי עס איז גלות? — עס איז אַ גלות וואָס שמידט נישט קיין גאולה, ווייל „אין בשר המת מרגיש באיזמל",

שלעכט איז ווען דער קראַנקער שפירט שוין נישט דאָס מעסער פון דעם וואָס שניידט. אַ גלות וואָס מען שפירט שוין אים נישט, וואָס טוט נישט וויי, ווו מען זעט שוין נישט און מען וויל נישט זען דעם טרויעריקן מאָרגן — אָט דאָס איז גלות השכינה. אַליין, מיט די אייגענע הענט טרייבן ייִדן אין די אַמעריקעס אַרויס די שכינה זייער פון זייער היים...

ווו איז די שכינה פון אַ פאָלק? ווו און אין וואָס אַנטפּלעקט זיך צו אַ פאָלק זיין גאָט? אין דעם שאַפן, אין דעם שטייגער. דאָרט ווו עס איז אַ ייִדישער שטייגער, דאָרט ווו עס איז דאָ ייִדישע שעפערישקייט, דאָרטן רוט די שכינה. אָבער אַז אַ פאָלק שיידט זיך אָפּ פון אַלץ וואָס עס האָט געשאַפן, פון זיין גאַנצער קולטור, דעמאָלט ווערט די שכינה פון דעם פאָלק פאַרחלשט אין די אַלטע שאַפעס, אין די ליידיקע ארון־קודשן, און דאָס פאָלק ווערט פאַרחלשט, פאַרדאַרט און דעגענערירט ווי אַ גוף אָן אַ נשמה. דאָס איז גלות־אַמעריקע, און — הלוואַי זאָל איך בלייבן אַ ליגנער...

ה.

קען מדינת ישראל ראַטעווען? קען די מדינה פאַרהיטן פון גלות השכינה?

זיכער יאָ! געוויס יאָ! און ווידעראַמאָל יאָ! אָבער במה דברים אמורים? — ווען דאָס פאָלק אין ציון וועט וועלן גערן אויפנעמען די פאַרוואָגלטע, פאַר־גלותדיקע שכינה פון פאָלק און שאַפן פאַר איר, פאַר דער שכינת־האומה, אַ מקלט־בטוח, אַ זיכערע היים... ווען עס וועט אַנגענומען ווערן די פאָרמול פון אחד העם, נאָר מיט איין קליינעם קאָרעקטיוו: נישט „מרכז רוחני", נאָר בפירוש „מרכז הרוח", אַ היים פאַר דעם ייִדישן גייסט און פאַר אַלץ וואָס אָט דער גייסט האָט געשאַפן אָריגינעל, נישט קאָפּירנדיק, נישט מאַלפּעווענדיק, נייערט פאַרזיכיק, מיט דער גאַנצער אייגנטימלעכקייט. ווען דאָס פאָלק אין ציון וועט אייפעריק זאַמלען אַלע פּערל פון ייִדישן שאַפן, אַלע גלאַנצן פון דער ייִדישער זון, אַלע שמייכלען און קרעכצן פון די פאַרחלשטע ייִדישע נשמות און ווען עס וועט פון דעם מאַטעריאַל בויען זיין אייגענעם נייעם גייסט. דאָס וועט זיין ווען דאָס פאָלק אין ציון וועט פון די ציגל פון די חרובע גלותן (ווו די שכינה איז געווען נישט אין גלות) נעמען און בויען דעם נייעם היכל הרוח היהודי...

אָן דעם, נישט אויף דעם וועג, קען אויך מדינת ישראל חלילה בלייבן אָן דער שכינת־האומה און... בעסער פון מיין מויל נישט אַרויסברענגען... האָט נאָך מיט יאָרן צוריק געשריבן דער באַקאַנטער העברעיִשער שרייבער אליעזר שטיינמאַן, אַז אַ ייִד קען וווינען אין ארץ ישראל, ריידן העברעיִש, שיקן זיינע קינדער אין אַ העברעיִשער שול, און דאָך זיין אַסימילירט ביז גאָר...

איין קליינער קאָרעקטיוו: נישט אַסימילירט נייערט אויס־

ג ע י ד י ש ט, אַ גאַר גרויסער אונטערשייד. אַסימילירן זיך קענען ייִדן אָפט נישט אַפילו אין לענדער ווו זיי זענען אַ קליינע מינדערהייט, — אין מדינת ישראל על אחת כמה וכמה נישט. אָבער אויסייִדישן זיך קענען ייִדן אַפילו ביי זיך אין דער היים ווו עס איז נישטאָ קיין גוי אויף אַ רפואה. און אַזאַ מדינת ישראל איז נישט קיין גאולת הרוח, אַן גאולת השכינה איז נישט קיין שמירה, נישט קיין פאַרזיכערונג פון קיום האומה.

פאָליטיש־מיליטערישע פאַרזיכקייט?... נישטאָ איצט קיין פאַרזיכיקע מדי־נות; גרויסע און מעכטיקע מדינות קענען איצט נישט האַלטן זיך אַליין. אַלע גרע־סערע מדינות, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען אַלע אומגעקומען נאָך דער צווייטער. פוילן מיט איר האַלבן מיליאָן קוואַד־ראַט־קילאָמעטער שטח, מיט איר דרייסיק מיליאָניקער באַפעלקערונג האָט צוואַנ־ציק יאָר באַרבעוועט אירע ייִדן און אויך די אייגענע פוילישע באַפעלקערונג און געבויט איר זיכערקייט מיליטעריש, פאָליטיש, — און זי האָט נישט געקענט האַלטן זיך אַפילו איין וואָך. נישטאָ און עס קען נישט זיין איצט קיין עקאָנאָ־מישע פאַרזיכיקע פאָליטישע איינסן, איזאָלירטע פון אַנדערע מדינות: נישטאָ און מען קען נישט גלייבן, אַז אין אַ שרעקלעכן יום־הדין, וואָס קען קומען אויף דער וועלט, וועט אַ מדינהלע קענען אויסהאַלטן... אַז אַמעריקע האָט זיך געמוזט אָפזאָגן פון איר איזאָלאַציע־טראַדיציע, איז שוין מה נאמר ומה נדבר...

ו.

פון אייביק אָן זענען ביי ייִדן געווען צוויי ריכטונגען: שאול דער מיליטער־מאַן און שמואל דער נביא; דוד דער גרויסער קעמפער און נתן הנביא וואָס לאָזט אים נישט פירן זיך מעשה העלד... אחאב — דער גרויסער נאַוואַטאָר און בויער און אליהו דער קולטור־קאָנסערוואַטיסט; נחמיה דער פאָליטיקער און עזרא דער ליטעראַטור־פאַרשפרייטער; יוחנן פון גוש חלב און יוחנן בן זכאי... אונדזער קיום, אונדזער אייביקייט גייט די גאַנצע געשיכטע לויט דעם וועג פון גייסט און נישט לויטן וועג פון פאָליטיש־מיליטערישער ריכטונג. און אַזוי וועלן מיר שוין זיכער אויך ווייטער גיין אין דער אייביקייט אַריין. לא בחיל כי אם ברוח. און אָט דאָ וואַקסט אויס פאַר אונדז די גרויסע אויפגאַבע פון מדינת ישראל פאַר דער צוקונפט פון ייִדישן פאָלק בין כל האומות.

אונדזער געשיכטע איז אַזוי לאַנג, אַז מיר קענען געפינען אין איר אַלערליי דוגמות פון די נעכטנס פאַר די מאָרגנס; אויב דער גלות־פוילן קען פאַרגליכן ווערן צו דעם שפּעטערישן גלות־בבל, — קען גלות־אַמעריקע פאַרגליכן ווערן צו גלות־אַלעקסאַנדריע של מצרים — און יענער איז אויסגעגאַנגען אָן יורשים און אָן ירושה... און אַזוי אַלע גלותן וואָס האָבן איבערגענומען דאָס לשון פון הערשנ־

דיקן פאָלק... בין איך נישט קיין מאמין אין דעם קיום פון דעם גלות. קיין בעסערע גלותן ווי ייִדן היטן אָפּ זייער לשון, ווו זיי גייען נישט אַריבער צו דעם לשון פון דעם הערשער־פאָלק זע איך נישט... די פּערספּעקטיוו איז ווייט נישט קיין ליכטיקע, ווי מען זעט. און מדינת ישראל האַלט זיך איצט אָנגעשפּאַרט אויף גלות־אַמעריקע, און ווייט נישט בלויז עקאָנאָמיש; און גלות־אַמעריקע האַלט זיך ווידער בלויז אויף דער ענערגיע און אויף דער אינערץ וואָס איז געבראַכט געוואָרן פון מזרח־אייראָפּע. אַלץ גייט צוריק צו דעם איצטיקן גלות־בבל.

און ווער וועט איבערנעמען און ווער וועט ווייטער טראָגן זיין אַראָפּגעפאַלענע קרוין? ווער וועט פאַרנעמען זיין אָרט אין דער שעפערישער קייט פון דעם חרוב געוואָרענעם גלות־פוילן?

נישטאָ קיין אַנדערער אַחוץ דעם ישוב פון ארץ ישראל וואָס האָט זוכה געווען צו ווערן אַ מדינת ישראל און וואָס האָט נישט איבער זיך קיין קולטור־הע־געמאָן מיט וועמען מען זאָל זיך וועלן אַסימילירן און וואָס עס זאָל פירן צו אויס־ייִדישונג...

די שכינה פון ייִדישן פאָלק, זיין שעפערישקייט איז געבליבן פאַרוואָגלט נאָך דעם חורבן־פוילן און אין לה מנוחה בגויים. די נייע ישובים אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, וואָס לעבן נאָך און בויען אַ ייִדיש לעבן מיט דעם אימפעט פון דאָרטן, זיי אַליין פאַרטרייבן די שכינה פון זיך, פון זייערע היימען, פון זייער סביבה. צוזאַמען מיט דעם ייִדישן לשון טרייבן זיי אַרויס אויך די שכינה... אָט אַזוי איז עס: אַז ייִדן זענען אין גלות ביי גויים, איז די שכינה נישט אין גלות ביי ייִדן. שוואַכן אָבער גויים אָפּ דעם גלות פון ייִדן, טרייבן די ייִדן אַליין אַריין זייער שכינה אין גלות אַריין. איז דאָס דער גורל פון דער מדינת ישראל און איר אויפגאַבע, דאָס דאַרף זי און דאָס מוז זי ווערן, זי מוז זיין די „עפנטלעך זיכערע היים" פאַר דער שעפערישער ייִדישקייט, פאַר שכינת־האומה. ירושלים פון ארץ ישראל וועט נישט ווערט זיין צו ווערן ירושלים פון דעם עם ישראל, כל־זמן זי וועט נישט אַריינגעמען אין זיך די אַלע ירושלימס פון גלות, די ירושלים דליטא און אַנדערע וואָס מיר האָבן געהאַט אַזוי פיל. בלויז מיט דעם כוח פון שעפערישן גלות איז מדינת ישראל געבויט געוואָרן און בלויז מיט דעם גייסט און מיט דעם אינהאַלט פון די ייִדישע שעפערישע גלותן וועט די מדינה זיין באמת ישראל... ירושלים וועט געבויט ווערן פון די בתי־מדרשים און בתי־כנסיות פון בבל, אַזוי זאָגט די גמרא — און עס איז ריכטיק אויך איצט.

ווען וועט קומען משיח?

אַן אייביקייט ליגן מיר אין גלות, ללעג ולקלס, אַן אייביקייט פאַרגיסן אַלע אונדזער בלוט, — און אַן אייביקייט בענקען מיר נאָך דער גאולה, בענקען מיר אויסגעלייזט צו ווערן פון פרעמדע הענט, פון פרעמדער רציחה. עס איז געוואָרן אַ גאַנצער גלויבן ביי אונדז. אַלע טאָג דריי מאָל אין טאָג בעטן ייִדן די גאולה — און זי איז נישטאָ. משיח ליגט אַ געבונדענער און וואַרט, און ער וואַרט אומזיסט!

צוויי טויזנט יאָר שוין. פעלקער זענען אונטערגעגאַנגען, פעלקער זענען אויפגעקומען, מלוכות זיך אויסגעבויט, — און מיר זענען נאָך אַלץ אין גלות. וווהין מיר קומען גייט אונדז נאָך דער גלות ווי אַ שאָטן, ווי אַן אומגליקלעכע קרענק, וואָס נישטאָ צו איר קיין דאָקטאָר. אַזוי מאַנאַטאָן איז זי, אונדזער לאַנגע געשיכטע, אַז זי האַלט זיך אין איין איבערחזרן: פון איין גלות אַרויס, אין אַ צווייטן אַריין; אַרומגעביסן, אַרומגעפּליקט, צעמזיקט, קוים מיטן לעבן פון איין גלות ראַטעוועט מען זיך אין אַ צווייטן, וואַקסט מען אָן מיט אַביסל פלייש, כדי ווידער געפּליקט און געריסן צו ווערן. און ווו איז דער סוף? ווו איז די גאולה?

...מען גייט אַהין ווו די ערד קושט זיך מיטן הימל, — אָט איז ער, גאָר־נישט ווייט, — אָבער וואָס ווייטער מען גייט — אַלץ ווייטער און ווייטער רוקט זיך אָפּ דער הימל... עס דוכט זיך: „אָט איז די גאולה" — און זי אַליי ווייטער און ווייטער. אַלע הימלען וואָס מיר זעען פאַר זיך זענען אילוזיעס, און אַלע גאולות וואָס אַ פאָלק האָט אין זיי געגלייבט זענען, אוי ווי, געווען פאַל־שע, אָפּנאַרערישע.

ווו זשע ליגט די סיבה פון דעם אייביקן גלות, וואָס אַ פאָלק קען זיך פון אים נישט באַפרייען.

דער עלטסטער תירוץ איז געווען „מפני חטאינו גלינו מעל אדמתנו". האָט מען אונדז דאָס געטייטשט אין אַלע חדרים פאַר קליין און פאַר גרויס: מיר האָבן געזינדיקט פאַר גאָט, דעם וואָס איז פוקד עוון אבות על שלישים ועל רביעים, און ער שטראָפט אונדז אַזוי מיט דער פולער האַנט און קען אַלץ זיין בייזן כעס נישט אָנזעטיקן. אַזאַ אל קנא ונוקם איז ער!

זענען שפּעטער געקומען די „באַפרייטע" ייִדן מיט די קנעכטישע נשמות, די משכילים, און האָבן מיט אונדז אַריינגעלערנט, אַז מיר זענען אין גלות, ווייל

מיר האָבן אַ מיסיע, אַ שליחות אַזאַ: מיר דאַרפֿן די וועלט לערנען צו זיין גוט און פֿיין. אַזוינע שלימזלדיקע מלמדים זענען מיר דאָס, אַז די תלמידים זויפֿן אונדזער בלוט מיט פֿולע מיילער און קענען זיך נישט אָנזעטיקן. דאָס שעפּעלע דאַרף דאָס לערנען די זיבעציק וועלף אַז מען דאַרף נישט זיין קיין... וועלף.

זענען געקומען ווידער אַנדערע — משיח איז אין דער סאָכע. נעמט זיך ייִדן צו דער סאָכע — און די גאַנצע וועלט וועט אייך ליב קריגן. מען צאַפּט אונדזער בלוט ווייל מיר זענען קרעמער און בעל מלאכות, — וועלן מיר אָבער ווערן פּויערים — וועט ווערן וגר זאב עם כבש...

זענען ווידער געקומען אַנדערע און זיי האָבן געלערנט: משיח איז נישט ביי די טויערן פֿון רוים, ער ליגט אין ארץ ישראל, און מיט דער באַפֿרייונג פֿון ארץ ישראל וועט קומען משיח פֿאַר דעם עם ישראל.

— אומעטום? אין אַלע ייִדישע ישובים?

— ניין, נישט אומעטום. אומעטום איז סיי־ווי־סיי אומקום און אונטערגאַנג, און נאָר דער, וואָס ראַטעוועט זיין נשמה קיין ארץ ישראל וועט זוכה זיין צו אייביקייט, צו געניסן פֿון דעם זיוו־השכינה, נאָר דאָרטן איז תחית המתים אויף דער וועלט. מאַכן מיר שותפֿות: איר גיט געלט און גייט אונטער, און מיר וועלן דאָ, אין קליינעם ווינקעלע, ווערן דער „גוי גדול״.

קומען ווידער נאָך אַנדערע און זיי לערנען, אַז עס איז לגמרי גאָר קיין גלות נישטאָ. עס איז גאָר אַ גליק צו לעבן אין פֿרעמדע הייזער, צו פֿרייען זיך מיט אַלעמענס פֿריידן און מיטמאַכן אַלעמענס טרויערן. באַשר די וועלט, פֿאַרשטייט איר, איז נאָך נישט דערוואַקסן צו דעם יום „שכולו טוב״. אָבער אָט, מירצעשעם, וועט קומען דער טאָג, ווען אַלע וועלן זיין גוט און פֿרום, איז וואָס וועט אונדז פֿעלן אויף דער וועלט?

— און ביז די וועלט וועט ווערן גוט און פֿרום?

— איז דאָך אַלעמען שלעכט, דאַרף מען זען די גאַנצע וועלט זאָל ווערן גוט, דאַרף מען העלפֿן...

הייסט עס, מען דאַרף וואַרטן אויף משיחן, וואָס וועט קומען נישט בלויז צו ייִדן, נאָר צו דער גאַנצער וועלט. דאַרף מען בעטן גאָט, דאַרף מען תהילים זאָגן פֿאַר אַן אַלגעמיינעם משיחן, וועלן מיר ב מ י ל א אויסגעלייזט ווערן. מיר אַליין — נישט מיר קענען, נישט מיר דאַרפֿן אַ משיח. מיט דער גאַנצער וועלט... אַז דער גאַנצער גוף וועט זיין געזונט, וועט דער קליינער נאָגל פֿון קליינעם פֿינגערל פֿון דעם לינקן פֿוס אויך שוין במילא זיין געזונט. זענען מיר אַ במילא־זאַך אויף דעם גוף פֿון דער גאַנצער וועלט.

ערגעצוווּ, אין אַ וויטער וועלט, הינטער אַלע ימים, זיצט דאָרטן אין אַ לאַנד אַ משיח, וואָס האָט זיין ממשלה אויסגעהיילט פֿון אַנטיסעמיטיזם, אמר־

— ויהי. ער האָט געהייסן: נישטאָ מער און עס איז נישטאָ, טאָ בעט, ייִדן, גאָט פאַר דעם משיח און אייך וועט שוין גוט זיין לעולם ועד.

— און אַליין וואָס?

— נישטאָ קיין אַליין! אַליין איז קליין, נישטיק, נישט און וויסט. זיצט און וואַרט. און אַזוי אָן אַ סוף תורות און טעאָריעס, דערקלערונגען און תירוצים.

— און דערווייל?

— לעב, כל־זמן עס לעבט זיך נאָך, כל־זמן מען לאָזט לעבן.

— און אַז עס ווערט שלעכט?

— איז שלעכט.

— און אַז מען פאַרברענט פאַר דער גאַנצער וועלט אין די אויגן אַ לעבע־דיקן דריטל פון פאָלק? און אַז דאָס פייער פון די קרעמאַטאָריעס איז נישט אויסגעלאָשן?

— איז ווידער שלעכט. און וואָס קען מען מאַכן? היינט האָב איך גאָר אַ באָל, און דו צעדרייסט מיר מיין צייט מיט די נאַרישע פראַגעס...

— איז ווו איז די גאולה?

— גיי און זוך זי.

לאָמיר טאַקע זוכן!

***

וואָס איז גלות?

— אָפּהענגיקייט פון צווייטן, שיעבוד, לעבן אַ לעבן ווי יענער וויל און ווי יענער שטעלט איין פאַר זיך. לעבן? ניין, נאָר מ י ט ל ע ב ן מיט יענעם, מ'יטמאַכן יענעמס לעבן, יענעמס זיטן, שטייגער און געוווינהייטן. זאָל דיין לעבן זיין איינגעשטעלט פון יענעם, פאַר יענעם און דו — ווי אַ פרעמדער, איינגע־בעטענער גר, שריי הורא ווען יענעם איז פריילעך און וויין מיט אים מיט ווען אים גלוסט זיך וויינען; מאַך מיט זיינע פּאַראַדן, ווען ער מאַכט זיי פאַר זיך און פריי זיך און זיי צופרידן, וואָס מען לאָזט דיר טאַנצן אויף יענעמס חתונה; יום־טוב מיט זיינע יום־טובים און פאַסט מיט זיינע תעניתים; פריי זיך מיט יעדן שמייכל זיינעם און ציטער פאַר זיין רוגזה; חנפה זיך צו אים און רייד אים איין, אַז דו ביסט אים געטרייער ווי זיך אַליין...

דאָס איז גלות. לגמרי נישט דווקא קלעפּ און פּאָגראָמען.

קומט אויס, אַז ייִדן אין די אַמעריקעס זענען אין גלות?

— זיכער, אין דעם ערגסטן גלות. אַ קראַנקייט וואָס מען שפּירט זי נישט איז פיל ערגער, פיל שרעקלעכער פון אַ קראַנקייט וואָס מאַכט אָן ווייטיקן. אַזאַ קראַנקייט פירט צו אַ זיכערן טויט איידער מען כאַפּט זיך, אַז מען איז קראַנק. אַמעריקאַנער ייִדן שפּירן נישט זייער גלות, אין בשר ה... מרגיש באיזמל —

זיי פילן נישט, און ווילן נישט פאַרשטיין זייער גרויזאַמען גלות, וואָס פאַראַ־ליזירט ביסלעכווייז זייער נשמה און, במילא, אַלע גלידער.

גלות — דאָס איז לעבן אַ פרעמד לעבן און אַ גאַנץ לעבן פילן און גדענקען, אַז מען איז אַ פרעמדער אין דער פרעמד און מען מוז אין יעדן טאָט זיך רעכענען מיטן באַלעבאָס. „כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם". און נאָך אַן ערגערער גלות איז דער „אהבתי את אדוני, לא אצא חפשי".

— ווען האָט זיך דער גלות אָנגעהויבן?

— נישט מיטן צווייטן חורבן און אַפילו נישט מיטן ערשטן. דער גלות האָט זיך אָנגעהויבן מיטן ערשטן ייִד. „ויתהלכו מגוי אל גוי וממלכה אל עם אחר" דאָס איז די גאַנצע ייִדישע געשיכטע. ייִדן זענען כמעט קיינמאָל נישט געגאַנגען אין לענדער זיך איינצואָרדענען אין זיי פאַר זיך. זיי זענען אַלעמאָל געגאַנגען צו פעלקער זיך אַריינצולעבן צווישן זיי — פּלישתים, מצרים, אומעטום, וירד מצרימה. דער קליינער איבעררייס פון פאַרזיכיקייט אין משך פון עטלעכע הונדערט יאָר איז געווען אַן עפּיזאָד און נישט קיין דאָמינירנדיקער פאַקט. און אַפילו ביי זיך אין דער היים האָט עס די ייִדן געצויגן צים פרעמדן, אין דער פרעמד אַריין. מלכות ישראל איז אַ ראיה. אין דער צייט פון צווייטן בית המקדש איז אין ארץ ישראל געווען אַ מינדערהייט ייִדן, די גרעסטע מערהייט איז שוין דעמאָלט געווען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער דיאַספּאָרע, אין גלות. און די בעסטע צייט אין דער ייִדישער געשיכטע, די פאַרזיכיקסטע, די שעפערישסטע, איז געווען נישט ווען ייִדן האָבן געהאַט אַ פּאָקטישע אָדער אַ כלומרשטע אייגענע מלוכה, נאָר דווקא ווען זיי זענען געווען אונטער פערסיע אין ארץ ישראל, אין בבל אונטער די פרתים.

און צוויי טויזנט יאָר ציט זיך דער בלוטיקער לאַנגער ייִדישער גלות. פעלקער זענען אונטערגעגאַנגען און פעלקער זענען אויפגעקומען. קליינע גרופּעס פון פעלקער האָבן זיך געלאָזט וואַנדערן, האָבן פאַרנומען לענדער און אויסגעבויט פאַרזיכיקע מדינות. ייִדן האָבן עס קיינמאָל נישט נישט געטאָן, אַלעמאָל מיטגעגאַנגען, מיטגעבויט, פּיתום און רעמססן אויפגעשטעלט — און אַלץ אין דער פרעמד, ווי פרעמדע פאַר פרעמדע. קיינמאָל נישט פאַר זיך און קיינמאָל נישט נישט פאַר זיך. אין אַלע דרום־אַמעריקאַנער לענדער זענען גרויסע גרופּעס פון די הערשנדיקע פעלקער פון ייִדישן אָפּשטאַם. נישט נאָר לענדער האָבן ייִדן געהאָלפן אויפשטעלן, נייערט אויך נייע פעלקער, — און אַלעמאָל ווי פרעמדע פאַר פרעמדע. געיאָגט און געטריבן פון איין פאָלק, איז מען געלאָפן צו אַ צווייטן און קיינמאָל האָט מען זיך נישט פאַרמאָסטן צו געפינען אַ ווינקעלע ערגעץ אין די נייע וועלטן צו זיין אַליין, פאַר זיך; קיינמאָל נישט פאַרנומען זיך אויפצושטעלן אַ היים זאָל זיין ווו עס איז, אָבער אַ היים,

נישט אין גלות, נישט ביי יענעם, נישט אונטער יענעמס חסד. און מען האָט געוווּסט, אַז „חסד לאומים חטאת", אַז „בידוע שעשו שונא ליעקב", און מען איז ווייטער געקראָכן צום זעלביקן עשון, ווי צום לייב אין מויל אַריין. און מען האָט זיך געפרייט מיט חיי שעה כל־זמן עשו האָט זיך געפּוילט אויפצוהייבן זיין פויסט, ביז וואַנען עשו האָט זיך געוואָלט און געלאָזט איינריידן, אַז ער האָט גאָר ליב זיין „ברודער" יעקבן.

און אַזוי ביז היינט, ביז ווער ווייסט ביז ווען.

***

און ווו איז די סיבה פון גלות?

— זי איז נישט אין דער פרעמד, נישט זיי זענען שולדיק אין אונדזער גלות, נאָר מיר אַליין. דער גלות ליגט אין אונדזער בלוט. ווי פלאַטערלעך פליען צום פייער וואָס פאַרברענט זיי. מיר זענען שולדיק אין דער צרה, אין דעם אומגליק פון גלות.

יאָ, טאַקע אַזוי: מפני חטאינו — צוליב אונדזערע אייגענע זינד זענען מיר אין אייביקן גלות.

אָבער די זינד זענען נישט קעגן אַ שטרענגן גאָט ערגעץ אין די הימלען. מיר זענען שטאַרק זינדיק קעגן זיך אַליין, קעגן אונדז, איין דור איז שולדיק פאַר אַ צווייטן, יעדעס זענען שולדיק פאַר אייניקלעך און זיי — פאַר זייערע. אַ פאָלק האָט זיך אַליין אין גלות אַריינגעשפּאַרט, זיך אַליין אויף גלות פאַרמשפּט.

און וואָס מער מען האָט געבענקט נאָך גאולה, אַלץ מער איז מען אין גלות געזונקען, אַלץ מער איז מען אַליין געקראָכן אין די גלותן, אַז מען האָט שוין גאָר פאַרגעסן, גאָר זיך נישט געקענט און נישט געוואָלט פאַרשטעלן, אַז מען קען זיין אָן גלות...

איז אונדזער זינד נישט קעגן גאָט, נאָר קעגן ישראל, קעגן דעם שר האומה אונדזערן, קעגן דער שכינה פון פאָלק וואָס מיר שלעפּן זי אין גלות און אין אַלע גלותן.

די סיבה פון גלות איז נישט אין סאָציאָלאָגיע, נישט אין עקאָנאָמיק און נישט אין פּאָליטיק, נאָר זי איז אין דער פּסיכאָלאָגיע פון אונדז ייִדן. מיר האָבן אַ מאָדנע נייגונג, אַ קראַנקייט אַזאַ: מיר „בויען פאַר זיך גלותן" און מיר אַליין האַלטן אין איין ווייגען און בעטן „ראַטעווע, גאָט, דיין פאָלק פון גלות". מיר פאַרגעסן גאָר, אַז אויב דאָס פאָלק האָט אַזאַ מין „טאַלאַנט" צו גלותן, איז דאָך אויך דער גאָט פון פאָלק אַ גלותדיקער. דען מחוץ די ראַמען פון אַ פאָלק זענען נישטאָ קיין געטער פאַר אים. איטלעך פאָלק און זיין גאָט, — און דאָס ייִדישע פאָלק מיט זיין גאָט. און אַז דאָס פאָלק איז אַ גלותדיקס קען זיין שכינה וויינען אין אַלע ווינקעלעך, אָבער אַרויסנעמען דאָס פאָלק פון גלות קען זי נישט. ווען

מיר וואָלטן אין אונדזער פּסיכיק נישט געטראָגן קיין „מיקראָבן פון גלותדי־קייט״, וואָלטן מיר אין גלות נישט געווען, וואָלט דער גלות איבער אונדז נישט געהאַט קיין שליטה.

גלות איז נישט קיין קעגנזאַץ צו ארץ ישראל. דער גלות ענדיקט זיך נישט ביים פּאָרט פון חיפה אָדער תלאביב! גלות הייבט נישט זיך אָן און לאָזט זיך נישט אויס מיט די לענדער מחוץ ארץ ישראל. זענען ייִדן אין ארץ ישראל לאַנגע יאָרהונדערטער געווען אין גלות, זענען ייִדן אין ארץ ישראל געווען גלותדיק, איידער דער גלות האָט זיך אָנגעהויבן. האָבן ייִדן אין ארץ ישראל געהאַט אין זיך מער גלותדיקייט פאַרן ערשטן חורבן, איידער עס האָבן עס פאַרמאָגט די ייִדן אין גלות־בבל. אַט פאַרוואָס דער נביא ירמיהו נעמט זיך אַזוי איבער מיט די בבלדיקע ייִדן און איז אַזוי אין כעס אויף די ירושלימער ייִדן. דווקא די לעצ־טע האָבן אין זיך פאַרמאָגט מער גלותדיקייט און האָבן גאָרנישט געהאַט פון דער גאולה, בעת די בבלער ייִדן האָבן אין זיך פאַרמאָגט אַזוי פיל גאולה־כוחות, אַז זיי האָבן אין זיך גובר געווען דעם גלות, זיי האָבן אין זיך אויסגעטראָגן און געבוירן די גאולה. די גאולה איז דאָך געקומען פון גלות, משיח איז דאָך אויס־געוואַקסן דווקא דאָרטן, אין בבל, אין גלות. צוויי טויזנט יאָר ווי ייִדן זענען עולה קיין ארץ ישראל, אַ סך מאָל, אַ סך עליות, און קיינמאָל האָבן ייִדן נישט באַוויזן אויפצובויען דאָרטן אַ לעבן, קיינמאָל האָבן ייִדן דאָרטן נישט געקענט אויפשטעלן קיין ישוב של קימא, אַזוי ווי אין אַנדערע גלות־לענדער. אין פאַר־שיידענע לענדער האָבן ייִדן אויפגעשטעלט און אויפגעבויט דויערנדיקע גרע־סערע ישובים, אָפט מיט אַן אייגענעם קולטורעלן פּרצוף, אָבער נישט אין ארץ ישראל. אומעטום זענען געשאַפן געוואָרן גלותדיקע „ירושלימס״ — צענטערן פון ייִדישקייט, פון שעפערישער ייִדישקייט. אין ארץ ישראל, וואָס האָט קיינ־מאָל נישט אויפגעהערט צו זיין הייליק פאַר ייִדן, איז אַזאַ שעפערישע „ירושלים״ נישט אויפגעקומען. אפשר דאַרף מען רעכענען אַ שטיקל צייט דעם צענטער פון די מקובלים אין צפת. איז עס דאָך אויך נישט אויפגעקומען דאָרטן, ווי למשל רבי יהודה הלוי קען נישט פאַררעכנט ווערן פאַר אַן ארץ ישראלדיקן, הגם ער איז געשטאָרבן דאָרטן, אָדער דער רמב״ם.

היוצא לנו — ארץ ישראל איז יאָ אַ פאַקוס פון דער גאולה, פון די גאולה־שטרעבונגען, אָבער קיינמאָל איז ארץ ישראל נישט געווען קיין פאַקטאָר פון גאולה ווי אַזאַ. נישט ארץ ישראל וועט ברענגען די גאולה פאַר דעם עם ישראל, נייערט פאַרקערט: עם ישראל, ווען עס וועט זיך אויסלייזן וועט ער אויך ברענ־גען אַ גאולה פאַר ארץ ישראל. די פּראָבלעם פון גאולה איז גאולת ישראל און נישט גאולת ארץ ישראל. מען טאָר דאָ בשום אופן נישט צעפּלאָנטערן די יוצרות.

איז די סיבה פון גלות אין אונדז, יידן גופא, אין אונדזער זינדיקן קעגן דעם גייסט פון פאָלק, קעגן דעם גאָט פון דעם פאָלק ווי אַזאַ. מיר זענען אַ גלותדיק פאָלק: בענקענדיק נאָך גאולה, לעבן מיר זיך אַריין אין גלות און שטעלן זיך גאָרנישט פאַר עפּעס אַנדערש, עפּעס בעסערס. קוקנדיק מיט די אויגן צום הימל זינקט מען מיט די פיס אין זומפּ אַלץ טיפער און טיפער.

מיר אַליין זענען שולדיק אין דעם אַנטיסעמיטיזם. אָבער נישט ווי זשיט־לאָווסקי האָט עס געוואָלט לערנען, מיט אונדזערע פּרנסות, מיט אונדזער עקאָ־נאָמיק. איך שרייב די ווערטער אין אַ לאַנד, וווּ די גרעסטע אויפטוער זענען אי־מיגראַנטן: פראַנצויזן, דייטשן, ענגלענדער, אַמעריקאַנער און יידן. יידן שטייען בפירוש אויף דעם לעצטן אָרט. איינער אָדער צוויי פראַנצויזן וואָלטן געקענט אָפּקויפן זייער גרינג אַלע יידישע גבירים, און קעגן קיינעם זענען נישטאָ קיין טענות, בלויז קעגן יידן. די עטלעכע יידישע גבירים שטעכן די אויגן. עס איז אומעטום נישט אַנדערש. נישט מיט אונדזער עקאָנאָמיק זענען מיר עפּעס עמיצן שולדיק, מיר זענען שולדיק קעגן זיך מיט אונדזער אייגענער נישט־אָרגאַניזירט־קייט, מיט אונדזער שוואַכקייט. די שאָף איז שולדיק וואָס זי לאָזט זיך אַזוי גרינג פליקן און בייסן. מיר זענען שולדיק קעגן זיך מיט אונדזער גלותדיקייט.

**
*

וואָס זענען די פּסיכאָלאָגישע עלעמענטן פון גלותדיקייט?

די גרעסטע זינד אונדזערע, דער חטא קדמון איז דאָס, וואָס מיר פאַרמאָגן אַזוי ווייניק רעספּעקט און אַכטונג צו זיך אַליין, צו דעם אייגענעם קאָלעקטיוון „איך”, צו די ספּעציפישע שטריכן פון אונדז ווי אַ פאָלק, ווי אַ קאָלעקטיוו; דאָס וואָס מיר האָבן אַ ביטול־באַציִונג צו אַלץ וואָס איז פאָלקיש־יידיש, וואָס איז נאַציאָנאַל־יידיש, צו אַלץ וואָס עס איז אַריינגעוואַקסן אין פאָלק און אַרויסגע־וואַקסן פון פאָלק.

און דער שטריך אין אונדז איז נישט געקומען פון גלות, ווי מיר זענען עס געוווינט אַלע אונדזערע חסרונות אַרויפצושרייבן אויפן חשבון פון אונדזער ביי־טערן גלות. זיין חוב צו אונדז איז גענוג גרויס אויך אָן דעם.

נאָך לאַנג פאַרן גלות, נאָך ווען יידן זענען געווען אין זייער לאַנד, נישט אין גלות, האָבן זיי כסדר געהאַלטן אין איין אָפּוואַרפן די יידישע קולטור און אין איין כסדרדיקן יאָגן זיך נאָך פרעמדע קולטורן, נאָך פרעמדע זיטן און שטריכן, מינהגים און פירונגען. האָט מלכות ישראל באַוויזן די קונץ אין איי־גענעם לאַנד זיך צו אַסימילירן אַזוי, אַז דעם גלות איז אויסגעקומען נאָר צו פאַרענדיקן דאָס, וואָס דער נישט־גלות האָט אָנגעהויבן — צו פולער פאַרלוירנ־קייט און אַסימילאַציע אַזוי, אַז קיין זכר זאָל נישט בלייבן. און אין יהודה איז עס געווען גאָרנישט אַזוי שטאַרק בעסער.

בכן — נישט דער גלות איז שולדיק אין אונדזערע דעפעקטן, נאָר פאַרקערט, זענען אונדזערע דעפעקטן שולדיק אין גלות. און די דעפעקטן פאַרמאָגן מיר פון פריִער, פון אייביק.

פאַרקערט, איז ייִדישקייט תמיד „אימפּאָרטירט" געוואָרן פון גלות קיין ארץ ישראל. אַזוי איז געווען אין דעם קאַיאָר פון אונדזער געשיכטע אין משהס צייטן, אַזוי איז געווען אין די צייטן פון עזרה און נחמיה, אַזוי איז געווען אין אַלע עליות קיין ארץ ישראל נאָך דעם צווייטן חורבן ביז דער דריטער עליה פון דעם היינטיקן אַרבעטנדיקן ארץ ישראל, באשר ביז איצט איז ארץ ישראל געווען געגליכן צו דעם וואָס ירמיהו רופט אָן „בורות נשברים אשר לא יכילו את המים" — לעכערדיקע גריבער וואָס האַלטן נישט איין די וואַסערן, וואָס מען גיסט אַריין אין זיי. מיט איין וואָרט — מיר ליידן פון אייביק אָן אויף אַ קראַנקייט, אַ ביטול־געפיל צו זיך אַליין און צו אַלץ וואָס איז אונדזערס.

דאָס גאַנגבאַרע ווערטל וואָס איז געוואָרן אָנגענומען כמעט פון אַלע ייִדן, אַז אין גלות קען מען נישט זיין קיין אמתע, פולע הונדערט־פּראָצענטיקע ייִדן, אַז אין אַלע לענדער זענען מיר „היברידן", געמישטע — אַביסל ייִד און אַביסל גוי, אַז אין גלות מוזן מיר אין זיך און אין אונדזערע קינדער איינפלאַנצן דאָס געפיל פון „בעלאָנגינג", פון אָנגעהעריקייט צו דעם פאָלק וואָס הערשט אין געגעבענעם לאַנד און צו זיין קולטור, און דאָס בעסטע וואָס מיר קענען דערגרייכן פאַר ייִדישקייט איז, מיר זאָלן וויסן אַז מיר שטאַמען פון אַ ייִדיש פאָלק און אַז אמתע ייִדן זענען דאָ אין ארץ ישראל, און אָט יענע אמתע ייִדן זענען שוין אויך אונדז מוציא מיט זייער גאַנצער ייִדישקייט. דאָס איינרעדעניש, אַז אין גלות קען מען נישט זיין קיין אמתע ייִדן, איז איינער פון די „אָנגענומענע ליגנס" וואָס באַהערשן די מוחות, הגם זיי זענען אָפענע ליגנס, נאָר דערפאַר ווייל מען וויל זיך לאָזן באַהערשן פון דעם ליגן. דאָס איז אַ ליגן דורך דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע, דורך דער גאַנצער ייִדישער אייביקייט. און איז במילא אויך איצט נישט מער ווי אַ ליגן, וואָס מען פאַרשפּאַרט אים אָפּצולייקענען. אַלע וויסן, אַז עס איז אַ ליגן. פאַרוואָס האַלט ער זיך?

— ווייל ער איז אַ תירוץ פאַר דעם נישט וועלן זיין ייִדן. יעדער טריפער דבר אחר האָט אַ כשר פּיסל וואָס ער שטעלט אַרויס. אין פּסיכאָלאָגיע איז עס אויך אַזוי: פאַראַן מ אָ ט י װ ן פון האַנדלונגען און פירונגען און פאַראַן מ אָ ט י װ י ר ו נ ג ע ן, תירוצים. מאָטיוון זענען זייער אָפט טריפע, מיאוסע, העסלעכע, אָפּגעפרעמדטע, באַנקראָטירטע; מאָטיווירונגען וואָס מענטשן שטעלן אַרויס עפנטלעך, פאַר דעם אייגענעם געוויסן, זענען תמיד כשרע און שיינע. דער מאָטיוו, די סיבה פון דער טריפער אַסימילאַציע איז דאָס נ י ש ט װ ע ל ן זיין ייִדן, מען מאָטיווירט עס אָבער מיט נ י ש ט ק ע נ ע ן. ס'איז שענער.

וואָס זענען מיר שולדיק? אַך ווי מיר ווילן, נאָר אַז מען קען נישט איז דאָך נישט שייך.

די גאַנצע לאַנגע יידישע געשיכטע זאָגט אָבער דאָס פאַרקערטע: נישט ארץ ישראל האָט אויפגעהאַלטן און אויפגעהיט יידישקייט אין גלות, נאָר פאַרקערט, די אויסגעהאַלטענע יידישקייט פון גלות האָט אויפגעהיט און אָפּגעהיט די צו־געבונדנקייט פון יידן צו ארץ ישראל.

הערט איר ווי אַ ייד זאָגט מיט אַ קרעכץ און מיט אַ זיפצל, אַז צוליב דעם גלות קען ער און זיינע קינדער נישט זיין קיין פולע אמתע יידן, זייט דעמאָלט וויסן, אַז דאָס איז דאָס כשרע פּיסל אַרויסגעשטעלט געוואָרן.

די נביאים האָבן כסדר זיך באַמיט צו היילן די קראַנקייט, אָבער זיי האָבן אַנשטאָט אייגענעם פאָלקס־גייסט תמיד גערעדט אין נאָמען פון גאָט. זיי האָבן זיכער געמיינט גוט: גאָט און דער גייסט פון פאָלק איז איינס. אָבער דאָס פאָלק האָט פאַרשטאַנען, אַז דער גאָט איז טאַקע גרויס און מעכטיק און גוט, נאָר מיר יידן זענען די „בנים משחיתים", דער „גוי חוטא" און אַזוי אָן אַ סוף. האָבן די נביאים נישט געקענט אויסהיילן דאָס פאָלק פון זיין קראַנקייט.

די אנשי כנסת הגדולה און די פּרושים, וואָס זיי האָבן אויפגעבויט און אויפגעשטעלט די אייביקייט פון יידישן פאָלק אין אַלע גלותן, זיי האָבן נישט געקענט איינפלאַנצן אין פאָלק קיין אַכטונג און קיין ליבע צו דעם נאַציאָנאַל־קאָלעקטיוון „איך" פון פאָלק: זיי האָבן מיט רעכט פאַרלוירן דעם גאַנצן גלויבן אין דעם קיום פון פאָלק אויף נאַציאָנאַל־פּאָליטישע יסודות פון מלוכה. זיי האָבן געזען די קלאָרע נויטווענדיקייט איינצופלאַנצן אַ נאַציאָנאַלע דיסציפּלין ביי די מיטגלידער פון פאָלק און זיי האָבן נאָך קלערער געזען, אַז אַרויפצוויגען די דיסציפּלין דורך דער נאַציאָנאַלער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע איז שוין אוממעגלעך. די פּאָליטישע מאַכט פון דער יידישער מלוכה איז נישט געווען קיין מאַכט און נישט קיין נאַציאָנאַלע. האָבן זיי זיך באַמיט צו פאַרבינדן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון קיום מיט די פּערזענלעכע אינטערעסן פון יעדן יחיד באַזונדער. איז ביי זיי אויסגעקומען אַנשטאָט דאָס גליק פון פאָלק, דאָס גליק פון יחיד. האָבן זיי אַריינגעגעבן אין די מוחות פון פאָלק דעם גלויבן אין השגחה פּרטית, אין פּריוואַטן שכר ועונש און אין תחית המתים. דאָס אַלץ איז געווען נייטיק פאַרן קיום פון פאָלק. און זיי האָבן זייער ציל דערגרייכט!

אַלע פעלקער זענען אונטערגעגאַנגען מיטן אונטערגאַנג פון זייער מלוכה. ביי יידן האָבן דאָס די פּרושים באַוויזן די חכמה אויפצוהאַלטן דעם קיום פון נאַציע דורך די אינטערעסן פון פּרט. דאָס איז אַן אוניקום אין דער גאַנצער מענטשהייט.

אָבער — אויך אויף דער זון זענען פאַראַן פלעקן — און אויף דעם אויפטו

פון די פרושים אויך: אַלץ וואָס עס באַדאַרף זיין „בין אדם לעמו" איז געוואָרן „בין אדם למקום", גאָט האָט אַרויסגעשטופּט פון באַוווּסטזיין ביי ייִדן דעם באַגריף פאָלק, אַנשטאָט אהבת ישראל איז געוואָרן אהבת שמים; זענען אַלע קיום־אינטערעסן פון פאָלק ווי אַזאַ רעדוצירט געוואָרן צו פּריוואַטע מצוות און עבירות, וואָס גאָט פירט פאַר זיי אַ פּריוואַטן חשבון מיט יעדן ייִד באַזונדער.

אין משך פון דורות איז אין באַוווּסטזיין פון ייִדן אינגאַנצן אַרויסגעפאַלן דאָס געפיל, דער זינען און דער חוב פון יחיד לגבי זיין פאָלק. ייִדיש פאָלק איז אין די מוחות רעדוצירט געוואָרן צו אַן עם עני ואביון, וואָס „ראה עמידתנו דלים וריקים אאַז"וו. האָבן ייִדן פאַרלוירן די ליבע צום פאָלק און צום פאָלקישן. מען טוט נאָר מצוות, ווייל פאַר דעם צאָלט גאָט גוט געלט מיט פּראָצענטער. איז מען אַריינגעוואַקסן און זיך צוגעבונדן צו גאָט, אַנשטאָט צו זיין צוגעבונדן צו פאָלק. האָבן ייִדן טאַקע געקענט גיין אויף קידוש השם פאַר גאָט, קידוש שם שמים, אָבער זיי האָבן וואָס ווייטער פאַרלוירן דעם זינען פאַר קידוש שם הפאָלק. זיי האָבן ליב געקראָגן מצוות, אָבער אויב זיי זענען פאַר גאָט, אויב זיי וועלן אַריין אין פּריוואַטן חשבון פאַר זייער פּריוואַטן שכר ועונש... פאַר גאָט אַלץ, פאַרן פאָלק — גאָרנישט. ייִדן האָבן אַדאַנק די גוואַלדיקע אָנשטרענגונגען פון די פּירושים אויפגעהאַלטן דעם קיום פון ייִדישן פאָלק און זיי האָבן אויסגע־מעקט פון די מוחות דעם באַגריף און די אַכטונג צום זעלביקן ייִדישן פאָלק. עס איז אַ וווּנדערבאַרער פאַקט אין דער געשיכטע פון פעלקער אויף דער ערד.

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, פעלט אונדז דער חוש צו זיין געטריי פאַרליבט אין דעם גאַנצן סכום אייגנשאַפטן וואָס מען רופט עס ייִדיש פאָלק. די ליבע האָבן מיר ווייניקער ווי אַלע אַנדערע פעלקער. און אַפילו די נאַציאָנאַלע צווישן אונדז ריידן זייער פיל וועגן בנין הארץ און גאָר ווייניק וועגן בנין האומה. זיי קענען זיין פאַרליבט אין יעדן קליינעם בלימל פון ארץ ישראל, אָבער זיי האָבן שוין גאָר קיין ליבע נישט צו קיין בלום אין גייסט פון ישראל. פאַרקערט, האָט מען דאָס אַלץ וואָס איז ספּעציפיש ייִדיש גאָר פיינט, מען וויל פאַרגעסן, פאַרוואַרפן, מען איז שולל. מען גיט די אָדער אַנדערע מאָטיוון, אָבער דער פאַקט איז — מען האָט עס פיינט: עס שמעקט צופיל מיט „טשאָלנט, חלילה". אָט אַזוי איז אָנגעוואַקסן דער ביטול צו דעם קאָלעקטיוון נאַציאָנאַלן „איך". דער ביטול האָט נישט געלאָזט ייִדן בויען אין ערגעץ נישט קיין פאַרזיכיקע קיבוצים. מען האָט דאָך עס נישט געוואָלט. אַ שול צו דאַווענען צו גאָט, — דאָס יאָ, אָבער אָפּהיטן אַלץ דאָס וואָס איז ייִדיש, און גאָט צאָלט נ י ש ט דערפאַר, האָבן ייִדן שוין נישט געהאַט קיין סטימול צו דעם. דער מאָטיוו צו זיין מיט ייִדן ווי ייִדן סתם אַזוי, נישט לשם מצווה — צוליב וואָס און צוליב וועמען?

***

עס האָט אויך שטאַרק געווירקט די באַציִונג צו אונדז פון דער אַרומיקער גויישער וועלט. פאַר זיי זענען מיר דאָך געווען אַ באַקוועמער אָביעקט צו פּראַקטיצירן זייער בלוטדורשטיקע שלאָג־לוסט. צוזאַמען מיט די קלעפּ האָבן מיר אין זיך אַריינגענומען גאָר אַ היפּשע פּאָרציע פילאָסאָפיע פון די שלעגערס אונדזערע. וואָס מער מען שלאָגט אונדז, אַלץ מער רציחה טראָגט מען אויף אונדז, צו אונדז, אַלץ מער האָט מען אונדז פיינט. פאַראַן אין דער פּסיכאָלאָגיע אַ געזעץ, וואָס מען קען אים דרשענען אַזוי: וואָס מער איך קריץ מיט די ציין און בייל מיינע פויסטן, אַלץ מער ווער איך אין כעס. וואָס מער מען שלאָגט אונדז, אַלץ מער האָט מען אונדז פיינט, אַלץ מער שנאה קעגן אונדז. וואָס מער מיר ווערן געשלאָגן, אַלץ מער געוווינען מיר זיך איין צום געדאַנק, אַז מיר זענען אַזוי ווערט, — אַלץ מער דרך־ארץ באַקומען מיר צו אונדזערע שלעגער און אַלץ ווייניקער אַכטונג פאַרמאָגן מיר צו זיך אַליין... און אַזוי ווייט, ביז מיר הערן אויף צו טראַכטן מיטן אייגענעם מוח און פילן מיטן אייגענעם האַרץ, ביז וואַנען מיר ווערן אין אונדזער געדאַנק און אין אונדזער געפיל אַ שפּיגל פון אונדזערע שלעגער... דער פון אונדז, וואָס האָט די חוצפּה צו דענקען אַמאָל מיט דעם אייגענעם קאָפּ, — דער איז פאַררעכנט פאַר אַ שאָוויניסט, זאָל אייך גאָט שומר ומציל זיין...

האָט דאָס ווידער אַמאָל אין אונדז דערשטיקט דאָס געפיל צו זיך ווי צו אַ קאָלעקטיוו, האָט דאָס אויך אויסגעריסן פון אונדז די ליבע, די אַכטונג צו אַלץ וואָס עס איז ייִדיש פאָלקיש... אָ, וויפל נעמען, וויפל סאַטירישע עפּיטעטן מיר האָבן פאַר אונדזער פאָלק און פאַר אַלץ וואָס איז פאָלקיש: קאַבצאַנסק, גלופּסק, שניפּישאָק, טשאָלנט־ייִדישקייט, קוגל־פּסיכאָלאָגיע, אַ ייִד אַ דרייער, ייִדישע דריידלעך, ייִדיש לשון איז אַ זשאַרגאָן במחילה, באָבע יאַכנע שפּראַך...

ווער קען עס גאָר אויסשעפּן די גאַנצע ברונעמער שפּאָט און אָפּלאַך וואָס ייִדן פאַרגינען זיך אויף זיך אַליין!

און דערפאַר — רענעסאַנס וואָס מיינט?

— עס מיינט, דאַרפט איר וויסן זיין, אָפּוואַרפן דעם גאַנצן אַלטן שימל, און מען דאַרף שאַפן אַ ניי פאָלק, אַ נייע ייִדישקייט, אַ נייע ייִדישע פּסיכיק און אַ נייע ייִדישע קולטור, אַלץ מוז זיין ניי, אַלץ מוז אין זיך נישט פאַרמאָגן קיין ריח פון דעם אַלטן...

גייט מען זוכן עפּעס נייעס, וואָס עס דאַרף זיין דאָס נייע, דאָס נייע ייִדישע פאָלק.

קיין יש מאין שאַפט זיך נישט, קיינער קען עס נישט, וואַרפט מען אָפּ דעם אייגענעם שימל, נעמט מען זיך אָן מיט אַן אַנדער שימל, מיט אַ פרעמדן. דער פרעמדער שימל שמעקט אונדז נישט ווי שימל, נאָר ווי נייע גן־עדן ריחות,

פרעמדע אַלטע טראַנטעס זענען פאַר אונדז ווי שפּאָגל נייע נייעסן. ערשט פון דער נאָדל אַרויס. ווערט קוגל און געפילטע פיש טריף און פליאַקע מיט חזיר וווּרשט איז גאָר מאָדערן; ווערט שלח־מנות פוי, מיאוס, און ניי־יאָר־בעלער מיט געבוירנטעג מיט די טאָרטן און ליכטלעך, וואָס מען רופט זיי חלילה נישט טאָרט, נייערט „קייק" — דאָס ווערט אָפּגעהיט מיט אַלע הידורים...

וואָלט איצט עמיצער געוואָלט אָנשרייבן אַ מין „שולחן ערוך" פון ייִדישן שטייגער, וואָלט ער געדאַרפט אַריינשרייבן אַזאַ סעיף: מנהג שנהגו בו גויים, קודש לישראל. און וואָס מער שנאה, וואָס מער בלוט דאָס פרעמדע פאָלק האָט אונדזערס פאַרגאָסן, אַלץ מער דרך־ארץ האָבן מיר צו אים און צו זיינס.

אָט דערפאַר האָבן אַלע ביז איצטיקע משיח־באַוועגונגען זיך אויסגעלאָזט פאַלש און אַנשטאָט גאולה האָבן זיי אָפט געבראַכט שמד און אומקום. נישט די משיחים זענען שולדיק, — מיר זענען שולדיק. מיר האָבן געהאַט נישט איין אמתן משיח, מיר האָבן געהאַט נישט איין אמתע געלעגנהייט צו גאולה, נאָר „לא איכשר דרא", מיר זענען נישט געווען מסוגל אויפצונעמען די גאולה, וואָס איז כמעט געלעגן אין אונדזערע הענט.

עס קען אַ פאָלק נישט אויסגעלייזט ווערן ווען עס וויל גאָר זיך אויסלייזן פון זיך אַליין, ווען מיט גאולה־טרוימען אידענטיפיצירט עס פרעמדע נאָרמען און פרעמדע פאָרמען.

מיר דאַרפן איצט אַ גאולה ווי קיינמאָל נישט פריִער, עס איז באו מים עד נפש, — און דאָך שרייען אַלע פיבערן פון נשמה: ניין! די גאולה איז נאָך אַלץ נישטאָ! מיר זענען צופיל איבערצייגט אין דעם אמת פון די פּרושים צו גלייבן אין דער ישועה פון קליינע מלוכהלעך. די געשיכטע פון דער וועלט אין דעם היינטיקן יאָרהונדערט האָט עס אויך, צום באַדויערן, שאַרף באַשטעטיקט. נאָך ערגער איז עס מיט אַ קליינער מדינה, מיט אַ מיקראָסקאָפּיש מדינהלע אויף אַזאַ פּאָליטישן ווולקאַן ווי עס איז איצט דער מיטעלער מזרח. קיינמאָל איז דאָרט נישט געווען רויִק, און היינט געוויס נישט. אָן אַ פאַרבינדונג מיט אַ גרויסער מאַכט וואָס מען האָט מורא פאַר איר, וועט ארץ ישראל נישט זיין רויִק.

נאָך ערגער איז וואָס מיט אַ ייִדישער ארץ ישראל איז נאָך ווייט דאָס פאָלק ישראל נישט געראַטעוועט, נישט אויסגעלייזט אין דער וועלט בכלל. און אָן אַ ייִדיש פאָלק אין דער וועלט — ווי וועט זיך האַלטן אַ ייִדיש ארץ ישראל? מיט וואָס פאַר אַ כוחות, אויב אַפילו דער ישוב זאָל אַרויסוואַקסן נאָך צען מאָל מער גבורה ווי ביז איצט? צו וואָס גבורה? די מאַשין האָט אָפּגעשאַפט דעם קינסטלער־בעל מלאכה, די מלחמה־מאַשין האָט אויך אָפּגעשאַפט די גבורה.

ארץ ישראל — נישט פון ארץ וועט ישראל אויפגעבויט ווערן, נייערט פאַרקערט: ווען ישראל אין דער וועלט דער גאָרער וועט זיין ישראל, וועט ער

קענען אויסלייזן זיך און אויפבויען אויך דאָס ארץ. די גאולה מוז קומען פון ישראל און נישט פון ארץ ישראל.

**
*

צוויי זאַכן האָבן מיר אָנערקענט פאַר קדושה ראשונה: ארץ ישראל און לשון הקודש. ווייסן מיר אָבער פון אונדזער גאָר נאָענטער געשיכטע: אַלע קהי־לות, קיבוצים ווו ישראל איז געוואָרן אויס ישראל דורך אַסימילאַציע, — אַלע זיי האָבן קודם־כל אָנגעוווירן העברעיִש און זיי זענען פאַרלוירן געוואָרן פאַרן בנין הארץ. די השכלה האָט היסטעריש געשריִען „שפה חיה״ און האָט אין איין דור פאַרלוירן יעדן צובונד צו העברעיִש, און אַזוי אַלע גילגולים פון דער השכלה. און אַזוי אויך מיט דער צווייטער קדושה, מיט ארץ ישראל: אַלע שיכטן און קרייזן, וואָס האָבן פאַרלוירן אין זיך דעם ישראל, זיי וועלן נישט העלפן גאָר־נישט דעם בנין הארץ אויך. מעגן זיי זיין ציוניסטיש מיט דריי פולע מיילער. נישט ציוניזם בויט ארץ ישראל, נאָר יִדישקייט פון יִדישע קיבוצים ווו זיי זאָלן נישט זיין, זי טראַנספאָרמירט זיך אויך אין בנין הארץ. אַלץ וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין ארץ ישראל — און אויפגעבויט איז געוואָרן גבורות ונפלאות — דאָס אַלץ איז געשאַפן געוואָרן דורך יִדן וואָס האָבן אין זיך „גע־טראָגן פולבלוטיקע יִדישקייט איינגעזאַפט אין אַלע גלותן. נאָר דער פולבלו־טיקער ישראל פון גלות האָט געבויט, בויט און נאָר ער וועט בויען ארץ ישראל.

און דאָ, אין ישראל, וואָס אין אַלע גלותן, אין יִדישקייט פון יִדן אין אַלע קיבוצים — דאָ ליגט זי, די גאולה, פון דאַנען מוז זי געבויט ווערן. איר באַזיס איז יִדישקייט, גאַנצע יִדישקייט מיט דער פולער „הבדלת וקדשת״. יעדער אַנ־דערער גאַנג שוואַכט אָפּ יִדישקייט, ווערט ישראל אויס ישראל, גייט ער חלילה אַהין ווו עס האָבן געפירט אַלע פריִערדיקע משיח־באַוועגונגען און במילא קען שוין אויך דער בנין פון דער ארץ נישט האָבן קיין קיום.

איך הייב אָן צו גלייבן צוזאַמען מיט די מקובלים, אַז כדי צו ברענגען די גאולה, דאַרפן מיר זיך רייניקן, טובל זיין, אָננעמען זיך מיט כוונות און השבעות. און עס איז קיין מיסטיק: שטאַרקט די יִדישקייט און עס וועט אויסוואַקסן די גאולה.

**
*

— פאַרוואָס האָבן אָבער אַלע דורות פון גאַנצע יִדן ביז איצט נישט גע־בראַכט די גאולה? אָט די פראַגע איז די וויכטיקסטע אין דעם פראַיעקטירטן בנין פון דער גאולה. עס הייסט, אַז אין אָט דער שטאַרקער און פולער יִדישקייט, וואָס אַ פאָלק האָט יאָ פאַרמאָגט דורך דורות, אין דער יִדישקייט האָט עפּעס געפעלט. די יִדישקייט וואָס האָט באַוויזן דעם גרעסטן נס אין דער וועלט־גע־שיכטע, זי האָט אויפגעהאַלטן אַ פאָלק אָן אַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, אָט די

זעלביקע יידישקייט האָט געהאַט בכוח אויפצוהאַלטן דעם קיום, זי האָט אָבער נישט געהאַט קיין כוח, קיין חוש און השגה פאַר בנין ישראל, פאַר גאולת ישראל. ווידעראַמאָל — מען האָט דאָך געגלייבט נישט אין פאָלק נייערט אין גאָט, — האָט מען טאַקע גאָטס בנין געבויט, די מלכות שדי האָבן יידן אין גלות איפּ־געבויט און איינגעהיט. דעם פאָלקס־בנין, די מלכות ישראל האָט מען פאַרוואַר־לאָזט און נישט געוואָלט בויען. קומען מיר צוריק צום פּריערדיקן: כל־זמן אמונת ישראל וועט נישט זיין ישראל אַליין, וועט קיין גאולה קיין גאולה נישט זיין. קיין אמונה אין ישראל האָבן מיר דאָך נישט געהאַט קיין מאָל. מיט דער אמונה אין אלוהי ישראל האָט ישראל נישט געקענט געבויט ווערן. נאָכאַמאָל: לכתחילה איז נישט געווען און עס האָט נישט געטאָרט זיין קיין מחיצה צווישן ישראל און זיין גאָט: ישראל — יידישקייט — אוריתא און גאָט, קודשא בריך הוא איז געווען און געדאַרפט בלייבן איינס. איז עס אָבער צום אומגליק געקומען אַ מחיצה און זיי זענען געוואָרן באַזונדער, האָט מען צו גאָט געדינט און אים איינגעהיט, האָט מען אָבער צום פאָלק נישט געדינט און אים נישט אויפגעבויט. איז קיום האומה געווען, אָבער בנין האומה איז נישט געווען.

אַנדערש גערעדט: מיר האָבן אין גאַנצן גלות געבויט די יידישע רעליגיעז־גייסטיקע פּאַרזיכיקייט און מען האָט נישט געבויט קיינמאָל קיין סאָציאַל־עקאָ־נאָמישע פּאַרזיכיקייט. איז כל־זמן מיר זענען סיי־ווי געווען סאָציאַל און עקאָנאָ־מיש אָפּגעזונדערט ווי אַ באַזונדערער אָפּגעטיילטער אָרגאַניזם, האָט אונדז אויך געדינט אונדזער גייסטיקע און קולטורעלע פּאַרזיכיקייט. זענען מיר אָבער גע־וואָרן עקאָנאָמיש אַריינגעגלידערט אין די פעלקער פון די לענדער, אין די „גויי הארצות", איז אויך איינגעפאַלן אונדזער רעליגיעזע קולטור־גייסטיקע פּאַרזי־כיקייט, אַ נשמה אָן אַ גוף קען דאָך נישט האָבן קיין קיום.

און אויף דעם געביט האָט דער ציוניזם אויפגעטאָן גרויסעס. אייגנטלעך — נישט דער ציוניזם ווי דער אַרבעטער־ציוניזם: ער האָט אויפגעבויט אין ארץ ישראל די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּאַרזיכיקייט פון ישוב. דאָס האָט געגעבן אַ קיום דער אייגענער קולטור און דעם גלויבן אין גאולת ישראל וואָס איז ארץ ישראל.

אָבער כדי צו ברענגען די גאולה פאַר כל ישראל אומעטום און אויך פאַר ארץ ישראל דאַרף מען די זעלביקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּאַרזיכיקייט בויען אומעטום, אין אַלע יידישע ישובים און קיבוצים — יידישע דערפער, יידישע שטעט, יידישע ראַיאָנען און אומעטום מיט דער כוונה און מיט דעם לשם יחוד פון אמונה אין ישראל, אין זיין אַנדערשקייט און אין דער קדושה פון זיין אַנ־דערשקייט.

משיחן דאַרף מען נאָך אַלץ זוכן אין גלות און נאָר פון גלות אַרויס וועט די גאולה געבויט ווערן.

רעליגיעזע וועלטלעכקייט

א

די וועלט אויפן שיידוועג

די מענטשהייט שטייט אין אַ סכנה, די גאַנצע וועלט איז דערבראַכט געוואָרן צו אַ שיידוועג — לחיים אָדער למוות. און די סכנה ליגט אין דעם גולם וואָס דער מענטש אַליין האָט אים באַשאַפן. דערמאָנט זיך דעם גולם וואָס דער מהר״ל האָט אים געשאַפן (אין לייוויקס דראַמע) צו ברענגען אַ ישועה, און ער הייבט אויף זיין האַק קעגן דעם מהר״ל אַליין. דאָס זעלביקע איז געשען מיט דער מענטשהייט. ויברא האדם — און דער מענטש האָט באַשאַפן די טעכניק, כדי גרינגער צו מאַכן דאָס לעבן, האָט זי אָבער איצט — די גולמשע טעכניק — פאַרהויבן איר האַק קעגן דער מענטשהייט בכלל, קעגן דעם גאַנצן באַשאַף. זי האָט שוין פאַרשקלאַפט די וויסנשאַפט, אויסגעריסן פון איר די נשמה פון עץ הדעת — די געטלעכע וויסנגיריקייט און זי פאַרוואַנדלט אין אַ דינסט פון אשמדאי, צו שאַפן חורבן און אומקום. דער עץ הדעת איז אויסגעריסן פון גן־עדן, דער עץ החיים האַלט זיך נאָך קוים, און עס איז אויסגעוואַקסן דער עץ המוות: איין קליינער טעות אין אַ מאַטעמאַטישער פאָרמול, איין צופעליקער קאַפּריז פון אַ שיכורן מושל, איין טעותדיקער ריר פון אַ פליִער, — און די וועלט איז חרוב.

אונדזער פרץ האָט מיט צענדליקער יאָרן צוריק פאָרויסגעזען די סכנה, אָבער נאָר אַ קליינעם טייל אירן. זי אין גאַנצן האָט מען זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן. יוחנן דער מלמד־פּרץ הערט די באַגייסטערטע רייד פון זיין תלמיד און ער איראָניזירט טראַגיש, אַז עס וועט נאָך קומען אַ צייט, מען וועט פאַנגען די שטראַלן פון דער זון און זיי הייסן שטיוול פוצן... נאָך שווערער ווערט דאָס געפיל ביי יוחנן מלמד ווען ער דערזעט אין פאַבריק ווי די מאַשין, דער גולם, דערשטיקט אין מענטשן זיין אייגענע נשמה און זי מאַכט אים פאַר אַ ווילנלאָזן, מעכאַנישן טייל פון דער מאַשין גופא, „איין חולה נופל“, און דער מענטש, דער פליישענער טייל פון דער אייזערנער מאַשין, פאַרלירט די פעִיקייט צו הערן, צו באַנעמען די שטים פון דעם נביא... אַ קאַלטער שווייס באַדעקט יוחנן דעם מלמד און ער אַנטלויפט פון דער פאַבריק. נישטאָ אָבער איצט קיין אַנטרינונג פון דעם

טעכנישן גולם מיט זיין פאַרהייבענער האַק: איין דריק מיט אַ קנעפּל, — און אויס מיט אַלע וועלטן...

עס איז נישט בלויז אַ פיזישע סכנה. די טעכניק טרייבט אַרויס פון איטלעכן מענטשן באַזונדער זיין חלק אלוה ממעל, זיין געטלעכע נשמה, דער אשמדאי האָט זיך באַפרייט פון דעם געטלעכן שם המפורש וואָס האָט אים געהאַלטן געפענטעט, און ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן כסא המלכות אין מענטשן, — אין מענטשן און אין דער מענטשלעכער וועלט בכלל. דאָס איז דער נצחון פון גולם איבערן מהר״ל; דאָס איז דער נצחון פון דער מאַשין איבער דער שטים פון דעם נביא, וואָס פּרץ האָט זיך פאַר אים געשראָקן מיט מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק.

די טעכניק האָט מעכאַניזירט די קונסט: עס זינגט פון דעם קעסטל אַרויס, אַרויס אויף דער גאַס איז די קונסט, אָבער נישט געהויבן צו זיך האָט זי, די מענטשהייט, די מאַסן, נאָר זי איז געוואָרן זייער דינסט. פון אַן עבודת הקודש איז זי געוואָרן אַ וואָלוועלע פריילעך־מאַכערקע. ווּעמען עס איז באַשערט צו זיין אַ מוטער און ווער עס האַנדלט מיט זיך אויף אַלע מערק.

צווייערליי פייערן האָט די מענטשהייט געקראָגן: איין פייער האָט פּראָמעטעוס געגנבעט ביי די געטער און געשאָנקען די מענטשן זיי זאָלן קאָכן אָנבייסן; דעם צווייטן פייער האָט אַ מלאך פון גאָט גענומען פון הייליקן מזבח און באַרירט די לעפצן פון דעם נביא ישעיהו. דאָס ערשטע פייער האָט געדאַרפט פאַרמענטשלעכן דאָס געטלעכע, און דאָס צווייטע האָט, פאַרקערט, פאַרגעטלעכט דאָס מענטשלעכע. און פון פאַרצייטן אָן און ביז היינט פירט זיך דער קאַמף צווישן דעם דראַנג צום עץ הדעת — גוטס און שלעכטס — און דעם דראַנג צום עץ החיים, צו לעבן אַ טאָג. הגם דאָס מאַכט פון עץ החיים אַן עץ המוות, און די ווּיסנשאַפטן אַלע און די קונסטן אַלע זענען פאַרשקלאַפט ביי דער טעכניק... און ווּהין דאָס פירט אַלץ?... וואָס שטאַרקער די מאַשין, אַלץ מעכטיקער דאַרפן זיין אירע איינהאַלטערס, און אַז די זענען נישטאָ, מוז די מאַשין זיך אַליין פאַרברענען... דאָס איז דער גורל.

זענען אַמאָל אידעאַלן געווען. סאָציאַליזם איז געווען דער שיר השירים, דער אידעאַל האידעאַליזם... האָט אָבער נאָך אַמאָל אַ ייִדישער אמוראי, טראַכטנדיק וואָס עס קאָן ווערן פון אַ משיח־אידייע, אַ זאָג געטאָן ייתי ולא אחמיניה — זאָל ער קומען, אָבער לאָמיך אים נישט אָנזען. אפשר דאַרף מען איצט אויך דאָס זעלביקע בעטן? זאָל ער בעסער נישט קומען...

מיר ייִדן האָבן די ערשטע גענומען גלייבן אין די אידעאַלן: ראַציאָ, וויסנשאַפט, ליבעראַליזם, סאָציאַליזם, קאָמוניזם, פּאָזיטיוויזם... אין אַלע האָבן מיר געגלייבט און אַלע האָבן אונדז אָפּגענאַרט, ביטער אָפּגענאַרט. געבליבן איז

בלויז איינער פון די געטער — דעמאָקראַטיע. איז זי — אונדזער לעצטע פעסטונג — אַ זיכערע? איז אונדזער גלויבן אין איר דער גלויבן וואָס פאַרזיכערט דעם קיום פון דער וועלט

און פון וואַנען די טראַגישע סכנה פאַר דער מענטשהייט בכלל?

עס האָט געזינדיקט דער מהר״ל: ער האָט געזוכט די ישועה אין אַ גולם; אַנשטאָט צו הייבן די אויגן צום הימל האָט ער געזוכט די הילף אין ליים פון דער ערד. עס האָט די מענטשהייט געזינדיקט: אַנשטאָט צו גלייבן אין גאָט, האָט מען גענומען גלייבן אין דער טעכניק, אין דער מאַשין. אַנשטאָט דעם עץ הדעת, וואָס הייבט דעם מענטשן פון אַלע ערדן צום הימל, האָט מען געגעסן פון עץ החיים וואָס שלעפּט אַלע הימלען צו דער ערד; האָט פּראָמעטעוסעס פייער, וואָס ציט זיך פון גאָט צו מענטש, אייגעשלונגען ישעיהוס פייער, וואָס ציט זיך פון מענטש צו געטלעכקייט. איז די מענטשהייט געבליבן אָן אַ הימלישן גלויבן; איז די וועלט געוואָרן אַ דור הפלגה — ערגער נאָך: „איך שטיי מיט אַ מעסער אין האַנט און דו שטייסט מיט אַ מעסער אין האַנט״, איך — מיט אַ מאַשין, דו מיט אַ מאַשין; אַלץ איז מיינע — ערד און לופט און לבנה און חלל און וועלט, דער גאַנצער קאָסמאָס, וועמעס מאַשין עס וועט די ערשטע איינשלינגען די וועלט — מיינע אָדער דיינע, ווער עס וועט האַלטן אין זיין האַנט דעם אשמדאיס שם המפורש פון קאָסמישן חורבן, ווער פריער. און עס זיצן די חרטומים פון דער וועלט בחדרי חדרים און מען זוכט די סודות פון חורבן. און אַלץ ווייל די וועלט האָט פאַרלוירן דעם גלויבן אין גאָט פון דער וועלט, אין דער געטלעכקייט פון דער וועלט. די וועלט דאַרף אַ גלויבן, — און מיר דאַרפן אים נאָך מער.

ב

וועלטלעכקייט און גלויבן

צי זענען די געדאַנקען פון דעם ערשטן קאַפּיטל נישט קיין קאַפּיטולאַציע פון וועלטלעכקייט? צי איז אין דעם געזאָגטן נישט פאַראַן קיין רוף צו רעליגיע, צוריק אין בית־מדרש אַריין און אַן אָפּזאָג פון אַלץ וואָס די וועלטלעכע יידישקייט האָט אין אַזאַ קורצער צייט געשאַפן? געוויס וועלן וועלטלעכע יידן זיך „דערשרעקן״ פאַר די ווערטער, געוויס וועלן פרומע יידן (אויב זיי וועלן די אַרבעט לייענען) זיך איבערנעמען: אַהאַ!...

אָבער דאָס אַלץ שטאַמט בלויז פון אַ שלעכט פאַרשטיין די באַגריפן, פון אַ פאַלשן אויסטייטש, פון רופן זאַכן נישט מיט די ריכטיקע נעמען. לאָמיר זשע זאָגן קלאָר גלייך צום אָנהייב: וועלטלעכקייט קאָן זיין אין סתירה צו די פרומע ווי צו אַ געזעלשאַפטלעכן קלאַס, ווי צו אַ סאָציאַלער גרופּע. אָבער אין דער זעל־

ביקער צייט איז וועלטלעכקייט לגמרי נישט קעגן דער רעליגיעזקייט אין אַ מענטשנס פסיכיק און אויפפיר. וועלטלעכקייט קאָן זוכן און דאַרף זיך איינלעבן בשלום מיט דער רעליגיעזער עמאָציע פון טיף פילנדיקע מענטשן און מיט די אויסדריקן וואָס די עמאָציע קריגט ביי זיי.

דווקא אַ וועלטלעכער ייִד קאָן זוכן אַן פּניות און אָן פאַראורטיילן די רעליגיעזע דערהויבנקייט וואָס די וועלט דאַרף האָבן. נאָר אַ וועלטלעכער מענטש קאָן זוכן די געטלעכע נשמה פון דער וועלט און וועגן ווי צו דערהייבן דעם מענטשן צו איר. נאָר אַזאַ וועלטלעכער מענטש קאָן זיך באַמיִען צו באַפרייען די געטלעכע נשמה פון דער מענטשהייט פון אונטער דער וווּלגאַרקייט פון דער טעכנישער גאָטלאָזיקייט און, פון דער צווייטער זייט — פון דער רעליגיעזער באַגרענעצטקייט, וואָס פּענטעט, וואָס פאַרצאַמט דעם געדאַנק און געפיל מיט סיגים, דינים, גדרים און איסורים. מען דאַרף שאַפן אַ בריק, מען דאַרף די וועלטלעכקייט פאַרבינדן מיט דער רעליגיעזער עמאָציע און די רעליגיע מוז מען באַפרייען פון איר טעאָלאָגיש־קלעריקאַלן קאָרסעט. דאַרף מען דאָ קלאָר דעפינירן אַ פּאָר באַגריפן, מען דאַרף באַזייטיקן דעם פּלאָנטער, וואָס עס הערשט אַרום זיי. איינער שרייבט אַז וועלטלעכקייט איז אַנטירעליגיעזקייט; אַ צווייטער שרייבער פאַרגינט זיך צו שרייבן, אַז וועלטלעכקייט טויג נישט ווייל... די וועלט האָט אונדז אָפּגענאַרט. ער האָט נעבעך פאַרבונדן וועלטלעכקייט מיט דעם באַגריף וועלט, מענטשהייט, פעלקער, וואָס האָבן אונדז פאַרראַטן. אין תוך אַריין אָבער איז עס עפּעס גאָר אַנדערש. וועלטלעכקייט איז ביי ייִדן אַן אַלטער באַגריף (אַמאָל פלעגט מען זאָגן „עולמשער" מענטש) און באַטייטן האָט עס באַטייט, אַז דער וועלטלעכער (אָדער דער עולמשער) מענטש לעבט נישט פון קהל, ער פאַרדינט זיין פרנסה נישט פון רעליגיעזן דינסט. ער געהערט נישט צו די „רח"ש־מענטשן" (רב, חזן, שמש, שוחט). דער וועלטלעכער מענטש קאָן אין זיין פּריוואַטן לעבן זיין פרום ביז גאָר, רעליגיעז, אַפילו פאַנאַטיש, אָבער ער איז נישט קיין טייל פון קלער. וועלטלעכקייט ווי אַ באַוועגונג, ווי אַן אידעאַל מיינט צו באַפרייען די מענטשהייט פון דער קלויסטער־מאַכט, וואָס האָט געגלאָצט די אויגן צום הימל און געזאַפּט דאָס בלוט אויף דער ערד. וועלטלעכקייט האָט אָבער נישט געמיינט און זי טאָר אויך איצט נישט מיינען אַרויסצורייסן פון דעם מענטשנס נשמה די רעליגיעזע עמאָציע ווי אַזאַ. וועלטלעכקייט אין דער דערציִונג מיינט נישט צו באַהאַלטן פון די קינדער דאָס וואָרט „גאָט", ווי נאַיִווע וווּלגאַרע לערער האָבן דאָס געטאָן. עס מיינט, פאַרקערט, צו אַנטוויקלען אין די קינדער דעם חוש פאַר דעם געטלעכן אין קאָסמאָס, די רעליגיעזע פּיעטעט פאַר דעם באַשאַף, אויפוועקן אין מענטשן דאָס געפיל פון „מה רבו מעשיך ה'!" אָן די פּחדים פאַר יענער וועלט וכדומה. מיר נעמען אָן וועלטלעכ־

קייט ווי אַ ריכטונג קעגן דעם קלער, אָבער נישט קעגן דער רעליגיעזקייט. קעגן דער רעליגיע ווי אַ מאַכט — יאָ, אָבער נישט קעגן רעליגיע ווי אַן אינעווייניקסטע, עמאָציאָנעלע איבערלעבונג. אַנטיקלעריקאַל — יאָ, אָבער נישט אַנטי־רעליגיעז. עס איז אַ גרויסער אונטערשייד. מיר האַלטן די רעליגיעזע עמאָציע, די רעליגיעזע איבערלעבונג פאַר איינע פון די העכסטע, פון די דערהויבנסטע וואָס קאָן דעם מענטשן אויפהייבן פון זיין ערדישקייט. רעליגיעזקייט קאָן זיך שפּעטער טראַנספאָרמירן אין אַנדערע העכערע עמאָציעס. רעליגיעזקייט איז פאַר אונדז לגמרי נישט קיין בלינדע, קנעכטישע הכנעה צום קולט און צום קלער. אמת, דער קלער האָט דורות ווי אַ קלאַס געהערשט און געשאַלטעוועט איבער דער מענטשהייט מיט בלוט און פייער אין נאָמען פון רעליגיע, אָבער דאָס האָט נישט קיין שום שייכות צו רעליגיעזקייט. דאָס געהערט מערער צו דער פּראָבלעם פון מאַכטגיריקייט, פון דראַנג נאָך הערשאַפט. נאָך מער — דאָרט ווו עס הערשט קלער, דאָרטן איז שוין נישטאָ קיין אויפריכטיקע, אינטימע, רעליגיעזע עמאָציע, דאָרטן איז צוואַנג, דאָרטן איז מורא, דאָרטן איז אַ טויט פון דעם פרייען רעליגיעזן געפיל און געדאַנק. רעליגיע־הערארכיע איז טאַקע נישט קיין פאַר קליידער מיט וועלטלעכקייט, אָבער רעליגיעזע עמאָציע מיט וועלטלעכקייט — איז שוין דווקא יאָ אַ פּאָר. זייער אָפט האָט טאַקע רעליגיעזקייט גאָרנישט צו טאָן מיט קולט. עס קאָן זיין רעליגיעזקייט אָן דעם שולחן־ערוך און עס קאָן זיין, פאַרקערט, דער שולחן־ערוך אָן רעליגיעזקייט. עס קאָן אָבער זייער אָפט זיין צוזאַמען אויפריכטיקע רעליגיעזקייט און טאַקע מיט אַ פרייער און גוטווייליקער געטרייקייט צום שולחן־ערוך אויך. און אָפט קאָן אַפילו די מאָטיווירונג פאַר אַזאַ געטרייקייט אויך זיין אַ וועלטלעכע: נישט עס ווילט זיך זיין געטריי דעם שולחן־ערוך, כדי צו געניסן פון גן־עדן וכדומה, נייערט עס איז גאָר אַ נאַציאָנאַלער מאָטיוו: עס ווילט זיך זיין מיטן פאָלק און מיט זיין טראַדיציע, עס איז אַ ווילן צו זיין א י ן דעם פאָלק, „בתוך עמי אני יושב". בעסער צו זיין אַ נאַר מיט כל ישראל, איידער צו זיין אַליין אַן אָפּגעריסענער חכם, — זאָגט אַזאַ ייִד. דאָס איז שוין ווידער אַן אַנדער געביט: עס האָט ווייניקער שייכות צו רעליגיע, צו רעליגיעזקייט, — עס האָט צו טאָן מיט אַ געפיל פון געטרייקייט צום פאָלק, צו פאָלקיזם, צו נאַציאָנאַליזם. מען קאָן דאָך נישט זיין אַ נאַציאָנאַלער ייִד און ווייכן פון אַלע פאָלקישע טראַדיציעס.

מיר קאָנען זיך פאָרשטעלן עטלעכע טיפּן ייִדן און זייער אויפפיר:

עס קאָן זיין אַ רעליגיעזער ייִד, וואָס עסט חזיר און האָט יאָ רעליגיעזע איבערלעבונגען. עס קאָן זיין אַ פרומער ייִד, וואָס עסט נישט קיין חזיר ווייל מען טאָר נישט, אָבער עמאָציאָנעל האָט ער גאָר ווייניק רעליגיעזקייט. ער האָט פּ ח ד פאַר גאָט, אָבער נישט קיין מ ו ר א. אַ נאַציאָנאַלער ייִד ד אַ ר ף

נישט עסן קיין חזיר צוליב זיין אָנגעהעריקייט צו דער אייביקער ייִדישער שטייגערישער טראַדיציע, צוליב זיין אידענטיפֿיקאַציע מיטן ייִדישן פֿאָלק. די אַנטירעליגיעזע וועלטלעכקייט, וואָס וואַרפֿט אָפּ גאָר די ייִדישקייט, אַלע שטייגער־נאָרמען ווייל זיי אַלע זענען „מוקצה מחמת רעליגיע" — דאָס איז קודם־כּל אַן אַנטינאַציאָנאַלער אַקט, אַ האַנדלונג נישט קעגן גאָט, נאָר קעגן דעם פֿאָלק. דאָס איז כּרת — אָפּשניידן זיך פֿון כּל ישׂראל, פֿון ייִדישן פֿאָלק, פֿון ייִדנטום, פֿון זיין קולטור־היסטאָרישער המשכדיקייט. די אַנטירעליגיעזע וועלטלעכקייט איז נישט קיין אַנטירעליגיע נאָר אַן אַנטיפֿאָלקישע באַוועגונג.

פֿאַרוואָס וועלטלעכקייט האָט ביי אונדז אין מזרח־אייראָפּע אָנגענומען אַזאַ אַנטיפֿאָלקישן כּאַראַקטער איז ווידעראַמאָל אַ תּולדה פֿון אַן אַנדער מקור: עס איז דער אַלטער דראַנג צו אַנטלויפֿן פֿון ייִדישקייט, פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק טאָקע און זיך צו דערנענטערן צום הערשנדיקן פֿאָלק פֿון געגעבענעם לאַנד. עס איז דער זעלביקער דראַנג, וואָס פּריִער האָט ער גערופֿן: אויס מיט דער ייִדישער נאַציאָנאַלקייט, מיר זענען נישט קיין פֿאָלק נאָר בלויז אַ רעליגיע; דער זעלביקער דראַנג האָט שפּעטער פֿאַרהילכט דאָס לעבן מיט אַ פֿאַרקערטן טומל: אויס מיט דער ייִדישער רעליגיע, מיר זענען נאַציאָנאַלע ייִדן אָבער אַן דער ייִדישער רעליגיע. אַ שטיקל צייט האָט מען פֿאַרזיכערט: נאַציאָנאַל לויט דער פֿאָרעם און סאָציאַליסטיש לויט דעם אינהאַלט. אַזוי צי אַזוי בלייבט פֿון די אַלע „ייִדישקייטן" גאָרנישט. אַזאַ איז דער עצם פֿאַרלאַנג — אויסייִדישונג, אַסימילאַציע, ווי מען זאָל זי נישט שלייערן בלייבט זי די זעלביקע יאַכנע. איז וועלטלעכקייט ביי אונדז געוואָרן אַ מין ווערבאַלער פּייגנבלאַט צוצודעקן די אַנטיפֿאָלקישע נאַקעטקייט. ווייט נישט דאָס איינציקע וואָרט פֿון דעם מין ביי אונדז אין לעבן...
אין דער אמתן דאַרף די וועלט האָבן אַ וועלטלעכע רעליגיעזקייט, די וועלטלעכקייט דאַרף צוקריגן איר רעליגיעזן איבערמאַנטל. אויך וועלטלעכקייט דאַרף באַגלייט ווערן מיט אַ גלויבן, מיט עפּעס וואָס איז העכער פֿון טרוקענעם פּאָזיטיוויזם, פֿון אויסגערעכנטער פּראַקטישקייט, פֿון דער נאַקעטער וואָכעדיקייט. די וועלט דאַרף אַ גאָט, אַן איראַציאָנעלע הייליקייט, וואָס זאָל צאַמען כאָטש אַ ביסל די פּרעכע גאָטלאָזיקייט. די וועלט דאַרף אַ גאָט און מיר, ייִדן, נייטיקן זיך אין דעם צענפֿאַכיק. זינט מיר האָבן פֿאַרלוירן אונדזער אַלטן שטייגערישן גלויבן האָבן מיר שוין איבערגעדינט אַ סך עבֿודה־זרות און געגלייבט אין אַ סך געצן — אין ראַציאָ, אין בילדונג, אין גלייכקייט, אין דעמאָקראַטיע, אין סאָציאַליזם, אין קאָמוניזם, אין וויסנשאַפֿט, וואָס וועט באַדעקן די ערד ווי די וואַסערן באַדעקן דעם ים, און זיי וועלן נישט בייז טאָן און זיי וועלן נישט שעדיקן... און איצטער לעבן ייִדן אינגאַנצן אָן אַ גאָט. און צו וואָס דאָס קאָן אונדז ברענגען ווילט זיך גאָרנישט טראַכטן.

ג

די טראַגעדיע פון דער גאָטלאָזער דערציִונג

מיר האָבן גערעדט און געשטרעבט צו אַ וועלטלעכער דערציִונג און אַרויס איז אַ גאָטלאָזע דערציִונג, אַ דערציִונג מיט אַלע סכנות, וואָס זעען זיך שוין איצט קלאָר און דייטלעך אַפילו פאַר בלינדע.

אייגנטלעך איז די הייַנטיקע גאָטלאָזע דערציִונג געקומען צו אונדז פון דער פרעמד, נישט ביי אונדז איז זי געבוירן געוואָרן און זיך אַנטוויקלט. שוין הונדערט יאָר ווי עס איז פאָרמולירט געוואָרן די באַגרינדונג פון דער פאָזיטי־וויסטישער דערציִונג. די דערציִונג דאַרף זיין נוציק אויף דער וועלט, אין פּראַקטישן לעבן. די שול דאַרף גרייטן די קינדער צום לעבן, זיי דאַרפן שפּעטער פאַרנעמען אַן אָרט אין פּראַקטישן לעבן. און היות ווי די מאַשין איז געוואָרן דער הויפּטפאַקטאָר אין לעבן, דאַרף מען די יוגנט צופּאַסן צו דער טעכניק, צו דער פּראָדוקציע. די אַלע אַמאָליקע רייד וועגן עטיק, וועגן רעליגיע, עסטעטיק, קונסטן, דאָס אַלץ איז פאַרעלטערט, ווייל אַ פאַר גוט אויפגעניייטע שטיוול איז וויכטיקער פון כל הקונסטן אין דער וועלט. דער ציל פון דער דערציִונג איז די קאַריערע, די אויפגאַבע וואָס דער קומענדיקער בירגער וועט קאָנען דערפילן אין דער טעכנישער גרויס־פּראָדוקציע. די טעכניק האָט פיינט פאַרטראַכטע מענטשן, די הערשערין־מאַשין פאַרטראָגט נישט די „פאַרחלומטע מלאכים". דער אידעאַל פון אַ מענטשן איז אַ געלטמאַכער, אַ „סעלפמייד־מען", אַ פלינקע אָריענטאַציע און וואָס ווייניקער אינעוויינִיקסטע אָפּהאַלטער, וואָס ווייניקער אַזעלכע אומ־נוציקע זאַכן ווי עסטעטיק, עטיק, פילאָסאָפיע, ליטעראַטור וכדומה. געפילן, וועלט־פּראָבלעמען — דאָס זענען זאַכן פאַר די אַמאָליקע פּריצישע ליידיקגייערס; מיט דער בעסטער פּאָעזיע, מיט דער טיפסטער פילאָסאָפיע וועט מען קיין פאַר שטיוול נישט אויפנייען, קיין געלט נישט מאַכן... — פּאָזיטיוו און פּראַקטיש דאַרף זיין די דערציִונג! — אַזוי האָט געזאָגט די געטין־טעכניק!

האָט אַמאָל די שול געהאַט אין זינען די קולטור פון פאָלק, זיין ליטעראַ־טור, די נשמה און געפיל פון פאָלק זאָל דורך דעם איבערגעגעבן ווערן צו דעם ווייעם דור. וויל מען די קינדער פון פאָלק זאָלן אַריינדרינגען אין דער המשכדי־קייט פון פאָלק, דאַרף מען די נשמה פון פאָלק, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין זיין קול־טור, אַריינגעבן אין דער יוגנט. איז געקומען די הערשערין־מאַשין און האָט גע־געבן אַנדערע לוחות: אַראָפּ מיט די שאַלעמויזן וואָס נוצן נישט! און דער מענטש אין מענטשן איז געזונקען. גרויס איז טאַקע דער גייסט פון מענטשן, מעכטיק איז זיין שעפערישקייט, טיף איז ער אַריינגעדרונגען אין אַלע סודות פון יצירה, אָבער ער דינט — דער גרויסער גייסט — דעם טעכנישן גולם, דעם אשמדאי.

פאַר די אַנטפּלעקטע סודות האָט דער מענטש פאַרקויפט זיין נשמה. דאַרף די דערציִונג צוריק ציִען צו גאָט, צו ליטעראַטור, צו עסטעטיק, צו קונסט, צו עטיק, צו מענטשן און נישט צו דער מאַשין.

און ווידער קאָן זיך דאָ שטעלן די אַלטע פראַגע: צי קאָן מען נישט אויף ס'ניי פאַרפירן די דערציִונג פון איין קנעכטשאַפט צו אַ צווייטער? צי וועט דער געדאַנק פון דער אַרבעט נישט זיין מסוגל צו פאַרפירן די דערציִונג צוריק צו דער מיטל־עלטערלעכער פינצטערניש, צו דער הערשאַפט פון קלער מיט אַלע אירע שרעקלעכע אַטריבוטן? דאָ רעדט זיך דאָך פון אַ גאָט וואָס קינדער קאָנען נישט באַנעמען; וועט די דערציִונג האָבן אין זינען עפּעס איינס, און ביי די קינדער וועט אַרויסקומען צוריק אַ גאָט אַן אַנטראָפּאָמאָרפישער, אַ געצנדינערישער. צי טאָר מען דאָס? צי איז עס נישט קיין וועג פון פייער און פלאַם? צי ברענגט עס נישט צוריק יענעם גאָט וואָס די וועלט האָט זיך קוים פון אים באַפרייט?

ניין און ניין, איך האָב פאַר דעם קיין מורא נישט, און אָט פאַרוואָס: עס איז פאַראַן אין דער ביאָלאָגיע אַן אַלטער כלל, אַז יעדער אינדיווּיד מאַכט דורך אין זיין אָנטאָגענעטישער (יחידישער) אַנטוויקלונג בערך די זעלביקע סטאַדיעס, וואָס זיין גאַנצער מין האָט דורכגעמאַכט אין זיין פילאָגענעטישער אַנטוויקלונג (פון דעם גאַנצן מין). מיר זאָגן: דער אָנטאָגענעזיס חזרט איבער דעם פילאָגענעזיס. אַזוי זאָגן מיר אויך אין דער פּעדאַגאָגיק: עס איז נאַטירלעך און גע־ווּנטשן אַז יעדער מענטשלעכער יחיד, יעדער קינד זאָל אין זיין יחידישער, גייסטיקער אַנטוויקלונג דורכמאַכן אַלע עטאַפּן, וואָס די מענטשהייט בכלל האָט דורכגעמאַכט אין איר אַלגעמיינער אַנטוויקלונג, אין איר געשיכטע. איך זאָג: דער מענטש וואָס האָט אין זיין קינדהייט נישט געהאַט קיין גאָט אין הימל, וועט זעלטן אין זיין דערוואַקסנקייט האָבן אַ גאָט אין האַרצן. און זאָלן קינדער זיין קינדיש, זאָל פאַר זיי זייער פאַנטאַזיע בויען אַ הימל מיט אַלע זיי־נע געטלעכע אַטריבוטן ווי פאַר דעם פרימיטיוון מענטשן. עס איז אַ מדרגה וואָס קינדער דאַרפן נאַטירלעך דורכמאַכן איידער זיי קאָנען דערגרייכן אַ העכערע אַבסטראַקטע מדרגה. זאָלן, פאַרקערט, די קינדער האָבן די פאַרשטעלונגען פון אַ משיח, וואָס דאַרף קומען און באַפרייען די וועלט פון שלעכטס, זאָלן זיי קאָנען טרוימען וועגן אַ משיחן וואָס מאַכט די וועלט גוט און פרידלעך, און אַל־דאָס בייז און שלעכטס וועט אויסגעראָטן ווערן. און זאָלן זיי זיך יאָ פאַרשטעלן אַז גאָט קוקט פון הימל און זעט אַלץ וואָס זיי טוען און וועט זיי באַשטראָפן פאַר אַלע זייערע עבירות און באַלוינען פאַר די גוטע זאַכן, פאַר די מצוות... עס וועט אויך שפּעטער, אין אַ מער ראַציאָנאַליסטישן עלטער, צונויפקומען, ווען די אַלע פרימיטיווע פאַרשטעלונגען וועלן טראַנספאָרמירט ווערן אין העכערע, אַב־

סטראַקטע באַגריפן. דערצי̇ען קינדער אָן לעגענדעס, אָן פּערזאָניפיקאַציעס מיינט פאַרוועלקן די נשמות פון די קינדער, דערצי̇ען קינדער אָן אַ פּערזאָניפיצירטן גאָט הייסט דערשטיקן זייער מאָראַל; דערצי̇ען יי̇דישע קינדער אָן דעם יי̇דישן גאָט, הייסט לכתחילה זיי דערווייטערן פון יי̇דישן פאָלק.

מען האָט אַמאָל אין סאָוועטן־לאַנד פאַרבאָטן צו האָבן אין קינדערגערטנער ליאַלקעס: זאָל לעבן די ראַציאָנאַליסטישע דערצ"ונג, נידער מיט גאָט און מיט די ליאַלקעס! דאַכט זיך, אַז דאָרטן איז מען שוין לאַנג אַוועק פון יענער פּרי־מיטיווער פּעדאַגאָגיק. ביי אונדז זענען נאָך פאַרבליבן אַ סך „גאָטספאַרכטיקע״ דערצי̇ער, וואָס פאַרשטייען וועלטלעכקייט צו פּרימיטיוו, — ביי אונדז זענען נאָך דאָ לערער, וואָס זינגען מיט די קינדער נישט „גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן״, נאָר נאַטור, נאַטור, גיב אַ רעגן...

ד

וויסנשאַפט און רעליגיעזקייט

עס איז אויך נישט קלוג און פּרימיטיוו נאָריש די פאַרשטעלונג, אַז די וויסנשאַפטן לייקענען אָפּ רעליגיעזקייט. עס זענען שוין ביי אונדז אַריבער די צייטן ווען באַוווסטזיניקע בחורים האָבן געפּריידיקט, אַז עס איז נישטאָ קיין נשמה, עס איז דאָ נאָר וואַזדוך (לופט)... עס איז אויך אין דער וויסנשאַפטלע־כער ביאָלאָגיע אַריבער די צייט פון מעכאַניזם. עס איז, ווי מיר דוכט זיך, פּונקט דאָס פאַרקערטע: ערשט די וויסנשאַפט אַנטפּלעקט פאַר אונדז מערער און טי־פער דעם „מה רבו מעשיך ה׳!״, ערשט די וויסנשאַפט דערהייבט דעם מענטשן צו דערפילן, נישט בלויז וויסן, די גרויסקייט וואָס אין קלענסטן, די וווּנדערלעכע קאָמפּליצירטקייט פון דעם איינפאַכסטן, און אַזוי אַרום איז טאַקע די וויסנשאַפט בכוח צו דערהייבן די מענטשלעכע נשמה צו די העכסטע הייכן פון דער רעלי־גיעזער עמאָציע, אָן דער נויטווענדיקייט צוצוגעבן פאַרשיידענע טעאָלאָגישע צו־גאָבן, וואָס צעשטערן בלויז די עצם עמאָציע. נישט אומזיסט זענען אַ סך גרויסע מענער פון דער וויסנשאַפט געווען טיף רעליגיעז, איך וועל דאָ אָנרופן נאָר אַ פּאָר נעמען: פּאַסקאַל, דאַרווין און אויך אונדזער איינשטיין (הגם צו דער אָפּי־ציעלער רעליגיע האָט ער קיין שייכות נישט געהאַט). מען קאָן נישט זיין אָן אמתער וויסנשאַפטלער און נישט איבערלעבן מיט דער העכסטער באַגייסטע־רונג די טיפע גרויסקייט פון דעם באַשאַף, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר די אָפענע נשמה־אויגן אין יעדער קול דממה דקהדיקער דערשיינונג פון קאָסמאָס. און וואָס טיפער עס איז דאָס וויסן, אַלץ נענטער איז מען צו דעם „אחד״, ווייל „אלוהים בגמטריא הטבע״ — זאָגט די יי̇דישע קבלה.

די אמתע וויסנשאַפט שטאַמט פון דעם עץ הדעת וואָס איז איינגעפלאַנצט

אין מענטשן און וואָס איז מסוגל צו שאַפֿן אַ גן־עדן אין מענטשן גופא. דער־הייבן אים צו דער געטלעכער מדרגה, וואָס אַ מענטש קאָן נאָך דערגרייכן. דאָס איז דאָס פייער פון ישעיהו הנביא. די טעכניק אָבער שטאַמט פון עץ החיים — פון דעם דראַנג צו אַ באַקוועמערן לעבן. דאָס איז דאָס פייער פון פּראָמעטעוס, וואָס העלפט טאַקע קאָכן אַ געשמאַקערן מיטאָג, אָבער דער מענטש באַצאָלט דערפאַר מיט דער נשמה וואָס ווערט ביי אים אויסגעפּיקט...

עס ווערט דערציילט: ווען משה איז געקומען צו פרעה כדי צו באַפרייען, כדי צו מאַכן פון שקלאַפן פרייע מענטשן, האָט ער געמאַכט נסים, פרעה זאָל גלייבן. אָבער די מצרישע חרטומים האָבן אויך געמאַכט די זעלביקע נסים. משה — כדי צו דערלייזן, די חרטומים — כדי צו פאַרשקלאַפן.

אויך היינט זיצן חרטומים און שאַפן נסים ונפלאות און חשבונען מיט מע־כאַנישע מוחות און שטיינערנע הערצער צו שאַפן עפּעס אַזאַ מין שד, וואָס זאָל אין געציילטע סעקונדן דורכפליען פון פייערלאַנד אין דרום ביז באַפינלאַנד אין צפון און אויסראָטן די וועלט. און פון דער צווייטער זייט זיצן אַנדערע חרטומים און חשבונען דעם זעלביקן חשבון צו שאַפן זייער גולם, וואָס זאָל מאַכן אַ תל פון וולאַדיוואָסטאָק ביז לענינגראַד און אָפּמעקן דאָס לעבן פון דער ערד... און ווען דער טעכנישער גולם איז שוין דאָ — ווער קאָן אים אָפּהאַלטן?

פאַראַן נאָך אַן אגדה: ווען נח האָט געראַטעוועט דאָס לעבן פון מבול, האָט ער גענומען פלאַנצן אַ ווייגאָרטן — צו דערפרייען גאָט און לייט. איז געקומען דער שטן און געמאַכט מיט אים שותפות: וואָס נח טוט מיט געטלעכע כוונות, קומט דער שטן און ער נעמט אַלץ צו פאַר זיך... אַזוי איז מיט דער וויסנשאַפט און טעכניק.

דאַרף די וויסנשאַפט איצט באַפרייט ווערן פון דער שותפות מיט דער טעכ־ניק, זאָל די וויסנשאַפט זיין ריין, נישט אָנגעווענדט, נישט פאַר די חרטומים. און אָט די ריינע וויסנשאַפט — זי גייט האַנט אין האַנט מיט דער רעליגיעזקייט.

צוזאַמען מיט דער וויסנשאַפט דאַרף באַפרייט ווערן אויך די דערציִונג. עס איז פאַלש די איצט אָנגענומענע מיינונג, אַז מען דאַרף אין דערציִונג אַריינ־טראָגן מער טעכניק, — עס איז פאַרקערט: מען דאַרף אין דער דערציִונג אַריינ־ברענגען מער מענטש! מער פרייען געדאַנק, מער געפילן, מער עמאָציעס, מער רעליגיעזקייט...

איך זאָג רעליגיעזקייט און נישט רעליגיע. רעליגיעזקייט איז די ריינע עמאָ־ציע, רעליגיע איז די געזעלשאַפטלעכע, אָרגאַניזירטע אויסלעבונג, וואָס קאָן זיין אַרומגעוואַקסן מיט אַזוי פיל צוגאָב־אַקטיוויטעטן, ביז די עצם עמאָציע ווערט שוין גאָר פאַרלוירן...

קערן מיר זיך אום צו דער רעליגיעזער עמאָציע.

ה

דערציִונג און עמאָציעס

עמאָציעס זענען פאַראַן נידעריקע און העכערע. די ערשטע זענען די וואָס אויך חיות און בהמות קאָנען איבערלעבן — כעס, הונגער, פחד וכדומה. די העכערע — זענען די וואָס גיבן נישט קיין פיזישע באַפרידיקונג דעם קערפּער ווי, למשל, עסטעטיק, רעכטגעפיל, עטיק, רחמנות, אינטעלעקטועלע באַפרידיקונג, וויסנגיריקייט (אין אונטערשייד פון נייגיריקייט, וואָס קאָן זיין אויך ביי בהמות). צו די העכערע עמאָציעס דאַרף מען צורעכענען אַן איבערלעבונג, וואָס מען קאָן זי רופן קאָסמאָס־געפיל. דאָס איז טיילווייז אינטעלעקטועל און טיילווייז עסטעטיש. זי איז געווען שטאַרק אַנטוויקלט ביי די תהילים־זינגערס, געקומען צום אויסדרוק איז זי, למשל, אין דעם קורצן זאַץ „מה רבו מעשיך!". די פּראָפּאָרץ צווישן די נידעריקע עמאָציעס און די העכערע וואָס אַ מענטש קאָן איבערלעבן באַשטימט זיין אַרט — מענטש אָדער ריידעוודיקע, קולטיווירטע בהמה. צום אומגליק פון דער וועלט זאָרגט די דערציִונג מער פאַר דער צווייטער ווי פאַר דעם ערשטן. די נידעריקע עמאָציעס זענען בראשיתדיק שטאַרק איינגעבוירן. די דערצייִונג דאַרף זיי ערשט איינהאַלטן, אָפּשוואַכן, טראַנספאָרמירן, סובלימירן, ד"ה אַריבערפירן פון חיהשע פאָרמען צו מענטשלעכע. די העכערע עמאָציעס זענען סעקונדער, זיי דאַרף די דערציִונג ערשט איינפלאַנצן, אַנטוויקלען. די נידעריקע עמאָציעס זענען אַלע פאַרבונדן מיט דעם עץ החיים — מיט דעם פיזישן לעבן, — די העכערע זענען דער געביט פון עץ הדעת, צום פיזיש־פיזיאָלאָגישן לעבן האָבן זיי נישט קיין שייכות.

די העכערקייט פון די עמאָציעס גייט אין צוויי ריכטונגען: דער סכום אויפרעגערס, וואָס קאָנען אַרויסרופן די עמאָציעס. וואָס מער אויפרעגערס קאָנען אַרויסרופן אַן עמאָציע, אַלץ פילבאַרער איז דער מענטש. די צווייטע ריכטונג איז די טיפקייט פון דער עמאָציע. די העכסטע, די טיפסטע איז די רעליגיעזע עמאָציע, וואָס צו איר ציִען זיך אַלע העכערע עמאָציעס, זי איז זייער העכסטע פאָרעם. דאָ זענען מענטשן שטאַרק פאַרשיידן: איינער קאָן זיך באַגייסטערן פון אַן אויסערגעוויינלעך־שטאַרקער נאַטור־דערשיינונג און אַ צווייטער מענטש קאָן אַריין אין התפעלות פון א קול דממה דקה אין דער נאַטור. איינער זעט די „גבורות הבורא" אין אַ מעכטיקן אַרויסשפּריץ פון אַ ווולקאַן, און אַ צווייטער דערזעט זיי אַפילו אין דעם אַרויסשפּראָץ פון אַ קליין גרעזל, וואָס „וויס זיין ציִט פון בליִען און וועלקן". איינער דערפילט געטלעכקייט אין „געשאָקלט און זיך געוואָקלט האָט די ערד, די גרונטפעסטן פון די בערג האָבן געציטערט, זיך געשאָקלט וויל גאָט האָט געצאָרנט" (תהילים י"ח), און אַ צווייטער דערפילט

דאָס זעלביקע אין אַ שטומען זונפאַרגאַנג אַפּילו. ווער עס באַוווּנדערט די אייביקע באַוועגונג פון די פּלאַנעטן און ווער עס קאָן באַנעמען עמאָציאָנעל דאָס יאָגן זיך פון עלעקטראָנען אין אַטאָם. אָבער אומעטום אין קאָסמאָס איז פאַראַן אַזוינס, וואָס אַ מענטש מיט אַ געפיל מאַכט אויף דעם אַ ברכה אין האַרצן „ברוך עושה מעשי בראשית״. צו דעם דאַרף שטרעבן די דערציִונג. נישט שלעפּן דעם קאָסמאָס צו דעם מענטשן אין מאָגן אַריין, נאָר הייבן דעם מענטשן צו דער הייך פון דער געטלעכקייט אין דעם גאָרן באַשאַף.

עס איז פאַר מיר אַ וווּנדער און אַ שטאָלץ דער מדרש וואָס זאָגט: „אַ רשע איז אין זיין לעבן ווי אַ טויטער: ער זעט די זון גייט אויף און ער מאַכט נישט קיין ברכה, זי פאַרגייט — און ער מאַכט נישט קיין ברכה״... ווי קאָן ער זיין אַ מענטשישער מענטש, אַז ער פילט נישט די שיינקייט און די גרויסקייט פון די דערשיינונגען? נאָר איין וואָרט וואָלט איך דאָ געביטן: נישט צו אַ טויטן איז דער רשע געגליכן נאָר צו אַ בהמה. אַ מענטש וואָס האָט נישט קיין געפיל צו דערפילן די גרויסקייט פון „און זי (די זון) ווי אַ חתן גייט זי אַרויס פון איר קאַמער און זי פרייט זיך ווי אַ גיבור צו לויפן איר וועג״... אַזאַ מענטש קאָן נישט פאַררעכנט ווערן צו דעם שבט מענטש. אַ דערציִונג וואָס לערנט בלויז צו מאַכן באָמבעס, צו קאָכן אַ געשמאַקן מיטאָג, — אַזאַ דערציִונג איז שעדלעך: זי גיט אַ שאַרפע האַק אין די הענט פון אַ פּאָטענציעלן גזלן. מיר האָבן שוין געהאַט דעם טרויעריקן זכות צו זען די וועלט מיט אַלע וויסנשאַפטן אין די הענט פון געבילדעטע גזלנים און געלערנטע רוצחים און זיי זענען געווען געפערלעכער פון אַלע ווילדסטע וואַלד־גזלנים...

און עס איז מיין פּערזענלעכע שטאָלצע צופרידנקייט וואָס נאָך אין 1919, אין מיין ערשטער פּראָגראַם פון נאַטור־וויסנשאַפט פאַר ייִדישע שולן, האָב איך געשריבן: פּונקט ווי אונדזערע אַמאָליקע האָבן געהייסן אַ ברכה מאַכן אויף דעם וואָס פון דער ערד וואַקסט אַרויס אַ שטיקל ברויט, אַזוי דאַרפן מיר אין די שולן אַנטוויקלען אַ געפיל פאַר „המוציא אַ שטיקל גלאָז מן הארץ״. און געשריבן איז עס געווען אונטער דער ממשלה פון אַנטירעליגיעזע מושלים („שול און לעבן״, קיִעוו 1919, 1טער נומער).

מיר האָבן אַמאָל אין די זומער־קאָלאָניעס פון ווילנער לערער־סעמינאַר געהאַט אַ מינהג אויפצוהייבן זיך איין מאָל אין זומער גאָר פאַרטאָג און גיין אויף אַ באַרג באַגעגענען דעם זונאויפגאַנג (אין ווילנע איז עס אַרום צוויי ביינאַכט). דערביי פלעגט מען נישט טאָרן ריידן. נישט איין מאָל האָב איך געהערט פון פריִערדיקע תלמידים, אַז עפּעס אַ מין רעליגיעזן געפיל פלעגן זיי איבערלעבן דערביי. איך אַליין האָב אַ סך מאָל איבערגעלעבט אַזאַ דערהויבענע עמאָציע אין פאַרבינדונג מיט שטילע נאַטור־דערשיינונגען. איך האַלט אַז עס איז

בפירוש אַ רחמנות אויף די מענטשן, וואָס האָבן נישט אַנטוויקלט דעם חוש, — אַ רחמנות אויף זיי און אין זיי איז אַ סכנה פאַר דער מענטשהייט. איך ווייס נישט ווהין די מענטשהייט וועט דערגיין, ווען זי וועט אינגאַנצן פאַרלירן די פעיקייט איבערצולעבן עטוואָס ענלעכס.

מען דאַרף אָבער תמיד האָבן אין זינען, אַז פונקט ווי די עמאָציעס קאָנען זיך סובלימירן ביז דער העכסטער רעליגיעזער מדרגה, פונקט אַזוי קאָנען זיי אויך דעגענערירן. דאָ איז אויך דער כוח פון מענטשן: ביי דער חיה איז ליבע, למשל, אַ גלייכע ליניע, ווי דער באַשעפער האָט עס אַריינגעגעבן. ביי מענטשן קאָן די ליבע דערגיין ביז צו שיר השירים, אָבער זי קאָן אויך אַראָפּפאַלן ביז דער שאול תחתיה...

אַפילו אַזוינע דראַנגען ווי סעקס און רציחה האָבן זיך געקאָנט סובלימירן אין רעליגיעס. עס איז דאָך באַקאַנט די רעליגיעזע פראָסטיטוציע (אַפילו אונדזערע פראַנקיסטן זענען געווען נישט ווייט פון דעם). זענען דאָך אין משך פון יאָרהונדערטער געגאַנגען שיין־געפּוצטע פּראָצעסיעס מיט פרומע ליכט און פרומע געזאַנגען צו פראַווען ספּעקטאַקלען פון ברענען לעבעדיקע מענטשן פאַר גאָט... אפשר האָבן זיי סוביעקטיוו טאַקע געגלייבט אַז גאָט וויל עס, אָבער אָביעקטיוו איז אין דעם זיכער געווען אַן אָפּשטאַם פון רציחה, פּשוטער רציחה־דראַנג אין אַ מאַנטל פון פרומער רעליגיע...

עס זענען פאַראַן רעליגיעס אייגנהאַלטנדיקע, וואָס דערלאָזן נישט קיין ענלעכע דעגענעראַציע, און פאַראַן רעליגיעס וואָס באַרעכטיקן זיי. ביי ייִדן איז פאַראַן אַ באַגריף פון „מצווה הבאה בעבירה" — אַזאַ מצווה איז פאַר זיך אַן עבירה. און ביי אַנדערע איז פאַראַן אַ פּרינציפּ, אַז דער ציל באַרעכטיקט די מיטלען: אַלע עבירות מעג איך אָפּטאָן, כדי צו קומען צו דעם הייליקן ציל. איינע אַ הייַנטצייטיקע וועלטלעכע רעליגיע האָט זיך פאַרמאָסטן אַראָפּצוברענגען משיחן דורך מיליאָנען קרבנות. נו, זענען די קרבנות מערער און מערער און דער משיח — אַלץ ווייטער און ווייטער.

ביי אונדז איז געזאָגט געוואָרן, אויב די חבלי משיח, די צרות וואָס דורך זיי דאַרף קומען משיח, זענען אַזוינע גרויסע, — זאָל ער בעסער לגמרי נישט קומען. פאַר דעם ייִדישן געפיל איז כאַראַקטעריסטיש דער משל פון ייִדישן משלים־שרייבער א. שטיינבאַרג וועגן דעם „וואַלד־צדיק — דעם פוקס — וואָס גייט ברענגען די גאולה דורך גאַנצע גריבער לעבערלעך פון האָזן, שעפעלעך, הינער און פון אינדיקעס און פון ריינע טייבעלעך". און ער ענדיקט: „ווײ, ווײ! וויפל מען האָט געשפּאָלטן בייכעלעך, טייכעלעך זיך געגאָסן בלוט און טרערן, ווייל די גאולה וויל מען ברענגען, ערלעך וויל מען ווערן"...

שטאַרקע אָפּנייגונגען, פאַרקרימונגען האָבן רעליגיעס דורכגעמאַכט. אַ סך

צרות האָבן געמאַכט רעליגיעס, אָבער גוט אַנטוויקלטע קאָסמאָס־רעליגיעזקייט האָט אָהער נישט קיין שייכות. בפרט נאָך קאָן דאָ אויסגענוצט ווערן די ייִדישע רעליגיע.

ו

עטלעכע אייגנשאַפטן פון דער ייִדישער רעליגיע

מען דאַרף אונטערשיידן רעליגיעס טעאָלאָגישע און נאַציאָנאַלע. די ערשטע פאַרנעמען זיך בעיקר מיט גאָט, זיין מהות, זיינע אַטריבוטן, אַלע יום־טובים זענען פאַרבונדן מיט גאָט, מיט די געשעענישן אַרום גאָט. אין צענטער פון דער גאַנצער רעליגיע איז גאָט. אַזאַ רעליגיע קאָן זיין אוניווערסאַל, אַ סך פעלקער קאָנען געהערן צו דער זעלביקער רעליגיע און דאָך זיין אין גרונט פאַרשיידן אין זייער קולטור, אין זייער נאַציאָנאַל־פאָלקישן שטייגער. אַנדערש איז די ייִדישע רעליגיע. טעאָלאָגיע ווי אַזאַ איז ביי ייִדן כמעט ווי פאַרבאָטן: מען טאָר זיך נישט פאַרנעמען מיט מה למעלה ומה למטה, מיט מעשי מרכבה, אַלנפאַלס איז עס שטאַרק באַגרענעצט, נאָר פאַר יחידי סגולה; פרובירן אַריינגיין אין „פרדס אַריין" איז גאָר אַ גרויסע סכנה, נאָר איין ר' עקיבא האָט זוכה געווען אַריינצוגיין בשלום און אַרויסקומען בשלום. דער צענטער פון דער ייִדישער רעליגיע איז נישט גאָט, נאָר דאָס ייִדישע פאָלק, זיינע גורלות, זיינע ליידן און פריידן זענען דער מקור פון די ייִדישע יום־טובים און תעניתים. בכלל האָט די ייִדישע רעליגיע נישט קיין גאָט־עפּאָפּייע ווי אַזאַ, נישט קיין ביאָגראַפיע, נישט קיין פאַרזיכיקע עקזיסטענץ־געשיכטע, נישטאָ ביי ייִדן קיין איין ווערק, קיין איין קאַפּיטל, דאַכט זיך, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט גאָט באַזונדער, פאַר זיך, נישט אין פאַרבינדונג מיט דעם לעבן פון פאָלק אָדער פון קאָסמאָס. גאָט איז נישט איבער אונדז, נאָר מיט אונדז, נישט איבער דעם באַשאַף, נאָר אין אים, מיט אים. דאָס געטלעכע איז פאָלקיש און דאָס פאָלקישע איז געטלעך. „ישראל, קודשא בריך הוא ואוריתא — חד הוא" — פסקנט נאָך די ייִדישע קבלה, דווקא די מיסטישע לערע: גאָט און ייִדישקייט איז איינס. די תורה ווי אַ שאַפונג איז געטלעך און פאָלקיש אין דער זעלביקער צייט, ווייל געטלעכקייט און פאָלקישקייט איז איינס. מען טאָר אַפילו נישט זוכן גאָט מחוץ זיינע אַנטפּלעקונגען אין לעבן פון זיין פאָלק אָדער פון זיין באַשאַף בכלל. מען קאָן זאָגן, אַז די ייִדישע רעליגיע אין איר אינטעלעקטועלער ריינקייט פאַרנעמט זיך בלויז מיט דעם געטלעכן אין דער וועלט, זי פאַרבאָט אַפילו צו דענקען, זיך פאָרצושטעלן אַ גאָט באַזונדער, פאַר זיך, מחוץ דער וועלט. נישט אומזיסט האָבן די פאַרצייטיקע גריכן געהאַלטן אַז ייִדן זענען אַ פאָלק אָן אַ גאָט. איך מיין, אַז אַפילו אַ היינטיקן מענטשן מיט אַ נישט־ייִדישן גערדאַנקען־גאַנג (אַ סך ייִדן

פאַראַן פון דעם מין) איז זיך שווער פאַרצושטעלן אַזאַ מין „גאָטלאָזע געטלעכ־קייט". דערפאַר איז פאַר ייִדן אוממעגלעך אַ פאָלקישע אַנטירעליגיעזקייט, ווייל די עצם רעליגיע איז אַזאַ ביי אונדז. מען קאָן דאָך נישט יאָ גלייבן אין פאָלק און נישט גלייבן אין זיין געטלעכקייט! די ייִדישע רעליגיע (אָדער ייִדישקייט — אַלץ איינס) באַמיט זיך צו פאַרגעטלעכן דאָס מענטשלעכע און פאַרמענטש־לעכן דאָס געטלעכע. דאָס געטלעכע איז פאָלקיש און דאָס פאָלקישע איז געט־לעך. דאָס פאָלקישע דאַרף פאַרהייליקט ווערן, דערהייבן ווערן צו דער מדרגה פון דער רעליגיע.

צו אָט דעם פאָלקיש־געטלעכן קאָמפּלעקס קומט נאָך צו דאָס קאָסמישע. דער ערשטער ייִד ווערט אַזאַ, ווייל „ויוציא אותו החוצה" — גאָט פירט אַרויס אברהמען אין דרויסן און הייסט אים באַטראַכטן די שטערן, דעם קאָסמאָס. אברהם ווערט אָבער נישט קיין טעאָסאָף, קיין טעאָלאָג און נישט קיין פילאָסאָף, — ער פאַרנעמט זיך גאָר מיט הכנסת אורחים. לויט דער תלמודישער לעגענדע האָט דאָס קאָסמישע געבראַכט אברהמען צו זיין רעוואָלט קעגן מאַטעריעלע געֿ־טער, אָבער דאָס דינען צו גאָט, צו דעם קאָסמישן גאָט גייט נאָר דורך דעם פאָלקישן, נאַציאָנאַלן. ביי נישט־ייִדן קאָן זיין אַ פּרינציפּ „וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צום קייסער (אָדער צום פאָלק) איז צום קייסער" — צוויי פאַרשיידענע געביטן זענען דאָס. ביי ייִדן איז עס אוממעגלעך. ביי ייִדן איז דער פאָלקישער שטייגער די רעליגיע, וואָס צום פאָלק איז איינצייטיק צו גאָט אויך. פאָלק־דינסט איז גאָטדינסט. א ה ב ת י ש ר א ל איז איינצייטיק טאַקע אויך א ה ב ת ה מ ק ו ם. מען קאָן פאַנאַנדערטיילן פּאָלישקייט און קאָ־טאָליציזם. מען קאָן אָבער נישט אָפּטיילן ייִדישקייט פון ייִדישער רעליגיע און פאַרקערט. שווער ביי ייִדן מיט גרים (קשים גרים לישראל), ווייל מען קאָן נישט אָננעמען קיין ייִדישע רעליגיע אָן ייִדישקייט.

די גוטע גויים ווילן אונדז זיין דאַנקבאַר פאַר דעם, וואָס מיר האָבן גע־בראַכט דער וועלט דעם מאָנאָטעיִזם. ווייס איך נישט צי דער כבוד קומט אונדז טאַקע באמת, עס קאָן דאָך זיין, אַז יענער מצרישער קייסער, ווי מען האָט אים דאָרטן גערופן, האָט זיך צו דעם דערטראַכט. איבעריקס, האַלט איך אַז ביי פעל־קער איז דער מאָנאָטעיִזם לגמרי נישט מאָנאָטעיִסטיש, און אַז איין גאָט קאָן אויך זיין אַ גוטער געץ — אויף צוויי פיס צי אויף פיר פיס איז אַ קנאַפּער אונ־טערשייד ביי מיר אין די אויגן.

דאָס וואָס ייִדן האָבן יאָ געבראַכט — די ד ע מ אַ ט ע ר י אַ ל י ז אַ צ י ע פון גאָט־באַגריף — דאָס האָט טאַקע די קלוגע וועלט פון אונדז נישט איבער־גענומען...

אין אָט דעם פאָלקיש־געטלעכן שטייגער גייט אַריין דער גאַנצער סכום

יידישקייט. איז דאָך דער שולחן־ערוך אין תוך אַריין בלויז אַ קאָדיפיקאַציע פון פאָלקישן שטייגער. דאָס פאַרוואַנדלען די זיטן און מינהגים פון פאָלק אין דער רעליגיע. אין זעלביקן גייסט וואָלט נישט בלויז דער בעל התניא געדאַרפט שאַפן אַ שולחן־ערוך, נאָר אויך היינטיקע נאַציאָנאַלע יידן וואָלטן אַזאַ געדאַרפט האָבן. מען קאָן נישט זיין אַ נאַציאָנאַלער ייד און אָפּוואַרפן גאָר דאָס רעליגיעזע, מען קאָן נישט שאַפן אַ נאַציאָנאַל־יידישע קולטור וואָס זאָל זיין אַנטירעליגיעז. סיידן מען זאָל דאָס נייע אויך פאַרוואַנדלען אין רעליגיע: פונקט ווי פאַרצייטן איז פאַרהייליקט געוואָרן מצה און דער אוראַלטער בגד — דער טלית, אַזוי וואָלט מען איצט געדאַרפט און געמעגט פאַרהייליקן קניידלעך, קרעפּלעך וכדומה. וואָס איז די יידישע רעליגיע? — זי איז נישט קיין געטלעכע נאָר אַ פאָלקישע, זי איז אַלץ וואָס טיילט אָפּ יידן פון נישט־יידן.

און אַזוי איז דער גאַנצער יידיש־רעליגיעזער וועלטבאַנעם געוואָרן אייגנאַרטיק אַנדערש: ביי פעלקער איז הייליקייט אַ מתנה פון גאָט, זי קומט פון הימל, זי האָט נישט קיין מענטשלעכן אָפּשטאַם, אַ מין גייסטיקע שטאָף, וואָס גאָט אַליין גיט עס אַ געשאַנק צו די וואָס זענען אים ליב. ביי יידן קומט הייליקייט נישט פון גאָט נאָר טאַקע פון מענטשן, פון זייער פירונג און האַלטונג. אַפילו גאָט אַליין קריגט זיין הייליקייט פון מענטשן. פונקט אין דער פאַרקערטער ריכטונג — נישט פון הימל אַראָפּ, נאָר פון דער ערד אַרויף. „והאל הקדוש נקדש בצדקה", זאָגט ישעיה. קדושה — געטלעכקייט איז נישט אַנדערש ווי דערהויבענע מענטשלעכקייט. דאָס פאָלקיש־נאַציאָנאַלע דאָס איז די רעליגיע און דאָס הויך־מענטשלעכע איז געטלעך־הייליק, קדושה. דערפאַר זענען ביי יידן פאַראַן צ ד י ק י ם ביי פעלקער זענען דאָ ק ד ו ש י ם — הייליקע. די ערשטע טוען מצוות, די צווייטע טוען נסים. אַ גרויסער אונטערשייד! דער רמב"ם זאָגט: „קדושים תהיו — הייליק זאָלט איר זיין — דאָס מיינט מען ציווים לקיים המצוות... היה קודש בעשותך כל מה שציוויתיך, ונזהר מכל מה שהזהרתיך ממנו... כשהקב"ה מחדש מצווה לישראל הוא מוסיף להם קדושה, ומקיים המצוות ייקרא קדוש... קדושים — זו קדושת המצוות („ספר המצוות", לויט פראָפ׳ רותס „ילקוט הדעות והמידות"). דאָ קומט מיט דער גאַנצער רמב"מישער קלאָרקייט און קאַטעגאָרישקייט דער יידישער צוגאַנג. ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער שרייבט: „אנו ממליכים את ד׳ אלוהינו" — גאָט קיניגט ווייל די מענטשן מאַכן אים קיניגן.

דער גרעסטער קעגנער פון חסידות — דער ווילנער גאון און זיינע דירעקטע תלמידים — האָבן נישט אַנדערש געהאַלטן. ר׳ חיים וואָלאָזשינער ציטירט אַן אַלטן מדרש און חזרט איבער, אַז די גבורה פון גאָט, אָדער זיין שוואַכקייט, כביכול, ווענדט זיך פון דעם ווי יידן פירן זיך — „בזמן שישראל עושין רצונו

של מקום, מוסיפין כוח בגבורה של מעלה... ובזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום, הם מתישין כוח גדול של מעלה" (ציטירט לויט א. מענעס, „שריפטן", 190 — 192).

אַפילו דער עולם־הבא, דער גיהנום און דער גן־עדן — דער גאַנצער ענין פון שכר ועונש איז לגמרי נישט קיין ענין פון אַ שטרענגער געטלעכער בוכהאַל־טעריע, ווי עס איז די פּרימיטיווע אַלגעמיינע פאַרשטעלונג, נייערט עס איז דער דירעקטער רעזולטאַט פון דעם מענטשנס פירונג (ירמיהוס — „תיסרך רעתך", זשאַן זשאַק רוסאָס „נאַטירלעכע שטראָף"). „האמת שהעולם הבא הוא מעשי ידי אדם עצמו שהרחיב והוסיף והתקין חלק לעצמו במעשיו. רשעין מעמיקין להם הגיהנום" („נפש החיים" פון ר' חיים וואָלאָזשינער, ציטירט לויט מענעס). די מצוות פאַרנעמען זיך מער מיט מענטשן ווי מיט גאָט; ייִדישקייט האָט טאַקע ביז גאָר נישט לאַנג נישט געטראָגן ביי ייִדן דעם נאָמען רעליגיע. רעליגיע איז מער אַן ענין בין אדם למקום, אַזוי צוזאָגן, בעת ייִדישקייט האָט איבערהויפּט זיך פאַרנומען מיט בין אדם לחברו און, וואָלט איך געזאָגט, בין אדם לעצמו. ייִדישקייט איז אַלעמאָל געווען ברייטער איידער רעליגיע, עס האָט זיך נישט באַגרענעצט מיט דינען גאָט, נייערט עס האָט אַרומגענומען אַלע אייגנטימלעכע אַנדערשקייטן, וואָס שיידן אָפּ ייִדן פון אַנדערע פעלקער. און דאָס אַלץ איז אָפּ־געהיט געוואָרן, כדי צו זיין אַ ייִד, פירן זיך ווי אַ ייִד, האָבן אַ ייִדיש האַרץ וכדומה.

פון די פּרושים ביז דעם ווילנער גאון איז דער קיום המצוות געווען גע־וועגדט נישט צו דער יחידישער אויסלייזונג, נאָר דער ציל איז געווען די אחדות האומה — איין תורה און איין פאָלק; מינהג ישראל איז וויכטיקער ווי אַ דין. הלכה עוקרת מקרא. נייע אָנגענומענע מינהגים זענען נייע תורות. טאָר מען זיך נישט באַגנוגענען מיט איין מאָל און אויף שטענדיק געשאַפענעם שולחן־ערוך. האָט דער רב (ר' שניאור זלמן) געשאַפן אַ נייעם שולחן־ערוך. האָט אויך זיין גרעסטער קעגנער — דער ווילנער גאון — געטראַכט דאָס צו טאָן. אויב ער האָט עס נישט געטאָן, האָט עס געשאַפן זיין מחותן דער בעל חיי אדם — ר' אברהם דאַנציקער. אַ מענטש טאָר נישט בלייבן אין דער בחינה פון אַן „עומד", ווי אַ מלאך, נאָר ער דאַרף אַלץ גיין פאָרויס, ער מוז זיין אַ הולך, אַ „גייער". אַזוי דאַרף די ייִדישע תורה אַלץ שטייגן, אַלץ רייכער ווערן דורך די חידושי דור ודור. נאָר נישט פיקסירן די ייִדישקייט, ווי דאָס האָבן געוואָלט די צדוקים, די קראים, אַ סך פון די משכילים, אַ סך פון די היינטיקע פרומע. פאַרענדיקטע תורה איז אַ טויטע תורה, אַ באַלזאַמירטע. דאָס ייִדישע פאָלק קאָן נישט לעבן מיט אַ טויטער באַלזאַמירטער ייִדישקייט. די תורה שבעל פה פון יעדער דור, די קולטור־שאַפונגען פון יעדער נייער תקופה — אין זיי איז דער קיום האומה

(מען דאַרף נאָר האָבן די שאַרפע קריטעריע וואָס איז ייִדישע שאַפונג און וואָס מען מוז דן זיין לגניזה און נישט אַריינגעמען אין סכום פון תורת ישראל).

אויפנעמען ייִדישקייט נאָר ווי רעליגיע איז געווען אַ באַוועגונג צו פאַר־שמעלערן ייִדישקייט, עס איז געווען דער ווילן צו לעבן ווי נישט־ייִדן און פון ייִדישקייט לאָזן בלויז אַ קליינעם טייל אונטערן נאָמען רעליגיע; עס איז געווען דער פאַרלאַנג צו זיין פראַנצויזן, דייטשן, פּאָליאַקן, רוסן פון משהס גלויבן. אין דעם נאָמען רעליגיע (אָדער גלויבן) איז געווען אַן אָפּזאָג פון כולדיקער ייִדיש־קייט, און אין דער אַ ריכטונג איז עס טאַקע געגאַנגען ווייטער. עס זענען געווען צוויי היפּוכדיקע וועלטבאַנעמען: פריִער האָט געגאָלטן פאַר ייִדן אַ פּרינציפּ, וואָס איז אָפּגעהיט געוואָרן הגם נישט פאָרמולירט „אַלץ וואָס עס איז ייִדיש־לעך איז מיין גלויבן, גאָר די ייִדישקייט איז מיין רעליגיע". דעם שפּעטערדיקן צוגאַנג דאַרף מען פאָרמולירן פאַרקערט: „נאָר די רעליגיע איז גאָר מיין ייִדישקייט".

אָבער — אַ סומע איז תמיד גרעסער פון יעדערן פון אירע טיילן, און ייִדישקייט איז תמיד און אויך איצט מער, ברייטער און פאַרנעמיקער פון דער ייִדישער רעליגיע. מען קאָן זיין רעליגיעז פרום און דאָך קולטורעל זיין נישט קיין ייִד (דאָס האָבן דאָך טאַקע געוואָלט די עמאַנציפּאַציע־ייִדן). די כוזרישע גרים זענען לויט זייער רעליגיע געווען ייִדן, אָבער נישט קולטורעל. מען רעדט וועגן אַ סך גרים אין יאַפּאַן, אָבער דאָס זענען קולטורעל יאַפּאַנעזער וואָס האָבן אַ ייִדישן גאָטדינסט. איך האָב אַמאָל געזען אין ארץ ישראל רוסן־גרים. זענען זיי געווען רוסן וואָס האָבן געדאַוונט ווי ייִדן. ערשט אין צווייטן צי אין דריטן דור זענען זיי געוואָרן ייִדן. די פראַנקפורטער פרומע דייטשן פון משהס גלויבן האָבן קולטורעל נישט געהערט צו ייִדישקייט, אַזוי אויך די קראָקעווער רעליגיעז־פרומע חסידים האָבן נישט אָפּגעהאַלטן דעם שטראָם פון פּאָלאָניזאַציע. ווייל ייִדישקייט איז אַ געשיכטלעך אָנגעוואַקסענע און כסדר וואַקסנדיקע שטייגער־רישע לעבנס־קולטור. זי נעמט אַרום אַלע פירונגען פון טעגלעכן לעבן, נישט בלויז „וואָס עס איז צו גאָט". דאָס רעליגיעזע, דאָס דינען גאָט, מעג עס זיין זייער פרום, לויט אַלע קאַנאָניזירטע שולחן־ערוכס, איז בלויז אַ טייל פון ייִדיש־קייט, און אַ טייל איז אַלעמאָל קנאַפּער פון דעם גאַנצן. און אַ קאַנאָניזירטער, כמו אַ טויט־באַלזאַמירטער טייל, קאָן בכלל נישט זיין קיין טייל פון אַ לעבע־דיקן אָרגאַניזם, וואָס הערט נישט אויף זיך צו ענדערן, זיך צו אַנטוויקלען.

דאָס איז נאָך פאַרצייטן געווען די מחלוקת פון די עוואָלוציאָניסטישע פּרו־שים מיט די קאָנסערוואַטיוו־אָרטאָדאָקסאַלע צדוקים. די פּרושים האָבן זיך כסדר געפירט לויט דעם פּרינציפּ, אַז „פּעמים ביטולה של תורה זוהי יסודה" (מנחות צ"ט). די צדוקים אָבער האָבן זיך אָרטאָדאָקסיש שטרענג געהאַלטן אַן פאַר־

שריבענעם וואָרט בנוגע צו דער ריינער רעליגיע. דערפאַר אָבער האָבן זיי אין אַנדערע געביטן פון לעבן געקאָנט זיך גרינג העלעניזירן.

אָבער פונקט אַזוי ווי די פיקסירטע רעליגיע קאָן נישט אַרומנעמען גאָר די יידישקייט, אַזוי קאָן עס אויך נישט באַווייזן די אַזוי גערופענע וועלטלעכע יידישקייט, וואָס מיינט, פאַרקערט, צו קאָנען אויסמיידן אַלע די שטייגער־עלע־מענטן פון יידישקייט, וואָס זענען רעליגיעז קאַנאָניזירט געוואָרן. זיי קאָנען יאָ געענדערט, רעפאָרמירט ווערן, אָבער בשום אופן נישט אויסגעמיטן ווערן. אַזוי אויך קאָן מען נישט פאַרבייטן יידישקייט מיט שפּראַך, צי עס איז העברעיש צי עס איז יידיש. די פאָרמול וואָס האָט אַמאָל געגאָלטן אין ראַטנפאַרבאַנד „סאָ־ציאַליסטיש לויט דעם אינהאַלט און נאַציאָנאַל לויט דער פאָרעם (שפּראַך)", האָט נישט אויסגעהאַלטן נאָך איידער עס איז געקומען דער פּאָגראָם אויף יידישקייט.

דעם טיפן אונטערשייד צווישן דער יידישער רעליגיע (יידישקייט) און דער קריסטלעכער קאָן מען זען אין דעם כאַראַקטער פון די הייליקע שריפטן (דער באַגריף „כתבי הקודש" איז ביי יידן געקומען שפּעטער. פריער איז געווען נאָר „תורה" — די לערע ווי אַזוי צו לעבן). דער ברית חדשה איז קאָנצענטרירט אַרום דער פערזאָן פון גאָטס זון. דער תנ"ך — אַרום דער געשיכטע פון דעם פאָלק. משה איז אַ מענטש, וואָס האָט אַפילו געזינדיקט ווי אַלע אַנדערע מענטשן. יידישקייט־רעליגיע איז נישט צו דינען גאָט, נאָר ווי צו זיין אַ ייד, ווי צו דינען דעם פאָלק. דער גאַנצער יידישער רעליגיעזער וועלטבאַנעם איז אַנדערש. (אויב מיר זאָלן נישט נעמען אין אַכט די נאַיווע פאַרשטעלונגען פון המון). דער יידי־שער גאָט, ווי מיר האָבן עס שוין געזאָגט, האָט נישט קיין שום באַזונדערע מאַ־טעריעלע סובסטאַנץ, מחוץ דער וועלט, איבער דער וועלט. גאָט איז אין זיין באַשאַף, די גאַנצע וועלט איז געטלעך, „כבודו מלא עולם" — אין תנ"ך און „לית אתר דפנוי מניה" (נישטאָ קיין אָרט פריי פון גאָט) — אין דער קבלה, און „הוא מקומו של עולם" — אין דער גמרא, און דערפאַר איז „מקום" גאָטס נאָמען. און אין דעם זעלביקן גייסט זינגט ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער:

אַז אומעטום איז דאָך דו,
מטה — דו, מעלה — דו,
דו—דו—דו...

עס איז איינס — גאָט און וועלט. און דערפאַר טראַכט נישט וועגן מהות פון גאָט, נאָר וועגן אַלדעם געטלעכן אין דער וועלט. דערפאַר איז תנ"ך אַזוי פול פּאָעטישע נאַטור־באַשרייבונגען (איבערהויפּט אין תהילים) און פון דאַנען קומט דער רעליגיעזער עקסטאַז: פון פּאָעטישער איבערלעבונג צו רעליגיעזער. שפּע־

טער, ווען מען האָט זיך באַמיט צו פֿאַרבינדן ייִדישקייט מיט מעשׂים פֿון יעדן יחיד, זענען אויפֿגעקומען די ברכות אויף אַלע געניסן און אַלע נאַטור־דערשיינונגען. שפּעטער, ווען די גוטע וועלט אַרום האָט אונדז געצווונגען זיך אָפּצוזונדערן אין דער ענגשאַפֿט פֿון געטאָ, איז די אידענטישקייט צווישן גאָט און דער נאַטור געוואָרן ווייניק, איז אויפֿגעקומען אַ צווייטער באַגריף „קודשא בריך הוא ואוריתא וישׂראל איז איינס".

דער גאַנצער באַגריף וועגן גאָט האָט שטאַרק עוואָלוציאָנירט: פֿון אל נקמות, פֿון אלוהי צבאות, איש מלחמה וכדומה ביז הרחמן, ביז „טאַטע האַרציקער", אבינו שבשמים — איז גאָר אַ ווייטער מהלך. קריסטן זאָגן אַז דער ייִדישער גאָט איז אַ שטרענגער, אל קנא ונוקם, אָבער זייער גאָט איז אַ גוטער. דאָס איז דערפֿאַר ווייל זיי ווייסן נישט, באַנעמען נישט, ווילן נישט באַנעמען די גאַנצע ווייטערדיקע עוואָלוציע פֿון גאָט־באַגריף נאָך דעם תנ"ך.

אויך וועגן מתן תורה איז פֿאָרגעקומען אַן עוואָלוציע אין די באַגריפֿן, אפֿשר נישט אָפֿן, כּדי נישט אַריינצוגיין אין קיין קאָנפֿליקטן מיט דעם דירעקטן זינען פֿון די פּסוקים. מתן תורה איז אַ דויערנדיקער פּראָצעס, נישט קיין איינמאָליקע דערשיינונג. בכל דור ודור דאַרף אַ ייִד זיך זען ווי ער שטייט אויפֿן הר סיני. אַז תורה — מגילות מגילות ניתנה (גטין ס'), אַז „אפֿילו מה שתלמיד וותיק עתיד לחדש ניתן למשה מסיני" (ירושלמי, חגיגה פ"א; מגילה פ"ד), אַז „כללות נאמרו בסיני, ופרטות — באוהל מועד, ונשתלשלו בערבות מואב" (חגיגה ו'). אַז „אי אפשר לבית מדרש בלי חידוש", אַז „וואָלט די תורה געגעבן געוואָרן אַ געחתמעטע, אַן אָפּגעשניטענע, וואָלטן מיר נישט געהאַט ווו זיך צו האַלטן".

דער עצם באַגריף פֿון סיני איז ביי ייִדן געוואָרן נישט קיין געאָגראַפֿישער, נאָר אַ סימבאָלישער. איז אַ געלערנטער ייִד, וואָס איז מחדש תורה אַ „סיני ועוקר הרים" און אַלע טראַדיציעס זענען הלכה למשה מסיני. אַז אַלטע, טראַדיציאָנעלע ניגונים זענען סיני־ניגונים, אַז אַפֿילו די ייִדישע טייטשווערטער זענען אויך מסיני (זע ש. נאָבל), איז דאָך קלאָר, אַז מעמד הר סיני איז אַ פּראָצעס, וואָס גייט מיט ייִדן דורך זייער גאַנצער געשיכטע ביז היינט און ווייטער.

אין זעלביקן גייסט קאָן אויך פֿאַרשטאַנען ווערן דער „משה עלה למרום" נישט אין פֿיזישן זינען, נישט צו די לופֿטהימלען, נאָר צו דער הימל־הויכער מענטשלעכקייט, וואָס איז איינצייטיק טאָקע געטלעכקייט אויך, איבער אַלץ וואָס עס איז ערדיש, איבער אַלץ וואָס באַהעפֿט מענטש און בהמה... אַוודאי זענען אונדזערע תורות געטלעך, ווייל איבערמענטשלעך, ווייל געטלעכקייט דאַרף מען גאָרנישט זוכן אין באַשטימטע געאָגראַפֿישע פּונקטן, ווי אַנדערע רעליגיעס גלייבן. אויב דער סיני איז דעמאַטעריאַליזירט געוואָרן און איז געוואָרן אַ סימבאָל, איז

געטלעכקייט אַ מדרגה פון העכסטער מענטשלעכקייט, ווי קדושה בכלל, ווי מיר האָבן דאָס באַטראַכט פריִער.

די ענינים זענען צו דעליקאַט מען זאָל זיי קאָנען פּשוט דעפינירן, און גלייכער איז זיך דאָ אָפּצושטעלן און — והמבין יבין.

ייִדישקייט איז, ווי שוין געזאָגט, אַ סך מער ווי אַ רעליגיע, — עס איז דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן. און דערפאַר האָט ייִדישקייט קיינמאָל נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט אומגעענדערטע און אייביקע דאָגמעס. אַזאַ אומגעענדערטע דאָגמע קאָן זיין בלויז מחוץ דעם לעבן, אין לעבן דאַרף אַלץ און מוז אַלץ זיך בייטן. דער רמב״ם האָט יאָ געפּרובירט באַזירן ייִדישקייט אויף דרייצן עיקרים, אָבער ווייט נישט אַלע ייִדן זאָגן זיי און אויך די וואָס זאָגן זיי יאָ, כאַפּן זיי אָפּ צום סוף פון דאַוונען, שוין נאָכן אויסשפּייען. פאַרקערט, אין דער טראַדיציע ווערט כסדר אונטערגעשטראָכן אַז „דברי תורה פּרים ורבים״, אַז די תורה דאַרף זיין געגליכן צו ווייץ און צו פלאַקס, וואָס מען דאַרף ווייטער באַאַרבעטן (אַ מדרש קעגן די קאַראַימער). די ייִדישקייט פון איין דור איז קיינמאָל נישט קיין פּשוטע קאָפּיע פון דער ייִדישקייט פון פריִערדיקן דור. די גמרא דערציילט אַז משה רבינו האָט נישט פאַרשטאַנען די תורה פון ר׳ עקיבאס תלמידים (מנחות כ״ט, ב׳). זי שטרייכט אָבער אונטער, אַז עס „הלכה למשה מסיני״. ד״ה — דאָס איז דער כלל אין ייִדישקייט: פון איין זייט איז „אי אפשר לבית מדרש בלי חידוש״ און פון דער צווייטער זייט איז „כל תורה שאין לה בית אב, אינה תורה״. אָן אַ זאַמען פון פריִערדיקע דורות קאָן קיין בוים נישט אויסוואַקסן און זאַמען וואָס מען האָדעוועט נישט ווייטער ווערן פאַרדאַרט און פאַרטריקנט. עס איז תמיד פּושט צורה ולובש צורה, עס איז דור דור ודורשיו און דור דור ודרשותיו, דור דור ותקנותיו, נייע איינפירונגען, נייע תקנות און נייע תיקונים, הלכות, דינים, מצוות און עבירות קומען צו און קומען אָפּ. עס הענגט תמיד אָפּ ווי די צייט איז גורם. פאַראַן צייטן ווען די גמרא הייסט יהרג ולא יעבור אפילו על ערקתא דמסאנא — פאַר דעם קלענסטן מינהג — און פאַראַן צייטן ווען דער רמב״ם האָט פאַרטיידיקט די געשמדטע אנוסים (אגרת השמד). און אַלעמאָל האָט מען זיך געריכט לויט דער זאָרג „שמא יכלה זרעו של אברהם אבינו״ — עס זאָל, חלילה, נישט אונטערגיין דאָס ייִדישע פאָלק ווי אַזאַ. און דערפאַר האָט טאַקע דער רמב״ם פאַררעכנט דאָס פאַרמערן די צאָל ייִדן פאַר דער ערשטער מצווה. און יעדער ייִדישער מינהג, וואָס האָט אונטערגעשיידט און אָפּגעשיידט ייִדן פון אַנדערע פעלקער, האָט מען פון צייט צו צייט קאַנאָניזירט ווי אַ געבאָט, ווי אַ מצווה. און אַלץ פאַר דעם קיום האומה, כדי אויף דער וועלט זאָל בלייבן דאָס מענטשלעך־געטלעכע אין דעם ווירוואַר פון מענטשלעך־חיהשעס.

און ווייל ייִדישקייט איז איבערהויפּט לעבנס־שטייגער, פיל מער ווי אַ

סכום גלויבונגען און קרעדאָס, קאָן ייִדישקייט נישט זיין קיין „ריינע״ רעליגיע. נאָך שפינאָזע האָט געהאַלטן אַז ייִדישקייט איז די נאַציאָנאַלע קאָנסטיטוציע פון ייִדישן פאָלק, אַז ייִדישע רעליגיע קאָן דערפאַר נישט זיין קיין אוניווערסאַ־לע, בעת קריסטנטום איז יאָ אוניווערסאַל, אמת שפינאָזע האָט דערפאַר גע־האַלטן אַז די ייִדישע רעליגיע איז פּרימיטיווער פון קריסטנטום, מיר מיינען אָבער אַז מען קאָן זיי לגמרי נישט פאַרגלייכן: ייִדישקייט איז אַ לעבנס־שטיי־גער און קריסטנטום איז אַ רעליגיע אָן אַ לעבנס־שטייגער.

ווי שפינאָזע בשעתו האָבן אויך די ערשטע משכילים געבענקט נאָך אַ ייִדישקייט וואָס זאָל זיין בלויז אַ רעליגיע — אַ טעאָלאָגישע סיסטעם פון דאָג־מעס און קרעדאָס, וואָס מען קאָן יוצא זיין נאָר מיט דעם „ריינעם״ גלויבן אין זיי. מיר פּאָלעמיזירן דאָ נישט מיט די משכילים, מיר ווילן זיך באַגנוגענען בלויז מיטן צוגעבן, אַז דער לעצטער טעאָרעטיקער פון אַ ריינעם ייִדישן גלויבן איז, דאַכט זיך, געווען ד״ר זשיטלאָווסקי, וואָס האָט אַמאָל געשריבן וועגן ייִדן פון אַלע גלויבנס״. ביי היינטיקן טאָג איז עס זיכער פאַר אַלעמען, דאַרף עס זיין זיכער פאַר אַלעמען, אַז ייִדישקייט איז קודם־כל אַ סכום פירונגען, מצוות מעשיות, וואָס זייער ציל איז דער קיום פון ייִדישן פאָלק. נישט קיין רעליגיעזע סיסטעם איז ייִדישקייט, נאָר אַ נאַציאָנאַלע, נישט פאַר גאָט, נאָר פאַרן פאָלק. די מצוות קאָנען זיך בייטן, קאָנען אָפּפאַלן און עס קאָן צוגעגעבן ווערן, די קרי־טעריע איז אַלעמאָל — פאַרהיטן דעם קיום פון פאָלק, פאַרהיטן פון דער סכנה „שמא יכלה זרעו של אברהם אבינו״, וואָס איז גלייך צו דער סכנה פון „שמא תשכח תורה מישראל״ — טאָמער וועלן ייִדן, חלילה, פאַרלירן זייער לערע ווי צו לעבן און ווי צו פירן זיך. הכלל — אָן פּראַקטישע נאָרמעס קאָן זיך נישט האַלטן קיין ייִדישקייט אַפילו אין משך פון צוויי דורות. וועלטלעכע, נאַציאָנאַלע ייִדישקייט אָן ייִדישער פּראַקטיק איז — צעברעכן די פאַס און איינהאַלטן דאָס וויין.

**
*

אַז מען וויל קאָן מען זאָגן: ייִדן האָבן זיך באַגזלט און די גזלה פאַרשריבן אויף דער קאָנטע פון רבונו של עולם: אַלץ ער, מיר — דאָס פאָלק גאָרנישט. ער האָט געזאָגט, געהייסן, געשאַפן, געשריבן — אַלץ ער, ווידער ער, אָבער ער. דאָס פאָלק גאָרנישט. און אַז מען וויל קאָן מען זאָגן פאַרקערט: די ייִדן האָבן זייער גאָט אויך אַריינגענומען צו זיך — ער און מיר, ביידע צוזאַמען „והייתם לי לעם ואנוכי אהיה לכם לאלוהים״ ביז דער פולער אידענטישקייט „ישראל ואוריתא וקודשא בריך הוא חד״.

און אפשר איז עס געווען אַ גליקלעכער אויפטו, וואָס די וואָכעדיקע ייִדי־שע פירונג און דער פשוטער שטייגער איז קאַנאָניזירט געוואָרן צו אַ געטלע־

בער רעליגיע: עס איז דאָך שווער צו זיין אַ ייִד, קטני אמונה פעלן קיינמאָל נישט, און נאָכמאָכן די שטאַרקע שכנים איז אַלעמאָל גרינגער, ווי צו זיין אַ מיעוט, און אַ פאַרהאַסטער מיעוט — על אחת כמה וכמה; און גיין על קידוש השם, שטיין אין פלאַמען, אַנגעצונדן דורך די געטרייע נאָכפאָלגער פון גאָט פון ליבע, און שטאַרבן מיט שמע ישראל אויף די ברענענדיקע ליפן איז נאָך שווערער; האָבן ייִדן געגומען מיט זיך דעם ה׳ אחד און זיך געמאַכט גרינגער. דער קודשא בריך הוא איז אונדזער שותף אין צער און אין צרות — ער העלפט אויך טראָגן דעם שווערן יאָך פון קיום האומה. נישט דאָס פאָלק פאַר גאָט, נאָר ער פאַרן פאָלק, צוזאַמען מיט אונדז קלאָגט ער אויפן חורבן.

דער גן־עדן און גיהנום אויף יענער וועלט און נאָך און נאָך ענינים פון השגחה פּרטית מיט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון אינדיווידועלן שכר ועונש זענען צוגעקומען אין גאַנג פון דער שווערער ייִדישער געשיכטע, כדי צו פאַרענטפערן די אַלטע קשיא (פון ירמיהו הנביא): צדיק ורע לו, רשע וטוב לו, מדוע דרך רשעים צלחה? אָבער דער אמתער ייִד, דער טיפער, דענקענדיקער ייִד האָט אויף דעם נישט געוואָרט לגמרי: דערציילט מען אויף דעם ווילנער גאון, ער זאָל האָבן געזאָגט: „אליהו קאָן דינען גאָט אויך אָן עולם־הבא" און אויף זיין בר פלוגתא, דעם בעל התניא, דערציילט מען ווידער ער זאָל האָבן געזאָגט: „איך דאַרף נישט, רבונו של עולם, דיין עולם־הבא און איך דאַרף נישט דיין עולם־הזה, איך דאַרף נאָר דיך". און אהבת המקום איז אידענטיש מיט אהבת ישראל. און — לאָמיר דאָ צוגעבן פון זיך — אהבת ישראל איז פריִער, ליב האָבן ייִדישקייט און דורך דעם ליב האָבן ייִדן.

ווילן מיר דאָ פּרובירן רעזומירן וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן ביז איצט:

1. — די ייִדישע רעליגיע איז נישט קיין טעאָלאָגישע, נאָר אַ פאָלקיש־נאַציאָנאַלע, זי איז דער קאָנאָניזירטער שטייגער פון פאָלקס טראַדיציאָנעלן לעבן און איר ציל איז דער קיום פון פאָלק ווי אַזאַ;
2. — זי איז אַ מענטשלעכע וואָס באַמיט זיך צו דערהייבן ביז צו דער מדרגה פון געטלעכקייט;
3. — קרעדאָס, גלייבונגען, דאָגמעס און פּרינציפּן־סיסטעמען פאַרנעמען אין ייִדישקייט נישט קיין אָרט;
4. — די אָנגעהעריקייט צו ייִדישקייט ווערט באַשטימט דורך מעשים, פירונגען און נישט דורך גלייבונגען;
5. — די דאָזיקע שטייגער־פירונגען זענען פאָלקישע, וואָס זענען במשך פון דורות פאַרהייליקט און קאָנאָניזירט געוואָרן;
6. — אויך אַלע יום־טובים זענען פון נאַציאָנאַל־געשיכטלעכן אָפּשטאַם און נישט פון רעליגיעזן;

7. —פאַראַן שטייגער־מינהגים, וואָס זענען אַזוי אַלט אַז זיי זענען פאַרקאַנאַ־ניזירט געוואָרן און פאַרשריבן ווי אַזוינע אין די קאָדעקסן און פאַראַן אַנ־דערע, וואָס זענען יינגערע שטייגער־נאָרמען און זיי זענען נאָך נישט פאַר־שריבן געוואָרן. דער טלית און דער חסידישער גאַרטל, מצה און קניידלעך וכדומה;

8. — אַלץ צוזאַמען האָט איין ציל — אויפצוהאַלטן דעם קיום פון פאָלק, וואָס האַלט זיך נאָר אויף דעם אייגנטימלעכן שטייגער פון זיין לעבן.

ז

עטוואָס צו דער געשיכטע

די נביאים אין זייער לאַנד האָבן געפּריידיקט משהס אידעאַל פון „ממלכת כהנים און גוי קדוש", האָבן זייער ווייניק אַכט געלייגט אויף פּראַקטיק, און אפשר דערפאַר איז זייער אַרבעט געווען ווייניק פּרוכטיק... פּראַקטישע יידישקייט האָט זיך אָנגעהויבן אין בבל און דורך עזרא און נחמיה געבראַכט געוואָרן קיין ארץ ישראל (תקנות עזרא, בבא קמא פ"ב, א'). הלל מיט זיינע תקנות, ר' יוחנן בן זכאי אין לוד און אין יבנה (ראש השנה כ"ט, ב'). די תקנות פון גאונים, רבנים, ר' גרשום, קהילות, וועדים, וכדומה. און אַזוי ביז דער לעצטער צייט. אַזוי איז יידישקייט קיינמאָל נישט געווען קיין פיקסירטע, קיין פאַרענדיקטע איין מאָל פאַר אַלע מאָל. און אַלץ איז מסיני. אָבער נישט אין דעם פרימיטיוון זינען, אַז דאָרטן און דאָרטן, אויף דעם צי אויף יענעם באַרג (די גמרא זאָגט אַז דער באַרג איז מער נישט הייליק: „נסתלקה שכינתו — איז נסתלקה קדושתו", און אַזוי אויך מיט דעם אוהל מועד [תענית כ"א, ב']) איז דאָס געזאָגט געוואָרן מיט אַ געטלעכער שטים צו מענטשלעכע אויערן. מסיני מיינט אין חשיבות. דאָס נייע איז נישט ווייניקער חשוב ווי אַלדאָס פריערדיקע. מען דאַרף אויך נישט מיטגיין מיט דער פרימיטיווער פאַרשטעלונג, אַז די גאַנצע תורה שבעל פה איז אַ דע־טאַליזירונג פון דער פריערדיקער תורה שבכתב. פונקט פאַרקערט, פלעגן אַלע־מאָל צו ערשט קומען די מינהגים, שטייגער, פירונגען און תקנות. ערשט נאָך דעם פלעגט מען זוכן אַ סמך פאַר די מינהגים פון דער תורה („דור דור ודורשיו" פון א. ה. ווייס, הקדמה). דער טערמין איז געווען „מן התורה מנין". פלעגט מען זוכן, אפילו זאָל זיין אַ רמז, און נישט אַלעמאָל פלעגט מען געפינען. און די גמרא שעמט זיך נישט אויסצוזאָגן אַז עס זענען „בערג מיט הלכות וואָס הענ־גען אויף אַ האָר, ווייל הלכות זענען דאָ גאָר אַ סך און פסוקים — גאָר ווייניק" (חגיגה י"א).

צו ערשט האָט מען עקשנותדיק פאַרפעסטיקט אין פאָלק די אמונה אין

תחית המתים, אַזש אין די ערשטע פּסוקים פון שמונה־עשרה עס אַריינגענומען: עס איז בשעתו געווען נייטיק צו געבן דעם פאָלק, יעדן יחיד כאָטש אַ שטיקל סאַטיספּאַקציע פאַר אַלע שווערקייטן צו זיין אַ ייִד. דורות האָבן זיך געמאַטערט מיט דער פּראָבלעם „מדוע דרך רשעים צלחה?" און די אמונה אין תחית המתים האָט די פּראָבלעם פאַרענטפערט. ערשט שפּעטער האָט מען געזוכט פאַר דער אמונה אַ סמך אין דער תורה (סנהדרין צ' און ווייטער), און מען קאָן נישט זאָגן, אַז מען האָט געפונען טאַקע אַזאַ סמך, אַפילו די רמזים און דרשן וואָס מען ברענגט, הענגען אַפילו אויף אַ האָר אויך נישט.

עס זענען כסדר צוגעקומען נייע און נייע תפילות, ווידעראַמאָל אין אייבקלאַנג מיט די באַדערפעניִשן פון ייִדיש לעבן אין געגעבענער צייט. די תפילה „ולמלשינים" איז איינגעשטעלט געוואָרן אין יבנה (תענית י"ג, ב'), שפּעטער איז צוגעקומען „עלינו", „קדיש", כל נדרי (נאָכן תלמוד אַפילו), יקום פורקן און בכלל אַלע אַראַמישע תפילות (אַראַמיש — די ריידשפּראַך פון ייִדן, זייער „ייִדיש" פון דעמאָלט), נאָך שפּעטער — לכה דודי, זמירות, פּיוטים, סליחות, תחינות, אדון עולם (מן הסתם אין שפּאַניע), יגדל (לויטן רמב"מס עיקרים). גאָר שפּעטער — די תפילה זכה (פון חיי אדם אין ווילנע). מיט די זעלביקע רעכט האָט מיין פאָטער ז"ל געמאַכט פאַר זיך אַ פּריוואַטע תפילה, ווען ער האָט פון מיר מחמת דער ערשטער וועלט־מלחמה נישט געהאַט פיר יאָר קיין בריוו.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ווי יעדע אָרגאַנישע אַנטוויקלונג האָט אויך אונדזער רעליגיע צוגעקראָגן אַנוואוקסן אין המון, ביים פּשוטן פאָלק, פון פאַרשיידענע גלייבונגען און אַבערגלויבונגען, עלעמענטן פון כישוף אַפילו, סגולות, אָפּשפּרעכונגען און קמיעות. טיילווייז זענען דאָס לכתחילה געווען סימבאָלן, פּערזאָניפיקאַציעס, וואָס זענען איינגעוואַקסן ווי רעליגיעזע ווערטן (די נעמען פון די מלאכים ביים שופר בלאָזן וכדומה). אָבער מען דאַרף דאָס אַלץ אָפּטיילן פון דער ריינער אמונה ווי זי איז געווען ביי די געלערנטע ייִדן.

***

רעליגיע האָט פון אייביק אָן אירע באַדינער. דאָס איז דער קלער. זיין ראָל קאָן זיין פּאָזיטיוו. די רעליגיעזע עמאָציע איז די העכסטע וואָס אַ מענטש קאָן איבערלעבן. אין איר ריינעם געשטאַלט איז דאָס אַ קאָסמיש־פּאָעטישע איבערלעבונג. רעליגיע אָבער איז די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, ווי די איבערלעבונג צו מאַכן געזעלשאַפטלעך. ביי ייִדן האָט דער קלער נאָך אַ צווייטע אויפגאַבע, אַ ריין נאַציאָנאַלע — אויפצוהיטן און ווייטער צו פלאַנצן פון דור צו דור דעם פאָלקישן שטייגער, די פּראַקטיק פון לעבן, און די גייסטיקע פאַרהייליקטע אוצרות פון דעם פאָלקס קולטור.

ווי יעדער אַנדערע סאָציאַלע גרופּע קאָן אָבער אויך דער קלער ווערן שעד־

לעך, ווען ער ווערט אַ סאָציאַלער קלאַס און זוכט צו באַהערשן פּאָליטיש, סאָציאַל דאָס פאָלק מיט דער הילף פון רעליגיע, ווען ער באַמיט זיך צו פאַרכאַפּן די ערדישע מאַכט אין נאָמען פון די הימלען, אַזוי צו זאָגן.

אָבער די וועלטלעכקייט טאָר נישט און דאַרף נישט פון אַן אַנטיקלעריקאַלער באַוועגונג ווערן אַן אַנטירעליגיעזע. איבערהויפּט טאָר עס נישט געשען בײַ אונדז, ווו די רעליגיע איז אידענטיש מיט אונדזער פאָלקיש־נאַציאָנאַלן שטייגער.

אויך מינהגים ענדערן זיך. אַ הײַנטיקער שולחן־ערוך וואָלט געדאַרפט אַנדערש באַהאַנדלען די נאָרמעס פון אויפפיר. דער גאַנצער נס פון אונדזער אייביקייט באַשטייט אין דעם וואָס ייִדישקייט איז נישט שטייעדיק וואָסער. עס איז אַ פּראָצעס וואָס האַלט אין איין שטראָמען. נאָר נישט פיקסירט, נאָר נישט קיין באַלזאַמירטע ייִדישקייט. לעבן הייסט זיך ענדערן! פּונקט ווי די ייִדישקייט אין מזרח־אייראָפּע איז נישט געווען קיין פּשוטע קאָפּיע פון דער ייִדישקייט אין בבל, און פּונקט ווי די לעצטע איז נישט געווען קיין פּשוטע קאָפּיע פון דער ייִדישקייט אין ארץ ישראל, — אַזוי דאַרף אויך איצט די ייִדישקייט אין די גרויסע שטעט פון די נײַע קיבוצים זײַן אַנדערש. רעפאָרם? — יאָ, אָבער אין אַן אַנדער ריכטונג — נישט פ ו ן שטייגערישער ייִדישער פאָלקסטימלעכקייט, נאָר צ ו איר.

עס זענען איצט פאַר אונדז ווי אַלעמאָל צוויי וועגן — אַ צדוקישער — אַ פיקסירטע רעליגיע אין דאַווענען און אַסימילאַציע אין שטוב, אין לעבן און דער פּרושישער וועג — פאַרהייליקן אַלדאָס פאָלקסטימלעכע, אַלדאָס שטייגערישע. מיר האָבן אויך איצט אַן אַנגעוואַקסענע „תורה שבעל פּה", און מיר מוזן זי אַרײַננעמען אין סכום פון אונדזער הייליקער ייִדישקייט. די אַמאָליקע מיט איר לשון אַראַמיש און די נײַע מיט איר לשון ייִדיש. דער ערשטער וועג איז דער וועג פון אומקום, פון אָפּשניידן די געשיכטע. לעבן איז נאָר אין צווייטן וועג. עס איז איין קייט — אַ גאָלדענע אָדער אַן אײַזן־בלוטיקע — אַלץ איינס. דאַרפן די רעליגיעזע ייִדן אָנערקענען די גלײַכווערטיקייט פון דער גאַנצער ייִדישער שעפערישקייט, פון דער וועלטלעכער קולטור. און די וועלטלעכע ייִדן מוזן אַרײַננעמען אין זייער סכום ייִדישקייט גאָר דאָס רעליגיעז פאַרהייליקטע.

נישטאָ קיין צוויי ייִדישקייטן — אַ רעליגיעזע און אַ וועלטלעכע, — עס איז דאָ איינע, איין המשך, איין לעבעדיקער שטראָם. פאַראַן איין ייִדישקייט אין בסדרדיקן וווּקספּראָצעס. זי איז אונדז טייער אָדער הייליק (עס איז דאָס זעלביקע), צי מיט דער הייליקייט פון גאָט אָדער מיט דער וועלטלעכער הייליקייט פון פאָלק (עס איז ווידער דאָס זעלביקע!). וועלטלעכקייט און רעליגיעזקייט זענען נישט קיין היפּוכים פאַר אונדז. עס זענען בלויז צוויי ערליי ברילן — אַזוי צו זאָגן: די זעלביקע וועלט האָט דורך זיי אַן אַנדער קאָליר, אָבער די ייִדישקייט

איז די זעלביקע, איינע. אָדער מען נעמט זי אָן אין איר גאַנצקייט, אָדער מען וואַרפט זי אָפּ אין איר גאַנצקייט. זי איז אָבער איין שטראָמיקע גאַנצקייט אין איר געטלעכער אָדער פאָלקישער הייליקייט (אַלץ דאָס זעלביקע!). מען קאָן פון אַ בוים נישט אָננעמען איין טייל און אָפּוואַרפן דעם צווייטן, דער בוים איז איינער און אַזוי מוז מען אים באַהאַנדלען.

יעדער ייִד דאַרף זיין אַ „הולך״, אַ גייער, וואָס טאָר זיך נישט אָפּשטעלן אין זיין גיין צו עפּעס אַ העכערן ציל. אַ ייִד איז נישט קיין מלאך, וואָס איז אַ פּערפעקטער, אָבער אַן עומד — נישט שייך ביי מלאכים קיין גיין פאָרויס, קיין שטרעבונג (דערפאַר האָט דער ווילנער גאון און זיינע תלמידים נישט געהאַלטן פון די תפילות צו מלאכים, שלום עליכם מלאכי השרת וכדומה). און אַזוי דאַרף אויך די גאַנצע ייִדישקייט זיין איין פּראָצעס פון כסדרדיקער שאַפונג און איבערשאַפונג. פון דעם גאַנג טאָר זיך אויך די וועלטלעכע ייִדישקייט נישט אָפּזאָגן, אויב נאָר זי וויל זיך נישט אָפּרייסן פון דער שטראָמיקער אייביקייט, פון אירע וואָרצלען.

ח

וועלטלעכע ייִדישקייט

די וועלטלעכע ייִדישקייט קאָן און דאַרף גיין נאָר אין דעם וועג פון אַן אייגענעם נייעם אויסטייטשן אַלע אינהאַלטן פון פאַרגאַנגענהייט און צוגעבן צו די פאַרהייליקטע פאַרמעגנס פון פאָלק נייע און נייע אינהאַלטן. די אייביקייט פון ייִדישן פאָלק באַשטייט פון תקופות און תורות: די ערשטע תקופה פון לעבן און איר שאַפונג — דער תנ״ך. ווי נאָר די תורה איז פאַרחתמעט געוואָרן איז געוואָרן אַ סכנה פון פאָלקס אָפּשטאַרבן. זענען די, וואָס האָבן זיך געהאַלטן טאַקע ביז דער אָפּגעחתמעטער און פאַרענדיקטער תורה שבכתב (די צדוקים), אָפּגעשטאָרבן. האָבן די טרעגער פון אייביקייט (די פּרושים און זייערע נאָכפאָלגער) גענומען דעם ייִדישן שטייגער און פאָלקסשאַפונגען (הלכה און אגדה) און דאָס פאַרוואַנדלט אין אַ נייער תורה (שבעל פּה), פאַרבונדן די נייע מיט דער אַלטער, זי געשטעלט אויף דער זעלביקער הייך און נאָך העכער ווי די אַלטע. און מיט דעם האָט דאָס פאָלק געלעבט מער ווי צוויי טויזנט יאָר, שעפעריש געלעבט.

און איצט קומען ווידער פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס און ווילן חתמענען, עד כאן! דאַרפן קומען די וועלטלעכע און זאָגן: אין ייִדיש לעבן איז ווייטער אָנגעוואַקסן נייער שטייגער און נייע וואָרטשאַפונגען, איז דאָס אַלץ ווידער אַ נייע תורה, נייע הלכה און אגדה, נייע גאָרנס אין דער אייביקער געביידע פון ייִדישקייט.

אברהם גאָלאָמב

די תורה פון וועלטלעכער ייִדישקייט

און נאָך עפּעס: ווען איז די צייט וואָס מען דאַרף די אָנגעזאַמלטע תורות שבעל פה פאַרפיקסירן בכתב? — דאָס איז אַלעמאָל ווען דאָס פאָלק לעבט איבער אַ קריזיס. די ערשטע תורה שבכתב איז אייגנטלעך פאַרשריבן געוואָרן אין גלות־בבל און שפּעטער, הגם געחתמעט ענדגילטיק איז זי געוואָרן שוין נאָך דעם צווייטן חורבן (כל המכניס לתוך ביתו יותר מכ״ד ספרים מהומה הוא מכניס לתוך ביתו). די משנה, די גמרא — זענען אויך פאַרשריבן געוואָרן אין צייטן, ווען עס איז געווען שטאַרק די סכנה פון „שמא תשכח תורה מישראל״. דער רמב״ם מיט זיין משנה־תורה איז אויך געקומען אין נישט קיין רויִקע צייטן. דער שולחן־ערוך — ווידעראַמאָל. און עס איז, דווקא איצט די צייט און עס איז דער חוב פון דעם דור צו פאַרפיקסירן בכתב, דעם „תלמוד־אייראָפּע״ (ווי ראַבידאָוויטש ז״ל רופט עס אָן). אויך דער תלמוד־אייראָפּע האָט זיין אגדה — די לייטעראַטור, זיין הלכה — דעם שטייגער, זיינע מינהגים און זיין נגינה, זיינע דברי חול און דברי קודש, זיין פּראָזע און זיין פּאָעזיע. אָבער עס גייט לגמרי נישט בלויז אין אָפּדרוקן אַזויפיל און אַזויפיל געקליבענע שאַפונגען פון ייִדישן פאָלק. עס גייט אין אַ סך מערער: מען דאַרף די נייע תורות ווידער געבן דעם פאָלק, עס מוז זיין אַ נייער מתן־תורה. מיר האָבן שוין פריִער געשריבן, אַז אייגנטלעך איז ביי אונדז מתן־תורה נישט קיין איינמאָליקע דערשיינונג, בייערט עס איז אַ דויערנדיקער, אייביקער פּראָצעס. מוז דער פּראָצעס גיין ווייטער. דאַרפן די היינטיקע פּרושים, די וואָס אָנערקענען די וויכטיקייט און די טייערקייט און פאָלקישע הייליקייט פון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס „תלמוד־אייראָפּע״, די וועלטלעכע ייִדן, דאַרפן זיי אויך איצט דעקרעטירן די קדושה זיינע, זיין „מדאוריתא״, זיין *מסיניקייט*. אויך אויף אים גייט דער מאמר „הלכה למשה מסיני״, אויך אויף אים גייט דער מאמר אַז „כל מה שתלמיד וותיק עתיד לחדש ניתן למשה מסיני״. און לאָמיר זאָגן אָפן און דרייסט — די וואָס לייקענען די תורהדיקייט פון דעם גאַנצן תלמוד־אייראָפּע (תלמוד איז נישט קיין ספרים, נאָר אַ גאַנצע קולטור־סיסטעם) זענען צדוקים, קאַראַימער און זייער וועג איז אָפּצורייסן זיך פון ייִדישן היסטאָרישן פאָלק. יאָ, מיר שטייען אין מיטן פון קאַמף אינעווייניק אין דעם ייִדנטום — אַ פולשטענדיקע איבערחזרונג פון די אַמאָליקע קאַמפן. קענטיק אַז עס זענען ביי אונדז תמיד פאַראַן צוויי ריכטונגען — *המשיכיסטן און איבעררייסער*.

און דאָ הייבט זיך אָבער אָן אַ טאָפּעלע טראַגעדיע אין דער היינטיקער פאַזע פון אונדזער אינעווייניקסטער מלחמה: איבעררייסער זענען פאַראַן אַ סך, פון פאַרשיידענע מינים און מיט אַלערליי אידעאָלאָגיעס, אָבער קיין המשיכיסטן האָבן מיר כמעט נישט. לויט דער נאַטור פון די זאַכן וואָלטן דאָס געדאַרפט זיין

די וועלטלעכע ייִדן, די ייִדישיסטן. לויט דער נאַטור פון די זאַכן האָבן זיי געדאַרפט קומען און זאָגן: מיר נעמען אָן גאָר די ייִדישקייט פון אברהם אבינו, פון משה רבנו און ביז אונדז. אַלע שאַפונגען וווּ עס ווייזט זיך אַרויס דער ייִדישער גייסט, די נשמה פון פאָלק און זיין שעפערישקייט פון פאַרצייטן און ביז היינט, און ביז סוף כל הדורות — אַלץ איז אונדז טייער, אַלץ איז פאַר אונדז הייליק, אַלץ איז פאַר אונדז פאָלקיש־געטלעך. אונדזערע היינטיקע וועלטלעכע זענען נאָך צו דעם ווייט נישט דערגאַנגען, זיי ווילן נישט און אפשר קאָנען זיי נישט זען די גאַנצע ביז איצטיקע ייִדישע טראַדיציע מיט נאַציאָנאַל־וועלטלעכע ברילן.

אונדזערע עלטערן האָבן דאָס וואָרט „רעליגיע" נישט גענוצט, זייער טערמין איז געווען „ייִדישקייט" און ער האָט כולל געווען אַ סך מער ווי דאָס וואָס איז ערגעץ ווען פאַרשריבן געוועזן, עס האָט אַרומגענומען אַלץ וואָס שיידט אָפּ ייִדן פון אַלע אַנדערע אַרומיקע פעלקער — אין מידות, אין כאַראַקטער, אין לשון, אין עסן, — אין אַלץ.

דאָס עצם אַריינפירן דעם טערמין רעליגיע און דערמיט וועלן אָפּטיילן דאָס לעבן פון דעם גלויבן — ייִדישקייט איז בלויז דאָס דאַווענען, לעבן קאָן מען ווי גויים, ווייל אַלץ וואָס עס איז ספּעציפיש ייִדיש איז דאָך רעליגיע און רעליגיע — וואַרפן מיר אָפּ. וואָס זשע בלייבט? אַבסטראַקטע באַגריפן, מאָראַל, עטיק, אַביסל פּראָזעס און ייִדיש לשון אָן אינהאַלט. איז מען דערגאַנגען צו אַזאַ מין זינלאָזיקייט ווי „ייִדן פון אַלע גלויבנס" (זשיטלאָווסקי און אַנדערע). ווי אָבער קומט צו אַזאַ טיפן דענקער אַזאַ זינלאָזיקייט? — דאָס איז די שטראָף פאַר מעסטן זיך מיט אַ פרעמדער מאָס, פאַר קוקן אויף זיך מיט פרעמדע ברילן. ביי אַנדערע פעלקער איז עס מעגלעך, ווייל ביי זיי איז רעליגיע באַזונדער און דער נאַציאָנאַלער אינהאַלט ווידער באַזונדער, וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צום פאָלק איז צום פאָלק. ביי אונדז איז דאָך דאָס נאַציאָנאַלע — אונדזער רעליגיע. בכן — אָפּגעוואָרפן דאָס רעליגיעזע איז שוין אויך אָפּגעוואָרפן דאָס נאַציאָנאַלע און אויס מיט ייִדישקייט. אָט דאָ זענען געבליבן שטיין די וועלטלעכע ייִדן. זיי האָבן נישט געוואָרגט וועגן איבערנעמען די גאַנצע ירושה־ייִדישקייט און זי אַריבערפירן אויף נייע וועלטלעכע רעלסן. אָפּוואַרפן איז גרינגער און פשוטער. עס דאַכט זיך מיר אַז די רעליגיעזע ייִדישע דענקער זענען אין זייער וועלט־באַנעם געווען נענטער צו אַ וועלטלעכן באַנעם פון ייִדישקייט און גאָט איידער דאָס זענען אונדזערע היינטיקע וועלטלעכע.

בקיצור — עס איז נאָך נישטאָ, נישט געשאַפן געוואָרן קיין סיסטעם פון וועלטלעכער ייִדישקייט, קיין וועלטלעכע ראַם פאַר אונדזער גאַנצער ייִדישקייט. דאָס דאַרף נאָך קומען. און די היסטאָרישע אויפגאַבע וואָס וואַרט איז אַ גרויסע:

א) איבערנעמען די גאַנצע ירושה פון אַלע פריִערדיקע תקופות; ב) צונויפנעמען די גאַנצע תורה שבכתב און שבעל פה פון דער איצט פאַרענדיקטער אייראָפּע־תקופה; ג) פאַרבינדן אָט די גאַנצע קולטור־סיסטעם מיט די פריִערדיקע אין איין היסטאָריש גאַנצער המשכדיקייט, ווייל איטלעכע תורה דאַרף איצט אויך האָבן איר „בית־אב״, וואָס אָן איר איז תורה נישט קיין תורה; און ד) אַריינפירן אָט די גאַנצע קולטור, איר אגדה און הלכה (ליטעראַטור און שטייגער) אין דעם טעגלעכן וואָכעדיקן און יום־טובדיקן לעבן פון פאָלק ווייטער.

די אמתע וועלטלעכע ייִדישקייט איז אין תוך אַריין — אויף וויפל זי איז ייִדישקייט — גאָרנישט ווייט פון איר מאַמען, פון דער רעליגיעזער ייִדישקייט הן אין איר געדאַנקענגאַנג און הן אין איר פּראַקטיק. מיט גאָר פּשוטע און גרינגע קאָרעקטיוון:

א) נישט פאַר גאָט נאָר פאַרן פאָלק;

ב) נישט פאַר יעדערנס פּריוואַטן עולם־הבא אויף יענער וועלט, נאָר פאַר דעם כללישן, פאָלקישן עולם־הבא אויף דער וועלט טאָקע.

מיר האָבן געזען פריִער, אַז דער טיפערער רעליגיעזער געדאַנק ביז אונדז האָט כמעט דערפירט ייִדישקייט ביז צו דעם. עס זענען בשעתם געווען היסטאָריש־נאַציאָנאַלע סיבות, וואָס האָבן געצוווּנגען די פּרושים איבערצוגעבן די נאַציאָנאַלע אחריות פאַר דעם קיום פון פאָלק צו יעדער ייִדישן יחיד באַזונדער און דערפאַר אים צוזאָגן אַ פּריוואַטן שכר ועונש, אַן עולם־הבא נאָכן טויט און אַ לעתיד לבוא מיט אַ תחית המתים. דאַרף די וועלטלעכקייט איבערבייטן דעם אַדרעס: נישט דער כלל פאַרן יחיד, נאָר דער כלל, די אומה איז דער ציל. דער יחיד דאַרף דינען די אינטערעסן פון כלל; דער ציל און זינען פון לעבן איז נישט אין יחידישן עולם־הזה, אויך נישט אין זיין עולם־הבא. דער זינען פון לעבן פאַר יעדער יחיד איז דער קיום האומה, דער עולם־הזה פון פאָלק און זיין עולם־הבא. אָבער אויף דער וועלט. לא המתים יהללו יה. דער שכר ועונש פאַר דעם אויפפיר פון יחידים קריגט דאָס פאָלק ווי אַזאַ. ווי דער בעל התניא און דער ווילנער גאון האָבן דעקלאַרירט בשעתם, אַז זיי קאָנען היטן ייִדישקייט אָן אַ חלק לעולם הבא, אַזוי דאַרפן מיר דינען דעם פאָלק נישט פאַר זיך נאָר פאַר קיום הפאָלק. זאָגט ביי פּרצן אַ חסיד: „ווער האָט עס מצוות צו זאָט?״, דאַרף אויך אַ וועלטלעכער ייִד קאָנען דינען די אינטערעסן פון כלל.

וועלטלעכקייט איז נישט קיין פּריקת עול, קיין אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון זיין אַ ייִד, זי איז, פאַרקערט, אַ נייע אָנלאָדונג, נישט פאַרמינערן קומט זי נאָר מוסיף צו זיין: מיר קומען דאָך אַריינצופלעכטן, איינצוועבן די היינטיקע תורה שבעל פה פון דער תקופה מזרח־אייראָפּע אין דעם סכום פון נכסי האומה, אוצרות האומה און קדשי האומה. וועלטלעכקייט איז נישט קיין שלילת

הגלות, חלילה, נישט קיין שלילה בכלל, זי נעגירט גאַרנישט, זי פּסלט גאַרנישט, זי וואַרפט נישט אָפּ דאָס אַלץ, וואָס עס טראָגט דעם נאָמען רעליגיע. זי בייט נאָר די פאָרמול: אַנשטאָט צו זאָגן „אלה ואלה דברי אלוהים חיים" זאָגט די וועלטלעכקייט „אלה ואלה דברי עם חי". ווי מיר האָבן געזען אויבן, האָבן אויך אונדזערע רעליגיעזע אבות געמיינט דאָס זעלביקע, די טערמינאָלאָגיע איז אַ נייע. וועלטלעכקייט זאָגט זיך נישט אָפּ פון גאָט־געפיל און פון גאָט־גלויבן, זי זוכט אים בלויז נישט מחוץ דער וועלט נאָר אין איר, אין קאָסמאָס. דער ייִדי־שער גאָט איז אין זיין פאָלק, מיט אים. דערהויבענע מענטשישקייט איז די געט־לעכקייט; דערהויבענע ייִדישקייט איז אונדזער געטלעכקייט וד"ל. פאָלקישע וועלטלעכקייט איז מחויב צו גלייבן אין דער קדושה פון די נייע קולטור־שאַפו־גען פון פאָלק אין זיינע לעצטע תקופות.

דורות און קדושות: ייִדישע קדושה און קדושת העם און נישט קיין קדושת הבורא. זי גייט פון די פאָלקישע ערדן צו די הימלישע הייכן און נישט פאַרקערט. די ייִדישע וועלטלעכקייט איז מחויב איצט בלויז צו שאַפן אַ נייעם פּירוש אויף די אוצרות האומה פון אַלע דורות. וועלטלעכע ייִדישקייט גלייבט, אַז מתן־תורה פון באַרג ייִדיש לעבן און צרות איז אַ העכערע מדרגה ווי מתן־תורה אויף ערגעץ אַ מדבר־באַרג פון שטיין. קדושת השם איז אַ העכערע מדרגה פון קדושת השמים. דאָס פאָלק אין זיין געטלעכקייט איז דער נותן התורה, און נישט בלויז דער מקבל, ווייל „כפה עליהם הר כגיגית", געצוווּנגענערהייט... וועלטלעכקייט נעמט צונויף אין וואָכעדיקן לעבן פון פאָלק די הייליקע ברייליאַנטן און איז זיי מוסיף מן החול על הקודש. וועלטלעכע ייִדישקייט איז אויך אַ רעפאָרם אָבער נישט פון פאָלק אַוועק נאָר צום פאָלק צוריק. ווייל וועלטלעכע ייִדישקייט איז קודם־כל ועל הכל אהבת ישראל און זי זוכט עס צו פאַרפעסטיקן אין תורות שבכתב און אין מצוות מעשיות (זיי קאָנען און דאַרפן זיך ענדערן אין יעדער דור און אין יעדער תקופה).

ט

וועלטלעך־רעליגיעזע דערציִונג

אַלדאָס פאָרגעבראַכטע אויבן פירט צו אַ באַשטימטן פּעדאַגאָגישן קרעדאָ:

א) די וועלט בכלל וועט נישט אויסגעלייזט ווערן פון דעם תהום, וואָס זי זינקט אין אים, כל־זמן די דערציִונג וועט נישט געשטעלט ווערן אויף מענטש־לעך־געטלעכע יסודות, וואָס זאָלן זיין אַזוי שטאַרק ווי אַ רעליגיע. דערציִונג מוז זיין הומאַניסטיש־רעליגיעז.

ב) מיט אַזאַ ריכטונג אין דערציִונג גלייב איך צו קאָנען דערגרייכן:

1. — אַ דערהויבענע הייליקע באַציִונג צו מענטש, וועלט, צום קאָס־מאָס און צו אַלע דערשיינונגען וואָס קומען פאָר אין אים. צופיל וואַ־כעדיקייט איז דאָ אין מענטשן און מען מוז די מענטשן אויסלייזן פון אַט דער וואָכעדיקייט.

2. — צו אַנטוויקלען אין מענטשן אייבהאַלטערס: צו מעכטיק איז די טעכניק געוואָרן, און מען מוז אין מענטשן איינפלאַנצן דעם „מען טאָר נישט", הגם מען קאָן.

3. — צו געבן דעם מענטשן אַ העכערע גייסטיק־אינטעלעקטועלע קולטור־מדרגה, העכער פון זיין מאָגן און גלוסטונגען בכלל.

ג) פאַר אונדז ייִדן איז אַזאַ רעליגיעזע, געטלעך־מענטשלעכע דערציִונג בייטיק נאָך צוליב דעם, כדי צו שאַפן אין דער יוגנט אַ פּראַקטישע און אַקטיווע צוגעבונדנקייט פון יחיד צו זיין פאָלק געאָגראַפיש און געשיכטלעך.

זייענדיק אַ וועלטלעכער ייִד, בין איך אינגאַנצן מסכים אַז קינדער זאָלן האָבן אַ טראַדיציאָנעל־רעליגיעזע סביבה. מיר קאָנען זיין אַ סך זיכערער מיט דער ייִדישקייט פון אַ מענטשן, וואָס איז קינדוויַיז צוגעוווינט געוווען צו לייגן תפילין, צו כשרע עסנס, צו אַ שבתדיקן טיש, צו אַ בית־מדרש.

מיר זענען אַ פאָלק צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע שבעה ימים און שבעים לשונות, מיר זענען אומעטום אַ מיעוט (אַחוץ דער מדינה) און אַפילו ווו מיר זענען נישט קיין מיעוט, פירן מיר זיך און פילן זיך ווי אַ מיעוט. מיר ווערן בסדר אַטאַקירט פון שטאַרקערע פעלקער און מעכטיקערע קולטורן. מיר האָבן פאַרלוירן — אָדער מיר האַלטן אין פאַרלירן — אונדזער אייגן לשון, וואָס מיר האָבן געשאַפן און וואָס האָט געשאַפן אונדזער אייגנטימלעכקייט, און אַזוי אַרום ווערן מיר צעברעקלט און צעדריבלט, — און דערפאַר איז אונדז וויכטיק יע־דער מעגלעכע פאַרבינדונג, יעדער אָנקניפּן צו ייִדישקייט. מיר זענען אַ גלות־פאָלק אַפילו איצט מיט דער מדינה, און צונויפגעהאַלטן דאָס פאָלק אין זיין גאַנצקייט האָבן:

א) דער איינהייטלעכער בשותפותדיקער שטייגער און די איינהייטלעכע פּראָגראַם פון לערנען, נישט כדי צו ענדיקן נאָר לשמה.

„ללמוד ולעשות" — דאָס זענען תמיד געווען און דאַרפן אויך איצט זיין די רייפן, וואָס האַלטן צוזאַמען דאָס פאָלק אין איין גאַנצקייט.

מען דאַרף נישט איבערטרייבן די ראָל פון אַ שפּראַך — נישט פון ייִדיש און נישט פון העברעיִש. די שפּראַך איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער און נאַציאָנאַ־ליזירנדיקער פאַקטאָר נישט פאַר זיך, נאָר ווי אַ פּראָדוקט פון שטייגער. אַלע דריי נאַציאָנאַל־ייִדישע לשונות — העברעיִש, אַראַמיש און ייִדיש זענען געבוירן געוואָרן נישט דווקא על טהרת הייִדישקייט, נאָר דער שטייגער האָט זיי מגייר

געווען, געייִדישט ביז זיי זענען געוואָרן דער לבוש פון ייִדיש לעבן, פון ייִדישער נשמה, דער שאַצקאַמער פון אַלע ייִדישע נשמה־אוצרות. ווי אַזוינע קאָנען די שפּראַכן איצט זײַן אַ מיטל אַרײַנצופירן די קינדער אין די אוצרות פון פאָלק און זיי מקרב צו זײַן צו דער נשמה פון פאָלק. דער ייִדישער שטייגער און דער ייִדישער אלף־בית האָבן די שפּראַכן געמאַכט פאַר ייִדישע. אַליין, נאָר אויף זיי, אָן שטייגער און אָן די היסטאָרישע אינהאַלטן, קאָן זיך ייִדישקייט נישט האַלטן.

די שפּראַכן־קריגערײַ האָט אונדז פאַרפירט: עס איז נישט געווען און עס איז נישט קיין מחלוקת לשם קיום. מען דאַרף געדענקען: נישט אַ שפּראַך שאַפט און היט אַ פאָלק נאָר, פאַרקערט, — אַ פאָלק שאַפט, פאַרהיימישט אַ שפּראַך.

אַ סך שפּראַכן האָט דאָס ייִדישע פאָלק גערעדט און עס רעדט. אַלע האָבן מיר גענומען פון דער סביבה (אויך העברעיִש!). בלויז דרײַ האָבן זוכה געווען צו ווערן ייִדישע לשונות, וואָס האָבן געדינט דעם קיום פון פאָלק. אַלע אַנדערע האָבן פאַרפירט צו אונטערגאַנג. די דרײַ זענען: העברעיִש, אַראַמיש און ייִדיש. דער כלל: יעדע שפּראַך וואָס ייִדן ריידן, כדי זיך אָפּצושיידן פון אַנדערע פעלקער, איז אַ ייִדיש־נאַציאָנאַל לשון. און, פאַרקערט, יעדע שפּראַך וואָס ייִדן ריידן, כדי צו זײַן ענלעך צו אַנדערע פעלקער, איז אַ שפּראַך פון אונטערגאַנג. די אָנגערופענע דרײַ שפּראַכן זענען געוואָרן ייִדישע אין אַ סביבה, וואָס האָט שוין מער נישט גערעדט די שפּראַכן, ווען אַנדערע פעלקער, אפשר די שעפער זייערע גופא, זענען שוין מער נישט געווען. ייִדיש זענען די שפּראַכן דורך דעם וואָס דאָס פאָלק האָט זיך באַמיט צו זײַן אַנדערש און האָט די אַנדערשקייט אַרײַנגעגעבן אין דער שפּראַך. זענען די שפּראַכן ייִדישע אויף וויפל דאָס פאָלק האָט אין זיי אַרײַנגעבראַכט זײַן ייִדישע ספּעציפישקייט. די שפּראַכן קריגן זיך נישט און זיי האָבן זיך נישט געקריגט: די ייִנגערע פון זיי האַלטן אויף די עלטערע: אַראַמיש — די שפּראַך פון לעבעדיקער, שעפערישער ייִדישער אייגנטימלעכקייט, האָט בשעתו אויפגעהאַלטן העברעיִש ווי אַ טייל פון דער ייִדישער אייגנטימלעכקייט. אַלע ייִדן וואָס האָבן זיך נישט באַמיט אײַנצוהיטן די אייגענע פאָלקישע אַנדערשקייט, האָבן העברעיִש נישט אײַנגעהיט, האָבן ז י ך נישט אײַנגעהיט. ייִדיש לשון — די שפּראַך פון פאַרעקשנטער, פעסטער אַנדערשקייט, האָט זוכה געווען צו ווערן ייִ ד י ש, דאָס לעבן האָט זי געייִדישט און זי האָט אײַנגעהיט די פריִערדיקע צוויי ייִדישע לשונות, ווי טיילן פון אָט דער אַנדערשקייט, און פאַרזיכיקייט. אַלע די ייִדן וואָס האָבן נישט גערעדט קיין ייִדיש האָבן העברעיִש פאַרלוירן, ייִדישקייט פאַרלוירן, זיך אַליין פאַרלוירן. נאָר דער שבט ייִדיש־ריידנדיקע ייִדן האָט געשאַפן אַ ייִדיש לעבן, אַ ייִדישע קולטור, אַ ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט, אַ ייִדיש פאָלק און אַ ייִדישע מדינה. ייִדיש לשון איז ביז איצט די שפּראַך פון ייִדישער פאַרזיכיקער אַנדערשקייט, פון ייִדי־

שער שעפּערישקייט, נאָר זי היט אויף די אוצרות האומה. מחוץ ייִדיש לשון איז ניִשטאָ דער ווילן אָפּצוהיטן ייִדישע פאַרזיכיקייט, במילא האָט דאָרטן העברעיִש קיין קיום נישט, קיין אחיזה נישט, אַפילו ווען מען זאָל עס לערנען אויף אַלע ראָגן און גאַסן. שפּראַכן האָבן נישט קיין קיום דורך לערנען, נאָר דורך לעבן, די אינהאַלטן היטן אויף די שפּראַכן. ייִדיש־ריידנדיקע טראַדיציאָנעלע עם־הארצים זענען גרעסערע העברעיִש־קענער ווי די וואָס לערנען די שפּראַך יאָרן און יאָרן. אָן אַראַמיש וואָלט העברעיִש בשעתו פאַרגעסן געוואָרן; אָן ייִדיש הײַנט וועט זײַן דאָס זעלביקע. ייִדיש לשון אָן ייִדישן, טראַדיציאָנעלן אינהאַלט קאָן נישט, וועט נישט האָבן קיין קיום. דער קיום פון פאָלק איז נישט קיין שפּראַך נאָר פאַרקערט. שפּראַך־פרומקייט אָן פאָלק־געטרייקייט איז — אויסגיסן דעם ווײַן און זיך צאַצקען מיט די פלאַשן.

פון די ביידע הײַנט אַקטועלע שפּראַכן — ייִדיש און העברעיִש, איז די ערשטע נענטער צו דער תורה שבעל פה און צו דער תורה שבלב פון פאָלק; די צווייטע ווידער איז מער צונויפגעבונדן מיט די תורות שבכתב פון פאָלק. אײנע אָן דער צווייטער איז אַ „פּלג־גוף". לויט דער גמרא איז דאָך וויכטיקער די תורה שבעל פה און ייִ ד י ש ע ר איז דאָס לשון פון דער תורה שבעל פה. אָן אים דראָט אונדז אַ דרײַפאַכיקע סכנה: די ערשטע סכנה — אָפּרײַסן זיך פון שטאַ־מען, און אָן דעם איז נישטאָ קיין שעפּערישקייט, קיין ווײַטערדיקער שעפּערי־שער קיום; די צווייטע סכנה — צעברעקלונג אויף קליינע באַזונדערע טיילן, שערבלעך פון אַ פאָלק — וויפל לענדער אַזויפיל שבטים, טיילן אָפּגעריסענע איינער פון דעם צווייטן און איין טייל איז פרעמד און ווייט פון צווייטן. ספרדי־זאַציע פון ייִדיש פאָלק שרעקט מיך. די דריטע סכנה — פאַרלירן די קולטור־סיסטעם, וואָס איז פאַרבונדן מיט ייִדיש־לשון און וואָס מיר האָבן אָנגערופן „תּלמוד־אייראָפּע".

איך גלייב נישט אין דער ייִדישקייט אויף אַלע פרעמדע שפּראַכן. די גאַנ־צע ייִדישע געשיכטע דערציילט אונדז, אַז אַלע שפּראַכן, וואָס ייִדן האָבן גע־רעדט כדי צו זײַן ענלעך צו אַנדערע פעלקער, זענען אינסטרומענטן פון אַסימי־לאַציע. נאָר די שפּראַכן, וואָס ייִדן ריידן, כדי זיך אונטערשיידן פון אַנדערע פעלקער, זענען ייִדישע.

דאָס איז וועגן אונדזערע שפּראַכן.

ללמוד ולעשות — דערציִונג גייט דורך צוויי וועגן: לערנען און פּראַקטיק. נישט לערנען אַליין אָן מעשים, אָן מצוות־מעשיות און נישט פּראַקטיק אַליין אָן לערנען גיבן אַ גאַנצע דערציִונג. אַפילו אין מדינת ישראל מיט אַ שולוועזן דורכויס אין העברעיִש איז דאָס לערנען אַליין נישט גענוג. און איצט האָט מען זיך גענומען אַרײַנפירן נאָך אַ ספּעציעלן געביט „ייִדיש באַוווסטזײַן". איך גלייב

אָבער, אַז דער נאָמען פּאַסט דאָ נישט: באַוווּסטזיין, ייִדיש באַוווּסטזיין, פעלט נישט דער ישראל־יוגנט. עס פעלט מסתמא יאָ אַנגעהעריקייט, וואָס מען רופט אין ענגליש בעלאָנגינג — אַנגעהעריקייט, אידענטיפיקאַציע מיט דער גאַנצער היסטאָרישער ייִדישקייט ביז אונדז, עס פעלט די היסטאָרישע המשכדיקייט. און אויב דאָרטן פעלט עס, פעלט עס אין די גלות־לענדער נישט אין פאַרגלייך מער. און די אַנגעהעריקייט קאָן מען קריגן דורך פּראַקטישער באַהעפטונג צו דעם גאַנצן קאָמפּלעקס מינהגים, וואָס האָט געגאָלטן ווי רעליגיע. איך האָב לגמרי נישט קיין מורא פאַר דעם פאָרוואָרף פון היפּאָקריזיע: ווען עס ווערט געפירט נישט סתם פאַר גאָט, נאָר לשם דער בפירושער באַהעפטונג צום פאָלק, איז דאָ נישטאָ קיין פאַלשקייט. איך האָב אויך נישט קיין מורא פאַר „אַנטיוועלטלעכ־קייט". די רעליגיעזע פּראַקטיק ווערט מיט דער צייט, מיט דעם וווקס פון די קינדער, טראַנספאָרמירט אין וועלטלעכער. איבערהויפּט ווען די פּראַקטיק ווערט באַגלייט מיט אַ סיסטעמאַטישן און נאַציאָנאַל־הומאַניסטישן לימוד פון דער ליטעראַטור. ללמוד ולעשות דערגאַנצן זיך קעגנזייטיק און זיי שאַפן אַ גאַנצקייט.

י

עטלעכע סך־הכּלען

א) די ייִדישע רעליגיע ביז איצט איז תמיד געווען דער קאָנאָניזירטער ייִדישער שטייגער, וואָס דאַרף אָפּטיילן און אָפּשיידן ייִדן פון אַנדערע פעלקער, ביז ישראל לעמים הבדלת, און דערמיט דינען איר הויפּטציל — דעם קיום פון ייִדישן פאָלק ווי אַזאַ. פון דעם קומט:

ב) אַ מצווה איז אין איטלעכער תקופה, יעדער פירונג, וואָס איז ספּעצ־ציפיש ייִדיש, וואָס שטרייכט אונטער אונדזער אַנדערשקייט און דערנענטערט אונדז צו דער טראַדיציאָנעלער, היסטאָרישער ייִדישקייט. אַן עבירה איז, פאַר־קערט, יעדער פירונג, וואָס פאַרמינערט די דיסטאַנץ צווישן ייִד און נישט־ייִד, וואָס דערווייטערט דעם ייִדישן יחיד פון דעם טראַדיציאָנעלן כּלל.

ג) דער צוגאַנג איז, אמת, נישט אין הסכּם מיט דער אָרטאָדאָקסישער, פיקסירטער, שולחן־ערוך־ייִדישער רעליגיע. עס איז אָבער דערפאַר אין אייביקן הסכּם מיט דעם טיפערן זינען פון ייִדישקייט, מיט דער אידייע פון דער אייבי־קער ייִדישקייט, אויך דער רעליגיעזער.

ד) מהאי טעמא שטעל איך איצט אויף דעם ערשטן אָרט פון ייִדישע מצוות די מצווה ייִדיש לשון. דאָס איז איצט די שטאַרקסטע דאַמבע קעגן אַסי־מילאַציע.

ה) דער דאָזיקער געדאַנק איז לגמרי נישט ווייט פון די אידייען פון די ווי־כטיקע יידישע רעליגיעזע דענקער אין אַלטע צייטן.

ו) אין יעדער יידישער היים, אין די וועלטלעכע נישט ווייניקער ווי אין די רעליגיעזע, דאַרפן זיין יידישע טראַדיציאָנעלע מינהגים, אויב נישט לשם פרומקייט איז לשם לשם אַנגעהעריקייט צום היסטאָרישן יידישן פאָלק. לאָמיר דאָ אָנרופן עטלעכע: יידיש־לשון, יידישע שול, שבת־ליכט, יידישע מאכלים, חנוכה, סדר, שלח־מנות וכדומה.

ז) די יידישע רעליגיע איז אין גלות געווען תמיד אויך די נאַציאָנאַלע, אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע פון אַלע סאָציאַלע באַדערפענישן. די רעליגיע האָט עס ביי יידן דורכגעפירט מיט אַ „מי שברך" בעסער ווי אַנדערע פעלקער מיט פּאָ־ליציי און מיט טורמעס. מיר טאָרן דאָס נישט פאַרגעסן און פאַרלאָזן.

ח) וועלטלעכקייט לייקנט לגמרי נישט אָפּ די פילוועדטיקייט פון דער רע־ליגיעזער עמאָציע, וואָס מיר און די גאַנצע מענטשהייט נייטיקט זיך אין איר איצט ווי אַ קעגנגיפט קעגן דער גאָטלאָזער הפקרדיקייט. אָן דער רעליגיעזער עמאָציע איז די גאַנצע וועלט אין סכנה און מיר — נאָך מער ווי אַלע אַנדערע.

ט) מען דאַרף קלאָר אונטערשיידן צווישן דער פילוועדטיקער עמאָציאָ־נעלער רעליגיעזקייט און דעם סאָציאַל־שעדלעכן קלעריקאַליזם, וואָס זוכט צו הערשן סאָציאַל אין נאָמען כלומרשט פון דער רעליגיע.

י) אמתע וויסנשאַפטלעכקייט קאָן גיין האַנט ביי האַנט מיט טיפער רע־ליגיעזקייט.

יא) די מאָראַלישע, מענטשלעכע דערציִונג פון מענטשן נייטיקט זיך אין רעליגיעזקייט און אין רעליגיע, וואָס מאַכט דורך אין איטלעכן מענטשן אַן עוואָ־לוציע פון די פרימיטיווסטע פאָרשטעלונגען ביז די העכערע, אַבסטראַקטע.

יב) די רעליגיעז־וועלטלעכע דערציִונג דאַרף האָבן אירע באַזונדערע צענ־טערס: די שול איז צום לערנען; די שטוב איז פאַר פראַקטיק, פאַר שטייגער און דער בית־מדרש דאַרף זיין פאַר דער טראַדיציאָנעלער רעליגיעזער פראַקטיק.

אויף די וועגן צו נצח ישראל

שאלך אביך ויגדך,
זקניך — ויאמרו לך.

פון כל ישראל צו ישראל אחד, פאָלק, פאָלק און זיין קולטור, ייִדנטום און ייִדישקייט, רעליגיע ביי ייִדן האָט אַ וועלטלעכן אָפּשטאַם, קולטור־צירקולאַציע, קולטור־תקופות ביי ייִדן, וועגן תקופות בכלל. תנ״ך־תקופה, תלמוד־תקופה, אירע סוב־תקופות — בבל אוך אשכנז, שטעטל־תקופה, קאָנפליקטן צווישן תקופות און זייערע קולטורן, דער אַראָפּשטראָם פון קולטור פון דער פריִערדיקער תקופה און דער קולטור־אַרויפשטראָם פון דער נייער תקופה. די קאָנפליקטן פירן צו באַנייונג. דער תלמוד־השטעטל, די חסידישע באַוועגונג, אהבת ישראל און אהבת תורת ישראל. אַהיסטאָרישע אומוועגן. דער שפּראַכן־פּלאָנטער, עברית־רענעסאַנס, אין פּלאָנטער פון צווישנצייט. רעליגיעזע ריכטונגען אין היינטיקער ייִדישקייט, די וועלטלעכע: העברעיִש־וועלטלעכע און ייִדיש־וועלטלעכע. ביידע — אומוועגן. אָבער... אני מאמין...

פון כל ישראל צו ישראל אחד

כל ישראל און ישראל אחד — צוויי נאָענטע באַגריפן און ווי ווייט זיי זענען איינער פון צווייטן. עס קומען זיך צונויף אַ מנין ייִדן און מען קען זיך בשום אופן נישט צונויפריידן, אַז יעדע צוויי ייִדן זענען דריי פּאַרטייען, אַז צווישן ייִדן זענען מער קריגערייען איידער צווישן אַנדערע, אַז די אַלטע ייִדישע רעליגיע וואָס האָט נאָך גאָר נישט לאַנג צונויפגעקניפּט און צונויפגעבונדן אַלע ייִדן איבער דער וועלט, איז אַליין היינט צעפּיצלט אויף פילערליי שיטות און כּעקטעס און נוסחאות; אַז די וועלטלעכע ייִדן זענען ווידער איש לאוהליו — איטלעכער לויט זיין געשמאַק און לויט זיין אייגענעם שכל הישר, אַז דאָס פאָלק איז צעברעקלט אויף אָן אַ שיר פּאַרטייען און איטלעכע פּאַרטיי באַזונדער איז צעפּיצלט און צעברעקלט אָן אַ שיר און אַ סוף — איז דאָס אַלץ דער זינען פון כל ישראל. כל ישראל ווערט איינס, צו אונדזער אומגליק, דורך די הענט פון אַ שונא, ווען ער טרייבט צונויף אַלע וואָס טראָגן דעם נאָמען ייִד אין איין געטאָ אַריין. און אַפילו דעמאָלט זענען זיי בלויז צונויפגעפּרעסט צוזאַמען, ווי הינער אין איין שטייג, ווי בהמות אין אַ שעכטהויז, אָבער צווישן זיך איז מען נאָך אַפילו דעמאָלט ווייט נישט איייניק, נישט קיין גייסטיקע איינהייט.

נאָך אין די ערשטע פרשיות פון חומש דערציילט זיך וועגן גאָטס שטראָף וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער מענטשהייט פאַר זייערע זינד אין גאָט האָט צעמישט זייערע לשונות אַז איינער האָט דעם צווייטן נישט פאַרשטאַנען. עס איז געווען דער דור הפלגה. זענען מיר געשטראָפט און מיר זענען נישט קיין דור, נאָר אַ פאָלק פון הפלגה — צעברעקלט און צעפיצלט. מיר זענען יאָ כל ישראל — אַ סך ישראלים, אַ סך ייִדן, אָבער קיין אחדות איז ביי אונדז נישטאָ, נישטאָ קיין ישראל אחד, נישטאָ קיין אחדות, קיין פאַרשטענדיקונג צווישן אַנאַנד, קיין ווילן זיך צו פאַרשטיין, זיך צו קענען פאַרשטיין, זיך צונויפצורייִדן, נישטאָ קיין פאַרבינדנדיקער גייסט, וואָס זאָל פון דעם כל מאַכן איין אחד, וואָס זאָל אַלע וואָס טראָגן דעם נאָמען ייִד מאַכן איין גאַנצקייט, איין ייִדנטום. קען זײַן אַ מיליאָן און מיליאָנען ייִדן און קיין ייִדיש פאָלק זאָלן זיי נישט שאַפן. איז עס קען אַמאָל זיין איין מנין ייִדן און זיי זאָלן יאָ זיין דאָס פאָלק ישראל. כל ישראל איז אַ זאַך פון צאָלן; ישראל אחד איז אַן ענין פון גייסט, פון דעם געמיינזאַמען גייסט וואָס זאָל באמת באַהעפטן און צונויפבינדן די אַלע ייִדן אין איין גאַנצ־קייט.

און ווי אויף להכעיס איז אונדזער גאַנצע געשיכטע צונויפגעבונדן דווקא מיט דעם „אחד". דער ערשטער ייִד איז געוואָרן דער ערשטער ייִד טאָקע אַדאַנק זיין דערפינדונג פון אחד — איין גאָטהייט. עס האָט גענומען היפשע טויזנטער יאָרן ביז די וועלט פון אַנדערע פעלקער האָט דאָס זיך אויסגעלערנט. און איך בין לגמרי נישט זיכער אַז זייער „אחד" איז באמת אַן אחד.

נאָך מער בין איך צופרידן וואָס אין אַ שפּעטערדיקער תקופה, נאָך אַלץ אָבער „ביים שיין פון פאַרטאָגן" פאַר אַנדערע פעלקער, האָט מען ביי אונדז זיך דערטראַכט צו אַ צווייטן אחד: עס איז נישטאָ קיין באַזונדערע וועלטישע סוב־סטאַנץ און קיין באַזונדערע געטלעכע, נישטאָ קיין הייליקייט וואָס קומט ערגעץ נישט פון דער וועלט, נישטאָ קיין באַזונדערע גאָט־שטאָף, קיין געטלעכע מאַ־טעריע. און דער ערשטער ייִד דער באַקומט אין באַוווסטזיין פון זיין פאָלק אַ נייע שליחות — ער צעברעכט אַלע מאַטעריעלע הייליקייטן, נישטאָ אַזאַ גאָט־מאַטע־ריע, גאָט איז נישט עפּעס אַזאַ מיסטעריע־מאַטעריע, וואָס קומט פון אַנדערשוווּ. נישטאָ אַזאַ זאַך. נישטאָ קיין באַזונדער ערגעץ הייליקער פּלאַץ, הייליקייט. ווו. — אַז מלא כל הארץ כבודו, אַז כבודו מלא עולם, גאָט־קאָסמאָס, גאָט־וועלט, גאָט יוצר ויצירה, בורא און בריאה, עולם ומקומו, עולם און מקימו, יקום און מקים, אלוהים און טבע, הוא מקומו של עולם. דאָס אַלץ איז איין אחד. און לא תעשה לך כל פסל, ווייל אַזאַ מין פסל איז די גאַנצע וועלט, די וועלט האָט אַ נשמה, און די נשמה פון דער וועלט טאָר נישט האָבן, קען נישט האָבן קיין פסל וכל תמונה.

דאָס איז אונדזער אחד, אונדזער אחדות הוועלט!

מען שרייבט עס צו צו ספּינאָזען, ער האָט עס אויסגעפונען, אַ נאָמען גע־געבן, אַ דעפיניציע געשאַפן — פּאַנטעיזם. ער האָט אָבער געהאַט פון וועמען צו לערנען. נישט ביי די גריכישע און לאַטייניש פילאָסאָפן, נישט ביי שאַפער פון קלאָרע סיסטעמען, נאָר טאַקע ביי די בית־מדרש־ייִדן, פון וועמען ער איז אַנט־לאָפן, ביי די ייִדן וואָס האָבן זיך געוויקט אין זוהר און זיך פאַרטיפט אין קבלה. באשר ספּינאָזאַ איז געקומען מיט דעם נישט־ייִדישן מינהג פון דעפיני־ציעס און אַקסיאָמעס, פון פעסטגעשטעלטע אמתן וואָס טאָרן נישט און דאַרפן זיך נישט ענדערן. בעת אונדזער טראַדיציע זאָגט דאָס פאַרקערטע: וואָס דעפי־נירט איז געענדיקט, און די תורה דאַרף זיין און מוז בלייבן אַ שטראָם, וואָס דאַרף שטראָמען און טאָר זיך נישט ענדיקן, אַז נאָ דיר אַ רמז און גיי ווייטער, ואידך זיל וגמור, גיי לערן ווייטער, פאָרש ווייטער, נאָר זיך נישט אָפּשטעלן, נישט אָפּשטעלן דעם שטראָם, גיב צו נייעם, קנעט איבער דעם עלטערן אמת אין נייע טערמינען וואָס זאָלן זיין אַקטועל פאַר דיר, פאַר דיין צייט, ווייל אי אפשר לבית מדרש בלי חידוש, ווייל וואָלט די תורה געווען אַן אָפּגעשניטענע שוין, אַ פּאַרטיקע, וואָלטן מיר נישט געהאַט אויף וואָס זיך צו האַלטן, ווייל דאָס וואָס געענדיקט, פאַרענדיקט, באַשטימט און דעפינירט איז שוין נישט קיין שטראָם, נישט קיין לעבן; די וויסנשאַפט לעבט ווען זי ג ייט צ ו ם ו י ס ן, אויפן וועג צום וויסן. ווען זי דערגרייכט דעם וויסן איז זי שוין אַ טויטע, אַ געענדיקטע. אַזוי האָט אַמאָל געשריבן אַן ענגלישער פיזיקער. און נאָך מער קען נישט זיין קיין אָפּגעשלאָסענע אונדזער תורה.

דאָ איז געווען די סכנה פון ספּינאָזען פאַר אונדזער תורה, פאַר אונדזער ייִדישקייט. לויט אונדזער טראַדיציאָנעלן באַגריף איז אַזוי ווי ער — דער כביכול אַליין איז מחדש בכל יום בטובו מעשי בראשית, אַזוי מוז אויך זיין די ייִדיש־קייט, די ייִדישע תורה אַ שטראָם וואָס טאָר זיך נישט איבעררייסן. נישטאָ קיין ענדע, קיין סוף צום שטראָם ביז אחרון היהודי, כל זמן עס ייִדלט זיך מיט ייִדן אויף דער וועלט, עס טאָר נישט זיין קיין סוף, קיין דעפיניציע.

דער ייִדישער מוסמך דאַרף נישט זיין קיין ווייסער, אַ קענער דאַרף ער זיין... לאַנגע דורות האָט דער ייִדישער גייסט געקעמפט קעגן יעדער פּרווו צו וועלן פיקסירן די ייִדישקייט, האָט עס געמעגט זיין אַפילו פון דעם רמב״ם אַליין.

אָבער צוריק צום עיקר — פון דעם ערשטן ייִדן אָן און ביז היינט לעבט ביי ייִדן דער דראַנג צו דעם אחד, צו אחדות הבורא, אחדות הבורא והבריאה, אחדות הוועלט מיט איר באַשעפער, אחדות האומה און איר גאָט. און ווי טראַ־גיש עס איז אַז וואָס אַ דור, אַלץ ווייטער אַנטלויפן מיר פון דעם אחד.

און דער דראַנג צום אחד איז אָבער נישט בלויז דער חלק יעקב, נישט בלויז

מיר שטרעבן צו איינהייט אין דער פילפאַכיקייט פון דער וועלט, נישט בלויז מיר זוכן צו דערגרייכן דעם פונקט וואָס פאַרבינדט אַרום זיך דעם קרייז, אַלע קרייזן. דאָס איז דער ציל און דאָס איז דער אמתער זינען פון דער וויסנשאַפט בכלל...

וואָס איז אַ געזעץ אין דער וויסנשאַפט? — עס איז אַ כלל וואָס פאַרבינדט אַ סך דערשיינונגען צו איין פּרינציפּ. ניוטאָנס אויפטו איז געווען וואָס ער האָט פאַרבונדן אַלע פּראָצעסן פון פאַלן, פון אַ קליין שטויבעלע ביז דער באַוועגונג פון די פּלאַנעטן אין איין פּרינציפּ, אין איין אחד.

פאַר די הונדערט יאָר דאַרוויניזם זענען פון דאַרווינס פעסטשטעלונגען גאָר ווייניק געבליבן. איין זאַך איז אָבער געבליבן פעסט און אומגעשטירצט — דער דראַנג צו זוכן דעם אחד פון דעם גאַנצן באַשאַף, פון דעם קלענסטן מיקראָב ביז צו די ריזן פון דער נאַטור. און אַזוי מיט דער סיסטעם אין דער כעמי, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק געביטן פון מענדעלייעוון ביז היינט. אָבער דער דראַנג צו איינהייט איז געבליבן.

און עס איז געווען דער גרעסטער אויפטו פון איינשטיינען וואָס ער האָט געבראַכט די וועלט צום אחד פון ענערגיע און מאַטעריע. און עס איז געווען אויף דער שוועל פון יאָרהונדערט ווען אַ געלערנטער האָט נביאות געזאָגט (פאַר אַ קאַרע), אַז ווען עס וועט געפונען ווערן די פאָרמול וואָס וועט פאַרבינדן אַלע דערשיינונגען פון דער וועלט אין איין אײנס, וועט זי — די פאָרמול — זיין די פאָרמול פון גאָט... מיר ייִדן וואָלטן דאָס געזאָגט נישט אַזוי האַמטענע. אונדזער ייִדישער נוסח וואָלט געווען די פאָרמול פון דעם „אחד", פון דער אחדות הבורא והבריאה.

און דאָס איז דער וועג און דער ציל פון אַלע וויסנשאַפטן. אַלע מאָל און אומעטום שטרעבט דער העכערער מענטשלעכער געדאַנק צו דער געטלעכער אחדות, צום אחד. מער נישט וואָס מיר זענען פריִער דערגאַנגען צום ווילן און פאַרלאַנג, צום זוכן דעם אחד.

זענען די וועגן צום אחד אויך פאַרשיידן. זענען די „סבי דבי אתונה" (די גריכישע פילאָסאָפן) געגאַנגען צום אחד מיט זייערע דרכים פון שכל, מיט דעם פאַרשטאַנד און ווילן אַריינצודרינגען אין דעם תוך פון זאַכן, אָביעקטיוו. האָבן די חכמי ירושלים געהאַט זייער וועג צום אחד — דעם וועג פון עמאָציע און רעליגיעזן עקסטאַז. וויסן און רעליגיע האָבן איין מקור, איין דראַנג — צו דעם אחד. צוויי ריכטונגען זענען דאָס, אָבער דער מקור איז איינער. די ריכטונגען צעגייען זיך ווייט, ווי די שפּיצן פון אַן אָפענער שער, ווי צוויי ראַדיוסן וואָס גייען אַרויס פון איין צענטער. עס זענען געווען אַפילו אָפטע דראַנגען צו שטעלן איין ריכטונג קעגן דער צווייטער: אויב וויסן, איז נישטאָ קיין רעליגיע, אויב

רעליגיע איז אויס מיט דעם וויסן. און עס איז פאַלש: צוויי שוועסטער, פון איין מאַמען קומען זיי, צוויי אָרגאַנען זענען זיי — מוח און האַרץ, געדאַנק און געפיל, ראַציא און עמאָציע. ווי איז צו איינער ווען זי קומט אָן דער צווייטער. ווי צו דער וויסנשאַפט ווען זי קומט אָן דער באַגלייטונג פון עמאָציאָנעלער עקזאַלטאַציע, אָן דער רעליגיעזער דערהייבונג. און פאַרקערט — ווי צו רעליגיע וואָס ווייכט די וויסנשאַפט, וואָס האָט מורא פאַר איר מיט אירע אמתן, מיט אירע אויסגעפינסן וואָס לייקענען אָפּ די דעפיניטיווע כלומרשטע רעליגיעזע אמתן. די סבי דבי אמונה און די חכמי ירושלים זענען צוויי ריכטונגען צו איין אחד, ביידע זענען קינדער פון איין דראַנג, פון איין שטרעמונג, ביידע שטאַמען פון דעם זעלביקן ביס וואָס אדם האָט געטאָן פון דעם עץ הדעת.

האָבן מיר באַדאַרפט זיין די טרעגער פון דעם אחד, פון דעם אחד שבלב. מיר בעטן וועגן דעם אין דער יום־נוראימדיקער שמונה עשרה, אַז אַלע זאָלן ווערן איין פאַרבאַנד, איין איינס, — און נישט סתם כדי צו זיין אָן איינס, נאָר טאַקע כדי צו ווערן דער איינס פון געדאַנק, פון געפיל, דער איינס צו טאָן גאָטס רצון מיט דעם גאַנצן האַרצן, כדי עס זאָל מקוים ווערן נאָך אָן עלטערער יידישער חלום, אַז „אַלע פעלקער זאָלן גיין און זאָלן שטראָמען צו דעם איין, אחדיקן יידישן גאָט" און אַלע פעלקער זאָלן מער נישט לערנען קיין מלחמות, און מען זאָל מער נישט שלעכטס טאָן און קיין בייז זאָל מער נישט זיין, דען אַלע און אַלץ וועט פול ווערן מיט דעם איינציקן און איינענדיקן וויסן וואָס וועט פאַרדעקן די ערד ווי וואַסערן באַדעקן דעם ים". איז דאָס געחלומט געוואָרן ביי אונדז, האָט צו דעם געשטרעבט דער יידישער גייסט, האָבן מיר גענומען אָט די שליחות. און מען האָט אונדז דערציילט, אַז ווייל מיר טראָגן דעם אחד פאַר גאָט, דערפאַר וועלן מיר זיין דער אחד צווישן פעלקער, דער סימבאָל פון אחד, דאָס פאָלק וואָס איז און וואָס ווייזט דעם אחד. אַזוי האָט עס געזאָלט זיין. און דאָך!

ווי ווייט זענען מיר פון דעם אחד! ווי צעזייט און צעשפּרייט מיר זענען! נאָך פאַרצייטן האָט מען אויף אונדז געזאָגט אַז מיר זענען אָן עם „מפוזר ומפורד" — צעשפּרייט און צעברעקלט. און וואָס עלטער אַלץ צעברעקלטער ווערן מיר. איז וועגן דער צעשפּרייטקייט האָט מען נאָך פאַרצייטן אונדז געקענט זאָגן אַז עס איז, פאַרקערט, אַ גליק אין דעם פאַראַן (אַ גמרא), און איידער עס פאַרגייט אונדזער זון אין איין אָרט, גייט זי שוין אויף אין אַ צווייט אָרט. אָבער אונדזער צעברעקלטקייט — דאָס איז געוויס אַ קללה. האָט נאָך אַמאָל אַ נביא זיך געקלאָגט, אַז וויפל שטעט מיר באַוווינען אַזוי פיל געטער האָבן מיר (ירמיהו), וואָלט מען איצט געדאַרפט זאָגן, אַז וויפל לענדער מיר באַוווינען, אַזוי פיל פעלקער האָבן מיר און איטלעך פון אָט די פעלקער איז ווידער צעברעקלט און צעפּיצלט ביז דער אומענדלעכקייט.

און ווייל אַזוי צעשאָטן און צעוואָרפן, צעשפּרייט און צעברעקלט איז דער־פּאַר דער עחד שבלב נאָך וויכטיקער, נאָך דרינגענדיקער. און ווער און וואָס וועט פאַרבינדן און באַהעפטן אָט די צעשאָטענע, צעוואָרפענע ביינער, די גלידער פון דעם פאָלק: ווער און וואָס?

ווער עס טאָן די יידישע רעליגיע? — אָבער וויפל רעליגיעס האָבן מיר איצט? פון דער אגודה, פון די נטורי קרתא ביז די רעפאָרמער? און ווער קען גאָר טראַכטן וועגן שלום צווישן זיי אַלע? און עס גייט דאָך נישט וועגן אַ מין קאָאַליציע־שלום, וועגן אַ מין „דזשענטלמען־אַגרימענט", עס גייט דאָך וועגן אַ שלום מלשון שלם, גאַנצקייט, שלמות פון דעם פאָלק. די רעליגיע ביי אונדז איז דאָך אַ תולדה פון יידישקייט, נישט קיין אבי־אבות הפּאָלקישקייט. די רעליגיע איז אונדזער אייגענע שאַפונג, זי איז אַ קינד פון יידישקייט. און אויב מיר זע־נען איין גאַנץ פאָלק, איז די רעליגיע אונדזערע אויך איינע און אַ גאַנצע. זענען מיר אָבער צעפּיצלט און צעברעקלט, — האָט ביי אונדז די רעליגיע אויך נישט קיין בעסערע מערכה. וויפל יידישקייטן, אַזוי — און נאָך מערער — רעליגיעס האָבן מיר.

ציוניזם. ווער אפשר דער ציוניזם פאַרבינדן און פאַרייניקן דאָס צעשאָטע־נע פאָלק? הלוואַי וואָלט עס געווען! הלוואַי וואָלט עס געקענט זיין! אמת, דער ציוניזם האָט געשאַפן איין אינטערעס פאַר יידן פון דער גאָרער וועלט. אָבער וויפל ריכטונגען און וויפל אידעאָלאָגיעס און וויפל אויסטייטשונגען! און ווידער אַמאָל: וויפל יידישקייטן אַזוי פיל ציוניזמען זענען פאַראַן, און ווער קען זיי אײ־בערצײלן? און אויב יידן קענען זיך נישט צופרידן, אפשר ווילן זיי זיך נישט צופרידן גאָר, אַזוי קענען אויך נישט, ווילן אויך נישט די ציוניסטן צופריד־ריידן.

בלייבט דאָך אַלץ די אַלטע קשיא: ווי און ווען קומט מען צו דעם אחד וואָס איז דער זינען און דער חוב אונדזערער פון אייביק אָן? און דער אחד דאַרף דאָך זיין נישט פון גאָט, נאָר מען מיינט דאָך ישראל אחד. ווי קומט מען צו דעם?

מען רעדט און מען זאָרגט אין דער מדינה וועגן קיבוץ גלויות און מיזוג גלויות. עס איז אַ שווערע אויפגאַבע. אָבער נישט אין פאַרגלייך שווערער איז צו שאַפן אַ גייסטיקע באַהעפטונג, אַ גייסטיקן מיזוג גלויות אין די גלותן גופא, אַ גייסטיקע גאַנצקייט פון אַ צעשאָטענעם פאָלק, אַז אַלע יידישע קיבוצים און ישובים זאָלן זיין איין פאָלקישער און אידעיִשער אחד נישט געקוקט אויף דער געאָגראַפישער צעשאָטנקייט און צעברעקלטקייט, ווי ברענגט מען דעם כל ישראל צו ישראל אחד?

און דאָך, נישט געקוקט אויף דעם וואָס עס איז אַזוי שווער, דאָך גלייב

איך אין אונדזער אחד־שליחות. זי בלייבט אונדזער ציל און אונדזער שטרע־בונג. די אויפגאַבע איז אַ טאָפּעלע, און אין איר ליגט דער ענטפער אויך.

ניט נאָר דאַרפן מיר שטרעבן אַז כל ישראל דאַרף ווערן ישראל אחד, נאָר מיר דאַרפן חלומען אויך אַז יעדער אחד מישראל זאָל גייסטיק אין זיך טראָגן דעם כל ישראל. מיר האָבן פריִער געזאָגט אַז עס קען זיין איין מנין ייִדן וואָס זיי זענען דאָס פאָלק. האָבן מיר דאָך אַ גלויבן אַז דאָס גאַנצע פאָלק האָלט זיך אויף ל״ו — זעקס און דרייסיק — גאַנצע ייִדן. ווען מיר האָבן גאַנצע ייִדן, וועט דאָס פאָלק זיין איין גאַנצקייט. ישראל אחד וועט זיין דעמאָלט ווען יעדער ישראל אחד וועט אין זיך טראָגן דעם כל ישראל — די גאַנצע ייִדישקייט. איצט איז יעדער ייִד בלויז אַ חלק יעקב, בלויז אַ טיילווייזער ייִד, ער נעמט אָן און ער האַלט בלויז פון איין טייל ייִדישקייט, יעדער ייִד קלייבט זיך צו אַ ייִדישקייט, ווי עס געפעלט אים. דערפאַר זענען מיר צעברעקלט. כדי אָבער צו קומען צו ישראל אחד, דאַרפן מיר אין יעדער אחד מישראל, אין יעדער ייִדן אַריינגעבן דעם כל ישראל — דאָס וויסן און דאָס באַגערן, די אַכטונג און די ליבע צו גאָר דער ייִדישקייט.

יאָ, עס איז אמת: אַלע אונדזערע חורבונות נעמען זיך פון אונדזערע קמצא און בר קמצא־קריגערייען, מחלוקותן, שפּאַלטונגען צוליב אַ האָן מיט אַ הון וכדומה. אַזוי דערקלערט אונדז די סיבה פון אונדזערע חורבונות און גלותן די קלוגסטע תלמודישע היסטאָריאָסאָפיע.

און פון וואַנען נעמט זיך אָט דער קריגערישער דראַנג צו אונדז?

עס דערקלערט ווידער די תלמודישע היסטאָריסאָפיע, — פון אונדזער נישט ריכטיק לערנען אונדזער אייגענע ייִדישקייט. „משרבו תלמידי הלל ושמאי שלא שמשו כל צרכן״, מען האָט נישט גענוג און נישט ריכטיק געלערנט און גע־נוצט דאָס געלערנטע, מחמת דעם רבו המחלוקות בישראל — האָבן זיך פאַר־מערט די קריגערייען און אונדזער תורה איז געוואָרן צעפּיצלט (סנהדרין פ״ח ב׳; סוטה מ״ז, ב׳).

ייִדישקייט איז נישט קיין פיקסירטע סיסטעם פון פּרינציפּן און אידייען, פון געזעצן און נאָרמעס וואָס זענען איין מאָל און אויף שטענדיק פעסטגעשטעלט און באַשטימט. ניין, ייִדישקייט איז אַ שטראָם, אַ פּראָצעס וואָס גייט און ענ־דערט זיך, וואָס שטראָמט פון איין דור צו אַ צווייטן און יעדער דור נעמט אי־בער, שאַפט־איבער די ייִדישקייט דירעקט פון זיין פריִערדיקן דור, פון דעם וואָס קומט דירעקט פאַר אים. דאָס איז דער גאַנצער זינען פון דער ערשטער משנה אין פּרקי אבות. משה האָט איבערגעגעבן די תורה נישט צו אַלע דורות, נאָר מער נישט צו זיין נאָענטסטן דור, דער ווידער האָט די תורה איבערגעשאַפן און שוין אַן איבערגעשאַפענע איבערגעגעבן צום ווייטערדיקן דור. און אַזוי כסדר.

עס איז נישט סתם אַ פּראָצעס פון נעמען און געבן, — עס איז אַ פּראָצעס פון לערנען און נוצן, און שאַפן אין לעבן, און ווי אַזאַ, אַן איבערגעשאַפענע איבער־געבן די ייִדישקייט ווייטער. עס איז אַ שטראָם, אַ פּראָצעס. מען טאָר נישט וועלן איבערנעמען קיין ייִדישקייט פון אַ ווייטן דור, איבערהיפּן אַ לעבעדיקע תקופה אין ייִדישקייט. דער מאָרגן מוז אַרויסוואַקסן דירעקט פון דעם היינט. דער היינט מוז זיין אַ יורש פון דעם נעכטן אָבער נישט פון אייערנעכטן. לע־בעדיקע ייִדישקייט קען נישט און טאָר נישט איבערהיפּן קיין דורות, קיין תקופות.

ייִדיש לערנען איז אַנדערש, אייגנאַרטיק. אפשר קענען אַנדערע יאָ איבער־נעמען דירעקט פּאַרצייטיקע תורות. ווייל יענע תורות זענען געווען נישט קיין תורה נאָר וויסנשאַפטן. וואָס איז דער אונטערשייד? — דער אונטערשייד איז גאָר אַ גרויסער. וויסנשאַפטן, חכמת יוון, ווי אונדזערע פּאַרצייטיקע האָבן עס גערופן, האָט געשטרעבט בלויז צו וויסן, ביי חכמה אָדער ווי שפּעטער האָט מען דאָס ביי אונדז גענומען רופן „מדע" איז דער לעצטער ציל געווען וויסן. איצט איז צוגעקומען נאָך אַ ווייטערדיקער ציל — אויסנוצן כדי צו קענען בעסער, באַקוועמער לעבן, כדי דער גוף זאָל מער הנאה האָבן, אָדער כדי איך זאָל קענען בעסער, גרינגער, צאַלרייכער אומברענגען אַנדערע. גאָר אַנדערע צילן זענען גע־ווען פון אייביק אָן ביי אונדז. ביי אונדז האָט מען געלערנט אַ תורת חיים, אַ וויסן ווי צו לעבן, ווי צו ווערן בעסער, העכער, ערלעכער, דערהויבענער, געט־לעכער. נישט פאַר דעם מענטשן נאָר דעם מענטשן גופא צו מאַכן בעסער. דאָס עצם־וואָרט תורה מיינט דאָך אָנווייזן, באַלערנען, אָנפירן. נישט אומזיסט האָט עס געזאָגט ר' יהודה הלוי אַז די חכמת יוון, די וויסנשאַפט האָט שיינע בלומען אָבער נישט קיין פּרוכט... וואָלט רבי יהודה הלוי געלעבט איצט, וואָלט ער אַנ־דערש געזאָגט: אויך די חכמת יוון האָט פּרוכט, אָבער די פּרוכט זענען... סם המוותדיקע. דאָס איז דער אונטערשייד צווישן מ ד ע און ת ו ר ה. די ערשטע שטרעבט צו באַהערשן די וועלט, אַלץ פאַר דעם מענטשן, באַהערשן אַלע אַנדערע מענטשן דורך דעם געווער פון וויסן. די צווייטע זוכט צו באַהערשן דעם מענטשן גופא, באַהערשן קודם־כל זיך אַליין, כדי די וועלט זאָל ווערן בעסער, ערלעכער, שענער. וחי בהם — לעבן דאַרף מען מיט די תורות. און דערפאַר

קען מען וויסן איבערנעמען פון אַלטע קוואַלן דירעקט, איבערהיפּנדיק, אויס־מיידנדיק נעענטערע תקופות, נעענטערע דורות מיט זייערע וויסנשאַפטלעכע אמתן. מען קען אָבער נישט איבערהיפּן קיין דורות תורה, קיין לעבעדיקע תורות פון לעבעדיקן לעבן גענומען. דער וואָס וויל איבערנעמען אַלטע, פּאַרצייטיקע תו־רות פון אַמאָליקע דורות, דער האָט אין זינען טויטע תורות, שוין לאַנג פאַר־גאַנגענע, און מיט זיי קען מען היינט נישט לעבן. מען קען ירשענען עלטערן אָבער נישט קיין עלטער־עלטער־זיידעס. דאָס לעבן פון נעכטן איז היינט די

תורה, דאָס לעבן פון היינט וועט מאָרגן דאַרפן זיין תורה, די קולטור פון איין דור, פון איין תקופה דאַרף זיין די תורה פון דעם דירעקטן צווייטן דור, פון דער נאָענטסטער תקופה. דאָס לעבן פון אַ יחיד איז אַ שטראָם, דאָס לעבן פון אַ פאָלק איז אויך אַ שטראָם נישט איבערצורייסן. דאָס איז דער זינען פון המשך.

און וועלן מיר דעם געזעץ אָפּהיטן, וועלן יידישע דורות אָפּהיטן דעם המשכ־דיקן שטראָם פון יידישקייט, וועט יעדער אחד פון יידן טראָגן אין זיך די יידישקייט פון דור־דורות, דאָס כל ישראל און במילא וועט כל ישראל זיין איין אחד. דורך כל ישראל צו ישראל אחד.

פ אָ ל ק

וואָס מיינט אָט דאָס וואָרט פאַר אונדז? עס איז נישט קיין ביאָלאָגישער באַגריף, נישט קיין ראַסע, אויך נישט קיין פּאָליטישער באַגריף פון לאַנד און גרענעצן. עס איז פאַר אונדז אַ קאָלעקטיוו וואָס איז פאַרבונדן קולטורעל אין איין געמיינזאַמקייט. עס איז אַ מין איבערארגאַנישער אָרגאַניזם. ווי אַן אָרגאַניזם באַשטייט פון אַ סך גלידער, אָרגאַנען, אַזוי באַשטייט אויך פאָלק פון פאַרשיידענע טיילן, וואָס פירן אויס פאַרשיידענע פונקציעס אין לעבן פון גאַנצן קאָ־לעקטיוו און זיי אַלע — אַלע פונקציעס פירן צו איין ציל — צום לעבן פון אָט דעם קולטור־אָרגאַניזם. דאָס לעבן פון אַ פאָלק באַשטייט אין לעבן פון זיין קול־טור. זענען מיר יידן אַ פאָלק? — זאָלן פילאָסאָפירן ווער עס וויל צי יאָ צי ניין. פאַר אונדז איז עס מחוץ פון יעדער ספק: קוים איז פאַראַן אַ יידישע קולטור, אַן אייגנאַרטיקע און אַ פאַרזיכיקע, איז פאַראַן אַ פאָלק, זענען מיר אַ פאָלק. מיר האָבן נאָר איין ספּעציפישע אייגנשאַפט: מיר זענען אַ פאָלק וואָס וויל כסדר ווערן אויס פאָלק, מיר ווילן זיך צעשיטן, צעשפּרייטן ווי די מאָלעקולן פון אַן איבערגעהיצטן דאַרף וועו זיי זענען נישט צונויפגעפּרעסט מיט די שטאַרקע ווענט פון קעסל... האָט דאָך נאָך אין די צייטן פון גלות־בבל אַ נביא אונדז געוואָרנט, אַז מיר וועלן בלייבן אַ פאָלק „צונויפגעבונדן ביד חזקה ובזרוע נטויה ובחמה שפוכה" אויף גוואַלד, הגם מיר ווילן ווערן אויס פאָלק (יחזקאל כ׳ 33־34). פאָלק איז אַ קאָלעקטיווער אָרגאַניזם, וואָס זיין לעבן איז דאָס לעבן פון איין געמיינ־זאַמער קולטור. יידן זענען איין פאָלק כל־זמן זיי לעבן מיט איין געמיינזאַמער קולטור, וואָס איז אַנדערש פון די קולטורן פון אַנדערע פעלקער, וואָס צווישן זיי לעבן מיר.

ק ו ל ט ו ר

וואָס זשע איז קולטור?

מיר שיידן אין קולטור אונטער צוויי עלעמענטן, צוויי טיילן. יעדער לעבן באַשטייט פון אויפפיר, פון שטייגער, פון האַנדלונגען און טואונגען, פון געוויינ־

הייטן און כסדרדיקע רעאַגירונגען. געוווינהייטן דורך דורות, קאָלעקטיווע, איינ־געוואָרצלטע זענען שטייגער פון פאָלק, זיי שאַפן אַ פאָלק. דער שטייגער ביל־דעט אויס אַ שפּראַך, געמיינזאַמע געדאַנקען, אידייען, גלויבונגען, ווערטלעך, ברכות און קללות, מעשיות און געזעצן פון קאָלעקטיוון לעבן. דאָס אַלץ איז קולטור וואָס שאַפט אַ פאָלק.

מיט דער צייט שאַפט זיך פון דעם אַלעם עפּעס אַ פּראָדוקט, פּראָדוקטן וואָס זענען שוין מער נישט אָפּהענגיק פון די דירעקט לעבעדיקע מענטשן פון פאָלק. עס קומען אויף קולטור־פּראָדוקטן וואָס קענען טראַנספּאָרטירט ווערן, איבערגעגעבן ווערן דורך דורות און איבער שטחים. די ערשטע וואָס זענען פּשו־טע פאָרמען פון אינדיווידועלן און קאָלעקטיוון לעבן זענען דער יסוד, דער באָדן, זיי קען מען נישט אָפּטיילן פון לעבעדיקן פאָלק און פון זיינע מענטשן, ווי מען קען נישט אָפּטיילן פון מענטשן זיין אָטעם, זיין האַרץ־קלאַפּן, זיין שטים, זיין אָרט גייען, זיין קוק וכדומה. דאָס איז די שטייגער־קולטור, זי איז די נשמה פון קולטור, די נשמה פון פאָלק. דאָס צווייטע — די פּראָדוקטן פון דער קולטור אויסגעדריקט אין ווערטער און שטאָף — דאָס זענען די קולטור־ווערטן. די ערשטע, די שטייגער־קולטור, זי איז די נשמה, די שעפערישע נשמה, זי גיט דעם כאַראַקטער פון פאָלק, זי איז די קאָלעקטיווע נשמה פון פאָלק. די צווייטע — די קולטור־ווערטן זענען דאָס געשאַפענע נישט דאָס שעפערישע אין פאָלק, זיי קען מען אָפּטיילן פון פאָלק, ווי מען קען אָפּטיילן פון מענטשן זיינע שאַ־פונגען, זיינע אוצרות. עס איז ווי אַ בוים און זיינע פרוכט. עס קענען זיין אַ סך פרוכט ווען דער בוים איז שוין אויסגעהאַקט, לעבט שוין מער נישט. אַזוי קענען אויך זיין מוזייען און ביבליאָטעקן, ווען דאָס פאָלק איז שוין נישטאָ מער. מיט דער שטייגער־קולטור קען אַזוינס נישט געשען: זי איז דאָס לעבן פון פאָלק. זי איז די נשמה, די אינטימע נשמה פון פאָלק, זיין שעפערישע אַנדערשקייט און זיין פאַרזיכיקע אייגנטימלעכקייט. זי האָט נישט קיין אייגענע פאָרעם, קיין באַ־זונדערע עקסיסטענץ, זי און דאָס פאָלק זענען איינס. אָן פאָלק איז זי נישטאָ, אָן איר איז קיין פאָלק נישטאָ. ווי עס קען נישט זיין אַ נשמה אָן אַ גוף, אָן אַ נשמה. מען דאַרף נישט זוכן קיין דעפיניציעס פאַר איר, מען טאָר נישט אָנרופן דעם פאָלקס נשמה מיט אַ נאָמען, ווי מען טאָר נישט אָנרופן דעם פאָלקס גאָט. עס איז פאַראַן גאָר אַ גרויסע קרובהשאַפט צווישן דעם פאָלקס קולטור־נשמה און זיין גאָט, איך ווייס נישט צי עס איז טאַקע דאָ איין גאָט פון אַלע פעלקער און פון אַלע קולטורן אין דער וועלט. אָבער דאָ ריידן מיר נישט פון דעם.

אָט די נשמה פון דעם פאָלק און זיין אינטימע קולטור מוז זיך בייטן אין משך פון דורות, פונקט ווי עס בייט זיך דער אינטימער גייסט פון אַ מענטשן אין משך פון זיין לעבן. לעבן הייסט ענדערן זיך. דער היינטיקער אינטימער גייסט

פון אונדזער פאָלק איז נישט אידענטיש און ער טאָר נישט זיין דער זעלביקער ווי ער איז געווען מיט דורות צוריק, און דער געענדערטער גייסט פון פאָלק שאַפט שוין נייע און אַנדערע קולטור־פּראָדוקטן. אָבער פּונקט אַזוי ווי יעדער יחיד אַזוי אויך אַ פאָלק, דער קאָלעקטיוו בלייבט דאָך איינער און דער זעלבער דורך אַלע זיינע ענדערונגען. דער בוים איז היינט ווייט נישט ענלעך צו זיך אַליין ווי ער איז געווען מיט צען יאָר צוריק, דער שטראָם פון אַ טייך איז אין יעדער אָרט אַנדערש ווי ער איז מיט אַ צען קילאָמעטער פריִער, און דאָך איז ער איין און דער זעלביקער שטראָם. אַזוי אויך דער שעפערישער גייסט פון פאָלק. מיר זענען אַן אַלט פאָלק און אונדזער שעפערישער גייסט האָט דורכגעמאַכט אַ סך תקופות, אַ סך ענדערונגען געהאַט, און דאָך בלייבט ער איינער, אחד. דאָס איז דער היסטאָרישער אחד, משה קיבל ומסרה — יעדער דור ירשנט די קולטור פון פריִערדיקן, ענדערט זי איבער, שאַפט זי איבער און גיט איר איבער צום ווייטערדיקן דור. אין יעדער דור האָט דער לעבעדיקער קולטור־גייסט אויסגע־האַדעוועט קולטור־ווערטן, פּרוכטן, קולטור־פּראָדוקטן. אָבער ער, דער אינטי־מער שעפערישער קולטור־גייסט, בלייבט ווייטער לעבן און שאַפן.

אָט דעם גייסט, די אינטימע, נישט־באַשטימטע און נישט־דעפינירטע שע־פערישע נשמה פון פאָלק רופט אָן דער תלמוד „מיסתורין" — דאָס אינטים־פאַרבאָרגענע. און די גמרא ווייס צו זאָגן ריכטיק, אַז אָט דאָס מיסתורין האַלט־איין דעם קיום פון פאָלק. אויף דעם תלמודישן לשון — צוליב דער מיסתורין האָט גאָט געמאַכט זיין בונד מיט דעם יידישן פאָלק.

נאָרמאַל טראָגט איטלעכער יחיד פון פאָלק אַ שמץ פון זיין פאָלקישער אינטימער נשמה, פון דעם קאָלעקטיוון גייסט. אָדער פאַרקערט, דער אַלגעמיי־נער פאָלקישער גייסט שטעלט זיך צונויף פון די יחידישע עפּעסן פון אַלע קינ־דער פון פאָלק. אַ וואַלד באַשטייט פון איינצלנע ביימער, און ער האָט מער אייגנ־שאַפטן ווי אַלע זיינע ביימער; דער ים באַשטייט פון וואַסער־טראָפּנס, אָבער צוזאַמען איז ער שטאַרקער פון אַלע טראָפּנס צוזאַמען; אַ בוימקרוין האָט אַ סך מער אייגנשאַפטן ווי דער סכום פון זיינע אַלע בלעטער. אַזוי איז אויך מיט אַ פאָלק: זיין פאָלקישע קאָלעקטיווע שעפערישקייט איז אַ סך גרעסער ווי דער סכום פון אַלע זיינע יחידים באַזונדער. דאָס איז דער כוח פון קאָלעקטיוון.

פאָלק און זיין קולטור

אַזוי אַרום קומען מיר צום געדאַנק אַז די צוויי באַגריפן — פאָלק און זיין קולטור — זענען אידענטיש, מען דאַרף זיי נישט באַטראַכטן באַזונדער. די עלעמענטאַרע לאָגיק לערנט, אַז יעדער באַגריף האָט צוויי זייטן — דאָס איז דער פ אַ ר נ ע ם פון באַגריף און זיין א י נ ה אַ ל ט. פאָלק נעמט אַרום

אַלע יחידים וואָס געהערן אַהער. דאָס איז דער פאַרנעם פון „פאָלק״. אויף דער וועלט זענען פאַראַן אַזוי פיל און אַזוי פיל ייִדן, וואָס געהערן צו דעם באַגריף ייִדיש פאָלק. דאָס באַצייכענען מיר מיט דעם וואָרט ייִ ד נ ט ו ם. עס איז דער פאַרנעם פון באַגריף. זיי אַלע זענען ייִדן, ווייל זיי פאַרמאָגן אין זיך פון דעם אינטימען גייסט פון ייִדישער פאָלקישקייט, פון זיין שטייגערישער קולטור. דאָס איז דער אינהאַלט פון באַגריף ייִדיש פאָלק, דאָס איז די ייִ ד י ש ק יי ט. און אין דער ייִדישקייט דאַרפן מיר אויך אונטערשיידן צווישן דעם קולטור־פאַרמעגן וואָס דאָס פאָלק אָדער זיינע יחידים האָבן געשאַפן אויף אַלע געביטן פון לעבן און קונסטן, דאָס אַלץ וואָס מען קען צונויפזאַמלען אין ביבליאָטעקן און אין מו־זייען, דאָס אַלץ וואָס מען קען אָפּטיילן באַזונדער פון דעם לעבעדיקן פאָלק. און באַזונדער דאַרף מען באַהאַנדלען די ק ו ל ט ו ר ־ נ ש מ ה, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין לעבן פון די לעבעדיקע מענטשן פון פאָלק, וואָס בלייבט נישט מחוץ דעם לעבן פון פאָלק.

אונדזער אַלטע טראַדיציע האָט שוין געוווּסט אָפּצוטיילן די צוויי עלע־מענטן. מען האָט עס דעמאָלט גערופן אַנדערש: דאָס אינטימע, דאָס שטייגע־רישע האָבן זיי גערופן ש ב ע ל פ ה. עס איז אויך אַ תורה, אומבאַדינגט אַ תורה, נאָר זי איז נישט פאַרשריבן, זי איז געגעבן געוואָרן פון גאָט אויסנווייי־ניק, בעל פה. און עס איז פאַרבאָטן זי צו פאַרשרייבן. דער קולטור־פאַרמעגן איז די תורה שבכתב. אין דער אמתן האָבן די חכמי התלמוד — די שעפער פון אונדזער אייביקייט געוווּסט אונטערצושטרייכן אַ סך מאָל די גרעסערע וויכטי־קייט פון דער קולטור שבעל פה, פון דער אינטימער שטייגער־קולטור. זיי האָבן בפירוש געזאָגט, אַז דאָס פאַרשריבענע, דער קולטור־פאַרמעגן איז שוין מער אָר־גאַניש נישט פאַרבונדן מיטן לעבן פון פאָלק, ער קען איבערגענומען ווערן פון אַנדערע, פון נישט־ייִדן אויך. אָבער דער בונד צווישן גאָט און זיין ייִדיש פאָלק איז פאַרפעסטיקט נאָר מיט די וואָס האָבן די ייִדישע „מיסתורין״ — דאָס אינ־טים־פאָלקישע. ווען איז אַ ייִד אַ ייִד? — ווען ער פירט זיך ווי אַ ייִד אין זיין לעבן, „בשעה שעושה מעשי עמי״, נישט ווען ער האַלט פון דער פאַרשריבענער תורה שבכתב, וואָס אַלע נישט־ייִדן קענען זי אויך אַנערקענען און דאַך נישט זיין קיין ייִדן. די גאולה פון ייִדישן פאָלק, — האָבן זיי געלערנט — הענגט־אָפּ נישט פון קיינע קרעדאָס און פרינציפּן, נייערט פון דעם צי זיי היטן און בייטן נישט זייערע נעמען, זייער שפּראַך, זייערע מינהגים און בכלל זייער מיסתורין. זיי האָבן זיך נישט דערשראָקן צו באַגרענעצן די תורה שבכתב, נישט אַריינגע־מען אַלץ וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן. מען דאַרף נישט אַריינגעמען מער ווי די 24 ספרים, מען דאַרף אויך זיי נישט לערנען צו פיל. וויל מען זיין אַ ייִד, דאַרף מען בעיקר זיך פאַרנעמען מיט דער קולטור שבעל פה, אין איר ליגט די

ייִדישקייט, זי האַלט־אויף דאָס ייִדישע פאָלק. דאָס ייִדישע פאָלק וועט אויסגעלייזט ווערן, פריי ווערן נישט ווען אַלע ייִדן וועלן אָננעמען די געשריבענע קולטור און האַלטן זיך פאַר אירע אָנהענגער, נאָר ווען זיי וועלן זיך פירן אייגנהייטלעך צוויי שבתים. דורך דעם איינהייטלעכן אויפפיר וועלן זיי ווערן איין ישראל אחד, און דער קיום פון פאָלק וועט זיין זיכערער. דאָס איז דאָך ביי זיי געווען דער עיקר. דער איינהייטלעכער פיר, די איינהייטלעכע קולטור שבעל פה וועט שאַפן די גאַנצקייט פון פאָלק, נאָר זי, נישט די פאַרשריבענע שוין אויסגעפורעמטע קולטור שבכתב.

אייגנטלעך זענען מיר לגמרי נישט קיין אויסנאַם מיט די צוויי געביטן פון קולטור, יעדער פאָלק האָט זיי, אָן דעם וואָלט ער קיין פאָלק נישט געווען. מער נישט וואָס זיי זענען אומעטום אַ מערהייט און זיי אָרדענען איין זייער לעבן לויט זייערע געוווינהייטן און לויט זייער שטייגער. אַגב זענען זיי טאַקע אויך מער געטריי זייער קולטור שבעל פה, זייער שטייגערישקייט, זיי דאַרפן זיך נישט זאָרגן ספּעציעל ווי איינצוהיטן זי. אַנדערש איז עס מיט אונדז. די מדינה האָט פאַרצייטן אַנטוישט — מער ווי שטייערן שווערע און ברודער־מלחמות האָט זי נישט געגעבן, געקאָסט האָט זי אַ סך, בלוט און געלט, נוצן — גאָרנישט. די מערהייט פון פאָלק איז שוין געווען צעזייט און צעשפּרייט (לויט ראַווידאָוויטשן אַן ערך דריי פערטל) אין גלותן. דער דראַנג זיך צו אַסימילירן איז ביי ייִדן אין זייער אייגענער היים קיין מאָל נישט אָפּגעשוואַכט געווען, אַ פּשיטא שוין אין די גלותן. דערפאַר האָבן די זאָרגער פאַר דער ייִדישער אייביקייט — די חכמי התלמוד אַזוי שטאַרק געזאָרגט פאַר דער קולטור שבעל פה, זי געשטעלט העכער פון דער קולטור שבכתב, דערפאַר האָבן זיי אַזוי זיך באַמיט אונטערצושטרייכן תמיד איר געטלעכן אָפּשטאַם.

ווי מיר האָבן שוין דאָס געזאָגט, איז אַלע מאָל די קולטור שבעה פה פריִער פאַר דער קולטור שבכתב. די צווייטע איז אַ קינד פון דער ערשטער. אַזוי איז עס אויך געווען און עס איז ביי אונדז. נישט אומזיסט שיקט די גמרא אַוועק יצחקן אין אַ ישיבה אַריין לערנען, אַזוי אויך הייסט זי אברהם אבינו מקיים זיין אַלע מצוות פון דער גמרא אַפילו אָן עירוב תבשילין. און נישט פאַרשריבן איז די קולטור שבעל פה נישט דערפאַר ווייל אַזוי איז דער קאַפּריז פון אַ שטרענגן גאָט, וואָס זאָגט: איך בעל פה, אַזוי האַלט איר עס אויך בעל פה, וואָס דערלויבט נישט צו פאַרשרייבן. ניין, עס איז נישט פאַרשריבן כל־זמן מען קען עס נאָך נישט פאַרמולירן אין ווערטער, כל־זמן מען קען עס נאָך נישט אָפּטיילן פון לעבן. מען קען זייער גוט באַשרייבן און אויסמאָלן די גאַנצע אַנאַטאָמיע פון אַ טויב אויך נאָך דעם ווי מען האָט זי צעשניטן. אָבער איר האַרצקלאַפּן, איר וואָרקען — דאָס איז געשטאָרבן צוזאַמען מיט דער טויב. די קולטור שבעל פה

האַלט זיך אין כסדרדיקן בייטן, די שבכתב קען בלויז אָנוואַקסן, אָבער דאָס וואָס עס איז שוין פאַרשריבן ענדערט זיך נישט.

אויב דאָס קולטור־לעבן איז אַ שטראָם, איז די קולטור שבכתב די אָנגעטראָגענע זאַמדן און ערדן וואָס דער טייך, דער שטראָם טראָגט אָן. די קולטור שבעל פה איז דער שטראָם אַליין. אין יעדער דור, אין יעדער תקופה האָט דאָס ייִדישע פאָלק, אין יעדער לאַנד, אין יעדער ישוב ווו עס איז געווען און ווו עס האָט געלעבט דער אינטימער ייִדישער שעפערישער גייסט, די קולטור שבעל פה אין שטייגער האָבן זיך אויך געשאַפן קולטור־ווערטן. נישט אַלע מאָל איז עס געלונגען אונדזער פאָלק איינצוהיטן און איינצוהאַלטן די געשאַפענע אוצרות. ווו האָט אַ פאָלק אין וואַנדער און אין וואָגל, אין שמאַך און אין בראַך, ווו האָט עס אַ פאָלק געקענט אַל דאָס געשאַפענע איינהיטן? דערפאַר אָבער האָט עס תמיד געהיט נישט אַזוי דאָס געשאַפענע ווי דאָס שעפערישע, דעם עצם שעפערישן שטראָמיקן פּראָצעס. די קולטור שבכתב איז סטאַטיש, די קולטור שבעל פה איז דאָס דינאַמישע ווי דאָס לעבן, וואָס פון דעם קען מען זי נישט אָפּטיילן.

אין אַ שטראָם איז איטלעכער מאָמענט אַנדערש, ער האַלט זיך אין איין כסדרדיקן ענדערן, אַזוי אויך דאָס קולטור־לעבן. עלטערע עלעמענטן פאַלן־אָפּ, נייערע קומען צו, די גמרא רופט עס אָן „פושט צורה ולובש צורה״. אונדזער היינטיקער שטייגער קען נישט זיין קיין קאָפּיע פון דעם וואָס איז געווען מיט הונדערט יאָר צוריק אין אַנדערע לענדער, יענער שטייגער איז ווידער געווען אַנדערש ווי פון אַ פריִערדיקן דור. „בעסער זאָל בטל ווערן אַ תורה (אַ פאַרשריבענע) איידער עס זאָל פאַרגעסן ווערן די תורה (דער פּראָצעס פון דער שעפערישער תורה)״. אַזוי זאָגט עס אַ גמרא.

די ייִדישע רעליגיע האָט אַ וועלטלעכן אָפּשטאַם.

אויך אונדזער רעליגיע האָט אַ שטראָמיקן, פליסיקן כאַראַקטער פון פושט צורה ולובש צורה. מיט דעם שיידט זי זיך אָפּ פון די רעליגיעס ביי אַנדערע אייראָפּעיִשע פעלקער. זייער קולטור ציט זיך פון צוויי שטראָמען. איינער איז זייער אייגענער, אוראַלטער טראַדיציאָנעלער לעבן און שטייגער און דער צווייטער שטראָם איז געקומען פון דער פרעמדע, פון דער רעליגיע וואָס איז אויסגעוואַקסן פון אַ פרעמדער קולטור, פון אַ פרעמדן לעבן. דיביידע שטראָמען האָבן זיך צונויפגעגאָסן. אַמאָל איז דאָס געוואָרן אַן אָרגאַנישער צונויפשמעלץ און אַמאָל איז עס געבליבן אַ ריין־מעכאַנישער געמיש, אָבער זיי גייען צוזאַמען.

אַנדערש איז עס ביי אונדז. די רעליגיע איז אַרויסגעוואַקסן פון אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן, פון אייגענעם ייִדישן שטייגער, פון דער אייגענער ייִדישער קולטור שבעל פה. לכתחילה איז עס אַלץ געווען געוויינלעכער וואָכעדיקער שטיי־

גער. דאָס פאָלק האָט געלעבט און זיך געפירט פאַר זיך, נישט געטראַכט וועגן גאָט, וועגן מצוות און עבירות. שוין שפּעטער, אפשר אין גלות־בבל, מחמת בענקעניש נאָך דעם פאַרלאָרענעם אייגענעם שטייגער, האָט מען גענומען באַוווסטזיניק אָפּהיטן דאָס געוועזענע, דאָס פאַרלאָרענע נאַטירלעכע לעבן, מען האָט דאָס וואָכעדיקע פאַרוואַנדלט אין אַ הייליקייטן; „מוסיפין מן החול אל הקודש" הייסט אין גמרא־לשון. אַזוי איז געוואָרן דאָס וואָכעדיק־פאָלקישע צו אַ נאַציאָנאַלער הייליקייט, געוואָרן רעליגיעזער קולט, קאַנאָניזירטע רעליגיע.

אָט דער פּראָצעס פון פאַרוואַנדלען דאָס פאָלקישע אין נאַציאָנאַלע, דאָס וועלטלעכע אין רעליגיע, דאָס וואָכעדיקע אין הייליקייט איז שוין אַזוי געגאַנגען ווייטער און ווייטער דורך אונדזער ווייטערדיקער געשיכטע. נייע עלעמענטן פון וואָכעדיקן לעבן זענען אַריבער אין דער קאַטעגאָריע פון רעליגיע, פאַרעלטערטע עלעמענטן זענען בטל געוואָרן און אַרויסגעפאַלן, פאַרגעסן געוואָרן.

די ייִדישע רעליגיע פון יעדער „היינט", פון יעדער דור און פון יעדער תקופה איז לגמרי נישט אידענטיש מיט דער ייִדישקייט פון דעם זעלביקן היינט, פון דעם זעלביקן דור און תקופה. ייִדישקייט איז אַ סך ברייטער און איז ייִנגער ווי עס איז די רעליגיע. זי איז מער אידענטיש מיט דער ייִדישקייט פון אַ פריִערדיקן דור. יעדער היינט פאַרהייליקט דעם נעכטן, דער נעכטיקער פאָלקישער שטייגער איז היינט רעליגיע, דאָס וואָכעדיקע נעכטן איז היינט רעליגיע, דאָס וועלטלעכע פון אַ פריִערדיקן דור ווערט דורך דעם שפּעטערדיקן דור רעליגיעז. הגם פאַרעלטערטע עלעמענטן, וואָס פּאַסן זיך נישט אַריין אין דעם איצט, אין דעם היינט, פאַלן אָפּ, ווערן בטל, מען פאַרגעסט זיי.

עס גייט על פּי רוב אַ קאַמף צווישן צוויי ריכטונגען. איין ריכטונג וויל תמיד אָפּטיילן דאָס רעליגיעזע פון דעם וועלטלעכן. וואָס צום לעבן איז צום לעבן און וואָס צו גאָט איז צו גאָט. עס זענען צוויי געביטן. די שטוב און דער בית־מדרש, דאָס לעבן איז זיך פאַר זיך און די רעליגיע איז ווידער פאַר זיך. דערפאַר דאַרף דאָס רעליגיעזע זיין פיקסירט, „לא ימיר האל ולא יחלוף", עס ענדערט זיך נישט און עס טאָר זיך נישט ענדערן; לא תוסיפו ולא תגרעו, און יקוב הדין את ההר, פאַרפאַלן.

די ריכטונגען האָבן אַלע מאָל צו פיל פאַרהייליקט די תורה שבכתב (און איצט אויך), די פיקסירטע, זי איז פון גאָט, דאָס וואָכעדיקע קען נישט און טאָר נישט אַריבערגיין אין דער קאַטעגאָריע פון הייליקייט, פון רעליגיע.

אָבער די צווייטע ריכטונג האָט בפירוש געזען די וויכטיקייט פון פאָלקסשטייגערישער קולטור, פון דער קולטור שבעל פּה פאַרן קיום פון פאָלק און זי האָט מיט דער גרעסטער ענערגיע און באַוווסטזיניקער עקשנות זיך באמת, געקעמפט פאַר אנערקענונג פון דער פאָלקישער קולטור, כדי צו דערפירן זי צו

דער מדרגה פון הייליקייט פאַרן פאָלק, פאַרוואַנדלען זי אין דער רעליגיע פון פאָלק. דאָס איז געווען די ריכטונג פון די פרושים, זיי האָבן געשאַפן פון פאָלקס־שטייגער די תורה שבעל פה און פון איר איז שפּעטער געוואָרן דער תלמוד, וואָס האָט געפורעמט די ייִדישע אייביקייט. אויף היינטיקן לשון וואָלט מען די ריכטונג גערופן פאָלקיסטישע, ווייל אַלץ איז געשטעלט געוואָרן אויף דעם פאָלקישן שטייגער און אויף זיין לשון, „גיי און זע ווי דאָס פאָלק טוט און טו אַזוי" (הלל). דער קאַמף צווישן די צוויי ריכטונגען האָט געדויערט יאָרהונדערטער, ביז... ביז פון די אַנדערע ריכטונגען איז גאָרנישט געבליבן אין ייִדישן לעבן, אין ייִדישן פאָלק. דאָס איז געווען די גאַנצע תקופה פון דעם צווייטן בית המקדש, פון בית שני, פון עזרא הסופר אָן.

ווען האָט זיך דער קאַמף געענדיקט? — ער האָט זיך נישט געענדיקט ביז היינט. וואָלט זיך דער קאַמף געענדיקט, וואָלט זיך געענדיקט דאָס לעבן פון פאָלק,חלילה.

האָט די פאָלקיסטישע ריכטונג (די פרושישע) נישט באַקעמפט די תורה (קולטור) שבכתב, נישט אָפּגעוואָרפן די קולטור־פּראָדוקטן וואָס זענען אָנגעזאַמלט געוואָרן, נישט אָפּגעלייקנט זיי. ניין, די ריכטונג האָט זיך באַמיט אויך זיי — די פיקסירטע, געפורעמטע קולטור־פּראָדוקטן — פאַרוואַנדלען אין שטייגער, אַריינציִען אויך זיי אין שטראָמיקן פּראָצעס פון פאָלקס קולטור־לעבן. מען האָט זיך באַמיט צו באַגרענעצן די צאָל געשאַפענע פּראָדוקטן, מען האָט שטאַרק געספקט וועגן עטלעכע ספרים, מען האָט אָן רחמנות און אָן איינזעעניש באַזייטיקט זייער וויכטיקע ספרים וואָס מען האָט זיי נישט געקענט אַריינטייטשן אין דער פאָלקיסטישקייט. מען האָט מיט ספּעציעלע לאָגישע מעטאָדן (מידות שהתורה נדרשת בהן) זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז אַל דאָס לעבן, אַל דאָס פאָלקישע איז פאַראַן אין דער תורה שבכתב, אויב נישט בפירוש, איז עס געווען אָנגעוווּנקען. האָט מען געדרשנט די תורה שבכתב אין לעבן אַריין, און מען האָט דאָס לעבן, דעם שטייגער, די קולטור שבעל פה „אַריינגעדרשנט" אין די ווערטער, אין די שטריכן פון דער פיקסירטער תורה שבכתב. אַלץ איז פאַראַן אין איר, „הפוך בה והפוך בה דכולא בה". אין שווערע פאַלן האָט מען זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר ענדערונגען, פאַר קאָרעגירן, פאַר בטל מאַכן דייטלעכע אָנזאָגן. מען האָט אַפילו זיך דערלויבט פעסטצושטעלן נאָרמעס וואָס האָבן גאָרנישט אָדער זייער שוואַכע אָנדייטונגען אין פאַרשריבענער תורה, „בערג וואָס הענגען אויף אַ האָר".

אין איין זאַך וואָלטן זיך היינטיקע „פאָלקיסטן" נישט געקענט צונויפריידן מיט די אַמאָליקע פרושים און מיט זייערע נאָכפאָלגער. די היינטיקע פאָלקיסטן וואָלטן באַשטאַנען, אַז דער אָנהייב פון יעדער קולטור איז דאָס פשוטע פאָלקס

לעבן דאָס לעבן פון פשוטע פאָלקס־מענטשן, פון די עם־ארצים. זיי וואָלטן באַ־שטאַנען אויף דעם פּרינציפּ, אַז אָט די קולטור שבעל פּה, די קולטור שבחיים, שבשטייגער — זי איז די ערשטע, דער בראשית פון פאָלקס לעבן. פון איר ווערט שפּעטער געשאַפן די קולטור שבכתב — די קולטור־פּראָדוקטן. די פּרושים. פאַרקערט, זענען באַשטאַנען אַז די קולטור פון פאָלק נעמט זיך נישט פון פאָלק, נייערט פון גאָט — בײדע, ווי די פיקסירטע, די שבכתב אַזוי אויך די שטיי־גערישע. מער נישט וואָס געגעבן האָט דאָס גאָט בעל פּה, נישט פאַרשריבן. זיי האָבן געזען דעם שטראָם פון הימל צו דער ערד — פון גאָט צום פאָלק, און מיר זעען דעם פּראָצעס פאַרקערט — פון דער ערד און פון דעם ערדישן צום הימל, פון פאָלק צו גאָט, פון וואָכעדיקן צום הייליקן. אין די יסודות אָבער איז עס דאָס זעלביקע: דאָס שטייגערישע, פאָלקישע איז וויכטיק, איז הייליק בקדושת הפאָלק, וואָלטן מיר עס געזאָגט. די פיקסירטע קולטור־פּראָדוקטן, די שבתכב מוזן זיין פאַרבונדן מיט דער שטייגערישער, פּליסיקער, פאָלקישער קולטור. אין די פּרינ־ציפּן זענען די היינטיקע פאָלקיסטן אייניק מיט די אַמאָליקע פּרושים.

אָט דעם צווייטן פּרינציפּ — די פאַרבינדונג פון קולטור שבכתב מיט דער קולטור שבעל פּה — רופן מיר אָן „קולטור־צירקולאַציע".

קולטור־צירקולאַציע

און אַזוי גייט דאָס לעבן פון קולטור, פון פאָלק: בראשית איז די קולטור (אָדער תורה — אַלץ איינס) בעל פּה — דער פּשוטער שטייגער און פיר פון די פּשוטע פאָלקמענטשן, די עם־ארצים, דאָס איז די אַלטע טראַדיציע, אַפילו ווען זי איז אומבאַוווסטזיניק. דאָס איז דער אָנהייב. ווען זי וואַקסט אָן, ווען זי צע־וואַקסט זיך אין דער טיף און אין דער ברייט, ווען דאָס פאָלק לערנט זיך אויס אָנרופן זיין קולטור ביי אַלע אירע נעמען און אונטערשיידן אַלע אירע עלעמענטן, — קומען דעמאָלט יחידים פון פאָלק און זיי שמידן אויס, זיי שאַפן קולטור־ווערטן, ספרים, מוזיק, מאָלערייען און טענץ און אויך פילאָסאָפיעס — אַלץ. זיי בויען אויס פון דעם רוישטאָף דעם קולטור־פאַרמעגן. דערמיט ענדיקט זיך נישט דאָס לעבן פון אַ פאָלקס קולטור. איטלעך פאָלק שטרעבט זיך אָן, נעמט אָן אַלע מיטלען אַז אָט די אַלע קולטור־ווערטן זאָלן אַריינגיין צוריק אין פאָלקס לעבן, זיי זאָלן ווערן אַ טייל פון זיין קולטור שבעל פּה, ריכטיקער — פון זיין קולטור שבחיים. דאָס ווערט געטאָן דורך שולן, דורך ביבליאָטעקן, דורך מו־זייען, דורך לערנען ביחידות און געמיינזאַם. צוריק פאַרשפּרייטן די קולטור אין פאָלק. דאָס איז די קולטור־צירקולאַציע אין פאָלקס לעבן. זי איז פאַרן לעבן פון פאָלק אַזוי וויכטיק ווי די בלוט־צירקולאַציע אין פיזישן לעבן פון אַ יחיד. אין דער קולטור־צירקולאַציע זענען פאַראַן צוויי שטראָמען — אַן אַרויפשטראָם און

אַן אַראָפּשטראָם. דער אַרויפשטראָם איז דער וועג פון פשוטער פאָלק־קולטור שבעל פּה צו די שעפערישע יחידים וואָס פּראָדוצירן די קולטור־ווערטן. דער אַראָפּשטראָם איז דאָס פאַרשפּרייטן די קולטור־ווערטן אין לעבן פון פאָלק, אין זיין טאָג־טעגלעכן באַנוץ.

כל־זמן די קולטור־צירקולאַציע אין פאָלק איז גאַנץ, איז דאָס לעבן פון פאָלק געזיכערט. פּראַקטיק איז דער אויסדרוק פון גמרא וועגן דעם: כל־זמן די תינוקות של בית רבן זענען זיך עוסק אין דעם „הקול — קול יעקב" (זיי לערנען), וועלן די ידי עשו אויף זיי קיין שליטה נישט האָבן, דאָס פאָלק וועט נישט אומקומען. און דערפאַר האָבן זיי — די אמתע שעפער פון אונדזער אייביקייט — אַזוי מורא געהאַט פאַר דעם „שמא תשכח תורה מישראל" — דאָס פאָלק זאָל חלילה נישט פאַרלירן זיין קולטור. זיי האָבן געשטעלט דעם אַראָפּשטראָם העכער פון דעם אַרויפשטראָם. און דערפאַר איז אויך געווען גערעכט ר' סעדיה גאון ווען ער האָט געשריבן אַז „אין אומתנו אומה אלא בתורותיה". לאָמיר נאָך קלאָרער דעפינירן: מיט דער צירקולאַציע פון אונדזערע תורות (קולטור).

עס טרעפט אָבער אויך אַ צוזאַמענשטויס צווישן דער קולטור שבעל פּה פון אַ פאָלק מיט דער קולטור שבכתב פון זעלביקן פאָלק. די קולטור שבכתב איז דאָך יעדעס מאָל געשאַפן פון דער קולטור שבעל פּה פון אַ פריִערדיקער צייט, פון אַ געוועזענער תקופה. קומט צומאָל צו אַ קאָליזיע צווישן דער עלטערער קולטור שבכתב מיט דער יינגערער קולטור שבעל פּה. די קולטור (תורה) שבכתב וואַקסט זיך פאַנאַנדער אין דער טיף און אין דער ברייט, עס וואַקסן אַן פאַכמענער, אירע טרעגער און ווייסער, זיי ווערן אַ גאַנצער קלאַס — די תלמידי חכמים — און זיי שטעלן זיך אַקעגן דעם פשוטן פאָלק דעם עם־הארץ — דעם פשוטן טרעגער פון דער פשוטער קולטור שבעל פּה. עס איז אַ מין גייסטיקע אַריסטאָקראַטיע, וואָס שטעלט זיך קעגן דעם גייסטיקן פּלעבעער, קעגן דעם עם־הארץ, די גרויס־האַלטערישע אַריסטאָקראַטיע וויל פאַרמינערן דעם אָנזען פון דער אָרעמער קולטור שבעל פּה. די טאַכטער, וואָס איז געוואָרן רייך, שעמט זיך מיט איר אָרעמער מאַמען. דאָ קומט עס צו אַ קאַמף, כמעט אַ „קלאַסן־קאַמף" — אַלט און ניי, אַריסטאָקראַטיע און פּלעבעער, רייך און אָרעם, עלטערן און קינדער.

און ווער זיגט אין דעם קאַמף? — קיינער זיגט נישט און אַלעביידע זיגן: עס קומט צו אַן אומבייט פון דער קולטור־תקופה. עס קומט פון גרעאַנגל אַרויס אַ באַנייטע קולטור, וואָס האָט אין זיך דאָס אַלטע איבערגעבויט אויף ניי. די נייע קולטור־תקופה איז אַ כשרע יורשטע פון דער פריִערדיקער, נאָר איר פאָרעם און געשטאַלט זענען געענדערט. מיר האָבן פאַר זיך דאָ אַן אָרגאַנישן המשך —

אַ גאַנצקייט אין פאַרשיידנהייט, אַ איינהייט דורך ענדערונגען. אַלץ וואָס וואַקסט מוז זיך ענדערן, פּושט צורה ולובש צורה.

וועגן תקופות בכלל

נישטאָ אין דער נאַטור קיין אייביקייט, קיין שטענדיקייט, קיין אומענדלעכקייט. אַלץ ענדערט זיך, אַלץ בייט זיך און עס בלייבט דאָך איינס, עס איז דאָך די איינהייט אין פילפאַכיקייט, דער אחד אין פילגעשטאַלטיקייט, דער המשך דורך אַלע ענדערונגען. איין תקופה ירשנט די פריערדיקע און איז אַנדערש פון איר. זי נעמט איבער פון איר און בייט עס אום. די גאַנצע אייביקייט אין דער נאַטור גייט דורך תקופות, תקופותווייז.

לאָמיר אַביסל זיך אָפּרוען פון אונדזער טעמע און זיך לאָזן שפּאַצירן ערגעץ ביי אַ הויכן ערדאָפּריס, למשל ביי אַ הויכן ברעג פון אַ טייך. אַ טיפער נאַקעטער שניט אין דער ערד. דער שניט באַשטייט פון שיכטן ערד, פאַרשיידענע מינים ערד ליגן איינער איבער דעם אַנדערן, דיקערע און דינערע שיכטן זענען זיי. דאָ האָט די מאַמע־ערד אָפּגעדעקט איר געשיכטע: גייט מענטשנקינדער און לייענט. יעדער שיכט איז אַ תקופה. דינערע שיכטן — אַ קירצערע תקופה, אַ דיקערער שיכט — אַ לענגערע תקופה. יבשה אָדער ימים זענען זיי געווען דאָ, וואַסערן אָדער גאָר אייזבערג. אַלע זיי האָבן געשאַפן און צעשטערט — אומענדלעכע צייטאָפּשניטן און אומענדלעכע ענדערונגען. יעדער שיכט — אַ תקופה; יעדער תקופה מיט איר געוויקסנוועלט, מיט איר חיות־וועלט. היינט, לאָמיר זאָגן, וואַקסט אויף דעם היינטיקן אויבערפלאַך אַ גראָז, עס קריכן יאַשטשערקעס, עס פליען איבער דעם פייגל, פליגן זשומען... און אַמאָל, אין פריערדיקע, אַמאָליקע תקופות, ווען די טיפע שיכטן זענען געווען די אויבערפלאַך, זענען דאָ געווען גאָר אַנדערע באַשעפענישן, אפשר זענען דאָ געוואַקסן אויסטערלישע לעפּידאָדענדראָנען און סיגילאַריעס, אפשר האָבן דאָ אַנשטאָט די היינטיקע קליינע יאַשטשערקעס אַרומגעוואַנדערט די מעכטיקע דינאָזאַווערן. און אפשר האָט דאָ גאָר געשטורעמט אַ מעכטיקער ים און אין זיינע טיפענישן האָבן זיך אפשר געטראָגן מעכטיקע איכטיאָזאַווערן... ווער ווייס זיי און ווער קען זיי?... תקופות גייען און תקופות קומען, עלטערע שטאַרבן אָפּ, בלויז פאַרשטיינערטע פאָסילן, רעשטלעך, שפּורן בלייבן פון זיי. און דאָך — אָן די פריערדיקע זענען נישטאָ קיין שפּעטערדיקע. אין אָט דעם בייט פון תקופות גייט די אייביקייט. „דאָס האָבן זיי שטאַרבנדיק אונדז אָנגעזאָגט צו לעבן" (ביאַליק). אָט דער זאַץ קען און דאַרף אָנגעווענדט ווערן אין דער גאַנצער נאַטור בכלל. די אייביקייט גייט דורך תקופותדיקע ענדערונגען, דורך ענדערנדיקע תקופות.

עפּעס קאָסמישעס ליגט אין דעם כסדרדיקן בייט פון תקופות. דאָ איז די

ענדערנדיקע המשכדיקייט פון גאָטס באַשאַף, זיין כסדרדיקע און אייביקע מעשׂי בראשית. זיי זענען זיך כסדר מחדש און כסדר פאַרענדערן זיי זיך, און קיינער קען זיי נישט איבערמאַכן. נישטאָ קיין אַנטרינונג פון דער נאַטורס גזר־דין. גייען אונטער די ארזי הלבנון — די מעכטיקע צעדערן באַגלייך מיט די קליינע און צאַרטע עדלווייסן פון די אַלפּן. קוים וואָס עס האַלטן זיך נאָך צו ביסלעך די שטאַרקע זוברען. אַלץ פאַרגייט און אַלץ האָט יורשים, אין דעם פאַרגאַנג איז תמיד פאַראַן דער שפּראָץ פון אויפגאַנג. אין דעם אומקום ליגט דער אויפקום. אַלטע וועלטן גייען אַוועק, נייע קומען אָן. דור הולך ודור בא.

אַ בוים וואַקסט פעריאָדנווייז. יעדער שיכט האָלץ איז אַ פעריאָד, אָן דעם פריערדיקן קען נישט זיין קיין ווייטערדיקער.

קינדהייט, יוגנט, דערוואַקסנקייט און אַלטקייט זענען פעריאָדן אין לעבן פון אַ מענטשן. איין פעריאָד ענדערט זיין פריערדיקן, אָבער ער לייקנט אים נישט אָפּ. און „גליקלעך איז דער אַלטער אין זיין אַלטקייט, וואָס איז אין זיין יוגנט געווען יונג, און וואָס איז אין זיין קינדהייט געווען אַ קינד". און אַזוי גייט די געשיכטע פון דער וועלט, און אַזוי גייט די געשיכטע פון דער מענטשהייט און אַזוי גייט אויך אונדזער יידישע געשיכטע.

קולטור־תקופות ביי יידן

מיר זענען זייער אַן אַלט פאָלק. מיט איין פוס שטייען מיר הינטער די פּיראַמידן פון מצרים און מיט דעם אַנדערן זענען מיר אַריינגעטראָטן אין דער אַטאָם־וועלט. און אין דעם שפּאַן מאַרשירט דורך די גאַנצע וועלט־געשיכטע. ציַיטן, וועלטן האָבן זיך געביטן, פעלקער זענען אומגעקומען און אויפגעקומען, — און דער אייביקער ייִד וואַנדערט ווייטער און ווייטער. מען האָט ליב ביי אונדז צו דעקלאַמירן דעם אַלטן פּסוק „נצח ישראל לא ישקר". אָבער אויך דאָ איז עס נישט אַזוי פּשוט. עס איז נישטאָ קיין נצח, סיידן אין תקופות, און אויך קיין לא ישקר איז נישט געווען. פאַרקערט האָבן שוין דווקא אַ סך יידישע ישובים יאָ משקר געווען אַלע מאָל ווען עס זענען נישט אָנגעקומען קיין נייע תקופות, ווען עס איז נישט געווען ווער עס זאָל איבערנעמען און איבערשאַפן די ירושה פון געענדיקטע תקופות. זענען דאָך אַ סך יידישע ישובים אונטערגעגאַנגען אָן יורשים און פאַרגעסן געוואָרן. און וויפל פון אונדזערע היינטיקע ישובים אין פאַרשיידענע לענדער האַלטן אין אונטערגיין, אין פאַרלירן זייער נצח, ווייל עס וואַקסט ניש טאָן קיין נייע קולטור־תקופה? פאַרקערט, איז אין יעדער דור פאַראַן איינער אָדער עטלעכע געציילטע ישובים וואָס טראָגן דעם יידישן נצח. מען האָט עס גערופן די העגעמאָן־ישובים. מיר דאַכט זיך אָבער, אַז נישט די העגעמאָניע גייט איבער, וואַנדערט איבער פון ישוב צו ישוב, נאָר די

קולטור בכלל. און וואָלט אין אַ וואָסער עס איז תקופה אויסגעפּעלט בכלל אַ יידישער אַקטיווער קולטור־ישוב, וואָלט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק חלילה אויפ־געהערט צו עקזיסטירן און עס וואָלט נישט געבליבן ווער עס זאָל ווייטער דע־קלאַמירן דעם „נצח ישראל". מיר האָבן לגמרי נישט קיין קמיע פאַר אייביקייט. מיר זענען לגמרי נישט קיין אויסנאַם אין גאָטס וועלט, נישטאָ אויך פאַר אונדז קיין אַבסאָלוטער נצח. פאַרקערט, איז אונדזער געשיכטע אַ בית־עולם פון אונ־טערגעגאַנגענע ישובים. טיילווייז — אומגעבראַכטע דורך שונאים און מערער — אונטערגעגאַנגענע אַליין, ווייל איין קולטור־תקופה האָט זיך געענדיקט און קיין נייע איז נישט געקומען, מען האָט נישט זוכה געווען צו האָבן אַ תקופה פון יורשים. פאַרוואָס? ווייל עס איז צעשטערט געוואָרן די קולטור־צירקולאַציע. אין איר איז דער סוד און יסוד פון אונדזער קיום און געשיכטע. אָן איר — אומקום און אונטערגאַנג, מיט איר — לעבן און קיום. מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן אַז פאַר אַ גאַנצער און געזונטער קולטור־צירקולאַציע זענען נייטיק:

א) אַ קולטור שבעל פה — אַן אייגנאַרטיקער, פאַרזיכיקער שטייגער פון לעבן, אַן אייגענער און אַנדערשדיקער פורעם און פאַרעם פון טאָג־טעגלעכקייט;

ב) אַן אייגענע קולטור שבכתב — אַ קולטור־פאַרמעגן וואָס איז שוין געשאַפן, פולע גערעטעניש פון פריערדיקע תקופות אָנגעזאַמלט אין די שייערן, אָנגעשפּייכלערט אין שפּייכלערס;

ג) עס דאַרף זיין אַ אָנשטרענגונג אָן אויפהער איבערצוגעבן דורך אַלע מיטלען די נייע דורות אָט די אָנגעזאַמלטע אוצרות.

עס דאַרף זיין גאַנץ דער אַ ר ו י פ ש ט ר אָ ם און דער אַ ר אָ פּ־ש ט ר אָ ם פון דער קולטור־צירקולאַציע, ביידע פּראָצעסן דאַרפן זיין אַקטיוו אין לעבן. עס דאַרפן זיין אין פאָלק שעפערישע יחידים און אינסטיטוציעס וואָס זאָלן דעם אַרויפשטראָם שאַפן און פירן אָרגאַניזירטערהייט און עס דאַרפן זיין אָרגאַניזירטע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן וואָס זאָלן פירן דעם אַראָפּשטראָם. ווי אַזוי? — דורך אַלע מאָדערנע מיטלען פון דעם „ללמוד ולעשות" — שולן פון אַלערליי מדרגות (און וועגן די העכערע מדרגות דאַרף מען זאָרגן נישט ווייניקער, און אפשר מערער, ווי עס האָט געטאָן די יידישע טראַדיציע), קאָנ־צערטן, אויסשטעלונגען, לעקציעס, לערנפאַרזאַמלונגען וכדומה וכדומה.

לעשות ווי אַזוי? — דורך שטייגער־פאַרמען איינגעפירטע אין לעבן, וואָס אונדזער טראַדיציע האָט זיי גערופן מצוות מעשיות. דער פּרינציפּ: גיב צוריק דעם פאָלק דאָס וואָס עס איז אויסגעוואָקסן אויף זיין באָדן. נאָר אין דער גאַנ־צער צירקולאַציע פון קולטור איז דער נצח ישראל, נאָר דורך איר איז דער לא ישקר — אין איר — אונדזער אייביקייט וואָס האָט אויסגעהאַלטן מער ווי אַלע

פעסטונגען ביי אַלע פעלקער. איז טאַקע אַזוי: „אלה ברכב ואלה בסוסים, — ואנחנו בשם אלוהינו“.

אין יעדער געשיכטלעכער תקופה מאַכט אַ פאָלק דורך דריי סטאַדיעס. זיי קענען קומען איינצייטיק ביי פאַרשיידענע טיילן פון פאָלק און זיי קענען אויך קומען איינע נאָך דער צווייטער. די סטאַדיעס וועלן מיר אָנרופן: ש ב ט, פ אָ ל ק און נ אַ צ י ע.

דער שבט איז די גרופע פון פאָלק וואָס לעבט אָן אייגענעם שטייגער און באַנעמט נאָך נישט איר אייגנטימלעכקייט, איר אַנדערשקייט און פאַרזיכיקייט. דער שבט האָט אַ קולטור שבעל פה און ער האָט נאָך נישט קיין קולטור שבכתב. דאָס איז די קינדהייט פון אַ פאָלק.

די צווייטע סטאַדיע, די פאָלקישע, קומט דעמאָלט ווען מען קומט צום באַוווסטזיין פון דער אייגענער קאָלעקטיווער פאַרזיכיקער עקסיסטענץ, און זי ווערט ליב און טייער. דער שטייגער הייבט אָן צו קריגן אויסדרוק, פאָרעם, עס הייבן זיך אָן צו שאַפן קולטור־ווערטן.

ווען די דאָזיקע קולטור־ווערטן ווערן געפורעמט אין קונסטן און זיי וואַקסן אַריבער זייער צייט, זיי גייען אַריבער אין די אוצרות פון פאָלקס פאַרמעגן לדור־רות, אומאָפּהענגיק פון דעם דור וואָס האָט די ווערטן געשאַפן, דעמאָלט ווערן די ווערטן פון פאָלקישע נאַציאָנאַלע, און דאָס פאָלק ווערט אַ נאַציע.

דער שבט — קען דאָס זיין דער שבט אפרים פאַרצייטן וואָס קען נישט אַרויסזאָגן קיין שין און זאָגט סיבולת אַנשטאָט שיבולת, אָדער עס איז אַ היינט־צייטיקער ווילנער ליטוואַק וואָס זאָגט גוטסאַבעס (גוט שבת), די שקינד (דאָס קינד), פישנאָגע און פישריבאַ (פיס און פיש. כדי אונטערצושיידן וואָס מען מיינט, פאַרטייטשט מען די ווערטער אויף רוסיש — נאָגאַ און ריבאַ). דאָס זעבן שבטים. שבטים קענען זיין קלענערע און גרעסערע, אָפּהענגיק פון דער קאָמוניקאַציע, וואָס מישט זיי אויס. די צונעמען ווי ווילנער גאַשערס, מינסקער חזירים וכדומה — זיי זענען פּראָדוקטן פון שבטים. די ספּעציפישע קללות פון ווילנע, די פוילישע היטעלעך, דער ליטווישער שבתדיקער רעטשישניק און די וואַרשעווער „קלישקעלעך מיט באָב“, דער דיאַלעקט פון פאַרשיידענע געגנטן, דאָס אַלץ געהערט צו דער סטאַדיע פון שבטים. קען זיין אַז צו דער שבטים־סטאַדיע דאַרף מען צורעכענען אויך די לאַנדסמאַנשאַפטן אין די אַמעריקאַנער שטעט.

די יידישע ליטעראַטור איז אין אָנהייב, אפשר אין די ערשטע דריי פערטל פון פאַריקן יאָרהונדערט געווען אַ פאָלקישע. זי האָט געהערט צו איין תקופה, זי איז אין איר ווערטיקייט נישט אַריבערגעשטיגן איר צייט. ערשט צום סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט, מיט די קלאַסיקער האָט זי דערגרייכט די סטאַדיע פון נאַציע און זי האָט אָנגעהויבן צו פרעטענדירן מיט רעכט אויף דעם טיטול פון אַ

נאַציאָנאַלער קולטור. איר פאַרמעסט און איר אַלגעמיינער ווערט איז העכער פון צייט, אומאָפּהענגיק פון דער צייט ווען זי איז געשאַפן געוואָרן און אומאָפּהענגיק פון דעם שבט, ווו זי איז געשאַפן געוואָרן.

נאָרמאַל ווערן די דריי סטאַדיעס רעפּרעזענטירט דורך פאַרשיידענע גרו־פּעס אין פאָלק. די שבטים־סטאַדיע איז די עם־ארצישע גרופּע מענטשן, וואָס קיין תורה האָבן זיי נישט, אָבער מעשים און פירונגען האָבן זיי. מען רופט עס אָפט מיט דעם נאָמען „פאָלקסמאַסן" (ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן פאָלק־מאַסיוון). דאָס פאָלקישע איז ברייטער, פאָלק פאַרבינדט שבטים, פאַרייניקט זיי. פאָלק האָט שוין אַ באַוווּסטזיניקע באַציִונג צו זיך און צו זייניקס, פאָלק האַלט טייער דאָס וואָס שבט טוט און ווי שבט פירט זיך „אומבאַוווּסטזיניק", נאַטירלעך, אָן ספּעציעלער באַציִונג. פאָלק איז ברייטער פון שבט, אין באַוווּסט־זיין פון איטלעכן יחיד, ברייטער פון לאַנדסמאַנשאַפט, ברייטער פון „אונדזער שטאָט", ברייטער פון „מיר כאַנדריקעווער", פון „אונדזעריקע יעהופּעצער". פאָלק פאַרהייליקט דאָס שטייגערישע פון שבט, פון שבטים, פאָלק פירט אַריבער דאָס שטייגערישע, דאָס וואָכעדיקע פון שבט אין דער מדרגה פון רעליגיע, פון שטייגער ווערט מינהג, פון מינהג — דין. דער סכום פון דינים ווערט רעליגיע, דער פּראָצעס פון פאַרהייליקונג, פון דערהייבן דאָס שבטדיקע ביז צו רעליגיע איז באַזונדערס קענטיק ביי אונדז ייִדן. די ייִדישע רעליגיע, האָבן מיר שוין גע־זאָגט, האָט אַ וועלטלעכן אָפּשטאַם, דאָס הייליקע ביי אונדז היינט איז געווען וואָכעדיק אין פריִערדיקע תקופות; אונדזערע דינים איצט זענען געווען פּשוטע פאָלק־שטייגערישע זיטן אַמאָל; אונדזערע הייליקע שריפטן זענען אַמאָל געווען פאָלקשאַפונגען, טראַדיציעס אין פאָלק.

אָבער דאָ גייען מיר שוין אַריבער פון פאָלק צו נאַציע. נאַציע פאַרבינדט די דורות און תקופות פון פאָלק, דאָס נאַציאָנאַלע איז שוין ביים פאָלק נישט אָפּהענגיק פון צייט, פון דור, פון תקופה, עס שמעקט שוין מיט „אייביקייט". נאַציע איז נישט אָפּהענגיק פון אָרט, עס איז שוין אומעטומיק.

שבט, פאָלק, נאַציע קענען אַלע דריי עקזיסטירן איינצייטיק. זיי קענען אָבער אויך קומען איינער שפּעטער פון צווייטן. עס קען אויך קומען צו אַ קאָנפליקט צווישן דעם נאַציאָנאַלן פון פריִער מיט שבטדיקן אָדער פאָלקישן פון דער אַק־טועלער צייט. ביי אַזאַ אַלטן פאָלק ווי מיר, זענען אַזוינע קאָנפליקטן געווען נישט איין מאָל.

אונדזערע קולטור־תקופות

וועלן מיר איצט נעמען באַטראַכטן אונדזערע קולטור־תקופות אין זייער סדר.

ד י ת נ״ ך ־ ת ק ו פ ה. זי איז די ערשטע וואָס האָט אונדז געלאָזן

אַ קולטור שבכתב. אָבער פאַר איר האָבן מיר שוין געהאַט אַ קולטור שבעל פּה. עס וואָלט קיין מאָל נישט געקענט אויפקומען קיין שבכתב אויב פריִער וואָלט נישט געווען קיין בעל פּה־קולטור. עס קען נישט אויפקומען קיין נאַציאָנאַלע איידער עס איז דאָ אַ פאָלקישע קולטור, און איידער עס זענען פאַראַן שבטים אָדער אַ שבט. „וזאת לפנים בישראל״ — דערציילט שוין דער תנ״ך גופא. די גמרא דערציילט דאָך ווי אברהם אבינו האָט מקיים געווען די גאַנצע תורה, אַלע דינים און פירונגען אַפילו אַן ערוב תבשילין, דער שבת איז אַפילו לויט דער טראַדיציע אויפגעקומען פאַרן מעמד הר סיני, פאַר דער תורה שבכתב, נישט אומזיסט שיקט דער „ערשטער״ ייִד זיין זון יצחקן לערנען אין אַ ישיבה. עפּעס פון דעם האָט געמוזט זיין. עס האָבן זקנים בשער דערציילט די יונגע; עס זענען געווען מינהגים און זיטן, געווען גרייטונגען פאַר דעם „והיה כי ישאלך בנך מחר״. זיי, די תנ״ך־שרייבער, האָבן שוין געהאַט אַלטע, פאַרצייטיקע טראַדיציעס אין לעבן פון פאָלק. עס איז שוין געווען אַ תורה אויך פון „לא יעשה כן בישראל״ — עברות, באַשטימונגען, געבאָטן און פאַרבאָטן, אַ גאַנצע תורה, וואָס נישט בלויז אברהם אבינו האָט מקיים געווען. עס זענען געווען פאָלקס־מעשיות און געזאַנגען, וואָס אַ טייל פון זיי איז אַריין אין תנ״ך און זיכער זענען אַ סך מער נישט אַריין, עס איז געווען אַ פאָלקסליטעראַטור. אָן אַט דער תורה שבעל פּה וואָלט קיין מאָל קיין תורה שבכתב, קיין תנ״ך נישט צונויפגעשטעלט געוואָרן, נישט געשאַפן געוואָרן.

אָנגעהויבן צו פאַרשרייבן האָט מען ביי ייִדן זייער פרי. איז שוין עמוס געווען אַ שריפט־נביא, דערציילט ירמיהו וועגן זיין סעקרעטאַר ברוך נישט ווי וועגן עפּעס אַ נייעם אויפטו. דער ספר דברים איז טאַקע געפונען געוואָרן ווי דער תנ״ך דערציילט אין ירמיהוס צייטן. באַלד נאָך דעם איז עס געוואָרן אַ באַוועגונג, אַ באַוווסטזיניקע, אויסגערעכנטע באַוועגונג צו פאַרוואַנדלען די תורה שבעל פּה אין אַ תורה שבכתב, דאָס איז געשען אין דעם קורצן און דאָך זייער אויפטוערישן גלות־בבל. אַ גאַנצע קולטור־ריכטונג איז אויפגעקומען — די סופרים. עס איז מסתמא געווען נישט קיין גרופּע אָנגעשטעלטע פּראָפעסיאָנעלע שרייבער און איבערשרייבער, נאָר אַ אידעאָלאָגישע פּאַרטיי, אַ ריכטונג, אַ פּאַרטיי פון „עת כנוס״, ווי מען וואָלט עס אָנגערופן איצט.

אָט די פּאַרטיי האָט זיך לגמרי נישט באַנוגנט מיט דעם פאַרשרייבן אַליין. דאָס האָבן זיי געשאַפן די בתי־כנסיות ווו מען האָט געזאָרגט פאַר דעם אַראָפּשטראָם פון דער קולטור. דאָ איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר דער קולטור־צירקולאַציע אין ייִדישן פאָלק, און זי האָט געשאַפן די אייביקייט פון ייִדישקייט.

אָט די סופרים מיט עזרא בראש האָבן דאָס געבראַכט די תורה קיין ארץ

ישראל. נישט בלויז האָבן זיי געבראַכט ייִדן נאָר ייִדישקייט, די תורה. געגאַנגען אין גלות זענען „עדרים — עדרים", ווי די גמרא דריקט זיך אויס, — צוריקגע־קומען איז אַן איינהייטלעך פאָלק פאַרייניקט מיט דער קולטור (תורה) שבכתב. וואָס דער גלות האָט אויסגעפורעמט און זי האָט אויסגעפורעמט דאָס פאָלק. דאָס האָט דער גלות אויפגעבויט די גאולה, די בתי־מדרשות און בתי־כנסיות פון בבל האָבן דאָס אויפגעבויט דאָס פאָלק אין ירושלים (אויך אַ גמרא!). נישט אומזיסט פאַרגלייכט די גמרא עזרא הסופר צו משה רבינו אַליין. אין בבל האָבן די סופ־רים אויפגעשטעלט דעם אַרויפשטראָם און דעם אַראָפּשטראָם פון דער קולטור־צירקולאַציע און עזרא (מיט דער הילף פון דעם „אייזערנעם קאַנצלער" — נחמיה) האָט עס פאַרפעסטיקט אין דער שיבת ציון (ווידער אַמאָל „כפה עליהם הר כגיגית", דעם ערשטן מאָל ביי משהן האָט מען געדאַרפט צווינגען די ייִדן אויפצונעמען די תורה, און דאָס צווייטע מאָל, ביי עזראן ווידער). דאָס האָט טאַקע עזרא דאָך איינגעפירט דאָס לערנען און דערקלערן די תורה פאַרן פאָלק.

בבל האָט אָנגעהויבן דעם פּראָצעס פון שבכתב, דאָס פאַרשרייבן, דאָס פאַר־וואַנדלען די תורה שבעל פה אין אַ שבכתב, דער פּראָצעס האָט זיך געצויגן זייער לאַנג, ביז נאָכן צווייטן חורבן אַריין. אָבער דאָך האָבן שוין די תנאים פון משנה געהאַט צו ציטירן אַ „ככתוב", אַ „אמר קרא", מקרא וכדומה. זיי האָבן שוין געהאַט פאַר זיך פאַרשריבענע טעקסטן פון גנצן תנ"ך און אויך פון כתובים אחרונים (און זיכער אַ סך מערער ווי עס זענען צו אונדז דערגאַנגען אויף דעם אָדער אויף אַן אַנדער וועג).

דער דויערנדיקער פּראָצעס פון אַרויפשטראָם, פון שאַפן די תורה שבכתב האָט זיך שוין אָנגעשטויסן אויף קאָנפליקטן מיט דער נייער קולטור שבעל פה, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין פּראָצעס פון ווערן, אין פּראָצעס פון אויפקום אין די נייע לעבנספאָרמען.

די תורה שבכתב האָט מיט זיך אָפּגעשפּיגלט די עפּאָכע פון בית ראשון, יענע נאָרמען און יענע פאָרמען פון לעבן, יענע באַגריפן און פאָרשטעלונגען, יענע אידייען און אידעאַלן. די נייע צייטן און נייע לעבנספאָרמען האָבן געשאַפן גאָר נייע באַגריפן, נייע אידייען און עס האָט געמוזט קומען צו רייבונגען, צו דיפערענצן צווישן דיביידע וועלטן. (געגנויער, ברייטער און טיפער וועגן די אונטערשיידן צווישן די וועלטן פון תנ"ך און דעם תלמוד — זע אין „בבל וירושלים" פון ש. ראַבידאָוויץ, באַנד 1, שער הבית). אין דער תורה פון בית ראשון פיגורירן איבערהויפּט מלכים און נביאים. אין דער תורה פון בית שני קומען אויף חכמים, תלמידי חכמים, וואָס זיי שטייען העכער (חכם עדיף מנביא), אין תנ"ך איז גאָט תמיד דער מקור ראשון און פוסק אחרון, אַלץ ויאמר, וידבר,

ויצו, ויען ה׳ מן הסערה (איובן). „צדיק אתה ה׳ ״ (ירמיהו). די תורה איז טאַקע געגעבן געוואָרן מן השמים, אָבער זי איז ווייטער געבליבן בשמים.

אין תלמוד אָבער איז דער בורא עולם מעיין אין דער תורה און באַשאַפט די וועלט. נישט אומר ועושה, נאָר ווי די תורה זאָגט: און די תורה איז „לא בשמים היא״, און „אין אנו משגיחים בבת קול״, די תורה איז אַ העכערער אויטאָריטעט און גאָט אַליין זיצט און לערנט צוזאַמען מיט בשר ודמס, וואָס פירן מיט אים דיסקוסיעס, און דער פוסק אחרון איז דווקא אַ מענטש (בבא מציעא פ״ו א׳).

די נביאים האָבן פון מצוות מעשיות (פון זייער צייט) נישט געהאַלטן, אין צווייטן בית זענען זיי געוואָרן דער יסוד פון ייִדישקייט. עם ישראל, קיום האומה האָט געגומען פאַרנעמען די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און זאָרגן. די באַציִונג צו דער מדינה איז געוואָרן קעלטער. און אַזוינע קאָנפליקטן זענען געוואָרן מער און מער.

עס האָבן געקענט זיין דריי וועגן: א) מען פאַרוואַרפט די אַלטע, פאַרעלטערטע תורה שבכתב און מען רעכנט זיך לגמרי נישט מיט אירע חוקים און דינים, מיט אירע געזעצן; ב) אָדער פאַרקערט, מען האַלט זיך פעסט ביי אַלע אַלטע נאָרמעס און „יקוב הדין את ההר״ — פאַרפאַלן, נישט צו ענדערן קיין קוצו של יוד; ג) מען באַמיט זיך מיט רעפאָרמען, מיט אויסטייטשונגען צוצופּאַסן די אַלטע תורה צו דער נייער וועלט. און עס זענען בשעתם געווען ביי ייִדן די אַלע דריי ריכטונגען. צוויי ריכטונגען — נאָר דאָס אַלטע, נאָר דאָס נייע — ביידע זענען געווען אומהיסטאָריש, ביידע האָבן געפירט צום אומקום, צום אונטערגאַנג. היסטאָריש האָט געזיגט נאָר די דריטע ריכטונג, זי איז די וואָס האָט ווייטער און ווייטער געפירט אונדזער געשיכטע. דאָס איז געווען די ריכטונג פון „געטרייען רעוואָלט״: וויכטיק איז טאַקע דאָס פאָלקישע און פאָלקסטימלעכע היינט, מען מוז אָט דעם אַנדערשדיקן היינט פאַרבינדן מיט דער תורה פון דער פריערדיקער תקופה. מען דאַרף דאָס נייע אַריינטייטשן אין די „כּכתוב״ס, און מען מוז זיי אַריינדרשענען אין נייעם לעבן. איז טאַקע „לא כרת הקב״ה ברית עם ישראל אלא בשביל דברים שבעל פה״. אויף היינטיקן לשון הייסט עס: ייִדן זענען אַ פאָלק צווישן פעלקער, נישט דערפאַר ווייל זיי האָבן אַ שיינעם און אַ פּראַכטיקן, און אַן אנערקענטן תנ״ך און אַנדערע גאָר וויכטיקע ספרים, נייערט דערמיט וואָס זיי לעבן אַן אייגן, אייגנאַרטיק לעבן, זיי זענען אַ פאָלק נישט מיט דער קולטור שבכתב, נייערט מיט דער קולטור שבעל פה, שבפירונג; איז טאַקע „חומר בדברי סופרים מבדברי תורה״, איז טאַקע „הלומד מקרא, איז עס מידה ואינה מידה״, איז טאַקע „לא תרגילם במקרא יותר מדאי״. אין אַלץ שטייט בראש די קולטור פון דער נייער תקופה, אָבער אָט די נייע קולטור מוז האָבן אַ

„מן התורה מנין?" אַלץ דאַרף האָבן אַ „בית אב" — אַן אָפּשטאַם אין דער תורה שבכתב, און „כל התורה שאין לה בית אב, אינה תורה". איז טאַקע אויס מיט די מים המררים, מיט דעם יבום, מיט דעם וקצות את כפה און עין תחת עין וכדומה בפירושע דינים אין דער תורה שבכתב, אָבער דאָך האָט מען געדאַרפט פאַר אַלץ זוכן אַ סמך, האָט מען געשאַפן אַ גאַנצע ריי כללים ווי אַריינצודרשענען דאָס נייע אין דעם אַלטן, די נייע איינפירן אין די אַלטע ווערטער, מידות שהתורה נדרשת בהם, איז ר' עקיבא באַרימט דערמיט וואָס ער איז אַ בריה צו דרשענען תלי תלים של הלכה אויף יעדער „את", אויף יעדער שטריכל אויף אַן אות. האָבן זיך טאַקע אָנגעזאַמלט בערג גאַנצע מיט נאַרמעס פון דעם נייעם שטייגער וואָס מען האָט דאָך, מיט אַלע מידות און מעטאָדן נישט געקענט געפינען קיין סמך אין דער תורה, האָט מען זיי געהיט, זענען זיי אָבער געווען באַוווסטזיניק „תלויים בשערה", ווייל זיי זענען „הלכה מרובה ומקרא מעט". האָט זיך אין פאָלק אַנטוויקלט גאָר אַ נייער עלעמענט גלויבן, דער משיח־גלויבן, וואָס איז אין תנ"ך לגמרי נישטאָ (דאָס עצם וואָרט האָט גאָר אַן אַנדער באַטייט!), איז ער געוואָרן אַ עיקר פון יידישקייט; איז אויפגעקומען נאָך אַ צווייטער עלעמענט פון גלויבן — אַזאַ וואָס האָט אין תנ"ך קיין סימן אַפילו נישט — די אמונה אין תחית המתים... נישט דאָ איז דאָס פּאַסיקע אָרט צו דערקלערן די סיבות פון דעם אויפקום פון דער נייער אמונה, זוכט מען אַ סמך אין דער תורה, מאַטערט מען זיך שטאַרק אויף דעם „מן התורה מנין" און עס העלפט נישט דאָס מאַטערן זיך. דאָך בלייבט די אמונה אַן עיקר, וואָס מען נעמט זי אַריין אַפילו אין שמונה עשרה (ווייל דאָס לעבן האָט זייער נייטיק געדאַרפט האָבן אַ סאַטיספאַקציע פאַר יעדער יחיד, וואָס האָט אָנגעהויבן צו פאַרלאַנגען זיין רעכט נאָך אין די צייטן פון ירמיהו). פון דאַנען אויך די נייע אמונה אין השגחה פרטית, וואָס די פריערדיקע תקופה האָט עס נישט געהאַט און נישט געדאַרפט. דאָך אָבער איז „פסוק לי פסוקך" אין דער ווענדונג צו קליינע קינדער געוואָרן אַ מינהג, אַ דין וואָס איז „כנגד כולם" — וויכטיקער פון אַלע אַנדערע מצוות. האָבן זיך אַנטוויקלט נייע פאַרשטעלונגען און נייע באַגריפן וועגן גאָט אַליין. איז ער פון אל נקמות, אלוהי צבאות געוואָרן דער ברוך המקום, דער אבינו שבשמים, וואָס זיצט און לערנט תורה און איז זיך מפלפל מיט תלמידי חכמים. אַלץ אמת, אָבער אַלץ און אַלע מוזן זיין פאַרבונדן מיט דער אַלטער און אַפילו פאַרעלטערטער תורה שבכתב. אָן אַ צוזאַמענהעפט מיט דעם אַלטן האָט דאָס נייע נישט קיין המשך. איז טאַקע „פעמים שביטולה של תורה זהו יסודה", ווייל עת לעשות לה' הפירו תורתך, אָבער דאָך איז דאָס לערנען די תורה, דער הקול קול יעקב די בעסטע פאַרזיכערונג פאַרן קיום האומה, אַפילו קעגן די ידי עשו. דאָס לערנען דאַרף ווערן אַ טייל פון שטייגער, פון לעבן. לערנען מוז מען, אָבער פּסקנען דינים לויט דער תורה — דאָס נישט!

אַזוי איז געוועזן דער געשיכטלעכער וועג פון יידישן פאָלק. די אַנדערע ריכטונגען — די פון נאָר די אַלטע און די פון נאָר דאָס נייע — ביידע זענען אָפּגעמעקט פון אונדזער היסטאָרישן וועג, אויך זייערע אָנהענגער זענען אין דער לעבעדיקער געשיכטע נישט געבליבן.

אָט אַזוי האָבן אין משך פון דורות געלעבט צוזאַמען תורות פון צוויי קול־טור־תקופות — די תורה וואָס גייט אַוועק אין געשיכטע אַריין און די תורה וואָס דאָס לעבן האַלט אין שמידן. מאַמע און טאָכטער, נאָר אַזוי האָט די טאָכ־טער געקענט ירשענען די מאַמען, און עס איז מקוים געוואָרן דער „משה קיבל... ומסרה" אין דער אייביקייט אַריין.

דאָס איז דער וועג פון די פּרושים. און נישט געקוקט אויף דעם גוואַלדיקן פּיעטעט, דעם קדושה־געפיל וואָס זיי האָבן געהאַט צו דער תורה שבכתב, האָבן זיי דאָך געהאַט דעם מוט און די דרייסטקייט צו וואָרענען נישט צו לערנען צו פיל די תורה שבכתב „משום דמשכא" — עס קען אַפּציִען פון דער אַקטועלער יידישקייט, וואָס זי און נאָר זי צולערנען איז וויכטיקער פון אַלץ (אין למעלה המינו). שעמט מען זיך נישט זאָגן, אַז „פּעמים שלא היו בקיאים במקרא" אויף די חכמי התלמוד אַליין (אַ תוספות).

דאָס איז געוועזן דער וועג פון די פּרושים, דער לעבנסוועג פון יידישן פאָלק. וועלן מיר פּרובירן דעם וועג פאָרמולירן ווי אַ געזעץ אין דער יידישער געשיכטע:

א) דער קיום פון פאָלק איז די הויפּטזאָרג, די זאָרג הזאָרגן.

ב) דער קיום פון יידנטום ליגט אין קיום פון יידישקייט.

ג) פאַר דער יידישקייט איז וויכטיקער פון אַלץ די אַקטועלע קולטור פון דעם היינטיקן לעבן, פון דער אַקטועלער תקופה. זי מוז אָבער אין זיך פאַרדייען די פריערדיקע קולטורן פון די פריערדיקע אָפּגעגאַנגענע תקופות. די אַלטע תורה אַליין, וואָס איז נאָר צום לערנען, שטערט נישט דעם אומקום, דער אַסימילאַציע אין לעבן.

אַזוי האָט זיך ביסלעכווייז און בהדרגה פאַרפעסטיקט אין יידישן לעבן די נייע תקופה.

די תלמוד־תקופה

דאָס איז די גרעסטע, די לענגסטע און די וויכטיקסטע קולטור־תקופה אונ־דזערע, זי האָט אויסגעשמידט און אויסגעפורעמט די אייביקע יידישקייט. עס זענען געגאַנגען איינצייטיק עטלעכע פּראָצעסן אין לעבן פון יידישן פאָלק:

1. — דער תנ"ך איז ביסלעכווייז פאַרהייליקט און פאַרשטיינערט געוואָרן. זיין תקופה איז לאַנג אַוועק, ער איז געבליבן אָפּגעריסן פון אַקטועלן לעבן, גע־וואָרן אַ הייליקטום פאַר זיך, אַזאַ פאַרשטיינערטע הייליקטום שטערט נישט דעם לעבן צו גיין אין אַלערליי ריכטונגען, אַלע קענען אים טייער האַלטן. און אַזוי אַרום איז ער טאַקע

2. — געוואָרן אוניווערסאַל, אויך נישט־יידן, אַפילו געצנדינער האָבן אים אַריינגענומען אין זייערע הייליקע אָבער טויטע אוצרות, נאָך אַ שיינע צירונג אין זייערע מוזייען און ביבליאָטעקן (תרגום השבעים). נישטאָ מער די אינטימע פאַרבינדונג צווישן דעם תנ״ך און דעם פאָלק וואָס האָט אים געשאַפן, צווישן דער שאַפונג און דעם שאַפער, אַלע קענען אים האָבן. אַן עפּל אָפּגעריסן פון בוים. דער מדרש זאָגט עס דייטלעך — דער תנ״ך איז מער נישט קיין סימן פון יידישקייט.

3. — די נייע תורה שבעל פה, דאָס אינטים־פּרימיטיוו לעבן פון פאָלק, דער פּשוטער שטייגער זיינער, דער ערשטער אַרויסגאַנג־פּונקט פאַר יעדער קולטור־צירקולאַציע האָט זיך ווידער צעוואַקסן, אַליין געוואָרן אַ תורה, אַריין אין באַוווּסטזיין פון פאָלק ווי אַזאַ, ווי אַ תורה, ווידער איז אויסגעוואַקסן אַ דיסטאַנץ צווישן דער פיקסירטער תורה און דעם פּשוטן לעבן פון פּשוטן מענטשן, ביסלעכווייז האַלט זיך די „שער״ (דער אָפּשטאַנד צווישן ביידע עלעמענטן — דאָס לעבן און די תורה) אין כסדרדיקן פאַרגרעסערן; דאָס נייע ווערט אַליין אַן אָביעקט פון לערנען, אַ תורה, אַ תורה שבכתב, עס גייען ביידע שטראָמען אייביג — דער אַרויפשטראָם פון פּשוטן לעבן אין די „ישיבות״ אַריין און עס גייט דער אַראָפּשטראָם צוריק צום פּשוטן פאָלק, ווידער דורך ללמוד ולעשות. עס איז איינגעשטעלט אַ נאָרמאַלע, געזונטע קולטור־צירקולאַציע.

4. — עס בייט זיך צוזאַמען מיט דעם נייעם שטייגער, מיט דער קולטור שבעל פה אויך די שפּראַך פון פאָלק. אָבער אַזוי ווי דער שטייגער איז אַן אָפּגעהיטער, באַוווּסטזיניק דערוווייטערטער פון אַלץ וואָס שמעקט בלויז אַפילו מיט „דרכי הגויים״, ווערט אויך די נייע שפּראַך אייגנטימלעך, פאַרזיכיק יידיש, ספּעציפיש יידיש, ווערט אַראַמיש די צווייטע לשון־קודש פון יידישן פאָלק. דער אייגענער שטייגער האָט פון פרעמדע ווערטער־ציגל אויסגעבויט אַ נייע שפּראַך־געביידע בצלמו ובדמותו פון יידישן פאָלק.

5. — די תלמוד־קולטור איז אַ סך מער און אינטימער פאַרבונדן מיט דעם פאָלק און מיט זיין לעבן. אויב מיר זענען אַן „עם הספר״ (און מיר זענען דאָס אומבאַדינגט געווען!), איז עס לגמרי נישט אַדאַנק דעם תנ״ך, נאָר דווקא אַדאַנק דעם תלמוד. ער איז לגמרי נישט בלויז אַ ספר אָדער אַ ביבליאָטעק מיט ספרים, עס איז אַ גאַנצע לעבנס־קולטור. זי האָט געווירקט אויף דער שפּראַך פון פאָלק, אויף זיין כאַראַקטער, אויף זיין פּסיכיק און אויף זיין גאַנצן מהות בכלל. דער ייד וואָס האָט אַפילו נישט געלערנט און איז נישט געווען קלאָר אין די שוואַרצע פּינטעלעך, איז אין זיין גאַנצן „איך״ געווען תלמודיש. פון אונטער דער תלמודישער השפּעה האָט זיך די השפּעה פון תנ״ך כמעט לגמרי נישט אָנגעזען.

נישט אומזיסט האָבן זיך די משכילים געכעסט וואָס אַפילו אַ פּסוק דערמאָנט מען זיך נישט דירעקט פון תנ״ך, נאָר פון אַ תלמודישער ציטאַט, פון דער גמרא אַרויס. די תלמודישע קולטור האָט אויך געהאַט אַן אַנדער מזל: זי איז קיין מאָל נישט קאַנאָניזירט געוואָרן, קיין מאָל נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן, קיין מאָל נישט געחתמעט געוואָרן ענדגילטיק. די חתימת המשנה האָט נישט אָפּגעשלאָסן דעם פּראָצעס פון תלמודישן שאַפן, פאַרקערט, האָט זי סטימולירט אַ נייע סוב־תקופה — די גמרא. און אַזוי אויך די חתימת הגמרא האָט אויך נישט אָפּגעשלאָסן דעם תלמודישן ווייטערדיקן גאַנג. די חתימה פון איין תקופה איז געווען תמיד אַ פּתיחה פון אַ צווייטער שפּעטערישער תקופה אין תלמוד. לגבי דעם תלמוד איז קיין מאָל נישט געזאָגט געוואָרן ווי בנוגע דעם תנ״ך „כל המכניס לתוך ביתו יותר מכ״ד ספרים מהומה הוא מכניס לתוך ביתו״. און דאָס איז געווען נישט אומזיסט: אין דער תנ״ך־קולטור האָבן זיך דאָך אַריינגעריסן פרעמדע, נישט־יידישע השפּעות, האָבן די וואָס האָבן באַוווסטזיניק געבויט אַ סיג לסיג, אַ וואַנט אַרום אַ וואַנט כדי זיך אָפּצושיידן פון די דרכי הגויים, די וואָס האָבן „אסרו את פּתם משום יינם, ויינם משום בנותיהם״, האָבן די זעלביקע שומרי החומות אויך אָפּגעשניטן מיט אַלע ספרים פון תנ״ך, ווו מען האָט געקענט געפינען אַפילו בלויז אַ ספק־מפקא פון פרעמדע השפּעות (בן סירא, ספרי החשמונאים). האָט מען דן געווען לגניזא אַן רחמנות און די זעלביקע האָבן אָבער פאַר דער תלמודישער שפּעטערישקייט נישט מורא געהאַט וועגן השפּעות מן החוץ. האָבן די זעלביקע אָפּשניידער פון תנ״ך בנוגע צום תלמוד געזאָגט, אַז ווען די תורה וואָלט גע־געבן געוואָרן אַ צוגעשניטענע (חתוכה), וואָלט דאָס יידישע פאָלק נישט געהאַט ווו זיך צו האַלטן (לא היה לרגל עמידה).

דער תנ״כישער שאַפונג־פּראָצעס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן בכוונה, אָבער דער תלמודישער איז קיין מאָל נישט איבערגעריסן געוואָרן און ער גייט ביז היינט, הגם — לויט מיין מיינונג — נישט אויף אַ געהעריקן וועג. אין דעם תלמודישן שאַפונג־פּראָצעס האָבן זיך יענע השפּעות נישט געקענט אַריינגנבע־נען אַפילו, איבער די סיגים און גדרים און אויך מצד די פרעמדע זענען געווען „גדרים״ זיך אָפּצוגרענעצן פון אונדז.

דער תלמוד האָט דאָך געהאַט און ער האָט ביז איצט דעם זעלביקן מזל און די זעלביקע מערכה וואָס די לעבעדיקע יידן. צוגלייך מיט זיי האָט מען דעם תלמוד געברענט, ווייל יידיש פאָלק און תלמוד זענען געווען ווי סינאָנימען. האָט זיך די תלמודישע קולטור (נישט בלויז ליטעראַטור!) צעוואַקסן אין אַ ברייטן ים (דער ים התלמוד) און דאָס גאַנצע פאָלק ישראל איז אין גרעסערע אָדער קלענערע שיפן געשווומען איבער אָט דעם ים התלמוד, ווער אין ערשטן קלאַס און ווער — אין אַ ווינקעלע סתם.

עס האָבן זיך געביטן די לענדער — פון בבל קיין אשכנז, עס האָבן זיך געביטן די לשונות — פון אַראַמיש צו יידיש, און אַלע דריי יידישע לשונות: העברעיִש, אַראַמיש און יידיש האָבן זיך אייגנצייטיק געגרונטעוועט אין דעם תלמודישן ים און פון אים געצויגן די יניקה.

די יידן איז אשכנז האָבן נישט געהאַט קיין מגע ומשא מיט די שכנים זייערע, צרות יאָ, אָבער קיינע השפעות — דאָס נישט, איז זייער תלמודישער שאַפן געווען בלויז אייגנס, פון די אייגענע נשמות אַרויס. פאַרקערט אָבער די ספרדים וואָס האָבן יאָ געהאַט אַ נענטערע באַהעפטונג מיט דער קולטור פון די שכנים, האָבן תלמודיש ווייניקער געשאַפן. עס זענען אָפילו געווען פּרווון צו שליסן דעם תלמודישן שאַפונג־פּראָצעס (דער רי״ף און דער רמב״ם). אָבער אשכנז האָט נישט געלאָזן — דער באַשיידענער רש״י קעגן דעם „ממשה ועד משה לא קם כמשה״ — וועגן רמב״ם). אייגנצייטיק זענען געגאַנגען אין יידנטום דער אַרויפשטראָם און דער אַראָפּשטראָם פון דער קולטור־צירקולאַציע. בעת די ספרדישע „גאָלדענע תקופה״ האָט זיך גלייך אויסגעלאָשן, געבליבן נישט אין לעבן נייערט בלויז אין אַרכיוון און ביבליאָטעקן, האָט די בלוטיק־אייזערנע תקופה פון אשכנז ווייטער און ווייטער געשמידט און געהאַמערט די לעבעדיקע, וואַכעדיקע קייט פון אייביקער יידישקייט.

תלמודישע סוב־תקופות

די תלמוד־תקופה אַליין דאַרף ווידער צעטיילט ווערן אויף צוויי גרויסע סוב־תקופות: ב ב ל און א ש כ נ ז. אונדז אינטערעסירט דאָ איבערהויפּט די צווייטע — אשכנז. זי האָט געירשנט בבל און מיר ירשענען זי; אונדזער בייסטע קולטור־תקופה איז אירע אַ טאָכטער. בבל קבלה מארץ ישראל ומסרה לאשכנז, און אשכנז ווידער האָט געבוירן די מזרח־אייראָפּעיִשע וועלטלעכע קולטור.

אשכנז איז געווען אַ תקופה פון דרויסנדיקער איזאָלאַציע און אינעווייניקסטער פאַרזיכיקייט. די דרויסנדיקע איזאָלאַציע איז באַשטאַנען פון געטאָ, גזרות, פּאָגראָמען, בילבולים און כסדרדיקע באַגרענעצונגען. די אינעווייניקסטע פאַרזיכיקייט איז באַשטאַנען פון אַ פולשטענדיקן אויטאָנאָמען לעבנשטייגער און פון קוקן אויף אַלע אַנדערע ווי אויף אַן עם הדומה לחמור. די באַפעלקערונג אַרום די יידן איז באַשטאַנען פון אָרעמע און אַנאַלפאַבעטישע פויערים, וואָס פלעגן דערטרינקען זייער אָרעמקייט און דערשלאָגנקייט אין שיכרות. איז אַ פרעמדער נאָמען געווען אַ סינאָנים פון גראָביונגערישקייט... צוויי פרעמדע וועלטן זענען געווען אַרום. דער פריץ איז געווען צו הויך, דער פויער — צו נידעריק. ביידע — צו רשעותדיק. קיין אַסימילאַציע איז נישט געווען מעגלעך. מען האָט יאָ גע־

נומען פרעמדע ווערטער, אָבער דאָס פאַרזיכיקע לעבן האָט פון די ווערטער אויסגעבויט אַן אייגענע שפּראַך. פונקט אַזוי האָט די פריִערדיקע סוב־תקופה געמאַכט איר אייגן לשון — אַראַמיש אויך פון פרעמדע ווערטער. האָט מען יאָ גענומען פרעמדע ניגונים און זיי מגייר געווען. מען האָט אַפילו איבערגענומען פרעמדע טענץ און מען האָט זיי אַסימילירט אין דעם אייגענעם פאַרזיכיקן לעבן, און זיי זענען געוואָרן ייִדישע. דאָס פרעמדע איז אַסימילירט געוואָרן אין ייִדישקייט, נישט פאַרקערט, ווען ייִדן אַסימילירן זיך אין דעם פרעמדן. דאָס איז געווען די תקופה פון דעם איזאָלירט־פאַרזיכיקן לעבן, וואָס מען קען כאַראַקטעריזירן מיט איין וואָרט — ש ט ע ט ל.

שטעטל־תקופה

דאָס שטעטל איז געווען נישט בלויז אַ קליינער וווינונגס־פּלאַץ, — עס איז געווען אַן אייגנאַרטיקער סאָציאַל־קולטורעלער שטייגער. אַפילו אין די גרעסערע שטעט מיט די באַרימטע ייִדישע קהילות זענען די ייִדן געווען אָרגאַניזירט אין קלענערע „שטעטלעך‟ — צי דאָס זענען געווען קלויזן לויט די צעכן פון בעלי־מלאכות, צי לויט די פאָרשטעטלעך. די ייִדישע באַפעלקערונג פון ווילנע איז, למשל, געווען פאַרטיילט אין זיבן פאָרשטעטלעך און אין אַ גרעסערער צאָל באַזונדערע קלויזן. און יעדער קלויז האָט זיך געפירט ווי אַ באַזונדער שטעטל מיט באַזונדערע חברות און שטייגער. די שטעטל־קולטור האָט געהאַט אירע שטריכן, באַזונדערע חברות, אָרגאַניזאַציעס, אָפט אַפילו מיט אַ באַזונדערן נוסח פון דאַוונען, אייגענע אידיאָמאַטישע אויסדרוקן, אייגענער פאָלקלאָר. יעדער שטעטל מיט זיינע עילויים, מיט זיינע משוגעים, מיט אייגענע יחסנים, גאונים, משומדים, מיט אייגענע טראַדיציעס, זכרונות, מעשיות, גזירות, פּריצים־רשעים, בילבולים, קאַנטאָניסטן וכדומה. יעדעס שטעטל איז געווען אַ וועלטל פאַר זיך. מען האָט זיך נישט געיאָגט נאָך רייכקייט צו פיל, האָט מען געהאַט גענוג צייט צו פאַרברענגען אין בית־מדרש וואָס איז געווען אויך דער קלוב. אגב, איז דאָ געווען על פּי רוב וואַרעמער ווי אין דער אָרעמער היים. קיין געקויפטע פאַרוויילונגען זענען נישט געווען, איז די בעסטע פאַרוויילונג געווען אַ חזן, אַ מגיד, אַ בדחן, פּורים־שפּילער וכדומה — אייגענע סאַמאָראָדנע אַרטיסטן. קיין שום פרעמדע השפּעות. קולטור איז געווען אין ספר — פאַר זיך, צי בחברותא, אין בית־מדרש, פאַר זיך אָדער מיט דעם זאָגער. איז טאַקע געווען „וכל בניך למודי ה׳‟ — יעדער עם־הארץ אַפילו וואָס האָט גאָרנישט געלערנט, האָט זיך אָנגעשמעקט מיט תורה, מיט לשון קודש — ווערטער, וואָס האָבן געהאָלפן אויפבויען אַן אייגענע שפּראַך. די מאָראַל און קעגנזייטיקע אחריות זענען געשטאַנען אַ סך העכער, ווייל יעדער איינער האָט געקענט אַלעמען און אַלע האָבן

געקענט איינעם, און „עס פּאַסט נישט פאַר לייט", „מענטשן האָבן צינגער, טייטן מיט די פינגער". דורות האָבן זיך געהאָדעוועט אין דער זעלביקער אַטמאָספער, טראַדיציעס זענען געוואָרן טיף איינגעוואָרצלטע. און ווען אַפילו עמיצער האָט זיך דאָך אַרויסגעריסן אין אַן אַנדער וועלט אַריין, האָט ער אָבער זיין שטעטלדיקן כאַראַקטער מיטגענומען מיט זיך אויף זיין גאַנץ לעבן. ער האָט געקענט אַסימי־לירן אַ סך פרעמדע און ווייטע קולטורן, אָבער פון דער איינגעוואָרצלטער, מאַ־ניסטישער שטעטלשער קולטור פון זיין קינדהייט האָט ער זיך בשום אופן ניט געקענט אַרויסרייסן. זי איז געבליבן אין אים. דאָס שטעטל — דאָס איז געווען די ראָם פאַר דער תלמוד־קולטור פון אשכנז, איבערהויפּט אין איר צווייטן טייל מזרח־אייראָפּע.

דער אויסדרוק תלמוד־קולטור ווערט דאָ געמיינט אַ סך ברייטער ווי דער ש"ס. מען האָט אַפילו אַ פרשה חומש געלערנט תלמודיש. דאָס לשון פון גאַנצן פאָלק, אַפילו פון די עם־ארצים איז געווען תלמודיש. תנ"ך האָט מען בכלל נישט געלערנט, און אַז מען האָט אַמאָל דערמאָנט אַ פסוק, איז עס געווען גענומען נישט דירעקט פון תנ"ך, נייערט פון אַ גמרא־ציטאַט. אַן אַ שיר גמרא־אויסדרוקן זענען אַריין אין דעם לשון פון פשוטן פאָלק, די אינטאָנאַציע ביים ריידן איז גע־ווען פון לערנען, פון אַ מימרא; די חז"ל זענען געווען איינגעבירגערט אין שטעטל, די גאַנצע אַטמאָספער איז געווען אַ תלמודישע. אַפלאַכער און וויצלער האָבן גע־שאַפן פּאַראָדיעס אויך אין תלמודישן סטיל (מער באַקאַנט זענען מסיכתא פורים און מסיכתא אַמעריקע).

די סיסטעם פון לערנען און דערציִען איז געווען דורכויס אַן אייגענע אָן קיין שום השפעה פון דרויסן, פון די אַרומיקע פעלקער, אַפילו פון די באַלעבטים אין לאַנד. די פּעדאַגאָגישע טראַדיציע אונדזערע האָט געהאַט אַ גרויסע מעלה — זי האָט אַנטוויקלט אינטויִציע ביים לערנער. דאָס לערנען „פאַר זיך" איז געווען זייער שטאַרק אַנטוויקלט. די סיסטעם איז געווען אָרגאַניזירט אַזוי אַז עס איז געווען צוטריטלעך פאַר די אָרעמסטע פון פאָלק. האָט עס ביי יידן קיין מאָל נישט אויסגעפעלט קיין אינטעלעקטואַלן, קיין למדנים, קיין פאַבלייט, קיין פירער און אָנפירער. און מען האָט נישט געדאַרפט לגמרי קיין ספּעציעלע סע־מינאַרן צו גרייטן פּראָפעסיאָנאַלן. מען קען גרייִלעך זאָגן, אַז דאָס גאַנצע לעבן פון אַ יידן איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם תלמוד.

און די קולטור פון דער פריִערדיקער תקופה? וואָס איז געוואָרן מיט איר? איז זי פאַרגעסן געוואָרן? האָט זי דאָס פאָלק פאַרוואָרפן?

חס ושלום! די יוגנט פון אַ מענטשן איז אין תוך אַריין גאָר אַנדערש פון זיין קינדהייט, אָבער די לעצטע איז בשום אופן נישט פאַרוואָרפן, זי איז אַסי־מילירט אין דער יוגנט. אַזוי האָט אויך דער תלמוד אָרגאַניש פאַרדייט דעם

תנ״ך. דווקא דער תלמוד, וואָס האָט געשטעלט די נייע פאָלקישע קולטור העכער פון תנ״ך, דווקא ער האָט אייגעהיט דעם תנ״ך, ער און נישט די „תנ״כיסטישע״ צדוקים, נישט קאַראַימער. וועגן אָט די דריי נייע קולטור־תקופות — בבל, אשכנז און מזרח־אייראָפּע קען מען מיט דער פולער אחריות ממשיך זיין די ערשטע משנה פון פרקי אבות וועגן גאַנג פון דער אָרגאַנישער מסורה. יעדער אָרגאַנישע קולטור־תקופה נעמט איבער די קולטור פון דער פריערדיקער, אַנדערשט זי איבער, בויט זי איבער, אַקטואַליזירט זי און גיט זי איבער צו דער ווייטערדיקער תקופה. די העברעישע תנ״ך־תקופה פון ארץ ישראל איז איבערגעשאָפן געוואָרן אין דער אַראַמיש־יידישער תלמוד־קולטור אין בבל. בבל קיבל תורה מארץ ישראל ומסרה לאשכנז, ואשכנז מסרה למזרח־אייראָפּע. אַן אַנדער לאַנד, אַן אַנדער לשון, אַן אַנדער שטייגער און דאָך המשך!

לאָמיר דאָס אָננעמען ווי אַ כלל: די קולטור פון אַ פריערדיקער תקופה קען בלייבן לעבעדיק, נישט אין מוזייען, ביבליאָטעקן און אַרכיוון, נישט צום שטודירן און צו פאָרשן פאַר אַרכעאָלאָגן און היסטאָריקער, נאָר ממש אין טאָג־טעגלעכן לעבן, נאָר ווען די יינגערע קולטור שמעלצט זי איבער, אַסימילירט זי אין גאַנצן. יענע יידישע שבטים און ריכטונגען וואָס האָבן אויס כלומרשטער אַכטונג צום תנ״ך אים געוואָלט איינהיטן אומפאַרענדערט אין זיין אוראַלטער ריינקייט און זיי האָבן בשום אופן נישט געוואָלט אַנערקענען דאָס איבערשמעלצן דעם תנ״ך אין דעם תלמודישן שמעלצאויוון, די האָבן דעם תנ״ך פאַרלאָרן און זיי זענען אַליין געגאַנגען פאַרלאָרן פאַר דעם יידישן פאָלק. דער תלמוד האָט אייגעהיט דעם תנ״ך, פּובדיתא און נהרדעא האָבן אייגעהיט ירושלים; וואָרמייזא און טרוא האָבן אייגעהיט בבל; און שניפּעשאָק און קאָסרילעווקע האָבן אייגעהיט אשכנז. און זיי האָבן איבערגעגעבן, אויפגעבויט דאָס נייע אין יידישן לעבן. דאָס מזרח־אייראָפּעישע שטעטל האָט אויפגעבויט תל־אביב, שניפּעשאָק האָט אויפגעבויט עין חרוד, בשום אופן נישט דער תנ״ך, נישט גדעונס עין חרוד. און בנימין השלישי מיט מנחם מענדלען מיט זייערע חלומות האָבן אויסגעהאָדעוועט די טרוימער און די בויער פון דער נייער מדינה. די שטעטלשע תלמוד־קולטור האָט פאַרזייט גאָר די נייע יידישע קולטור וואָס האַלט אין אָנקומען.

דאָס שטעטל איז מער נישטאָ, זיין אונטערגאַנג האָט זיך אָנגעהויבן לאַנג פאַר היטלערן. דער תלמוד האָט פאַרלאָרן מאַכט אין יידישן לעבן. און די וואָס ווילן איינהאַלטן דעם תלמוד אין זיין פריערדיקער אַלמעכטיקייט, שטעלן אין סכנה דאָס יידישע לעבן בכלל. די תלמודיש־שטעטלשע קולטור און שטייגער זענען געוואָרן די תורה שבעל פה פון זייער תקופה. נאָך פאַר דעם אָנהייב פון דעם אונטערגאַנג האָט זיך אָנגעהויבן צו פורעמען די קולטור שבכתב פון דער שטעטל־תלמודישער תקופה. די גאַנצע רייכע זאַמלונג פון אונדזער מאָדערנער

קולטור אין אַלע אירע פּראָדוקטן די געשאַפענע און די וואָס וועלן זיך נאָך שאַפן — אַל דאָס איז דער שניט פון דעם גערעטעניש פון אונדזער שטעטל. די גאַנצע ליטעראַטור אונדזערע, אַלע אַנדערע פאָרמען פון קונסטן און געזעל־שאַפטלעכקייטן — אַלץ שטאַמט פון שטעטל.

עס קענען זיך טרעפן ייִדן וואָס וועלן האַלטן דעם טיטול „שטעטל־קולטור״ פאַר אַ נידעריקער מדרגה, פאַר אַ „נחות דרגא״, וויל איך דאָ באַוואָרענען: אונ־דזער שטעטלשע קולטור איז געווען הימל־העכער פון דער אַרומיקער קולטור ביי די שכנים. אויך פסיכיש איז דער שטעטלשער ייִד געווען געזינטער, גאַנצער, העכער, מענטשישער, געזינטער פון דעם היינטיקן גרויסשטאָטישן ייִדן. מען זאָגט — דאָס שטעטל איז געווען אַ געטאָ. עס איז נישט מער ווי אַ בילבול. דאָס שטעטל איז געווען אָרעם, שרעקלעך אָרעם, אָבער עס איז געווען אַן אָרע־מע היים, אָבער אַ היים און נישט קיין געטאָ. דאָ האָבן ייִדן געלעבט ווי זיי האָבן געוואָלט און געפילט זיך ביי זיך, היימיש, דאָ האָבן די ייִדן געהיט זייער שבת און זייער יום־טוב, מען האָט זיך נישט גערעכנט מיט דעם פרעמדן יום־טוב און מיט דעם זונטיק. אין דעם שבתדיקן שפּאַציר האָט מען געקענט זען דעם שטאַרקן היימגעפיל פון דעם ייִדן. אין שטעטל איז דער ייִד יאָ געווען אין גלות, אָבער אינעווייניק, אין שטעטל גופא האָט זיך דער ייִד געפילט ווי אַ באַלעבאָס. מען האָט טאַקע מורא געהאַט פאַרן שיכורן גוי, אָבער אין טאָג־טעג־לעכן לעבן האָט מען זיך מיט אים נישט גערעכנט לגמרי. דער גוי איז געווען אין שטעטל נאָר אַ גאַסט, בעת דער ייִד איז געווען דער תושב. גערעכט איז גע־ווען זשיטלאָווסקי ווען ער האָט געשריבן אַז ביי זיי אין דער היים איז דער גוי גאָר געווען אין גלות, נישט פאַרקערט. ייִדן האָבן „ביי זיך״ אין שטעטל געמאַכט אַן עירוב, געבויט סוכות אין סאַמע גאַס. זייער היים איז געווען אַ ייִדישע פּעס־טונג און אַפילו די גויִישע דינסט האָט גערעדט ייִדיש און געהיט כשרות. צו ווּעמען מען פאַסט זיך צו, דער איז דער „באַלעבאָס״, ייִדן אין שטעטל זענען בפירוש געווען די באַלעבאַטים, נישט קיין געטאָ, נאָר אַ היים איז געווען דאָס שטעטל. ייִדן אין שטעטל האָבן פרייטיק־צונאַכט אַפילו דעם דעם קלויסטער־געקלאַנג פון די גלעקער געפילט שבתדיק.

במילא איז שוין די גאַנצע פּסיכיק פון דעם שטעטלשן ייִדן געווען דווקא נישט קיין געטאָדיקע. אחד העמס פאָרוורף די מערב־ייִדן אַז זיי זענען די אמתע קנעכט אין פרייהייט, בעת אין רוסלאַנד זענען די ייִדן פריי אין קנעכטשאַפט, האָט זיך באַזירט אויף דער פּסיכיק פון שטעטל איבערהויפּט. אָט די ייִדיש־מאַניסטישע פּסיכיק האָט באַהערשט אַלע ייִדן אַפילו די וואָס האָבן זיך אַרויס־געריסן פון שטעטל, אַפילו ווען מען איז שוין אַוועק פון דער תלמודישער קול־טור, אַפילו ווען מען האָט שוין געלערנט רוסיש און זיך געדבקהט איבער דעם

„הייליקן משורר לערמאָן טוב" (דער רוסישער פּאָעט לערמאָנטאָוו) און מען האָט דיסקוטירט וועגן דאַרווינען און מאַרקסן. דער אמתער גלות, די גייסטיקע און מאָראַלישע אָפּהענגיקייט, די שטייגערישע און שפּראַכלעכע אַסימילאַציע האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער אורבאַניזאַציע פון ייִדן. אונדזער גאַנצע קולטור איז נאָך ביז איצט אַ שטעטלשע, קיין אורבאַנישע ייִדישע פּאַרזיכיקע קולטור האָבן מיר נאָך נישט געשאַפן. אונדזער פּסיכיק איז נאָך אויך ווייט נישט צו־געפּאַסט צו דעם אורבאַנישן לעבן. עס זענען געפאַלן די אַלטע פעסטע דורות־דיקע ווענט און קיין נייע זענען נאָך נישטאָ. יאָ, אונדזער גאַנצע רייך־צעבליטע קולטור איז בלויז דער אַפּאָטעאָז פון אַלטן שטעטל, אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן אין דער גרעסער וועלט אַריינגערעכנט אויך די מדינה — אַלץ איז אַ קינד פון שטעטל. דאָס האָט די קולטור שבעל פה פון שטעטל זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קולטור שבכתב און אין אַ קולטור שבמעשים. דאָס אַלץ איז דער „תלמוד השטעטל". עס פעלט אָבער נאָך אונדז אַ נייע ייִדישקייט שבעל פה פון דער נייער תקופה, וואָס זאָל ירשענען, וואָס זאָל פאַרדייען און איבערשאַפן דעם גאַנצן תלמוד השטעטל אין דעם לעבן אַריין, אין דער קולטור שבעל פה פון דער נייער תקופה הבאה לקראתנו.

קאָנפליקטן צווישן תקופות

די תלמוד־שטעטל־תקופה איז געענדיקט. גוט צי שלעכט, עס העלפט נישט קיין נאָסטאַלגיע. דער פאַקט בלייבט. עס קומט אַ נייע תקופה — זי איז אור־באַניש, זי איז וועלטיש (מיר זענען צעשפּרייט איבער דער וועלט), זי איז וועלט־לעך, מיר האָבן אַ מדינה. מיר ווילן זיך אָבער נישט פאַרנעמען מיט ספּעקולאַ־ציעס וועגן דער צוקונפט. מיר ווילן בעסער ריידן וועגן דעם עצם פּראָצעס פון איבערגאַנג פון תקופה צו תקופה.

יעדער איבערגאַנג איז אַ שווערער פּראָצעס. דער איבערגאַנג פון ווינטער צו זומער קען נישט אַריבער אָן רעגנס און אָן בלאָטעס און פאַרפליייצונגען. דער איבערגאַנג פון תנ"ך־תקופה צום תלמוד איז געווען פול מיט קאָנפליקטן. נישט גרינג איז אָנגעקומען דאָס באַזירן דעם קיום פון פאָלק אויף תלמוד תורה מיט אַנדערע מצוות אָנשטאָט אויף מלוכה, שווער איז געווען דער איבערגאַנג פון מלכים, כוהנים, נביאים ביז צו תלמידי חכמים; שווער איז געווען צו סובאָרדי־נירן די תורה שבכתב פון דער פריִערדיקער תקופה (פון תנ"ך) צו דער קולטור שבעל פה פון דער אַקטועלער תקופה. ווייט נישט קיין קליינע טיילן פון פאָלק האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער אַקטועלער פאָלקישער קולטור, אפשר זענען זיי געווען די מערהייט אַפילו. וואָס איז וויכטיקער פאַרן לעבן פון פאָלק — דאָס פיקסירטע, פאַרשריבענע תורה, די קולטור־שאַפונגען וואָס זענען שוין אנער־

קענט ווי נאַציאָנאַלע ווערטפולע קולטור, אָדער דאָס אינטים־פרימיטיוו־פאָלקי־שע שטייגערישע, וואָס איז נאָך בלויז בעל פה?

און דער קאָנפליקט האָט זיך געצויגן יאָרהונדערטער, געענדיקט האָט ער זיך בלויז ווען די אַלע אָנהענגער פון דער פאַרגאַנגענער קולטור זענען אַרויסגע־פאַלן פון ייִדישן פאָלק, במילא איז געבליבן נאָר די צווייטע ריכטונג, די קולטור פון בעל פה דעמאָלט, זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שבכתב, זי איז געוואָרן פון פאָלקיש נאַציאָנאַל.

קלענערע קאָנפליקטן זענען פאָרגעקומען אויך שפּעטער צווישן פאַרשיידע־נע ריכטונגען אין דער תלמוד־תקופה גופא. לאָמיר דאָ אָנרופן די קאַמפן פאַר און קעגן שליסן און פיקסירן דעם תלמוד (דער אלפ״ס און רמב״ם). די גאַנצע תלמוד־קולטור איז איצט אַ קולטור שבכתב. אין לעבן איז שוין די קולטור נישטאָ, אָדער כמעט נישטאָ. דאָס נייע לעבן האָבן נאָך נישט געשאַפן קיין נייע קולטור. אָבער דער קאָנפליקט גייט שוין אָן כמעט צוויי הונדערט יאָר. דער ערשטער, גע־זונטער רעוואָלט איז געווען די חסידישע באַוועגונג. די תלמודישע שריפטקול־טור איז זיך צעוואַקסן טיף ווי דער ים, הויך ווי די בערג, בלויז יחידי סגולה האָבן דערגרייכט די מדרגה זיך צו קענען לאָזן שווימען אין דעם ים התלמוד ומפרשיו, זיך צו קענען דערגרונטעווען ביז זיינע טיפענישן און אַרויפברענגען די טייערע פערל. פון זיי, פון די יחידי סגולה ביז דעם פשוטן געטרייען ייִדן איז געוואַקסן דער תהום. דאָס איז דער בריסקער רב און דער פורמאַן ביי פּרצן אין „צווישן צוויי בערג״, דאָס איז דער באַרדיטשעווער רב און בערל שניידער, דער אורח חיים און יוחנן וואַסערטרעגער. עס איז ווידער אויפגעקומען אַ גייסטי־קע תורה־אַריסטאָקראַטיע, צו הויך איז זי געווען אַז דער אַראָפּשטראָם פון איר קולטור זאָל דערגיין צו דער מאַסע, און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל פון איר קענען געניסן.

אָבער די אָרעמע מאַסע איז אויך געווען געטריי־ייִדיש, האָט זיך אָנגעהויבן דער געזונטער געטרייער רעוואָלט פון דעם מאַסן־לעבן קעגן דער „שפּיצן־קול־טור״ פון דער תלמודישער אַריסטאָקראַטיע. דאָס לשון פון דער פשוטער פרוי, פון דעם עם־הארץ האָט זיך אָנגעפילט מיט פשוטער פאָלקישער ייִדישקייט, מיט דער ייִדישקייט פון „קוילער געסל״, פון דעם זיידן פון קאָבילניק. דער ישובניק, דער קרעטשמער און דער פאַכטער האָבן שוין ביסלעכווייז אויפגעהערט צו גלייבן אַז זיי קענען דורך אַ שידוך אַריינקריגן זיך אין דעם תורה־יחוס. זייער לעבן איז געווען וואָכעדיק־וועלטלעך ווי עס איז געווען וואָכעדיק זייער שוואַרצער גרויסער לאַבן ראַזעווע ברויט. אָבער ייִדיש, פאַרזיכיק איז ער געווען אויך ווי דאָס ברויט, דאָס לשון איז צוזאַמען מיט דעם גאַנצן לעבן געוואָרן פון „לעז״ צו עברי־טייטש, און פון דעם צו ייִדיש, דערהויבן זיך ביז צו שפּיצן פון תלמוד־

לערנען, ביז צו ווערן אָרגאַניש פאַרבונדן מיט ווערטער פון חומש, טראַדיציאָ־בעל, מסיני. עס האָט זיך אָנגעהויבן צו שאַפן אַ נייער פאָלקלאָר טאָקע אין דעם לשון, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַרויפשטראָם פון עם־הארץ אַרויף צום תלמיד חכם. דער יידיש האָט אַפילו אָנגעהויבן אַריינצודרינגען פּאַמעלעך אויך אין ריי־טואַל אַריין. עס האָט זיך איבערגעחזרט דער פּראָצעס וואָס איז געווען אַמאָל מיט דעם לשון פון תרגום, מיט אַראַמיש. איז געגאַנגען אַ פאָלקיש־וואָכעדיקער אַרויפשטראָם און אַ נאַציאָנאַלער הייליקער אַראָפּשטראָם. דאָס אַלטע, פיקסיר־טע, פאַרהייליקטע האָט זיך באַגעגנט מיט דעם נייעם וואָכעדיקן, פשוט־פאָל־קישן. דאָ איז אויפגעקומען דער חסידישער געטרייער רעוואָלט. עס איז כאַראַק־טעריסטיש וואָס בראש פון דער אַנטיחסידישער באַוועגונג איז געשטאַנען דער „גאון" — דער גרעסטער אנערקענטער גדול פון דער תלמודישער תורה. די חסי־דישע באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אין אוקראַינע, ווו די תלמו־דישע לומדישקייט איז געווען אַמשוואַכסטן. דער גאון — ווי עניוותדיק ער איז געווען, איז ער דאָך געווען אָפּגעריסן פון פשוטן יידן אין זיינע אהלי תורה טאָג און נאַכט אין זיין שיילקע מיט די פאַרמאַכטע לאָדנס, בעת דער באַרדיטשעווער איז געבליבן אין דער געשיכטע ווי דער „דערבאַרימדיקער", דער אוהב ישראל, וואָס האָט ממש געגלייבט אין דער הייליקייט פון פשוטן יידן, פון פשוטער יידישקייט מיט איר פשוטן לשון, וואָס אין אים טענהט ער — דער אַדוואָקאַט פון פשוטן יידן זיך אויס מיט דעם רבונו של עולם. עס איז געווען אלה ואלה דברי אהבה — צווייערליי אהבה זענען דאָס געווען: אהבת ישראל און אהבת תורת ישראל. אוןביידע זענען געווען לשם שמים, ביידע ריכטונגען זענען גע־ווען אין יידישקייט, צוצענטריש, נישט געכאַפּט קיין קוק אין דער פרעמד אַרויס. און דערפאַר איז אויף ביידן מקוים געוואָרן דער סופם להתקיים. דער מתנגדיזם האָט זיך ביסלעכווייז אַראָפּגעלאָזן פון זיין הויכן אָלימפּ און דער חסידיזם האָט זיך גענומען הייבן ביז דעם תניא און ווייטער צו די מיסתורין, צו דער קבלה, צו דער תורת הנסתר, וואָס איז אין איר תוך אַריין אַ סך נענטער צו דער פאָל־קישער תורת החיים ווי צו דער נאַציאָנאַלער תורת הספר.

מען דאַרף נאָך צוגעבן אַז שוין אין דעם גאונס סביבה (און דער גאון אַליין אויך, ווי אָפּגעשלאָסן ער איז געווען פון פאָלק אין זיינע אהלי תורה), האָט מען דאָך גענומען איינפירן פאַרזיכטיקע ענדערונגען אין דער תלמוד־קולטור. האָט דעם גאונס איין תלמיד ר' חיים געגרינדעט די וואָלאָזשינער ישיבה כדי צו פאַר־איינפאַכן, פשוטער מאַכן די תורה און זי צו דערנענטערן צום פשוטן פאָלק. האָט טאָקע די ישיבה אויפגעטאָן אַ סך, זי האָט געגעבן אַ סך גרויסע שעפער־שע יידן אין אַלע סעקטאָרן פון אונדזער קולטור. האָט אַ צווייטער תלמיד דעם גאונס — ר' מנשה איליער זיך געלאָזט נאָך ווייטער און איז דערפאַר נישט

מצליח געווען. אַזוי האָבן זיךביידע שטראָמען — דער מתנגדישער אָראָפּשטראָם און דער חסידישער אַרויפשטראָם דערגענצט און דער קיום פון ייִדישקייט, פון ייִדישער קולטור און צוזאַמען מיט איר דער קיום פון פאָלק איז געוואָרן גאַנץ. עס זענען אָבער אויך אויפגעקומען

אַהיסטאָרישע שטראָמען

שטראָמען און שטרעבונגען וואָס ציִען פונצענטריש, פון פאָלק, צו דער פרעמד. אַזוינע באַוועגונגען זענען אויך אויפגעקומען אין אונדזער בין הזמנים — צווישן די תקופות און זיי האָבן אויך געווירקט, געווירקט און געפליקט, גע־ריסן שטיקער פון ייִדישן גוף און פון דער נשמה, זיי זענען פאַרגאַנגען, פאַר־געסן געוואָרן צוזאַמען מיט די אויסגעריסענע שטיקער פון פאָלק. טיילווייז קע־נען זיי נאָך איצט שפּילן אַ ראָל און זיין אַקטיוו, אָבער דאָך בלייבן זיי אַהיס־טאָריש, זיי פירן צו דעהיסטאָריזאַציע, צום אומקום.

אַז מען פאַרט אויף אַ שטאַרק צעצווייגטן טייך קען מען זייער גרינג פאַר־פאָרן אויף אַ בלינדן צווייג, אין אַ זייטיקן שטראָם און פאַרבלאָנדזשען. אַזוי איז עס אויך מיט די היסטאָרישע שטראָמען ביי ייִדן. נישט איין קולטור־שטראָם האָט אונדז פאַרפירט און אָפּגעריסן שטיקער פון פאָלק. באַוועגונגען וואָס האָבן אָנגעהויבן מיט אַ ברכה און געענדיקט מיט אַ קללה, מיט דער קללה אָפּגעמעקט צו ווערן פון כלל ישראל, ימח שמם. און זאָל דאָס זיין אַ כלל צו דערקענען, אָפּצושיידן אַ היסטאָרישן שטראָם פון אַן אומהיסטאָרישן, אַזאַ וואָס פירט לחיים פון אַזאַ וואָס פירט פאַרקערט.

1. — יעדער ריכטונג וואָס קומט פון דער פרעמד, וואָס זוכט לכתחילה דעם „יפיפיתו של יפת", וואָס באַמיט זיך אונדז צו דערנענטערן צו די אומות העולם, — יעדע אַזאַ ריכטונג טראָגט אין זיך סכנות פאַר אונדזער קיום.

2. — יעדער ריכטונג וואָס וויל איבעררייסן דעם היסטאָרישן גאַנג אונ־דזערן, וואָס וויל אָפּשליסן דעם שעפערישן פּראָצעס פון קולטור — איז מסוכן פאַרן קיום פון פאָלק.

3. — יעדער ריכטונג וואָס וויל אָפּטיילן, אָפּשיידן דאָס הייליקע פון דעם וואָכעדיקן, דעם קודש פון דעם חול, די ייִדישע רעליגיע באַזונדער און דאָס לעבן באַזונדער, — יעדער אַזאַ ריכטונג איז פאַר אונדז מסוכן, סכנת מוות. עס דאַרף זיין פאַרקערט:

4. — אחדות הקולטור, גאַנצקייט און המשך פון אברהם אבינו ביז אונדז, עד סוף כל הדורות — קבלה ומסורה, דור דור ודורשיו, דור דור ותורותיו, דור דור און זיין ייִדישקייט. נישט ווי די עקשנים ווילן: נאָר די כל התורה הכתובה, אָפילו יעדער קוצו של יוד מוז געהיט ווערן און גאָרנישט פון דער ייִדישקייט

שבחיים וואָס איז נישטאָ אין די כתובים. חס ושלום! זיי זענען גרייט מוותר צו זיין אויף גרויסע טיילן פון פאָלק אָבי נישט מוותר צו זיין אויף דעם קלענסטן פּרט וואָס איז פאַרשריבן און הגם ער איז שוין פאַרעלטערט געוואָרן און קען נישט איינלעבן זיך אין לעבעדיקן לעבן.

5. — עס מוז זיין ייִדישקייט אין שטייגער לעבן, אין טאָג־טעגלעכן לעבן פון יעדער יחיד, פון יעדער ייִדישער שטוב, ייִדישקייט פון דור מוז זיך צונויפ־לייגן פון ייִדישקייטן ביי יעדער פּרט, פון די יחידים. אין בכלל אלא מה שבפרט. און וואָס איז ייִדישקייט? — דאַרף מען זאָגן: אַלץ וואָס ווערט געטאָן כדי צו זיין אַ ייִד, ווייל מען איז אַ ייִד, אַלץ וואָס איז אַנדערש פון דעם פיר און שטיי־גער פון נישט־ייִדן, אַלץ וואָס ווערט געטאָן לשם מקיים צו זיין מצוות ייִדישקייט.

6. — עס מוז זיין אַן אַרויפשטראָם פון אַט דער פאָלקישער, עם־ארצישער ייִדישקייט צו דער הייכקייט פון ייִדישקייט שבכתב.

7. — מוסיפין מן החול אל הקודש — דאָס וואָכעדיקע, אומפאַרשריבענע אין מינהגים פון ייִדן, ווייל זיי זענען ייִדן, ווערט ביסלעכווייז פאַרהייליקט, עס גייט אַריבער אין דער קאַטעגאָריע פון אונדזער רעליגיע, פון אונדזער נאַציאָ־נאַלער קולטור. ביי ייִדן איז דאָך קדושה טאַקע נישט מן השמים, נאָר בקדושת העם, אשר קדשנו במצוותיו — דורך די מעשים וואָס זענען מצוות ייִדישקייט ווערט מען קודש. דאָס פאָלקישע איז דאָס וואָס די גמרא רופט אָן „קדושה לשעה", דאָס נאַציאָנאַלע איז „קדושה עולמית". יעדער תקופה דאַרף האָבן פאָל־קישע ייִדישקייט, וואָס ווערט דערהויבן צו דער מדרגה פון נאַציאָנאַלער קדושה עולמית. דאָס איז דער אַרויפשטראָם פון קולטור־צירקולאַציע, דאָס איז דאָס „מוסיפין מן החול אל הקודש".

8. — און פונקט אַזוי ווי עס דאַרף זיין אַקטיוו דער פּראָצעס פון אַרויפ־שטראָם, פונקט אַזוי דאַרף זיין אַקטיוו דער פּראָצעס פון אַראָפּשטראָם — פון די פאַרהייליקטע נאַציאָנאַלע „נכסי צאן ברזל" — די אייביקע קולטור־ווערטן פון פאָלק אין פּשוטן לעבן פון פאָלק אַריין. נישט אין דער אוראַלטער, אומגע־ענדערטער פאָרעם, נייערט ווידער אַמאָל פושט צורה ולובש צורה, אין דער אַק־טועלער איבערפורעמונג. מען קען נישט לעבן היינט נאַציאָנאַל מיט אַ קולטור פון פאַרצייטן, מען קען היינט נישט דערציִען אַ נאַציאָנאַל באַוווּסטזיניקע יוגנט אויף דעם תנ"ך און אויף דעם תלמוד ווי עס איז געווען אין זייער תקופה.

דאָס זענען די סימנים וואָס שיידן אָפּ די היסטאָרישע ריכטונגען פון די אַהיסטאָרישע, פון די וואָס פירן צו דעהיסטאָריזאַציע, צום אומקום.

לאָמיר זיך נישט שרעקן פאַר דעם באמת גרויזאַמען וואָרט אומקום: עס איז אויך אַ פּראָצעס, וואָס באַגלייט אונדז תמיד, כסדר, אַן אויפהער דורך דער גאַנ־

צער געשיכטע אונדזערער. מיר מוזן זיך רעכענען מיט אים נישט ווייניקער ווי מיט דעם קעגנגעזעצטן פּראָצעס פון אויפקום.

זייטיקע אומוועגן

אַזוינע זייטיקע אומוועגן פון אונדזער היסטאָרישן שטראָם (ריכטיקער וואָלט אפשר געווען צו זאָגן אָפּשטראָמען) זענען פאַר אונדז נישט קיין זעלטנקייט. זיי באַגלייטן אונדזער געשיכטע דורך דער אייביקייט. קען זיין אַז אַלע האָבן זיי געשטאַמט פון אַ גוטן ווילן, אָבער דאָך האָבן זיי אַלע מאָל אונדז אָפּגעצויגן, אַראָפּגעפירט פון וועג, זיי זענען אַלע מאָל געווען אַהיסטאָריש און אַלע מאָל האָבן זיי געפירט צו דעהיסטאָריזאַציע. די שומרונים, די צדוקים, די קאַראִימער — אַלע זענען זיי נישט געבליבן אין יידישקייט. און אַלע זענען זיי פאַרלאָרן געגאַנגען נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך געוואָלט האַלטן נאָר מיט אַ קולטור שבכתב און נישט מיט דער קולטור שבעל פה, וואָס זיי אַלע האָבן אָפּגעוואָרפן. און צי נאָר זיי? און עס זענען אין פאַרשיידענע תקופות געווען נאָך און נאָך ישובים, וואָס זענען אונטערגעגאַנגען מחמת דער זעלביקער סיבה — זיי האָבן נישט געוואָלט היטן די קולטור שבעל פה, די שטייגערישע קולטור פון פאָלק. די העלעניסטישע ריכטונגען, די יידישקייט פון אַלעקסאַנדריע, די אַראַבישע תקופה, די קורצדויערנדיקע ישובים פון דרום־אַמעריקע. און ווער ווייס וויפל קיבוצים נאָך יידישע זענען נישט אָפּגעמעקט געוואָרן נאָר פון זיך אויסגעלאָשן זיך. און די אַזוי גערימטע גאָלדענע תקופה פון ספרדישן יידנטום אין שפּאַניע, וואָס האָט אויפגעשיינט כדי זיך באַלד אויסצולעשן. מיט יענער קולטור איז פּשוט געשען אַ גליק וואָס אין יאָרהונדערטער אַרום האָט אשכנז, דווקא אשכנז „אַרויסגעגראָבן" פון אַרכיוון־שטויב און מחיה מתים געווען. אַליין אָבער בלייבן לעבן, אַקטיוו אין לעבן פון פאָלק און איינהאַלטן דאָס פאָלק ביים לעבן — דאָס האָט אַפילו די אַזוי גערימטע „גאָלדענע תקופה" נישט געקענט. און וויפל אויך אשכנזישע ישובים האַלטן איצט אין פּראָצעס פון אונטערגיין?

— מיר האָבן אויבן וועגן דעם גערעדט: עס פעלט דער נאָרמאַלער פּראָצעס פון קולטור־צירקולאַציע. פאַרוואָס פעלט ער? — ווייל עס פעלט דער אָנהייב — דער פּשוטער עם־אַרצישער מאַסיוו, וואָס זאָל האָבן אַן אייגענע יידישע קולטור שבעל פה, אַ יידישע קולטור שבחיים. מיר וועלן דאָ לאָזן אַן אַ זייט די ריין־פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעם פאַרוואָס יידן פאַרוואַרפן תמיד די אייגענע שטייגערישע קולטור. מיר וועלן בלויז פון דעם פּרובירן לערנען אויך אויף להבא, שאַפן זיך פון דעם אַ קריטעריִ צו קענען דערקענען ווו איז היסטאָרישער שטראָם און ווו איז דעהיסטאָריזאַציע, אָפּוועג און אומוועג.

דעם קריטעריִ גיט שוין דער קדוש ד״ר ישראל צינבערג הי״ד אין ערשטן

באַנד פון זיין באַרימט קלאַסיש ווערק (אין אַריינפיר און אין פינפטן קאַפּיטל). ער דריקט זיך אויס אַז דאָס איז דערפאַר ווייל דער יחיד האָט גובר געווען דעם כלל, דעם פשוטן פאָלק. לויט אונדזער פאָרמול קומט עס פאַר אַלע מאָל ווען די קולטור־פּראָצעסן הייבן זיך אָן נישט פון אַנאָנימען פאָלק, ווען עס איז נישטאָ קיין אַרויפשטראָם פון אַנאָנימען פשוטן פאָלק צו די יחידישע שעפער פון קול־טור־ווערטן. צוליב די פּסיכאָלאָגישע סיבות וואָס מיר קענען דאָ נישט אָנרירן, ווי שוין געזאָגט, זענען ביי אונדז דורך דער גאַנצער געשיכטע געווען נייגונגען צו נעגירן דאָס פשוטע פאָלקישע, מען האָט געוואָלט אין דער קולטור־צירקולאַ־ציע אָנהייבן דירעקט פון דעם אַראָפּשטראָם, שאַפן אַ קולטור פ א ר ן פ א ל ק, אָבער נישט פ ו ן פ א ל ק. די אַראַמיש־פשוטע קולטור־תקופה האָט גע־האַט אַ פולע צירקולאַציע פון פשוטן עם־אַרצישן פאָלק־מאַסיוו ביז צוריק צום פאָלק, און דערפאַר האָט זי, איבערהויפּט זי, געשאַפן אונדזער אייביקייט. אָבער די אַראַביש־ספרדישע באמת רייכע און פילפאַרביקע קולטור־שאַפונג האָט זיך אָנגעהויבן דירעקט פון די אויבערשטע שיכטן אין פאָלק, דירעקט פון די שע־פער, פון די דיכטער און פילאָסאָפן, איז די גאַנצע קולטור נישט געווען קיין בר־קימא. דאָס פאָלק האָט טאַקע געַרעדט מן־הסתם אַראַביש, אָבער די קולטור־שאַפונג האָט זיך נישט באַזירט אויף דעם פאָלקס לעבן, נישט פון פאָלק האָבן די שעפער זייער שאַפונג געשעפּט. און נאָר דערפאַר האָט זיך דער רייכער פּראָ־צעס נישט אַריינגעפלאָכטן אין אונדזער המשך, אין אונדזער אייביקייט. איז דעם רמב״מס משנה תורה העכער און טיפער פון ר׳ יוסף קאַרוס שולחן ערוך. אין אים האָט אָבער געפעלט דער „וכך נוהגים״, וואָס דער אשכנזי רמ״א האָט צוגעגעבן.

מיט דעם זעלביקן קריטעריי אין האַנט וועלן מיר זיך לאָזן גיין ווייטער דורך אונדזער געשיכטע. איז דער השכלה־פּראָצעס געווען אפשר שיין און אפשר רייך, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין פאָלקישן, קיין פאָלקסטימלעכן באַזיס, און דערפאַר איז ער געווען אָן אָפּווירקונג פון אונדזער געשיכטלעכן גאַנג דורך דער אייביקייט, זי — די השכלה — האָט נישט אַרויסגעשטאַמט פון אַנאָנימען פאָל־קישן שטייגער, וואָס האָט אגב, זיך אָנגעהויבן מערקן אין די קרייזן פון גאון (פּ. מאַרעק, צוויי דערציִונגען, מאָסקווע 1909. רוסיש). זי איז געקומען פון דרויסן און זי האָט געצויגן אין דרויסן. זיכער האָבן די משכילים געקענט זען אין דעם חסידיזם אַ „פינצטערקייט״, אַ „ירידת האור״. אָבער קענטיק, אַז די אייגענע פאָלקישע „פינצטערקייט״ פירט היסטאָריש צו אַ גרעסערער ליכט איי־דער די פון פרעמד געבראַכטע לויכטנדיקע „בת השמים״. איר השפּעה איז גע־ווען ווי יענע כלומרשטע „פּאַטיאָמקינס דערפער״, וואָס דער רוסישער סאַטראַפּ האָט אויסגעדעקאָרירט אין זיין „נײַרוסלאַנד״ אויפן וועג ווו זיין קייסערינע האָט

געדאַרפט דורכפאָרן. אַזוי איז די גאַנצע השכלה געווען אַ דעהיסטאָריזאַציע און נישט מער.

די גאַנצע קולטור־אוצרות וואָס זענען געשאַפן געוואָרן נאָך דער עמאַנצי־פּאַציע אין מערב־אייראָפּע אויף פראַנצויזיש, אויף דייטש, אויף רוסיש (און זייער רייכע אוצרות!), זענען אויך געווען און געבליבן אַהיסטאָריש, אַן אָפּוויי־כונג פון אונדזער נצח־ישראל. און אויף דעם זעלביקן סמך נעמען מיר די דרייסט־קייט פאָרויסצוזאָגן, אַז די גאַנצע ייִדישקייט־קולטור, וואָס האַלט זיך איצט אין שאַפן אין ענגליש צי אין שפּאַניש איז אַהיסטאָריש, עס פירט נישט צום נצח, נאָר פון אים. עס איז דעהיסטאָריזאַציע, הגם אויפן מאָמענט זעט עס אויס צו זיין רייך און אַקטיוו. אָבער נישט אַזוי פּסקנט די ייִדישע געשיכטע, און איר פּסק איז ריכטיק, זי איז גערעכט און איר משפּט איז גערעכט: נצחדיקע שעפע־רישע קולטור־פּראָצעסן מוזן זיך אָנהייבן מיט דעם אַרויפשטראָם פון פּשוטן פאָלקישן לעבן, פון דער קולטור שבעל פּה, און אויב אַזאַ איז נישטאָ, איז לשווא עמלו בונים — עס וועט נישט העלפן דאָס באַגליקן דאָס פאָלק מיט רייכע קול־טורן און ליכטיקע הימלטעכטער געבראַכטע פון דער פרעמד. וואַלגערן זיך די ייִדישע אוצרות אין פראַנצויזיש, אויף דייטש און אויף רוסיש אין פאַרשטויבטע אַרכיוון. און די ייִדן וואָס נוצן אָט די שפּראַכן, נוצן זיי נישט, דאַרפן זיי נישט, ווילן זיי נישט, האָבן זיי נישט. און

קולטור איז די נשמה פון פאָלק, קולטור־שאַפונגען זענען דאָס אָטעמען פון פאָלק. און אַז די נשמה, די רייכסטע, די שענסטע טיילט זיך אָפּ פון גוף, פון דעם פאָלק, — דעמאָלט איז טויט — די נשמה, די קולטור איז אַ בר־מנן און דאָס פאָלק... אל תפתח פּה...

מיט געוויסע מאָדיפיקאַציעס איז אָט דער נצח־געזעץ שייך אויך צו יחידים אין פאָלק. און דאָס דאַרף זיין אַ הויפּטגעזעץ אין דער ייִדישער פּעדאַגאָגיק:

אויסגעוואַקסן אין פאָלקישן גאַנצן שטייגער, נאָך אַ קינדהייט אין אַ מאָ־ניסטיש־ייִדישער אַטמאָספער קען אַ מענטש שפּעטער זיין שעפעריש אויך אין אַנדערע סביבות, אין פרעמדע גערטנער, אויף אַלערליי געביטן. אַ קינד וואָס האָדעוועט זיך אויף זיין מאַמעס מילך, וועט שפּעטער קענען פאַרדייען אויך פרעמדע שפּייזן. קינדער אָבער וואָס מען האָדעוועט אויף „הויכע קולטורן" און אויף פרעמדע „רייכע שפּראַכן", וועלן בלייבן אין בעסטן פאַל ווי געגדז גע־שטאָפּטע: פעט זענען זיי, אָבער באַוועגן זיך אַליין קענען זיי נישט. די מענטשן קענען אין זעלטענע פאַלן זיין זייער געבילדעט, אָבער קולטורעל פּרוכטלאָז, אומ־שעפעריש. העכסטנס דערגייען זיי ביז דער מדרגה פון קאָמיוואָיאַזשאָרן, זיי קענען פאַרשפּרייטן און פאַרקויפן פרעמדע אידייען, וואָס נישט זיי שאַפן.

אָט די זייטיקע אומוועגן ווי די השכלה און אַלע אירע אָפּצווייגונגען האָבן

געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף אונדזער געשיכטע. זייער הויפּטגעפאַר איז באַ־שטאַנען אין דעם וואָס זיי האָבן אויסגעמיטן דעם אַרויפשטראָם פון דער קול־טור־צירקולאַציע. זיי זענען געקומען באַגליקן דאָס פאָלק מיט קולטורן געבראַכ־טע פון דער פרעמד, האָבן זיי זיך באַמיט צו שאַפן אַן אַראָפּשטראָם פון קולטור, אָבער נישט קיין אַרויפשטראָם. עס קען זיין אַז אונדזער גאַנצער קולטור־רענע־סאַנס וואָלט געהאַט איצט אַן אַנדער אָנזען און אַן אַנדער אויסזען, ווען נישט די אומוועגן.

איינער פון די אַהיסטאָרישע אומוועגן איז אונדזער גרויסער שפּראַכן־פּלאָנ־טער וואָס האָט אונדז אין לעצטן יאָרהונדערט אָפּגעקאָסט מאָסן ענערגיע און געבראַכט גאָר פיל שאָדן.

דער שפּראַכן־פּלאָנטער

עס האָט אונדזערער אַ גרויסער חכם געהאַט אַ טעות (און וואָס גרעסער דער מענטש, אַלץ געפערלעכער זענען זיינע טעותן). ער האָט געלערנט, אַז אַלע שפּראַכן וואָס ייִדן האָבן גערעדט און וואָס זיי ריידן איצט — אַלע זענען זיי פרעמדע און צייטווייליקע, אַלע אַחוץ העברעיִש. אַלע שפּראַכן וועלן אונטער־גיין אַחוץ העברעיִש. אַזוי האָט ער געלערנט און אַזוי האָט ער געפּסקנט. עס איז אָבער געווען זיין פּסק, נישט דער פּסק פון דער ייִדישער געשיכטע, נישט פון אונדזער נצח.

איך ווייס נישט וואָסער פאָלק עס האָט געשאַפן אַליין זיין שפּראַך. אַלע פעלקער ריידן אויף שפּראַכן וואָס זיי האָבן איבערגענומען און צוגעפּאַסט, אי־בערגעאַרבעט. פעלקער האָבן אַן אָפּשטאַם און שפּראַכן האָבן אַן אָפּשטאַם. קיין פאָלק רעדט נישט קיין שפּראַך וואָס איז דורך אים געשאַפן אַ יש מאין. און ייִדן האָבן זייערע שפּראַכן גענומען פון ערגעץ.

העברעיִש איז לכתחילה געווען די שפּראַך פון אַלע אַרומיקע סעמיטישע שבטים; אַראַמיש איז דאָך געווען די שפּראַך פון גאַנץ פאָדער־אַזיע. און ייִדיש האָט גערמאַנישע וואָרצלען. און אַזוי אויך די שפּראַכן פון אַנדערע פעלקער. דער עיקר איז נישט פון וואַנען די שפּראַך שטאַמט מיט אירע ווערטער, — דער עיקר איז צי האָבן ייִדן אין אַט דער שפּראַך געהאַט אַ פאָלקישן פּרימיטיוו, אַ קולטור שבעל פּה, און צי האָט אַט די ייִדישע קולטור שבעל פּה געווירקט אויף דער שפּראַך. אויב נישט, אויב דאָס ייִדיש־ריידן אין דער שפּראַך שיידט זיך נישט אונטער פון דעם ריידן ווי עס רעדט דאָס פאָלק ביי וועמען די ייִדן האָבן די שפּראַך געבאָרגט — איז די שפּראַך אַ פרעמדע, אַ פרעמדע, ווייל דאָס פאָלק האָט אין איר נישט אַריינגעקנאָטן זיין נשמה, די שפּראַך נישט איבערגעקנאָטן, נישט פאַרייִדישט, נישט מגייר געווען. און דערפאַר זענען ייִדישע שפּראַכן פאַ־

ראַן דורך דער געשיכטע בלויז דריי — העברעיִש, אַראַמיש און ייִדיש. די לעצטע איז די איינציקע וואָס האָט זיך דערדינט צו אַ נאָמען וואָס איז אידענטיש מיט דעם נאָמען פון פאָלק — ייִדיש־לשון־ייִדיש פאָלק. נאָר די דריי לשונות האָבן געהאַט די פולע קולטור־צירקולאַציע. די ערשטע תקופה מיט איין שפּראַך, די צווייטע תקופה — מיט צוויי: העברעיִש און אַראַמיש און די דריטע תקופה מיט דריי ייִדישע לשונות: העברעיִש, אַראַמיש און ייִדיש. די אַלע דריי שפּראַכן — און נאָר די דריי זענען דערפאַר נאַציאָנאַל־ייִדישע. אַלע מיט דעם זעלביקן נאַציאָנאַלן אלף־בית, אַלע זיי האָט דאָס ייִדישע פאָלק איבערגעשאַפן, איבער־געפורעמט, איבערגעשמאָלצן לויט זיין גייסט און גוסט און די אַלע דריי שפּראַכן האָבן געשמידט און געפורעמט דעם פאָלקס גייסט און גוסט; אַלע די דריי זענען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער אינטימסטער נשמה פון פאָלק, מיט דער „מיסתו־רין" פון פאָלק, וואָס אין איר ליגט דער סוד הקיום, דער סוד הנצח פון ייִדישן פאָלק, ווי דאָס האָט נאָך געוווּסט צו זאָגן די גמרא.

און אַזוי האָט געפסקנט אונדזער געשיכטע דעם פסק וואָס גילט און וועט גילטן לעולם ועד: יעדער שפּראַך וואָס ייִדן ריידן כּדי צו זיין ענלעך צו די הערשנדיקע פעלקער איז אַ פרעמדע, איז אַ שפּראַך פון אומקום, ווייל אָן דעם אַרויפשטראָם אין דער קולטור־צירקולאַציע; אָבער יעדער שפּראַך וואָס ייִדן ריידן כּדי זיך אונטערצושיידן פון דעם הערשנדיקן פאָלק איז אַ נאַציאָנאַלע, און מיט איר דער קיום פון פאָלק, זיין וועג צום נצח.

איך ווייס נישט און איך קען נישט וויסן די צוקונפט פון ייִדיש לשון — לא נביא אנוכי ולא בן נביא, אָבער דאָס ווייס איך קלאָר, דאָס זאָגט מיר אונדזער אַלטיטשקע באָבע־געשיכטע: אויב אַפילו דאָס ייִדישע פאָלק זאָל אויפהערן ריידן ייִדיש, אויב אַפילו עס וועט נעמען ריידן אַנדערע שפּראַכן — וואָסערע עס זאָלן נישט זיין איז איינס פון די צוויי: אָדער אַל דאָס ייִדישער וועט אויף ייִדיש אַריינגעפלאָכטן ווערן אין דעם אַראָפּשטראָם פון קולטור־צירקולאַציע — פון די שאַפונגען צום פאָלק און ייִדיש לשון וועט איבערגעבן זיין רייכקייט, זיין ייִדישע נשמה־אינהאַלט צו דעם לשון וואָס וועט אים ירשענען, אָדער ייִדן וועלן מיט ייִדיש לשון איבעררייסן און דאָס וועט זיין דעהיסטאָריזאַציע, אומקום. קען זיין — עס וועט אויפקומען אַ צווייט פאָלק אַנשטאָט דעם ייִדישן פאָלק, עס קען זיין אַז פון דעם ייִדישן פאָלק וועט אַרויסקומען אַ ניי פאָלק, ווי עס זאָל זיך נישט רופן, אָבער אַזאַ וואָס אין לו חלק ונחלה בייִדן־פאָלק. קען אַזאַ פאָלק זיין וואָס עס וויל און ווי עס וויל אָבער קיין המשך איז עס נישט, קיין

נצח ישראל איז עס נישט, עס איז כרת — אָפּגעשניטן מיט דעם ייִדישן פאָלק, געענדיקט, אָפּגעהאַקט. און צי וועט דאָס נייע פאָלק זיין בעסער, שענער, גייס־טיקער פון אונדז (איך גלייב נישט אין דעם), וויל איך נישט געהערן צו אים, מיר זאָרגן פאַרן קיום פון אונדזער ביזהייַנטיקן ייִדישן פאָלק.

אַ שפּראַך איז געגליכן צו אַ ניגון אין פּרצעס דערציילונג. זי האָט אויך אַ גוף און אַ נשמה. די ווערטער, די קלאַנגען, זייער גראַמאַטישע פאָרעם — דאָס איז דער גוף פון דער שפּראַך. יעדער לעבעדיקע שפּראַך האָט אָבער נאָך אויך אַ נשמה. „און די נשמה פון אַ ניגון, — לערנט אונדז פּרץ, — איז שוין אַ געפיל פון אַ מענטשן: זיין לעבשאַפט, זיין צאַרן, לייטזעליקייט, נשמה, האַרצ־בענקעניש, חרטה, צער — אַלץ, אַלץ וואָס אַ מענטש פילט קען ער אַריינגעבן אין אַ ניגון און דער ניגון לעבט״... נאָך מער ווי אויף אַ ניגון איז עס געזאָגט אויף אַ שפּראַך. די נשמה פון אַ שפּראַך איז די נשמה פון מענטשן על פּי סוד הצימצום, בזעיר אנפּין. און אַז אַ פאָלק רעדט אַ שפּראַך איז אין איר אַריינ־געגעבן די נשמה פון דעם פאָלק וואָס רעדט די שפּראַך. ווילסטו קענען די נשמה פון אַ פאָלק, לערן די נשמה פון זיין שפּראַך וואָס ער רעדט. און אַז דורות פון אַ פאָלק ריידן אַ שפּראַך, האָט זי אין זיך, איז זי דער אוצר פון די דורות נשמה פון פאָלק. קען יעדער וואָרט אָפּהילכן מיט אַלע דורות קולטור פון פאָלק.

פון וואַנען האָט דאָס פאָלק גענומען די ווערטער פון זיין שפּראַך? — קיין שום נפקא מינה נישט — אייגענע, פרעמדע, געבאָרגטע געליִענע — אַלץ איינס. דער עיקר: האָט דאָס פאָלק געלעבט אין דער שפּראַך, האָט עס געלאַכט, געוויינט אין איר, געטראַכט, געוויטיקט און געפרייט זיך, — איז אין דער שפּראַך די נשמה פון פאָלק.

קענען מענטשן ריידן אַלערליי שפּראַכן, ריידן גוט, גראַמאַטיש ריכטיק, מיט אַלע ריכטיקע אַקצענטן, — און דאָס גאַנצע ריידן איז פרעמד, עס איז אויסגעלערנט. די ווערטער, דער גוף פון שפּראַך איז דאָ, אָבער די נשמה פעלט אין דעם ריידן. ייִדן זענען מזיקים, מיידימס איבערצונעמען שפּראַכן, אויסצו־לערנען און צו ריידן אַלע פרעמדע שפּראַכן: זיי זענען דאָך אַלע „אַזוי רייד!״. און אַט די רייכע שפּראַכן קענען זיין זייער רייך אין די מיילער פון די פעלקער וואָס האָבן די שפּראַכן געשאַפן, וואָס האָבן אין זיי אַריינגעלייגט זייער נשמה אין משך פון יאָרהונדערטער. ביי די ייִדן אין די מיילער זענען אַט די אַלע פרעמ־דע שיינע און רייכע שפּראַכן, טויט, טויטע שפּראַכן ריידן ייִדן. דער גוף איז דאָ, אָבער נישט די נשמות פון די שפּראַכן. געגליכן צו יענעם קראַנקן מאַן וואָס פאַרליבט זיך אין שיינע מיידלעך, אָבער ער דערשטיקט זיי. כדי איבערצונעמען די נשמה פון אַ שפּראַך איז לגמרי נישט גענוג די שפּראַך אויסצולערנען, מען דאַרף אַריינזאַפּן די גאַנצע קולטור וואָס האָט אויסגעפורעמט די שפּראַך. יאָ,

מען קען זיך דערוווערבן די רייכקייט פון אַ שפּראַך. אָבער ווען? ווען מען האָט פון פריִער איין שפּראַך אַן אייגענע, אַ רייכע. מען קען די נשמה פון אַ שפּראַך דערוווערבן נישט דורך לערנען נאָר מען דאַרף זיך אַריינלעבן אין דער קולטור וואָס האָט די שפּראַך געשאַפן. אַז מען האָט נישט די קולטור שבעל פּה פון דעם פאָלק וואָס האָט געשאַפן די שפּראַך, קען מען ריידן זיין שפּראַך, און זי וועט בלייבן אַ טויטע.

ייִדן ריידן אַזוי פיל פרעמדע שפּראַכן, און אַלע זענען טויטע. און אַז מען לעבט מיט אַ טויטער שפּראַך, דערשטיקט מען שוין אויך די אייגענע נשמה, איז מען אָרעם, גייסטיק אָרעם. ריידן ייִדן די רייכסטע שפּראַכן אין דער וועלט און זיי בלייבן — זיי און די גאַניצטע שפּראַכן בעטלעריש אָרעם! אַ בוים וואָס דער פראָסט האָט אים פאַרכאַפּט צופרי: אַלע בלעטער זענען דאָ, נאָר זיי זענען געל און טויט, און דער בוים איז אָרעם. טראָגן זיך מענטשן אַרום מיט ווערטער פון אַ סך שפּראַכן, נאָר די ווערטער זענען טויטע.

בלויז איין שפּראַך אין דער וועלט איז פאַראַן וואָס אין איר האָט דאָס ייִדישע פאָלק אַריינגעטאָן זיין נשמה, מיט איר האָט עס פאַרבונדן זיין שטייגער, זיין האַרץ, זיין לערנען, זיין ווייַ און ווילן, זיין לאַך און שמאַך, — אין איר איז די גאַנצע קולטור שבעל פּה פון ייִדיש פאָלק, — איז זי, געבויט לכתחילה פון געבאַרגטע ציגל, פון געלִיענע ווערטער, ווי אַלע שפּראַכן אין דער וועלט, איז זי דער אוצר פון דער נשמת האומה, איז דאָס שאַפן אין איר ייִדיש שאַפן און נישט קיין שאַפן וועגן ייִדישקייט. האָט זי — דאָס לשון פון ייִדישקייט שבעל פּה אונדז אייִנגעהיט ווי אַן אוצר דאָס לשון פון דער ייִדישקייט שבכתב, דאָס לשון פון דער גאַנצער ייִדישער הייליקייט, דאָס לשון הקודש — די שפּראַך פון דער הייליקייט; האָט זי פון איר לעבן באַשטראַלט דאָס פאָלקישע לעבן אויך אויף דער שפּראַך פון פאַרהייליקטן אין פאָלק און זי אייִנגעהיט לעבעדיק, האָט דאָס פאָלק זיין לעבן די גאַנצע לאַנגע תקופה פאַרבונדן מיטביידע לשונות, חול וקודש אָן אַ הבדלה — צוויי לייבלעכע שוועסטער און האָט געגעבן לעבן פאַר ביידע און די צווייטע האָט איר קדושה באַטיילט אויף דער ערשטער. איז עס געווען צוויי וואָס זענען איינס, איין אחד, מיט דער ,אחדות פון פאָלק און מיט זיין גאַנצקייט.

דער עבֿרית־רענעסאַנס

איין שפּראַך־ענדערונג איז ביי אונדז פאַררעכנט פאַר אַ פּראָגרעס, אַ גרויסע באַנייונג, אַ ווענדונג צוריק צו זיך אַליין, אַ פאַרבינדונג צווישן אַלע ייִדישע שבטים אין דער גאָרער וועלט, אַ פאַרבינדונג צווישן אַלע תקופות פון אונדזער

געשיכטע. עס איז אַ שפּראַך אַ אוניווערסאַל־יידישע, נישטאָ אין איר קיין שמץ פון גלות, — אַלץ מעלות, נאָר מעלות.

אין דעם אַלעמען איז פאַראַן אַ סך אמת, — און דאָך איז אין דעם זעלביקן עברית־רענעסאַנס פאַראַן אַ גרויסע סכום קיום־סכנות פאַר דער שפּראַך גופא און פאַרן פאָלק. מען וויל וועגן זיי נישט הערן און מען טאָר זיי נישט פאַרשווייגן.

ערשטנס, זענען בכלל אין דער וועלט נישט מעגלעך קיין שום שפּרונגען אויף צוריק — נישט אין רוים און נישט אין צייט. די וועלט שטייט נישט אויף איין אָרט, נישט אין צייט און נישט אין רוים. איר שפּרינגט און דער פּונקט אָדער דער מאָמענט וואָס צו זיי שטרעבט איר טראָגן זיך אַוועק, און איר קענט קיין מאָל צו זיי נישט צוקומען. שפּרינג היינט, שפּרינג מאָרגן, — איר וועט בשום אופן צו אייער געגאַרטן ציל נישט גרייכן. נישטאָ קיין צוריק אין דער נאַטור! עס קען נישט אַן אַלטער מאַן זיך אומקערן צו זיין וויגעלע, צו זיין מאַמעס שויס, און עס קען נישט קיין אַלט פאָלק, קיין ישראל סבא זיך אומקערן נישט צו גדעונען און נישט צו יהושוע. מען קען שפּרינגענדיק יאָ צעברעכן האַלדז און נאַקן, אָבער צום צוריקציל איז נישטאָ קיין וועג. וויפל פּאָעטן האָבן שוין נישט געזונגען וועגן פליִען צוריק, — און אומזיסט. עס איז זייער גרינג מיט דעם שפּרינגען אַריינצושפּרינגען אַקוראַט צו אַ איוואַן, צו אַ דזשאָן, צו אַ כואַן, אָבער קיין מאָל נישט צו דוד המלך.

און צווייטנס, די אַמאָליקע תקופה איז שוין ווייט אָפּגעשיידט פון לעבעדיקן פאָלק, נישט זי איז דאָ אין זיין לעבן און נישט דאָס לעבן פון הייַנטיקן פאָלק איז פאַראַן אין איר — צוויי פאַרשיידענע וועלטן: דאָס פאָלק פון היינט און זיין קולטור פון פאַרצייטן. דער וועג צו איר איז נאָר דורך דער קולטור שבעל פה פון היינט. עס איז ווי ווען מען זאָל לאָזן אַ פעלד אָן דער קולטור פון זיינע היינטיקע געוויקסן און וועלן אים פאַרזייען מיט די געאָלאָגיש פאַרצייטיקע געוויקסן. יענע געוויקסן וועלן נישט קומען און דאָס פעלד וועט פאַרוואַקסן מיט ווילדוואוקסן. אין פאָלק מוז קומען צו דעהיסטאָריזאַציע און דעקולטוריזאַציע. יעדער אמתע קולטור איז שוואַכער פון ווילדער קולטורלאָזיקייט. פלאַנצן איצט בועזן און גידעונען איז אַביסעלע אוממעגלעך, אָבער אַרויסרייסן פון באָדן די גאַנצע קולטור שבעל פה פון פאָלק איז שוין גאָרנישט שווער. און דאָס הייסט לאָזן דאָס פעלד פון פאָלקס לעבן פריי פאַר אַלע מיסטגראָזן און מיסטקולטורן צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון אמתער קולטור. אויף דעם קלאָגט שוין דער נביא „ויקו לעשות ענבים ויעש באושים” (געהאָפט אויף ווייַנטרויבן, ערשט עס קומען גאָר ווילדטרויבן (ישעיה ה׳). דאָס טיפע, אינטימע פון אַנדערע פעלקער קען מען נישט איבערנעמען, — דאָס וווּלגאַרע, שרייאיק־ווילדע — דאָס קומט

אַזוי גרינג, צו דעם גוטס פּירט מען מיט דעם כלומרשטן שפּרינגען צו רות, צו שיר השירים וכדומה.

דריטנס, — דאָס עצם לשון עברית, וואָס מען מיינט אַז עס איז אַ המשך פון תנ״ך, פון ישעיהוס לשון, — און עס איז אויך פאַלש. ביז איצט האָט דאָס לשון קודש איינגעהיט זיין ריינקייט און זיין תנ״ך־אַראָמאַט, זיין משנה־טעם נאָר אַ דאַנק דעם ספר, וואָס דער עם הספר האָט תמיד געניצט און נישט גע־רעדט קיין „דברי חול״. איצט אָבער איז דער „עברית־ישראלית״ ווייטער פון קלאַסישן העברעיִש, פון משנה־העברעיִש איידער ניי־גריכיש איז דערווייטערט פון אַלט־גריכיש. עס איז נישט קיין המשך נאָר אַ ניי לשון אויף דעם פּאַן פון דעם אַמאַליקן לשון (החינוך, תשי״ח א־ב). עס קען דאָך נאָך קומען אַ צייט אַז מען וועט דאַרפן איבערזעצן דעם תנ״ך אויף דעם „עברית ישראלית״ (דער נאָ־מען פאַר זיך גופא האָט שוין עפּעס אַ נישט שטאַרק געשמאַקן בייטעם: פאַראַן, הייסט עס, אַ עברית יהודית — פון אַלע יִדן דאָרטן, אַ עברית גלותית, לאָמיר זאָגן, און אַ עברית ישראלית, להבדיל אלף הבדלות). מען דאַרף נישט פאַרגעסן אַז די גאַנצע יִדישע קולטור־שעפערישקייט איז ביז איצט איינגעשטאַנען נאָר ביי די מזרח־אייראָפּעיִשע יִדיש־ריידנדיקע יִדן מיט זייער קולטור שבעל פּה. אויך די העברעיִשע שעפערישקייט איז געלעגן אין די זעלביקע יִדיש־יִדישע הענט. דאָס אָפּזאָגן זיך פון יִדיש ווערט איינצייטיק באַגלייט מיט אַן אָפּזאָג פון דער גאַנצער קולטור־צירקולאַציע, ליגט אין דעם די סכנה אויף פאַר דעם לשון פון אונדזער ספר, פאַר העברעיִש. און אויב דער „עברית ישראלית״ וועט זיך אַזוי אַנטוויקלען ווייטער אַלץ דערווייטערנדיק זיך פון אונדזער אַלטן לשון קודש, וואָס פאַר אַ קדושה וועט ער דעמאָלט פאַרמאָגן? — נישט קיין קדושת הספר און נישט קיין קדושת העם, נישט ער וועט אין זיך טראָגן די אַסאָציאַציעס פון דער אייביקער ספר־קולטור און נישט דעם אינהאַלט פון פאָלקישער קול־טור. און איידער אָט דאָס נייע לשון עברית ישראלית וועט זיך אָנזאַפּן מיט קולטור־אינהאַלטן און קולטור־אַסאָציאַציעס, וועלן דורות זיך אָוועקטראָגן צו טרינקען פון פרעמדע ברונימער. אַ ן י ִ ד י ש — נ י ש ט אַ ק י י ן פ אָ ל־ק י ש ע ט אָ ג־ט ע ג ל ע כ ע ק ו ל ט ו ר ש ב ע ל פּ ה, א ו ן אַ ז א י ר א י ז נ י ש ט אָ ק י י ן אָ ר ו י ס ש ט ר אָ ם, נ י ש ט אָ ק י י ן נ אָ ר מ אַ ל ע ק ו ל ט ו ר־צ י ר ק ו ל אַ צ י ע. א י ן ד ע ם א י ז ד י ס כ נ ה פ אַ ר ה ע ב ר ע י ִ ש נ י ש ט װ י י נ י ק ע ר װ י פ אַ ר י ִ ד י ש. און קולטורלאָזיקייטן (בעסער — קולטור־פאַרווילדיקונגען) — זיי פעלן נישט אין ערגעץ און זיי פאַרכאַפּן יעדער מעגלעך אָרט ווי די מיסטגראָזן און ווילדע קרייטעכער פאַרכאַפּן פאַרלאָזטע פעלדער. און... הלוואַי זאָל איך בעסער בלייבן דער ליגנער...

ואלה — און דאָס זענען די מעלות פון יידיש־לשון וואָס פעלן אין עברית:

1. — דאָס יידיש־לשון איז היינטיק, עס פאַרמאָגט אין זיך חוץ דעם טרו־קענעם טייטש פון די ווערטער אַלע עמאָציאָנעלע און אינטעלעקטועלע טעמים און בייטעמים פון דעם פאָלקס היינטיקער, לעבעדיקער נשמה, וואָס דאָס פאָלק האָט אַריינגעטאָן אין אַ לשון וואָס עס האָט אַליין געשאַפן און אויפגעשטעלט הגם מיט פרעמדע ציגל (טיילווייז נאָר). נאָר אין דעם לשון זענען פאַראַן אַלע עמאָציאָנעלע און געדאַנקלעכע אויבערטענער און אונטערטענער פון גאַנצן פאָלק. אָן זיי קען מען נישט אויפנעמען די אַלע גייסטיקע עלעמענטן מחוץ די טייטשן פון קיין צווייטער שפראַך אויך. עס איז דאָ די סיבה פון דער גרויסער גייסטי־קער ירידה פון אַ דור יידן אין דער גאָרער וועלט (און צי נאָר איין דור?). אָן יידיש־לשון אין קינדהייט — אָן עמאָציאָנעל־געדאַנקלעכער צוגרייטונג אויפצו־נעמען עמאָציאָנעל־געדאַנקלעך די קולטורן וואָס זענען פאַרבונדן מיט די שפראַכן וואָס יידן ריידן מיט זייערע קינדער.

2. — יידיש איז היינטיק, דאָס לשון פון אונדזער היינטיקער קולטור־תקופה. מיט יידיש־לשון איז די פאַרבינדונג פון דעם יחיד מיט דעם יידן־פאָלק פאַרזיכערט. אָן יידיש, אַפילו מיט העברעיִש דאַרף מען ספּעציעלע צוגאָב־פּראָ־גראַמען כדי צו אַנטוויקלען אין דער יוגנט אַ „באַוווסטזיין צו יידישקייט", ערשט דורך דער שול און דורך לימודים דאַרף מען איינפלאַנצן אַ געפיל פון אַנגעהער־ריקייט צום יידן־פאָלק. אָן יידיש געפינט זיך אַפילו די העברעיִשע יוגנט פון דער אייגענער מדינה אין אַ סכנה פון „כנעניזאַציע", פון אָפרייסן זיך פון יידיש־פאָלק נישט ווייניקער ווי די יידישע יוגנט אין אַנדערע לענדער. אָן יידיש פרעגט איינער פון די בעסטע פאָרשטייער פון יונגן דור „במה אני יהודי?" אַ יידישע יוגנט דערצויגן אויף יידיש דאַרף נישט און וועט קיין מאָל נישט דאַרפן שטעלן אַזאַ פראַגע, זי וועט נישט דאַרפן קיינע צוגאָב־פּראָגראַמען צו אַנטוויקלען אין איר אַ געפיל פון אָנגעהעריקייט צום פאָלק, עס איז נאַטירלעך, ווי אַ רוסיש־ריידנדיקער רוס איז אָן צוגאָב־לעקציעס אַ רוס און אַלע אַלע פעלקער, אַזוי נאַ־טירלעך ווי אין אַ קאַץ דאַרף מען נישט איינלערנען איר קעצישקייט און אין אַ טויב — איר טויבישקייט.

לאָמיר דאָ נאָך אַמאָל און ווידער איבערחזרן דעם כלל גדול פון דער יידי־שער פּעדאַגאָגיק (ער איז אויך גילטיק פאַר אַלע אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן דורכגעמאַכט מער ווי איין קולטור־תקופה): מען קען נישט איינ־פלאַנצן ביי קינדער קיין צובונד צום פאָלק היינט דורך דעם לערנען די קולטור שבכתב פון פריערדיקע תקופות. צו זיי מוז מען צוקומען נאָר דורך קולטור פון דער היינטיקער תקופה.

דאָ דאַרף מען זיך באַוואָרענען: איך זאָג נישט אַז יידיש־לשון אַליין איז שוין אַ גענוגנדיקע גאַראַנטיע פאַר אַ גוטער יידישקייט אויף אַ גאַנץ לעבן; אַזאַ גאַראַנטיע קען נישט געבן אויך די יידישע רעליגיע. האָט זיך דאָך געשמדט אַ זון פון אַ גרויסן יידישן צדיק און די קינדער פון אַ סך גוטע יידן. אָבער איך זאָג: יוגנט געהאָדעוועט אין יידיש דאַרף זיך אָ פ ר ײ ס ן פ ו ן י י ד י ש־ ק י ט, בעת די זעלביקע יוגנט אַן יידיש פאַרשפּאַרט זיך צו רייסן. זי האָט נישט פון וואָס זיך אָפּצורייסן.

שפּראַך האָט צוויי זייטן: אַ ראַציאָנעלע און איראַציאָנעלע; דאָס ראַציאָנעלע קען מען אויסלערנען און איבערנעמען. דאָס זענען די טייטשן פון די ווערטער. די איראַציאָנעלע זייט — דאָס איז אוממעגלעך אויסצולערנען, מען דאַרף לעבן אין דער שפּראַך, מען דאַרף לעבן דאָס לעבן פון פאָלק וואָס לעבט מיט דער שפּראַך. די נשמה פון פאָלק אַנטפּלעקט זיך אין זיין שפּראַך וואָס עס ניצט. דאָס איראַציאָנעלע יידישע איז אין יידיש־לשון. קיין דירעקטע איראַציאָנעלס פון הייגטיקן יידישן לעבן קען העברעיש־לשון נישט פאַרמאָגן. דאָס האָט מענדעלע מיט זיינע נאָכפאָלגער אַריינגעגעבן אין מאָדערנעם העברעיש דעם אַקטועל־יידישן טעם און ריח. העברעיש האָט ביי אונדז געהאַט אַן אַנדער יחוס, אַ גרעסערן אפשר, אָבער אַן אַנדערן — דאָס איז דער יחוס פון יידישן ספר. די שיינקייט פון העברעיש ליגט אין דער רייכקייט פון ציטאַטן, אין דעם בוי, וואָס דערמאָנט אַלע דורות פון אונדזער עבר. דערפאַר איז העברעיש מער נאַציאָנאַל, מער אייביק, מער אַלגעמיין־יידיש, לגבי דעם האָט יידיש דעם יחוס פון דער גאַנצער לעבעדיקער יידישער קולטור פון לעבעדיקן פאָלק. נאָר דאָס יידישע לשון קען אַריינגעבן אין העברעיש דאָס איראַציאָנעלע נשמהדיקייט פון פאָלק. אַן יידיש האָט העברעיש נישט קיין יידישע נשמה. אַן יידיש ווערט העברעיש אָפּגעריסן פון דעם פאָלקישן מקור. דער יחוס פון ספר קען העברעיש האָבן נאָר דורך דעם ספר. דער טאָג־טעגלעכער העברעיש אַן דעם אַקטועל־איראַציאָנעלן און אַן דעם טעם פון ספר — אַן דעם און אַן דעם איז העברעיש אַ טרוקן — אַ בלויז ראַציאָנעלע שפּראַך, אַ מין עספּעראַנטאָ, נישט מער. און לשון „עברית ישראלית" ווי מען רופט עס אין מדינת ישראל איז שוין איצט אַ ניי לשון אויף דער באַזע פון העברעישע ווערטער אַן דעם נאַציאָנאַלן יחוס און אַן דעם פאָלקישן יחוס. נישט קיין ווונדער וואָס אַזוי פיל יוגנט, געהאָדעוועט אויף דער שפּראַך וויל זיך אָפּרייסן לגמרי פון יידישן פאָלק, פילט זיך אָפּגעריסן פון דעם פאָלק, פרעמד און אָפּגעפרעמדט, נישט ווייניקער ווי די יידישע יוגנט אין אַן אַנדער לאַנד, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט אויף אַ פרעמדער קולטור און אויף אַ פרעמדער שפּראַך, אַן אַ יידישער דערציִונג. נישט אומזיסט האָט אַזאַ העברעיִסט, אַזאַ שונא פון יידיש ווי ד"ר קלויזנער ע"ה זיך געקלאָגט אויף די „גויִים מדברים עברית".

אַזוי אַרום ליגט אין דעם „עברית־רענעסאַנס" אַ סכנה פאַר דער שפּראַך גופא און אַ צוזאַמען מיט דער סכנה אויך פאַרן המשך פון ייִדישקייט.

די כלומרשט ספרדישע הברה (וואָס קיין שום לעבעדיקער שבט רעדט נישט אַזוי) האָט נאָך מער אַרויסגעריסן פון דעם הייַנטיקן „עברית ישראלית" די אינטאַציאָנעלע ייִדישע נשמה, וואָס זי האָט געהאַט געקראָגן פון ייִדיש, דורך ייִדיש. קען אָט דאָס נייע לשון נישט צובינדן זייַנע ריידער צום לעבעדיקן ייִדישן פאָלק, צו דעם פאָלק פון דעם שטעטל־תלמודישער פאַרגאַנגענהייט. נמצא — אַן ייִדיש איז אויך העברעיִש נישט קיין שפּראַך פון ייִדישן המשך, עס איז דעהיסטאָריזאַציע.

3. — כדי דאָס לשון „עברית ישראלית" זאָל נישט ווערן חלילה קיין ניי־בילדונג, קיין ניי לשון, וואָס אין לו חלק ונחלה ביידישער קולטור, און וואָס האָט נישט קיין ייִדישן טעם, דאַרף אָט דאָס לשון אַריינזאַפּן אין זיך אַלע זאַפטן פון ייִדיש, אַלע אַראָמאַטן און אַלע ריחות פון לשון־ייִדיש. דערפאַר האָט דאָס משכילישע העברעיִש נישט געהאַט קיין ייִדיש־טעם, ווייל עס איז געווען תנ"כיש, געהערט צו אַ קולטור פון אַ ווייטער תקופה. אין דעם איז די גרויסע פאַרדינסט פון מענדעלע מוכר ספרים, וואָס ער האָט פאַרייִדישט העברעיִש און דערמיט האָט ער אין דעם לשון אַרייַנגעגעבן אַ רוח חיים. נאָר אַ טיפע נאָענטקייט צו ייִדיש קען ראַטעווען דעם „עברית ישראלית" פון דער סכנה זיך אָפּצורייסן פון אונדזער העברעיִש, פון דעם לשון קודש פון ייִדישן פאָלק. און די סכנה איז גרויס, ווייל „סנאָבן עליך, העברעיִש" — עס איז שטאַרק אויך אין דער מדינה די סנאָביסטישע נייגונג טאַקע זיך אָפּצורייסן נישט אַזוי פון גלות, ווי פון גולה, פון ייִדישן פאָלק, פון גאָר דער ייִדישער קולטור און פונקט אַזוי פון העברעיִש וואָס האָט אַ ייִדישן און אַ ייִדיש־טעם.

פּרצעס ייִדיש, טביה דעם מילכיקערס ייִדיש דאַרפן לערנען די העברעיִשע דורות דעם אמת ייִדישן העברעיִש. אַן דעם שטייט די סכנה פון כרת, ונכרתה הנפש ההיא מעמיה, אָפּגעריסן, אָפּגעשניטן זיך פון ייִדיש פאָלק. און זאָל מען נישט זאָגן אַז אַזוינע טענדענצן זענען נישט פאַראַן!

דאָס געזאָגטע שטאַמט נישט פון שפּראַך־פּאַטריאָטיזם, — שוין אַריבער די צייט. עס שטאַמט פון עטוואָס טיפערס — עס איז אַן ענין פון פאָלק־פּאַטריאָטיזם, נישט פאַר קיום הלשון, נייערט פאַר קיום העם! עס איז זייער גרינג אָפּצורייסן די ייִדישע יוגנט פון זייער פאָלק — אין דער גאַנצער וועלט און אין דער מדינה: דערווייטערט די יוגנט פון דער קולטור שבעל פה פון פאָלק און זי וועט שוין זיין אָפּגעריסן. באַהעפטן צוריק אַ יוגנט וואָס איז אָפּגעריסן געוואָרן איז שוין אַ סך שווערער. האָט שוין אַמאָל נאָך יל"ג זיך געשפּילט מיט ווערטער „הקרעים אינם מתאחים" — אַן אָפּגעשניטענער פינגער קלעפּט זיך צוריק נישט

צו (ער האָט עס גוט געוווסט פון זיינעם און פון כמעט אַלע אַנדערע משׂכּילישע קינדער).

איך ווייס נישט דעם גורל פון יידיש. ייִדן האָבן פאַרצייטן נאָך פאַרוואָרפן זייער העברעיִש (נאָך אַפילו אין אייגן לאַנד, ווען און ווו זיי זענען געווען אַ מערהייט). אָבער לכל הפּחות זאָל טאָקע העברעיִש ירשענען די גאַנצע קולטור שבעל פה פון ייִדישקייט וואָס נאָר דאָס ייִדיש־לשון פאַרמאָגט.

און נישט בלויז דעם העברעיִשן לשון דראָט די סכּנה פון אויסייִדישונג, — דעם גאַנצן העברעיִשן ישוב פון דער מדינה דראָט די זעלביקע סכּנה. עס זענען פאַראַן צופיל טענדענצן זיך אָפּצורייסן פון ייִדישן פאָלק. וואָלטן זיי געווען פרום, וואָלטן זיי שוין לאַנג אַריינגעשטעלט אין דאַוונען אַ ברכה „שלא עשני יהודי"; שוין איצט באַמיִען זיך די „ישׂראלים" (און מיר אַלע, ייִדן פון דער גאָרער וועלט טאָרן שוין קיין „שמע ישׂראל" נישט זאָגן? מיר זענען נישט קיין ישׂראלים?!) אָפּצוגרענעצן זיך, אָפּצוטיילן זיך פון אונדז, פּשוטע יהודים, נעבעך, נעבעך ייִדן נישט פאַר זיי געדאַכט... פּסיכאָלאָגיש גענומען איז דאָס — אָט די „י שׂ ר א ל י ז א צ י ע" — דער זעלביקער דראַנג וואָס ייִדן האָבן אין אַלע לענדער: זיך וואָס מערער צו אידענטיפיצירן מיט דעם פאָלק פון לאַנד, און פאַרגעסן זייער אָנגעהעריקייט צום אַלוועלטלעכן ייִדישן פאָלק. דער זעלביקער דראַנג, אַבי צו אַנטלויפן פון ייִדיש פאָלק.

מיט אַ סך יאָרן צוריק (1914) האָט ד"ר קלויזנער מיר געזאָגט, אַז ווען מען זאָל אים געבן ארץ ישׂראל מיט ייִדיש, וואָלט ער מוחל געווען אויך אויף ארץ ישׂראל. ער איז נישט איינער געווען. איך גלייב, אַז צום סוף פון זיין לעבן, ווען ער וואָלט נישט געווען אַזאַ האַרטער ליטוואַק, וואָלט אים דער „טראַקער אַנצוהערעניש" (ער האָט געשטאַמט פון טראָק לעבן ווילנע) ווי „גויים מדברים עברית" גענוג געווען ער זאָל בייטן זיין מיינונג.

יאָ, די סכּנה פון נאָך אַ שפּאַלטונג און נאָך אַ שבט צו אונדזער צעבראָקלטקייט, דאָס דראָט דעם מדינה־ישוב אָן ייִדיש־לשון. נישט צוליב דעם האָט דאָס ייִדישע פאָלק צוויי טויזנט יאָר געלעבט מיט אַ משיח־גלויבן, נישט צוליב דעם האָט אַ פאָלק צוויי הונדערט יאָר זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרווירקלעכן דעם חלום פון גאולה, כּדי אויסצוהאָדעווען נאָך אַ שבט, וואָס אין לו חלק ונחלה בייִדישן פאָלק.

אין פּלאָנטער פון צווישנצייט

לעבן מיר אַזוי אין אַ צווישנצייט צווישן תּקופות. איינע איז געענדיקט, קאָמפּלעט, די צווייטע איז נישט געקומען, נישט אויסגעקריסטאַליזירט, הגם מיר זעען זי און מיר פילן זי. און יעדער צווישן־תּקופות איז אַליין אַ תּקופה, אַ

שווערע תקופה פון קריזיסן, פון אַ טונקעלן פּאַרטאָג, ווען מען קען נאָך נישט אונטערשיידן קיין קאָנטורן, מען קען נאָך נישט וויסן וואָס פאַר אַ טאָג עס קומט אָן. און מיר לעבן אין אָט דעם אומקלאָרן פרימאָרגן און עס פּלאָנטערן זיך ריכ־טונגען, אידעאָלאָגיעס, אַלערליי ייִדישקייטן און — ווו איז דער ריכטיקער וועג?

די גרעסטע טייל פון פאָלק איז אינדיפערענט בכלל צו אַלע ייִדישקייטן. כל־זמן מען לאָזט און ווו מען לאָזט באמת מען זיך צו פאַרגעסן אַז מען איז ייִדן, מען באמת זיך די קינדער צו באַפרייען פון דער אומבאַקוועמער ייִדיש־קייט. וויל מען זיך איינריידן אַז אין ענגלאַנד איז מען ענגלענדער, און אין פראַנקרייך — פראַנצויזן און אין אַמעריקע איז מען דאָך זיכער אַמעריקאַנער, און אַזוי כסדר: גייט עס אַן אַלט לידל — אויף וואָס פאַראַ וואָגן דו פאָרסט, אַזאַ לידל זאָלסטו זינגען...

שווער צו האָפן אַז פון די אינדיפערענטע מאַסן זאָל אַרויסוואַקסן עפּעס ייִדישעס, עס זאָל נאָך אויפקומען עפּעס שעפערישעס. די אמתע טרוקענע ביי־נער. כדי די דאָזיקע פּאַסיווע ייִדן זאָלן שעפעריש אַקטיווירט ווערן דאַרפן זיין צוויי פאַקטאָרן — אַ דרויסנדיקער און אַן אינעווייניקסטער: אַ דרויסנדיקער באַריער, וואָס לאָזט נישט די ייִדן זיך איינגלידערן אין דער פרעמדער געזעל־שאַפט און אַן אינעווייניקסטער צוזי — אַ קענטיקע און געניג שטאַרקע, אַן אימפּאָנירנדיקע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אַקטיווקייט. אָן די צוויי פאַק־טאָרן זענען די אויסזיכטן אויף די אינדיפערענטע מאַסן זייער שוואַכע.

די קלענערע טיילן פון היינטיקן ייִדנטום וואָס זענען יאָ אַקטיוו, טראָגן זיך אַרום מער מיט פּראָבלעמען איידער מיט קלאָרן גלויבן. און דאָ הייבט זיך אָן אונדזער אומענדלעכע צעשפּליטערונג אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג. עס איז אויך נישט קיין וווּנדער: דער איבערברוך איז אַזוי גרויס, „כי גדול כים שברך“, די בייע ישובים זענען אַזוי אַנדערש, די גאַנצע וועלט האַלט זיך אויף משקולת, איז עס לגמרי נישט קיין וווּנדער, וואָס די פּאַרווירונג איז אַזוי גרויס, וואָס עס איז אַזוי שווער אַרויסצוקריכן פון דעם לאַבירינט.

וועלן מיר פּרובירן באַטראַכטן די הויפּט־ריכטונגען.

די רעליגיעזע ריכטונגען

עס איז אַזאַ ווייטער מהלך פון די סאַטמאַרער חסידים ביז צו די רעפאָר־מער, אַז עס איז כמעט ווי אוממעגלעך זיי צו נעמען אין איין כלל אָן אַ להבדיל. דאָך האָבן זיי אָבער אַלע אַ צד השווה, איין אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק וואָס אַלע באַזירן זיי גאָר די ייִדישקייט אויף נאָר דער רעליגיע בלויז. דאָס וואָס עס איז נישטאָ אין דעם אָדער יענעם קאָדעקס איז נישטאָ אין ייִדישקייט און עס איז נישט מחייב. צי איז דער קאָדעקס דער אַלטער שולחן ערוך אָדער די רעזאָלו־

ציעס פון לעצטן רעפאָרמיסטישן צוזאַמענפאַר — דאָס איז דאָ נישט שייך אין דעם מאָמענט. עס דוכט זיך מיר, אַז מען קען זיי אַלע פאַרגלייכן צו די אַמאָ־ליקע צדוקים. איך זוך תמיד אַ פאַרגלייך פון דעם הײַנט צו אונדזער אַמאָל, כדי צו האָבן אין האַנט אַ פּסק־דין פון דער געשיכטע. ווי די אַמאָליקע אַזוי אויך די הײַנטיקע האַלטן בלויז פון דער פאַרשריבענער תורה שבכתב, זיי לייקענען דעם ייִדישן ווערט פון אַלע ייִדישע ספּעציפישקייטן, פון אַלץ וואָס איז געשאַפן גע־וואָרן און וואָס עס איז אויפגעטאָן געוואָרן אין ייִדישקייט שפּעטער ווי דאָס פאַרשריבענע איז פאַרשריבן געוואָרן. ווי יענע, אַמאָליקע, ווילן אויך די הײַנ־טיקע צדוקים נישט אנערקענען קיין שום ייִדישקייט וואָס איז בעל פּה, וואָס איז בחיים. רעליגיע איז פאַר זיי אַלעמען איינס, און דאָס לעבן איז באַזונדער, פאַר זיך, דאָס לעבן איז נישט וויכטיק, די ייִדישקייט פון טאָג־טעגלעכן לעבן איז נישט מאַסגיביק. מען קען, הייסט עס, לעבן ווי אַ גוי, ככל הגויים און זײַן אַ ייִד לויט דער רעליגיע. דער דאָזיקער פּרינציפּ איז דערפירט ביזן סוף ביי די רעפאָרמער: דאָס גאַנצע לעבן, דער גאַנצער שטייגער איז דורכויס ככל הגויים. איין קליין ביסעלע גאָטעסדינסט שיידט זיי אָפּ, — און דאָס איז זייער גאַנצע ייִדישקייט. די דאָזיקע רעפאָרמער זענען בפירוש „גויים וואָס דאַוונען אין אַ קלויסטער וואָס מען רופט סינאַגאָג". נישט מער.

אמת, די רעפאָרמירטע ייִדן שפּילן אין אַמעריקע גאָר אַ גרויסע ראָל, די ראַבאַים פאַרנעמען דעם געהויבנסטן אויבן־אָן אין די ציוניסטישע אָרגאַניזאַ־ציעס. אָבער דאָס איז לגמרי נישט קיין באַווייז פאַר זייער ייִדישקייט. אין אַמע־ריקע קענען נעמען אַן אָנטייל אין ייִדישן לעבן גאָר חשובע גויים מבטן ומלידה אויך. פאַרקערט, איז עס ביי אַ ייִדן אַ יחוס צו באַשיינען זייער געזעלשאַפט־לעכקייט מיט גוייִשקייט, מיט אמתע גויים און מיט פאַרגויישטע ייִדן בלית ברירה, אַז עס איז נישט גרינג צו קריגן קיין אמתע גויים... וועגן אַקטיווער שע־פערישער ייִדישקייט איז אָבער צום באַדויערן דאָ נישטאָ וואָס צו ריידן.

אייגנטלעך קענען מיר האָבן פאַר זיי נאָך ייִנגערן, אַ כראָנאָלאָגיש־נענטערן פאַרגלייך. דאָס איז דאָך אַ איבערחזרונג פון דער השכלה־באַוועגונג, איבער־הויפּט פון די רעפאָרמער אין דײַטשלאַנד.

די טראַגעדיע פון אָט דער ייִדישקייט איז וואָס זי... איז נישט קיין ייִדיש־קייט. זי האָט נישט קיין ייִדישן אַרויפשטראַם, קיין ייִדישע שטייגערישע קול־טור אין פּשוטן לעבן פון פּשוטע מענטשן פון פאָלק. און אָן דעם אַרויפשטראַם איז די גאַנצע קולטור־צירקולאַציע שוין נישטאָ. די השכלה האָט אויך געוואָלט משפּיע זײַן אויף ייִדן „קולטור" פון אויבן, שאַפן אַן אַראָפּשטראַם, אָן אַן אַרויפשטראַם און זי האָט געפירט אַהין פון וואַנען זי האָט אָנגעהויבן — צו צעשמעלצונג אין די פעלקער פון וועמען זי האָט געוואָלט באָרגן די „קולטור".

די אַלע רעליגיעזע ריכטונגען ביי אונדז טיילן אָפּ די רעליגיע פון וואָכע־דיקער יידישקייט, פון וואָכעדיקן יידישן לעבן, ווי עס וואָלטן געווען צוויי באַזונדערע שטראָמען. און עס איז ביי יידן דאָס פאַרקערטע: איז דאָך דאָס רעליגיעזע ביי יידן, ווי מיר האָבן דאָס אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל באַוויזן, נאָר די העכסטע מדרגה פון דעם אַרויפשטראָם, פון דעם פאָלקיש־שטייגערישן, וואָס האָט זיך דערהויבן ביז צו ווערן נאַציאָנאַל פאַרהייליקט.

דערפאַר איז נישטאָ וואָס צו דערוואַרטן פון די רעפאָרמירטע יידן. נישט פון זיי וועט געשאַפן ווערן יידישקייט, נישט זיי וועלן קענען שאַפן נייע שיכטן, נייע פלאַסטן קולטור אין אונדזער נצח. דער פּסק פון דער געשיכטע איז גילטיק אויך פאַר דער צוקונפט, הגם היינט צו טאָג קען זיך אויסדוכטן, אַז זיי לעבן קולטורעל, און זיי שאַפן קולטור. עס גייען אַרויס ביכער און צווישן זיי גאַנץ ערנסטע, מען בויט טעמפּלען, מען שאַפט און בויט אָרגאַניזאַציעס, מען העלפט בויען ארץ ישראל... טאָ וואָס זשע וויל מען נאָך פון זיי? יאָ, יאָ, אַלץ איז דאָ, אַלץ איז גוט. עס פעלט אָבער איין קליניקייט — דער אָנהייב פון יעדער קולטור, דער אַרויפשטראָם.

מער פאַרדראָסיק איז דער וועג פון די אָרטאָדאָקסן. זיי זאָרגן לגמרי נישט פאַר דער צוקונפט פון יידישקייט, זיי זענען מפקיר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, נאָר כדי אָנצוהאַלטן און איינצוהיטן דעם קלענסטן קוצו של יוד פון דער רעליגיע. זיי נעמען נישט אין אַכט אַז דער שולחן ערוך איז געשריבן געוואָרן אין אַנדערע צייטן און אין אַן אַנדער תקופה, ער איז געשאַפן געוואָרן פון אַן אַנדער לעבן און האָט פיקסירט אַ לעבן וואָס איז היינט אומדענקבאַר, נישט זיך פאַרצושטעלן. זיי ווילן נישט באַנעמען אַז די יידישע רעליגיע איז פּושט צורה ולובש צורה; אַז זי איז אַ פּראָדוקט פון יידישן לעבן, אַז דאָס יידישע לעבן, דער יידישער שטייגער, אויף וויפל ער איז יידישלעך אַנדערשדיק, אויף וויפל ער איז אַרויסגערופן דורך אַ געפיל צו וועלן אָפּהיטן די יידישע אַנדערשדיקייט, — אויף אַזוי פיל ווערט ער, דער שטייגער, רעליגיע. אויך די אָרטאָדאָקסן ווילן די פאַרעלטערטע רעליגיע פון פאַרגאַנגענער תקופה באַלזאַמירן און היטן זי אַ טויטע, אָן ענדערונגען. במילא וועט זי נישט קענען מלחמה האַלטן קעגן דעם דראַנג פון לעבן, במילא וועט די מערהייט פון פאָלק אָפּפאַלן און זיי — די אָרטאָדאָקסן — וועלן במילא בלייבן אַ קליינע גרופּע, אַ סעקטע, ווי די איסיים זענען דאָס געווען פאַרצייטן. קיין שעפערישע יידישקייט קען מען פון זיי צום באַדויערן נישט דערוואַרטן. און עס איז צום באַדויערן און אַט פאַרוואָס:

דווקא די רעליגיעזע יידן וויסן אַז יידישקייט איז נישט סתם אַ צושטאַנד, אַ פּאַסיווער וואָס שטערט נישט, וואָס לאָזט זיך בייגן און דרייען אין אַלע זייטן, ניין. זיי וויסן און זיי זענען מקיים טאָקע דעם „עול היהדות" — יידישקייט ווי

אַ יאָך, זיי ווייסן אַז ייִדישקייט איז מחייב צו מעשים און זיי טוען, זיי ווייסן אַז ייִדישקייט דיקטירט און הייסט טאָן און זיי טוען, זיי זענען מקיים זייער ייִדישקייט באהבה. זיי באַמיִען זיך צוצופּאַסן זייער לעבן צו זייער ייִדישקייט. בעת אַנדערע פּאַסן צו זייער ייִדישקייט צו זייער באַקוועמלעכקייט.

ווידער זענען דאָס די רעליגיעזע ייִדן וואָס הייבן נישט אָן קיין נייע ייִדישקייט, וואָס היטן אַ מסורה, אַ טראַדיציע.

דערפּאַר פּאַרדריסט וואָס ביי זיי איז נישט געבוירן געוואָרן דער פּרושישער געדאַנק, אַז:

1. — דברי תורה פרים ורבים, אַז אילו נתנה תורה חתוכה, לא היה מקום לרגל לעמוד, אַז וואָלט חלילה די תורה געגעבן געוואָרן אַן אָפּגעשניטענע, אַ פאַרענדיקטע, וואָלט נישט געווען ווו צו שטיין, אויף וואָס זיך האַלטן; אַז אי אפשר לבית מדרש בלי חידוש, אַז ייִדישקייט טאָר מען נישט זאָגן ווי יענער צדוקי האָט עס געזאָגט. דאָס איז מן השמים און דאָס נישט, אַז אַלץ וואָס ווערט מחדש אין ייִדישקייט, אַלץ וואָס עס ווערט געשאַפן איז ניתנה למשה מסיני.

2. — אַז די מיסתורין, די אינטים־פּשוטע, נישט פאָרמולירטע, נישט דעפינירטע שטייגערישע ייִדישקייט פון פּשוטן פּאָלק אין די דורות, די לעצטע, אין די טעג פון ייִדישער פּאַרזיכיקייט — אַז אָט די ייִדישקייט איז די וואָס „צוליב איר האָט גאָט כורת ברית געווען מיט דעם פאָלק ישראל", אַז דווקא דאָס איז דער יסוד וואָס אויף אים האַלט זיך דער קיום פון פאָלק אין דער צייט.

3. — אַז אָט די „תורה שבעל פּה" — פון אונדזערע דורות, פון דער לעצטער תקופה איז פּונקט אַזוי מסיני ווי די פריִערדיקע צוויי תורות, פּונקט אַזוי מן השמים, ווייל אין דעם איז אויסגעדריקט געווען די נשמה פון פּאָלק, זיין אַנדערשדיקע אייגנטימלעכקייט, זיין געטלעכקייט, זיין ייִדישקייט, וואָס פאַר איר איז מען געגאַנגען אויף מסירת נפש, ווייל

4. — בכל דור ודור — אין אַלע דורות און אין אַלע תקופות דאַרף אַ ייִד גלייבן און וויסן אַז ער, אַז זיין דור אויך שטייט אויף דעם מעמד הר סיני און איז מקבל די תורה — די ייִדישקייט פון זיין תקופה, וואָס איז אַ המשך, אַ פּושט צורהדיקער המשך פון די פריִערדיקע.

5. — אַז אָט די ייִדישקייט שבעל פּה מיט איר גאַנצער קדושה האָט זיך אין די לעצטע צוויי־דריי דורות געגומען אַריבערגיסן אין בכתב, טאַקע מפני צוק העתים, צוליב די „נייע צרות וואָס מאַכן פאַרגעסן די פריִערדיקע", און אָט די נייע און נייע ייִדישקייט שבכתב — דאָס איז געוואָרן דער תלמוד השטעטל, און אַז ער מיט זיין לשון זענען ווידער קודש, קודש בקדושת העם, און כל הכופר — ווער עס לייקנט דאָס איז אַ כופר בעיקר. וואָרום

6. — אויב ייִדן זענען יאָ געווען אַן עם קדוש אין זייער מסירת נפשדיקער

שמירת המצוותדיקן לעבן, איז דער תלמוד השטעטל וואָס אָט דאָס לעבן האָט פון זיך געבוירן אויך קודש, קודש בקדושת העם; און ווידער מעג מען זאָגן, דאַרף מען זאָגן אַז

7. — הלומד מקרא — דאָס וועלן באַזירן ייִדישקייט אויף דעם מקרא (תנ״ך) איז מידה ואינה מידה — גאָרנישט קיין חשיבות אין דעם; משנה איז וויכטיקער, גמרא — נאָך וויכטיקער; און דער תלמוד השטעטל — נישטאָ קיין וויכטיקערס.

איז עס טאַקע טראַגיש וואָס אין דער מחנה החרדים, אין די רעליגיעזע לאַגערן האָט זיך נישט געפונען אַזאַ דענקער און פּרעדיקער. „כד רגיש...״ שטייט. נישט אַנדערש, אַז צוליב עפּעס האָבן מיר נישט זוכה געווען צו דעם. נאָר דער־פאַר האָבן די רעליגיעזע ייִדן נישט אנערקענט דעם תלמוד השטעטל מיט זיין הלכה און מיט זיין אגדה, מיט זיין אינהאַלט און מיט זיין לשון... איך דאַרף נישט קיין טיטול לשון הקדושים, איך דאַרף נישט קיין נאָמען לשון קודש, — פאַר מיר איז גענוג דער פשוט וואָכעדיקער טיטול לשון ייִדיש — דאָס לשון פון ייִדישן פאָלק, וואָס נאָר אין אים און דורך אים האָט דאָס פאָלק געשאַפן זיין לעצטע תורה שבעל פה און נאָר אין אים, אין דעם לשון האָט עס אויסגעפּור־רעמט זיין לעצטן תלמוד השטעטל, און נאָר דורך אים האָט עס אויפגעלעבט זיין לשון קודש פון פריִער, און נאָר דורך אים האָט עס געבויט דורך דורות זיין מדינה, זיין ווייטערדיקן קיום לדורות ולתקופות.

און אַז נישט דאָ און נישט דאָ, נישט די רעפאָרמער און נישט די אָרטאָ־דאָקסן, נישט פון זיי קען קומען דער געגאַרטער המשך, ווענדן מיר זיך צו די וועלטלעכע ייִדן. דאַרף איך קודם־כל זאָגן אַז איך בין אין תוך אַריין נישט גורס דעם נאָמען. דען

אויב וועלטלעכע, שמע מינה אַז עס איז פאַראַן אַ צווייטע ייִדישקייט, צוויי מקורים זענען זיי וואָס פון זיי שטאַמט אַרויס די ייִדישקייט, און דאָס איז בנוגע צו ייִדן נישט ריכטיק ווי מיר האָבן געזען אויבן, אַז גאָר די ייִדישקייט — אויך אונדזער רעליגיע — האָט איין און דעם זעלביקן מקור אין וועלטלעכן לעבן פון פאָלק, אַז אונדזער רעליגיע איז נישט מער ווי די העכסטע מדרגה פון וועלט־לעכן, פון ייִדישקייט. דאָס האָבן מיר געשאַפן אין דער קולטור־צירקולאַציע ביי אונדזז, אין דעם אַרויפשטראָם פון פשוטן פאָלקישן שטייגער נאָך אַ מדרגה פון דערהייבונג: שטייגער, פאָלקישקייט, נאַציאָנאַל און רעליגיעזע הייליקייט. דאָס רעליגיעזע היינט איז בשעתו געווען וועלטלעך, געווען וואָכעדיק; דאָס וועלטלע־כע היינט דאַרף און וועט ווערן מיט דער צייט פאַרהייליקט, רעליגיעז, הייליק, ווייל מוסיפין מן החול אל הקודש. איין ייִדישקייט! מיר זענען דאָך דערפאַר ייִדן ווייל מיר אנערקענען נישט קיין דואַליזם. אחד — איז טאַקע אחד אין אַלץ.

גלייבן מיר נישט אין דעם ביטול המצוות וואָס די וועלטלעכע ייִדן זענען מבטל, גלייבן מיר נישט אַז מען קען זיין ייִדן און מבטל זיין גאָר די ייִדישקייט שבמעשה, וואָס דורות זענען פאַר דעם געגאַנגען אויף קידוש־שם. גלייבן מיר נישט אַז עס קען זיין אַ ייִדישקייט אָן מצוות און עבירות, אָן עשה און לא תעשה, אַז מען קען מבטל זיין גאָר די גאַנצע טראַדיציע פון דורות און אָנהייבן פון דאָס ניי. מיר גלייבן דאָך פאַרקערט, אַז דער היינט איז אַ קינד פון נעכטן און די היינטיקע ייִדישקייט איז אַ פּראָדוקט פון דער נעכטיקער, און די היינטיקע קולטור־ווערטן און קונסט־ווערטן זענען נעכטן געווען פּשוטע וואָכעדיקע שטייגער־ענינים, און אַז מיר זענען מבטל דעם ייִדישן שטייגער היינט, וועט נישט זיין קיין באָדן וואָס פון אים זאָלן מאָרגן אַרויסוואַקסן קולטורפּרוכט.

ובכן — עס קען נישט זיין קיין ייִדישקייט אָן אַ ייִדישן שטייגער, רופט עס רעליגיע, רופט עס וועלטלעכקייט, אָבער עס מוז זיין אַ באַזונדערער ייִדישער שטייגער, אַן אורח חיים, אַ אַנדערשדיקער, ייִדישער פּיר און מינהג אין לעבן. לעבן און פירן זיך טאָג־טעגלעך ווי אַלע נישט־ייִדן אַרום און זאָגן אַז מען איז וועלטלעכע ייִדן קען מען נישט, נישטאָ קיין ייִדישקייט אָן ייִדישקייט.

יאָ, ייִדישקייט טאָר נישט זיין קיין פאַרגליווערטע, מצוות און עבירות קענען זיך בייטן, זיי דאַרפן זיך ענדערן, זיי מוזן זיך ענדערן לויט צייט און אָרט. דער אַלגעמיינער כלל איז: דאָס וואָס שטאַרקט די ייִדישקייט, וואָס פאַרפעסטיקט אונדזער אַנדערשקייט און פאַרזיכיקייט איז אַ מצווה און אַל דאָס פאַרקערטע איז אַן עבירה. קענען מצוות אָפּפאַלן און עס קענען צוקומען. און פּונקט ווי די היינטיקע מצוות זענען אַמאָל געווען וועלטלעכע פירונגען, אַזוי דאַרפן היינטיקע וועלטלעך־ייִדישע פירונגען פאַררעכנט ווערן פאַר רעליגיעזע מצוות. דור דור ותורותיו, דור דור ומצוותיו. אַלץ ריכטיק, אָבער נאָר נישט סתם מבטל זיין: מיר זענען וועלטלעך. עד כאן דאָס אַלגעמיינע.

די וועלטלעכע ייִדן צעטיילן זיך אויף העברעיִש־וועלטלעכע און ייִדיש־וועלטלעכע. די ערשטע באַמיִען זיך איבערצורייסן מיט דער גאַנצער ייִדישקייט פון אונדזער נאָענטער טראַדיציע: עס איז אַלץ גלותדיק און נישט ווערט אויפצוהיטן. אַזוי ווי ייִדיש לשון איז די כלי פון דער גאַנצער טראַדיציע, איז קעגן דעם אויסגעגאָסן די גאַנצע קעגנערשאַפט. אין תוך אָבער האָט נישט בעסער אָפּגעשניטן די גאַנצע ייִדישע קולטור מיט דעם העברעיִשן לשון איינגעשלאָסן. מיר זענען אַ ניי פאָלק, נישט דאָס גלותדיקע, מיר הייבן אָן אונדזער געשיכטע פון אָנהייב, פון אַ נייעם בראשית. עס זענען פאַראַן כוחות וואָס האַלטן אָפּ, וואָס האַלטן איין דעם דראַנג איבערצורייסן, דערפאַר גייט ער פּאַמעלעכער, אָבער ער גייט אָן. פון צייט צו צייט שווימען אַרויס אויפן אויבערפלאַך קליינע גרופּעס מיט אַזאַ אָדער אַ צווייטן נאָמען, וואָס מעלדן אָפן: אין לנו חלק ונחלה

ביידישן פאָלק. אָבער אינעווייניק, אין די טיפענישן גייט דער פּראָצעס אַ סך ברייטער און טיפער. ער איז נישט אַנדערש ווי אַ ענלעכער פּראָצעס וואָס גייט אָן ביי אַסימילירטע יידן אין אַלע אַנדערע לענדער. אַלע ווילן זיין מער צוגע־בונדן צום פאָלק פון לאַנד איידער צום פאָלק פון אייגענעם אָפּשטאַם — פראַנ־צויזן, דייטשן, פּאָליאַקן, אַמעריקאַנער פון יידישן אָפּשטאַם. אין ארץ ישראל בלויז פעלט דער קאָנקרעטער אָביעקט. ער איז יאָ דאָ, דער אַראַבער, וויל ער אָבער נישט, ווי עס האָט עס נישט געוואָלט בשעתו קיין רוסיפיקאַציע פון יידן דער חשובער איוואַן. און דאָס — איוואַנס אָפּשטויסן האָט בשעתו געביטן די פאָרמול: פון עמאַנציפּאַציע איז געוואָרן אויטאָעמאַנצי־פּאַציע. אַזוי טרייבט דעם אַראַבערס אָפּשטויסן צו עפּעס אַ מין „אויטאָ־אַסימילאַציע”, אויב מען וואָלט זיך געקענט אַזוי שאַרף אויסדריקן: אַנטלויפן פון זיך, פון דעם הייַנטיקן יידישן „איך” צו אַן אַמאָליקן, אויב נישט צום פאַר־תנ"כישן אַמאָליקן יידן.

די יידיש־וועלטלעכע יידן זענען נישט בעסער. עס איז ביז היינט נישט גע־שאַפן געוואָרן קיין יידיש־וועלטלעכער שטייגער, נישט געשאַפן געוואָרן קיין יידישקייט אין פיר, אין טאָג־טעגלעכן לעבן, נישטאָ קיין מצוות און עבירות פון יידישקייט, פאַר יידישקייט. און אַן אַזאַ שטייגער איז עס דאָך אוממעגלעך צו שאַפן אַ נאָרמאַלן געזונטן אַרויפשטראָם פון דער קולטור־צירקולאַציע. און אַזוי אַרום קענען די וועלטלעכע יידן נישט בויען דעם קיום פון פאָלק אין דער וועלט מיט יידיש לשון. העכסטנס קענען די יידישיסטן אויסלערנען די קינדער פאַר־שטיין דאָס לשון יידיש, מען זאָל זיך קענען צונויפריידן מיט אַ באָבען כל־זמן זי לעבט, אָבער צי קען מען מיט אַט אַזוי אויסגעלערנטע יידיש בויען אַ קול־טור־לעבן פאַר אייניקלעך?

מען קען נישט און מען טאָר נישט אָפּזאָגן זיך פון דעם איינציקן שטייגער, וואָס איז ביי אונדז פאַראַן, ווייל ער איז „מוקצה מחמת רעליגיע” און נישט שאַפן קיין צווייטן שטייגער, וואָס זאָל זיין יאָ יידיש און נישט רעליגיעז. וואָלט עפּעס פון דעם מין יאָ געווען, וואָלט עס מיט דער צייט אין משך פון דורות דאָך ווידער געוואָרן רעליגיע, ווי עס איז אונדזער וועג, ווי עס איז געווען אַלע מאָל און אַזוי וואָלט געווען אויך איצט.

שטייען מיר פאַר אַט אַזאַ שווערער דילעמע:

פון איין זייט קענען מיר נישט האָפן אויף אַ נאָרמאַלן המשך פון אונדזער קיום האומה אויב מיר וועלן נישט האָבן קיין געזונטע נאָרמאַלע קולטור־צירקו־לאַציע מיט איר אַראָפּשטראָם פון דער לעצטגעשאַפענער קולטור שבכתב פון דער לעצטער תקופה און מיט איר געזונטן אַרויפשטראָם פון נייעם פאָלקישן שטייגער צו די קולטור־שעפערישע שיכטן אין פאָלק.

פון דער צווייטער זייט — מאין יבא עזרי? — זעען מיר נישט די שיכטן, די קרייזן, די ריכטונגען וואָס זאָלן נעמען אויף זיך אָט די אויפגאַבע. אַלע ריכטונגען וואָס מיר האָבן אַזוי פיל אין אונדזער לעבן, אין אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט זענען ווייט פון דער גאַנצער, נאָרמאַלער קולטור־צירקולאַציע און פון וועלן האָבן אַזאַ.

אין דעם באַשטייט דער פּלאָנטער פון אונדזער צווישנצייט: וואָס מיר דאַרפן האָבן מיר נישט, און וואָס מיר האָבן פירט אונדז נישט צו דעם וואָס מיר דאַרפן.

אָ ב ע ר . . .

און דאָ מוזן מיר איבערגיין צום געביט פון אמונה, אני מאמין!

דאָס לעבן פון אַ מענטשן איז צו קורץ ער זאָל קענען זען אַ געשיכטלעכן פּראָצעס פון זיין אָנהייב ביזן סוף. אַ דור איז אויך נאָר איין מאָמענט אַרויסגעכאַפּט פון פּראָצעס. אונדזערער אַן איבערגאַנג פון תקופה צו תקופה געדויערט דורות. דער איבערגאַנג פון תנ״ך צום תלמוד האָט דאָך געדויערט די גאַנצע צייט פון בית שני, פון חורבן ביז חורבן. און וויפל מאָל האָט עס געקלאַפּט דאָס האַרץ ביי די גדולי ישראל וחכמיו „שמא חס ושלום יכלה זרעו של אברהם אבינו?״ טאָמער גייט אויס דאָס פאָלק ישראל. מיר שטייען אין מיטן פון דעם דויערנדיקן פּראָצעס, לאַנג דויערט די צווישנצייט, גרויס איז דער פּלאָנטער, איז עס דען אַ וווּנדער וואָס מיר קענען נישט באַנעמען דעם סוף פון פּראָצעס?

„עם ההולך ומת״ — כאַראַקטעריזירט דער גאון ראַווידאָוויטש דאָס ייִדישע פאָלק (מצודה, ספר ה״ו, זז׳ 134־149) און ער ברענגט אָן אַ שיר ראיות פון אַלע תקופות און דורות. אונדזער פאָלק איז קיין מאָל נישט געזעסן „רויק אויף זיין הייוון״, מיר לעבן אין כסדרדיקע ענדערונגען אינעווייניק און אין אַלערליי שטורעמווינטן פון דרויסן און אין יעדער צייט און אין יעדער תקופה דוכט זיך די פאַרזאָרגטע אַז אָט כלו כל הקצין, שוין... האָבן די נביאים כסדר פאַרגעזען דעם חורבן, אים באַוויינט, האָבן די חכמי התלמוד כשר געטענהט אַז משמת דער און דער איז בטל געוואָרן... און עס איז נישט בטל געוואָרן, עס האָט זיך געענדערט אָבער נישט בטל געוואָרן. האָבן אַלע גרויסע ייִדן און גרויסע זאָרגער פאַרן קיום האומה כסדר מורא געהאַט פאַרן קץ הימים, פאַר דעם סוף פון פאָלק. האָט דער רמב״ם באַוויינט דעם נאָענטן סוף און ער האָט נישט געקענט וויסן אַז מיט אַ סך יאָרהונדערטער שפּעטער וועלן ייִדישע בחורים אין ליטע און אין פּוילן זיך שפּילן און פאַרוועטן זיך מיט זיינע רמזים, „מעג דער רמב״ם זיין ווי האַרב״ (פּרץ, מאַניש). האָט רבי יהודה הלוי נישט געקענט פאַרויסזען אַז ערגעץ אין דער ליטע וועט מיט אַ טויזנט יאָר נאָך אים אַ בחור אַ

„באַטשופרינעטער" אויף אַ שפּראַך אַ נייער ירשענען און ממשיך זיין זיין „שיר־ציון". עס איז די נאַטור פון יעדן לעבעדיקן אָרגאַניזם צו זיין שוואַכער פון זיין בראַנדזענעם אָפּבילד. לעבן איז ענדערונגען, כסדרדיקע ענדערונגען, איין מאָמענט קען נישט פאָרויסזען זיין נאָכפאָלגער, וואָס וועט קומען שפּעטער. אין שוואַכקייט פון לעבן איז דער כוח פון לעבן. האָבן די דורות וואָס האָבן דעם איבערגאַנג אָנגעהויבן נישט געקענט פאָרויסזען אונדזער מצב היינט, קענען מיר נישט פאָרויסזען דעם גאַנצן ווייטערדיקן גאַנג פון דעם אומבייט פון תקופות. תקופה הולכת ותקופה באה, והעם לעולם עומד...

גענוג פּאָר אונדז צו קענען באַנעמען די געזעצן פון דעם פּראָצעס פון אומבייט פון דורות און תקופות. וועלן מיר זיי דאָ פּרובירן אין קורצן איבערחזרן:

אָנגעהויבן האָט זיך דער פּראָצעס נאָך אין שטעטל, מיט די ערשטע אויפטרייסלונגען פון זיין אָפּגעשלאָסענער פּאַרזיכיקייט, מיטן ערשטן אויפקום פון מעכאַנישע פּאַרקער־מיטלען, מיט דעם אָפּהילך פון ווייטער רעוואָלוציע.

אָנגעהויבן האָט זיך דער געטרייער רעוואָלט פון עם־הארץ קעגן דעם תלמיד חכם, דער אַרויפשטראָם פון פּאָלקישן שטייגער האָט רעוואָלטירט קעגן דעם אַראָפּשטראָם פון יחוסדיקער תורה. דאָס פּאָלק אין זיינע טעריטאָריעלע שבטים האָט געשאַפן זיין נייע קולטור שבשטייגער, זיין נייע תורה שבעל פה, און עס איז געקומען די קאָליזיע צווישן דער פריערדיקער תורה שבכתב (דער תלמודישער) מיט דער נייער תורה שבעל פה (דער פּאָלקישער, שטייגערישער)... זייטיקע, דעהיסטאָריזאַציע־שטראָמען האָבן געריסן שטיקער, אָפּגעצווייגט זיך און פאַרלאָרן געוואָרן אין די זאַמדיקע מדבריות פון אַסימילאַציע־אומקום.

מיט דער אורבאַניזאַציע און מיגראַציע האָט דאָס שטעטל אַלץ מער און מער דעגענערירט, און זיין קולטור שבעל פה איז געוואָרן אַ קולטור שבכתב, דער תלמוד השטעטל. ער האָט געירשנט, אַריינגענומען אין זיך אַלע פריערדיקע אונדזערע תורות־קולטורן, ער האָט זיי איבערגעקאָכט, איבערגעשאַפן, אַלע פריערדיקע קולטורן און לשונות כדי זיי ווייטער איבערגעבן לדורות ולתקופות הבאים.

איז געקומען אַ קאַטאַסטראָפע, אַ נייער חורבן — נישט דער ערשטער (און אויב, חלילה, נישט דער לעצטער וועט ער אונדז אויך נישט חרוב מאַכן עד לכלותנו). האָט דער חורבן צעשטערט דעם גאַנג פון דער געשיכטע, צעשטערט, אָבער נישט איבערגעריסן, חס ושלום.

איז געקומען אַ אתחלתא דגאולה און האָט די געשיכטע אונדזערע אָוועקגעפירט אויף אַ נייעם וועג. באַנייט אָבער נישט איבערגעריסן. ווייל איין געזעץ אין אונדזער געשיכטע איז גילטיק לעולם ועד:

כל־זמן די תינוקות של בית רבן וועלן אַריינפלעכטן די ת ו ר ו ת שבכתב אין דעם „הבל פיהם", כל־זמן די שאַפונגען פון אונדזער קולטור פון דער ערשטער

פאַרגאַנגענער תקופה וועלן אַריינגעפלאָכטן ווערן אין שטייגער פון דער היינ־טיקער, כל־זמן עס וועט גאַנץ זיין די קולטור־צירקולאַציע אין פאָלק, וועלן קיינע „ידי עשו“, קיינע ידי הזמן נישט קענען איבעררייסן אונדזער נצח ישראל. ווייל — כי היא חיינו ואורך ימינו.

לאַן? ווהין? ווי אַזוי? — לא נביא אנוכי ולא בן נביא. אָבער

אני מאמין!

אני מאמין! איך ווייס נישט און קען נישט וויסן וואָס די גוטע און געביל־דעטע־צעווילדעוועטע וועלט גרייט פאַר זיך און פאַר אונדז באַזונדערס. איך ווייס אָבער גוט און קלאָר דעם אינעוויייניקסטן פּראָצעס אין אונדזער לעבן גופא. איך לערן אים פשוט אַ גזירה שווה פון אַלע פריערדיקע פּראָצעסן אין אונדזער אַלטער געשיכטע. איך ווייס, איך גלייב, אַז דער תלמוד־השטעטל וועט איינ־געפלאָכטן ווערן אין די קדשי האומה — ער מיט זיין לשון, מיט דעם איינציקן לשון פון יידישער שעפערישקייט אין דער תקופה פון תלמוד־השטעטל, און לעבן איז שאַפן, איז עס דאָס איינציקע לשון פון אונדזער לעבן, און אַזוי וועט עס אַריין אין די קדשי האומה פון דעם עם הספר, און

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ייִנגל וקול מיידל, וואָס וועלן זיך קוויקן מיט קולבאָקס אַ שיר און זיי וועלן זיך מחייה זיין מיט טביהס אַ ווערטל און דאָס וועט אַפּראַטעוועז דאָס עברית ישראלית עס זאָל נישט אָפּגע־פרעמדט ווערן חלילה, און דאָס פאָלק זאָל חלילה נישט ווערן קיין עם נבל ולא חכם, און דער גאָלדענער שנור וואָס ציט זיך פון אברהם אבינו אַן וועט דווקא דורך יידיש און דורך דעם יידישן תלמוד־השטעטל גאַנץ בלייבן, נישט איבער־געריסן ווערן. דען די אחדות האומה איז אין דער אחדות הקולטור און נאָר די קולטור — די תורה פון דער גאַנצער תקופה איז די אמתע מאַמע פון דער נייער קומענדיקער תקופה. די וועלטלעכע פירונגען לשם יידישקייט וועלן ווערן זי ביי הלכה למשה מסיני, דאָס פשוט פאָלקישע וועט אַריבערגיין אין דער קאַטע־גאָריע פון נאַציאָנאַלע נכסי צאן ברזל. דאָס וואָכעדיקע וועט דערהויבן ווערן צו רעליגיעזעס. די פאָלקיש־נאַציאָנאַלע געטרייקייט איז אונדזער רעליגיע, דאָס נישט נאָכגיין נאָך פרעמדע קולטורן, זיטן, מינהגים און שפּראַכן איז די איי־ביקע פאָדערונג פון אונדזערע נביאים פון אייביק און ביז היינט. און דער קיום פון פאָלק בכלל, אין זיין גאַנצקייט, איינגעשלאָסן די מדינה ליגט אין אָפּהיטן די קולטור־צירקולאַציע וואָס האָט געלעבט און וואָס לעבט נאָך אין די עטלע־כע פאָלקישע שבטי ישראל, וואָס האָבן געבוירן און געטראָגן דעם תלמוד־השטעטל מיט זיין לשון. חוץ מזה — אויסער דעם איז אַלץ געווען און איז גע־בליבן פאַרגליווערט, טויט און אומבאַלעבט אין אַלע אַנדערע שבטים פון דעם

פאָלק ישראל אין דער וועלט. און בכן איז דאָס לעבן פון אונדזער פאָלק אין די היינטיקע און אין די קומענדיקע דורות ביז... ביז דער איבערגאַנג וועט זיך אויסקריסטאַליזירן און די נייע תקופה וועט אַרויסקומען קלאָר פון איר פריי־מאָרגן־דעמערונג.

און ווידער גלייב איך באמונה שלמה אַז טאַקע מציון תצא תורה, דווקא פון דאָרטן ווו מען האָט זיך דיאַמעטראַל געוואָרפן צום אַנטיטעזיס, דווקא פון דאָרטן וועט אַרויס די תורה פון סינטעז; דווקא פון דאָרטן וועט קומען די גע־זונטע השפּעה אויף אַלע גלותן. דאָרטן אַרבעט דער נאַציאָנאַלער געדאַנק אינ־טענסיווער, שעפערישער, וועט די קלאָרקייט אויפשיינען פריִער, און פון דאָרטן וועט זיך אָנהייבן דער וועג צו זיך צוריק און דאָס וועט פאַראייניקן די „שה פזורה ישראל״, און דאָס צעשפּרייטע פאָלק וועט מער נישט זיין קיין צעשפּליטערט פאָלק, עס וועט פאַרבינדן און נישט צעשיטן, צונויפהעפטן און נישט צעברעק־לען די שבטי ישורון. און דאָס וועט זיין די אמתע אתחלתא דגאולה שלמה — דער גייסטיקער איחוד הגלויות וואָס איז העכער פון קיבוץ גלויות. און עס וועט מקוים ווערן די נבואה פון אַ מדרש (יאָ, די נבואה!) אַז די בתי מדרשים און בתי כנסיות פון בבל וועלן פאַרפּעסטיקט ווערן אין ירושלים. און דאָס וועט ווידער פעסטמאַכן די קולטור־צירקולאַציע אין אַ העכערן זינען: די שעפערישע גלותן בויען אויף די גאולה און זי — ירושלים, די נייע מדינה וועט איבערנעמען די קולטור פון די גלותן און זי משפּיע זיין אויף אַלע אַנדערע קיבוצים און אויף אַלע ישובים אין דער גאָרער וועלט, ווייל מען דאַרף בויען די גאולה אויך אין דער גולה, אין די גלותן. און דאָס וועט זיין די אחדות האומה, דער ישראל אחד, וואָס וועט אויפקומען און וואָס מוז אויפקומען פון דעם כל ישראל.

אינהאַלט

פון די אַרויסגעבער — 5

אַריינפיר פון מחבר — 7

פאָלק, פאָלקישקייט און פאָלקיזם — 11

נצח ישראל — 21

אחדות האומה — 44

דאָס פאָלק און זיין ליטעראַטור — 70

שפּראַך און אינהאַלט אין קיום פון פאָלק — 86

אחדות האומה דורך אחדות הקולטור — 97

מאַסע און המון — 115

עם־הארצים און גראָבע יונגען — 128

עס פעלן אונדז בטלנים — 155

בנין הארץ און בנין העם — 165

דער גלות וואָס בויט די גאולה — 197

ווען וועט קומען משיח? — 213

רעליגיעזע וועלטלעכקייט — 227

אויף די וועגן צו נצח ישראל — 263

Este libro se terminó de imprimir en
el mes de Julio de 1959 en los Tall.
Gráficos JULIO KAUFMAN S.R.L.,
calle Corrientes 1976 - Buenos Aires.